STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04402

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה".

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ,

איבערזעצט דורך י. שפירא.

דריטער באנד.

ווארשא, תרע"ז.

Drukarnia Uniwersalna, Warszawa, ul. Długa 26. Tel. 260-19.

אינהאלטס־פערצייכניס פון דריטען באנד.

דער צווייטער פעריאד:

דער גלות־בבל און די ערשטע צייט פון צווייטען בית־המקדש.
(פארטזעצונג)

פיערטעס קאפיטעל.

די אידען אונטער דער מאקעדאנישער הערשאפט.

אלעקסאנדער מוקדון און זיין בעציהונג צו אידען. — די פטאלמייער און די סעלעווקידען. — דאס אויפבויען פיעל שטעדט אין ארץ־ישראל און בעזעצען זיי מיט גריכען. — די גרויסע שטעדט אלעקסאנדריען און מצרים און אנטיאכיען אין סיריען. — שמעון הצדיק און זיין אייניקעל יוסף בן טוביה. — דער איינפלוס פונ'ם גריכישען לעבענס־שטייגער אין לאנד יהודה. — די ענוים. — דער כהן גדול חוניו און זיין זוהן שמעון. — די העלעניסטישע פארטיי. — בן סירא. — דאס אידישע פאלק ב'יים טיעפען אב־גרונד. — — — — — — — — — — 1—42.

פינפטעס קאפיטעל.

די שמד־גזרות פון אנטיוכוס עפיפאנוס.

דער כהן־גדול ישוע־יאזאן. — די טרויעריגע ראליע פון דער בית חוניו־מענעלאוס ליזימאכאס. — דאס מטמא מאכען דעם בית־המקדש. — די נייע אויפלעבונג. — — — — — — — — — 42—63.

זעקסטעס קאפיטעל.

דער אויפשטאנד פון די חשמונאים.

די חשמונאים אדער די מאכאבייער: מתתיהו מיט זיינע זיהן. — דער ערשטער אויפשטאנד אין מודיעין. — די ווייטערדיגע מלחמות און נצחונות איבער אפאלאניוס און ביי בית־חורן. — די נצחונות נעבען עמאוס און דאס מטהר זיין דעם בית־המקדש. — די מלחמות אויף יענער זייט ירדן. — אנטיאכוס'עס טויט. — די מלחמה ארום דער בירה מיט די פערעטערישע אידען און גריכען. — יהודה המכבי'ס בונד מיט רוים. — באקחידעס'עס אנפאל אויף דאס לאנד יהודה. — די מלחמה ביי עלעאסא (ליש) און יהודה'ס העלדישער טויט. — — — — — — — — — — — 64—97.

די עפּאָכע פֿון דער חשמונאים-דינאַסטיע.

ערשטעס קאַפּיטאַל.

די ערשטע נשיאים יונתן און שמעון.

די לאַגע נאָכ'ן טויט פֿון יהודה המכבי. — דריי פּאָליטישע פּאַרטייען: די חסידים, די חשמונאים און די העלעניסטען. — די שווערע לאַגע פֿון די חשמונאים. — דער כהן גדול אַלקימאָס. — דעמעטריאָס און אַלעקסאַנדער. — יונתנ'ס רעגירונג און זיין קלוגע פּאָליטיק. — זיין טויט דורך טריפֿאָן. — דער לעצטער פֿון די ברידער חשמונאים, שמעון התרסי. — די אידען אין מצרים: חוניו דער פֿערטער, אַלס נשיא אין מצרים. — די געגענד „חוניון“ און דער מקדש-חוניו. — די „סעפּטואַגינטאַ“. — די אידיש-העלעניסטישע ליטעראַטור. — דער נס מיט די אַלעקסאַנדרינער אידען אונטער פּיקסאָן. — — — — — — — — — — 99—131

צווייטעס קאַפּיטעל,

די חשמונאי'שע נשיאים שמעון און יוחנן-הורקנוס.

דער נשיא שמעון אַלס כהן גדול. — די בעפֿעסטיגונג פֿון לאַנד יהודה. — די ערשטע סמנים פֿון זעלבסטשטענדיגקייט און די אידישע מטבעות. — דער קאַמפּף מיט די העלעניסטען. — שמעון'ס טויט דורך זיין פֿעררעטערישען איידעם. — יוחנן-הורקנוס אַלס נשיא און כהן-גדול. זיין פֿריינדשאַפֿטס-בונד מיט רוים. — די נצחונות איבער די שומרונים און די אדומים. — די העכסטע פֿערשטאַרקונג פֿון לאַנד יהודה. — נייע רעליגיעזע פּאַרטייען: פּרושים, צדוקים און אַסיים (עסייער), אָדער טובל' ער. — די בעציהונג פֿון יוחנן-הורקנוס צו די צדוקים און זיינע לעצטע יאָהרען — 131—174.

דריטעס קאַפּיטעל.

אַריסטאָבול דער ערשטער, אַלעקסאַנדער-ינאַי און זיין פֿרוי שלומית - אַלעקסאַנדראַ.

די שווערע לאַגע אין יהודה, צוליעב דעם אינערליכען פּירוד. — די פֿער-גרעסערונג פֿונ'ם לאַנד יהודה דורך גליקליכע מלחמות אין צפֿון-מזרח. — די רעגירונג פֿון אַלעקסאַנדער-ינאַי (יונתן) און זיינע גרויסע מלחמות. — אַלעקסאַנדער ינאַי'ס רדיפֿות געגען די פּרושים און זיין טויט. — די מלכה שלומית-אַלעקסאַנדראַ. — די צוויי נשיאים פֿון סנהדרין: שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי. — די רוהיגע רעגירונג פֿון אַלעקסאַנדראַ. — איהר טויט און דער טרויעריגער קאַמפּף צווישען איהרע זיהן איבער דעם טהראָן. — — — — — — — — — — 174—195

דער צווייטער פעריאָד.

דער גלות פון בבל און די ערשטע צייט פון דער באַפרייאונג.

(פאָרטזעצונג).

פירטער קאַפּיטעל.

די אידען אונטער דער מאַקעדאָנישער הערשאַפט.

(פון 402 ביז 245 פאַר'ן צווייטען חורבן, אָדער 332 ביז 175 פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג).

אלעקסאַנדער דער גרויסער פון מאַקעדאָניען (מוקדון), וועלכען איינער פון די אידישע „זעהער" (דניאל) האָט צוליעב זיין גרויסער גבורה און געשווינדיגקייט, פערגליכען צו אַ לעמפּערט מיט פליגלען פון אַן אָדלער, האָט דערלאַנגט דעם לעצטען טויט־קלאַפּ דער שוואַך־געוואָרענער מלוכה פון פּרס, איינגענעהמענדיג אַלע איהרע פּראָווינצען: קליין־אַזיען, סיריען און פעניקיען. פיעל מלכים און פירשטען האָבען זיך אליין אונטערגעגעבען דעם גרויסען גבור, נאָר צור האָט ער געמוזט בעלאַגערן זיבען מאָנאַטען און עזה — צוויי מאָנאַטען; ענדליך האָט ער אָבער די שטעדט איינגענומען און זייערע האָבען געמוזט טייער בעצאָה־לען פאַר'ן שטעלען זיך געגען איהם (אין אויגוסט און נאָוועמבער 332 פאַר דער געוועהנ. צייטרעכנונג).—וואָס־זשע איז געוואָרען מיט'ן קליינעם לאַנד יהודה אונטער דעם דאָזיגען געוואַלדיגען מנצח, וועלכען ס'האָט זיך אויך באַלד אונטערגעגעבען דאָס שטאָלצע לאַנד מצרים? די געשיכטליכע זכרונות פון יענער צייט זענען געבליעבען בלויז אין אַ לעגענדאַרער פאָרם, אָבער קיין ריכטיגען בילד פון די געשעהענישען גיבען זיי אונז נישט. ס'איז שווער צו גלויבען, אַז די אידען האָבען נישט געוואָלט אַנערקענען אַלעקסאַנדער'ס ממשלה איבער זייער לאַנד, ווייל זיי האָבען געהאַלטען פאַר אַן עבירה, צו ברעכען די שבועה, וואָס זיי האָבען געשוואָרען דריוש'ן, דעם מלך פון פּרס, צו זיין אַהם געטריי. אידען האָ־

בּעֶן גאָר קיינמאָל אַזאַ שבועה נישט געגעבּעֶן, און זיי וואָלטען גאָרנישט
געהאַלטען פאַר אַ פערבּרעכען אָבּצופאַלען פון פרס אויך נאָכדעם, ווי
זיי האָבּען זיך זעהר שטאַרק אַנגעליטען אין די צייטען פון די לעצטע
פּערסישע מלכים. אויך די געשיכטע וועגען אַלעקסאַנדער׳ס קומען קיין
ירושלים און זיינע גרויסע חסדים, וועלכע ער האָט דאָרט דערוויזען אי־
דען, טראָגט אַן׳אמת׳ן שטעמפּעל פון אַן׳אגדה (לעגענדע). לויט ווי
עס ווערט דערצעהלט, איז דער כהן גדול יבוא אַ גרויסער מחנה כהנים
און לויים אַרויסגעקומען אויף קבלת פנים נעגען אַלעקסאַנדער דעם גרוי־
סען, ווען ער איז געקומען נאָהנטער צו ירושלים; די כהנים און די לויים
זענען געווען אַנגעטהון אין ווייסע ליינענע קליידער, דער כהן גדול האָט
געטראָגען אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ. די בּעגריסונג איז געווען אַזאַ וואַרעמע
און ערגעבּענע, אַז אַלעקסאַנדער׳ס צאָרן איז צעשמאָלצען געוואָרען
און אַ מגעוואַנדעלט געוואָרען אין גנאָד; דערבּיי זאָל ער נאָך אויך האָ־
בּען דערצעהלט זיינע אַרומיגע שרים, אַז ווען ער איז נאָך געווען אין
מאַקעדאָניען, איז איהם ערשינענען אין חלום אָט דער כהן גדול אין זיין
אַנצוג מיט דער קרוין אויפ׳ן קאָפּ און האָט איהם פאָראויס־געזאָגט
גרויסע נצחונות. דעם לעגענדאַרישען כאַראַקטער פון דער דאָזיגער ער־
צעהלונג קאָן מען נאָך זעהען אויך דערפון, וואָס אין איין קוועלע ווערט
דער כהן גדול, מיט וועמען דאָס זאָל האָבּען געטראָפען, אַנגערופען
ידוע, אַן׳אַנדער קוועלע דאַגעגען וויזט־אָן, אַז דאָס איז געווען זיין אייני־
ניקעל שמעון הצדיק, וועלכער האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען איינ־
דרוק אויף אַלעקסאַנדער׳ן. איין זאַך איז אָבּער געוויס זיכער: די ערשטע
בּעגעגעניש פון די פערטרעטער פון בּיידע גרויסע וועלט־קולטורען —
פון דער גריכישער און פון דער אידישער, וועלכע האָט געדאַרפט אויף
בּיידע פעלקער, אויף אידען און גריכען, האָבּען אַ שטאַרקען, האָטש
אויך נישט קיין גלייכען איינפלוס — אָט די ערשטע בּעגעגעניש איז גע־
ווען אַ פריינדליכע. די גריכען זענען אַרויסגעטראָטען אין זייער פולער
מאַכט, קרעפטיג און שטאָלץ; די אידען דאַגעגען — ווי שוואַכע לייט,
ווי אַן׳אָרים פאָלק, וואָס בּעט רחמים בּיי אַ שטאַרקערן פון זיך. דאָס
לאַנד יהודה איז געוואָרען אַזוי אַרום נאָר פלוצלונג אַ טייל פון אַ גרוי־
סער מדינה, וואָס האָט געהערט צו מאַקעדאָניען, און וואָס איז נאָך
גאָרנישט לאַנג פאַר דעם בּעשטאַנען פון פיעל פערשידענע זעלבּסט־
שטענדיגע מלוכות. די דאָזיגע מדינה איז געלעגען צווישען די בּערג
טאַוורוס און לבנון אין צפון־זייט, און מצרים אין דרום־זייט, און האָט
זיך גערופען צעלעסיריען, צום אונטערשייד פון אָבּער־סיריען. דער
שטאַטהאַלטער (נאַמיעסטניק) איבּער׳ן גאַנצען לאַנד האָט איצט זיך
בּעזעצט אין שומרון, וועלכע איז, ווי עס שיינט, געווען אַ בּעפעסטיג־
טע און אַ רייך־בּעפעלקערטע שטאָדט אין יענער צייט. אויסגעקליבּען
פאַר דער הויפּט־שטאָדט האָט מען דוקא שומרון, ווייל די שטאָדט איז

בעלעגען אין צענטער פון׳ם גאנצען לאנד, און די געגענד ארום איז גע־
ווען זעהר פרוכטבאר. דער ערשטער שטאטהאלטער, וועלכען אלעק־
סאנדער האט בעשטימט איבער צעלעסיריען, איז געווען אנדראמאכאס.
אלעקסאנדער האט זיך בעגאנגען מיט אידען בכלל נישט שלעכט. ער
האט אלענפאלס נישט ארויפגעלעגט אויף זיי קיין גרעסערע אבצאה־
לונגען, ווי זיי האבען געדארפט געבען די מלכים פון פרס און אין׳ם
שמיטה־יאהר האט ער זיי אויך פונ׳ם תבואה־אבצאהל בעפרייט, אזוי
ווי דאס האט פריהער געטהון דער מלך פון פרס. דאס אינערליכע לעבען
אין לאנד האט ער נישט אנגעריהרט.

די שומרונים זענען געווען שטארק אונצופרידען דערמיט, וואס דער
מאקעדאנישער שטאטהאלטער האט אויסגעקליבען זייער הויפט־
שטאדט פאר זיין רעזידענץ. מעגליך, אז זייער כעס האט געשטאמט
דערפון, וואס אלעקסאנדער האט ארויסגעוויזען א גרויסע פריינדשאפט
פאר דאס לאנד יהודה, וועלכע זיי, די שומרונים, האבען אזוי שטארק
געהאסט. דער כעס פון די שומרונים איז געווען אזוי שטארק, אז זיי
האבען זיך גארנישט גערעכענט מיט די שרעקליכע פאלגען פון זייערע
מעשים און געמאכט אנ׳אויפשטאנד געגען אנדראמאכאס; זיי האבען
איהם געהאפט און אריינגעווארפען ין פייער (331 פאר דער געוועהנלי־
כער צייט־רעכנונג). ווען אלעקסאנדער האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער
געוואלדיג אויפגערעגט געווארען. גאנץ מצרים האט זיך איהם נאר וואס
אונטערגעגעבען, און אט דאס קליין פאלק, די שומרונים זאלען האבען
די העזה צו שטעלען זיך געגען איהם! אומקעהרענדיג זיך צוריק פון
מצרים, איז אלעקסאנדער געקומען קיין שומרון, כדי צו נעהמען נקמה
פון די מערדער, וועלכע האבען זיין שטאטהאלטער פערברענט אויף א
גרויזאמען אופן. די מערדער האט ער געלאזט דער׳הרג׳ענען און שרעק־
ליכע יסורים און האט בעשטימט דארט א נייעם שטאטהאלטער מעמ־
נאן. אויסער דעם, האט ער די שטאדט שומרון בעזעצט מיט גריכען
און מאקעדאניער. כדי נאך מעהר צו בעשטראפען די שומרונים, האט
ער אבגעגעבען א טייל פון זייער לאנד די אידען, דען ער האט, ווי עס
שיינט, געוואוסט, ווי פיינדליך די שומרונים בעציהען זיך צו אידען.
די אידען אבער האט ער ארויסגעוויזען, פאר זייער געטריהייט, א נייעם
חסד: ער האט אויך די נייע פראווינצען, וואס ער האט זיי איצט גע־
שענקט, בעפרייט פון אבצאהלונגען אין דעם שמיטה־יאהר. די נייע
מתנה איז פאר די גריכען געווען א קלייניגקייט, ווייל דאס האט דאך
צו זיי נישט געהערט און איז געווען אונבעדייטענד, פאר די אידען
אבער איז זי געווען א גאנץ גרויסע זאך, ווייל צוליעב די דאזיגע
שטעדט און דערפער פלעגען צווישען שומרון און ירושלים פארקומען
אפטע רייבונגען, וועלכע האבען איצט געדארפט נעהמען א סוף. ביי די
שומרונים איז אבער דאדורך נאך מעהר פערשטארקט געווארען זייער

שנאה געגען אידען. יעדער נייער ווינד האט מיטגעבראַכט נייעס ברענך מאַטעריאַל צווישען ביידע פעלקער. די גאַנצע צייט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט געלעבט, האָבען די שומרונים געמוזט איינהאַלטען זייער כעס געגען אידען, ווייל דער גרויסער קעניג האט נישט דערלאָזען, אַז די פעלקער, וואָס זענען איהם געווען אונטערטעניג, זאָלען עפּעס־וואָס אונטערנעהמען אָהן זיין ערלויבעניש. זיינע געשווינדע און גליקליכע נצחונות איבער אַלע לענדער פון'ם גרויסען טייך אינדוס ביז די קאַווקאַזער בערג, האָבען געוואָרפען אַן אימה אויף אַלע פעלקער און געלעהמט אין אַלע געמיטער יעדע זעלבסטשטענדיגע אויפרעגונג אָדער אויפלעבונג. אין יענע לענדער, וואו ער האט קיין מלחמה נישט געפיהרט, האט געהערשט א טיעפע רוהיגקייט; פון גריכענלאַנד ביז אינדיען און פון עטיאָפּיען ביז'ן קאַספּישען ים האט זיך געצויגען זיין מלוכה, און אַלע פעלקער, וועלכע האָבען אין די דאָזיגע לענדער געוואָהנט, האָבען געלעבט איינע מיט די אַנדערע אין שלום, ווייל זיי האָבען נישט געטאָרט מלחמה פיהרען אָהן אַלעקסאַנדער'ס ערלויבעניש. אַלעקסאַנדער איז געווען דער ערשטער הערשער, וועלכער האט אַנערקענט פאַר פּאָליטיש קלוג און נוצליך, צו לאָזען די איינגענומענע פעלקער לעבען פריי און ענטוויקלען זיך אויף זייער שטייגער, לויט זייער אייגענער קולטור און כאַראַקטער. ער האט אָבגעגעבען א גלייכען כבוד די געטער פון אַלע פעלקער, וואָס ער האט איינגענומען. אין מצרים האט ער זיך געבוקט צום אָקס אַפּיס און צום אָבגאָט אַמון, אין בבל האט ער געבראַכט קרבנות פאַר די כאַלדייאישע אָבגעטער. אָבער וועהרענד דער נאָך גאַר יונגער אַלעקסאַנדער האט זיך אַרומגעטראַגען מיט זיינע הויכע פּלענער וועגען איין גרויסער וועלט־מאָנאַרכיע, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבען (323 פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג), נישט איבערלאָזענדיג אפילו קיין יורש פאַר זיין טהראָן, אָדער ווענינגסטענס א מענשען, וואָס זאָל זיין בעגאָבט מיט זיין גייסט און א שטרעבונג צו פערווירקליכען זיינע פּלענער. אַלעקסאַנדער'ס טויט איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט פאַר אַלע פעלקער און די פערשיעדענסטע ערד־טיילען, וועלכע האָבען איהם געהערט, ווי אויך פאַר אַלע הויפּט־טיילען פון זיין אַרמעע, אַז עס איז צווישען זיי געוואָרען אַן אמת'ע מהומה. מען איז שוין געווען געוואוינט צו אַלעקסאַנדער'ס בעפעהלען און זיין גרויסקייט איז געווען אַזוי שטאַרק אַנערקענט דורך אַלעמען פאַר א נאַטירליכע זאַך, אַז מען האט די ערשטע צייט גאַרנישט געוואוסט, ווי אַזוי מען וועט איצט קאָנען לעבען אָהן איהם. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַזוי ווי עס וואָלט פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין דער נאַטור און מען וואָלט פערלאָרען די זיכערהייט, אַז דער מאָרגענדיגער טאָג וועט באמת קומען. און אָט די מהומה איז געווען די סבה פון גרויסע בלוטיגע מלחמות, וואָס זענען געווען ענליך צו די מלחמות פון די ריזען. אַלעקסאַנדער

האט אפילו איבערגעלאזען נאך זיין טויט אזוי פיעל גרויסע גבורים — פעלד־הערען, וואס האבען זייער גבורה בעוויזען אין זיינע גרויסע מלחמות, אז זיי וואלטען איצט געקאנט גאנץ זיכער אויפהאלטען די גאנצקייט פון זיין מלוכה, ווען עס וואלט נאר געהערשט צווישען זיי א פאלקאמע אחדות. אבער די דאזיגע פעלדהערען האבען געהאט דעם אלגעמיינעם פעהלער פון אלע גריכען, חאטש זיי זענען גארנישט געווען קיין אמת'ע גריכען: זיי האבען געשטעלט זייערע אייגענע, פערזענליכע אינטערעסען העכער פאר די אינטערעסען פון דער מלוכה און האבען בכלל נישט געוואלט אונטערגעבען זיך א וועלכער עס איז דיסציפלין; די מאכט האבען זיי בעטראכט נאר אלס א מיטעל רייך צו ווערען און צו קאנען דערפילען זייערע תאוות און געלוסטיגקייטען. געהענדיג מיט אלעקסאנדער דעם גרויסען אין די ווייטע מדינות אויף מלחמות, האבען זיי געהאט אין זינען נישט בלויז די נצחונות און אלעקסאנדער'ס גרויסע פלענער, נאר פריהער פאר אלץ זייערע נייע פערגעניגענס, און אט דאס האבען זיי באלד איבערגענומען ביי די פרעמדע פעלקער. אלע פערדארבענע מדות און די גאנצע אויסגעלאסענקייטען, וואס האבען געפיהרט צום פערדערבען די מלוכות בבל און פרס, האבען זיי באלד איבערגענומען. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס באלד נאך אלעקסאנדער'ס טויט האבען זיך אנגעהויבען מחלוקת און אמפערייען צווישען זיינע פעלד־הערען און שטאטהאלטערס פון די פערשידענע טיילען פון זיין מלוכה. אין דער גרויסער מאקעדאנישער מלוכה איז פארגעקומען א שפאלטונג. אין מצרים האט דאמאלס געהערשט אלס שטאטהאלטער פטאלאמעאוס (בטלמיוס אדער תלמי אין דער אלטער אידישער ליטעראטור) דער ערשטער, מיט'ן ביינאמען לאגוס, און, דורך א גליקליך געפיהרטער מלחמה, האט ער אויך איינגענומען דאס לאנד צעלעסירען מיט'ן לאנד יהודה און זיך ערקלערט פאר א זעלבסטשטענדיגען הערשער. ווען ער איז געקומען קיין יהודה און געפאדערט פון די איינוואהנער פון ירושלים, אז זיי זאלען זיך איהם אונטערגעבען, און די איינוואהנער האבען זיך אבגעזאגט איהם צו עפענען די טהויערן פון שטאדט, איז ער אויף זיי אנגעפאלען אום שבת, ווען די אידען האבען הייליג געהאלטען זייער רוה־טאג און נישט געהאלטען קיין געוועהר. און האט גענומען געפאנגען פיעל אידען, וועלכע ער האט אבגעפיהרט קיין מצרים. אויך פיעל שומרונים האט ער אין דער זעלביגער צייט גענומען געפאנגען.

די אידען און די שומרונים האבען דאמאלס געקאנט לעבען רוהיג און גליקליך, אויף וויפיעל מען האט עס געקאנט זיין אין דער דאמאלסטיגער גרויזאמער אייזערנער צייט, ווען זיי וואלטען נאר לאנג געבליבען אונטערטאניגע ביי פטאלאמייאוס. דען ער איז געווען דער מילדעסטער אונטער אלעקסאנדער'ס הויפט־לייט. וועלכע האבען נאך

זיין טויט פערהאַפט אַנ'אייגענע מלוכה. ער האָב פערשטאַנען צו שעצען מענשען נאָך זייער ווערט און האָט זיי נישט געטהון מעהר שאַדען, ווי איהם איז נויטיג געווען. פטאָלאָמעאוס האָט אָבער נאָך נישט געהאַט דאָס פאָלקאָמע רעכט צו זיין אַ הערשער איבער צעלעסיריען, דען די איבריגע שטאַטהאַלטערס פון דער גרויסער אַלעקסאַנדרישער מלוכה, וועלכע האָט זיך נאָך אַלין לפנים געהאַלטען אַלס אַ נישט־צעטיילטע גאַנצע מאַכט, האָבען נישט בעשטעטיגט זיין רעכט אויף דעם לאַנד; זיינע כלומר'שטע פריינד האָבען איהם נישט פערגינען די דאָזיגע הערשאַפט. צווישען די דאָזיגע פריינד איז געווען איינער אַ שטאַרקער פעלדהערר, אַ פייערדיגע נאַטור, אַ חכם און אַ גבור, אַנטיגאָנאָס, וועלכער האָט געשטרעבט צו דערהויבען זיך איבער אַלע איבעריגע פעלדהערען און גרינדען אַ שטאַרקע מלוכה, ווי אַלעקסאַנדער האָט עס געטהון, דורך דעם פעראייניגען אין זיין האַנד אַלע מדינות, וואָס זענען געבליבען נאָך אַלעקסאַנדער'ן. נאָך אַ לאַנגיעהריגען בעוואָפענען זיך איז עס ענדליך געקומען צו אַ מלחמה צווישען פטאָלאָמעאוס און דעם זוהן פון אַנטיגאָנאָס, דעמעטריאָס, נעבען עזה (312 פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג), וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ מפלה פאַר אַנטיגאָנאָס'עס זוהן. פטאָלאָמעאוס האָט אָבגעהאַלטען אַ נצחון מיט דער הילף פון זיין הויפטמאַן סעלעאוקאָס (Seleukos). די דאָזיגע מלחמה איז געוואָרען אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע, ווייל סעלעאוקאָס האָט דאַמאָלס דערגרייכט צו אַ גרויסער מאַכט, און ער האָט אָנגעהויבען פיהרען פון דער צייט אָן אַ נייע צייט־רעכנונג, די סעלעווקידישע, אָדער די גריכישע. די דאָזיגע צייט־רעכנונג איז אויך אָנגענומען געוואָרען ביי אידען, וועלכע האָבען זי גערופען „מנין שטרות“, אָדער די יונ'ישע צייט־רעכנונג, און ביי אידען האָט זי זיך געהאַלטען זעהר לאַנג.

צוליעב זיין מפלה ביי עזה, האָט דעמעטריאָס געמוזט אָבציהען זיך צוריק צום צפון און איבערלאָזען דאָס גאַנצע לאַנד פאַר די מנצחים. אָבער אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט אַנטיגאָנאָס פעראייניגט זיין אַרמעע מיט דער אַרמעע פון זיין זוהן, און זיי זענען אַרויסגעצויגען אויף אַ נייע מלחמה געגען פטאָלאָמעאוס, וועלכער האָט דעריבער זיך געמוזט צוריקציהען פון סיריען קיין מצרים. פאַר זיין אָבגאַנג האָט ער געלאָזט אַראָבברייסען די פעסטונגען פון די שטעדט עכו, עזה, שומרון, יפו און ירושלים, כדי זיינע פיינד זאָלען דאָרט נישט קאָנען בעפעסטיגען זיך. נאָך פיעל יאָהרען האָט געדויערט דער דאָזיגער אונזיכערער צושטאַנד פון לאַנד יהודה און פון אַלע לענדער, וואָס האָבען געהערט צו צעלעסיריען, ביז אַנטיגאָנאָס האָט ענדליך געהאַט אַ מפלה אין דער מלחמה נעבען דער שטאָדט איפסאָס אין קליין־אַזיען (301 פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג), ווען ער האָט אונטערגענומען די מלחמה געגען די פיער

פעלדהערען פטאלאמעאוס, ליזימאכאס, קאסאנדער און סעלעאוקוס. אין דער דאזיגער מלחמה איז אנטיגאנאס דערהרגעט געווארען און די פיער פעלהערען האבען צווישען זיך צוטיילט די מאקעדאנישע מלוכה. פטאלאמעאוס האט בעקומען מצרים מיט די ארומיגע לענדער, ווי אויך צעלעסיריען מיט ארץ־ישראל, און סעלעאוקוס האט בעקומען כמעט גאנץ אזיען ביז'ן טייך אינדוס. אזוי ארום איז ארץ־ישראל ארונטערגעקומען אונטער דער מאכט פון מצרים, און די אידען פון בבל און פרס—אונטער דער מלוכה פון די סעלעווקידען.

די פאליטישע פערענדערונג האט אין אינערליכען אידישען לעבען קיין גרויסע פערענדערונג נישט ארויסגערופען. דאס, וואס זיי האבען פריהער געמוזט אבצאהלען דעם פערסישען קעניגליכען הויף, האבען זיי איצט אבגעצאהלט דעם עגיפטיש־מאקעדאנישען הויף. פרייע בעוועגונג און א זעלבסטשטענדיג לעבען איז נישט מעהר בעגרענצט געוועזען, ווי פריהער. מען האט נאך אפילו געקאנט בעמערקען א געוויסע פערבעסערונג אין דער לאגע. אין לאנד יהודה איז געוועזען פעראנטווארטליך פאר די שטייערען, אז זיי זאלען אריינגעשיקט ווערען דער מלוכה אין דער געהעריגער צייט — דער כהן־גדול, וועלכער איז אלזא אנערקענט געווארען פאר א פאליטישען פארשטעהער פונ'ם פאלק; ער האט געדארפט בעשטימען די אידישע בעאמטע אינ'ם לאנד און איז געוועזען א גייסטליכער נשיא (פירשט). פטאלאמעאוס דער ערשטער איז געוועזען, ווי שוין דערמאהנט, א מילדער מענש, וועלכער האט געהאט אין זינען קודם־כל דעם נוצען פונ'ם לאנד. צו בעדריקען די אידען האט ער נישט געהאט קיין מאטיוו, און אידען גופא האבען איהם אויך נישט געגעבען קיין געלעגענהייט דערצו. אין זיין צייט האט זיך שטארק פערגרעסערט דער אידישער ישוב אין מצרים. די שטאדט אלעקסאנדריען, וועלכע אלעקסאנדער דער גרויסער האט געגרינדעט אין מצרים ביי'ם ברעג ים, האט פטאלאמעאוס געמאכט פאר זיין הויפט־שטאדט. ווילענדיג, אז די שטאדט זאל זיין גוט בעפעלקערט, האט ער, נאטירליך, אויפגענומען דארט זעהר פריינדליך די געקומענע איינוואהנער פונ'ם נאהענטען לאנד יהודה. אין דער צייט פון די מהומות, בשעת אנטיגאנאס האט געפיהרט מלחמה מיט פטאלאמעאוס'ן, האבען אין אלעקסאנדריען זיך בעזעצט פיעל אידען, און פטאלאמעאוס האט זיי געגעבען די זעלביגע רעכטע, ווי די מאקעדאניער. אזוי ארום איז געגרינדעט געווארען די גרויסע אידישע געמיינדע אין אלעקסאנדריען, וועלכע האט שפעטער געדארפט שפיעלען א וויכטיגע ראליע אין דער אידישער געשיכטע. אויך אין אנדערע ערטער אין מצרים האבען זיך דאמאלס געגרינדעט אידישע קהלות, אדער קאלאניעס. פטאלאמעאוס איז געוועזען איבערצייגט אין דער אידישער געטריישאפט און ער האט

אַליין בעזעצט אידען אין פֿיעל פֿעסטע שטעדט אין מצרים, ווי אויך אין קירענע. אין דער זעלביגער צייט האָבען זיך אידען אויך פֿער־שפּרייט אינ'ם אנדערען טייל פֿון דער פֿריהערדיגער מלוכה פֿון אלעק־סאנדער דעם גרויסען. סעלעאוקוס, דער גרינדער פֿון דער סעלעווקידי־שער מלוכה, וואָס איהר צענטער איז געווען פּרס, האָט אויך בעקומען דעם אויבערשטען טייל פֿון סיריען, און האָט דאָרט אויסגעבויט די נייע שטאָדט אַנטיאָכיען (300 פֿאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג), וועלכע איז געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פֿון דער סעלעווקידישער מלוכה. כדי צו בעזעצען די דאָזיגע שטאָדט, ווי אויך פֿיעל אנדערע, וועלכע ער האָט געגרינדעט, האָט ער געבראַכט פֿון פּרס און בבל פֿיעל אידען, פֿרייוויליג אָדער האַלב־געצוואונגען, און זיי בעזעצט דאָרט. אויך סעלע־אוקאָס האָט געגעבען די אידישע איינוואָהנער די זעלביגע בירגערליכע רעכט, ווי עס האָבען געהאַט די מאַקעדאָניער.

און ווי עס זענען ענטשטאַנען אידישע ישובים אין די גריכיש־מאַקעדאָנישע לענדער, אזוי זענען אויך ענטשטאַנען גריכישע ישובים אין לאַנד יהודה. אויפֿ'ן גאַנצען אידישען ברעג פֿון מיטעללענדישען ים האָט מען געגרינדעט נייע שטעדט, אָדער פֿערגרעסערט און פֿערשענערט די אַלטע שטעדט און איבערגעמאַכט זייערע נעמען אויף גריכישע. די אַלטע שטאָדט עכו האָט מען אַ נאָמען געגעבען פּטאָלאָמאַיס; מען האָט דאָרט אויך אויסגעבויט אַ נייע שטאָדט, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבען חיפה. צווישען די איבריגע שטעדט, וועלכע זענען דאַמאַלס געבויט געוואָרען אין ארץ־ישראל, זענען בעוואוסט: די האַפֿען־שטאָדט אַפּאָלאָניאַ, די גריכישע שטאָדט, נישט ווייט פֿון ים טבריא — פֿילאַ־טעריאַ און די שטאָדט סעלייקיאַ נעבען טייך מי־מרום. אין מערב־זייט פֿון ירדן האָט מען צוריק אָבגעבויט די אַלטע שטאָדט בית־שאָן, וועל־כע מען האָט אַ נאָמען געגעבען סקיטאָפּאָליס. אין אַלע דאָזיגע שטעדט, ווי אויך אין פֿיעל אַנדערע נייע, האָבען זיך בעזעצט גריכען, אָדער מאַקעדאָניער. דער גרויסער פּלאַן פֿון אַלעקסאַנדער, צו פֿעראייניגען די פֿעלקער פֿון די מערב־לענדער מיט די פֿון די מזרח־לענדער, האָבען פֿער־ווירקליכט זיינע פֿעלדהערען נאָך זיין טויט, אָבער נישט דערפֿאַר, ווייל זיי האָבען פֿערשטאַנען זיין גרויסען געדאַנק, נאָר ווייל די אומ־שטענדען גופא האָבען זיי דערצו געצוואונגען. דאָס לאַנד יהודה איז אויף אַזאַ אופן אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט אַ בעפֿעלקערונג, וועלכע האָט גערעדט גריכיש. די הערשענדע שפּראַך אין די גריכיש־מאַקעדאָ־נישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל איז, נאַטירליך, געווען די גריכישע, און אויך דאָס גאַנצע לעבען, מיט די גוטע און שלעכטע מנהגים און מדות, זענען געווען — גריכיש. דאָס לאַנד יהודה אַליין איז אָבער נאָך געבליבען אַ לאַנגע צייט פֿריי פֿונ'ם גריכישען איינפֿלוס. דאָס אידישע לאַנד איז נישט געווען גענוג רייך פֿאַר די גריכען, און דאָס אידישע

פאלק איז אויך נישט געוועזען אזוי לייכט איינצונעהמען קולטורעל. די לייכטזיניגקייט, וועלכע גלויבט אין אלע ווילדע אמונות, אויף דער זייט פון די גריכען, און די ערנסטקייט מיט דער פעהיגקייט טיעף אריינצו־דענקען אין יעדער זאך אויף דער אידישער זייט — האבען זיך שווער געקאנט צוזאמענגיסען, אדער ווירקען איינע אויף די אנדערע אנציהענד. ערשט נאך א לאנגער צייט האבען זיך אריינגענומען אין דאס אידישע הויז גריכישע ווערטער, און די גריכישע שפראך איז געווארען היימיש אויך ביי אידען. צוזאמען מיט דער שפראך האבען אבער אידען אויך אנגעהויבען בעקענען זיך מיט'ן פרעהליכען לעבען פון די גריכען, וועלכעס האט געווירקט אנציהענד אויף א טייל אידען.

אין משך פון א יאהר הונדערט און מעהר נאך דעם טויט פון נחמיה'ן האט דאס אידישע פאלק געלעבט, ווי א ווערימעל, וועלכעס וועבט זיך אליין ארום מיט'ן זאפט, וואס עס לאזט ארויס פון זיך. פון אויסענווענדיג האט דאס דאזיגע בעשעפעניש די געשטאלט פון א ליידענ־דעם וועזען, וועלכעס מוז אלץ אריבערטראגען רוהיג, נישט עפענענדיג קיין מויל צו פראטעסטירען, אדער צו בעקלאגען זיך; אינווענדיג אבער לעבט עס איבער א גאנצען שעפונגס־פראצעס, ביז עס ערשיינט אלס א נייע בעשעפעניש. אט דער שעפונגס־פראצעס איז פארגעקומען אויך אין לאנד יהודה, נאר מיט דעם אונטערשיעד, וואס דא איז די וועק־קענדע קראפט געקומען נישט פון אינווענדיג, נאר פון אויסענווענדיג, פון די גלות־לענדער. דאס לעצטע יאהרהונדערט האט נישט געבוירען און נישט ערצויגען אין ארץ־ישראל קיין איינציגע פערזענליכקייט, וועלכע וואלט געהאט בכח אויסצודריקען די אייגענטימליכקייט, אדער דער געדאנקען־גאנג און די אידעאלען פון דער עפאכע, א פערזענליכקייט, וואס זאל אליין געהן פאר'ן לעבען און צווינגען עס אנצונעהמען די אדער יענע פארם. די דערוועקונג צו א נייעם לעבען און די אידעאלען זענען געקומען נישט פון לאנד יהודה, נאר פון אויסענווענדיג, פון בבל אדער פון פרס. דארט האט געלעבט דער דענקענדער מח און דאס פיהלענדע הארץ פון פאלק, אבער נישט אין לאנד יהודה. איצט איז מען אבער אין לאנד יהודה געווארען אבגעשיידט פון די ברידער פון יענע לענדער דורך דער נייער פאליטישער ארדנונג. די אידען אויף די טייכען עפראט און טיגרים האבען מעהר נישט געקאנט אונטערהאלטען זייערע נאהענטע בעציהונגען צום מוטער־לאנד, ארץ־ישראל, ווייל די רעגירענדע מלכים, די סעלעוקידען און די פטאלאמעער, האבען געקיקט איינע אויף די אנדערע מיט אויגען פון חשד. דאס אפטע קומען פון די אידען פון דער סעלעוקידישער מלוכה קיין ירושלים וואלט זעהר שלעכט אויפגענומען געווארען אי אין אנטיאכיען אי אין אלעקסאנדריען. אויב דאס אידישע פאלק אין ארץ־ישראל וואלט נישט קאנען זיך אליין

שטאַרקען און דערהויבען גייסטיג אָהן דער הילף פון די אידען אין די פרעמדע לענדער. וואָלטען זיי פערלאָרען געוואָרען, זיי וואָלטען אומגעקומען אַלס אַ בעזונדער פאָלק און פערשווינדען. דאָס אידישע פאָלק אין ארץ־ישראל האָט אָבער נישט געדאַרפט אומקומען, און אָט איז אין דער נויטיגער צייט ארויסגעטרעטען אַ פערזענליכקייט, וואָס האָט מיט אַ טיעפען פערשטאַנד און מיט אַ שטאַרקער טעטיגקייט אָבגעהאַלטען דאָס אידישע פאָלק פון פערעלטערט און פערשוואַכט ווערען. דער דאָזיגער מענש איז געוועזען שמעון הצדיק, דער זוהן פון חוניו דעם ערשטען (370—340 פאַר'ן צווייטען חורבן). פון יענער צייט, וועלכע איז אַזוי אָרים אין אַנדענקען, דערהויבט זיך זיין נאָמען, ווי אַ הויכער בוים מיט פיעל צווייגען און בלעטער, וועלכער שטעהט אין אַ וויסטען מדבר. די אגדתא, אָדער די פאָלקס־זאַגען, דערצעהלט וועגען איהם וואונדערליכע מעשים. און דאָס איז דער בעסטער בעווייז, אַז ער איז געוועזען אַ גרויסער מענש, וועלכער איז שטאַרק איבערגעשטיגען די מענשען פון זיין צייט, און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף זיי. און אויב די ווירקליך־ריכטיגע געשיכטע דערצעהלט אפילו וועגען איהם וועניג, קאָן מען דאָך אָבער ארויסזעהן פון אָט דעם וועניגען, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן ער איז געוועזען. ער איז געוועזען בכלל דער איינציגער כהן גדול פון יהושע בן יהוצדק'ס הויז, וואָס זיין אַנדענקען האָט זיך ערהאַלטען אין פאָלק, און אויך דער איינציגער כהן־גדול, וועלכער האָט אומגעקעהרט דער כהונה־גדולה איהר אַמאָליגע גרויסקייט. די ערשטע כהנים־גדולים פון צווייטען בית־המקדש האָבען גאַנץ וועניג געזאָרגט פאַר'ן אידישען פאָלק, נאָר זייערע אייגענע אינטערעסען האָבען זיי אָבגעהיט; דאַגעגען וועגען שמעון הצדיק האָט זיך אויסגעדריקט אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט געלעבט אַ געוויסע צייט שפעטער: „ער האָט געזאָרגט פאַר'ן פאָלק, אַז עס זאָל נישט אונטערגעהן". שמעון הצדיק האָט געזאָרגט נישט בלויז פאַר דער כהונה, נאָר אויך פאַר די וועלטליכע אינטערעסען פון פאָלק. דאָס קאָן מען זעהן פון פאָלגענדען: די מויערען פון ירושלים, וועלכע פטאָלאָמעאוס דער ערשטער האָט געלאָזט אין פיעל ערטער צוברעכען, כדי אַנטיגאָנאָס זאָל אין זיי זיך נישט בעפעסטיגען, האָט שמעון הצדיק געלאָזט צוריק בעפעסטיגען. ער האָט אויך אויסגעבעסערט דעם בנין פון בית־המקדש, וועלכער איז אין די צוויי הונדערט יאָהר, זינט ער איז געבויט געוואָרען דורך די אידען, וואָס זענען געקומען פון גלות־בבל, זעהר אַלט געוואָרען. ער האָט אָבער אויך געזאָרגט פאַר די צוקונפט: ירושלים האָט געהאַט אַרום זיך עטליכע קוואַלען וואַסער, וועלכע האָבען געגעבען גענוג וואַסער פאַר דער בעפעלקערונג; דאָס זענען געוועזען די קוואַלען שלח און רוגל. אָבער אין אַ טרוקענעם יאָהר, ווען עס האָט געפעהלט רעגען, איז דאָס וואַסער

פון די דאזיגע קוואלען וועניג געווען פאר די איינוואוינער. אויסערדעם האט מען געברויכט צו האבען זייער פיעל וואסער צו דער עבודה אין בית־המקדש, בעזונדערס, זינט מען האט איינגעפיהרט, אז מען זאל אבהיטען די דינים פון טומאה און טהרה און מען האט געדארפט מאכען פיעל טבילות ביי׳ם אריינקומען אין דער עזרה און אין בית־המקדש. כדי אלזא צו האבען גענוג וואסער אין ירושלים, האט שמעון הצדיק אויסגעגראבען אונטער׳ן באדען פון בית־המקדש א באסיין פאר וואסער און צוגעפיהרט צו איהם א קאנאל אונטער דער ערד פון קוואל עיטם, וואס געפינט זיך עטליכע שעה גאנג וויט פון ירושלים. דורך דער דאזיגער איינארדנונג האט דער בית־המקדש און אויך ירושלים געהאט גענוג וואסער אפילו אין דער צייט, ווען זי האט געדארפט אויסהאלטען א לאנגע בעלאגערונג. דער דיכטער יהושע בן סירא, וואס האט געלעבט איניגע דורות שפעטער, דערצעהלט די גרויסקייט פון שמעון הצדיק און זינגט איהם א התלהבות׳דיגען לויב־געזאנג:

„ווי שען איז די געשטאלט פון כהן גדול שמעון,
בשעת ער קומט ארויס פון קודש הקדשים!
צום מארגענשטערען עהנליך פון געדיכטען וואלקען,
דער ליכטיגער לבנה אין רעכטען האלבען חודש,
דער שיינענדיגער זון מיט גין־גאלדענע שטראהלען,
וואס גיסט אויף גאטעס היכל ליכט פון איהרע קוואלען.
א רויז א צארטע אין פריהלינג, ביים שטילען, קלארען וואסער,
א טאנענבוים אום זומער אויף דעם בארג לבנון.
און קומט ער אין זיין היילינג קלייד
אראב אין היכל צום מזבח, —
ווי שען בע׳חנ׳ט ווערט דאן דער מקדש!
ווי פאלמען אום א טאנענבוים;
ערשיינען כהנים ארום;
און קלינג, און קלאנג,
און העל געזאנג,
און פידלען, הארפען און טרומייטען,
און ליעדער זיסע, הארציג וויכע
הערט מען אין מקדש, אין דעם צווייטען".

אלס כהן־גדול, איז שמעון־הצדיק נישט בלויז געווען דער פאר־שטעהער פון דער אידישער מדינה אין דעם בית־דין הגדול, ער איז אויך געווען דער ראש־ישיבה אין א גרויסען בית המדרש און האט ערצויגען פיעל תלמידים. ער פלעגט שטענדיג זאגען זיינע תלמידים: „אויף דריי זאכען האלט זיך די אידישע וועלט: אויף לערנען תורה, אויף דער עבודה אין בית־המקדש און אויף גמלות חסדים. מעגליך, אז פון

איהם שטאַמט אויך דער מאמר, וואָס האָט שפּעטער געזאָגט איינער פֿון זיינע תלמידים, אַנטיגנאָס איש סוכו: „איהר זאָלט נישט זיין ווי די קנעכט, וועלכע דיענען זייערע הערען, כּדי צו בעקומען זייער געצאַהלט, נאָר ווי די דיענער, וועלכע בלייבען געטריי זייערע הערען אויך אָהן געצאַהלט". שמעון הצדיק'ס נאָמען איז איבערגעבליעבען הייליג פֿאַר די קומענדע דורות, וועלכע האָבען דערצעהלט, אַז מיט זיין טויט האָט די כּהונה פֿערלאָרען איהר גאַנצע ציערונג; עס זענען פֿערשוואונ־דען געוואָרען די לעצטע צייכענס פֿון דער ענטפּלעקונג פֿון דער שכינה אין בית־המקדש.

די טרויעריגע צייטען האָבען זיך טאַקי אָנגעהויבען באַלד נאָך זיין טויט; דעם אידישען פֿאָלק זענען ווידער פֿאָרגעשטאַנען נייע ביי־טערע נסיונות. שמעון הצדיק האָט איבערגעלאָזען צוויי קינדער: אַ יונגען זוהן און אַ טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט פֿאַר איינעם פֿון די אָנגעזעהענע כּהנים, טוביה. שמעון'ס זוהן האָט געהייסען חוניו (Onias) נאָכ'ן נאָמען פֿון זיין זיידען. וועגען דעם דאָזיגען זוהן ווייס די געשיכטע קיין בעזונדערעס נישט צו דערצעהלען. מען ווייס נאָר, אַז צו זיין פֿאָטער איז ער נישט געווען ענהליך. אַבער חאָטש ער האָט אויך גאָרנישט אויפֿגעטהון, איז די צייט פֿון זיין כּהונה געוואָרען אַ וויכטיגע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע — די מלחמות, וועלכע עס האָבען אויסגעבראָכען צווישען דעם צווייטען, דריטען און פֿיערטען קעניגען פֿון די סעלעווקידען און דעם צווייטען און דריטען מלכים פֿון פּטאָ־לעמעאוס עס איבער צעלעסיריען, וועלכע די סעלעווקידען האָבען גע־וואָלט צונעהמען ביי די פּטאָלאָמעער, האָבען געהאַט אַ וויכטיגע בע־דייטונג פֿאַר דעם לאַנד יהודה.

צעלעסיריען מיט'ן לאַנד יהודה איז אפילו געבליעבען ביי מצרים, אַבער דער סעלעווקיד סעלעוקוס דער צווייטער, קאַליניקאָס, האָט נישט אויפֿגעהערט צו דערוועקען די איינוואוינער פֿון סיריען און אָנצורעדען זיי, אַז זיי זאָלען אָבפֿאַלען פֿון די פּטאָלאָמעער. אויך דער כּהן־גדול חוניו דער צווייטער איז, ווי עס שיינט, איבערגערעדט געוואָרען דורך איהם, און ער האָט פּלוצלונג אויפֿגעהערט צו שיקען קיין מצרים דעם יעהרליכען אָבצאָהל פֿון צוואַנציג טאַלענטען גאָלד. עס פֿערשטעהט זיך, אַז אין מצרים האָט מען דאָס אויפֿגענומען זעהר שלעכט. די סומע איז אפילו געווען נישט קיין גרויסע, אַבער זי האָט געדיענט פֿאַר אַ סימן פֿון אונטערטעניגקייט, און דעריבער האָט מען אין מצרים זי געהאַל־טען פֿאַר זעהר וויכטיג. נאָכדעם, ווי דער קעניג פֿון מצרים, פּטאָלאָ־מעאוס דער דריטער, אייערגעטעס, האָט אומזיסט געפֿאָדערט פֿיעל מאָל די דאָזיגע סומע, האָט ער אָנגעהויבען דראָהען, אַז אויב מען וועט איהם נישט שיקען דעם אָבצאָהל, וועט ער דאָס אידישע לאַנד

אבגעבען די פרעמדע קאלאניסטען, וואס וואוינען דארט. די דאזיגע דרא-
הונג האט ער געשיקט קיין ירושלים צום כהן גדול דורך איינעם פון זיי-
נע געליעבטע שרים, אטעניאן. די איינוואוינער פון ירושלים זיינען
שטארק פערצווייפעלט געווארען און געפאדערט פונ'ם כהן גדול חוניה,
אז ער זאל זיך אונטערגעבען, אבער ער איז געבליעבען פער'עקשנ'ט
און איינגעשפארט. און דער דאזיגער שווערער לאגע איז ארויסגעטרא-
טען איין מענש מיט אזא ענערגיע און ענטשלאסענהייט, אז מען האט
געקאנט מיינען, דאס ער אליין האט בכיון ארויסגערופען די גאנצע אינ-
טריגע מיט דער מהומה, כדי צו האבען די געלעגענהייט ארויסצוטרע-
טען אלס וויכטיגע פערזענליכקייט. דער דאזיגער מענש האט געהייי-
סען יוסף און ער איז געווען טוביה'ס א זוהן, אלזא, אנ'אייניקעל פון
שמעון הצדיק, דען ער איז געווען דער זוהן פונ'ם כהן גדול חוניי'ס
שוועסטער. א קלוגער מענש, פון שען געשטאלט, מיט א געשליפענער
שפראך, געניטקט און חיטרע, א מענש, וואס פערשטעהט אויפצוטהון
אלערליי פלענער און שטעלט זיך קיינמאל נישט אב פאר די מיטלען
צו פערווירקליכען זיי, איז טוביה'ס זוהן, יוסף, געווען, ווי געבארען צו
הערשען. אבער לויט דער דאמאלדיגער ארדנונג, איז דער כהן-גדול
געווען אויך דער פאליטישער מנהיג פונ'ם לאנד און פאלק, און דערי-
בער איז דער כהן גדול חוניו געשטאנען יוסף'ן אין וועג. איצט האט
זיך איהם פארגעשטעלט א גוטע געלעגענהייט ארויסצוטרעטען און
עפענטליכען לעבען: ער האט געוואלט אדער דערווייטערען זיין פעטער
פון דער כהונה גדולה און פערנעהמען זיין שטעלע, אדער פערנעהמען
א מעכטיגע שטעלע אויף אנ'אנדער אופן. און דעריבער, ווי נאר ער
האט, וואהנענדיג אין זיין געבורטס-שטאדט פיכאל, זיך דערוואוסט, אז
עס איז געקומען קיין ירושלים דער געזאנדטער פונ'ם עגיפטישען קע-
ניג, איז יוסף באלד געקומען קיין ירושים און געפאדערט פון כהן
גדול, אז ער זאל דעם אבצאהל אבגעבען; דערביי האט ער איהם גע-
מאכט גרויסע פארווירפע, אנווייזענדיג, אז מיט זיין עקשנות שטעלט
ער אין סכנה די לאגע פון גאנצען פאלק. ווען יוסף האט אבער דער-
זעהן, אז זיין פעטער בלייבט פעסט ביי זיין בעשלוס, נישט צו געבען
דעם אבצאהל, האט ער איהם פארגעלעגט אליין צו געהן קיין אלעקסאנ-
דריען צום קעניג פטאלאמעאוס, אייערגעטעס, אלס געזאנדטער, און
פיהרען דארט אונטערהאנדלונגען, כדי אבצווענדען די געפאהר פון אי-
דישען פאלק. חוניו האט איהם די ערלויבעניש דערויף געגעבען. יוסף
האט אבער געוואלט קומען קיין אלעקסאנדריען נישט בלויז, אלס שליח
פונ'ם כהן גדול, נאר פונ'ם גאנצען פאלק, כדי צו מאכען דארט א
שטארקערען איינדרוק און ארויסטרעטען אלס וויכטיגע פערזענליכקייט.
ער האט דעריבער צונויפגערופען די גאנצע בעפעלקערונג פון ירושלים
אין דער עזרה פאר'ן בית המקדש און ערקלערט דעם צוועק פון זיין

רייזע, בערוהיגענדיג דאָס פאָלק, אַז מען זאָל זיך נאָר פערלאָזען אויף איהם און האָבען צו איהם צוטרוי. און ער וועט שוין בעווייזען אָבצו־ווענדען די סכנה. די פערזאַמעלטע האָבען געדאַנקט יוספ'ן און געגעבען איהם אַ בעפאָלמעכטיגונג צו רעדען אין'ם נאָמען פון גאַנצען פאָלק, אַלס זיין אָפיציעלער מנהיג.

פון דעם אויגענבליק אָן איז יוסף אַרויסגעטראָטען אַזוי ענטשלאָסען און פעסט, אַז מען האָט געזעהען, דאָס ער האָט געאַרבייט לויט אַ פּלאַן, וועלכען ער האָט שוין לאַנג פריהער אויסגעאַרבייט אין קאָפּ. דער כאַראַקטער פון די גריכען איז איהם געווען גוט בעקאַנט, און ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבען אַ נייגונג צו הניפות און גוטע מאָהלצייטען. דורך די דאָזיגע צוויי מיטלען האָט ער קודם כל געוואָלט געווינען די פריינדשאַפט פון פטאָלאָמעאוס'ס געזאַנדטען אַטעניאָן. ער האָט איינגעאָרדענט אַ רייכע מאָהלצייט און איינגעלאַדען דעם געזאַנדטען אַטעניאָן, וועלכען ער האָט פראַכט בעצויבערט מיט זיינע זיסע רייד און מיט די שענע מתנות, וואָס ער האָט איהם געגעבען. און אַזוי אַרום האָט ער איהם איבערגערעדט, אַז ער זאָל זיך צוריקקעהרען ריהיג קיין אַלעקסאַנדריען און פערזיכערען דעם קעניג, אַז אידען זענען איהם געטריי, און איננוכען וועט ער, יוסף, אַליין אויך קומען אָבצאָהלען דעם שטייער. ווי נאָר דער געזאַנדטער איז אַרויסגעפאָהרען פון ירושלים, האָט יוסף אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט זיינע רייכע שומרונ'ישע פריינד, אַז זיי זאָלען איהם לייהען געלד אויף די הוצאות, וועלכע ער ברויכט צו האָבען אויף דער רייזע. דען, כדי צו קאָנען ערשיינען אין אַלעקסאַנדריען, ווי געהעריג איז, ביי'ם קעניגליכען הויף, האָט ער געברויכט צו האָבען רייכע קליידער, שענע פערד און קאַרעטען, ווי אויך פיעל געלד אויף צו מאַכען לוקסוס־מאָהלצייטען. יוסף האָט אָבער אַליין קיין געלד נישט געהאַט, און אין גאַנצען לאַנד יהודה האָט ער נישט געפונען קיין עשירים, וועלכע זאָלען איהם קאָנען באָרגען געניג געלד. די אידישע בעפעלקערונג האָט געלעבט נאָר פון לאַנד־אַרבייט און פון גאָרטען־קולטור. זי האָט נישט געפיהרט קיין מסחרים און האָט דעריבער נאָך נישט געהאַט די געלעגענהייט רייך צו ווערען. יוסף האָט דעריבער זיך געמוזט ווענדען צו די שומרונים, וועלכע האָבען זיך שוין בעשעפטיגט מיט מסחר און דערגרייכט נישט בלויז אַ גרויסען וואוילשטאַנד, נאָר אויך פיעל עשירים זענען שוין געווען צווישען זיי. ביי די דאָזיגע עשירים האָט יוסף בעקומען צו באָרגען געלד אויף אַ גרויסען פראָצענט.

דער געזאַנדטער אַטעניאָן, וועלכער איז געקומען קיין אַלעקסאַנדריען פריהער פאַר יוספ'ן, האָט וועגען איהם דערצעהלט פיעל גוטעס דעם קעניג און זיינע שרים. און אַזוי אַרום איז יוסף שוין זיכער געווען, אַז מען וועט איהם דאָרט אויפנעהמען, ווי אַ גוטען גאַסט. אַטעני־

יאן האט זיך אנדערצעהלט אזוי פיעל פון יוסף'ס ליעבענסווירדיגקייט, אז דער קעניג איז געוועזען נייגעריג איהם צו זעהן און בעקענען זיך מיט איהם. און אין דער ווירקליכקייט איז פטאלאמעאוס אייערגעטעס אזוי בעצויבערט געווארען דורך יוסף'ס רייד און דורך זיין גאנץ ערשיינען, אז ער האט איהם איינגעלאדען צו זיינע קעניגליכע מאהלצייטען. די געזאנדטע פון די סירישע און פאלעסטינישע שטעדט, וועלכע האבען פריהער אויסגעלאכט יוסף'ן און בעצויגען זיך צו איהם גרינגשעצענד, צוליעב זיין ארעמקייט און פערגלייך מיט זיי, האבען איהם איצט אנגעהויבען מקנא צו זיין, זעהענדיג, ווי ער איז געווארען א בן בית אין קעניגליכען הויף און אין די הויף-קרייזען. באלד אבער האט יוסף זיי געגעבען די געלעגענהייט איהם נישט בלויז מקנא צו זיין, נאר אויך צו פערהאסען און פערשילטען זיין נאמען.

אין יענער צייט פלעגען די מלכים פון מצרים נישט איינמאהנען די אבצאהלונגען פון די שטעדט דורך זייערע בעאמטע, נאר מען פלעגט עס אבגעבען אין ארענדע צו פריוואטע מענשען, וועלכע פלעגען אריינטראגען אין קעניגליכען אוצר א געוויסע סומע געלד, און אויפמאהנען די אבצאהלונגען דערנאך פאר זיך. אין דער צייט, וואס יוסף, טוביה'ס זוהן, איז געוועזען אין מצרים, איז גראדע פארגעקומען דאס אבגעבען פון די ארענדעס אויף די דאזיגע אבצאהלונגען פאר אלע שטעדט פון צעלעסיריען און פעניקיען. עס זענען זיך דעריבער צוזאמענגעפאהרען פיעל ארענדאטארען, וועלכע האבען אין דער געגענווארט פון קעניג געדארפט פארלעגען, וואס פאר א סומע געלד זיי ווילען געבען פאר די ארענדעס. פאר די ארענדאטארען איז, נאטירליך, געוועזען וויכטיג אבצודינגען די ארענדע פאר א מעגליכסט קליינע סומע. ווען יוסף האט דערזעהן, אז די ארענדאטארען בעמיהען זיך ארויסצובעקומען פאר זיך די ארענדעס פאר זעהר א קליינעם פרייז, איז ער פלוצלונג אויפגעשטאנען און ערקלערט, אז ער גיעט דאפעלט מעהר פאר זיי. דען יוסף האט שוין געהאט [illegible]ערעכענט, אז די ארענדעס קאנען פיעל מעהר אריינטראגען. ווי צעטישטע און צעטומעלטע זענען געבליבען שטעהן די רייכע סירישע און פעניקישע ארענדאטארען, קוקענדיג אויף דעם דאזיגען אידען, וועלכער איז אין פערגלייך מיט זיי געוועזען א בעטלער, און דערוואגט זיך פונדעסטוועגען ארויסצורופען זיי צום קאמפף אינ'ם מסחר מיט די ארענדעס. דעם קעניג אייערגעטעס איז אבער יוסף'ס הויכער פרייז שטארק געפעלען, און ער האט זיך דעריבער געווענדעט מיט א פראגע צו יוסף'ן, וואס פאר א ערבות ער קאן געבען, אז ער וועט באמת ערפילען זיינע הבטחות און אריינברענגען די פארגעלעגטע הויכע סומעס געלד אין קעניגליכען אוצר. יוסף האט דערויף געענטפערט מיט א הויף-חניפה, אז ער וויל צושטעלען די בעסטע צוויי מענשען, וועלכע וועלען פאר איהם ערב זיין: דעם מלך און די מלכה. דער

דאזיגער ענטפער איז שטארק געפעלען געווארען דעם קעניג. דען ער האט דערין דערזעהן די געשיקטקייט און ענטשלאסענהייט, די פעהיג־קייט און די דרייסטקייט פונ'ם ארימען אידען, און דאס האט געדיענט פאר דער בעסטער ערבות, אז ער וועט אריינבריינגען אין קעניגליכען אוצר די הויכע סומעס פאר די ארענדעס. אויף אזא אופן איז טוביה'ס זוהן געווארען דער הויפט־ארענדאטאר אויף אלע אבצאהלונגען פון די שטעדט און גאנץ סיריען, אויך מיט יהודה און שומרון און פעניקיען. דער קעניג האט איהם אייך געגעבען אויף זיין פערלאנג צוויי טויזענד זעלנער (געדונגענע קריעגער), וועלכע האבען איהם העלפען ביי'ם איינמאהנען די אבצאהלונגען. מיט דער הילף פון דער דאזיגער מחנה איז יוסף געווארען פאקטישער הערשער איבער גאנץ סיריען, פעניקיען און ארץ ישראל, און מען האט אנגעהויבען איהם צו אכטען און מורא האבען פאר איהם, בפרט נאך, ווען מען האט געוואוסט, אז ער איז שטארק אנגענומען ביי'ם קעניג און געליעבט פון איהם. יוסף האט זיך גענומען איינמאהנען די אבצאהלונגען מיט גרויס אכזריות. און עזה און אין סקיטאפאליס (בית שאן), וואו די גריכישע בעפעלקערונג האט זיך איהם געשטעלט אנטקעגען, נישט־וועלענדיג צאהלען די שטייערן און בעגעגענדיג איהם מיט שפאט, האט ער געפאנגען די אנגעזעהענסטע און רייכסטע בירגער און בעשטראפט זיי מיט'ן טויט, און זייער פערמעגען האט ער קאנפיסקירט און אבגעשיקט דעם קעניג. אויף אזא אופן האט זיך יוסף בעגאנגען אייך און פיעל אנדערע שטעדט. און איינציגע שטעדט האט מען איהם גארנישט געוואלט אריינלאזען. דאן האט יוסף זיך אריינגעריסען און שטאדט מיט זיין מחנה זעלנער און אויסגעהרג'עט פיעל רייכע איינוואהנער, זייער פערמעגען האט ער איבעראל קאנפיסקירט און אבגעשיקט דעם קעניג, וועלכער איז דער מיט זעהר צופריעדען געווען און איהם געדאנקט פאר זיין ענערגיע.

צוויי און צוואנציג יאהר האט יוסף געהאלטען די הויפט־פער־וואלטונג איבער די ארענדעס און צעלעסיריען און פעניקיען, און בעך גאנגען זיך אלס א ממונה פונ'ם קעניג, אדער סאטראפ. די דאזיגע צייט האט ער אבער אויך אויסגענוצט פאר זיך, אנזאמלענדיג א גרויס עשירות און דערגרייכענדיג א שטארקע מאכט און דער מלוכה. ווען פטאלאמעאוס איינערגעטעס איז געשטארבען, און דעם טהראן פון מצרים האט פערנומען פטאלאמעאוס דער פיערטער, פילאפאטאר (222—206 פאר דער געוועהנ. צייט־ר.), האט ער די וויטערדיגע פערוואלטונג איבער די ארענדעס איבערגעלאזען יוסף'ן אהן קיין שום נייע בעדינגונגען. אויך אונטער דעם דאזיגען קעניג האט יוסף איינגעמאהנט די אבצאהלונגען מיט דער פריהערדיגער אכזריות און אלע שטעדט פון סיריען און פעניקיען. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז מען האט און דער געגענווארט פון קעניג ערקלערט: „יוסף האט פון די איינוואהנער

אין סיריען אראבגעריסען גאר דאס פלייש פון לייב, געבליבען זענען גאר די ביינער“. פילאפאטאר איז אבער דערמיט געווען צופריעדען, וויל ער האט געוואוסט, אז לאנג וועט זיין הערשאפט אין סיריען זיך נישט האלטען. פילאפאטאר איז געווען דערצו א מענש, וואס האט ליעב געהאט ווילדע תענוגים, און ער האט דעריבער געברויכט פיעל געלד אויף צו קאנען ערפילען אלע זיינע פערלאנגען און תאוות. די הכנסות פון דער מלוכה זענען אינטער יוסף'ס פערוואלטונג געוואקסען שטענדיג גרעסער און גרעסער; יוסף פלעגט אויך גאנץ אפט שיקען גרויסע מתנות פאר'ן קעניג און דער קעניגין, פאר זיינע שרים און הויף-לייט, כדי דאדורך צו פערשטארקען זיין איינפלוס. נאר א קורצע צייט האט מען געקאנט מיינען, אז יוסף'ס גדולה פאלט, און די הצלחה טהוט זיך פון איהם אב; זיין שלעכטע צייט איז אבער באלד אריבער און ער איז ווידער הויך געשטיעגען. — אין יענער צייט האט געקעניגט ביי די סעלעוקידער דער מלך אנטיוכוס, וועלכען די חונפים האבען א נאמען געגעבען „דער גרויסער“ (223—187 פאר דער געוועהנל. צייטרעכ.). אנטיוכוס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער תאוה צו פיהרען מלחמות און האט זיך געטראגען מיט גרויסע פלענער; איהם האט אבער געפעהלט די אויסגעהאלטענקייט, די פעסטיגקייט און די געדולד דורכצופיהרען זיינע פלענער, און דעריבער איז פון זיי גארנישט געווארען. אנטיוכוס האט געזעהן, אז די מלוכה פון די פטאלאמעער איז שטארק אבגעשוואכט געווארען, צוליעב דעם לוסטיגען לעבען, וואס עס האט געפיהרט פילאפאטאר; אנטיוכוס האט דעריבער געוואלט אברייסען סיריען פון מצרים (218 פאר דער געוועהנ. צייטר.). אין זיין ערשטען אנפאל האט ער טאקע געהאט הצלחה, דען די עגיפטער שע פעלדהערען האבען פערראטען זייער קעניג: זיי האבען זיך געלאזט אונטערקויפען דורך אנטיוכוס און איבערגעגאנגען צו איהם, איבערגעבענדיג איהם זייער ארמעע און פיעל שטעדט אין סיריען און פעניקיען. אויך שומרון האט אנטיוכוס איינגענומען. דערנאך האט ער זיך א לאז געטהון איבער די איבריגע שטעדט פון קאנט און האט איינגענומען פילאטעריא און סקיטאפאליס. די שטאדט רבה אין עמון האט זיך איהם געשטעלט ענטקעגען און נישט געוואלט אריינלאזען זיין ארמעע, אבער ער האט זי איינגענומען אין שטורם. נאר דאס לאנד יהודה און ירושלים, וואס האט זיך געפונען אונטער יוסף'ס פערוואלטונג, איז געבליבען געטריי דעם קעניג פון מצרים. ווי לאנג אבער האט זיך יוסף געקאנט האלטען געגען דעם גבור אנטיוכוס? און ווען אנטיוכוס זאל אויף יוסף'ן אנפאלען, וואס פאר א מאכט האט ער געהאט צו שטעלען זיך געגען איהם? אנטיוכוס האט זיך דערווייל שטארק בעוואפענט און איז אריינגעקומען אין לאנד פאלעסטינא ביז דער שטאדט עזה און דעם ארט ראפיא. ערשט איצט האט זיך פילא-

פֿאַטאַר עטוואָס אויסגעגליכטערט, צוזאַמענגענומען זיינע מחנות און אַרויסגעגאַנגען געגען דעם פֿיינד, וועלכען ער האָט בעגעגענט ביי ראַפֿיא. דאָרט האָט אנטיוכוס געהאַט אַזאַ געוואַלדיגע מפּלה, אַז ער האָט געמוזט ענטלויפֿען אין זיין הויפּט־שטאָדט אַנטיאָכיען און אָבגעבען צוריק אַלע שטעדט, וועלכע ער האָט שוין געהאַט איינגענומען. צוליעב דעם דאָזיגען נצחון איז מצרים ווידער געבליבען ביי איהר מאַכט, און יוסף, וועלכער האָט זיך פֿעסט געהאַלטען די גאַנצע צייט פֿון די מלחמות אין זיין געטריישאַפֿט צו מצרים, איז איצט נאָך מעהר חשוב געוואָרען ביי פֿילאָפּאַטאָר, און זיין לאַגע האָט זיך געשטאַרקט.

דורך יוספֿ'ן און זיין פֿערבינדונג מיט פֿילאָפּאַטאָר'ס הויף־לעבען איז אַריינגעטראָטען אויך אַ טיעפֿע פֿערענדערונג אין לעבען פֿון אידישען פֿאָלק; אויפֿ'ן לאַנד, אין די דערפֿער און קלענערע שטעדט איז דאָס נישט אַזוי שטאַרק קענטיג געווען, אָבער אין די גרעסערע שטעדט, בעזונדערס אין ירושלים, האָט מען שוין דאָס געשפּירט גאַנץ גוט. דורך דער גרויסער עשירות, וועלכע יוסף האָט אָנגעזאַמעלט אין זיינע אַרענדעס, האָט אין יהודה אָנגעהויבען גאַנץ איינפֿאַך צו רעגענען מיט גאָלד. יוסף האָט דערהויבען דאָס פֿאָלק פֿון זיין אָרימען צושטאַנד צום וואוילשטאַנד. כדי איינצומאָהנען די אָבצאָהלונגען אין אַזוי פֿיעל שטעדט, האָט ער געברויכט צו האָבען פֿיעל בעאַמטע, אויף וועלכע ער זאָל זיך קאָנען פֿערלאָזען. די דאָזיגע בעאַמטע האָט ער, נאַטירליך, אָמבעסטען גענומען פֿון אייגענעם פֿאָלק. די אידישע בעאַמטע זענען דאַדורך אַלע זעהר רייך געוואָרען און דערמיט אויך שטאָלץ און האָפֿערדיג.

די גרעסטע עשירות, וועלכע יוסף האָט, כמעט ווי איבער נאַכט, בעקומען, דאָס אָנזעהען, וועלכעס ער האָט געהאַט אין'ם קעניגליכען הויף, די כהנה זעלנער, וועלכע ער האָט אַרום זיך געהאַלטען און דורך וועלכער ער האָט געוואָרפֿען אַן'אימה אויף די פֿערשיעדענע פֿעלקער אין פֿאַלעסטינאַ — אויף דעם רעשט פֿון די אַמאָליגע פלשתים, אויף די אדומים, אויף די פֿעניקיער און אפילו אויך אויף די גריכיש־מאַקעדאָנישע קאָלאָניעס, — דאָס אַלץ האָט געגעבען איהם און זיינע מקורבים אַ זעלבסט־געפֿיהל פֿון גדלות, און אפילו דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק האָט זיך דערשפּירט פֿרייער און וועניגער געדריקט אין דער בעציהונג צו די אַרומיגע שכנות'ע פֿעלקער. פֿון דער פֿריהערדיגער אידישער עניוות און נידערגעשלאָגענקייט, איז שוין איצט קיין שפּור נישט געבליעבען. די אידען, וועניגסטענס, די איינוואָהנער פֿון ירושלים, האָבען דורך די אָפֿטע בעציהונגען מיט די גריכען בעקומען אַ ברייטערען קוק אויף דער וועלט; זיי האָבען שוין איצט בעטראַכט זאַכען און געשעהענישען, דאָס לעבען מיט זיינע בעדערפֿענישען מיט אַנדערע אויגען, ווי פֿריהער און זייער ענג וועלטיל. קודם כל האָט זיך ביי זיי

ענטוויקעלט דער פערשטאַנד פאַר דער שעהנהייט און דאָס געפיהל פאַר
דער קונסט. אידען האָבען אָנגעהויבען צו בויען שענער זייערע וואָה-
נונגען; זיי האָבען אויך איבערגענומען ביי די גריכען די מאָלעריי-
קונסט. אַ גרויסען איינפלוס האָבען אויך געהאַט אויף די אידען אין
ארץ ישראל די אידען פון אַלעקסאַנדריען, וועלכע האָבען שוין הונדער
הונדערט יאָהר דאָרט געוואָהנט און זיך העלעניזירט, ווענינסטענס, אין
זייער אויסערליכען לעבען; איצט זענען זיי געקומען אין נאָהענטע בע-
ציהונגען מיט די אידען פון ארץ ישראל, וועלכע יוסף האָט געהאַט
אַרום זיך אין מצרים, און זיי האָבען זיי בעקענט געמאַכט מיט'ן גרי-
כישען לעבען און די גריכישע מנהגים. אָבער, אוים אידען האָבען פיעל
גוצען געהאַט דערפון דורך דעם פערפיינערען זייער געשמאַק און אָנ-
נעהמען די שענערע פאָרמען פון לעבען, האָבען זיי דערביי אויך פיעל
פערשפילט. פערליערענדיג זייערע אַלטע איינפאַכע מדות טובות
און מנהגים. דאָס אידישע פאָלק האָט אין ארץ-ישראל, אין זיין אָבגעזונ-
דערט לעבען, נאָר וואָס בעוויזען צו בעפרייען זיך פון די אזיאַטישע
פעהלערען און פון די גראָבע מדות, וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון
די פרעמדע אזיאַטישע פעלקער, זייענדיג געצוואונגען, צו שטעהן מיט
זיי אין נאָהנטער בעציהונג פאָליטיש און געזעלשאַפטליך, כמעט לעבענדיג
מיט זיי צוזאַמען. איצט זענען זיי צוזאַמענגעשטויסען געוואָרען דורך די
אומשטענדען מיט די גריכען, און האָבען פון זיי אָבגעלערנט אַ פער-
פיינערטע מאָראַלישע פערדערבונג.

די רייכע אויפגעקומענע אידען האָבען פערלוירען זייער אלטען באַ-
דען אונטער זיך און נישט געוואוסט, ווי אזוי צו האַלטען זיך. נישט דער-
רין איז נאָך געלעגען דאָס אונגליק, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען בע-
טראַכטען דאָס געלד פאַר'ן הויפּט-צוועק אין לעבען און עס האָט זיי
אָנגעהויבען צו ציהען צום געלדמאַרק בעסער, ווי צו אַנדערע נאַטירליכערע
בעשעפטיגונגען, נאָר דערין, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען צו שטאַרק צו
בעוואונדערען דאָס גריכישע לעבען און נאָכטהון די גריכען, ווי די מאָל-
פעס, אין יעדער הינזיכט. אזוי אַרום האָבען זיי איבערגענומען די גרי-
כישע לייכטזיניגע מדות מיט זייער אויסגעלאַסענעם לעבען און מבטל
געמאַכט די איינענע היימישע איינפאַכקייט, צניעות און ציכטיגקייט. די
גריכען האָבען געליעבט פריהער פאַר אַלץ דאָס לעבען אין דער געזעל-
שאַפט, די מאָהלצייטען אין גרויסע כנופיות מיט אַן אויסגעלאַסענער
פרעהליכקייט דערביי. עס איז, דאַכט זיך, געווען אַ גאַנץ אונשולדיגע
זאַך, ווען די אידען האָבען דאָס ביי זיי איבערגענומען און האָבען אָנגע-
הויבען איינצואָרדנען מאָהלצייטען, ביי וועלכע זיי פלעגען זיצען דערביי
נישט ביי טישען, נאָר זיי פלעגען ליעגען זאַלבעדריט אויף וויינכע
בעטען, טרינקענדיג דאָס ווין און זינגענדיג לידער ביי'ם קלאַנג פון

דער מוזיק. דערביי האָבען די אידען אָבער זיך נישט אָבגעשטעלט. מען האָט זיך משמח געווען נישט לאַנג אויף אַ גאַנץ אוּנשולדיגען אופן, מען האָט זיך פיעל מעהר אַלץ שטאַרקער געלאָזט אריינציהען אין׳ם שטראָם פון די ווילדע פערגעניגענס. טוביה׳ס זוהן, יוסף, פלעגט אָפט קומען אין קעניגליכען הויף, וועןזיינע געשעפטען האָבען איהם געבראַכט קיין מצרים. דער דאָזיגער הויף איז אָבער געווען אַן׳אמת׳ער זומפּ פון אַלער־ליי אויסגעלאַסענהייטען. די טעג פלעגט מען דאָרט פערברענגען אין אַלער־ליי צולאָזענע מאָהלצייטען און שכרות, און די נעכט — אין די שענדליכסטע זנות־טרייבערייען, וועלכע מען האָט געפיהרט גאַנץ עפענטליך אָהן קיין שום בושה, נישט בלויז אין קעניגליכען הויף, נאָר אויך אין דער אָרמער און אין׳ם בירגערליכען פאָלק. פילאָפּאַטאָר איז געפאַלען אויפ׳ן לעכערליכען איינפאַל צו ערקלערען, אַז ער שטאַמט פון׳ם אָבגאָט דיאָני־זאָס אָדער באַקכוס, און דעריבער האָט ער געמיינה׳ט, אַז ער איז מחויב צו פערברענגען זיין צייט אין שכרות; צוזאַמען מיט דער שכרות זענען, פערשטעהט זיך, געגאַנגען איבריגע אויסגעלאַסענהייטען. ווער עס האָט נאָר געוואָלט געפינען חן ביי׳ם קעניג און זיינע שכור׳ע חברים, האָט געמוזט אַנטייל נעהמען אין׳ם ווילדען אויסגעלאַסענעם לעבען ביי די מאָהלצייטען לכבוד דעם אָבגאָט דיאָניזאָס.

ווען יוסף פלעגט קומען קיין אַלעקסאַנדריען, פלעגט ער אויך איינגעלאַדען ווערען צו די קעניגליכע מאָהלצייטען לכבוד דעם אָבגאָט דיאָניזאָס. אין איינעם פון אַזעלכע מאָהלצייטען האָט ער זיך פערליעבט אין איינער פון די אויסגעלאַסענע טענצערינס, וועלכע פלעגען, געוועהנליך, נישט פעהלען אויף דעם קעניג׳ס מאָהלצייטען, וואו זיי פלעגען עפענטליך און אונפערשעמט פיהרען זייער אונציכטיגקייט. יוסף האָט וועגען זיין תאוה צו דער דאָזיגער פרוי דערצעהלט זיין ברודער שלום, און געבעטען איהם, צו העלפען ברענגען צו איהם בשתיקה די טענצערין. עפענטליך האָט דאָס יוסף נישט געוואָלט טהון, ווייל ער האָט געשוינט זיין נאָמען ביי אידען, ווען ער איז דאָך געווען אַן׳אייניקעל פון שמעון הצדיק. זיין ברודער, שלום, האָט יוסף׳ן אָבגענאַרט: ער האָט איהם געבראַכט זיין טאָכטער. יוסף איז אַזוי פערשעמט געוואָרען שפּעטער פון דער זאַך, אַז ער האָט מיט זיין ברודער׳ס טאָכטער חתונה געהאַט. דער דאָזיגער פאַקט אַליין בעווייזט שוין אָבער אויך, ווי שטאַרק די אויסגעלאַסענהייט איז שוין דאַמאָלס אַריינגעדרונגען ביי אידען. יוסף איז דאָך געווען ביי אידען אַ נשיא און דערצו אַ פאָטער פון זיעבען קינדער און פונדעסטוועגען האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט אַזעלכע מעשים.

יוסף איז אָבער שוין נישט געווען קיין יחיד אין דער הינזיכט ביי אידען. די גריכישע תאוות, זייער שכרות און מאָראַלישע פערפוילטקייט זענען שוין דאַמאָלס געווען גאַנץ היימיש אויך אין ירושלים. יוסף מיט

זיינע חברים האָבען פערשלעפּט די גאַנצע גריכישע אויסגעלאַסענהייט פון
אַלעקסאַנדריען קיין ירושלים; ער האָט געבראַכט דעם דיאָניזאָס-קולט פון
אַלעקסאַנדריען קיין ירושלים, כדי צו געפינען חן ביי'ם קעניג פילאָפּאַ-
טאָר, וועלכער איז געווען זעהר אַ שטאַרקער אַנהענגער פונ'ם דאָזיגען
קולט. די גריכען פלעגען איינאָרדנען אַ גרויסע חגא פאַר'ן אָבגאָט דיאָ-
ניזאָס, אָדער אַ „פעסער-פייערונג“ סוף ווינטער און אָנהויב פריהלינג,
ווען דער ווינשטאָק הויבט אָן צו בליהען און דער ווין פון פאָריגען יאָהר
הויבט אָן אין די פעסער צו געהערען צום צווייטען מאָל. די דאָזיגע
חגא פלעגען די גריכען מאַכען מיט גרויס פּאַראַד און אויסגעלאַסענהייט.
צוויי טעג נאָכאַנאַנד פלעגט מען שכור'ען מיט גרויס שמחה, פריינד
פלעגען שיקען איינער דעם אַנדערען מתנות—פלעשער ווין. מען פלעגט
אויך איינאָרדנען קאָנקורסען פאַר שכרות: ווער עס האָט בעוויזען אויס-
צוטרינקען מעהר ווין, יענעם האָט מען געהאַלטען פאַר אַ מנצח. די
דאָזיגע „פעסער-פייערונג“ פאַר'ן אָבגאָט דיאָניזאָס האָט מען איינגע-
פיהרט אויך אין ירושלים און אין גאַנץ יהודה. וואַהרשיינליך, האָט עס
דער ערשטער איינגעפיהרט יוסף און זיינע גיטער, וואו ער האָט געהאַט
פיעל ווינגערטנער. אַזוי אַרום האָט מען אין ארץ-ישראל אָנגעהויבען צו
פייערען די צוויי טעג פון דיאָניזאָס, אין קלענערע קרייזען און
בּיסלעכווייז אַלץ אין גרעסערע. מען פלעגט נאָכטוהן די גרויסע גריכי-
שע שררות און שיקען ווין-מתנות צו די פריינד. כדי אָבער צו געבען
דעם דאָזיגען יום-טוב אַ אידישען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, פלעגען די
רייכע אידען שיקען „מתנות לעניים“ — מען פלעגט פיעל אויסטיילען
מתנות פאַר אָרימע לייט. די אויסגעלאַסענהייט איז אָבער די שטענ-
דיגע בעגלייטערין פון דער שכרות. די אידישע עשירים, די פּלוטאָ-
קראַטיע, האָט באַלד פערגעסען אינגאַנצען יעדע מאָס פון צניעות און
בושה, מען האָט אָנגעהויבען נאָכצוטוהן די גריכען אין דער גאַנצער
וואָנציכטיגקייט, איינפיהרענדיג אויף די מאָהלצייטען טענצערינס, זינ-
גערינס און זנות-מיידלעך. איינער פון די דאַמאָלסטיגע דיכטער האָט
דערהויבען זיין שטימע געגען דער אויסגעלאַסענהייט און געוואָרענט
די מענשען פון זיין צייט אין פאָלגענדע ווערטער:

„פון דער שאַנד-פרוי שטעה פון ווייטען,
„מייד נאָר אוים איהר נעץ בעצייטען;
„געה פערשייטע זינגערינס נישט הערען,
„זייער קונסט וועט דיר אין עהרליך לעבען שטערען.
„שענק דער קדשה נישט דיין לעבען,
„דען מיט שאַנד וועט זי דיך אַרומוועבען“.

מיט די גוטע און שענע זאַכען, וואָס יוסף האָט גענומען ביי די
גריכען — מיט דער קונסט און מיט'ן פערפיינערטען געשמאַק, האָט

ער אויך אַרײַנגעבראַכט אַן׳אמת׳ע איבערקערעניש אין די מוחות זײַן אין די הערצער בײַ אידען. אפילו גאַנץ ערנסטע אידען זענען אינטער׳ן גריכישען אײַנפלוס אַרײַנגעפאַלען אין ספקות וועגען דער ריכטיגקײַט פון די אַלטע אידישע איבערצײַגונגען: מען האָט זיך אָנגעהויבען פרעגען, אויב אַלץ, וואָס דאָס אידענטום לערנט, בעפעהלט און פערבאָט, איז טאַקי באמת גוט און נוצליך פאַר׳ן מענשען, טאָ צי פערלאַנגט דען גאָט באמת פונ׳ם מענשען, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון גענוסען פרעהליך און אָנגענעהם דאָס לעבען? מען איז געגאַנגען נאָך ווײַטער: מען האָט דערוועקט די פראַגע וועגען „השגחה פרטית“, דאָס הײַסט: צי איז בכלל אמת דאָס, וואָס די פרומע אידען לערנען, אַז גאָט איז אַ שטרענגער משגיח אויף דער גרויסער וועלט בכלל און אויף דאָס קלײַן וועלטעל פונ׳ם מענשען און זײַנע פּריוואַטע אינטערעסען בפרט? אין יענער צײַט איז שטאַרק געווען אָנגענומען אין אַלעקסאַנדריען עפּי־קור׳ס *) לעהרע, וועלכע ערקלערט, אַז עס איז בכלל נישט קײַן זיכערע זאַך, דאָס די גאָטהײַט עקזיסטירט, און אויב זי עקזיסטירט יאָ, בעשעפטיגט זי זיך גאַרנישט מיט דער וועלט און מיט׳ן מענשען, און דאַ־דורך גופא לערנט זי אויך דעם מענשען, נישט צו בעשעפטיגען זיך מיט זײַטיגע ענינים, נאָר צו לעבען אַ גוטען טאָג און צו זוכען, וואָס מעהר פערגעניגען — אַט די לעהרע פון גריכישען פילאָזאָף האָט זיך פערשפרײַט פון אַלעקסאַנדריען אין דער גאַנצער אויסגעלאַסענער גרי־כיש־מאַקעדאָנישער וועלט און פון דאָרט איז זי אויך אַרײַנגענומען גע־וואָרען מיט איהר גאַנצען פערדערבליכען אײַנפלוס אין ירושלים. אויך דאָ האָט מען אָנגעהויבען שטאַרק נאָכצוטראַכטען, אויב עס איז בכלל פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, און אויב עס לוינט אָבצוזאָגען זיך פון אַלע אויסגעלאַסענע פערגעניגענס. די ספקות אין גאָט האָבען, נאַטיר־ליך, געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אויך אויפהערען צו שעצען און טײַער האַלטען די אידישע תורה און די אידישע נאַציאָנאַלע מדות.

מעגליך, אַז די שטרעבונג צום דענקען און פערטיעפען זיך אין וועלט־פּראָבלעמען וואָלט געפיהרט דעם אידישען געדאַנק ווײַטער און העכער, ביז ער וואָלט אויסגעאַרבײַט אַ גאַנצע אידישע פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס וואָלט אַרויסגעטראָטען ג ע ג ע ן דער גריכישער; צום אונגליק האָט זיך אָבער צוזאַמען מיט דער אַרײַנגעבראַכטער אויס־געלאַסענקײַט אויך אָנגעהויבען אַ העסליכע מחלוקת שוין כלל נישט וועגען מאָראַלישע ענינים און פראַגען. צווישען די זיבען זיהן, וואָס יוסף האָט געהאַט פון זײַן ערשטעס ווײַב, און דעם אַכטען, הורקנוס (הירקא־

*) עפּיקור — גריכישער פילאָזאָף, געבוירען אין יאָהר 337 פאַר דער [illegible] צײַטרעכנונג. אין אַ קלײַן שטעדטיל נעבען אַטען.

נאַס), וועלכען עס האָט איהם געבאָרען זיין ברודער שלום'ס טאָכטער
אויף זעהר נישט קיין שענעם אופן, ווי עס איז פריהער דערמאָנט ניך
וואָרען, האָט אויסגעבראָכען קנאה און שנאה, וואָס האָט זיך זעהר
פערשטאַרקט, צוליעב דער פאָלגענדער געשעהעניש: דער אינגסטער
הורקנוס האָט זיך פון זיין יוגענד אויסגעצייכענט דורך זיין געשיקט
קייט, פערשטענדיגקייט און הינטערקייט, און דאַדורך איז ער געווען
דער געליעבטעסטער זוהן ביי זיין פאָטער. ווען הורקנוס איז אויסגעוואַק
סען, זיך ענטוויקעלט און געוואָרען אַ שענער יונגערמאַן, איז אויך ביי'ם
פערדאָרבענעם קעניג פילאָפּאַטאָר געבאָרען געוואָרען אַ זוהן אויף דער
עלטער גאָר אונערוואַרטעט (210 פאַר דער געוועהנליכער צייט-רעכע-
נונג), וועלכער האָט שפּעטער געהייסען פּטאָלאָמעאוס דער פינפטער
עפּיפאַנעס, און האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין שוואַכקייט. צוליעב
זיין געבורט האָבען די פערטרעטער פון אַלע שטעדט און מדינות פון
צעלעסיריען זיך געאיילט צו קומען קיין אַלעקסאַנדריען צום קעניג און
דער קעניגין מיט גרויסע מתנות און בעגריסונגען. יוסף האָט, נאַטיר
ליך, אויך געדאַרפט קומען מיט מתנות, אָבער ער האָט אַליין נישט גע-
קאָנט מאַכען די רייזע און געבעטען זיינע זוהן, אַז איינער פון זיי זאָל
פאָהרען מיט די מתנות צום קעניג אנשטאָט איהם. אַלע זוהן האָבען
זיך דערפון אָבגעזאָגט, ערקלערענדיג, אַז זיי ווילען אויף זיך נישט נעה-
מען אַזאַ וויכטיגע שליחות, און זיי זענען נאָך אויך ווייניג בעקאַנט
מיט'ן לעבען אין קעניגליכען הויף. זיי האָבען אָבער אנגעוויזען אויף
הורקנוס, אַז ער זאָל די רייזע מאַכען, דען ער האָט דערצו גענוג מוט.
דערביי האָבען די זיבען ברידער געשיקט בשתיקה בריעף צו זייערע
פריינד אין אַלעקסאַנדריען, אַז מען זאָל דאָרט זייער ברודער הורקנוס
פערדערבען און אַבריימען ווי עס איז פון וועג. דער יונגער הורקנוס
האָט אָבער בעוויזען געשווינד צו ווערען אַ חשוב און אַ געליעבטער
ביי'ם קעניג און ביי די הויפלייט. דורך די שענע מתנות, וואָס ער האָט
געבראַכט — הונדערט שענע שקלאַפען פאַר'ן קעניג און אויך אַזוי פיעל
שקלאַפינס פאַר דער קעניגין, וואָס יעדער פון זיי האָט דערלאַנגט דעם
קעניג און דער קעניגין אַ טאַלענט גאָלד — דורך די דאָזיגע מתנות האָט
הורקנוס אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז ער איז אַריבערגעשטיגען אַלע
איבריגע געסט מיט זייערע מתנות און געשטעלט זיי אין שאָטען.
הורקנוס איז איינגעלאַדען געוואָרען צום קעניגליכען טיש, און דורך
זיין פערשטענדיגקייט, דורך זיינע קלוגע און וויציגע ענטפערען, ווי אויך
דורך זיין שענעם בענעהמען זיך, האָט ער גאָר בעצויבערט דעם מלך מיט
דער מלכה און איז געוואָרען ביי זיי אַ גאַנצער בן-בית. שטאָלץ, ווי
אַ מנצח, איז הורקנוס געפאָהרען צוריק אַהיים קיין ירושלים. זיינע
ברידער האָבען איהם אָבגעוואַרט אויפ'ן וועג, כדי איהם צו דער'הרג-
ענען, אָבער ער האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט מיט זיינע ביי

גלייכער זיך פערשטאנען צו פערטיידיגען אין קאמפף. הורקנוס איז דא אויך געוועזען דער מנצח און האט דער'הרג'עט צוויי פון זיינע ברידער. ווען הורקנוס איז צוריקגעקומען פון אלעקסאנדריען, האט איהם דער פאטער אויפגענומען מיט א פינסטער געזיכט, ווייל ער האט פער־שווענדעט צופיעל געלד אין אלעקסאנדריען. הורקנוס האט דערזעהן, אז פאר איהם איז אין ירושלים שוין מעהר קיין ארט נישטא און האט, ווי עס שיינט, אומגעקעהרט זיך צוריק קיין אלעקסאנדריען.

די שפאלטונג אין יוסף'ס הויז און די מחלוקת, וואס איז מיט איהר געוועזען פערבונדען, האט נאך דערווייל נישט אנגעריהרט דאס אידישע פאלק, אדער בעסער: די איינוואהנער פון ירושלים. דאס איז נאך געבליבען א פריוואט־זאך אין יוסף'ס משפחה. אין ירושלים האט זיך נאך קיינעם אייפ'ן מוח נישט געלעגט, אז דעם אידישען פאלק זאל פארשטעהן א גרויס אומגליק פון אט דער מחלוקת, ווי אויך דער־פון, וואס יוסף'ס הויז איז אזוי שטארק ערגעבען דעם גריכישען לעבען און דער גריכישער אויסגעלאסענקייט. דערהוייל האט מען געזעהען נאר די ליכטיגע זייטען פון דער נייער שטרעמונג. דאס לאנד יהודה האט פאר'ן איצטיגען מאמענט זיך געלעבט רוהיג און צופריעדען. אין לאנד האט געהערשט וואוילשטאנד, די מטבע איז געוועזען ביי אלעמען בנמצא, און דאס האט געגעבען די מעגליכקייט, צו פערשענערן דאס לעבען. די פעלקער ארום ארץ ישראל, וועלכע האבען זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זעהר א שטארקער שנאה צו אידען, האבען זיך געמוזט בויגען פאר יוסף'ן און נישט געוואגט צו בעציהען זיך צו אי־דען מיט פעראכטונג, ווי פריהער. אזא צושטאנד, אזא בכבוד'יג לע־בען, האט דאס לאנד יהודה שוין נישט געזעהען פון נחמיה'ס צייטען אן. די דאזיגע אויסערליכע רוהיגקייט איז אבער געוועזען פערבונדען מיט דער אויסגעלאסענהייט, וואס איז פערשלעפט געווארען פון די גריכען און האט זיך אלץ מעהר פערשטארקט. די איינפאכע אידישע מדות, די אידישע צניעות האט אנגעהויבען פערשווינדען, און די פרימערע און נאציאנאל־געזאנענערע אידען האבען נישט געהאט קיין מאכט צו ווירקען געגען דעם, ווייל די מאכט איז פאקטיש געוועזען אין די הענד פון יוסף'ס אנהענגער. די פרימערע אידען האבען נאר געקאנט ווירקען אויפ'ן פאלק דורכ'ן ספר, און אט דערייבער האט מען פערעפענט־ליכט אין יענער צייט אנ'אלטען און איינצ נייעם אידישען ספר, וואס האט געדארפט צוציהען דאס הארץ פון פאלק צו דער אידישער צניעות, צום אידישען משפחה־לעבען און צו דער ריינער ליעבע, וואס הערשט אין איהם. דער דאזיגער ספר איז געוועזען דער אלטער אידישער „שיר השירים", וואו עס איז אבגעמאלט מיט שענע און ערהאבענע שטריכען די צילטונגע ליעבע און ערגעבענהייט פון דער אידישער פרוי פאר איהר „פריינד", וועלכען זי ליעבט מיט איהר גאנצער ריינער נשמה און וויל

קיין אנדערן נישט קענען, אויסער איהם אליין. דאס פערפענטליכען דעם דאזיגען ספר האט געדינט פאר א שטילען, אבער שארפען פראטעסט געגען דער גאנצער גריכישער וועלטאנשויאונג מיט דער גריכישער אויסגעלאסענקייט. אנשטאט דער שכרות מיט די שטורמישע ליידענשאפטען, אנשטאט דעם שטענדיגען הוליען „מיט די מיידלעך און מיט קעפס-ווייבער אהן א צאהל", ווערט אין „שיר השירים" בעזינגען דאס שטילע לעבען אין דארף צווישען די וויינגערטנער און פעלדער, בעדעקט מיט רויזען, אדער ביי די שטילע פאסטוכער, וואס פיהרען זייער שאף אויף דער פאשע ארום די קלארע קוואלען וואסער. דאס אידישע הארץ גלוסטעט נישט נאך פיעל אויסגעלאסענע פרויען, עס ליעבט איין-איינציגע, ערגעבען און איבעיג: „(עס האט איינער) זעכציג קעניגינס, אכציג קעפס-ווייבער און יונג-פרויען אהן א שיעור; מיין טייבעלע אבער איז מיר איינציג און געטריי, זי איז א קינד פון איהר מוטערס ליעבע, א גליקליכע פריינדין פאר איהרע חבר'טערינס, אפילו די אויסגעלאסענע פרויען מוזען איהר לויבען און זאגען: זי איז ציכטיג, ווי דער מארגענשטערען, שען, ווי די לבנה, קלאר און ריין, ווי די זון". און געגענשטעל צו דער גריכישער פרוי, וועלכע יאגט זיך אלע טאג נאך נייע ליעבהאבערס, זינגט דער אידישער דיכטער וועגען שולמית — א יונגע צארטע נשמה, וואס פאשעט איהר שאף אויף די גרינע, פרישע פעלדער און טראגט טיעף אין הארצען די געשטאלט פון איהר געליעבטען, וואס פאשעט זיינע סטאדעס „אונטער די ליליען". און שען איז זי, די אידישע שולמית: איהר שטימע איז בעצויבערענד, איהר שפראך איז זיס, ווי האניג, יעדע בעוועגונג איהרע איז פול מילדקייט, ליעבליכקייט און חן, זי איז איינגאנצען, ווי א ריינער פרישער קוואל וואסער, וואס גיעסט זיך ארוים פון די הויכע בערג אין א בלומען-גארטען. שולמית ליעבט איהר „פריינד" מיט'ן גאנצען פייער פון איהר יונגען הארצען, אבער אט די ליעבע הוט איהר אב פון יעדער אונציכטיגער בעוועגונג, פון יעדען אונריינעם געדאנק. ווי איהרע טויבען-אויגען, אזוי איז אויך איהר טויבען-אונשולד.— אויפ'ן גאנצען ליעד „שיר השירים" איז אויסגעגאסען א חן פון דער אלטער אידישער צניעות מיט פרישער קראפט פון יוגענד, וועלכע ליעבט דאס לעבען און זוכט אין איהם דאס ריינע און ציכטיגע, דאס ערהאבענע און אידעלע. די זעלטען שענע שפראך, די רייכע פאעזיע, די וואונדער-שענע בילדער, מיט וועלכע דער „שיר השירים" איז בעפוצט מיט א פערשווענדערישער רייכקייט, ווי אויך די טיעפע דיכטערישע רוהיגקייט, וועלכע בען שפירט דא ביי א פייערדיגען טעמפעראמענט—דאס אלץ בעווייזט, אז דער „שיר השירים" בעהערט זיהר א'אלטער עפאכע, מעגליך, דער עלטסטער פון דער אידישער דיכטונג. דאס פערעפענטליכען און פערשפרייטען צווישען פאלק אזא ספר דוקא אין דער צייט, ווען עס האט זיך צרינגערוסען און אר

דישען לעבען די אויסגעלאסענקייט פון דער ווילדער גריכישער פרוי מיט איהר יאגען זיך נאך דעם רוישענדען לעבען פון די מאנסבילען אין די גרויסע שטעדט, מיט זייער שכרות און פערשייטקייט — איז געווען א גליקליכער געדאנק, וועלכער האט, בלי ספק, אבגעצויגען א גרויסען טייל פון דער אידישער יוגענד פון דער דאמאלדיגער אלגעמיינער אויסגעלאסענקייט ארום די שכור'ע טישען מיט די זיסע מאהלצייטען און דער געזעלשאפט פון שאנד־פרויען.

מיט א ספר קאן מען אין בעסטען פאל נאר ערציהען א פאלק, אבער עס איז א שוואכע סגולה, ווען די פערדארבענקייט האט זיך שוין אריינגעריסען אין לעבען. אזא פאל איז איצט אויך געווען אין ארץ־ישראל: די אינערליכע צובראכענקייט און צוריסענקייט האט זיך פערשטארקט אלץ מעהר, בעזונדערס נאכ'ן טויט פון שמעון הצדיק'ס אייניקעל, יוסף, טוביה'ס זוהן (248 פאר'ן חורבן בית שני). ווי עס שיינט, האבען יוסף'ס זיהן איבערגענומען די ארענדע אויף די שטייערען נאך זיין טויט; די מחלוקת און די שנאה האט צווישען זיי זיך פערשטארקט, און דערצו זענען נאך אויך צוגעקומען פאליטישע פערוויקעלטע געשעהענישען, וועלכע האבען די לאגע פיעל פערערגערט. צוליעב דעם, וואס הורקנוס, יוסף'ס איננגסטער זוהן, איז געווען דער איינציגער, וועלכען מען האט פון יוסף'ס זיהן געקענט אין קעניגליכען הויף אין אלעקסאנדריען, און ער איז אויך געווען זעהר געליעבט ביי'ם קעניג, קאן מען זיך משער זיין, אז פטאלאמעאוס האט איהם איבערגעגעבען די אויבערמאכט איבער אלע ארענדעס אנשטאט זיין פאטער. דאדורך אבער האט זיך נאך פערגרעסערט געגען איהם די שנאה פון זיינע ברידער. ווען הורקנוס איז געקומען קיין ירושלים, כדי איבערצונעהמען די פערוואלטונג פון די ארענדעס, זענען די ברידער ארויסגעטראטען געגען איהם עפענטליך און בעוואויגען פיעל ירושלים'ער איינוואהנער צוצושטעהן צו זיי, כדי צו קעמפפען געגען הורקנוס מיט געוואלד און ארויסטרייבען איהם פון שטאדט. הורקנוס האט אבער אויך פערשטאנען צו געווינען פריינד אין ירושלים, און אזוי ארום האט זיך די ירושלים'ער בעפעלקערונג צוטיילט אויף צוויי פארטייען, וועלכע האבען אהן אויפהער געקעמפפט איינע געגען דער אנדערער, און עס איז שיער נישט אויסגעבראכען א אינערליכע ברידערליכע מלחמה. דעם ערשטען ארויסטריט האט געמאכט דער כהן־גדול, שמעון דער צווייטער, דער זוהן פון חוניו דעם צווייטען, וועלכער איז געווען די סבה פון יוסף'ס דערהויבונג. שמעון דער צווייטער האט זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון יוסף'ס זיהן געגען הורקנוס, און דאדורך האט זייער פארטיי זיך אזוי געשטארקט, אז הורקנוס האט זיך שוין מעהר נישט געקאנט האלטען אין ירושלים און ער איז, ווי עס שיינט, ווידער אוועקגעגאנגען קיין אלעקסאנדריען, כדי דארט צו קלאגען זיך אויף זיינע ברידער. אבער אויך דא האט ער גארנישט געקאנט אויפטוהן, וויל באלד

נאָכדעם איז געשטאָרבען זיין בעשיצער פֿילאָפּאַטאָר (206 פֿאַר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג), און אין מצרים האָבען זיך אָנגעהויבען צוליעב דעם גרויסע אונרוהען. פֿילאָפּאַטאָר האָט איבערגעלאָזען אַ פֿינף־יעהריגען זוהן, וועלכער האָט נאָך איהם געדאַרפֿט פֿערנעהמען דעם טהראָן, מיט'ן נאָמען פּטאָלאָמעאוס דער פֿינפֿטער, עפּיפֿאַנעס. צוליעב זיין יונגקייט האָבען די מאַכט איבער מצרים פֿערהאַפּט פֿערדאָרבענע מענשען, וועלכע האָבען דאָדורך גאָר אָבגעשוואַכט די מלוכה. די שוואַכקייט פֿון מצרים האָבען אויסגענוצט צוויי שטאַרקע מלכים, כדי צו דערשטיקען זי: אַנטיוכוס דער גרויסער פֿון סיריען און פֿיליפּ פֿון מאַקעדאָניען.

יוסף'ס עלטערע זיהן, אָדער ווי מען האָט זיי איבעראַל גערופֿען, טוביה'ס זיהן, האָבען באַלד בעשלאָסען, צוליעב זייער שנאה צום ברודער הורקנוס און דעם קעניגליכען הויף פֿון אַלעקסאַנדריען, וועלכער האָט איהם געשטיצט, צו שטעלען זיך אויפֿ'ן צד פֿון אַנטיוכוס און דערוועקען דאָס פֿאָלק אָבצופֿאַלען פֿון מצרים. טוביה'ס זיהן האָבען צו דעם צוועק איינגעאָרדענט אין ירושלים אַ נייע פּאַרטיי — די סעלעוקידישע. אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור ווערען טוביה'ס זיהן געשילדערט אַלס פֿערדרעטער און פֿערווילדעטע מענשען, און זיי האָבען זיך טאַקי אַרויסגעוויזען שפּעטער, אַלס מענשען אָהן קיין שום פֿאָלקס־יושר, וועלכע האָבען געבראַכט פֿאַר אַ קרבן דעם ניצען און דאָס גליק פֿון זייער פֿאָטערלאַנד פֿאַר זייער תאוה צו נעהמען נקמה פֿון זייער ברודער און צום בעפֿריעדיגען זייערע געלוסטיגקייטען. זיי האָבען געעפֿענט די טויערען פֿון ירושלים פֿאַר'ן סעלעוקידישען קעניג, אַנטיוכוס פֿון סיריען, און האָבען אָנערקענט זיין הערשאַפֿט איבער יהודה. די געגנערישע פּאַרטיי, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם צד פֿונ'ם קעניג פּטאָלאָמעאוס פֿון מצרים, האָט זיך געמוזט בויגען פֿאַר דער נייער מאַכט, דען מען האָט פֿערניכטעט די, וועלכע האָבען דאָס נישט געוואָלט טהון. די הערשאַפֿט פֿון די פּטאָלאָמעער איבער צעלעסיריען האָט זיך אַלזאָ געענדיגט, נאָכדעם ווי עס האָט געדויערט אַ יאָהר הונדערט (202 פֿאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג). סיריען און אויך דאָס לאַנד יהודה האָט שוין איצט געהערט אינגאַנצען צו די סעלעוקידען.

נישט אַזוי לייכט האָט אָבער דאָס פּטאָלאָמעאישע הויז געוואָלט אָבזאָגען זיך פֿון דער הערשאַפֿט איבער דער גרויסער מדינה. דער רעגיערונג פֿון מצרים איז געלונגען צוזאַמענצושטעלען אַ גרויסע געדונגענע אַרמעע, וועלכע איז אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון עטאָלישען (Aetoliens) גבור סקאָפּאַס אַרויסגעטראָטען געגען אַנטיוכוס און אין אַ קורצער צייט האָט ער איינגענומען פֿיעל שטעדט אויף ביידע זייטען פֿון ירדן. טוביה'ס זיהן מיט זייער פּאַרטיי האָבען געמאַכט געוואַלדיגע אָנשטרענגונגען צו שטעלען זיך געגען סקאָפּאַס און פֿערטיידיגען געגען איהם די שטאָדט ירושלים, אָבער סקאָפּאַס האָט זיי מנצח געווען. מיט זיינע ווילדע מחנות

האָט ער איינגענומען ירושלים אין שטורם; דערביי האָט ער געמאַכט אין שטאָדט און אין בית־המקדש אַ גרויסען חורבן. פיעל איינוואָהנער, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר אנטיוכוס׳ן, האָט ער געלאָזט אויס׳הרג׳ענען (271 פאַר׳ן חורבן), און אַ טייל איינוואָהנער האָבען זיך געקאָנט ראַטעווען נאָר דורכ׳ן אַנטלויפען. כדי צו האַלטען פעסט אין זיין מאַכט די איבריגע איינוואָהנער פון ירושלים און האָבען אויך אין דער שטאָדט אַ פעסטען אָרט אויף צו פערטיידיגען זיך געגען אַנטיוכוס, האָט סקאָפּאַס אריינגעפיהרט זיין חיל אין דער „בירה“, וועלכע נחמיה האָט אויסגעבויט, אָדער אין דער פעסטונג אַקרא, אין צפון־מערב־זייט פון בית־המקדש. דאַדורך איז אין ירושלים ווידער געשטיגען די פּטאָלאָמעאישע פּאַרטיי. סקאָפּאַס האָט אָבער נישט געקאָנט בעווייזען איינציגעהמען צוריק גאַנץ צעלעסיריען, ווי אויך דאָס לאַנד יהודה לטובת דעם פינף־זעקס־יעהריגען קעניג, פּטאָלאָמעאוס עפּיפאַנעס. אַנטיוכוס האָט איהם געצוואונגען אַנצונעהמען אַ שלאַכט אין שענעם טהאָל אונטער דעם בארג חרמון, נעבען דער בארג־שטאָדט פּאַניאַן, ביי דעם אויסגוס־קוואַל פון ירדן. די מלחמה איז דאָרט געוואָרען אַ געוואַלדיג מערדערישע, און סקאָפּאַס מיט זיין גאַנצען חיל איז דאָרט אומגעקומען. איבער׳ן לאַנד יהודה האָבען זיך ווידער אויסגעגאָסען די אומגליקען פון מלחמה און פון אַ אונערליכען קאַמפּף צווישען ברידער. דאָס עלענדע לאַנד איז דאַמאָלס געווען געגליכען צו אַ שיף, וואָס דער שטורם שלייַדערט אַרום פון איין זייט צו דער אַנדערער. ביידע מלכים, וועלכע האָבען צווישען זיך מלחמה געפיהרט, האָבען דעם לאַנד געמאַכט גרויסע וואונדען. פיעל איינוואָהנער זענען פערקויפט געוואָרען פאַר קנעכט און געפאַנגענשאַפט.

נאָכדעם, ווי אַנטיוכוס האָט איינגענומען אויף יענער זייט ירדן די שטעדט בשן, אבילה און גדרה, און אויף דער זייט — די שטאָדט שומרון, איז ער אונטערגעקומען מיט זיין אַרמעע צו ירושלים. דער בית־דין פון די זקנים, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון פאָלק, און די כהנים זענען איהם אַרויסגעקומען ענטגעגען, האָבען איהם אריינגעבראַכט אין שטאָדט און געגעבען ליעבענס־מיטעל פאַר זיין אַרמעע און זיינע העלפאַנטען, וועלכע ער האָט אַרויסגעשטעלט אין דער מלחמה געגען סקאָפּאַס. די אַרמעע פון סקאָפּאַס האָט זיך אָבער נאָך פעסט געהאַלטען אין דער פעסטונג אַקרא, און אַנטיוכוס האָט זי ערשט געמוזט מיט געוואַלד אַרויסשטויסען פון איהר פּאָזיציע. אַנטיוכוס, אָדער איינער פון זיינע הויפּט־לייט פּטאָלאָמעאוס, דער זוהן פון מעראָפּאַס האָט אונטערגענומען די בעלאַגערונג פון דער פעסטונג, און די איינוואָהנער פון ירושלים זענען איהם דערין בייגעשטאַנען מיט זייער הילף.

ווי מען זעהט פון די שפּעטערדיגע בעפעהלען, וואָס אַנטיוכוס האָט אַרויסגעגעבען, האָט ער געהאַלטען פאַר זעהר וויכטיג די הילף, וואָס אידען האָבען איהם בעוויזען, דען ער האָט בעפוילען זיין הויפּטמאַ

פטאלאמעאוס צו ערקלערען אידען זיין דאנק פאר זייער הילף. דעם בית־המקדש האט ער געהייסען אויסבעסערען צוריק, און ירושלים זאל מען אויפבויען פון דאס ניי, און אויף די דאזיגע בעדערפנישען האט ער גע־הייסען געבען געהילץ פון בארג לבנון. אויך אנדערע שטעדט אין יהודה האט ער בעפוילען צו בעזעצען דורך אידען און שענקען זיי אלע אב־צאהלונגען אין א משך פון דריי יאהר. אויך פיעל פריהייטען האט ער אידען בעוויליגט און זיי ערלויבט צו פיהרען די אינערליכע רעגיערונג, לויט זייערע אייגענע געזעצען. אויסערדעם האט ער פערבאטען די גער־צעדיענער אריינצוקומען אין בית־המקדש, און, צוליעב דעם, וואס אידען פלעגען שטרענג אבהיטען די דינים פון טומאה וטהרה (ריין און אומריין), האט ער בעפוילען, אז קיינער זאל זיך נישט דערוועגען אריינצופיהרען קיין ירושלים נבלות און אומריינע בהמות, אדער בכלל צו האדעווען אין ירושלים און האלטען ביי זיך אומריינע בהמות. ווער עס וועט עובר זיין אויף די דאזיגע פערבאטען, האט געדארפט לויט'ן בעפעהל שטרענג בע־שטראפט ווערען. די כהנים און די לויים, וועלכע דיענען אין בית־המקדש, האט ער אינגאנצען בעפרייט פון אלערליי אבצאהלונגען און בעפוילען צו געבען פיעל געלד פון זיין מלוכה־קאסע אויף קרבנות פאר'ן בית־המקדש, ווי אויך פיעל וויין, מעהל און זאלץ. אלע אידען, וועלכע זענען פריהער גענומען געווארען געפאנגען, האט ער ערלויבט צו קומען צוריק אהיים.

אנטיוכוס איז שוין איצט געבליבען אויף שטענדיג דער הערשער איבער צעלעסיריען און, ממילא, אויך איבער יהודה. ער האט אבער גע־וואלט איינגעהמען גאנץ מצרים, און די זאך איז איהם אויסגעוויזען לייכט אויסגעוויזען, צוליעב דעם גרויסען פרוד, וואס האט געהערשט צווישען די מיטגליעדער פון דער מצרים'ער רעגיערונג, דורך דער יונגקייט פונ'ם מלך. אבער דא האט זיך אנטיוכוס בעגעגענט מיט א נייעם פיינד, אויף וועלכען ער האט זיך גארנישט געריכט. אין יענער צייט האבען שוין די רוימער געהאט איינגענומען די גרויסע פעניקישע שטאדט אין צפון אפריקא, קרתגא, און אויך מנצח געווען זייער גרויסען פיינד, האניבאל; ווערענדיג פריי פון דער זארג אין צפון־אפריקא, האבען זיי אנגעהויבען טראכטען וועגען נייע מלחמות און נצחונות און געווארפען אויך אנ'אויג אויף דער געגענד ארום דעם טייך נילוס. דעריבער האבען זיי ערקלערט אנטיוכוס'ן, אז ער זאל זיך נישט דערוועגען צו געהן אויף מצרים, דען ער וועט זיך דארט בעגעגענען מיט דער רוימישער ארמעע. אנטיוכוס אבער האט זיך בעשלאסען אויך צו פיהרען קריעג מיט די רוימער און, נאכדעם, ווי ער וועט זיי מנצח זיין, האט ער געוואלט געהן איינגעהמען קליין־אזיען און גאנץ גריכענלאנד. כדי צו קאנען זיין זיכער, אז די איינ־וואהנער פון די שטעדט אין קליין־אזיען וועלען איהם בלייבען געטריי, האט ער אריבערגעפיהרט צוויי טויזענד אידישע משפחות פון בבל און

סיריען און זיי בעזעצט אין קליין־אזיען, אין לידיען און פריגיען 268) פאר דעם חורבן בית שני), דען אין די אידען איז ער געווען זיכער, אז זיי וועלען זיך שטעלען געגען די גריכען, וועלכע זענען שטענדיג געווען בערייט צו מאכען נייע אויפשטאנדען און איבערקעהרעניסען. די נייע אידישע קאלאניסטען האט אנטיוכוס געגעבען פאלקאמע רעליגיאנס־פרייהייט און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, ווי אויך גרויסע פריוויליגיעס. די דאזיגע קאלאניסטען־משפחות זענען געווארען דער פונדאמענט פון דעם אידישען ישוב אין די שטעדט אין קליין־אזיען: עפעזוס, סארדעס און פערגאמוס. אין דער דאזיגער נייער היים זענען די אידען הונדערטער יאהרען געבליעבען געטריי ירושלים און דעם בית־המקדש, וועלכע זיי האבען געשטיצט אויך מיט זייער געלד אין דער צייט פון דער נויט.

דעם נוצען, וועלכען די דאזיגע אידישע משפחות האבען געקאנט ברענגען דעם סירישען קעניג אין קליין־אזיען, האט ער אליין פערניכטעט דורך זיינע צו גרויסע פלענער, וועלכע ער האט אויפגעטהון. צו פיהרען מלחמה מיט די רוימער, וועלכע זענען שוין דאמאלס געווען זעהר מעכטיג, איז געווען איבער זיינע כחות. אין בעסטען פאל אפילו, ווען ער וואלט אבגעהאלטען א דערוויילינגען נצחון, וואלט ער איהם אויף לאנג קיין נוצען נישט ברענגען, ווייל דער רוימישער סענאט האט אין אזעלכע פאלען קיינמאל נישט נאכגעגעבען, און פריהער, אדער שפעטער האט רוים איהר פיינד פערניכטעט. אנטיוכוס האט צוהויך געשעצט זיינע אייגענע כחות און צו־ניעדעריג די כחות פון זיין געגנער — רוים. ער האט געמיינט, אז איהם וועט געלינגען צו דערוויטערען די רוימער פון גריכענלאנד בלויז דורך זיין שטרענגען בעפעהל, אבער די רוימער האבען איהם אין דער שלאכט ביי מאגנאזיא געבראכט אזא מפלה 190) פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג), אז ער האט זיך געמוזט אבזאגען פון אלע זיינע נצחונות אין גריכענלאנד און אבטרעטען אויך א גרויסען טייל פון זיינע לענדער אין קליין־אזיען; זיין גאנצען פלאט מיט זיינע העלפאנטען האט ער געמוזט אבגעבען די רוימער און בעצאהלען רוים אין א משך פון צוועלף יאהר א געוואלדיגע סומע געלד פאר יענער צייט — פופצעהן טויזענד טאלענטען געלד — הוצאות פון דער מלחמה. כדי רוים זאל זיכער זיין, אז ער וועט דעם חוב אויסצאהלען, האט ער געמוזט געבען פאר א משכון זיין זוהן, אנטיוכוס עפיפאנעס, וועלכער האט די גאנצע צייט געמוזט בלייבען אין רוים. דאס איז געווען יענער אנטיוכוס עפיפאנעס, וועלכער האט שפעטער פערשריעבען זיין נאמען אין דער אידישער געשיכטע מיט בלוטיגע אותיות. אנטיוכוס'עס שטאלץ און זיין צו־הויכעס אבשאצען זיין אייגענע קראפט איז געווען זעהר טרויעריג פאר דער סעלעוקידישער מלוכה. כדי צו קאנען בעצאהלען די גרויסע סומע קאנטריבוציע צו די רוימער, האבען די סירישע מלכים זיך געלאזען בערויבען

די טעמפלען פון די געטער, צו וועלכע די ארטיגע פעלקער האבען געדיענט. אזוי, למשל, איז אנטיוכוס אריינגעקומען אין אלטען טעמפעל פונ'ם אבגאט בל אין עילם, וואו עס איז געווען צונגעזאמעלט א גרויסע עשירות פון כמה דורות; דער דאזיגער שריט האט איהם געמאכט אזוי פערהאסט אין די אויגען פון די דארטיגע איינוואהנער, אז ס'איז אויסגעבראכען געגען איהם אנ'אויפשטאנד און מען האט איהם דער'הרג'עט (257 פאר דעם חורבן בית שני). אזוי האט געענדיגט אנטיוכוס „דער גרויסער". זיין זוהן, אנטיוכוס עפיפאנעס, האט אויסגעשטרעקט די האנד צום אידישען בית-המקדש און געבראכט דאדורך אויך צו אנ'אויפשטאנד אין גאנצען לאנד יהודה און צו א פאלקאמער בעפרייאונג פון אידישען פאלק, ווי אויך א געוואלדיגע ערניעדערונג און אבשוואכונג פון דער סעלעוקידישער מלוכה, — אנ'אבשוואכונג, וועלכע האט איהר סוף כל סוף געבראכט דעם פאלקאמען חורבן.

וועהרענד אנטיוכוס האט געפיהרט זיינע וויטע מלחמות, האט מען אין ארץ-ישראל געקאנט לעבען פערהעלטניסמעסיג רוהיג, אבער די מאראלישע פערדערבונג, וועלכע עס האט אריינגעבראכט טוביה'ס זוהן, יוסף, האט געהאלטען אין איין וואקסען. איצט האבען זיך נאך דערצו אויך אנגעהויבען פאליטישע סכסוכים ביי אידען. די מלחמות צווישען די פטאלאמעער און סעלעוקידען, אדער צווישען מצרים און סיריען, האט פערשטארקט די פארטייאישע צושפאלטונג אין ירושלים. די אנפיהרער פון די פארטייען, בעזונדערס, טוביה'ס-זיהן, דאס הייסט, די עלטערע זיהן יוסף'ס, די פערביסענע געגנער פון די פטאלאמעער, זענען געווען קנאפע מפונקים און אויסקלייבען די מיטלען צום קאמפף, צי זיי זענען כשר'ע און ערענטליכע, צי נישט, אבי נאר זיי האבען געפיהרט צום ציעל און געקענט שאדען ברענגען זייערע געגנער. קודם כל האבען זיי געזוכט הילף אויסער דעם לאנד יהודה, נישט בלויז אין אנטיאכיען, ביי דעם סעלעוקידישען קעניג, וועלכען זיי האבען געוואלט שטיצען געגען פטאלאמעאום, נאר אויך ביי די אנדערע פעלקער, וואס האבען געוואהנט ארום ארץ-ישראל און האבען זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זייער שנאה צו אידען. אזוי האבען זיי זיך געזוכט פריינד צווישען די גריכען און מאקעדאניער און די אלע פרעמדע שטאמען, וואס האבען געוואהנט ארום יהודה, די אלע זענען געווען זייערע פערביסענע פיינד, ווייל זיי האבען גוט געדענקט, ווי דער אידישער ארענדאטאר, יוסף, האט זיי געדריקט און אויסגעזויגען ביי זיי דעם מארך פון די ביינער. די גאנץ אלטע, אמאליגע שנאה האט איצט אויפגעלעבט פון דאס ניי, אפילו די נעמען זענען נאך אויך געבליעבען די אמאליגע; פון איין זייט די אידען, און פון דער אנדערער—די פלשתים און די אדומים, און מען האט געקאנט מיינען, אז מען לעבט נאך אלץ אין די צייטען פון די „שופטים", וועלכע זענען געווען ביי אידען נאך יהושע בן נון. אפילו די פארצייטיגע טאקטיק איז גע-

בליעבען די זעלביגע: מען האט געטהון אידען שאדען אויף שריט און
טריט, וואו מען האט נאר געקאנט, ביי יעדער געלעגענהייט. אין צפּיך
קאנט פון יהודה האבען זיך בעמיהט אויך אזוי צו ברענגען שאדען אידען
די פריהערדיגע שונאים—די שומרונים. כדי צו קאנען לעבען מיט די
פעלקער פריינדליך, האבען די עשירים פון יהודה, די, וועלכע האבען נאר
געטראכט וועגען איינארדנען זיך א גוט לעבען, נישט געפונען קיין אנ-
דער מיטעל, ווי איבערצונעהמען ביי די גריכען זייער גאנצע קולטור—
זייער שפראך, זייערע מדות, זייערע מנהגים, געוואהנהייטען, בעזונדערס
אבער האבען זיי געהאלטען פאר וויכטיג, צו געבען זיך אויסערליך א
גריכיש אויסזעהען, כדי צו זיין אין גאנצען עהנליך צו זיי. אזוי ארום הא-
בען זיי געהאפט, אז די גריכיש-מאקעדאנישע הערשער פונ׳ם לאנד, זייע-
רע ארמעע-אנפיהרער און הויכע בעאמטע וועלען זיי בעשיצען געגען יע-
דען אנפאל, אין די אנדערע פעלקער וועלען זיי אויך דערפאר בעזונדערס
אכטען. די רייכע איינוואהנער פון ירושלים, די קצינים און עשירים, הא-
בען זיך בעמיהט צו ערציהען דעם יונגען דור אזוי, אז מען זאל זיי גאר
נישט דערקענען, דאס זיי שטאמען אפילו פון אידען. מען האט איינגעאר-
דענט גימנאסטישע קאמפפען פאר דער יוגענד, כדי אבצוהארטעווען זי
און מאכען פעהיג צו געהן אין מלחמה, אדער בכלל צו קאנען פערטיידיגען
זיך אליין מיט׳ן שווערד געגען יעדער בעליידיגונג. דערביי אבער האבען
די רייכע אידען זיך גענומען דורכפיהרען די דאזיגע גריכישע ערציהונג
דוקא אויפ׳ן שענדליכסטען אופן. ביי די גריכען פלעגט מען די גימנאסטיק
פאר דער יוגענד איינארדנען אזוי, אז די יוגענד האט געמוזט ערשיינען
אויפ׳ן קאמפף-פלאץ נאקעט, כדי די קליידער זאלען נישט שטערען אין
די פרייע בעוועגונגען. צווישען די גריכען האבען זיך געפונען פיעל בער-
סערע מענשען, וועלכע זענען שארף ארויסגעטראטען געגען דעם דאזיגען
מנהג, אנווייזענדיג, אז דאדורך טויטעט מען אב ביי׳ם יונגען דור די
נאטירליכע בושה און מען דערוועקט איהם צו העסליכע ליידענשאפטען.
די רייכע אידען האבען אבער נאכגעטהון די גריכען דוקא אין דער דאזי-
גער ערגסטער פארם פון זייער קינדער-ערציהונג. די דאזיגע מאלפיש-
נאכטהוער, וועלכע מען האט אנגערופען העלעניסטען, אדער אסי-
מילירטע „אידישע גריכען", זענען אויסגעוואקסען ביי אידען אין זעהר
א שטארקער פארטיי. צו דער דאזיגער פארטיי האט אויך געהערט איינער
פון דעם כהן-גדול׳ס זיהן, ישוע, וועלכער האט זיך געגעבען א גריכישען
נאמען יאזאן, מיט פיעל אנדערע כהנים, בעזונדערס פון טוביה׳ס משפחה.
„די העלעניזירטע" אדער „גריכישע" כהנים האבען פערלאזען דעם בית-
המקדש, פערהאסט דעם מזבח מיט׳ן היכל און געאיילט צו געהן אין די
גריכישע שפיעל-הייזער. די דאזיגע פארטיי איז בעשטאנען פון יוסף׳ס זיהן,
פון זיינע איינקלעך און פון זייער סביבה—א גאנץ גרויסע און שטארקע
בנופיא. ווייל אבער דאס אידישע געזעץ און די אידישע מדות זענען גע-

וועז געגען זייערע נייע איינפיהרונגען, בעזונדערס, געגען דעם קעמפפען נאקעטערהייד, וועלכע איז געגען דער צניעות, האבען די „אידישע גריכען“ זיך ערקלערט פאר אפענע געגנער פון דער אידישער תורה און די אלטע אידישע מדות, און זיי האבען געטראכט וועגען דעם, אז מען ברויכט דאס אלץ גאר אבשאפען, כדי צו קאנען לייכטער העלעניזירען דאס אידישע פאלק. פערמישונג, פאלשטענדיגע פערמישונג פון אידישען פאלק מיט די געצענדיענערישע גריכען, פערמישונג ביז צום פאלקאמען פערשווינדען — דאס איז געווען דער איינציגער צוועק פון זייער פערלאנג.

ווי עס קומט אפט פאר אין דער געשיכטע, האבען די מעשים פון די אסימיליאטארען־העלענען ארויסגערופען ביי'ם פאלק א פראטעסט און א רעאקציע. די פרומע זענען פערקראכען אזוי ווייט אויף רעכטס, ווי די ערשטע אויף לינקס. יענע אידען, וועלכע האבען מיט וועהטאג אין הארצען און מיט א פערביסענעם צארן געמוזט צוזעהען די שענדליכע מעשים פון די אידישע גריכען, האבען זיך צוזאמענגענומען אין א פערבאנד, כדי פעסט צו האלטען זיך אן דעם אידישען געזעץ, אן דער תורה און די אלטע אידישע מדות. די מיטגליעדער פון נייעם פערבאנד האבען מייסטענס געשטאמט פון די „נזירים“, און דער פערבאנד האט זיך א נאמען געגעבען „עדת צדיקים“, אדער סתם „חסידים“—וואס הייסט: „פרומע לייט“. די דאזיגע פרומע האבען געוואלט פערהיילינגען יעדען אידישען מנהג און מאכען איהם אויך אזוי וויכטיג, ווי א דין פון דער תורה. א שארפערע געגנערשאפט, ווי עס האט געהערשט צווישען ביידע פארטייען, צווישען די „אידישע גריכען“ און די „חסידים“, איז זיך שווער פארצושטעלען. זיי האבען אויפגעהערט איינע די אנדערע צו פערשטעהן, פונקט ווי זיי וואלטען גארנישט געווען מעהר קיין קינדער פון איין פאלק, ווי זיי וואלטען גאר קיינמאל נישט געווען פערוואנדעט איינע מיט די אנדערע. דאס, וואס די אידישע גריכען האבען געהאלטען פאר זייער העכסטען אידעאל, האבען די חסידים געהאסט פון טיפען הארצען, בעטראכטענדיג דאס, ווי א פערברעכען, ווי א פערראט. און זיי האבען די אנהענגער דערפון אנגערופען „פערברעכער געגען דער תורה“, „פערראטער געגען דעם אידישען בונד“, די „אויסגעלאסענע פונ'ם פאלק“. דאגעגען ווידער, דאס, וואס איז פאר די חסידים געווען הייליג און טייער, האבען די אידישע גריכען אויסגעלאכט, ווי א שגעון, און פלעגען עס פערשילטען, ווי א זאך, וואס שטערט דעם גליק און וואוילשטאנד פונ'ם אידישען פאלק און דער גאנצקייט פון זיין מדינה. צו די „חסידים“ האבען געווים געהערט די צוויי חכמים פון יענער צייט, יוסי (יאסיפוס) בן יועזר פונ'ם שטעדטעל צרדה, און יוסי בן יוחנן פון ירושלים, וועלכע זענען געווען די ראשי ישיבות פון צוויי בעזונדערע בתי מדרשים און אויך גרינדער פון צוויי בעזונדערע שולען, וועלכע זענען געווען אין געוויסע פונקטען נישט איינשטימיג איינע מיט די אנדערע, בעזונדערס, אין דער פראגע, ווי אזוי מען דארף זיין געטריי דער

תורה: דער ערשטער האט געהאלטען, אז דער עיקר איז דאס לערנען תורה, אדער די טעארעטישע בעשעפטיגונג מיט'ן געזעץ; דער אנדערער, דאגעגען, האט געהאלטען פאר פיעל וויכטיגער די פראקטישע פרומקייט. אזוי, למשל, האט יוסי פון צרדה געלערנט זיינע תלמידים שטענדיג: „דיין הויז זאל זיין א פערזאמלונגס־ארט פאר חכמים, לאז דיך בעשטויבען מיט'ן שטויב פון זייערע פיס (דאס הייסט: זיץ נעבען זיי און לערן ביי זיי תורה) און טרינק אין דורשט זייערע רייד". דאגעגען, יוסי בן יוחנן פלעגט לערנען זיינע תלמידים: „עפען דיין הויז גרויס און ברייט, און זאלען די ארימע לייט זיין דיינע בני בית, און רעד נישט פיעל מיט א פרוי". —

צווישען די דאזיגע ביידע עקסטע פארטייען, די אידישע גריכען און די חסידים, איז געשטאנען, ווי דאס קומט־פאר שטענדיג ביי פארטיי־שטרעמונגען ביי א פאלק, — דאס גאנצע פאלק אין מיטען. דאס אידישע פאלק איז אפילו זעהר צופריעדען געווען מיט'ן גריכישען לעבען, מיט זייער פערפיינערטען בענעהמען זיך און אויפפיהרונגען, און האט זיך בכלל נישט געוואלט לאזען אנטהון די ענגע קייטען, וואס די חסידים האבען געוואלט ארויפלעגען אויפ'ן גאנצען לעבען; דאס פאלק האט אבער אויך נישט געקאנט סובל זיין די אויסגעלאסענקייט פון די אידישע גריכען, דען עס האט כלל נישט געוואלט ברעכען מיט'ן אלטען אידישען לעבען, אדער לאזען זיך שיידען אינגאנצען פון דער תורה צוליעב דער גריכישער בילדונג. ווען אבער דער פארטיי־קאמפף האט זיך פערשטארקט, איז דאס פאלק אויך אריינגעצויגען געווארען אינ'ם אלגעמיינעם שטראם און עס האט געמוזט זיך ארויסזאגען בעשטימטער, מיט וועמען עס האלט, מיט די חסידים, אדער מיט די אידישע גריכען.

די הנהגה פונ'ם בית המקדש און פון דער מדינה האט זיך נאך דערווייל געפונען אין די הענד פון די פרומע אידען. אין זייער שפיץ איז געשטאנען דער כהן גדול חוניו דער דריטער, א זוהן פון שמעון דעם צווייטען. ער איז אויך געווען דער פאליטישער פארשטעהער פון פאלק. די שריפטשטעלער פון יענער צייט שילדערן איהם אלס אויסגעצייכענטען מענשען מיט א מילדען כאראקטער, אבער א פעסטער מענש אין די זאכען, וואס האבען געהאט א שייכות צו דער תורה, אנ'אנהענגער פון פרומקייט, וועלכער איז שארף ארויסגעטראטען געגען די מעשים פון די אידישע גריכען. „אין זיין צייט איז געווען שלום אין דער הייליגער שטאדט, און גאט'ס געזעצען זענען שטרענג אבגעהיט געווארען, ווייל חוניו'ס הארץ איז געווען גאנץ מיט גאט און ער האט פיינד געהאט אלע מענשען, וועלכע טהוען אונרעכט" — שרייבט וועגען איהם א דאמאלסדיגער היסטאריקער. די אידישע גריכען האבען איהם טאקי דערפאר געהאסט פון טיעפען הארצען. די הויפט־פיינד זיי־

נע זייגען געוועזען צוויי ברידער פון אנ'אנגעזעהענער משפחה פון שבט בנימין, וועלכע זענען גלייך געוועזען איינער צום אנדערן סיי אין זייער חוצפה, סיי אין ברייטקייט און גדלות. דאס זענען געוועזען: שמעון און חוניו, אדער מענעלאאוס, אויף גריכיש, און ליזימאכאס, און מיט זיי צוזאמען האבען געהאלטען יוסף'ס זיהן, אדער די משפחה פון טוביה. די לעצטע האבען געהאסט דעם כהן גדול נישט בלויז פאר זיין איבער־געגעבענהייט דער תורה, נאר אויך דערפאר, וואס ער איז געוועזען א אנהענגער פון זייער ברודער הורקנוס, וועלכען זיינע ברידער האבען נאך אלץ פערפאלגט מיט זייער ברענעדיגער שנאה. ווי עס שיינט, האט הורקנוס פערשטאנען צו געווינען די ליעבע אויך פונ'ם נייעם קעניג פון מצרים, פטאלאמעאוס דעם פינפטען, עפיפאנעס, וועלכער האט איהם אבגעגעבען די ארענדע פון די שטייערן און די לענדער אויף יענער זייט ירדן צום מזרח־צו, און בעשאנקען איהם אויך מיט'ן טיטול פחה. דארט האט הורקנוס ארויסגעוויזען אזא אכזריות, ווי פריהער זיין פא־טער יוסף און צעלעסיריען; ער האט זעהר שטארק געהעכערט די אב־צאהלונגען אויף די אראבער, וועלכע האבען געוואהנט ארום די שטעדט מידבא און חשבון. אזוי ארום האט אויך הורקנוס אנגעזאמעלט זעהר פיעל געלד, און ווען די פעלקער האבען געמאכט געגען איהם אנ'אויפשטאנד, איז ער ארויסגעטראטען געגען זיי אין מלחמה, און זיי האבען געהאט פון איהם א גרויסע מפלה; פיעל פון זיי האט ער גענו־מען געפאנגען און פערקויפט פאר קנעכט, פיעל פון זיי, בעזונדערס, זייערע אנפיהרער, האט ער אויסגעהרג'עט. מיט זיין געלד האט ער זיך אויסגעבויט נישט וויט פון חשבון אויף א פעסטען שטיינערנעם בארג א פעסטונג און א פראכט־פאלאץ מיט די שענסטע וויינגערטנער, סעדער און שפרינג־ברונענס (פאנטאנען). זיין פעסטונג האט ער א נא־מען געגעבען „טירת“. פון זיינע אנגעזאמעלטע אוצרות האט הורקנוס צייטענווייז אבגעשיקט געלד קיין ירושלים צום כהן גדול חוניו, כדי ער זאל עס דארט בעהאלטען פאר איהם אין בית המקדש, דען הורקנוס האט געוואוסט, אז דער בית המקדש איז געוועזען היילגג אויך פאר די געצענדיענער, און זיי פלעגען זיך נישט דערוועגען איהם צו בעראבע־זען. מיט'ן כהן גדול חוניו איז אבער הורקנוס געוועזען זעהר בעפריינ־דעט און ער האט איהם געקאנט אנטרויען זיינע גרויסע אוצרות. אין אט צוליעב דער בעציהונג צו הורקנוס האבען טוביה'ס איבריגע זיהן אויך אזוי שטארק געהאסט דעם כהן גדול, ווי צוליעב זיין שטרענגקייט געגען די אידישע גריכען. שארף ארויסגעטראטען געגען דעם כהן־גדול איז דער דערמאנטער שמעון, וועלכער איז געוועזען דער ממונה אויפ'ן בית המקדש; ער האט זיך אבגעזאגט צו ערפילען די בעפעהלען פונ'ם כהן־גדול. חוניו האט דעריבער ארויסגעטריבען שמעונ'ען און, ווי עס שיינט, אויך טוביה'ס זיהן, פון ירושלים. דאדורך אבער האט דער כהן

גדול נאר פערשטארקט די שנאה געגען זיך צווישען די רייכערע איינוואהנער פון ירושלים, וועלכע האבען געהאלטען יד אחת מיט די אידישע גריכען.

שמעון האט, אליין אדער מיט זיינע חברים, אינטערגענומען א נידערטרעכטיגען פלאן, ווי אזוי נקמה צו נעהמען פון זיין פיינד, דעם כהן־גדול. ער איז אוועקגעגאנגען צום מיליטערישען אנפיהרער פון צעלעסיריען און פעניקיען, אפאלאניוס, דעם זוהן פון טראסייאס, און האט איהם פערדעטעריש ענטדעקט, אז אין בית המקדש אין ירושלים געפינען זיך גרויסע אוצרות געלד, וועלכע געהערען נישט דעם בית המקדש, נאר א פריוואטער פערזאן און דעריבער דארפען זיי אבגעגעבען ווערען דעם קעניג. אפאלאניוס האט, פערשטעהט זיך, באלד ענטדעקט דאס דעם קעניג סעלעאוקוס דעם פירטען (187—175 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג), וועלכער האט זיך גענויטיגט אין געלד, כדי צו בעצאהלען זיין חוב צו רוים, ווי זיין פאטער האט זיך מתחייב געווען. דער קעניג האט זיך טאקי העכסט דערפרייעט. ווען ער האט דערהערט די זאך, און ער האט באלד געגעבען א בעפעהל זיין שאץ־מייסטער העליאדאר, אז ער זאל געהן קיין ירושלים און בערויבען דעם אוצר פון בית המקדש. ווען העליאדאר איז געקומען קיין ירושלים, איז איהם דער כהן גדול ארויסגעקומען ענטקעגען און אויפגענומען איהם מיט גרויס כבוד; אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט, נאך וואס העליאדאר איז געקומען, איז ער ערציטערט געווארען. ער האט זיך געשטעלט ענטקעגען און נישט געוואלט ארויסגעבען דאס געלד; דערביי האט ער ערקלערט, אז אין בית המקדש געפינט זיך כלל נישט קיין סך געלד, דארט זענען פאראן בלויז פקדונות (דעפאזיטען) פון יתומים און אלמנות, ווי אויך דאס געלד, וואס הורקנוס האט דארט בעהאלטען, אבער — האט דער כהן גדול גערעדט ווייטער — „ווער וועט זיך דאס ידען ערלויבען אנצוריהרען דאס געלד, וואס פרעמדע מענשען האבען איניעדערגעלעגט צו היטען ביי'ם גרויסען אידישען גאט, וועלכער איז פירכטערליך פאר דער גאנצער וועלט?“ העליאדאר האט נישט געוואלט וויסען פון קיין זאך, דען ער האט ערקלערט, אז ער האט א בעפעהל פון קעניג, ארויסצונעהמען דאס געלד און מוז דעם בעפעהל ערפילען; דערביי האט ער שוין געמאכט הכנות אריינצוקומען אין בית המקדש מיט זיינע מענשען. אין ירושלים איז די אויפרעגונג געווען זעהר גרויס, דען נאך קיינמאל האט זיך נישט געטראפען, אז א געצענדינער זאל זיך ערלויבען אריינצוקומען אין בית המקדש צו בערויבען איהם. „פיעל מענשען האבען זיך פערזאמעלט אין בית המקדש תפלה צו טהון צו גאט, אז ער זאל נישט דערלאזען צו שענדען דעם הייליגען היכל פאר אלע פעלקער אין די אויגען“. און אט דא איז פארגעקומען עפעס א זאך, וואס האט נישט דערלאזען העליאדאר'ן אריינצוקומען אין

בית המקדש. די דאַמאָלסדיגע היסטאָריקער דערצעהלען ניט, וואָס אייגענטליך ס'איז דאַמאָלס פֿאָרגעקומען, נאָר די לעגענדע דערצעהלט אַזאַ וואונדערליכע מעשה: בשעת העליאָדאָר איז אַריינגעקומען אין בית־המקדש, איז פֿאַר איהם פּלוצלינג ערשינען אַ פֿירכטערליכער רייטער, אָנגעטהון אין אַ גאָלדענעם פּאַנצער, און זיין געשטאַלט איז געווען, ווי פֿון אַ מלאך פֿון גאָט. דער רייטער איז מיט זיין פֿערד אַרויסגעשפּרונגען געגען העליאָדאָר'ן און האָט איהם מיט די קאָפּיטעס אַזוי צעשלאָגען, אַז ער איז געפֿאַלען אין חלשות. שפּעטער, ווען מען האָט איהם אָבגעמונטערט, האָט דער כהן גדול פֿאַר איהם תפלה געטהון און ער איז צוריק געזונד געוואָרען. נאָכדעם האָט העליאָדאָר זיך אומגעקעהרט צום קעניג און דערצעהלט די שרעקליכע זאַך, וואָס מיט איהם איז פֿאָרגעקומען אין אידישען בית המקדש, דערביי האָט ער איהם געראַטען, אַז דער קעניג זאָל מעהר ניט מאַכען קיין פּראָבע, צו בעראַבען דעם בית המקדש, וועלכער איז הייליג פֿאַר'ן אידישען גאָט.

נאָכדעם, ווי זיין ערשטער שענדליכער פֿערראַט האָט זיך שמעון'ען ניט איינגעגעבען, האָט ער אָנגעהויבען זוכען אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אין דעם כהן גדול. ער האָט אפילו אויך, ווי מען האָט דערצעהלט, אָנגעדונגען מערדער, כדי צו דער'הרג'ענען חוניו'ן; ער האָט גע'מסר'ט אויף איהם, אַז ער שטרעבט צו ווערען אַ מלך אין יהודה, און דאָס, וואָס העליאָדאָר האָט ניט געקאָנט אַרויסנעהמען דאָס געלד פֿון בית־המקדש, איז געווען אַ געמאַכטעס קונץ־שטיק פֿון כהן גדול. אין ירושלים האָבען זיך דערווייל אויך פֿערגרעסערט די אינטריגעס. און דער כהן גדול האָט סוף כל סוף איינגעזעהן, אַז פֿון די אַלע אינטריגעס מיט מסירות קאָנען אַרויסקומען פֿיעל אומגליקען פֿאַר אידען, און איהם אַליין וועט ניט געלינגען צוריקצושטעלען דעם שלום אין שטאָדט. ער האָט זיך דעריבער בעשלאָסען אַליין צו געהן צום קעניג סעלעוקוס קיין אַנטיאָכיען און ענטדעקען איהם דאָרט, פֿון וואַנען עס שטאַמען אַלע אינטריגעס, דערווייזענדיג, ווי אומגערעכט עס איז די געגנערישע פּאַרטיי און מיט וואָס פֿאַר אַ שענדליכע מיטלען זי בעגעהט זיך. פֿאַר'ן אָבגעהן קיין אַנטיאָכיען האָט דער כהן גדול חוניו בעשטימט זיין ברודער ישוע — יאַזאָן אויף גריכיש, — אַז ער זאָל ערפֿילען זיין אַמט די גאַנצע צייט, וואָס חוניו וועט זיין אין אַנטיאָכיען. ווי נאָר חוניו האָט פֿערלאָזען ירושלים, האָבען די אידישע גריכען, זיינע געגנער, ערשט רעכט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ; די אינטריגעס האָבען זיך פֿערשטאַרקט; מען האָט אָנגעהויבען אַגיטירען, אַז מען זאָל דעם כהן גדול גאָר אָבשטויסען פֿון זיין שטעלע, דען מען האָט געהאָפֿט, אַז ווען עס וועט זיין אַ כהן גדול איינער פֿון דער אידיש־גריכישער פּאַרטיי, וועלען די אידישע גריכען זיין די פֿאָלקאָמע בעלי בתים ניט בלויז איבער'ן בית המקדש, נאָר אויך איבער'ן גאַנצען לאַנד

און דעם אידישען פֿאָלק, וועלכען זיי וועלען שוין קאָנען איבערמאַכען אויף גריכען, אַזוי ווי זיי ווילען, זייערער אַ כהן גדול וואָלט געקאָנט אַליין נאָכטהאָן די גריכען און אַלע זייערע מנהגים, און דאָס וואָלט געווען פֿאַר'ן פֿאָלק דער בעסטער בעווייז, אַז אַזוי איז גוט און ריכטיג. די אידישע גריכען זענען שוין דאַמאָלס אַ ווייט אַוועקגעגאַנגען פֿון איד־דישען לעבען, אַז קיין זאַך ביי אידען איז פֿאַר זיי נישט געווען הייליג און די אידישע תורה האָבען זיי געשטרעבט צו פֿערניכטען אינגאַנצען. זייערע אינטריגעס האָבען זיי נאָך דערווייל געפֿיהרט געהיים, בשתיקה פֿינ'ם כהן גדול חוניו. אָבער די פֿריינד פֿון כהן גדול האָבען זיך דער־פֿון דערוואוסט און זענען זעהר אויפֿגערעגט געוואָרען, דען דאָס אָבריי־סען זיך פֿון יודענטום און פֿון אַלע אידישע זכרונות, האָבען זיי ... טען פֿאַר אַ שרעקליכען פֿערברעכען.

איינער פֿון די דאַמאָלסדיגע דיכטער, וועלכער איז טיעף אין הארצען בעטריבט און טרויעריג געוועזן איבער דער נייער שטרעמונג, האָט זיך בעמיהט צו וואָרענען דאָס פֿאָלק, וועלכעס איז אַריינגעפֿאַלען אין ספקות און נישט געוואוסט, מיט וועמען צו געהן: צי מיט די חסידים, אָדער מיט די אידישע גריכען. דער דאָזיגער דיכטער, אָדער משלים־שריפֿטשטעלער, איז געוועזן יהושע בן סירא פֿון ירושלים (270 — 246 פֿאַר'ן חורבן). דאָס, וואָס די מעשים תעתועים פֿון די אי־דישע גריכען האָבען זיך אַלץ מעהר פֿערגרעסערט און געשטאַרקט, און דאָס פֿאָלק איז געוואָרען אַלץ אויסגעלאַסענער, האָט ערפֿילט זיין הארץ מיט טרויער און וועהטאָג און געבראַכט איהם צום געדאַנק, צו שרייבען אַ ספר פֿון משלים, עהנליך אין פֿיעל פּרטים צום ספר „משלי“, כדי אויפֿצוקלערען אידען און דערווייזען זיי, וואָס פֿאַר אַ פֿערדערבונג עס שטעקט פֿאַר זיי אין דער נייער שטרעמונג. בן סירא איז געוועזן איינער פֿון די לעצטע אידישע דיכטער פֿון דעם פֿאַך (שפּרוך־דיכטער). וועגען זיין לעבען ווייסען מיר גאַנץ ווייניג. ווי עס איז אָבער צו זע־הען פֿון זיינע שריפֿטען, איז ער ערצויגען געוואָרען אויף דער תורה, נביאים און כתובים; בעזונדערס האָט ער זיך פֿערטיעפֿט אין „משלי שלמה“ און האָט דעריבער אָנגעהויבען נאָכצומאַכען זייער פֿאָרם אין זיינע שריפֿטען. תורה האָט בן סירא געלערנט נאָך אין זיין פֿריהער יוגענד און די תפלה איז געווען זיין העכסטע פֿרייד: „ווען איך בין נאָך אַ יונג קינד געווען — שרייבט ער — און נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבען בלאָנדזשען, האָב איך די הייליגע חכמה געזוכט אין מיין תפלה; אין גאָט'ס הויז האָב איך זי געזוכט אין, ווי מיט יונגע וויינ־טרויבען, האָב איך זיך מיט איהר געפֿרייעט און כל זמן איך וועל נאָך אָטעמען, וועל איך זי נישט פֿערלאָזען“.

בן־סירא האָט נישט געהערט צו די „חסידים“, וועלכע האָבען געלעבט גאַנץ אָבגעזונדערט פֿון דער וועלט, און זיך אָבגעזאָגט צו

גענייעסען אפילו אויך ערלויבטע זאכען, פעראכטענדיג אויך די, וועלכע גענייעסען דאס. ער זאגט זיך גאר ארוים גאנץ פריינדליך וועגען א חבר'שער מאהלצייט מיט וויין און געזאנג. געגען די, וועלכע ווילען פערשטערען אלע פרייד און לעבען, וועלכע ווילען פערטרייבען די פרעהליכקייט פון דער סעודה דורך צו־ערנסטע געשפרעכען, האט ער זיך ארויסגעזאגט איראניש:

„אויף דער עלטער שטראף און רייד,
„דען דער אלטקייט מאכט עס פרייד;
„אבער מיש דאס נישט ארייין
„אין געזאנג ביי'ם זיסען וויין
„קלוגע רייד נישט אין דער צייט —
„גלייכט א ליעד פאר טרויער־לייט;
„דימענטען אין גאלד געפאסט
„איז דאס ליעד דארט, וואו עס פאסט.
„און געזאנג ביי'ם זיסען וויין
פיהרט די פרייד אין הארץ ארייין".

די עקסטע חסידים זענען אזוי וויט פערגאנגען מיט זייער פרומקייט, אז זיי האבען אפילו נישט געוואלט געהען פרעגען ביי א רופא, ווען זיי פלעגען קראנק ווערען, ווייל זיי האבען גע'טענה'ט, אז אזוי ווי מען קאן זיך אויסקוירען פון מאראלישע יסורים דורך א התלהבות'דיגער תפלה צו גאט, אזוי קאן מען אויך די קערפערליכע יסורים נאר דורך תפלה דערוויטערען. געגען אט דער איבערגעטריבענער פרומקייט טרעט ארוים בן סירא, ערקלערענדיג, אז מען מוז זיך ווענדען צו א רופא, ווען מען איז קראנק, ווייל גאט האט דאך בעשאפען די רופאים און אריינגעגעבען זיי אין הארצען די קונסט צו קורירען חולאים. בן סירא איז אבער אויך שארף ארויסגעטראטען געגען דער אויסגעלאסענהייט, געגען דעם אבפאל פון דער רעליגיע און אננעהמען פערדארבענע מדות. מיט שניידענדע רייד שטראפט ער די עשירים פאר זייער נארישער גדלות, פאר זייער פאלשקייט און געלוסטיגקייט, פאר זייער דיענען נאר דעם אבגאט פון געלד, מאמאן. די עשירים זענען דער הויפט־עלעמענט אין דער אידיש־גריכישער פארטיי און דעריבער ברענגען זיי נאר אונגליק דעם אידישען פאלק. פון די עשירים דארף מען זיך אבער בכלל דערווייטערען, לויט בן סירא'ס מיינונג:

„מיט די עשירים מאך קיין חבר'שאפט,
„דען שאדען ברענגט דיר זייער פריינדשאפט.
„א ליימען־טאפ,
„א קופער־קאפ,
„ווען זיי בעגעגענען זיך ביינאנד —
„ברעכט איינער אלץ שוין ביי דער האנד.

„דער אנדרער ברעכט דעם קאָפּ אָן וואַנד...
„דער רייכער טהוט זיין ברודער שלעכטס
„און ווייזט דערביי, אַז ער טהוט רעכטס;
„געפּייניגט ווערט דער אָרעמאַן
„און בעטען מוז ער זיך נאָך דאַן...

מיט שאַרפע שטראָף־רייד טרעט אַרוים בן סירא וועגען די אונציכטיגע בעציהונגען צווישען מאַנסבילען און פרויען; ער איז מתרה, אַז מען זאָל נישט פערברענגען די צייט מיט טענצערינס און זינגערינס, ווי די גריכען טהוען דאָס, און ווי די אידישע גריכען האָבען דאָס באַלד איבערגענומען. דערביי האָט ער אויך געגעבען אַ בילד פון די דאַמאָלסדיגע אידישע פרויען, וועלכע איז מעגליך, געוועזען אביסעל גוזמא'דיג, אָבער אלענפאַלס זעהט מען פון איהם, אַז די אידישע פרויען, ווענינגסטענס, ביי די אידען־גריכען, זענען דאַמאָלס געווען זעהר אויסגעלאַסען.

דאָס הויפּט־אונגליק, דעם וואָרצעל פון דער אידישער מאָראַלישער געפאַלענקייט האָט בן סירא געזעהען דערין, וואָס מען שעצט צו גרינג די אידישע תורה; מיט זיינע משלים און שפּריכווערטער האָט ער זיך בעמיהט צו דערהויבען דעם כבוד התורה. בן סירא בעריהרט אויך דעם טרויעריגען פאַקט, וועלכער האָט דאַמאָלס שטאַרק אויפגערעגט די העכערע קרייזען פון דער ירושלים'ער בעפעלקערונג: די אינטריגעס פון די אידישע גריכען געגען דעם כהן גדול חוניו, וועלכען זיי האָבען דורכאויס געוואָלט אראָבשטויסען פון זיין הויכער שטעלע און בעשטימען פאַר אַ כהן־גדול זייערען אַ מענשען, האָטש ער זאָל גאָרנישט זיין קיין כהן, לויט זיין געבורט. ציי האָט בכלל געדאַרפט די כהונה גדולה געהערען דווקא נאָר דער משפחה פון אהרן הכהן? — אָט די פראַגע האָבען דערוועקט די מענשען, וועלכע האָבען געשטרעבט צום כבוד פון דער כהונה גדולה. געגען די דאָזיגע רייד און דער פערשווערונג געגען דעם כהן־גדול טרעט אַרוים בן סירא מיט אַ התראה אין זיינע שפּריכווערטער. ווי עס שיינט אָבער, האָבען די אידישע גריכען נישט ערלויבט צו רעדען וועגען זייער און זייערע מיינונגען צו־שאַרף, און דעריבער בעריהרט בן סירא דעם ענין נאָר דורך אַ משל און רופט נישט אָן די זאַך ביי איהר אמת'ן נאָמען, אַזוי, אַז נאָר די פעראינטערעסירטע צדדים האָבען געקאָנט פערשטעהן, וועגען וואָס ער רעדט, אָבער נישט דער געוועהנליכער לעזער:

„וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ צייט,
צו אונז געקומען פון דער ווייט?
„פאַרוואָס איין טאָג דעם אנדערען נישט גלייך,
„ווען נאָר איין זון מאַכט זיי מיט איהר ליכט רייך?...
„ווייל גאָט האָט דורך זיין גרוים פערשטאַנד,
„געשיידעט ביידע זיי פונאַנד:

„געמאַכט הײַנט יום־טוב, מאָרגען — וואָך,
„געהײליגט שבת גאָר דערנאָך.
„די מענשען אויך בעשאַפען גלײַך
„האָט גאָט פון שטויב סײַ אָרים, רײַך;
„האָט אָבער אײניגע זײַן הכמה אויך
„געהײליגט און געשטעלט גאָר הויך,
„די אַנדערע געמאַכט פאַר קנעכט — —
„געווים, ער טהוט דאָך גאָרנישט שלעכט...

די אָרדנונג, אַז נאָר אײן הויז איז בעשטימט אַרויסצוברענגען כהנים פאַר גאָט אין זײַן בית המקדש, איז בעשטימט געוואָרען דורך גאָט אַלײן — דאָס האָט דער דיכטער דאָ געוואָלט זאָגען, פונקט אַזוי ווי די טעג זענען נישט גלײַך אַלע אײנע און די אַנדערע, כאָטש די זון שײַנט אין זײ אַלע גלײַך. דער מענש טאָר אַלזאָ נישט אָנריהרען די דאָזיגע אָרדנונג. דערבײַ בעמיהט זיך בן סירא צו דערווײַזען דורך בײַשפּיעלען פון דער אידישער געשיכטע, אַז דאָס האַלטען זיך פעסט אין דער תּורה און אין איהר אָרדנונג, האָט אידען שטענדיג געבראַכט ברכה און הצלחה, דאַגעגען דאָס אָבקעהרען זיך פון דער תּורה האָט שטענדיג געפיהרט צום אומגליק; צו דעם צוועק דערמאָנט ער פיעל פּערזענליכקײַטען, וועלכע זענען בעריהמט געוואָרען אין דער אידישער געשיכטע דורך זײערע גוטע, אָדער שלעכטע מעשים. מיט אַ בעזונדערער כונה דערמאָנט ער דעם אויפשטאַנד פון קורח געגען משה'ן, וועלכער האָט זיך אויך געבונטעוועט, טענ'ענדיג: „די גאַנצע געמײנדע איז דאָך הײליג, וואָרום דערהויבט איהר זיך דען?“ בן סירא דערצעהלט אויך, ווי גרויס די מפּלה איז געווען פון קורח מיט זײַן געמײנדע, וועלכע זענען דורך די פלאַמען פון דער ערד פערניכטעט געוואָרען. דערמיט האָט בן סירא אָנגעוואונקען די אידישע גרינגע, אַז זײ זאָלען נישט אַרויסטרעטען געגען אהרנ'ס קינדער, דען זײ קענען אויך דעם זעלביגען פּסק האָבען. — אויך אַזוי לאַנג שטעלט ער זיך אָב בײַ דער שילדערונג פון פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, וועלכער האָט דורך זײַנע גרויסע מעשים אָבגעווענדעט דאָס אומגליק פון אידען.

אין זײַנע „היסטאָרישע בעווײַזען“ דערצעהלט בן־סירא נישט איבער אַלע גרויסע געשעהענישען, וואָס האָבען זיך געטראָפען בײַ אידען; ער לאָזט דורך די אומגליקס־צײַט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט רחבעמ'ן, שלמה המלכ'ס זוהן, ווען בײַ אידען איז פאָרגעקומען די גרויסע שפּאַלטונג, וואָס האָט געבראַכט צו אַ פּאָליטישען חורבן און אַ מאָראַלישע פערדערבונג איז אַרײַנגעדרונגען אין אידישען לעבען; ער שטעלט זיך אָב דערפאַר לענגער אויף דער טעטיגקײַט פון די נביאים. פון דער עפּאָכע, וואָס נאָך דעם גלות, דערמאָהנט ער זרובבל, דעם כהן גדול ישוע און נחמיה. שוין גאָר אויפ'ן סוף שילדערט ער בעך

זונדערס שען דעם כהן גדול שמעון הצדיק, זיינע מעשים און די הייליגקייט פון זיין כהונה גדולה, און ווייל ער איז געווען דער עלטער־זיידע פון די איצטיגע כהנים, האט זיין לעבען געדארפט דינען פאר א גוטען ביישפיל און א ווארנונג פאר יענע לייט, וואס יאגען זיך נאך כבוד, אז זיי זאלען זיך אבזאגען פון זייערע אומריינע כוונות און שלעכטע מעשים.

אויב בן־סירא האט געהאפט, אז עס וועט איהם געלינגען מיט זיינע קלוגע רייד אויסצובעסערען די פערדארבענע מענשען, זענען נאך געווען פיעל אנדערע פרומע אידען, בעזונדערס, די „חסידים“, וועלכע האבען פעסט געגלויבט, אז נאר דורך תפלות צו גאט וועט מען ברענגען שלום און רוהיגקייט אין די אידישע געמיטער. אבער אנשטאט דעם ערוואַרטעטען שלום, האט זיך אנגעהויבען אין לאנד יהודה א שרעקליכע צייט פון נאך גרעסערע מהומות. דורך די אינטריגעס פון די אידישע גרויסע איז דאס אידישע פאלק צוגעפיהרט געווארען צום ברעג פון א טיעפען און שרעקליכען אבגרונד.

פינפטעס קאפיטעל.

אנטיוכוס עפיפאנעס און די שמד־גזרות.

(פון 245 ביז 238 פאר'ן חורבן, אדער פון 175 ביז 168 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג).

אין יענער צייט איז ארויסגעטראטען אין דער אידישער געשיכטע א נייע פערזאן, א זוהן פון א קעניג, וועלכער האט געהאט די טרויעריגע בעשטימונג, צו פערגרעסערען די מהומות אין יהודה, וועלכע זענען שוין אהן דעם געווען אויך גענוג גרויס. דאס איז געווען אנטיוכוס עפיפאנעס, וואס זיין נאמען איז געבליבען אן'אייביגער שאנד־פלעק אין דער אלגעמיינער געשיכטע, און ער האט עס געדארפט ברענגען דעם אידישען פאלק אזעלכע אונגליקען, פון וועלכע עס האט נאך קיינמאל נישט געוואוסט. ער האט געהערט צו די מענשען, וועלכע האבען א דאפעלטע נאטור, א געמיש פון שלעכטסקייט מיט עדעלע נטיות, חיטרע, אויסגערעכענט און דערביי אויך קאפריזנע, קליינליך אין גרויסע אונטערנעהמונגען און גרויס אין קליינגקייטען. און דעריבער האבען די מענשען פון זיין צייט איהם שווער געקאנט פערשטעהן; מען האט נישט געוואוסט, אויב די נארישקייטען, וועלכע דער מענש האט ארויסגעוויזען אלס קעניג, דורך וועלכע ער האט זיך געמאכט לעכערליך פאר'ן פאלק, א שטייגער, ווי ער וואלט בעגארט צו האבען דעם נאמען „דער משוגע“ — צי איז דאס ביי איהם געווען נאטור, אדער אן'אנגענומענע מאסקע. דאס לעבען, וועלכעס אנטיוכוס האט דורכגעמאכט אין דער יוגענד, האט איהם געמוזט ארויב־

פֿיהרען פֿון גלייכען וועג. זיין פֿאָטער האָט איהם געמוזט שיקען קיין רוים, אַלס משכון, אַז ער וועט אויסצאָהלען אין צוועלף יאָהר די גרויסע קאָנטריבוציע, וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפֿגעלעגט, און אַנטיוכוס האָט אָבגעלעבט אין רוים די בעסטע יוגענד־יאָהרען. רוים איז דאַמאָלס, נאָכ'ן איינגעהמען קרתגה און דעם נצחון איבער די מאַקעדאָניער, געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פֿון דער וועלט און האָט איבערגעלעבט די איבערגאַנגס־צייט פֿון די שטרענגע מדות פֿון דעם פֿילאָזאָף קאַטאָנ'ס צייטען צו דער אויסגעלאַסענער צייט פֿון די קלוידיער. די אויסגעלאַסענקייט פֿון די גריכען איז אויך אַהער פֿערשלעפּט געוואָרען; די אונצוכטיגקייט און די בעפֿריעדיגונג פֿון דער ליידענשאַפֿט אויף אַ העסליכען, אונגאַטירליכען אופֿן, איז שוין דאָ געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. אַמשטאַרקסטען האָט אָבער אַנטיוכוס געלערנט אין רוים צו פֿעראַכטען מענשען און זייערע געוואָהנהייטען, צו זיין חוצפה'דיג, האַרט ווי אייזען, אַן אכזר, וועלכער ווייס נישט פֿון קיין שום רחמנות, און גרויזאַם, ווי די חיה, וועלכע ליעבט צו שפּיעלען זיך מיט איהר קרבן, איידער זי דערווערגט איהם.

דורך חניפֿות און שענע רייד האָט אַנטיוכוס געפּועלט ביי דעם סענאַט פֿון רוים, אַז מען זאָל איהם אַרויסלאָזען פֿריי און אַנשטאָט איהם נעהמען פֿאַר אַ משכון דעמעטריאָס, דעם זוהן פֿון זיין ברודער סעלעוקוס. אַזוי אַרום איז ער געקומען צוריק קיין סיריען, וואָהרשיינליך, מיט דער כונה אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון טהראָן זיין ברודער. אָבער אַן אַנדערער האָט איהם שוין דעם וועג פֿערטראָטען: דער קעניגליכער שאַץ־מייסטער, העליאָדאָר, האָט דער'הרג'עט דעם קעניג סעלעוקוס און פֿערכאַפּט די רעגירונג אין זיינע הענד. (175 פֿאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג) צי איז אַנטיוכוס געווען גאַנץ אונשולדיג אין דער דאָזיגער מערדערישער טהאַט? ער איז דאַמאָלס געווען אין וועג פֿון רוים קיין אַנטיאָכיען און האָט זיך אָבגעשטעלט אין אַטהען. דער פֿיינד פֿון זיין פֿאָטער, אוימענעס, דער קעניג פֿון פּערגאַמוס און זיין ברודער אַטאַלוס, האָבען בעוויזען אַנטיוכוס'ן דעם גרעסטען דיענסט, פֿערטרייבענדיג העליאָדאָר'ן פֿון אַנטיאָכיען און אויסרופֿענדיג אַנטיוכוס'ן פֿאַר אַ קעניג איבער סיריען און אַזיען. אַט אַזוי האָט אַנטיוכוס זיך געזעצט אויפֿ'ן טהראָן, בעראָבענדיג דעם זוהן פֿון זיין דער'הרג'עטען ברודער, דען דער טהראָן האָט דאָך געהערט נישט איהם, נאָר דעמעטריאָס'ן, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען זיצען אין רוים, אַלס אַ משכון. דער רוימישער סענאַט האָט מיטגעהאָלפֿען אַנטיוכוס'ן, בלייבענדיג געטריי זיין שטענדיגער פֿעלקער־פֿערדערבליכער פּאָליטיק: אַרויסצורופֿען מהומות, מחלוקת און סכסוכים אין די שכנות'ע מלוכות, כדי דאָדורך זיי אָבצושוואַכען און דערנאָך צו קאָנען לייכטער איינעהמען, אָדער מיט געוואַלד, אָדער דורכ'ן אַרויסטרעטען אַלס ריכטער און פּשרה־מאַ־

כער צווישען די קעמפפענדע צדדים אין פארטייען. אנטיוכוס האט זיך
אבער געהאלטען קליגער פאר'ן רוימישען סענאט און ער האט זיך
איינגעשמועסט, אז עס וועט איהם געלינגען רוים אבצונארען דורך זיי־
נע קונץ־שטיקען. איינער פון די אידישע „זעהער" שילדערט אונז בילד־
ליך, ווי אזוי עס וועט ארויסטרעטען אנטיוכוס: „עס וועט ארויפטרע־
טען אויף זיין ארט א פעראכטעטער מענש, אויף וועלכען מען האט
גארנישט אנגעטהון די שענהייט פון מלכות, און ער וועט פערנעהמען
דעם טהראָן מיט חניפות. און דורך דער פערבינדונג מיט איהם וועט ער
מאכען א פאלשקייט און וועט קומען און מנצח זיין, האבענדיג פאר
זיך ווייניג פאלק. ער וועט ארויסטרעטען געלאסען און וועט געהן צוזא־
מען מיט די אנגעזעהענסטע מענשען פון לאנד און וועט טהון אזא
זאך, וואס עס האבען נישט געטהון נישט זיינע עלטערן, נישט זיינע
פארעלטערן, און פיעל רויב און גיטער וועט ער זיי געבען (דאס הייסט:
די אנגעזעהענסטע מענשען). (דניאל).

קומענדיג פון רוים קיין אנטיאכיען, האט אנטיוכוס איינגעפיהרט
דעם קאמפף־שפיעל פון גלאדיאטארען, וועלכען ער האט געזעהן אין
רוים און וואס איז בעשטאנען דערין, אז די געפאנגענע אין מלחמה,
אדער די קנעכט האבען געדארפט אין צירק פאר'ן פובליקום ארויס־
טרעטען, בעוואפענט אין קאמפף איינער נעבען אנדערען און קעמפ־
פען אזוי לאנג, ביז איינער איז געפאלען טויט, אדער שטערבליך פער־
וואונדעט. דאס דאזיגע שענדליכע שפיעל האט ער איינגעפיהרט, כדי
אבצונארען די רוימער, אז זיי זאלען מיינען, אז ער איז זיי ערגעבען
און געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון רוימישען לעבען און מנהגים.
אויך צו די רוימישע געטער האט ער מיט'ן זעלבען צוועק געדיענט,
חאטש ער אליין איז אינגאנצען געווען ווייט פון יעדען געדאנקען וועגען
דער גאטהייט, אין דער אידישער זעהער האט זיך וועגען איהם אויסגע־
דריקט אזוי: „די געטער פון זיינע עלטערן האט ער נישט געאכפערט,
ווי ער האט אויך נישט געאכפערט קיין שום גאט, דען ער האט זיך
בעהאלטען גרעסער פאר אלין".

אט דעם דאזיגען שרעקליכען מענשען מיט א הארץ פון א שטיין,
מיט פעראכטונג פון מענשען, געזעצע, מדות און רעליגיאן, זענען די אי־
דען איבערגעגעבען געווארען אין די הענד. ווייל דאדורך, וואס אנטיוכוס
האט בערויבט דעם טהראָן, איז ער אויך געווארען הערשער איבער דאס
לאנד יהודה, און די אידען זענען געווארען אבהענגיג פון זיין משוגענעם
קאפריז און זיין ווילדער שלעכטסקייט. און פונדעסטוועגען, ווען אין
יהודה וואלט געהערשט אחדות און שלום, וואלט מען אפשר אויסגעמיי־
דען זיין אויפמערקזאמקייט און ער וואלט אנגעווענדעט זיין שלעכטס־
קייט אדער אויסגעגאסען זיין גיפטיגען כעס ערגיץ וואו אנדערש, נישט
אין לאנד יהודה. אבער דער גרויסער פרוד, וועלכען ס'האבען ארויסגערו־

פֿון די אידישע גריכען, האט מיטגעבראכט דערצו, אז אנטיוכוס זאל זיך נעהמען בעאבאכטען, וואס עס קומט פאר אין לאנד יהודה. די אידישע גריכען האבען נאך גאר אליין געפאדערט, אז ער זאל זיך אריינמישען אין די אינערליכע ענינים פון אידישען פאלק. ערשטענס, האבען זיי איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף הורקנוס, וועלכער האט אין זיין פעסטונג „טירת“, נעבען חשבון, אויף יענער זייט ירדן, געזאמעלט די שטייערען פאר'ן קעניג פון מצרים, און ווען אנטיוכוס זאל נאר וועלען, קאן ער איהם לייכט איינגעהמען און צונעהמען זיין גרויסע עשירות. פערשטעהט זיך, אז אנטיוכוס האט נישט געמאכט קיין שהיות און זיך געלאזט געהן בע־ראבעווען דעם גאנץ אונשולדיגען הורקנוס. ווען הורקנוס האט זיך דער־וואוסט, אז אנטיוכוס קלייבט זיך צו געהן אין מלחמה אויף איהם, האט ער בעגאנגען בעסער א זעלבסטמארד, איידער אריינצופאלען אין זיינע שענדליכע הענד. אנטיוכוס האט דאן פערנומען זיין גאנצען פערמעגען.

דאן זענען די אידישע גריכען ענדליך צוגעטראטען צו פערווירקלי־כען זייער אלטען פלאן, אראבצושטויסען דעם כהן־גדול חוניו פון זיין הויכער שטעלע. זיין אייגענער ברודער, ישוע־יאזאן, האט צוגעזאגט אנטיוכוס'ן א גרויסע סומע געלד, אויב ער וועט איהם בעשטימען פאר א כהן־גדול, און אנטיוכוס האט באלד ערפילט זיין פערלאנג (244 פאר דעם חורבן בית־שני). מען האט אויף חוניו'ן אויך גע'מסר'ט, אז ער געהערט צו דער פארטיי פון די אנהענגער פונ'ם קעניג פון מצרים, אזוי ארום איז חוניו פון אנ'אנקלאגער אויף די אידישע גריכען געווארען אליין אנגעקלאגט. ווייטער האבען די אידישע גריכען, אדער זייער נייער פארשטעהער, דער כהן־גדול ישוע—יאזאן, געבעטען ביי'ם קעניג אנ־טיוכוס, אז אלע אידען, וועלכע וועלען אנטייל נעהמען אין די גריכישע קאמפף־שפיעלען און וועלען דערין זיין גוט געאיבט, זאלען זיי קאנען ארויסטרעטען ווי פולבערעכטיגטע בירגער פון אנטיאכיען אדער, ווי מאקעדאניער און זאלען צוגעלאזען ווערען צו אלע עפענטליכע שפיעלען און פערזאמלונגען פון די גריכען. פאר די גריכען זענען אט די שפיעלען כלל נישט געווען קיין געוועהנליכער צייטפערטרייב; זיי האבען זיך בעשעפטיגט דערמיט גאנץ ערנסט און האבען זיי געהאלטען פאר א וויכטיגען צוועק אין לעבען. די גריכען, וועלכע האבען זיך קאלאניזירט אין ארץ־ישראל און פעניקיען, האבען דורך די דאזיגע אלימפישע שפיע־לען, וועלכע זיי פלעגען איינארדנען, אויף דעם גריכישען שטייגער, איינ־מאל אין פיער יאהר, אויפגעהאלטען זייער נאציאנאלע אחדות און זייער שייכות צום אלטען גריכישען פאטערלאנד. ווער עס פלעגט פון די נישט־גריכען צוגעלאזען ווערען צו נעהמען אנטייל אין די דאזיגע שפיעלען, האט זיך געהאלטען דאדורך דערהויבען צום גריכישען אדעל, און מען האט דערמיט זעהר שטאלצירט. דער כהן־גדול יאזאן צוזאמען מיט די אידישע גריכען האט געוואלט דורכ'ן גרינדען א גימנאזיאן אין ירושלים

(דאָס הייסט: אַנ'אַנשטאַלט, וואו מען לערנט די גריכישע גימנאַסטיק) געפינען חן אין די אויגען פון די גריכען און ווערען ביי זיי גלייכבערעכטיגטע בירגער; דאַדורך האָבען זיי געהאָפט צו קאָנען פערקלענערען די פעראַכטונג, פון וועלכער זיי פלעגען ליידען מצד די גריכען, ווען זיי פלעגען זיך מיט זיי צוזאַמענקומען. ווי נאָר אַנטיוכוס האָט בעוויליגט די אידישע גריכען זייער ביטע, האָט דער כהן־גדול יאַזאָן זיך גענומען צו דער אַרבייט, צו בויען אַ בנין פאַר דעם נייען גימנאַזיאָן, וואו די אידישע יוגענד זאָל זיך קאָנען איבען אין די גריכישע גימנאַסטישע שפּיעלען, כדי אַנטייל צו נעהמען אין די אָלימפּישע שפּיעלען. אַ פּלאַץ אויף אַזעלכע גריכישע שפּיעלען האָט דער כהן גדול אָבגעגעבען אין דער בירה, אָדער אַקראַ (Akropolis), אין צפון־מערב־זייט פון בית־המקדש. דאָרט האָט מען געדאַרפט אויסבויען דאָס גימנאַזיאָן פאַר יונגע לייט און מאַכען אַנ'אַנגענעם אָרט פאַר נאָך גאָר יונגע קינדער, און „מען האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל פאַר אַלע געזונדע בחורים, אַז זיי זאָלען דאָרט שפּיעלען מיט דער מאַסקע אויפ'ן געזיכט. און די געזעצען פון די זונים האָבען זיך פערשפּרייט אין דער גאַנצער שטאָדט און אַלע האָבען געאיילט צו קומען אין שפּיעל־הויז, צו קעמפּפען, שטעכען זיך איינע די אַנדערע מיט שווערדען און שפּיזען און לויפען אין קאַראַהאָד, אָדער שפּיעלען מיט די קוילען. — אַט אַזוי דערצעהלט עס בקצור דער דאַמאָלדיגער היסטאָריקער, ווי אַזוי די אידישע גריכען האָבען זיך גענומען איינפיהרען ביי אידען די גריכישע קולטור, כדי צו העלעניזירען אידען. ווי עס שיינט, האָט מען אויך איינגעלאַדען גריכישע לעהרער, וועלכע האָבען געדאַרפט לערנען די אידישע יונגע לייט און דערוואַקסענע מענשען די נייע „חכמה“.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי די דאָזיגע שפּיעלען פּאַסען גאַנץ ווייניג צום אידישען לעבען און צו דער אידישער קולטור, דען זיי געהערען צו אַ פרעמדען פאָלק מיט אַ גאַנץ פרעמדער וועלט־אַנשויאונג און אַנ'אַנדער ריכטונג. די גימנאַסטישע איבונגען האָבען געדאַרפט געמאַכט ווערען נאַקעטערהייד, אַזוי האָט עס געפאָדערט דער גריכישער מנהג. די אידישע יונגע לייט, וועלכע זענען צו די שפּיעלען געקומען, האָבען זיך געמוזט אַלזאָ אויסקליידען מוטער־נאַקעט פאַר'ן בית־המקדש, וואו עס האָבען לויט'ן דין פון דער תורה אפילו נישט געטאָרט זיין קיין טרעפּ צום מזבח, כדי די נאַקעטע טיילען פון לייב זאָלען זיך נישט אַרויסזעהען אויף זיי ביי די כהנים, ווען זיי וועלען טהון די עבודה. אַזוי שטאַרק האָט דאָך די תורה אָבגעהיט דאָס אידישע געפיהל פון בושה. די דאַמאָלדיגע אידישע גריכען האָבען אָבער אַט די בושה אַראָבגעוואָרפען; אַנ'אַנדער בושה האָבען זיי בעקומען: ביי'ם אויסטהון זיך נאַקעט, האָט מען אַרויסגעזעהען זייער ב ר י ת ק ו ד ש, דורך וועלכען אידען צייכענען זיך אויס

פון אנדערע פעלקער. איצט האבען די אידישע יונגע לייט דערמיט געשעמט זיך, דען זיי האבען מורא געהאט, אז די גריכען זאלען פון זיי נישט אבלאכען. ווי אזוי נעהמט מען אלזא אנטייל מיט א זא צייכען אויפ׳ן לייב אין די אלימפישע שפיעלען? די אידישע גריכען האבען אבער געפינען א מיטעל אויך געגען דעם: זיי האבען זיך געלאזט מאכען א שמערצליכע אפעראציע (דאס אבציהען די ערלה...), כדי נאר נישט צו ערשיינען אויף די שפיעלען אלס אידען. באלד זענען געקומען אלע יונגע לייט אין גימנאזיאן, און די יונגע כהנים האבען פערלאזען די עבודה אין בית המקדש, כדי צו קאנען טיילנעהמען אין די גימנאסטישע איבונגען. די פרומע אידען האבען מיט שרעק געקוקט, ווי אידישע קינדער ווערען פערפרעמדעט פון אידישען פאלק, אבער זיי האבען געשוויגען. אבער אפילו אויך צווישען יאזאנ׳ס חברים זענען פיעל געוועזען אי־צופריעדען מיט זיינע מעשים, ווי נאר זיי האבען דערזעהען, אז מען ווערט איינגאנצען אבגעריסען פון אידענטום. זיי האבען אפילו יא געוואלט מתקרב זיין זיך צו די יונים, אבער נישט אזוי שטארק, און נישט אויף אזוי פיעל, אז מען זאל דעם מהות פון אייגענעם פאלק פערגעסען איינגאנצען. מען קאן דאס ארויסזעהען פון דער פאלגענדער ערצעהלונג, וועלכע עס גיעט איבער דער דאמאלסדיגער היסטאריקער: ווען מען האט אין יענער צייט (242 פאר׳ן חורבן) איינגעארדענט אין צור אלימפישע שפיעלען, און וועלכע עס האט אויך טיילגענומען דער קעניג, און מען האט געדארפט ביי דער געלעגענהייט אויך ברענגען קרבנות דעם גריכישען אבגאט הערקולעס (דער גאט פון גבורה), וועלכער איז געווען, לויט דער גריכישער אמונה, דער גרינדער פון די שפיעלען, האט יאזאן געשיקט אויך אידישע יונגע לייט, טיילצונעהמען אין די שפיעלען, ווייל זיי זענען שוין געווען גוט געאיבט דערין און געהאט דאס רעכט דערויף. דערביי האט ער — דער כהן־גדול — זיי מיטגעגעבען אויך געלד, כדי זיי זאלען קאנען טיילנעהמען אין די קרבנות, וואס מען דארף ברענגען פאר׳ן גאט הערקולעס. אבער די אידישע יונגע לייט, חאטש זיי זענען שוין געווען געבילדעט אויפ׳ן גריכישען שטייגער, האבען זיי דאך געשפירט א ווידערווילען געגען דעם, דען עס איז זיי אונמעגליך געווען צו בוקען זיך פאר אן אבגאט און דיענען צו איהם, ווי צו א גאט. דאס געלד האבען זיי מיט זיך גענומען, אבער דערביי האבען זיי געשטעלט א תנאי, אז זיי קאנען דאס פערווענדען אויך אויף אן אנדער צוועק, נישט דוקא אויף קרבנות פאר אן אבגאט פון שטיין, — אזוי טיעף איז שוין דאמאלס געווען איינגעווארצעלט ביי אידען דער ריינער געטליכער בעגריף, אז אפילו די, וועלכע מען האט ערצויגען אלס גריכען און זיי זענען אליין געווען איבערגעגעבען דער גריכישער קולטור, האבען דאך ביי זיך נישט געקאנט פועל׳ן, צו דיענען א שטיינערנעם אבגאט.

אין ירושלים איז דערווייל אויסגעוואקסען די פיינדשאפט צווישען ביידע פארטייען זעהר גרויס, און עס האט געמוזט קומען צו אן'אפענעם קאמפף. די פערביסענע אידישע גריכען האבען אנגעהויבען פיהרען אינטריגעס אפילו אויך געגען זייער כהן גדול יאזאן; זיי האבען דורכאויס געוואלט, אז די כהונה־גדולה זאל זיי געהערען אינגאנצען, צי צוליעב דעם, וואס זיי האבען קיינעם נישט פערגוננען דעם דאזיגען כבוד, אדער דערפאר, וואס יאזאן איז אין זייערע אויגען נאך אלץ געווען צו־אידיש־נאציאנאל, ווייל ער איז דאך פארט געווען א ברודער פונ'ם פרומען כהן גדול חוניו, און פאר זיי איז ער דעריבער געווען צו־שוואך אין זיין גריכישער טעטיגקייט. פאר א כהן גדול האבען זיי געוואלט מאכען איינעם פון זייערע לייט, האטש ער איז גאר קיין כהן נישט געווען, דעם שענדליכען מענעלאאוס, א ברודער פון יענעם פעררעטער שמעון, וועלכער האט גע'מסר'ט אויף דעם כהן־גדול חוניו, אז ער האט פרעמדע אוצרות אין בית־המקדש. מענעלאאוס איז געווען א מענש אהן א ברעקעל יושר און א פונק פון עהרליכקייט, וועלכער האט געהאלטען אלע מיטלען פאר כשר, אבי נאר צו דערגרייכען זיינע תאוות און פערגעניגענס. דורך איהם האט דער כהן גדול יאזאן געשיקט יעהרליך די אבצאהלונגען פון לאנד יהודה פאר'ן קעניג אנטיוכוס. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט מענעלאאוס פארגעלעגט דעם קעניג צו געבען שטייערען מיט 300 טאלענט יעהרליך מעהר, ווי יאזאן, אויב מען וועט איהם בעשטימען פאר א כהן גדול. דערביי האט ער זיך בערימט פאר אנטיוכוס'ן, אז ער איז זעהר אנגעזעהען ביי אידען, און ווען ער וועט כהן גדול זיין, וועט ער ווירקען פאר'ן קעניג ביי אידען מיט פיעל מעהר ענערגיע און קראפט, ווי יאזאן. אנטיוכוס האט די זאך אויפגענומען גאנץ לייכט: ווער עס האט איהם מעהר געלד צוגעזאגט, יענער האט געדארפט בלייבען כהן גדול (242—241 פאר'ן חורבן). מענעלאאוס איז אלזא בעשטעטיגט געווארען פאר א כהן־גדול און אנטיוכוס האט געשיקט מיט איהם צוזאמען זיינעם א בעאמטען, זאסטראטעס, מיט א מחנה סאלדאטען פון דער אינזעל ציפערן (קפריסין) קיין ירושלים, כדי זיי זאלען איהם העלפען ביי'ם דורכפיהרען זיינע פעראָרדנונגען, ווי אויך איינצומאהנען די גרויסע סומעס געלד, וואס מענעלאאוס האט צוגעזאגט דעם קעניג. זאסטראטעס האט אריינגעפיהרט זיינע סאלדאטען אין דער פעסטונג אקרא, כדי צו ווארפען אן'אימה אויף די איינוואהנער פון ירושלים, און האט ערקלערט, אז יאזאן ווערט דערוויטערט פון דער כהונה גדולה, און מענעלאאוס ווערט בעשטימט אויף זיין ארט. יאזאן איז ענטלאפען, אדער מען האט איהם ארויסגעטריבען פון ירושלים און ער איז אריבערגעגאנגען אין לאנד עמון, וואו דער אראבישער קעניג ארעטאס האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און אבגעגעבען אנ'ארט אויף צו וואהנען אין זיין לאנד.

טוליעב דער דאזיגער נייער פערענדערונג האבען זיך פערגרעסערט די מהומות אין ירושלים. דער גרעסטער טייל פון פאלק איז געווען שטארק אויפגעבראכט געגען מענעלאאוס, וועלכער האט זיך ערלויבט צו נעהמען די כהונה גדולה, חאטש ער איז כלל נישט געווען קיין כהן (ער האט געשטאמט פון שבט בנימין). און דערצו איז ער געווען בעוואוסט, אלס א פאלקאמער פיינד פון דער תורה. אפילו צווישען די אידישע גריכען זענען פיעל געווען אונצופריעדען דערמיט; א טייל פון זיי זענען געווען יאזאנ'ס פריינד און א טייל זענען בכלל נאך נישט געווען אזוי שטארק אבגעשטאנען פון אידענטום, אז עס זאל ביי זיי רעכט זיין, דאס א ישראל, און נישט קיין כהן, זאל זיך ערלויבען צו פערנעהמען די כהונה גדולה און טהון די עבודה אין בית המקדש. די אונצופריעדענע האבען אבער געמוזט שווייגען, ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר'ן בעאמטען, וואס אנטיוכוס האט געשיקט מיט מיליטער, און וועלכער האט זיך שוין געהאט בעזעצט אין דער בירה. די אלגעמיינע אויפרעגונג איז אבער אזוי גרויס געווען, אז מען האט געקאנט מורא האבען, דאס ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט אויסברעכען אן אויפשטאנד. די דאזיגע געלעגענהייט האט געבראכט דער נייער כהן גדול, מענעלאאוס אליין. ווי שוין דערמאהנט, האט ער פערשפראכען אנטיוכוס'ן צו געבען א פיעל גרעסערן אבצאהל, ווי יאזאן, אויב ער וועט ווערען כהן גדול. איצט אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז מענעלאאוס קאן בשום אופן נישט צאהלען דאס צוגעזאגטע געלד. ווען אנטיוכוס האט דערזעהן, אז מענעלאאוס איז נישט מקיים זיין הבטחה, איז ער אריין אין שטארקען צארן און האט איהם ארויסגעפאדערט צו זיך, צו געבען איהם אנ'ענטפער, פארוואס ער האט נישט ערפילט זיין הבטחה. כדי זיך ארויסצודראטעווען פון דער שווערער לאגע, איז מענעלאאוס געפאלען אויפ'ן שענדליכען פלאן צו בעגנב'ענען דעם בית-המקדש. ער האט איבערגעלאזען זיין ברודער ליזימאכאס אויף זיין ארט, אלס כהן גדול, און אליין האט ער ארויסגעפיהרט פון בית המקדש פיעל הייליגע כלים מיט אנדערע טייערע זאכען און האט זיי פערקויפט צו די סוחרים פון פעניקיען. דאס געלד האט ער אבגעפיהרט קיין אנטיאכיען, צו בעצאהלען אנטיוכוס'ן זיין חוב. וועגען דעם דאזיגען שענדליכען פערברעכען האט זיך באלד דערוואוסט דער פריהערדיגער פרימער כהן גדול, חוניו דער דריטער, און איז א פערציטערטער געווארען. חוניו האט נאך אלץ געוואהנט אין אנטיאכיען. ער האט דעריבער דארט באלד אנגעקלאגט מענעלאאוס'ן, אז ער האט בערויבט דעם געטליכען טעמפעל, דען פאר אזא פערברעכען פלעגען די גריכען אויך שטרענג בעשטראפען. די דאזיגע אנקלאגע האט אבער געקאסט דעם כהן-גדול חוניו דאס לעבען, דען מענעלאאוס האט זיך באלד דערפון דערוואוסט, און ער האט געבעטען דעם משנה-למלך, אנדראניקוס,

וועלכער איז אין דער אבוועזענהייט פון'ם קעניג אנטיוכוס געשטאנען אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג, אז ער זאל לאזען טויטען דעם כהן גדול חוניו, נאך איידער דער קעניג וועט קומען און זיך דערוויסען, אז מענעלאאוס האט בערויבט דעם בית־המקדש. אנדראניקוס האט אליין אויך געהאט א חלק אין דער שענדליכער גנבה פון בית המקדש, און דעריבער האט ער זיך באלד בעשלאסען צו דער'הרג'ענען חוניו'ן. דער לעצטער האט פאראויס געזעהן, אז מען וועט איהם וועלען דער'הרג'ענען, און האט זיך בעהאלטען אינ'ם טעמפּעל פון דעם אבגאט אפּאלא אין דאפנא, נעבען אנטיאכיען, דען אינ'ם דאזיגען טעמפּעל זענען אלע פּערזאנען געווען היילינג, און קיינער האט זיי נישט געטארט אנריהרען. אנדראניקוס האט ארויסגערופען צו זיך דעם כהן גדול חוניו, שווערענדיג איהם, אז ער וועט איהם קיין שום שאדען נישט טהון, דען ער האט נאך מיט איהם עטוואס וויכטיגעס צו רעדען. חוניו האט געגלויבט זיינע שבועות און איז צו איהם ארויסגעקומען פון טעמפּעל, און אנדראניקוס האט איהם אויפ'ן ארט דער'הרג'ט. (241 פאר'ן חורבן). דאס איז שוין געווען א נייער פערברעכען פון מענעלאאוס. דער מארד פונ'ם פרומען כהן גדול האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אפילו אויך צווישען די גריכען אין סיריען, און אנטיוכוס איז געווען געצוואונגען באלד נאך זיין קומען צוריק קיין אנטיאכיען צו בעשטראפען זיין „משנה" אנדראניקוס. אזוי שענדליך האבען בעטראכט אפילו אויך די גריכען מענעלאאוס'עס מארד.

מענעלאאוס האט אבער איינגעזעהן, אז חאטש ער האט געלאזט דער'הרג'ענען דעם אנקלאגער אויף זיין גנבה, איז ער דאך כלל נישט געווען זיכער מיט דער גוטער שטימונג פון אנטיוכוס, און ער האט געוואלט נאך בעסער איהם בעפריעדיגען. צו דעם צוועק האט ער געגעבען א בעפעהל צו זיין ברודער ליזימאכאס, צו בערויבען אינגאנצען דעם אוצר פון בית־המקדש און ארויספיהרען פון דארט אלע טייערע זאכען, פערקויפען זיי און אבשיקען איהם דאס געלד. די דאזיגע נייע בערויבונג האט אויך נישט געקאנט געהאלטען ווערען בסוד, און ווען די נבלה איז דערוואוסט געווארען אין ירושלים, איז דאס פאלק שרעקליך ערביטערט געווארען און מען האט געוואלט נעהמען נקמה פון ליזימאכאס. אויך די אידישע בעפעלקערונג ארום ירושלים האט זיך באלד דערוואוסט פון דער אונערהערטער גנבה, וואס ביידע ברידער האבען אבגעטהון אין בית המקדש, און אלע האבען געאיילט צו קומען קיין ירושלים, סטראשענדיג, צוזאמען מיט דער בעפעלקערונג פון ירושלים, צו בעשטראפען די רויבער מיט'ן טויט. ליזימאכאס האט זיך אבער ווענינ וואס דערשראקען; ער האט נאך געגלויבט, אז דוקא ערשט וועט איהם געלינגען ארויסצווייזען זיין ממשלה. ער האט צוזאמענגענומען ארום זיך זיינע אנהענגער, לערך דריי טויזענד מאן, וועלכע ער האט

גוט בעוואפענט און געשטעלט אונטער'ן אנפיהרען פון זיינעם א חבר, אנ'אלטען בלוטיגען מאן, מיט'ן נאמען חורן. מיט דער דאָזיגער מחנה זענען ליזימאכאָס מיט זיין חבר אנגעפאלען אויף דאס אונבעוואפענטע פאלק. אבער די נישט-בעוואפענטע האבען זיך נישט געלאָזט איינשרעקען: מיט שטיינער און מיט שטעקענס זענען זיי אנגעפאלען אויף דער מחנה פון ליזימאכאָס, אויך אש און ערד האבען זיי געשאָטען אויף זיי און זיי פערבלענדעט. פיעל פון דער מחנה האבען זיי אויסגע'הרג'עט. די איבריגע האט מען צעיאָגט, און ליזימאכאָס האט מען געחאפט לעבעדיג און דער'הרג'עט פאר'ן אוצר פון בית המקדש, וועלכען ער האט בערויבט. ווען מענעלאאוס האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער אנגעגעבען אנ'אנקלאגע ביי אנטיוכוס'ן געגען די איינוואָהנער פון ירושלים, אז זיי האבען געמאכט אנ'אויפשטאנד געגען דעם קעניג. אנטיוכוס איז דאמאלס געווען אין צור, און ער האט דארט באלד בעשטימט א משפט געגען די אידען. אויך די איינוואָהנער פון ירושלים האבען געשיקט דריי זקנים פון הויכען בית דין, וועלכע דאס פאלק האט בעפאלמעכטיגט צו פערטהיידיגען פאר אנטיוכוס'עס געריכט. די דאָזיגע זקנים האבען אזוי קלאר דערוויזען די שולד און בע'גנב'ענען דעם בית המקדש, וואס עס האבען בעגאנגען די ברידער מענעלאאוס און ליזימאכאס, וועלכע האבען דאדורך אליין אויפגערעגט געגען זיך די אידישע פרומע בעפעלקערונג, אז אנטיוכוס האט אליין אויך איינגעזעהן, ווי גערעכט זיי זענען, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז ער זאל ארויסזאגען זיין אורטייל געגען מענעלאאוס'ן; אבער דער לעצטער האט זיך צוזאמענגערעדט מיט איינעם א נישטווירדיגען מענשען פון זיין גלייכען, וועלכער האט געהערט צו אנטיוכוס'עס לייט און האט אויף איהם געהאט א שטארקען איינפלוס. דער דאָזיגער מענש האט לאנג גע'טענה'ט מיט אנטיוכוס'ן און געהייס, ביז ער האט געפועל'ט, וואס ער האט געוואלט: אנטיוכוס האט ארויסגעזאגט זיין אורטייל פאר מענעלאאוס'ען גינסטיג. מענעלאאוס איז פאר זיין גנבה פריי גשפראכען געווארען דורך אנטיוכוס'ן, און די דריי אידישע זקנים, וועלכע ירושלים האט געשיקט בלויז צו טענה'ן און געריכט, און וועלכע האבען קלאר בעוויזען מענעלאאוס'עס שולד, — זיי האט אנטיוכוס פערמשפט צום טויט. דער דאָזיגער שענדליכער אורטייל האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויך אויף די פעניקיער פון צור, און זיי האבען ארויסגעוויזען זייער אונווילען געגען אנטיוכוס'עס רציחה דאדורך, וואס זיי האבען געלאָזט מקבר זיין מיט גרויס כבוד די דריי זקנים, וועלכע זענען דער'הרג'עט געווארען פאר זייער גאט, פאר זייער פאלק און פאר דער היילגקייט פון גאט'ס היכל. מענעלאאוס אבער האט געפייערט זיין נצחון: ער איז געבליבען דער הערשער איבער דעם פאלק, וועלכעס האט איהם טויט געהאסט. כדי נישט אומצוקומען דורכ'ן דא-

זיגען געררעכטען האט, האט ער אויפגעטהון נייע פלענער און אינטריגעס אויף צו בעגעהן פערברעכענס.

די ערשטע זאך האט ער זיך גענומען פאר רכילות. מיט גיפטיגע רייד האט ער בערעדט פאר אנטיוכוס'ן „זיינע פיינד", דאס הייסט, דאס אידישע פאלק. פון איין זייט האט ער דערצעהלט, אז זיינע פיינד זענען אויך די געגנער פון די סעלעוקידען און אנהענגער פון מצרים, אלזא אויך פיינד פון אנטיוכוס, און זיי פערפאלגען איהם נאר פאר זיין געטריהייט אנטיוכוס'ן; פון דער אנדערער זייט ווידער האט ער, דער בעשטימטער כהן־גדול, געהאט די חוצפה שענדליך צו בערעדען דאס גאנצע אידענטום: די תורה, וועלכע משה האט אידען געגעבען, — האט ער אנטיוכוס'ן דערצעהלט — איז פול שנאה צו מענשען, דען זי ערלויבט נישט צו עסען ביי א פרעמדען טיש פון אנ'אנדער פאלק, אדער צו טהון חסד מיט א מענשען פון אנ'אנדער פאלק. די דאזיגע „תורה פול מענשען־האס" מוז מען מבטל מאכען. און וויל אנטיוכוס האט דאמאלס געהאלטען אין איין טראכטען איינצונעהמען מצרים, האט ער זעהר אויפמערקזאם אויסגעהערט מענעלאוס'עס רכילות און אנגעהויבען קוקען אויף אידען, ווי אויף זיינע פיינד, און אין דער צייט, ווען ער דארף געהן מלחמה פיהרען מיט מצרים, איז פאר איהם געוועזען גאנץ וויכטיג, אז הינטער איהם זאל קיין אויפשטאנד געגען זיין הערשאפט נישט פארקומען אין יהודה.

תירוצים אויף צו ערקלערען עמיצען מלחמה האבען קיינמאל קיינעם נישט געפעהלט, און אויך דעם חיטרען אנטיוכוס'ן האט עס נישט געפעהלט, ווען ער האט געוואלט געהן איינעהמען מצרים. זיין שוועסטער קלעאפאטרא, וועלכע איז געוועזען פערהייראטעט מיט פטאלאמעאוס דעם פינפטען, האט נאך איהר טויט איבערגעלאזען צוויי יונגע זיהן: פילאמעטער און פיסקאן, פון וועלכע דער ערשטער האט געגאלטען פאר א קעניג און, צוליעב זיין יוגענד, האבען רעגירט איבער דער מלוכה זיינע צוויי אפיעקונעס: אוילעאוס און לענעאוס. אנטיוכוס האט ערקלערט, אז ער מוז כלומר'שט בעשיצען זיין שוועסטערס זוהן געגען זיינע אפיעקונעס און אויך פערהיטען, אז מען זאל איהם נישט ערקלערען קריעג און צונעהמען ביי איהם צוריק צעלעסיריען. ער האט דעריבער געזאמעלט א גרויסע ארמעע, כדי צו מאכען דער ערשטער דעם אנפאל. אנטיוכוס האט אבער לאנג אבגעהאלטען זיך מיט'ן דאזיגען אנפאל, וויל ער האט מורא געהאט פאר רוים. ווען די רוימער האבען זיך אבער אריינגעלאזען אלץ טיעפער אין א מלחמה מיט פערזעאוס, דעם קעניג פון מאקעדאניען, האט ער ענדליך זיך דערוועגען אריבערצוגעהן די עגיפטישע גרעניץ (אין הערבסט 240 פאר'ן הורבן) און אריינגעקומען אין צענטער פון לאנד מצרים. די ביידע אפיעקונעס זענען מיט'ן יונגען קעניג באלד ענטלאפען, און אנטיוכוס האט פער־

נומען דעם גאנצען צפון־קאנט פון מצרים און זיך געלאזט געהן אויף אלעקסאנדריען, כדי עס צו בעלאגערן. די דארטיגע איינוואהנער האבען דערווייל אויסגעקליבען פאר א קעניג פילאמעטער׳ס יונגערען ברודער, פיסקאן, און פערטיידיגט די שטאדט מיט אזא העלדישקייט און אויסגעהאלטענקייט, אז אנטיוכוס האט זיך שוין גאר מיאש געווען איהר איינצונעהמען. דעריבער האט ער אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט דעם עלטערען ברודער, מיט פילאמעטער, וועלכען ער האט איינגערעדט צו קומען צוריק קיין מצרים, ערקלערענדיג, אז ער האט אונטערגענומען די מלחמה נאר פון זיין טובה וועגען. ווען פילאמעטער איז געקומען, האט ער מיט איהם געשלאסען א בונד און אבגעצויגען זיך צוריק פון מצרים. געטהון האט דאס אנטיוכוס דערפאר, וואס ער האט מורא געהאט פאר רוים און בפרט נאכדעם, ווי ער האט איינגעזעהען, אז אלעקסאנדריען קאן ער סיי־ווי־סיי נישט אייננעהמען.

אין ארץ־ישראל האבען אידען געווארט אויפ׳ן סוף פון דער דאזיגער מלחמה אין גרויס אויפרעגונג, ווייל דער רעזולטאט פון דער מלחמה האט געדארפט זיין זעהר וויכטיג פאר אידען. אויב מצרים וואלט מנצח געווען, און אנטיוכוס וואלט געפאלען, וואלט מען געקאנט האפען, אז עס וועלען זיך ווידער אנהויבען די פריהערדיגע רוהיגע צייטען, און די מהומות, וועלכע זענען פארגעקומען צוליעב דעם שרעקליכען מענעלאוס, וועלען אויפהערען. דער קעניגליכער הויף פון מצרים האט דאמאלס געשטיצט די אידישע נאציאנאל־געזאנענע פארטיי, און פיעל נאציאנאלע אידען, וועלכע אנטיוכוס און מענעלאוס האבען פערפאלגט, זענען אנטלאפען קיין מצרים און אויפגענומען געווארען דארט זעהר גוט.

פלוצלונג האט זיך אין לאנד יהודה פערשפרייט א קלאנג, אז אנטיוכוס האט געהאט א מפלה. דער דאזיגער קלאנג האט שטארק אויפגערעגט אלע געמיטער. דער אראבגעווארפענער כהן־גדול, ישוע־יאזאן, איז געקומען צוריק קיין ירושלים פון לאנד עמון און פערזאמעלט מיט זיך א גרויסע מחנה, כדי איינצונעהמען ירושלים. מענעלאוס, ווי ס׳פערשטעהט זיך, האט פערשלאסען די טויערן פון שטאדט און צוגעגרייט זיך צו פיהרען מלחמה מיט ישוע־יאזאנ׳ס מחנה. אין שטאדט האט אויסגעבראכען אנ׳אמת׳ער בירגער־קריעג צוליעב די צוויי פערברעכער, יאזאן און מענעלאוס, וועלכע האבען געשטרעבט צום כבוד פון דער כהונה גדולה, און וועלכער זיי האבען נאר געזעהען א מיטעל צו דערגרייכען צו דער מאכט. מענעלאוס האט אבער געהאט שוין איצט ווייניג אנהענגער אין שטאדט, און דעריבער איז עס געלונגען דעם געוועזענעם כהן־גדול ישוע־יאזאן אריינצוקומען מיט זיין מחנה אין שטאדט. מענעלאוס האט זיך פערשלאסען אין דער פעסטונג אקרא.

ביגו לבינו איז אנטיוכוס אבגעגאנגען פון מצרים מיט גרויסע

אוצרות געראובטע עשירות, וועלכע ער האט דארט געמאכט. און ער האט גאר, מעגליך, געהאט בדעה ערשט צו זאמלען נייע מחנות און פערשטארקען זיין ארמעע, כדי אנצוהויבען פיהרען נייע מלחמות. ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט וועגען דעם, וואס איז פארגעקומען אין ירושלים, האט ער זיך אנגעצונדען, ווי א פייער, געגען דעם אידישען פאלק און זיין תורה, אין וועלכער ער האט געזעהען די הויפט־סבה פון דער אידישער שנאה געגען איהם, לויט ווי עס האט איהם פריהער ערקלערט דער פעררעטערישער „כהן־גדול" מענעלאאוס, זיין גאנצע הארט־קייט און שלעכטסקייט, זיין גאנצע אונמענשליכקייט האט זיך איצט אויסגעגאסען אויף אידען. פלוצלונג איז ער אנגעפאלען אויף ירושלים און געמאכט דארט אנ'אמת'ע בלוט־באד צווישען די איינוואהנער, נישט־שוינענדיג קיין זקנים, קינדער און פרויען, נישט פריינד, נישט פיינד. ווי די ווילדע חיות זענען זיינע מחנות ארומגעלאפען און די גאסען, אויס'הרג'ענענדיג די בעפעלקערונג און בעראבעווענדיג די הייזער; ער איז אויך אריינגעקומען אין בית־המקדש, אין היכל און אין קדש הקדשים, כדי ארויסצוווייזען זיין פעראכטונג געגען דעם גאט, וואס מען האט דארט פערעהרט; דעם בית־המקדש האט ער בעראובט, ארויספיהרענדיג פון איהם אלע זיינע טייערע כלים: דעם גאלדענעם מזבח, די מנורה, דעם שולחן, די זילבערנע כלים, וואס האבען זיך געפונען אין אוצר — אלץ, וואס עס האבען נאר געשאנקען דעם בית המקדש די ערשטע אידישע מלכים און וואס איז נאך איבערגעבליבען פון די גרויסע גנבות, וואס מענעלאאוס האט דארט געמאכט. ביי דער דאזיגער שענדונג פון בית־המקדש איז מענעלאאוס געווען אנטיוכוס'עס אנפיהרער. דערביי האט אנטיוכוס שטארק געלעסטערט דעם גאט פון ישראל, וואס אידען האבען אזוי שטארק געגלויבט אין זיין אלמעכטיגקייט, און האט אויס־געריפען מיט א שענדליכען געלעכטער: „וואו זשע איז דער גאט צבאות, וואס איך בערויב איצט זיין וואהנונג!" כדי צו פערענטפערען זיינע מערדערייען און די בערויבונג פון בית־המקדש, וועלכע אפילו די געצענ־דינערישע פעלקער האבען געהאלטען פאר א שענדליך פערברעכען, האט אנטיוכוס, לויט דער עצה פונ'ם מארדיונג מענעלאאוס, אויסגע־טראכט וועגען אידען און דעם בית־המקדש שענדליכע מעשיות, וועלכע ער האט פערשפרייט צווישען די פעלקער און דאדורך פערהאסט געמאכט דעם אידישען נאמען אין דער וועלט אין יענער צייט און נאך א לאנגע צייט נאכדעם. אנטיוכוס האט דערצעהלט, אז ער האט אין בית־המקדש געזעהען דאס שטיינערנע בילד פון אנ'אלטען מאן מיט א לאנגע בארד. דאס בילד איז געזעסען אויף אנ'עזעל און געהאלטען א העברעאישען ספר אין די הענד; דאס בילד איז, לויט ווי ער האט דערצעהלט, געווען פון דעם אידישען געזעצגעבער משה, וועלכער האט זיין פאלק געגעבען געזעצען, וואס צייכענען זיך אויס דורך זייער שרעקליכקייט און מענ־

שענדליכקייט, בעפעהלענדיג אידען צו האלטען זיך פון דערווייטען פון אלע פעלקער און נישט צו דערוויזען זיי קיין שום פריינדליכקייט, אדער טהון זיי גוטס. פון יענער צייט אן האבען די גריכען און רוימער אנגעהויבען גלויבען, אז די אידען דיענען צו אן עזעל אין זייער בית-המקדש. אנטיוכוס האט, ווי עס שיינט, פערשפרייט נאך איין שענדליכען שקר-בלבול, כדי צו פערשווארצען אידען. ער האט דערצעהלט, אדער ער האט געהייסען דערצעהלען, אז ווען ער איז אריינגעקומען אין בית-המקדש, האט ער דארט געפונען א גריך, וואס איז געלעגען אויף א בעט, און האט איהם געבעטען רחמים, אז ער זאל איהם בעפרייען פון דארט, ווייל די אידען האבען געהאט א מנהג אבצוקארמענען יעדעס יאהר א גריך, כדי צו ברענגען איהם דערנאך פאר א קרבן, און, אויפעסענדיג זיינע איינגעווייד, פלעגען זיי שווערען צו האסען די גריכען און זיי צו פערטיליגען. צי האט די דאזיגע שענדליכע און גיפטיגע שקרים אויס-געטראכט אנטיוכוס אליין, אדער עמיצער האט זיי איהם געלערנט צו דערצעהלען — איין זאך איז זיכער: אנטיוכוס האט דער ערשטער פער-שפרייט די עקעלהאפטע שקרים וועגען אידען און דאדורך פערהאסט געמאכט דעם אידישען נאמען צווישען די פעלקער. און אט דאס איז געווען דער ערשטער רעזולטאט פון דער אידישער שטרעבונג, וועלכע מען האט שוין געפיהרט א יאהר פופציג, — א שטרעבונג, צוזאמען צוגיסען זיך מיט די גריכען, צו ווערען מיט זיי איין פאלק, אבזאגענדיג זיך דערביי פון דער אייגענער תורה און די אידישע נאציאנאלע מדות!

..."א טרויער-שלייער האט זיך אויסגעשפרייט אויף ירושלים, א פינסטערניש איז געפאלען אויף אלע איהרע איינוואהנער, יעקב'ס הויז איז געשענדעט געווארען; דער טרויער איז גרויס געווען אין אלע אידישע וואהנונגען. אידישע שרים און זקנים האבען ביטערליך געזיפצט, בחורים און מיידלעך זענען פערצווייפעלט געווארען, די שענע פרויען האבען זייער געזיכט פערהילט פון צער און בושה און זייער שענהייט איז פערוועלקט געווארען. דער חתן איז ארויסגעגאנגען פון זיין צימער מיט א געוויין, אנשטאט א געזאנג, און די כלה האט, אנשטאט איהר צירונג, אנגעטהון טרויער-קליידער; אין יעדען אידישען הויז איז א קלאג און א יאמער" — אט אזוי שילדערט עס דער דאמאלדיגער אידישער היסטאריקער דעם שרעקליכען חורבן, וואס האט אריינגעטראגען אין אידישען לעבען אנטיוכוס מיט זיין אנדערער מענעלאאוס. דאס איז אבער געווען נאך נישט אלץ. נאך טרויעריגערע צייטען האבען געדארפט קומען פאר אידען אין לאנד יהודה. אנטיוכוס האט ווידער אונטערגע-נומען א מלחמה געגען מצרים און צום צווייטען מאל האט ער אויף דאס אידישע פאלק אויסגעגאסען זיין גאנצען צארן דערפאר, וואס ער האט נישט געהאט קיין הצלחה אין זיינע מלחמות. די צוויי קעניגליכע ברידער, פילאמעטער און פיסקאן, האבען דורך דער פערמיטלונג

זייערע שוועסטער און די רוימער, שלום געמאכט צווישען זיך. די שטאדט אלעקסאנדריען האט אנערקענט פילאמעטער'ן פאר א קעניג. אנטיוכוס איז דעריבער ארײן אין גרויס כעס, און ווייל די רוימער זענען נאך אלץ געווען פערנומען מיט זייער מלחמה געגען די מאקעדאניער, האט ער גערעכענט, אז ער קאן נאך א מאל אונטערנעהמען א מלחמה געגען מצרים. ער האט טאקי ווידער ארײנגעפיהרט זיינע מחנות קיין מצרים און צוגעקומען ביז אלעקסאנדריען. די מלכים פון מצרים האבען געשיקט זייערע שלוחים קיין רוים, צו בעטען דארט הילף געגען אנטיוכוס'ן. דער רוימישער סענאט האט באלד געשיקט דריי געזאנדטע צו אנטיוכוס'ן מיט א בעפעהל ארויסצוגעהן צוריק פון מצרים. דערווייל האבען די רוימער געענדיגט גליקליך זייער מלחמה אין מאקעדאניען: נעבען פידנא האבען זיי אינגאנצען צושלאגען די מאקעדאנישע ארמעע, און דער קעניג פערזעאוס האט געמוזט אנטלויפען (22 יוני 168 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג). איצט ערשט זענען די רוימישע שלוחים אבגעגאנגען פון רוים צו אנטיוכוס'ן און איבער־געגעבען איהם דעם בעפעהל פון רוימישען סענאט, באלד צו פערלאזען מצרים. און ווען אנטיוכוס האט געזאגט, אז ער וועט זיך נאך מישב זיין א געוויסע צייט, וואס צו ענטפערען דעם רוימישען סענאט, האט דער שטאלצער רוימישער געזאנדטער, פאפיליוס לענאס, געמאכט ארום אנטיוכוס'ן מיט זיין שטעקען א קרייז, ערקלערענדיג, אז איידער ער וועט פונ'ם קרייז ארויסגעהן, וועט ער מוזען ארויסזאגען זיך אין קורצען, וואס ער וויל בעסער: צי שלום מיט רוים, אדער מלחמה. אנטיוכוס'ן איז גאנץ גוט בעקאנט געווען, ווי שטרענג רוים פלעגט זיך בעגעהן אין אזעלכע פאלען, און ער האט זיך דעריבער ענטשלאסען באלד אבצו־ציהען צוריק פון מצרים. אין גרויס צארן, שיער נישט משוגע פאר כעס אויף זיך אליין פאר זיין ערניעדעריגונג, איז אנטיוכוס געגאנגען מיט זיין ארמעע צוריק אין זיין הויפטשטאדט אנטיאכיען. דאס געפיהל פון זיין ערניעדעריגונג איז איהם בעזונדערס נאך ביטערער געווען דאדורך, וואס ער האט דערביי געמוזט מאכען דעם אנשטעל, אז ער איז א פריינד פון רוים און איז העכסט צופריעדען מיט די רוימישע בעפעהלען.

און אט דעם פערבעהאלטענעם צארן האט ער ווידער אויסגעגאסען אויף אידען אויף אנ'אונערהערטען גרויזאמען אופן. צי האבען די אידען ווידער געשפירט א צופריעדענהייט דערמיט, וואס אנטיוכוס האט זיך געמוזט אומקעהרען אהיים מיט חרפה? צי האבען אידען ארויסגעוויזען זייער שמחה? צי האבען זיי פילייכט עפענטליך ערקלערט, אז גאט האט בעשטראפט דעם שענדליכען קעניג פאר זיין לעסטערן איהם? — מיט פריינדליכע רייד, כמעט אויך ווי מיט א פריינדליכער כונה, איז געקומען איינער פון זיינע שרות, אפאלאניוס, אין דער אידישער הויפט־שטאדט, ירושלים, מיט זיינע ווילד־געווארענע מחנות און פלוצלונג, און

א געוועהנליכען שבת־טאג. ווען זיידען האלטען נישט קיין געוועהר, זענען זיינע מחנות אנגעפֿאלען אויף די רוהיגע אידען. די ווילדע מאקע־דאניער זענען שוין געווען געוועהנט בלוט צו פֿערגיסען, איצט האבען זיי אויך אויסגע׳הרג׳עט אלע מענשען, וואס זיי האבען געטראפֿען, און גענומען געפֿאנגען ווייבער און קינדער, וועלכע זיי האבען אבגעשיקט אויף די מערק צו פֿערקויפֿען פֿאר קנעכט. ווער עס האט זיך געקאנט ארויסראטעווען, איז פֿון שטאדט ענטלאפֿען. פֿיעל הייזער אין ירושלים האט אפאלאניום געלאזט צושטערען, פֿיעל מויערן — אראבריםען. ירושלים האט געדארפֿט פֿערשווינדען פֿון דער צאהל פֿון די גרויסע שטעדט. פֿארוואס האט געזאלט די ווילדע מחנה מיט׳ן אכזר אפאלאני־יוס בראש שוינען דעם בית המקדש? צושטערט האט ער איהם אבער נישט, וויל אנטיוכוס האט געהאט בדעה אויסצונוצען דעם בית המקדש אויף אנ׳אנדער צוועק. אבער זיינע ווילדע דינער האבען אויסגעלאזען זייער כעס אויף די בנינים ארום דעם בית המקדש: זיי האבען פֿערברענט דעם שער העצים (האלץ־טויער) און חרוב גע־מאכט די האלעס, צוהאקענדיג זיי מיט העק און האמערס. וואס צו רוי־בען אין בית המקדש איז שוין מעהר נישט געווען. קיין אידען זענען שוין דארט אויך נישט געווען, נאר די אידישע גריכען, די סירישע סאל־דאטען און די גוים, וואס האבען אין ירושלים און ארום איהר גע־וואהנט, האבען זיך איצט ארומגעשפאצירט פֿראנק און פֿריי אויף די הרוב־געווארענע פלעצער ארום בית המקדש און אין איהם. „ירושלים איז פֿערפֿרעמדעט געווארען פֿון איהרע קינדער“. דער בית המקדש איז פֿער׳יתומ׳ט געווארען, דער צענטער פֿון לעבען איז שוין איצט גע־ווען נישט אין איהם, נאר אין דער פֿעסטונג אקרא, וואו די גריכען האבען זיך בעזעצט. דא איז געשטאנען דאס סירישע מיליטער און דא האבען געבעלי־בתי׳וועט, צוזאמען מיט די געצענדינער, אויך די אידי־שע גריכען. כדי צו בעשיצען די פֿעסטונג אקרא פֿון אנ׳אנפֿאל, האט מען זי ארומגערינגעלט מיט הויכע מויערן און טורעמס, און זי איז שוין מיט איהר הויך אריבערגעשטיגען דעם בית־המקדש. אין דער פֿעסטונג האבען די סירער אויך אריינגעבראכט פֿיעל געוועהר און פראוויאנט.

דער חורבן איז געווען אזא שרעקליכער, אז אפילו מענעלאוס האט זיך דערשראקען און זיך געשפירט זעהר אונאנגענעהם, האטש ער האט מיט זיינע מעשים אליין דאס אונגליק געבראכט. ער איז געווען בעשטימט פֿאר א כהן גדול — פֿאר וועמען איז ער אבער כהן געווען, אויב אין בית המקדש האבען אויפגעהערט צו קומען אידען? ער איז געווען אויפגענומען פֿאר א פֿארשטעהער פֿון אידישען פֿאלק — דאס פֿאלק האט איהם אבער פֿערהאסט און פֿערשאלטען און זיך אבגעווענ־דעט פֿון איהם. און וואס וועט איצט זיין ווייטער? דאס פֿאלק איז צע־

יאגט, פיעל מענשען אויסגעהרג'עט, פיעל פערקויפט פאר קנעכט. די שטאדט פוסט... עס איז איהם געווארען שרעקליך צו מוט. ארומגעהענדיג איינער אליין איצט אין זיין בית המקדש, און צוהערענדיג זיך צו דעם ווידערקלאנג פון זיינע אייגענע טריט. אין דער דאזיגער שווערער לאגע איז מענעלאאוס געפאלען אויף א נייעם נידערטרעכטיגען פלאן: דאס אנדערטהאלבען טויזענדיעהריגע יודענטום דארף גאר בטל ווערען; די אידישע רעליגיע, די געזעצען, די תורה, די נביאים, די אידישע מנהגים און מדות — אלץ דארף מען אויסרייסען מיט'ן ווארצעל און איינפלאנצען אנשטאט דעם אין לאנד יהודה ביי אידען דעם גריכישען קילט. און אויב אידען וועלען נישט וועלען, דארף מען זיי דערצו צווינגען מיט געוואלט. דעם דאזיגען געדאנק האט מענעלאאוס איבערגעגעבען אנטיוכוס'ן, און ווייל יענער איז געווען א פערביטערטער פיינד אי פון אידען, אי פון אידישקייט, האט ער זיך באלד אנגעכאפט אן איהם און גענומען איהם אויספיהרען מיט זיין געוועהנליכער פעסטקייט און עקשנות, וועלכע ער פלעגט אפילו ארויסווייזען אין שפיעל־זאכען. דאס אידישע פאלק מוז זיך העלעניזירען, דאס הייסט, עס מוז גריכיש ווערען, כדי דאדורך צו בלייבען איהם געטריי; דער איד, וועלכער וועט זיך דער־וועגען איהם נישט צו פאלגען, מוז דער'הרג'עט ווערען. אנטיוכוס האט דאדורך געוואלט בייקומען נישט בלויז דעם אידישען פאלק, נאר אויך דעם אידישען גאט, וועלכען ער וועט דערווייזען, אז ער, אנטיוכוס, איז דער שטארקערער. פאר אנטיוכוס'ן, וועלכער האט אבגעשפאט אויך פון די געטער פון זיין אייגענעם פאלק, איז עס עפעס אויסגעקומען משונה'־דיג צו זעהן, ווי דאס אידישע פאלק האפט נאך אלץ אויף די הילף פון זיין גאט און בלייבט איהם געטריי, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע יסורים און רדיפות, וואס עס האט שוין דערפאר אויסגעליטען פון איהם, פון אנטיוכוס'ן. ער האט דעריבער געוואלט ארויספאדערן צום קאמפף דעם אידישען גאט און מנצח זיין איהם. און אט אזוי האט עס אנטיוכוס ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע אידען זאלען אין זיין גאנצער מדינת אויפהערען צו ערפילען גאטס געבאטען און זאלען ברענגען קרבנות די גריכישע געטער. דעם דאזיגען בעפעהל האט ער געלאזט פונאנדערשי־קען אין אלע אידישע שטעדט אין גאנצען לאנד יהודה. איבעראל האט מען צו דעם צוועק געדארפט אויסבויען מזבחות און אויפשטעלען ביל־דער פאר די גריכישע געטער. כדי צו טרעפען דעם יודענטום אין רעכ־טען הארצען, האט אנטיוכוס ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל צווינגען אידען צו ברענגען חזירים פאר קרבנות אויפ'ן אידישען מזבח און עסען דעם חזיר.

די דריי הויפט־צייכענס, דורך וועלכע אידען אונטערשיידען זיך אזוי שארף פון די געצענדיענער, האט אנטיוכוס אויך שטרענג פער־באטען; דאס איז געווען: דאס מל־זיין קינדער, דאס היטען

שבת און יום־טוב און נישט צו עסען קיין טריפה זאָגען. אנטיוכוס האָט בעשטימט ספּעציעל בעאַמטע, וואָס האָבען געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז אידען זאָלען שטרענג ערפילען זיינע בעפעהלען. פאַר בעאַמטע האָט ער בעשטימט בעזונדערס האַרט־הערציגע, גרויזאַמע מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט אָהן קיין שום רחמנות באַלד בעשטראָפען מיט'ן טויט יעדען אידען, וועלכער וועט זיך אָבזאָגען צו ערפילען זיינע געבאָטען.

די שענדליכסטע התחלה האָט מען געמאַכט מיט'ן בית המקדש אין ירושלים. אנטיוכוס האָט געשיקט קיין ירושלים איינעם פון זיינע העכסטע בעאַמטע, כדי צו פערוּמרייניגען דעם בית־המקדש און מאַכען איהם פאַר אַ טעמפּעל פון'ם אָלימפּישען אָבגאָט צעאוס, אָדער יופיטער, ווי די רוימער האָבען איהם גערופען. געמאַכט האָט מען דאָס אויף אַנ'עקעלהאַפטען אופן: אויפ'ן מזבח אין דער עזרה האָט מען געבראַכט פאַר אַ קרבן אַ חזיר, בעשפּריצענדיג מיט זיין בלוט דעם מזבח און דעם היכל; דאָס פלייש פון'ם חזיר האָט מען געקאָכט און מיט'ן געקעכץ בעגאָסען די מגלות פון דער ספר־תורה. דאָס געקאָכטע חזיר־פלייש האָט געמוזט עסען דער אַזוי־גערופענער „כהן גדול" מענעלאַאוס און זיינע חברים, די אידישע גריכען. די תורה, וועלכע מען האָט אין בית המקדש געפונען, האָט מען נישט בלויז מטמא געווען, נאָר אויך פערברענט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען מען האָט די אידישע הייליגע תורה פערברענט. דערנאָך „האָט מען אַריינגעשטעלט אין היכל דאָס בילד פון צעאוס און אַריינגעבראַכט די פערוויסטענדע העסליכקייט (שקוץ משומם) אין בית המקדש", צו וועלכען מען האָט באַלד געדאַרפט אָנהויבען ברענגען קרבנות. פאָרגעקומען איז דאָס שבעה עשר בתמוז (238 פאַר'ן חורבן).

אַזוי אַרום האָט מען גרינדליך מטמא געמאַכט דעם בית המקדש. דעם גאָט פון ירושלים האָט אנטיוכוס געמיינט צו פערטרייבען פון דאָרט דורך זיין שטיינערנעם בילד פון גריכישען צעאוס; אין בית המקדש האָבען די גריכען אָנגעהויבען טהון שענדליכע מעשים און אַלערליי אונציכטיגקייטען.

צוויי דיכטער פון די לויים, די בני קורח, האָבען דאַמאָלס אין זייערע האַרציגע טרויער־לידער אַרויסגעזאָגט די געפיהלען פון וועהטאָג און צער, וואָס עס האָבען געשפּירט די פרומע אידען, זעהענדיג זיי אויף אידען איז געקומען „אַ צרה, וואָס איז נאָך איהר גלייכען קיינמאָל נישט געווען", דען עס זענען אַריינגעקומען אין בית המקדש מענשען־חיות און האָבען איהם פערשוועכט. איינער פון די דאָזיגע לוויים האָט געקלאָגט:

„אַלע טעג זעה איך מיין שאַנד,
„חרפות פון דעם שונא'ס האַנד,

„לעסטערונג און זידלעריי,
„פון דעם פיינד די מערדעריי.
„אונז האט אלץ את דאס געטראפען,
„דיך פערגעסען מיר דאך נישט;
„טהוען שטענדיג צו דיר האפען,
„בלייבען טריי דיין בונד דערמיט.
„טאג פאר טאג פון דיינעטוועגען
„ווערען מיר דאך נאר דער'הרג'עט;
„ווי די שעפסען האלט מען אונז,
„וואס זיי טויגען נאר צום שטעכען...
„חאפ זיך אויף, אה גאט, וואס שלאפסטו?
„נישט פערלאז דאך אונז אויף אייביג".
א צווייטער לוי קלאגט זיך:
„צינדען פייער אין דיין מקדש,
„טמא מאכען זיי דיין משכן,
„ריהמען זיך אלץ צו דערשטיקען,
„שוין פערברענט אין לאנד די שוהלען...
„מופתים ווייזטו אונז נישט מעהר,
„שיקסט נבאים נישט אהער;
„קיינער ווייס נישט מעהר, ווי לאנג, —
„ביז ווי לאנג, אה גאט, דער פיינד
„שפאטען וועט פון אונז און לעסטערן,
„אויף דיין נאמען שוין גאר אייביג?"...

זוי אזוי האט דאס אידישע פאלק אויפגענומען די דאזיגע שענדונג פון בית המקדש? ווי אזוי וועט זיך דאס פאלק בעציהען צו די שטרענגע בעפעהלען פונ'ם הארצלאזען קעניג און זיינע מערדערישע בעאמטע, וועלכע ווילען אבמעקען זיין נאציאן און אברייסען איהם פון זיין גאט? א שווערער נסיון, און זעהר א געפעהרליכער. איז דאמאלס ארויפגעלעגט געווארען אויפ'ן אידישען פאלק. דער טויט דורך אנטיוכוס'עס תלינים איז געהאנגען איבער אלעמען, וועלכער האט זיך עפענטליך אנערקענט פאר א אידען. אפילו צו זאגען, אז זיי זענען אידען, האבען זיי נישט געטארט.

אבער אויף א גלענצענדען אופן זענען אידען בייגעשטאנען דעם דאזיגען נסיון; זיי האבען פערפעסטיגט זייער בונד מיט גאט און זיין געזעץ דורך דעם בלוט פון זייערע קדושים. די אידען, וועלכע האבען געלעבט צושפרייט אין די שטעדט פון סיריען און פעניקיען, האבען אפילו געמוזט זיך לאזען בויגען, דען זיי האבען געוואהנט צווישען די גריכען און נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צו פיהרען דעם קאמפף. זיי זענען געווען געצוואונגען צו ברענגען קרבנות צום אבגאט, און

עפּענטליך זיך אָבצוזאָגען פון יודענטום, האָטש אין הארצען זענען זיי געבליבען געטריַיע אידען. אָבער אויך אין די דאָזיגע לענדער האָבען זיך געפונען פיעל צדיקים, וועלכע האָבען מיט זייער לעבען בעסער בעַ-צאַהלט, אַבי צו קאָנען בלייבען געטריַי זייער גאָט און זייער פאָלק. אין אנטיאָכיען גופא, דאָרט, וואו אנטיוכוס, די ווילדע חיה אליין, האָט געוואָהנט, האָט פאַר זיינע אויגען זיך דערוועגען אַן'אַלטער מאַן, אַ מענש אַ געלעהרטער און אַן'אָנגעזעהענער אויך ביי די גריכען, אַ איד מיט'ן נאָמען אלעזר, נישט צו פאָלגען דעם קעניגס בעפעהל און בעסער שטאַר-בען, איידער מטמא זיין זיך מיט עסען חזיר. אפילו קיין בשר פליישׂ האָט ער נעבען גריכישען מזבח נישט געוואָלט עסען. כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז ער עסט חזיר, און דערמיט געבען אַ שלעכטען ביי-שפּיעל די איבעריגע אידען. דער דאָזיגער זקן איז דערפאַר דער'הרג'עט געוואָרען אויף אַ גרויזאַמען אופן.

און די קריַיזען פון די סירישע אידען האָט מען אויך דערצעהלט וועגען אַ געוויסער אידישער צדיקת, חנה, מיט איהרע זיעבען זיהן וועלכע האָבען אַלע בעסער איבערגעטראָגען די שרעקליכסטע יסורים און לסוף זיך געלאָזט דער'הרג'ענען, איידער פאַלש צו ווערען דער תורה די דאָזיגע מוטער האָט אליין געפיהרט איהר יונגסטען קינד צו די מער-דער און געלערנט איהם צו שטאַרבען, אַבי נישט צו דיענען דעם אָבגאָט דער טויט פון די קדושים, אלעזר און חנה מיט איהרע זיעבען זיהן וועלכע זענען אַלע גלייך, יונג און אַלט, מיט גוטען ווילען, צום טויט געגאַנגען פאַר זייער גלויבען, האָט געדיענט פאַר אַ דערהויבענדע ביישפּיעל צווישען די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אין גאַנץ סיריען דאָס האָט זיי געדיענט פאַר „אַ משל און מוסר, פאַר יונג און אַלט אָבצולערנען זיך, ווי אַזוי מען דאַרף ליעב האָבען גאָט און מורא האָבען פאַר איהם“.

און לאַנד יהודה זענען פאָרגעקומען אַזעלכע מערדעריַיען טאָג-טעגליך. „דאָס אידישע בלוט האָט זיך, ווי וואַסער געגאָסען“. די בעַ-אַמטע פון אנטיוכוס האָבען בעזונדערס זיך געוועַנדעט צו דער אידישער פּראָווינץ, וואוהין עס זענען ענטלאָפען פיעל אנגעזעהענע איינוואָהנער פון ירושלים. דאָרט האָבען די בעאַמטע געבויט אַלטאַרען פאַר זייערע אָבגעטטער און געפאָדערט פון דער בעפעלקערונג, אינ'ם נאָמען פון קעניג, צו ברענגען קרבנות פאַר צעאוס און עסען דאָס פליישׂ פונ'ם חזיר'שען קרבן. ווען עס פלעגט קומען שבת, פלעגט מען פון זיי פאָר-דערען, אַז זיי זאָלען געהן אַרבייטען. אין דער חגא פון באַקכוס, דעם גאָט פון שכרות, האָט מען פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אָנטהון בלומען-קרענץ אויף די קעפּ און געהן מיט פּראָצעסיעס, טרינקענדיג וויין און זינגענדיג לכבוד דער שכרות, ווי מען פלעגט געוועהנליך פייערען די חגא פון דיאָניזאָס, אָדער באַקכוס. אָבער ווען אַ גריכישער בעאַמטער

פלעגט קומען אין א שטאָדט און וועלען פערזאַמלען די איינוואָהנער, כדי צו פאָדערען פון זיי, אז זיי זאָלען עפּעס וואָס טהון, אויף צו דערוויזען, אז זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער גאָט. פלעגט ער געוועהנליך געפינען זעהר ווייניג מענשען, ווייל די אידען פלעגען זיך צולויפען, נאָך איידער ער פלעגט אין שטאָדט אַריינקומען. די ענטלאָפענע אידען פלעגען זיך געוועהנליך בעהאַלטען ערגעץ וואו אין הייהלען, צווישען די בערג, אָדער אין'ם מדבר, אַרום דעם ים המלח. דער דאָזיגער ווידערשטאַנד און די אידישע עקשנות, נישט צו פאָלגען זיינע בעפעהלען, האָט נאָך מעהר אויפגערייצט דעם ווילדען אַנטיוכוס, און ער האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען בעפעהלען איינעם נאָך דעם אַנדערען, אז מען זאָל זיך בעגעהן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט געגען די אידען, וועלכע ווילען נישט ערפילען זיינע בעפעהלען. אַנטיוכוס'עס בעאַמטע האָבען דעריבער פערשטאַרקט די רדיפות. וואו נאָר זיי האָבען ענטדעקט ספרי־תורה, פלעגען זיי זיי צערייסען און פערברענען, און די אידען, וועלכע פלעגען אין זיי לערנען, זוכענדיג דאָרט אַ טרייסט און אַ שטאַרקונג אין דער שווערער צייט, פלעגען זיי דער'הרג'ענען. אַלע בתי־מדרשים און שוהלען האָט מען אין ארץ־ישראל חרוב־געמאַכט, און פלעגט מען ענטדעקען אידישע קינפעטאָרינס, וועלכע פלעגען מל זיין זייערע קינדער, פלעגט מען זיי אָהן קיין שום רחמנות אויפהענגען צוזאַמען מיט די קליינינקע עופ'עלעך אויף דער מויער פון שטאָדט.

אָבער אַלע דאָזיגע אומענשליכקייטען האָבען לא די נישט אָבגעשראָקען די אידען, זיי האָבען זיי נאָך פערשטאַרקט אין זייער צוגעבונדענקייט צו גאָט און זיין תורה. דער טויט האָט פאַר פיעל אידען פערלאָרען זיין שרעקליכקייט. אידען זענען בעסער צום טויט געגאַנגען, איידער צו עסען טרפות. די דאָזיגע פעסטיגקייט און ערהאַבענער שטאָלץ האָבען בעזונדערס דערוועקט און געשטאַרקט ביי אידען די חסידים, וועלכע האָבען שטענדיג שטרענג אָבגעהיט די געזעצען. פון זייערע בעהאַלטענע ערטער פלעגען די דאָזיגע פרומע אידען אַריינקומען אין די שטעדט און דערפער, וואו זיי פלעגען באַלד פערזאַמלען דאָס פאָלק און רעדען צו זיי מיט פייער, שטאַרקענדיג זיי אין זייער אמונה און לערנענדיג די שוואַכערע פון זיי, ווי אַזוי צו האַלטען זיך פעסט און געטריי אָן דער תורה. די ווירקונג פון זייערע רעדעס איז בעזונדערס שטאַרק געוועזען צוליעב דעם, וואָס גאַנץ אָפט פלעגען זיי בעצאָהלען דערפאַר מיט'ן לעבען.

באַלד אָבער האָבען אַנטיוכוס'עס בעאַמטע אין ירושלים זיך דערוואוסט, פון וואַנען עס שטאַמט דער גרויסער און שטאַרקער מוט ביי אידען, און ווער עס שטאַרקט זיי אין זייער גלויבען אין גאָט; ווי עס שיינט, האָבען די פעררעטערישע אידישע גריכען אויסגעזאָגט, וואו עס געפינען זיך די הייהלען, אין וועלכע די חסידים האָבען זיך בעהאַלטען.

אנטיוכוס'עס הויפטמאן פיליפאס דער פריגיער האט באלד מיטגענומען מיט זיך א מחנה סאלדאטען און זיך געלאזט געהן אויפזוכען די חסידים. אין א געוויסען שבת האט ער ארומגערינגעלט מיט מיליטער די גאנצע געגענד, וואו עס האבען זיך געפונען די הייהלען, אין וועלכע עס זענען געווען בעהאלטען לערך טויזענד פערזאן מאנסבילען, פרויען און קינדער. און האט געפאדערט פון זיי, אז זיי זאלען ארויסגעהן און אונטערגעבען זיך אנטיוכוס'עס בעפעהל, צו דיענען די אבגעטער, צוזאגענדיג זיי, אז קיינער וועט קיין האר פון זייער קאפ נישט אנריהרען, אויב זיי וועלען פאלגען. דערויף האבען איהם די פרומע אידען געענטפערט איינשטימיג: „ניין, מיר וועלען דעם קעניג נישט פאלגען און נישט מחלל שבת זיין“. פיליפאס האט בעפוילען זיינע מחנות, אז זיי זאלען אנפאלען אויף די הייהלען און אויס'הרג'ענען דארט אלע חסידים. די פרומע אידען זענען געשטאנען פעסט אין זייער גלויבען, נישט טהועענדיג קיין זאך זיך צו פערטיידיגען, כדי נישט מחלל שבת צו זיין; אפילו קיין שטיין האבען זיי נישט אויפגעהויבען, צוווארפען אויף די גריכען, אדער צו פערשפארען זייער הייהל, נאר זיי האבען אויסגערופען צו די מערדער: „מיר רופען הימעל און ערד פאר עדות, אז מיר שטארבען דאס מאל גאר אונשולדיג“. און אט אזוי זענען זיי אלע אומגעבראכט געווארען דורך די מערדערישע גריכען, וועלכע האבען אנגעצונדען פייערען ביי די הייהלען, כדי די חסידים זאלען אינוועניג דערשטיקט, אדער פערברענט ווערען.

גרויס איז געווען דער וועהטאג פון די אידען, ווען זיי האבען דערהערט די שרעקליכע ידיעה וועגען דעם טויט פון זייערע לעהרער און טרייסט-ברענגער אין הייליגען קאמפף; אפילו ביי די מוטיגסטע אידען איז דער מוט געפאלען. וואס וועט זיין ווייטער אין דער דאזיגער שרעקליכער אונערטרעגליכער לאגע? בעזונדערס דריקענד האט געווירקט אויף די פרומע אידען דער אומשטאנד, וואס אין אזא שרעקליכער נויט האט גאט נישט געוויזען קיין וואונדער און נישט בעשטראפט די רשעים און מען ווייס אפילו גארנישט, ווען און מיט וואט די זאך וועט זיך ענדיגען. מיט א פערוועהטאגט הארץ האבען זיי זיך געקלאגט:

„מופתים ווייזטו אונז נישט מעהר,
„שיקטסט נביאים נישט אהער,
„קיינער ווייס נישט מעהר, ווי לאנג,
„ביז ווי לאנג, אה גאט! דער פיינד
„שפאטען וועט פון אונז און לעסטערן
„אויף דיין נאמען, שוין גאר אייביג?“.

זעקסטען קאַפּיטעל.

דער אויפשטאַנד פֿון די מכבּיער.

(פֿון 237 ביז 230 פֿאַר'ן חורבן, אָדער פֿון 167 ביז 160 פֿאַר דער געוועהנ־
ליכער צייטרעכנונג).

ווען די בלוטיגע פֿערפֿאָלגונגען האָבען אָנגענומען אַזאַ שרעקליכע
פֿאָרם, אַז דעם גאַנצען אידישען פֿאָלק איז פֿאָרגעשטאַנען די סכּנה אָדער
אויסגע'הרג'עט צו ווערען, אַלס אידען, אָדער אונטערצוגעהן אַלס אַ פֿאָלק
און ווערען אינגאַנצען גריכיש, ווען די פֿערצווייפֿלונג איז אַריבערגע־
שטיגען יעדע מאָס, האָט זיך בעוויזען ענדליך די אידישע דערהויבונג
און ישועה. אַרויסגעקומען איז זי פֿון איין משפּחה, וואָס אַלע איהרע
מיטגליעדער זענען געווען אמת־פֿרומע לייט און האָבען אין זיך פֿער־
איינינגט קלוגשאַפֿט מיט פֿאָרזיכטיגקייט, העכסטע פֿרומקייט און מסירת־
נפש מיט מוטיגקייט. דאָס איז געווען די משפּחה פֿון די חשמונאים
אָדער די מכּבּיער. אַן'אַלטער פֿאָטער מיט פֿינף העלדענמוטיגע זיהן
האָבען אַרויסגערופֿען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש און אַזוי דערהויבען
דעם גייסט פֿון אידישען פֿאָלק, אַז דאָס האָט געדיענט פֿאַר אַלע שפּע־
טיגערע צייטען פֿאַר אַ ביישפּיעל. דער אַלטער פֿאָטער האָט געהייסען
מתתיהו דער זוהן פֿון יוחנן, אַן'אייניקעל פֿון שמעון חשמונאי
פֿון די כּהנים. געוואָהנט האָט ער פֿריהער אין ירושלים אין בית־המקדש,
נאָר צוליעב דעם, וואָס מען האָט דעם בית־המקדש מטמא געמאַכט,
האָט ער מיט זיין משפּחה זיך אַריבערגעצויגען אין'ם קליינעם שטעדטעל
מודעים, אָדער מודיעין, דריי מייל וויט פֿון ירושלים. פֿון זיינע פֿינף
זיהן, וועלכע האָבען אַלע מיטגעווירקט צו דערהויבען דאָס אידישע פֿאָלק
פֿון זיין טיעפֿסטער ערניעדערונג און געפֿונען אויך זייער טויט, פֿערטיי־
דיגענדיג איהם, האָט יעדער געהאַט, אויסער דעם אייגענעם נאָמען, אויך
אַן'אַראַמעאישען ביינאָמען: יוחנן גאדי, שמעון תרסי, יהודה
מכּבּי, אלעזר הורני און יונתן ופּסי. דאָס דאָזיגע חשמונאי'שע
הויז, וועלכעס איז געווען זעהר אָנגעזעהען ביי אידען און געהאַט פֿיעל
אָנהענגער, האָט טיעף געשפּירט דעם צער פֿון אידישען פֿאָלק מיט אַ
ברענענדיגען וועהטאָג אין הארצען. זעהענדיג די שרעקליכע מעשים,
וואָס זענען אָבגעטהון געוואָרען אין ירושלים, האָט מתתיהו געקלאָגט:
„וועה איז מיר, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען, צו מוזען זעהען דאָס
אומגליק פֿון מיין פֿאָלק; גאָט'ס בית־המקדש איז אין פֿרעמדע הענד,
אונזער שענע ציערונג — אין דער מאַכט פֿון אַ רויבער־באַנדע. יהודה
האָט פֿערלוירען איהר גאַנצע שעהנהייט, פֿון אַ הערין איבער פֿעלקער
איז זי צו אַ דינסט געוואָרען. צו וואָס זשע זאָלען מיר נאָך לעבען? —

אונ אזוי רעדענדיג מיט זיינע זיהן אונ מיט זיין איבעריגען הויז־ געזינד, האט דער אלטער מתתיהו בעשלאסען, נישט צו בלייבען זיצען מיט צוזאמענגעלעגטע הענד ערגעץ וואו אין א בעהאלטענער הייהל, נאר ארויסצוטרעטען מיט מוט געגען דעם פיינד, כדי צו בעפרייען זיך פון איהם אדער, ווענינגסטענס, צו שטארבען, ווי די גבורים, פאר דאס אידישע פאלק אונ זיין רעליגיע. אונ גראדע אין יענער צייט איז גע־ קומען קיין מודיעין איינער פון אנטיוכוס'עס אויפזעהער, אפעלעס, כדי צו פאדערן פון די איינוואהנער, אז זיי זאלען זיך אבזאגען פון זייער גאט אונ דיענען די גריכישע אבגעטער. אפעלעס האט באלד געשיקט נאך מתתיהו'ן אונ זיינע זיהן אונ האט פון איהם געפאדערט, אז ער זאל געהארכען דעם קעניג אונ דיענען די אבגעטער, ווי אלע פעלקער האבען דאס געטהון אין אנטיוכוס'עס מדינות, אונ ווי עס האבען דאס אויך געטהון די איינוואהנער פון יהודה אונ ירושלים, ווארום ווען ער, מתתיהו, וועט געבען א ביישפיעל די איינוואהנער פון מודיעין, וועלען זיי אלע אויך טהון אזוי, ווי ער. דערויף האט איהם מתתיהו געענטפערט: „אויב אפילו אלע פעלקער וועלען געהארכען דעם קעניג אונ אבזאגען זיך פון דער גאטהייט פון זייערע עלטערן אונ פון זייערע געזעצען, וועל איך מיט מיין משפחה בלייבען געטריי דעם בונד מיט אונזער גאט". דערווייל איז ארויסגעטראטען איינער פון די גריכישע אידען אונ איז צוגעגאנגען צום אלטאר, וואס מען האט אויפגעשטעלט פאר'ן גריכישען אבגאט צעאוס, כדי צו ברענגען מיט חוצפה דעם חזיר פאר א קרבן. מתתיהו האט שוין מעהר נישט געקאנט איינהאלטען זיין הייליגען צארן; ער האט זיך א ווארף געטהון אויפ'ן פעררעטער אונ דער'הרג'עט איהם פאר אלעמען אין די אויגען. מתתיהו'ס פינף זיהן האבען באלד ארויסגע־ צויגען זייערע שווערדען אונ זיך געווארפען אויף אפעלעס מיט זיינע לייט אונ אלעמען אויסגע'הרג'עט אונ דעם אלטאר מיט'ן אבגאט האט מען צושטערט אונ פערוויסטעט. פון דער דאזיגער טהאט אן האט אלץ בעדארפט ווערען אנדערש. דערמיט איז געגעבען געווארען א ביישפיעל, ווי אזוי מען ברויך זיך צו בעגעהן מיט די מערדערישע בעדריקער, ווי מען דארף מאכען א סוף מיט דער פערצווייפלונג אונ אונטעטיגקייט אונ ארויסטרעטען אין קאמפף, נישט זיצענדיג מיט צוזאמענגעלעגטע הענד אונ ליידען, ווי א שעפס, וואס מען געהט ברענגען פאר א קרבן.

באלד נאכדעם, ווי מתתיהו האט אויסגעפיהרט די בעשטראפינג געגען אנטיוכוס'עס לייט, האט ער אויסגערופען: „וועמען עס איז נאר טייער גאטעס תורה אונ גור וויל דערוויזען, אז ער איז געטריי דעם בונד מיט איהם, יענער זאל געהן מיט מיר!" אויפ'ן דאזיגען אויפרוף האבען זיך צו איהם פערזאמעלט די איינוואהנער פון מודיעין אונ פון דער ארומיגער געגענד אונ ער האט אויפגעזוכט פאר זיי א זיכערען ארט,

וואו צו קאָנען זיך אויפֿהאַלטען אין די בערג פֿון אפרים, ביז מען וועט פֿערזאַמלען אַרום זיך מוטיגע אידישע קעמפֿפֿער און קאָנען עפֿענטליך אַרויסטרעטען געגען דעם פֿיינד. צו מתתיהו׳ן האָבען זיך אַנגעהויבען צונויפֿקומען די איבערגעבליבענע חסידים, וועלכע די גריכען האָבען נאָך נישט בעוויזען אויפֿצוזוכען און אויסצוהרג׳ענען, ווי אויך אַלע, וואָס האָבען געמוזט ענטלויפֿען פֿון זייער היים, צוליעב די מערדעריען פֿון די גריכען און דעם צווינגען זיי צו עסען חזיר. אַזוי אַרום האָט זיך פֿון טאָג צו טאָג פֿערגרעסערט די מחנה, וואָס איז געווען גרייט צו פֿערטיידיגען דאָס פֿאָטערלאַנד און די אידישע תורה. מתתיהו האָט פֿאַר קיינעם נישט געמאַכט קיין סוד, אַז עס וועט אויסקומען צו קעמפֿפֿען מיט אַ שרעקליכען פֿיינד, און אַז אידען מוזען דעריבער זיך געוועהנען צום געדאַנק, דאָס מען מוז זיך מוסר נפש זיין און גערינגשעצען דאָס איי־גענע לעבען. אויך אַ נייע תקנה האָט מתתיהו געמאַכט, אַ תקנה, וואָס האָט אין די אויגען פֿון די פֿרומע חסידים אויסגעזעהן, ווי אַ וואונדער־ליכע רעפֿאָרם אין דער אידישער רעליגיע. צוליעב דעם, וואָס די צו־פֿרומע האָבען זיך נישט ערלויבט אפילו צו נעהמען שטיינער אין די הענד אום שבת, כדי זיך צו פֿערטיידיגען פֿון די גריכען, אָדער, וועניג־סטענס צו פֿערשפּאַרען זייערע הייהלען, האָבען איצט מתתיהו מיט זיינע זיהן ערקלערט די פֿערזאַמלטע, אַז די חסידים זענען דערמיט נישט גערעכט געווען, דען די תורה איז געגעבען געוואָרען פֿאַר לעבעדיגע מענשען, וועלכע דאַרפֿען לעבען און פֿערטיידיגען זייער לעבען אפילו אום שבת אויך. דעריבער האָבען אַלע בעשלאָסען, אַז אין דער צוקונפֿט וועט מען מוזען פֿיהרען אַ פֿערטיידיגונגס־קאַמפֿף אפילו אויך אום שבת און נישט צו רוהען, ביז מען וועט זיך בעפֿרייען פֿונ׳ם פֿיינד. די חסידים, וועלכע זענען ביז דאַמאָלס געוועהנט געווען צו פֿערברענגען זייער גאַנצע צייט נאָר אין לערנען תורה און פֿיהרען אַ שטיל לעבען, האָבען איצט אַנגעהויבען לערנען זיך האַלטען דאָס שווערד אין די הענד און פֿיהרען מלחמה. אַ גוטער און בעגייסטערטער אַנפֿיהרער בעשאַפֿט זיך קעמפֿפֿער. עס האָט זיך איצט ווידערהאָלט די זעלביגע לאַגע, ווי זי איז געווען אין דער לעצטער צייט פֿון די שופטים. דאָס לאַנד יהודה איז געווען אונטער אַ פֿרעמדען יאָך, ווי אין דער ערשטער צייט פֿון שאול׳ס מלוכה. די בעוואָהנער פֿון לאַנד האָבען געמוזט לעבען בעהאַלטען, אין לעכער אונטער אַלטע חורבות און אין הייהלען. אַ טייל פֿון דער בע־פֿעלקערונג האָט גאָר געהאַלטען מיט׳ן פֿיינד צוזאַמען, און נאָר אַ קליי־נער טייל איז געווען גרייט צו דעקען מיט׳ן אייגענעם לייב די שאַנד פֿון געפֿאַלענעם פֿאָטערלאַנד. די דאָזיגע קליינע העלדישע מחנה האָט נישט געהאַט קיין געוועהר און איז כלל נישט געווען געלערנט, ווי־אַזוי צו פֿיהרען מלחמה. אויף אַ נצחון זענען ביי אַזעלכע אומשטענדען געווען

נאך וועניגער אויסגעבטעט, ווי אין דער ערשטער צייט פון שאול'ס רעגיערונג.

מתתיהו האט זיך טאקי דעריבער אבגעהאלטען אונטערצונעהמען אן'עפענטליכען קאמפף מיט דער הילף פון זיין קליינער מחנה. ער איז אבער אויך נישט געזעסען מיט צוזאמענגעלעגטע הענד, האפענדיג אויף נסים, ווי פריהער די חסידים. זייענדיג גוט בעקאנט מיט אלע זייטיגע וועגען איבער בערג און טהאלען אין'ם לאנד, האט ער מיט זיינע זיהן און דער קליינער מחנה אנגעהויבען פיהרען א פארטיזאנען־קאמפף: פלוצלונג פלעגט ער אריינקומען אין די פראווינץ־שטעדט, צעשטערען דארט די מזבחות פאר די אבגעטער פון די גריכען, און שטרענג בעשטראפען די אידישע פעררעטער, וועלכע האבען געהאלטען מיט די גריכען; די אידישע גריכען פלעגט ער פערשפאלגען, וואו ער האט נאר געקאנט. אויסער דעם, פלעגט ער אומעדום מל זיין די אידישע קינדער, וואו מען האט עס נישט געקאנט טהון איבער די אידישע גריכען. גאנץ אפט פלעגט ער אויך אנפאלען אויף די קלענערע גריכישע מחנות, ווען זיי פלעגען זיך טרעפען אויף זיין וועג, און אויס'הרג'ענען זיי אלעמען. און טאמער פלעגט דער גריכישער הויפט־מאן פון ירושלים שיקען גרעסערע מחנות, אויפצוזוכען די אויפגעשטאנענע אידען, פלעגט מתתיהו אויף זיי באלד אנפאלען און צעשלאגען, אדער צעטרייבען. קורץ, מתתיהו האט געפיהרט א קריעג, וועלכער איז מעגליך נאר אין א געבירגיג לאנד: איבעראל איז ער געווען מיט זיין מחנה, אבער אינערגעץ האט מען איהם נישט געקאנט געפינען. דאס איז געווען א מלחמה אין א גאנץ קליינער פארם; אבער אזא מלחמה מאכט מיעד אויך דעם שטארקסטען פיינד.

און אז דער אלטער מתתיהו האט דורך די פיעל מלחמות זיך דערשפירט אבגעשוואכט און נאהענט צום טויט, האט ער נישט געדארפט זיך שרעקען, אז נאך איהם וועט זיין אויפגאבע נישט ערפילט ווערען, וויל עס וועט פעהלען אן'אנפיהרער. פערקעהרט. אנפיהרער האבען געקאנט זיין אלע זיינע פינף העלדישע זיהן, און עס איז בלויז שווער געווען, וועמען פון זיי אויסצוקלייבען פאר אן'אנפיהרער, וויל אלע זיי זענען געווען גרויסע גבורים און גלייך בעגייסטערט פאר דער הייליגער זאך. דער שטערבענדער פאטער, דער אלטער מתתיהו, האט בעשטימט ענדליך זיין עלטערען זוהן שמעון, פאר'ן קלוגען ראטגעבער, ווי־אזוי מען זאל די מלחמה פיהרען, זיין אינגערען זוהן, יהודה, פאר'ן אנפיהרער אין מלחמה און די איבריגע ברידער דארפען מיט זיי האלטען צוזאמען אין אחדות און פיהרען אונאויפהערליך דעם קאמפף, ביז זיי וועלען דעם פיינד פערטרייבען. פאר זיין טויט האט ער געהאלטען זעהר א הייסע רעדע פאר זיינע זיהן און געענדיגט אזוי: „איינער לעבען זאלט

איהר אבגעבען פאר'ן הייליגען בונד מיט אונזער גאָט און פיהרען גאָט'ס קאמפף ווייטער". געשטאָרבען איז מתתיהו דעם 237־טען יאהר פאר'ן חורבן, און זיינע זיהן האבען איהם מקבר געווען אויפ'ן בארג פון מודעים אין די קברים פון זיין משפחה. אלע אידען האבען טיעף געטרויערט נאָך איהם.

ווען יהודה המכבי איז אויפגעטרעטען נאָך זיין פאָטער'ס טויט אין שפיץ פון דער אידישער מחנה, איז דער אויפשטאנד ווי נייבעלעבט געוואָרען: די אידישע קעמפפער האבען אין זיך דערשפירט א נייעם גייסט פון גבורה און מוטיגקייט. אין שפיץ פון די אידישע מחנות איז איצט געשטאנען א העלד, ווי אידען האבען שוין א זעלכען נישט געהאט פון די צייטען פון דוד און יואב. יהודה איז אבער נישט געווען בלויז א מלחמה־העלד, דאָס איז געווען א שענער אידישער גייסט, א מענש, וואָס איז געווען דורך־און־דורך אנגעזאפט מיט דער אידישער תורה און מיט איהר הויכער בעדייטונג. א מענש, וואָס האט גאָרנישט געטראכט וועגען זיך, אדער וועגען זיין כבוד, נאָר וועגען דעם כבוד פון גאָט און זיין תורה, ווי אויך וועגען דעם כבוד און דער פרייהייט פון אידישען פאָלק. זיין התלהבות'דיגע גבורה איז אזוי גרויס געווען, אז זי האט אנגעצונדען מיט א פייער פון גבורה אויך אלע מענשען, וואָס זענען ארום איהם געווען. דערצו איז יהודה אויך געווען א טאלענטפולער הויפטמאן: ער האט שטענדיג אויסגענוצט די גינסטיגע צייט אנצופאלען אויפ'ן פיינד, ווי אויך די שוואכע זייט פון פיינד; ער פלעגט אויך זעהר געלונגען מאכען אנגעשטעלטע כלומר'שט־אנפאלען אויפ'ן פיינד, כדי איהם אבצונארען. א שריפטשטעלער פון יענער צייט שילדערט איהם אזוי: „ער איז געווען גלייך צו א לייב אין וואלד, ווען ער ברומט, פערפאלגענדיג די פיינד פון זיין פאָלק, און צו א מילדער טויב מיט זיין גוטהערציגקייט, ווייכקייט, תמימות און חן אין דער צייט פון שלום". פרום און ערגעבען צו גאָט איז יהודה געווען, ווי איינער פון די בעסטע מענשען פון דער אלטער לאנג־פערגאנגענער צייט. זיין האָפענונג און בטחון האט ער תמיד געהאט נישט אויף זיין שווערד, נאָר אויף גאָט'ס הילף, צו וועלכען ער פלעגט תפלה טהון פאר יעדער שלאכט. די העלדישקייט פון יהודה המכבי, זיין גרויסע גבורה און שטרענגקייט האט נישט געשטאמט פון הארטהערציגקייט, אדער פון בלוט־דורשטיגקייט און אכזריות, ווי דאָס טרעפט געוועהנליך ביי די בערימטע הויפטלייט. יהודה'ס גבורה איז געווען א אידישע: בלוט פלעגט ער פערגיסען נאָר דאן, ווען די נויט האט איהם דערצו געצוואונגען, ווען מען האט געמוזט קעמפפען מיט'ן פיינד, כדי צוריק צו בעקומען פאר זיך די פריהערדיגע פרייהייט, וועלכע דער פיינד האט מיט געוואלד צוגענומען, און ווען מען האט געמוזט דערהויבען ווידער דעם מוט און דעם געפאלענעם גייסט פון פאָלק. יהודה המכבי האט ארויפגעך

לעגט אויף זיין עפּאָכע זיין אייגענעם כאראקטער און נאָמען, דען מען האט פון זיין צייט אָן אנגעהויבען צו רופען זיין עפּאָכע „די מכבעאישע“. אָנפאַנגס האט יהודה המכבי זיך געפיהרט אויפ'ן דרך פון זיין פאָטער און געקעמפפט מיט'ן פיינד אויף זיין שטייגער: ער פלעגט בשתיקה, אין א פינסטערער נאכט, ארויסגעהן מיט זיין מחנה, כדי אנצופאלען אויף קלענערע גריכישע מחנות און ברענגען זיי שאדען. ער איז געווען אין פיעל שטעדט אין יהודה, וואו ער פלעגט דאָרט בעשטראָפען די אידישע גריכען. ווען אָבער זיין מחנה איז געוואָרען גרעסער, ווען עס זענען צו איהם צוגעשטאַנען פיעל אידען, וועלכע האבען פריהער געליטען די רדיפות שווייגענדיג, נאר דערפאר, וואס זיי האבען געליעבט די מנוחה, און ערשט איצט האבען זיי איינגעזעהען, אז דאדורך וועלען זיי מוזען אונטערגעהן אינגאנצען און דעריבער האבען זיי זיך אויך פאר'ן שווערד גענומען; ווען עס זענען צו איהם צוגעשטאַנען אויך אזעלכע, וואס זענען שוין פריהער געווען אנהענגער פון די גריכען און ערשט די גריכישע גרויזאמקייט האט זיי די אויגען געעפענט — ערשט דאן האט יהודה זיך דערוואגט אנצופאלען אויף א גרויסע סירישע מחנה מיט'ן אנפיהרער אפאלאָניוס אין שפיץ.

די ערשטע עפענטליכע שלאכט אין פעלד, וועלכע יהודה האט אינטערגענומען (236 פאר'ן חורבן), האט זיך געענדיגט פאר איהם זעהר גליקליך. דער גריכישער אנפיהרער אפאלאָניוס איז דער'הרג'עט געוואָרען און זיינע סאלדאטען זענען פערוואונדעט געוואָרען אין מלחמה, אדער זענען זיך צולאָפען. ווי קליין עס איז נישט געווען די בעזיעגטע גריכישע מחנה, האט דאך דער נצחון שטארק אויפגעמונטערט די אידישע קעמפפער און אריינגעגעבען זיי פרישען מוט און בטחון אויף א גוטען ערפאָלג פונ'ם אויפשטאנד. צום ערשטען מאל האבען זיי זיך בעגעגענט אויפ'ן שלאכט־פעלד מיט'ן פיינד אויג אויף אויג און זיי האבען זיך פעסט געהאלטען געגען איהם, נישט טראכטענדיג, חלילה, צו ענטלויפען. דערין האבען זיי געזעהען א סימן, אז גאט האט זיין פאלק נישט פערלאזען, נאר ער רינגעלט עס ארום מיט זיין בעשיצונג, וואס מען זעהט זי אפילו מיט די אויגען נישט, אבער מען שפירט זי אויף שריט און טריט. אפאלאָניוס'עס שווערד האט יהודה צוגענומען פאר זיך און פון איצט אָן האט ער מיט איהם אין דער האנד געקעמפפט געגען די אידישע פיינד אין פיעל מלחמות ביז'ן לעצטען אטעם.

געגען יהודה המכבי מיט זיין מחנה איז דאמאלס ארויסגעטראָטען דער סירישער הויפטמאן העראן, וועלכער האט אויפגעזוכט דעם אידישען העלד אין די בערג, און האט געוואלט איהם מנצח זיין מיט זיין פיעל גרעסערער ארמעע. פערדעטערישע אידישע גריכען זענען געגאנגען מיט זיין מחנה, כדי איהם צו פיהרען אויף די זייטיגע וועגען אין די בערג, וואו מען קאן בעקוועמער אנפאלען אויף די אידען! ווען

די אידישע קעמפפער האָבען פון דער הויכער געגענד פון בית חרון דערזעהען די גרויסע גריכישע מחנה, האָבען זיי אויסגערופען טרויעריג: „ווי־אַזוי וועלען מיר קאָנען בײשטעהן פאַר אַזא גרויסע מחנה?“ יהודה האָט זיי אָבער בערוהיגט, דערמאָהנענדיג, פאַר וועמען און פאַר וואָס זיי קעמפפען: „שטאַרקט זיך און זייט מוטיג, מיר קעמפפען פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער תורה, פאַר אונזערע פרויען און קינדער“. און מיט'ן דאָזיגען אויסרוף האָט ער זיך אַ וואַרף געטהון ווי אַ שטורם אויף די גריכען און געבראַכט זיי אַ פאָלקאָמענע מפלה. אַכט הונדערט גריכען זענען געבליעבען ליגען אויפ'ן פעלד טויט און די איבריגע זענען ענט־לאָפען אין לאַנד פלשתים. דער דאָזיגער ערשטער גרויסער נצחון פון יהודה המכבי איבער אַ גרויסער גריכישער אַרמעע בײ בית־חרון, האָט שוין אינגאַנצען געשטאַרקט דעם אידישען בטחון, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיגען פאַר אידען מיט אַ גינסטיגען ערפאָלג. אויך די פעלקער ארום האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט איבער יהודה'ס העלדישקייט, איבער זיין פערשטענדיגקייט צו פיהרען מלחמה, ווי אויך איבער די פעסטקייט פון אידישען פאָלק און זיין גרויסען מוט אונטערצונעהמען אַ מלחמה געגען דעם שטאַרקען מלך אנטיוכוס.

וואָס־זשע האָט דערווײל געטהון אנטיוכוס, דער אויפטהוער פון די אַלע דאָזיגע אונגליקען און בלוט־פערגיעסונגען? אָנפאַנגס האָט ער זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען די אידען, גלויבענדיג, אַז זיינע בע־פעהלען אַליין זענען שוין אויך גענוג, כדי אונטערטעניג צו מאַכען אי־דען און צו ברענגען זיי דורך זיין געוואַלד דערצו, אַז זיי זאָלען איהם פאָלגען און אָננעהמען דעם גריכישען גלויבען. אָבער ווען ער האָט איהם דערצעהלט, אַז אידען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען איהם, אַז זיי האָבען גאָר אין עטליכע מלחמות זאָגאָר מנצח גע־ווען זיינע מחנות, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסע מפלה; ווען ער האָט אויך דערהערט וועגען דער גרויסער גבורה פון יהודה המכבי, האָט ער ערשט איינגעזעהן, אַז ער האָט נישט געקענט אידען ביז איצט און האָט געשעצט צו־לײכט זייער פעסטען כאַראַקטער און שטאַרקען מוט. אין ערשטען מאָמענט פון ווילדען צאָרן האָט ער געוואָלט געהן גלײך אויף דאָס לאַנד יהודה און מאַכען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מיט'ן אידישען פאָלק. דאָס אידישע לאַנד האָט ער גע־וואָלט יצטיילען צווישען פערשידענע פעלקערשאַפטען און אידען אויס'הרג'ענען און פערניכטען, אָבער באַלד האָט ער איינגעזעהן, אַז ער האָט נאָך דערצו קיין מעגליכקייט נישט: איינען מיליטער האָט ער געהאַט ווייניג, מען וועט אַלזאָ מוזען דינגען סאָלדאַטען בײ פרעמדע פעלקער, דערצו האָט מען אָבער געברויכט צו האָבען געלד, און זיין קאַסע איז כמעט גאָר לעדיג געווען, ווײל זיינע פערשווענדערישע הוצאות זענען געווען גרעסער, ווי די הכנסות. די הכנסות פון לאַנד

יהודה האבען צוליעב דער מלחמה גאר אויפגעהערט אנצוקומען. עס זענען נאך אויך צוגעקומען אנדערע דאגות און שוועריגקייטען פאר איהם: „פון מזרח און פון צפון האט ער דערהאלטען שרעקליכע ידיעות“. פון מזרח-לאנד האט מען איהם געבראכט די מעלדונג, אז ארזאצעס, זיין סאטראפ פון פארטהיען (ניי-פערסיען) איז אבגעפאלען פון דער סעלעוקידישער מלוכה, דאס הייסט, פון איהם, אנטיוכוס'ן, און האט זיך ערקלערט זעלבסטשטענדיג און זיין פאלק בעפרייט. פון צפון איז איהם אנגעקומען א ידיעה, אז ארטאקסיאס, דער קעניג פון ארמעניען, האט ווידערשפעניגט געגען איהם און וויל מעהר נישט ער־פילען זיינע בעפעהלען, נאר ער בעגעהט זיך, ווי אן'אונאבהענגיגער קע־ניג. אויך די איינוואהנער פון ארד און אנדערע פעניקישע שטעדט האבען זיך אבגעזאגט איהם צו דיענען. די אלע דאזיגע אבפאלען פון איהם זע־נען פאר אנטיוכוס'ן געווען שרעקליך נישט בלויז דערמיט, וואס זיין מאכט ווערט דאדורך קלענער, נאר אויך דערמיט, וואס זיינע הכנסות זענען באלד שטארק פערקלענערט געווארען. ער האט געווארט, אז מען זאל איהם ברענגען פון די אלע מדינות און שטעדט גרויסע אבצאהלונ־גען, און לסוף האט מען איהם מודיע געווען, אז מען וויל גאר זיין מאכט נישט אנערקענען. אנטיוכוס איז געווען דעריבער אין גרויס פערלעגענ־הייט. זיין קאסע איז געווען לעדיג, און כדי זי פול צו מאכען, האט ער געמוזט אנהויבען פיהרען מלחמות מיט די אויפגעשטאנענע פעל־קער און איינגעהמען זיי יצוריק, כדי צו צווינגען זיי צו געבען איהם אבצאהלונגען; אום אבער צו קאנען זיי איינעהמען, מוז מען האבען אן'ארמעע, וועלכע מען קאן דינגען נאר פאר געלד; קיין געלד אבער האט ער נישט געהאט. אזוי ארום איז אנטיוכוס ארייגעפאלען פון איין פערלעגענהייט אין דער צווייטער.

און פונדעסטוועגען איז עס איהם, דעם כמעט האלב-משוגע גע־ווארענעם אנטיוכוס'ן, נאך געלונגען צוזאמענצונעהמען אזוי פיעל געלד, אז ער האט געקאנט דינגען מיליטער אויף א גאנץ יאהר איהם צו דיענען. פון דעם געדונגענעם מיליטער האט ער גערעכענט צו פער־ווענדען איין העלפט סאלדאטען, צו פיהרען זיי אליין אויף יענער זייט פון טייך עפראט (פרת) געגען די פעלקער, וואס זענען פון איהם אב־געפאלען, און די אנדערע העלפט האט ער איבערגעגעבען זיינעם א קרוב, ליזיאס, וועלכער האט געשטאמט פון דער קעניגליכער משפחה און איהם איבערגעלאזען אין אנטיאכיען אלס זיין פערטרעטער אין דער רע־גירונג, ווי אויך אלס אפיטרופס און ערציהער פון זיין יונגען זוהן. דעם פלאן געגען דעם אידישען פאלק האט ער אינגאנצען געענדערט. ער האט זיך שוין גאר אבגעזאגט פונ'ם געדאנק, צו מאכען אידען פאר גריכען, דען ער איז בייז געווארען אויף דער אידישער אונדאנקבאר־קייט און איינגעזעהן, אז זיי זענען נישט ווערט זיין גרויסען חסד. ער

האָט דערביי ערקלערט, דאָס ער האָט געהאַט פון אידען'ס וועגען זעהר א גוטע כונה: ער האָט זיי געוואָלט מזכה זיין מיט דער הויכער גריכישער קולטור און דערהויבען זיי צו דער הויכער מדרגה פון גריכישען בירגערטום; אידען האָבען אָבער פון זיין חסד אָבגעלאָכט און זיך נאָך דערוואַגט אַרויסצוטרעטען געגען איהם מיט געוועהר. זיי האָבען דערמיט אַרויסגעוויזען, אַז זיי פערשטעהן דורכאויס נישט, ווער עס איז זייער אמת'ער גוטער פריינד, און דאַרום דאַרף מען זיי—פערטיליגען, אינגאַנצען פערטיליגען. ליזיאס האָט דערהאַלטען א בעפעהל צו געהן מיט זיין מיליטער אין לאַנד יהודה, איינגעהמען עס און דערנאָך אויסצוהרג'ענען אַלע אידען, אַזוי, אַז עס זאָל גאָר פון זיי קיין זכר נישט בלייבען, און דאָס לאַנד יהודה וועט מען דערנאָך בעזעצען מיט אַנדערע פעלקערשאַפטען. אינ'ם דאָזיגען פערטיליגונג'ס-פּלאַן האָבען אויך געדאַרפט אַריינגענומען ווערען די אידישע גריכען; אויך זיי האָט מען געדאַרפט אויסהרג'ענען. אנטיוכוס האָט זיך פון זיי אָבגעזאָגט. וואָרום וואָס פאַר א נוצען האָט ער דען געהאַט פון דער קליינער צאָהל מענשען, וואָס פלעגען קנעכטיש זיינע בעפעהלען, אָדער אפילו העלפען אויך זיי דורכצופיהרען?

ווען דער דאָזיגער שרעקליכער פּלאַן איז בעוואוסט געוואָרען אין לאַנד יהודה, איז געפאַלען אַן אימה אויף אידען, בעזונדערס אויף יענע, וועלכע האָבען געלעבט נישט אין ארץ-ישראל, נאָר אין די איבריגע מדינות פון אַנטיוכוס'ן. צי וועט דען קאָנען בײשטעהן די אידישע קליינע מחנה פון יהודה המכבי געגען די גרויסע מחנות פון די גריכען, וועלכע האָבען נאָך דערצו אויך העלפאַנטען מיט אויסגעצייכענט געוועהר? יהודה איז טאַקי א גבור, אָבער אויך די גבורה האָט דאָך א גרעניץ, און געגען א גאַנץ גרויסער מחנה וועט ער זיך געוויס נישט קאָנען האַלטען. און דעריבער האָט אויסגעבראָכען ביי אידען א געוויין, א יאָמער און א קלאָג אין יעדען לאַנד און אין יעדער שטאָדט, וואוהין עס האָט נאָר דערגרייכט אַנטיוכוס'עס בעפעהל. מען האָט גוזר תענית געווען, די אַנגעזעהענע אידען האָבען געלעגט אַש אויפ'ן קאָפּ און אָנגעטהון אויף זיך א זאַק. אָבער אַנטיוכוס'עס משוגע'נער פּראָיעקט אויסצוהרג'ענען א גאַנץ פאָלק, מאַנסבילען און פרויען, יונג און אַלט, האָט דערוועקט אין אַלע אידישע הערצער א נייעם מוט צו קעמפפען פאַר'ן איינציגעם לעבען און האָט בעשאַפען נייע פערטיידיגער פאַר'ן פאָלק און זיין תורה. אפילו אויך די נישט-פרומע אידען, בעזונדערס אָבער די, וועלכע האָבען נאָר נוטה געווען צו די גריכען, אָבער זיי האָבען נאָך נישט גאַנץ איבערגעריסען מיט'ן יודענטום, האָבען זיך פעראייניגט מיט די מכביער, דען נאָכדעם, ווי זיי האָבען דערהערט אַנטיוכוס'עס בעפעהל, צו פערטיליגען אַלע אידען אינגאַנצען, האָבען

זיי פאר זיך שוין נישט געזעהען קיין אנדער מיטעל צו קאנען לעבען ווייטער, ווי נאר אין דער פעראייניגונג מיט יהודה המכבי און זיינע ברידער.

דער געפעהרליכער מאמענט איז דערוויילע אונטערגעקומען אלץ נעהנטער. ווען אנטיוכוס איז מיט איין טייל פון זיין ארמעע אבגעגאנגען צו די מזרח־לענדער, כדי צו פיהרען א מלחמה געגען די פעלקער אויף יענער זייט פון טייך עפראט, האט זיין פערטרעטער אין דער מלוכה, ל י ז י א ס, בעשטימט פאר א פעלדהערר איבער'ן אנדער'ן טייל פון דער ארמעע דעם שטאטהאלטער פון סיריען און פעניקיען, פ ט א ל א מ ע א ו ס, דעם זוהן פון ד א ר י מ ע נ ע ס, וועלכער האט געשיצט מענעלאוס'ען, בשעת אנטיוכוס האט איהם געמשפט פאר'ן גנב'ענען דעם בית־המקדש. אונטער פטאלאמעאוס'ן זענען געשטאנען די צוויי הויפט־לייט: נ י ק א נ א ר, דער זוהן פון פאטראקלוס, און ג א ר ג י א ס. דער לעצטער האט דערהאלטען א בעפעהל ארויסצוטרעטען אין מלחמה געגען די אידען, און ער האט געפיהרט זיין מחנה,—וועלכע זאל האבען בעשטאנען פון פערציג טויזענד מאן, לויט ווי די דאמאלדיגע היסטאריקער האבען געגלויבט — דורכ'ן טהאל ביי'ם ברעג ים גלייך אין טיעף יהודה. די שומרונים און די פלשתים, אלע אלטע פערביטערטע אידישע פיינד, האבען זיך איצט פעראייניגט מיט דער מחנה, וואס איז געגאנגען אומברענגען אידען. גארגיאס איז אזוי זיכער געווען אין זיין נצחון, אז ער האט איינגעלאדען פיעל שקלאפען־הענדלער צו קומען אין זיין מחנה מיט קייטען און געלד איינצוקויפען ביי איהם פאר קנעכט די געפאנגענע אידען, דען גארגיאס האט איינגעפונען, אז אנשטאט אויסצוהרג'ענען אלע אידען, וועט איהם בעסער לוינען, צו בעקומען פאר זיי געלד. און וועהרענד גארגיאס האט געמאכט די חשבונות, וויפיעל געלד ער וועט ארויסבעקומען פאר די געפאנגען־גענומענע אידען, האבען די אידישע קעמפפער זיך פערזאמעלט צום גבור, יהודה המכבי, וועלכער האט ארויסגעלאזען א'ן אויפרוף צום פאלק, צו קומען צו איהם קעמפפען פאר'ן אידישען פאלק און פאר זיין הייליג לאנד. יהודה'ס מחנה איז שוין איצט בעשטאנען פון זעקס טויזענד מאן. פאר'ן ארויסטרעטען אין מלחמה האט יהודה געפונען פאר נויטיג, צו שטארקען דעם גייסט פון זיין מחנה און דערוועקען אין אידען דעם מוט, די גבורה און דעם גרויסען בטחון אין א נצחון. צו דעם צוועק האט ער איינגעארדענט א גרויסע פערזאמלונג אין מ צ פ ה, וועלכע איז געווען ווייט צוויי שעה גאנג פון ירושלים.

און מערקווירדיג איז! ניין הונדערט יאהר פאר דעם האט דער נביא שמואל אויך אין אזא צייט פון נאלקס־נויט איינגעארדענט אין דערזעלביגער שטאדט א עהנליכע פאלקס־פערזאמלונג, כדי אויסצוקלייבען א מנהיג, וועלכער זאל גיהן מלחמה האלטען געגען דעם פיינד,

וואָס האָט געשטרעבט צו פערניכטען אידען; איצט האָט מען ווידער אויסגעקליבען דעם זעלבינגען אָרט פאַר א גרויסער פאָלקס-פערזאַמלונג, ווען מען האָט געדאַרפט זיך געהן פערטיידיגען געגען דעם פיינד, וואָס וויל פערניכטען דאָס אידישע פאָלק. יהודה האָט בכיוון אויסגעקליבען דערויף די שטאָדט מצפה, ווייל זי איז פאַרצייטען געווען דער אָרט, וואו אידען פלעגען תפלה טהון צו גאָט. און נאָך דעם, ווי דער ערשטער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען דורך נבוכדנאצר'ן, האָבען אין מצפה זיך אויך פערזאַמעלט די געבליבענע אידען צו גדליהו, אחיקם'ס זוהן, און האָבען דאָרט אויך געבויט א מקדש, אויף תפלה צו טהון און ברענגען קרבנות. אויף יהודה'ס אויפרוף זענען זיך צוזאַמענגעקומען קיין מצפה זעהר פיעל אידען פון די אַרומיגע שטעדט, כדי גאָט צו בעטען אין דער נויט. די פערזאַמעלטע האָבען א גאַנצען טאָג געפאַסט, אַנגעטהון טרויער-קליידער און געבעטען צו גאָט. מען האָט געבראַכט א ספר-תורה, וועלכע מען האָט איצט געלעזען מיט געוויין און תחנונים צו גאָט, ווייל מען האָט געזעהן, אז אנטיוכוס וויל אידען אָברייסען פון אָט דער תורה און מאַכען זיי אַלעמען פאַר געצענדיענער. יהודה האָט אָבער געוואָלט נישט בלויז דערוועקען ביי'ם פאָלק די אַלטע הייליגע פרומע געפיהלען, ער האָט אויך געוואָלט דערוועקען גבורה און מוט, מסירת-נפש און ענטשלאָסענהייט, צו קעמפפען פאַר דער הייליגער זאַך. ער האָט איינגעטיילט זיין מחנה אין פיער אָבטיילונגען און בעשטימט איבער דריי פון זיי זיינע ברידער פאַר אַנפיהרער; איבער איין אָבטיילונג האָט ער אַליין געדאַרפט זיין דער אַנפיהרער. פאַר'ן אַרויסטרעטען אין מלחמה האָט ער, לויט'ן געזעץ פון דער תורה, געלאָזט אויסרופען: ווער עס האָט א ניי הויז געבויט, א פרוי פער'קנס'ט אָדער א וויינגאָרטען געפלאַנצט און נאָך נישט גענומען עס אין בעזיץ, אָדער ווער עס שפיהרט נישט אין זיך גענוג מוט און גבורה — זאָל געהן צוריק אַהיים. באַלד נאָכדעם איז יהודה מיט זיין מחנה אַרויסגעטראָטען געגען דעם פיינד קיין עמאַאוס, עטליכע שעה גאַנג פון מצפה, דען דאָרט האָט גאָרגיאַס איינגעאָרדענט זיין לאַגער מיט פינף טויזענד פוסגעהער און טויזענד רייטער און פון דאָרט האָט ער געוואָלט אַריינקומען אין די בערג פון יהודה און אָנפאַלען אויף דער מכבעאישער מחנה. גערעכענט האָט ער דאָס טהון אין א פינסטערער נאַכט, ווען עס וועט איהם געלינגען אָנצופאַלען אויף יהודה'ן פלוצלונג. יהודה האָט אָבער געוואוסט, ווי אַזוי אויסצונוצען דעם דאָזיגען פלאַן דוקא פאַר זיך, כדי צו פערדערבען זיין געגנער. ווי נאָר עס איז געוואָרען נאַכט, האָט ער מיט זיין מחנה זיך אויפגעהויבען און אַרומגעגאַנגען דעם פיינד אויף זייטיגע וועגען, ביז ער האָט זיך געשטעלט הינטער איהם. ווען גאָרגיאַס האָט דערזעהן, אז דער אידישער לאַגער איז לעדיג, האָט ער געמיינט, אַז די אידען זענען אין שרעק אָבגעטראָטען צוריק אין די

בערג, און האט זיך געלאזט זיי פערפאלגען. אט דאס טאקי האט יהודה געוואלט. ער האט זיך באלד געלאזען יאגען נאכ'ן פיינד פון הינטען. קאמאנדיר און סירישען לאגער, האט ער איהם אונטערגעצינדען און זיך געלאזט ווייטער געהן נאך די סירער. מיט'ן זון-אויפגאנג האט גארגיאס ערשט איינגעזעהען, אז דער פיינד, וועלכען ער האט געזוכט פאר זיך, געפינט זיך גאר הינטער איהם. גארגיאס האט באלד געגעבען א בעפעהל צו זיין ארמעע אבצושטעלען זיך, אבער דעם דאזיגען בעפעהל האט ער נישט געקאנט באלד איבערגעבען צו אלע אבטהיילונגען, ווייל אייניגע פון זיי האבען זיך שוין געהאט דערווייטערט אין די בערג, וואו זיי האבען געמיינט צו געפינען יהודה'ן. עס האט זיך דעריבער אומגעקעהרט צום קאמפף בלויז א טהייל פון אלע מחנות, וועלכע גארגיאס האט געהאט. יהודה המכבי האט דערווייל איינגעארדענט זיין אבטהיילונג און מיט פייערדיגע רייד זי דערוועקט צו קעמפפען פאר'ן פאטערלאנד, פאר דער תורה און פאר'ן אידישען פאלק. זיין אינגערער ברודער, אלעזר, האט אויף געשווינד פארגעלעזען פאר די קעמפפער עטליכע פסוקים פון דער תורה, כדי צו שטארקען זייער בטחון אין גאט, און געלערנט זיינע קעמפפער צו געהן אין מלחמה מיט'ן אויסרוף: „לה' הישועה!"— „ביי גאט איז די הילף!" מיט'ן דאזיגען אויסרוף האבען די אידישע מחנות זיך געווארפען מיט א געוואלדיגען אימפעט אויפ'ן פיינד און צושלאגען איהם אינגאנצען. די סירער האבען געזוכט זייער רעטונג פון א זיכערען טויט און אנטלויפען ווייט אין מדבר אריין. יהודה האט דערווייל אנגעזאגט זיינע קעמפפער, אז זיי זאלען זיך נישט אײלען באלד צו בערויבען דעם לאגער פון די גריכען, ווייל עס שטעהט זיי נאך פאר א מלחמה מיט די איבריגע אבטהיילונגען פון גארגיאס'עס ארמעע, וועלכע דארפען זיך באלד אומקעהרען צוריק פון די בערג. באלד נאכדעם האט מען טאקי דערזעהען אויף די שפיצען בערג די איבריגע פיינד, און די אידישע קעמפפער האבען זיך שוין צוגעגרייט אנצוהויבען די מלחמה פון דאס ניי. אבער די מלחמה האט זיך דאס מאל מעהר נישט בענייט, דען ווי נאר די גריכען האבען דערזעהען דעם רויך פון זייער לאגער, האבען זיי זיך באלד געלאזט לויפען צוריק צום דרום-קאנט, און לאנד פלשתים. „יענעם טאג האט גאט דערוויזען אידען א גרויסע ישועה". און אין דער ווירקליכקייט איז דער נצחון ביי עמאאוס 236) פאר'ן חורבן) פארגעקומען נאר א דאנק דעם זעלטענעם טאלענט, וואס יהודה האט ארויסגעוויזען אלס הויפטמאן, און דאדורך, וואס ער האט אבגענארט זיין פיינד, ווי אויך דורך דער גרויסער גבורה, וואס אידען האבען דאמאלס ארויסגעוויזען. דער נצחון איז אבער געווען זעהר א וויכטיגער אויך פאר שפעטער: די סירער האבען פאר זיך דערזעהען א מעכטיג פאלק, וואס קעמפפט מוטיג און וויזט ארויס גרויסע גבורות און פערשטאנד. פאר זיי איז דאס געווען גאר אנ'אינערווארטע־

טע זאַך, דען זיי זענען ביז איצט געוואָהנט געוועזען צו זעהען אין איר דען שוואַכע שרעקענדיגע מענשען. געגען א שטאַרקען פיינד זענען די סיריער אַליין אויך נישט געוועזען צוגעגרייט, און דעריבער זענען זיי געוועזען, ווי געלעהמט פאַר שרעק. די אידען דאַגעגען האָבען ערשט איינגעזעהען, און וואָס עס ליעגט זייער ישועה. זיי האָבען אין זיך דערשפירט דעם גייסט פון גבורה און בעקומען א חשק צום קאַמפף. עס איז ביי זיי פערשוואונדען געוואָרען די מורא פאַר'ן פיינד מיט זיינע פיעל פערד און רייטער און מיט זיינע פיעל געוועהר און קעמפפער. אָנגעטהון אין פאַנצערען און מעטאַלענע העלמס (היט). אויב אידען האָבען אין אָנפאַנג מלחמה געהאַט וועניג געוועהר, האָבען זיי איצט, נאָך דער מפלה פון די גריכען, אַבגענומען אויך גאַר דאָס געוועהר, וואָס די גריכען האָבען איבערגעלאָזען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. אויך דער רויב, וואָס אידען האָבען געמאַכט אין גריכישען לאַגער, איז געוועזען זעהר גרויס — פיעל גאָלד און זילבער, פורפור און טייערע קליידער, פיעל געלד, וואָס עס האָבען געבראַכט מיט זיך די שקלאַפען־הענדלער — אַלץ איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די אידישע קעמפפער. דאָס דאָזיגע געלד האָט אידען געדאַרפט געבען די מיטלען צו פיהרען די מלחמה אויך ווייטער. נאָך דער מלחמה האָבען די אידישע קעמפפער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין מודיעין מיט געזאַנג און לויב־ליעדער צו גאָט: „הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו" — „לויבט גאָט, דען ער איז גוט, דען אויף אייביג דויערט זיין חסד".— מיט אָט דעם געזאַנג זענען אידען אַריינגעקומען אין מודיעין צוריק פון דער מלחמה.

אָבער אויך נאָך דעם דאָזיגען נצחון האָבען אידען נאָך נישט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען שוין רוהיג און זיכער פאַר'ן פיינד. זיי האָבען געקאָנט פערשטעהן, אַז ליזיאַס, וועלכער האָט בעקומען א בעפעהל פון אַנטיוכוס'ן, צו פערטיליגען אידען, וועט נישט אויפנעהמען רוהיג די ידיעה וועגען דער מפלה פון זיין הויפט־מאַן, נאָר ער וועט שיקען נאָך פיעל שטאַרקערע מחנות, צו פיהרען די מלחמה אין לאַנד יהודה. אידען זענען דעריבער געבליעבען בעוואָפענט און האָבען מיט פרייד געזעהען, ווי זייער מחנה האָט זיך פערשטאַרקט ביז צעהען טויזענד מאַן. ווען ליזיאַס איז אויפ'ן צווייטען יאָהר געקומען אַליין קיין יהודה מיט נאָך א גרעסערער מחנה, האָט ער געפונען די אידישע פערטיידיגער שוין מיט א געשטאַרקטערען מוט און מיט א פיעל גרעסערער מחנה. ליזיאַס האָט שוין נישט דערוואַגט זיך צו געהן אָנפאַלען אויף אידען פון דער זייט פון פלאַכען לאַנד ביי'ם ים, נאָר ער איז אַרומגעגאַנגען דאָס לאַנד יהודה פון דרום־זייט דורכ'ן לאַנד אדום און פון דאָרט האָט ער געוואָלט מאַכען זיין אָנפאַל פלוצלונג אויף ירושלים. אַבגעשטעלט האָט ער זיך מיט זיין מחנה נעבען בית צור, פינף שעה גאַנג פון ירושלים. יהודה המכבי האָט שוין מעהר נישט געוואַרט, ביז

ליזיאַס וועט דער ערשטער אויף איהם אָנפֿאַלען. מיט זיינע צעהען טויזענד מאַן איז ער איהם אַליין אַרויסגעגאַנגען ענטקעגען. עס איז געקומען צווישען ביידע אַרמעען צו אַ רעגעלמעסיגער מלחמה, און יהודה איז ווידער אָנגעפֿאַלען אויפֿ'ן פֿיינד מיט זיין געוואַלדיגען אומפּאַט און מסירת נפש. די אידען, וועלכע האָבען געקעמפֿפֿט, ווי די פֿערצווייפֿעלטע, פֿאַר זייער לעבען, האָבען אויך דאָס מאָל מנצח געוועזען די קריגסקונסט פֿון די געדונגענע סירישע מחנות. ליזיאַס'עס אַרמעע האָט געהאַט די מפּלה און איז זיך צעלאָפֿען. ליזיאַס האָט געמוזט אָבטרעטען, „זעהענדיג, ווי אידען קעמפֿפֿען, ווי די גרויסע העלדען, פֿעראַכטענדיג דעם טויט". פֿאַר דערוויל האָט ליזיאַס זיך אומגעקעהרט צוריק קיין אַנטיאָכיען, טרייסטענדיג זיך, אַז ער וועט איינגיכען צוריקקומען מיט אַ גרעסערער מחנה און וועט דאָך ענדליך איינגעהמען דאָס לאַנד יהודה. ארץ ישראל איז אַזוי אַרום אָבגערוימט געוואָרען פֿון די פֿיינד. נאָר אין דער פֿעסטונג אַקראַ נעבען בית המקדש האָבען נאָך גע'בעל־הבת'יוועט די אידישע גריכען מיט מענעלאַאוס'ן און אַ געוויסע מחנה פֿון די פֿריהערדיגע גריכען.

די צוויי גרויסע נצחונות נעבען עמאַאוס און בית צור האָבען איינגאַנצען אומגעענדערט די לאַגע פֿון אידישען פֿאָלק און פֿון לאַנד יהודה. די גרויסע געפֿאַהר פֿון פֿערטיליגונג איז כמעט איינגאַנצען פֿאַריבער. זינט מען האָט אָנגעהויבען אידען צו צווינגען אָבצוזאָגען זיך פֿון זייער רעליגיע און מען האָט מטמא געמאַכט דעם בית המקדש, זענען אַריבערגעלאָפֿען דריי מיט אַ האַלב יאָהר, דאָס הייסט: אַ האַלבע שמיטה, ווי דניאל האָט נבואה געזאָגט. איצט איז געקומען אַ צייט פֿון רוה פֿאַר אידען, דען מען האָט געוואוסט, אַז נישט אַזוי גיך וועט ליזיאַס קומען צוריק קיין ארץ ישראל מיט אַ פֿערגרעסערטער אַרמעע, וויל עס האָט איהם געפֿעהלט געלד דערצו. יהודה המכבי האָט דעריבער געוואָלט אויסניצען די רוהיגע צייט אויף צו פֿערנעהמען צוריק דעם בית המקדש און אָבריינִיגען איהם פֿון דער אַריינגעבראַכטער טומאה. דער אָנבליק פֿון דער הייליגער שטאָדט איז געוועזען זעהר אַ טרויעריגער פֿאַר די קעמפֿפֿער, וועלכע האָבען פֿאַר איהר כבוד זייער בלוט פֿערגאָסען: ירושלים איז געשטאַנען וויסט און כמעט לעדיג פֿון מענשען; די טויערען פֿון בית המקדש זענען געוועזען פֿערברענט, די האַלען צוהאַקט און צובראָכען, איבעראַל זענען דאָרט געוועזען אויפֿגעשטעלט מזבחות פֿאַר דעם אָבגאָט צעאוס, די „אונווירדיגקייט פֿון דער פֿערוויסטונג", און אויך די בילדער פֿון אַנטיוכוס'ן. ווען די הייליגע קעמפֿפֿער האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי זייערע קליידער צעריסען און זיך ביטערליך צעוויינט. לאַנג אָבער האָבען זיי זיך נישט געטאָרט לאָזען בעהערשען פֿון זייערע טרויער־געפֿיהלען, דען זיי האָבען איצט געהאַט פֿאַר זיך אַ הייליגע אויפֿגאַבע: מ'האָט געדאַרפֿט באַלד אָב־

רייניגען דעם בית־המקדש און איהם הייליגען, און מען האט זיך גע־
מוזט צואייַלען, כּדי נישט געשטערט צו ווערען אין דער ארבייט פלוצ־
לונג דורך דעם שונא'ס אָריינק. מען פֿון דאס ביי אין לאנד יהודה. די
ערשטע זאך האבען זיי זיך גענומען פֿערניכטען דאס בילד פֿון צעאוס
און די אלטע אונרייַנע מזבחות, וועלכע מ'האט געדארפט ארויסוואַרפֿען
פֿון דער עזרה. אבער אויך דעם צאָטען אידישען מזבח האבען זיי ארויס־
געטראָגען פֿון דער עזרה און אַוועקגעשטעלט אן א זייט, ווייל נאָכדעם, ווי
מען האט איהם אזוי פֿיעל מאל מטמא געמאכט דורך קרבנות פֿון
חזירים, האט מען נישט געקאָנט מעהר ברענגען אויף איהם קיין הייַ־
ליגע קרבנות צו גאָט. באלד נאָכדעם האט מען אויסגעבויט א נייעם
מזבח; מען האט אויך אויסגעבויט נייע טויערן פֿאר'ן בית המקדש און
בעניַיט איהם ומיט שפּאָגעל נייע כלים: מיט א מנורה, מיט א מזבח
איף קטורת און ומיט א גאָלדענעם טיש פֿאר'ן לחם הפּנים. דריי וואָ־
כען לאנג האט געדויערט די דאזיגע ארבייט. און ענדליך דעם 25־
טען כּסלו (235 פֿאר'ן חורבן) האט מען דעם בית־המקדש ווידער
בעניַיט מיט קרבנות און הלל־זינגען. פּונקט, ווי אין שלמה המלך'ס און
זרובבל'ס צייטען, האט מען איצט ווידער געפֿייערט די „חנכּה“ (בעניַיאונג)
פֿון בית־המקדש מיט תּפלות און מיט גרויס התלהבות און בעגייסטערונג.
דאס איז נישט געווען קיין געוועהנליכער אַקט פֿון פֿרומקייט, דא האט
געווירקט די נאַטירליכע שמחה פֿון א לעבעדיגען, געזונדטען אָרגאַניזם,
וועלכער האט בעוויזען אַבצוּשוּועווען פֿון זיך א גרויסע געפֿאַהר, און ער
האט ווידער דערשפּירט זיינע איגענע כּחות און זיין נאַרט... לעבען.
אבער אויך גרויס איז געווען די שמחה, וואס מען האט ענדליך גע־
קאָנט אַברייניגען צוריק דעם בית המקדש פֿון דער טומאה, וואס מען
האט אין איהם אריינגעבראַכט מיט די העסליכע קרבנות פֿון חזירים.
די דאַמאלסדיגע אידישע שמחה איז געווען א ריינע און א הייליגע, א
נאַטירליכע און נישט קיין געקינסטעלטע. די געדריקטע שטימונג, אין
וועלכער אידען האבען געלעבט אין א משך פֿון דריי און א האלב
יאָהר, איז איצט פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון הארצען; און אנשטאָט
איהר, איז מען פֿול געווען מיט בטחון און האָפֿנונג אויף א ליכטיגע
צוקונפֿט. די חנכּה פֿון בית המקדש איז געווען א נצחון פֿון יודענטום
איבער דעם פֿערפֿיַינערטען גריכישען געצענדיענסט, א נצחון פֿון אידי־
שען גאָט איבער די אָבגעטער. אַכט טעג האט געדויערט די „חנכּה“,
און די לויים האבען יעדען טאָג געזונגען אין בית המקדש „הלל“ אין
חאָר. און די אידישע הייליגע ספרים האבען זיי געפֿונען א רייַכע אויס־
וואהל פֿון תּפלות און לויב־געזאַנגען צו גאָט פֿאר דער איבערגעלעב־
טער ישועה. אין דער חנכּה־פֿייערונג האבען טיילגענומען אלע אידען;
פֿון אלע אידישע שטעדט איז זיך דאס פֿאָלק צוזאַמענגעקומען און
ירושלים מיט פֿרייד און געזאַנג און אין אלע הייזער אין ירושלים האט

מען אנגעצונדען פיעל ליכט, אלס א סימבאל פון דער תורה, וועלכע די אידישע דיכטער בעצייכענען מיט'ן ווארט: „ליכט און ליכטיגקייט“. די ברידער החשמונאים האבען צוזאמען מיט די איבריגע מיטגליעדער פון בית-דין הגדול אנגענומען א ווירכטיגען בעשלוס פאר דער צוקונפט: די אכט טעג פון „חנכה“, אנהויבענדיג פון 25-טען כסלו, האבען פון איצט אן געדארפט יעהרליך געפייערט ווערען מיט הלל און געזאנג צו גאט צום אנדענקען פון דער גרויסער ישועה, וואס ער האט געטהון מיט אידען, יעדעס יאהר דארפען אידען זיך דערמאהנען אן דעם גרויסען נצחון, וואס גאט האט געגעבען א קליינער מחנה איבער א גרויסער, און אן דער נייער הייליגונג פונ'ם בית-המקדש. דעם דאזיגען בעשלוס האבען אידען תמיד הייליג אבגעהיטעט; שוין א משך פון העכער צוויי טויזענד יאהר, ווי אידען צינדען-אן יעהרליך די „חנכה-ליכט“ ביי זיך אין די הייזער אין פערלויף פון די אכט טעג פונ'ם דאזיגען יום-טוב, וועלכען מען רופט „חג האורים“, וואס הייסט: „דער ליכט-יום-טוב“.

ס'פערשטעהט זיך, אז אין בית-המקדש האט מען צוריק איינגעשטעלט די אלטע סדרים און די כהנים און די לויים זיינען צוריקגעשטעלט געווארען אויף זייער ארט, ביי זייער עבודה. נאר יענע כהנים, וועלכע האבען זיך מטמא געווען מיט דער געצענדיענערייי, זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון בית-המקדש און פון דער כהונה. די דאזיגע בעשטראפונג איז געווען געוויס א גערעכטע און א נויטיגע, אבער אין יענער צייט האט עס געבראכט צו שלעכטע רעזולטאטען, וויל עס האט זיך דעריבער אנגעהויבען ביי אידען קנאה, שנאה און מחלוקת. דען וויל די כהנים פון מענעלאוס'עס אנהענגער האבען איינגעזעהען, אז זיי האבען נישט קיין האפנונג שלום צו מאכען מיט די מנהיגים פון אידישען פאלק און זיינע פערטרעטער, האבען זיי זיך נאך מעהר פערטיעפט אין זייער שנאה געגען דער נאציאנאלער פארטיי און האבען פערדאפעלט זייערע פיינדליכע מעשים. אין דער גאנצער צייט, וואס מען האט אבגערייניגט דעם בית-המקדש און געפייערט חנכה, האט יהודה געהאלטען אויסגעשטעלט א מחנה שומרים ארום דעם פעסטונג אקרא, וואו עס זיינען געווען די גריכען מיט זייערע אנהענגער די אידישע גריכען, כדי אכטונג צו געבען, אז זיי זאלען נישט שטערען די ארבייט. ווי נאר ס'האט זיך געענדיגט די ארבייט פון אבהייליגען דעם בית-המקדש, האט יהודה אויסגעבויט א הויכע מויער מיט פעסטע טהורעמס ארום דעם „הר הבית“—דעם בארג, אויף וועלכען דער בית-המקדש איז געשטאנען, כדי דאדורך צו קאנען פערטיידיגען דעם בית-המקדש פון אנ'אנפאל מצד דער העלעניסטישער מחנה פון דער פעסטונג אקרא. אבער דערמיט אליין האט יהודה זיך נישט בעגנוגענט; ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז, פריהער אדער שפעטער, וועט אידען ווידער אויסקומען צו פערטיידיגען זיך געגען די אויסערליכע פיינד, און דעריבער האט ער בעפעסטיגט פיעל ערטער אויף

דער גרעניץ פון לאנד יהודה, כדי דאדורך שווער צו מאכען פאר'ן פיינד דאס אריינקומען אין לאנד יהודה. די שטאדט בית צור, פון וואנען ליזיאס האט געוואלט אריינקומען אין לאנד יהודה, האט ער אויך געלאזט בעפעסטיגען. די דאזיגע שטאדט האט געדארפט דיענען פאר א פערטיידיגונגס־פונקט געגען די אדומים, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו בעאונרוהיגען אידען.

דער אידישער נצחון איבער דער סירישער ארמעע האט שטארק דערוועקט די שנאה צו אידען ביי די ארומיגע פעלקער. צי איז דאס געווען דערפאר, וואס זיי האבען מקנא געווען, פארוואס די אידען איז געלונגען צו בעפרייען זיך פון אנטיוכוס'עס יאך, אדער דערפאר, וואס זיי האבען מורא געהאט, אז אידען איצט ווערלען ווענדען זיך געגען זיי אויך און ווערלען מיט זיי פיהרען מלחמה,—ווי דארט איז נישט געווען, נאר דעם כעס האבען די פעלקער אויסגעלאזען צו יענע אידען, וועלכע זענען אנטלאפען פון ארץ־ישראל אין דער צייט פון די רדיפות מצד אנטיוכוס'ן און האבען זיך בעזעצט אין די שכניש'ע לענדער. די פלשתים אין דרום־זייט, די פעניקיער — אין צפון־מערב זייט, די עמונים—אויף יענער זייט ירדן, די סירער און מאקעדאניער איבעראל אין אלע שכנ'ישע לענדער האבען אנגעהויבען ארויסווייזען א שטארקע פיינדשאפט געגען אידען; אמשטארקסטען אבער האבען ארויסגעוויזען זייער פיינדשאפט, ווי עס שיינט, די אדומים אין דרום־קאנט.

ווי אין דער צייט, ווען נבוכדנצר האט פערוויסטעט דאס אידישע לאנד, אזוי אויך אין אנטיוכוס'עס צייטען, האבען די אדומים געטראכט אידען שאדען, וואו נאר זיי האבען געפונען די געלעגענהייט. זיי פלעגען אבווארטען די ענטלאפענע אידען פון ארץ־ישראל און, איבערהאפענדיג זיי, פלעגען זיי ארויסגעבען די אידען צוריק אנטיוכוס'עס בעאמטע, אדער זיי פלעגען אליין די אומגליקליכע דער'הרג'ענען. ס'איז געווען דעריבער העכסט וויכטיג צו מאכען זיי אונשעדליך פאר אידען. צוליעב דעם, וואס ציים לאנד אדום איז פון יהודה געווען נישט ווייט, האט יהודה אונטערגענומען א מלחמה געגען די דאזיגע זיהן פון עשו, וועלכע האבען זיך בעזעצט הארט ביי דער אידישער גרעניץ און טיילווייז אויך אין זייער לאנד. יהודה האט בעלאגערט די פעסטונג „מעלה עקרבים“ און געבראכט די דארטיגע איינוואהנער א שטארקע מפלה, דאדורך האט ער געצוואונגען די אדומים צו פערלאזען דאס אידישע לאנד. נאכדעם איז יהודה אריבער דעם ירדן און אנגעפאלען אויפ'ן פאלק עמון. דארט האט ער זיך בעגעגנט מיט א רעגולירער ארמעע פון די עמונים אונטער דעם סירישען היפטמאן טימאטהעאס, וועלכער איז געווען א פערביסענער פיינד פון אידען. אויך דא האט יהודה אבגעהאלטען גרויסע נצחונות און אבגענומען צוריק אלע אלטע אידישע שטעדט. איצט האט מען שוין איבעראל געלאזט צורוה די אידען, וויל מען האט געהאט גרוים אבשיי און

מורא פאַר די אידישע גבורים, וועלכע האָבען שטאַרק בעשטראָפט פאַר יעדער בעליידיגונג.

אָבער ווי נאָר די אידישע מחנות האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים, זענען דאָרט ווידער דערהאַלטען געוואָרען ידיעות פון לאַנד גלעד און בשן, אַז די דאָרטיגע פעלקער רודפ'ן שטאַרק אידען. ווי פאַרצייטען, ווען די דאָרטיגע אידען האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף צו שאול'ן, אַזוי האָבען זיי זיך אויך איצט געווענדעט צו יהודה המכבי און געקלאָגט זיך, אַז די פעלקער ווילען זיי אינגאַנצען פערטיליגען. זיי האָבען מודיע געווען אויך, אַז אין'ם לאַנד „טאָביען" (ארץ טוב) זענען די פיינד אנגעפאַלען אויף אידען און אויסגעהרג'עט פון זיי טויזענד נפשות. די פרויען און קינדער האָבען זיי אַוועקגעפיהרט געפאַנגען אויף צו פערקויפען פאַר קנעכט, און זייער פערמעגען האָבען זיי צוריבט. באַלד נאָכדעם זענען געקומען אידישע שלוחים פון גליל מיט צוריסענע קליידער און אש אויפ'ן קאָפ. און די בריעף, וואָס זיי האָבען געבראַכט, האָט מען פאַר יהודה'ן בעקלאָגט זיך, אַז די איינוואָהנער פון עכו, צור און צידון דראָהען דאָרט אַלע אידען אויסצוהרג'ענען. די אידען האָבען דעריבער געבעטען יהודה'ן, אַז ער זאָל קומען מיט זיין מחנה זיי צו העלפען. יהודה האָט איצט נישט געדאַרפט, ווי פאַרצייטען שאול, שיקען זאָגען אַלע שבטים, אַז די, וועלכע זענען פעהיג צו קעמפפען, זאָלען זיך צו איהם פערזאַמלען; יהודה האָט געהאַט די אידישע מחנות אַרום זיך, און זיי זענען געגאַנגען מיט איהם מיט פרייד און מיט'ן בעסטען ווילען, וואוהין ער וועט זיי פיהרען. יעדער איד, וואָס האָט נאָר געקאָנט האַלטען אַ שווערד אין האַנד, איז געקומען אַליין צו יהודה'ן. יהודה האָט דאַן צוטיילט זיין מחנה: איין טייל האָט ער געגעבען זיין ברודער שמעון, צו געהן העלפען די אידען אין גליל; ער אַליין מיט זיין ברודער יונתן זענען אריבערגעגאַנגען דעם ירדן, צו געהן אין לאַנד גלעד. און די איבריגע מחנות האָט ער געלאָזען שטעהן אין לאַנד יהודה אונטער די הויפט־לייט **יוסף בן זכריה און עזריה**, צו היטען די אידישע גרענעצען פון'ם לאַנד פלשתים, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטען גאָרגיאַס, דערביי האָט ער זיי בעפויהלען, אַז זיי זאָלען זיך היטען אַנצופאַלען אויף די פעלקער, איידער ער וועט קומען צוריק. שמעון השמונאי האָט אויסגעפיהרט זיין אויפגאַבע געשווינד און גליקליך: די פיינדליכע מחנות, וועלכע ער האָט בעגעגענט, האָט ער באַלד צושלאָגען מיט זיין מוטיגען און שוין גוט געאיבטען אידישען חיל. צוערשט האָט ער מלחמה געהאַלטען אויף עכו, און האָט די איינוואָהנער דאָרט אַזוי איינגעשראָקען דורך זיינע נצחונות, אַז אין די אַרומיגע שטעדט האָט מען שוין נישט געוואָגט צו שטעלען זיך געגען איהם. דאַן איז ער דורכגעגאַנגען אין פיעל שטעדט און איבעראַל געצוואונגען די איינוואָהנער צו בעציהען זיך מיט אַכטונג צו

אידען. ארום דעם ים כנרת האָט ער איינגעזעהען, אַז עס איז נישט פֿאַר־האַן קיין האָפֿנונג, דאָס די אידען זאָלען דאָרט קאָנען לאַנג לעבען רוהיג. דעריבער האָט ער גענומען אַלע דאָרטיגע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, ווי אויך מיט זייער פֿערמעגען, און אריבערגעפֿיהרט זיי אין לאַנד יהודה, כדי זיי זאָלען לעבען צוזאַמען מיט די איבריגע אידען און נישט ברויכען מעהר צו ציטערען פֿאַר זייער לעבען

פֿיעל שווערערע מלחמות האָט געהאַט שמעון'ס ברודער, יהודה המכבי אַליין, אין לאַנד גלעד. ווי אין די אַלטע צייטען, זענען דאָ געווען פֿעסטונגען אויף די הויכע בערג, און מען האָט זיי געמוזט איינגעהמען. אויף זיין וועג האָט יהודה זיך ווידער בעגעגענט מיט'ן עקשנות'דיגען אידישען פֿיינד, טימאָטהעאָס, אָבער יהודה האָט מנצח געווען אַלע זיינע פֿיינד און איהם אויך; ער האָט אויך איינגענומען פֿיעל פֿעסטונגען און צושטערט זייערע מויערן, מאַכענדיג אונשעדליך פֿאַר אידען זייערע איינוואָהנער. פֿיעל אידען, וועלכע מען האָט געהאַלטען איינגעשלאָסען אין דער פֿעסטונג דימון, האָט ער בעפֿרייט. יהודה האָט פֿערזאַמעלט דערנאָך אַלע אידען פֿון גלעד, קליין און גרויס, מיט זייערע ווייבער און קינדער און פֿערמע־גען, כדי אריבערצופֿיהרען זיי דעם ירדן און ברענגען אין לאַנד יהודה. אַ קורצע צייט פֿאַר שבועות איז יהודה געקומען צוריק קיין ירושלים מיט די פֿיעל אידען, וועלכע ער האָט געבראַכט פֿון לאַנד גלעד (234 פֿאַר'ן חורבן). פֿון אַלע אידישע שטעדט איז די אידישע בעפֿעלקערונג ארויסגע־קומען, כדי מקבל פנים צו זיין דעם אידישען גבור און פֿייערען מיט איהם צוזאַמען דעם יום־טוב מיט „הלל“ און געזאַנג, און אין היכל פֿון בית־המקדש האָבען זיך פֿונאַנדערגעגאָסען די קלאַנגען פֿונ'ם לויב־געזאַנג „מן המצר“.

באַלד נאָך דעם יום־טוב שבועות איז יהודה ווידער ארויסגעטראָ־טען מיט זיין מחנה אין מלחמה. איצט איז ער געגאַנגען געגען גאָרגיאַס, דעם סירישען הויפּטמאַן, וועלכער האָט אָנגעטהון פֿיעל שאָדען אידען. דען אין דער צייט, וואָס יהודה איז געווען אין לאַנד גלעד, האָבען די אידישע צוויי הויפּטלייט, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזען אין יהודה צו היטען די גרעניצען, נישט געפֿאָלגט זיין פֿערבאָט און אונטערגענומען אַ מלחמה אויף יבנה, וואו גאָרגיאַס איז געשטאַנען מיט זיין מחנה. די אי־דישע הויפּטלייט זענען אָבער צוקלאַפּט געוואָרען און זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען צוריק ביז די בערג פֿון יהודה. גאָרגיאַס האָט דאַן אריבער־געטראָגען זיין לאַגער אין יענע שטעדט, וועלכע אֶדום האָט מיט אַ צייט פֿריהער פֿערנומען ביי אידען אין לאַנד יהודה. צוליעב דעם, וואָס גאָר־גיאַס האָט דאָרט געקאָנט ווערען געפֿעהרליך פֿאַר'ן גאַנצען לאַנד, האָט יהודה המכבי באַלד אונטערגענומען אַ מלחמה געגען גאָרגיאַס, כדי ארויס־צוטרייבען איהם פֿון אידישען לאַנד. יהודה האָט אויך דאָ געהאַט אַ

פאָלקאָמען ערפאָלג. די שטעדט, וועלכע אֶדום האָט אַ מאָל צוגענומען בײ־
אידען, האָט ער איצט אָבגענומען צוריק, צווישען זײ, אויך די אַלטע
הויפּט־שטאָדט פון שבט יהודה, חברון. די דאָרטיגע פעסטונגען, די
טהורעמס און די טעמפּלען פאַר די געצען האָט יהודה פערניכטעט. גאָר־
גיאָס האָט זיך געמוזט ארויסציהען פון יבנה, יהודה האָט איהם
אָבער פערפאָלגט אויך ווײטער, חאָטש קײן פאָלקאָמענעם נצחון האָט ער
איבער איהם נישט אָבגעהאַלטען. אין אַלע דאָזיגע מלחמות פון יהודה
המכבי האָבען אויך אַנטײל גענומען די אידען, וועלכע ער האָט געבראַכט
פון לאַנד גלעד, און זײ האָבען אַרויסגעוויזען אַ גרויסע גבורה. פון יבנה
איז יהודה מיט זײן מחנה אָבגעגאַנגען צו דער שטאָדט אַשדוד, וואָס אין
לאַנד פלשתים. דאָרט, ווי עס שײנט, האָט די בעפעלקערונג זיך איהם
אונטערגעגעבען. קײן שלעכטס האָט יהודה דאָרט קײנעם נישט געטהון,
נאָר ער האָט צושטויסען די מזבחות פון די אָבגעטער און פערברענט די
אָבגעטער. ווי עס שײנט, האָט יהודה אויך שטרענג בעשטראָפט די יונים
אָרום יפו, וועלכע האָבען אָבגעטהון אַ געוואַלדיגע נבלה: זײ האָבען
אײנגעשמועסט עטליכע הונדערט אידען מיט זײערע ווײבער און קינדער
צו פאָהרען מיט זײ אויפ'ן ים, און ווען זײ זענען אָבגעפאָהרען ווײט פון
ברעג, האָבען זײ געלעכערט דעם דעק פון די שיפען און דערטרונקען
די אידען, וועלכע האָבען מיט זײ געלעבט פריהער גאַנץ פרײנדליך. יהודה
האָט דעריבער געהײסען אונטערצינדען אַלע געבײדעס אין פּאָרט און
פערברענט אויך אַלע גריכישע שיפען. די גריכען, וועלכע ער האָט דאָרט
געפונען, האָט ער אויסגעהרג'עט. אויך מיט די אײנוואָהנער פון יבנה,
וועלכע האָבען געוואָלט טהון אידען שלעכטס, האָט ער זיך אַזוי בעגאַנגען.

אין דער צײט, וואָס יהודה האָט אַזוי אַרום ערצויגען דאָס אידישע
פאָלק און, אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָבען זײ געוואוסט נאָר צו בע־
האַלטען זיך אין הײהלען און עטלויפען פאַר'ן פײנד, און אין בעסטען
פאַל זענען זײ געווען גרײט צו שטאַרבען אויף קדוש־השם, האָט יהודה
פון זײ געמאַכט גבורים, וועלכע זענען געוואָרען שרעקליך פאַר זײערע
פײנד און האָבען שוין געקאָנט איצט רוהיג קוקען אויף דער צוקונפט, —
אָט אין דער גאַנצער צײט האָט דער קעניגליכער הויף אין אַנטיאָכיען
זיך פערהאַלטען גאַנץ רוהיג און נישט אַרויסגעוויזען אין דער בעציהונג
צו אידען קײן סימן פון לעבען, אַזוי ווי אַלע מעשים פון יהודה וואָלטען
איהם גאָרנישט נוגע געווען. וואָס איז געווען די סבה, וואָס ליזיאָס, דער
דערווײליגער רעגירער איבער סיריען, האָט געקוקט אַזוי קאַלטבלוטיג אויף
אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יהודה? צי האָט איהם אויסגעפעהלט
געלד, צו דינגען סאָלדאַטען? צי האָט ער טאַקי אפשר באמת מורא גע־
האָט פאַר'ן אידישען גבור יהודה? ווי עס דערצעהלט אַ דאַמאָלסדיגער
היסטאָריקער, האָט אײנער פון די הויכע שרים אין סירישען הויף, פּטאָ־
לאָמעאוס מאַקראָן, אַנגעוויזען אין קעניגליכען הויף, אַז מען קאָן גאָר־

נישט די אידען שאַרף בעשולדיגען, דען נישט קיין אויפשטאַנד האָבען זיי געמאַכט געגען סיריען, נאָר פערטיידיגען האָבען זיי געוואָלט זיך און זייער רעליגיע, וואָס מען האָט זיי געצוואונגען פאַלש צו ווערען געגען דעם גאָט פון זייערע עלטערען.

גאָר אונערוואַרטעט זענען אין יענער צייט דערהאַלטען געוואָרען העכסט וויכטיגע ידיעות פון עק אזיען וועגען אַנטיוכוס עפיפאַנעס. נאָכדעם ווי ער האָט געצוואונגען דעם אויפגעשטאַנענעם שטאַטהאַלטער אין אַרמעניען אַרטאַקסיאַס, אַז ער זאָל איהם צוריק ווערען אונטערטעניג, איז ער אַוועקגעגאַנגען קיין פּאַרטהיען איינצונעהמען דאָס לאַנד פון דאָס נייע. נאָכדעם, ווי עס איז פון איהם אָבגעפאַלען, אָבער דאָרט האָט ער גאָר נישט געקאָנט אויפטהון, דען ער האָט נישט געקאָנט אָבהאַלטען קיין גרויסען נצחון איבער דעם אויפגעשטאַנענעם פאָלק. זיין קאַסע איז שוין איצט אויך געווען גאָר לעדיג, און קיין געלד האָט ער נישט געהאַט פון וואַנען צו נעהמען. אַנטיוכוס האָט זיך דעריבער ווידער געפרובט לאָזען בערויבען אַ טעמפּעל, און אויסגעקליבען האָט ער דערויף דעם גרויסען טעמפּעל אין עילם פון דער געטין אַנאַאיטיס, דען אין'ם דאָזיגען טעמפּעל זענען געווען גרויסע אוצרות גאָלד, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמעלט אין אַ משך פון כמה דורות. אָבער ווען אַנטיוכוס האָט געוואָלט מאַכען די גזלה אין טעמפּעל, איז דאָס פאָלק אויף איהם אָנגעפאַלען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט געמוזט אָבזאָגען זיך פון זיין פּלאַן און האָט אָבגעצויגען צוריק מיט גרויסע בזיונות. פון גרויס עגמת־נפש איז ער קראַנק געוואָרען אויף אַ שווערער קרענק און געשטאָרבען אין שגעון (164 פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג). ווי אַנטיוכוס האָט געלעבט מיט שגעון, אַזוי איז ער אויך געשטאָרבען אין שגעון; אפילו שוין גאָר פאַר זיין טויט האָט ער אָבגעטהון אַן'אמת'ען שגעון, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען פיעל אונגליק זיין לאַנד. דען ער האָט בעשטימט איינעם פון זיינע שרים פיליפּאָס פאַר אַ רעגענט און פאַר אַן'אַפּיעקון איבער זיין יונגען זוהן אַנטיוכוס דעם פינפטען, חאָטש ער האָט שוין די דאָזיגע ממשלה אָנגעטרויט, נאָך פאַר זיין אָבפאָהרען פון דערהיים, ליזיאַס'ען און געגעבען איהם אויך אַן'אונבעגרענעצטע מאַכט איבער דער מלוכה. ס'פערשטעהט זיך, אַז דורך אַזאַ שריט האָט אַנטיוכוס אַליין אַריינגעבראַכט די מחלוקת אין דער מלוכה, ווי אויך אַ פיינדשאַפט צווישען די שרים, וועלכע האָט געמוזט פיהרען צו אַ בירגער־קריעג און צום אונטערגאַנג פון דער מלוכה. די נבואה פון דניאל, אַז „דער קליינער האָרן"—דער גאָטעס־לעסטערער אַנטיוכוס—וועט צובראַכען ווערען נישט דורך דער האַנד פון אַ מענשען, די דאָזיגע נבואה איז אינגאַנצען מקוים געוואָרען. די מפּלות, וואָס עס האָבען געהאַט די מחנות פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס פאַר'ן אידישען העלד יהודה המכבי, ווי אויך זיין טויט אונטער

וואונדערליכע אומשטענדען—איז געוועזען די התחלה פונ'ם אונטערגאנג פון דער סיריש־מאקעדאנישער מלוכה, אדער די פירטע מלוכה, ווי דניאל רופט זי אן.

אנטיוכוס'עס טויט האט פערשטארקט די האפנונג אין לאנד יהודה, אז די דערוואַרטעטע מנוחה זאל זיך פערציהען עטוואס לענגער. דער רעגענט, ליזיאס, איז איצט געווארען דער פאקטישער בעל־הבית איבער דער סירישער מלוכה און אפיעקין איבער'ן יונגען פרינץ, אנטיוכוס'עס זוהן; ער האט אבער געלעבט אין איין ציטערניש פאר דער צוקונפט, דען ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער נייער רעגענט און אפיעקין, וועלכען אנטיוכוס האט בעשטימט, וועט געוויס באלד קומען און פאדערען די ממשלה פאר זיך. ס'פערשטעהט זיך, אז ביי אזא בעדינגונג האט ליזיאס געהאט פיעל גרעסערע דאגות, ווי די געשעהענישען אין לאנד יהודה, און דעריבער האט ער זיך געמאכט, ווי נישט וויסענדיג, וואס דארט קומט פאר.

אויב אבער יהודה המכבי האט שוין איצט געקאנט זיין רוהיג אויף א געוויסע צייט מצד דעם מלכות פון סיריען, האט ער דאן געמוזט צוזעהען, ווי אין אידישען לאנד גופא איז די לאגע נאך זעהר א טרויעריגע. אין ירושלים, נעמליך, זענען נאך געוועזען צווי בעפעסטיגטע ערטער, פון וועלכע די פיינדליכע פארטייען האבען געקעמפפט איינע מיט דער אנדערער, פערשפרייטענדיג ארום זיך טויט און צושטערונג. אין דער פעסטונג אקרא, אדער אין דער „בירה“ זענען נאך אלץ געזעסען די אידישע גריכען מיט זייער „כהן־גדול“ מענעלאאוס און דער מאקעדאנישער מחנה, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו פיהרען זייער קאמפף געגען די נאציאנאלע אידען און געגען די פרומע, וועלכע זענען געטריי דער תורה. פון דער אנדערער זייט ווידער זענען געשטאנען די חשמונאים, וועלכע האבען געוואלט זיי ארויסשטויסען פון דארט, אדער ווענינגסטענס מאכען זיי אונגעפעהרליך. ווי שוין דערמאהנט, האט יהודה המכבי ארומגערינגעלט דעם בית־המקדש מיט'ן הר הבית, דאס הייסט, מיט'ן בארג, אויף וועלכען ער איז געשטאנען, מיט א הויכער פעסטער מויער און טהורעמס, כדי צו פערטיידיגען דעם בית־המקדש פון דער פעסטונג אקרא. אבער ווי לאנג האט געזאלט דויערן דער דאזיגער קריעג צווישען צווי מחנות, וועלכע שטעהען אזוי נאהנט איינע נעבען דער אנדערער? יהודה המכבי האט איינגעזעהען, אז כל־זמן אין צענטר פון לאנד, אין דער הויפט־שטאדט, וועלען זיצען שונאים אין א פעסטונג, וועט אין לאנד קיין רוהע נישט זיין, און דעריבער האט ער בעשלאסען צו בעלאגערען די פעסטונג און נעהמען זי אין שטורם. די בעלאגערונג האט יהודה אנגעהויבען פיהרען מיט זיינע לייט אין א גאנץ גרויסען מאסשטאב: ער האט געלאזען אנשיטען הויכע בערג ארום דער פעסטונג און אויפגעשטעלט אויף זיי שליידער־מאשינעס, כדי צו שליידערען שווערע שטיינער

אויף די ווענד פון דער פעסטונג און צוברעכען זי. און דער דאזיגער שווערער לאגע האבען איינינע אידישע גריכען פון די בעלאגערטע דורכגעריסען זיך דורך דער בעלאגערונג, כדי צו געהן צום יונגען קעניג אנטיוכוס איפּאטאר, אדער צו ליזיאס'ען, בעקלאגען זיך און בעטען הילף. זיי האבען אנגעוויזען אויפּאטאר'ן, אדער זיין אפּיעקון, אז אויב די חשמונאים וועלען בעקומען אין זייער מאכט אויך די פעסטונג אקרא, וועט שוין איינגענצען נעהמען א סוף מיט דער הערשונג פון די מאקעדאניער איבער אידען; דען מען וועט זיי שוין מעהר נישט קאנען איינגעהמען. אויף דער דאזיגער ביטע פון די אידישע גריכען האט מען אין סירישען קעניגליכען הויף בעשלאסען, אז מען זאל ארויסטרעטען מיט א גרויסער ארמעע געגען יהודה און שטרענג בעשטראפען די אויפגעשטאנענע חשמונאים מיט זייערע מחנות. דער סירער, פטאלאמעאוס מאקראן, האט אפילו ווידער געפרובט טענה'ן פאר אידען, פערענטפערענדיג זיי, אז זיי האבען געמאכט דעם אויפשטאנד, נישט כדי אבצופאלען פון דער סירישער מלוכה, נאר כדי צו פערטיידיגען זיך געגען אונגערעכטע פארדערונגען, און דעריבער דארף מען זיך מיט זיי בעגעהן בעסער מיט גוטען, אבער די דאזיגע טענות האט מען אין אנטיאכישען הויף נישט אבגענומען. אזוי ארום האט ווידער אויפגעפלאקערט די מלחמה (232 פאר'ן חורבן). פאר די אידען איז דאס געווען נישט קיין גינסטיגע צייט, דען עס איז געווען גראדע א שמיטה־יאהר, און די אידען האבען שוין דאמאלס זעהר שטרענג אבגעהיט די דינים פון שמיטה, לויט דער תורה שבעל פה: א גאנץ יאהר האט מען די פעלדער נישט בעארבייט, נאר מען האט זיך געשפייזט פון די געבליעבענע תבואה פון פאריגען יאהר, פון די פרוכטען פון די בוימער און פונ'ם נאטירליכען אבוואוקס פון די פעלדער. עסענוואג איז געווען זעהר ווייניג, און מען האט נישט געקאנט אנגרייטען קיין זאפאס פאר די קעמפפער און די פעסטונגען אויף א לענגערע צייט, כדי זיי זאלען קאנען אויסהאלטען א בעלאגערונג. מען האט אויך נישט געקאנט מאכען אפילו קיין זאפאס פאר דער הויפט־שטאדט.

ליזיאס איז ווידער געקומען מיט א גרויסער מחנה און אויף דעם זעלביגען וועג, ווי פריהער, כדי אריינצוקומען פון דרום־זייט אין צענטער פון לאנד יהודה. מיט דער מחנה איז אויך געגאנגען דער יונגער קעניג אנטיוכוס אויפּאטאר, און אויך פיעל העלפאנטען האט מען געבראכט, כדי איינצושרעקען די אידישע קעמפפער, און דערצו זעהר פיעל פערשיעדענע געוועהר. יהודה המכבי האט געקאנט ארויסשטעלען אין קאמפף נאר עטליכע טויזענד קעמפפער, ווייל ער האט געמוזט איבערלאזען א שמירה פון מחנות ארום דעם בית המקדש און דער פעסטונג אקרא, און אויך אין דער פעסטונג בית־צור האט ער געמוזט פיעל קעמפפער איבערלאזען, דען די דאזיגע פעסטונג האט געדארפט אב-

האלטען דעם פיינד, אז ער זאל נישט קאנען אריינקומען אין לאנד אין
צוגעהן צו ירושלים. די אידען אין בית־צור האבען טאקי געקעמפפט
מיט גרויס גבורה און זענען אויך פיעל מאל ארויסגעקומען פון דער
פעסטונג, כדי אונטערצוצינדען די בעלאגערונגס־מאשינען פונ'ם פיינד.
אבער גאנץ לאנג האבען זיי זיך נישט געקאנט האלטען, ווייל אין דער
פעסטונג איז נישט געווען אנגעגרייט קיין פראוויאנט; א געוויסע צייט
האט מען זיי צוגעפיהרט פראוויאנט אויף געהיימע וועגען, אבער דער
פעררעטער, דער איד ראדאקאס, האט ענטדעקט דעם פיינד דעם געהיי
מען וועג. ווען די בעלאגערטע האבען דערזעהען, אז זיי וועלען מעהר
קיין פראוויאנט נישט בעקומען און זיי האבען אנגעהויבען ליידען הונ
גער, האבען זיי געשיקט זאגען די בעלאגערער, דאס זיי וועלען די פעס
טונג איבערגעבען, נאר מיט דער בעדינגונג, אז מען זאל זיי ארויסלא
זען פריי. די בעדינגונג איז אנגענומען געווארען, די פעסטונג איז אי
בערגעגאנגען צו די סיריער, און איצט איז שוין געשטאנען פאר זיי
פריי דער וועג צו ירושלים. יהודה האט שוין איצט געמוזט ארויסטרע
טען ענטקעגען דער גרויסער ארמעע מיט זיין קלייגער מחנה, נעבען
„בית זכריה“. נישט ווייט פון בית צור האבען אידען ווידער בע
וויזען וואונדערליכע גבורות. איינער פון די ברידער־חשמונאים אלעזר
החורני איז ארונטערגעקראכען אונטער א שטארק־פערפוצטען העלפאנט
און האט איהם דער'הרג'עט, מיינענדיג, אז אויף איהם זיצט דער קעניג.
דער דער'הרג'עטער העלפאנט האט מיט זיין משא דערשטיקט דעם אי
דישען גבור. נישט קוקענדיג אויף דער אידישער גבורה, האבען דאך
מנצח געווען די סיריער, ווייל זייער צאהל איז געווען לאין ערך גרע
סער פאר דער אידישער. יהודה המכבי האט מיט זיין חיל זיך צוריק
געצויגען קיין ירושלים, וואו ער האט זיך בעפעסטיגט אין דער פעס
טונג פון בית המקדש. באלד איז אויך אונטערגעקומען מיט זיין גרוי
סער ארמעע ליזיאס און האט אונטערגענומען א רעגעלמעסיגע בעלא
גערונג אויפ'ן בית המקדש. יהודה'ן האט אפילו קיין געוועהר נישט גע
פעהלט און ער האט אויך איינגעארדענט שלײדער־מאשינען, כדי צו
ווארפען שטיינער אויפ'ן פיינד, אבער, ווייל די בעלאגערונג האט זיך
פערצויגען לאנג און צוליעב דעם שמיטה־יאהר, האט מען זיך אויך
דא נישט געקאנט פערזארגען מיט פראוויאנט, האט זיך פאר די קעמפ
פער באלד אנגעהויבען א הונגער, וועלכער האט געצוואונגען די קעמפ
פער צו געהען זוכען עסענווארג, און אזוי ארום האבען זיי בּיסלעכווייז
אנגעהויבען ארויסצוגעהען פונ'ם בעלאגערטען בית המקדש דורך געהיי
מע גאנגען און האבען זיך צעשפרייט אין לאנד. די צאהל פון די אידי
שע קעמפפער האט אנגעהויבען ווערען ווייניגער פון טאג צו טאג. נאר
יהודה המכבי מיט זיינע ברידער און א קלײנער טייל פון זייערע געטרייע
לייט האבען זיך געהאלטען פעסט, אפילו אויך געגען דעם הונגער.

ירושלים, אדער פילמעהר, דער בית־המקדש, האט געהאלטען ביי'ם פאלען, צוליעב דעם, וואס עס האט פערפעהלט עסענווארג, פונקט, ווי דאס איז פארגעקומען אין דער צייט פון נבוכדנצר'ן. דער בית המקדש האט אפשר צום צווייטען מאל געזאלט חרוב ווערען. אבער דא איז פאר איהם געקומען די ישועה גאר פון אנ'אונערווארטעטער זייט.

יענער פיליפאס, וועלכען דער שטארבענדער האלב־משוגע'נער אנטיוכוס האט בעשטימט פאר א רעגענט און אנ'אפיעקון איבער דער מלוכה און זיין זוהן, כל־זמן ער וועט נאך יונג זיין, האט נאך דעם טויט פון אנטיוכוס אנגעזאמעלט אנ'ארמעע אין מדי און פרס און זיך געלאזט געהן אויף אנטיאכיען, כדי ארויסצורייסען ביי ליזיאס די הערשאפט. ווי נאר ליזיאס האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער באלד איינגעזעהן, אז ער מוז אבפיהרען זיין ארמעע פון ירושלים, כדי צו פערטיידיגען זיך געגען פיליפאס. ער האט דעריבער איבערגערעדט דעם יונגען קעניג צו שליסען שלום מיט די אידען. אזוי ארום איז עס ענדליך נאך פיעל מלחמות געקומען צו א שלום צווישען די אידען און דער סירישער מלוכה. די הויפט־בעדינגונג פונ'ם שלום איז געווען, אז אידען בעקומען פאלקאמע רעליגיאנס־פרייהייט און די פעסטונג פון בית המקדש דארף בלייבען גאנץ. דער קעניג און זיין אפיעקון האבען געשווארען צו האלטען געטריי דעם אבמאך, און דאן האט מען זיי געעפענט די טויערען פון דער עזרה. אין בית המקדש גופא האבען זיי נישט געדארפט אריינקומען. אבער ווי נאר זיי זענען אין דער עזרה אריינגעקומען, האבען זיי זייער שבועה געבראכען און געגעבען א בעפעהל זייערע סאלדאטען, צו צוברעכען די מויערן און די טהורעמס. ווייטער אבער האבען זיי דעם בית המקדש קיין שאדען נישט געבראכט און מטמא געווען האבען זיי איהם אויך נישט. ליזיאס האט זיך געאיילט צו געהן גיכער קיין אנטיאכיען, וועלכע זיין פיינד פיליפאס האט שוין פערנומען, און האט זיך דעריבער געשווינד צוריקגעצויגען מיט זיין ארמעע. די פיעל מלחמות פון די חשמונאים האבען דאך אלזא געבראכט צו א גינסטיגען רעזולטאט: אידען האבען זיך אויסגעקעמפפט די מעגליכקייט צו דיענען זייער גאט אהן קיין שום שטערונג מן הצד, און קיינער איז מעהר נישט געוועזען געצוואונגען צו דיענען דעם אבגאט צעאוס. אבער נאך א צווייטען ערפאלג האבען געהאט די מלחמות: דער סירישער קעניגליכער הויף האט זיך אבגעזאגט צו בעשיצען מעהר די אידישע גריכען, און זיי האבען געמוזט פערלאזען די פעסטונג אקרא, און דאמאלס האט אויך בעקומען ענדליך זיין גערעכטע און כשר־פערדיענטע בעשטראפונג דער פעררעטער מענעלאאוס, וועלכער איז געוועזען דער הויפט־שולדיגער אין אלע אונגליקען, וואס זענען געקומען אויף אידען, ווי אויך פון אלע מלחמות און בלוט־פערגיסונגען. ליזיאס האט ענטדעקט דעם יונגען קעניג, אז אינ'ם אויפשטאנד איז שולדיג נאר מענעלאאוס, און דער קעניג האט

איהם געלאָזט בעשטראָפֿען מיט'ן טויט אין בארעא (אלעפּא). אזוי ארום האָט געענדיגט אויף א שענדליכען אופן זיין לעבען דער מענש, וועלכער האָט אין א משך פֿון צעהען יאָהר פֿערשמוצט און פֿערשוועכט די כהונה גדולה מיט זיינע אונווירדיגע מעשים און געבראַכט אויף אידען שרעקליכע אונגליקען.

נאָכ'ן שליסען דעם שלום צווישען דער סירישער מלוכה מיט'ן אידישען פֿאָלק, איז אין לאַנד יהודה צוריקגעשטעלט געוואָרען די פֿאָלקאָמע רוהיגקייט, און דאָס לעבען האָט זיך געקאָנט געהן, לויט דער אַלטער אָרדנונג. אין בית המקדש האָט מען שוין איצט אויף שטענדיג איינגעפֿיהרט די געזעצליכע אָרדנונג, לויט די געשריבענע און איבערגעגעבענע אידישע געזעצען. מען האָט דעריבער געדאַרפֿט ווידער בעשטימען א כהן גדול. ווער פֿון אלע כהנים איז אָבער מעהר ווערט געוועזען צו טראָגען די קרוין פֿון כהן־גדול, ווי יהודה המכבי? לויט'ן אלטען אידישען מנהג, וועלכען מען האָט כמעט אָבגעהיט, ווי א דין, פֿלעגט די כהונה גדולה איבערגעהן בירושה פֿון פֿאָטער צום זוהן. אָבער דער זוהן פֿונ'ם לעצטען כהן גדול חוניו דעם דריטען, וועלכען מען האָט דער'הרג'עט נעבען אנטיאָכיען, איז געוועזען אין מצרים, און ווען קיין יורש פֿון דער כהונה גדולה איז נישט געוועזען, האָט געדאַרפֿט זיין כהן גדול דער מלחמה־געזאַלבטער. אַזעלכער איז, נאַטירליך, געוועזען יהודה המכבי, און ער האָט די כהונה־גדולה טאַקי אויך אָנגענומען און אָבגעהיט שטרענג די געזעצען פֿון דער אידישער תורה, סיי פֿון דער געשריבענער, סיי פֿון דער איבערגעגעבענער בעל פה.

אין דער פֿריעדענס־צייט האָט דער אידישער קעמפֿער געקאָנט זיך ענדליך שיידען מיט זיין געווער. דער לאַנד־ארבייטער האָט זיך גענומען בעאַרבייטען דאָס לאַנד און די געלעהרטע, אָדער די סופרים און חכמים, האָבען זיך גענומען לערנען תורה און פֿערטיעפֿען זיך אין איהר, כדי צו קאָנען רעכט און ריכטיג זי צו ערקלערען. די וואונדען, וועלכע די אידישע מדינה האָט בעקומען, האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויסצוהיילען זיך, דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבען שטאַרקען זיך. אָבער די דאָזיגע רוהע האָט געדאַרפֿט דויערען נישט לאַנג. נאָך צו־שטאַרק זענען געוועזען אויפֿגערעגט די געמיטער דורך די פּאַרטייאישע מחלוקת און דורך דעם בירגער־קריעג, אַז מען זאָל עס אלץ האָבען געקאָנט אזוי געשווינד פֿערגעסען. עס זענען נאָך געווען ביי אידען אָפֿענע און געהיימע „אידישע גריכען“, אָדער העלעניסטען, וועלכע זענען געווען בלוט־פֿיינד פֿון יהודה'ן און די חסידים. און אָט האָבען זיי אויסגענוצט די פּאָליטישע אומשטענדען, כדי ווידער צו בענייען דעם קאַמפּף. דער פּרינץ דעמעטריאָס, דער זוהן פֿון סעלעוקוס, וועלכער איז געזעסען נאָך ביז איצט אין רוים, אַלס משכון, אַז מען וועט בעצאָהלען די קאָנטריבוציע, וואָס אנטיוכוס דער ערשטער האָט זיך מחייב געווען צו געבען רוים, האָט

זיך מישב געווען איצט אויסצונוצען דעם גינסטיגען מאָמענט, כדי ארויסצוגעהן פון רוים און קומען צוריק קיין אנטיאכיען, וואו ער האט געוואָלט צוריק אבנעהמען זיין טהראָן, וואס עס האט ביי איהם גע־רויבט אנטיוכוס עפיפאנעס, זיין פעטער. דעם מאָמענט האט דעמעטריאָס בעזונדערס גוט אויסגעקליבען, ווייל אנטיוכוס'עס זוהן איז נאָך געווען גאָר יונג, און געגען זיין אפיעקון ליזיאס איז ארויסגעטראָטען זיין צווייטער אפיעקון, דער קאנקורענט פיליפאָס. דעמעטריאָס איז פלוצלונג גע־קומען מיט'ן שיף צום ברעג פון סיריען; אין דער שטאָדט טריפאָליס זע־נען צו איהם צוגעשטאנען כמעט אלע דאָרטיגע מאקעדאָנישע איינ־וואָהנער און אויך עטליכע מחנות מיליטער. אזוי ארום געשטארקט איז ער געקומען קיין אנטיאכיען און האט דער'הרג'עט אנטיוכוס עפיפא־נעס'עס זוהן, אויפאטאר, ווי אויך זיין אפיעקון ליזיאס. דערנאָך איז ער אונגעשטערט ארויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן פון זיין פאָטער.

אט די פלוצלונגע איבערקעהרעניש האבען אויסגענוצט די אידישע גריכען, כדי צו דערלאנגען אנ'אנקלאגע אויף די ברידער השמונאים אין זייערע אנהענגער. אין שפיץ פון דער אנקלאגע איז ווידער געשטאנען א כהן, אליקים, אדער יקים, און אויף גריכיש האט ער זיך א נא־מען געגעבען אלקימאס. צי האט ער געהערט צו די אידישע גריכען, אדער ער האט נאָר סימפאטיזירט מיט זיי, איז אונבעוואוסט. ווי עס שיינט, איז ער געווען א זוהן פון דער שוועסטער פונ'ם תנא יוסי בן יועזר, אבער ער איז נישט געגאנגען אין די דרכים פון זיין גרויסען פעטער, נאָר ער האט געהאלטען מיט דער גריכישער פארטיי, האָפענדיג, אז מיט איהר הילף וועט ער זיך דערשלאגען צו דער כהונה־גדולה. בעזונדערס שטארק איז אלקימאס געווען ערביטערט געגען די חשמונאים, פארוואס מען האט איהם דערווייטערט פון בית המקדש און דעם מזבח, נאכדעם ווי מען האט בעשלאסען צו בעגעהן זיך אזוי מיט אלע כהנים, וואס האבען זיך מטמא געמאכט ביי דער געצענדיענעריי. דער כהן אליקים מיט זיינע לייט איז אוועקגעגאנגען צום קעניג דעמעטריאָס צו בעגריסען איהם מיט זיין בע־שטייגען דעם טהראָן אין—ווי מען דערצעהלט—האט ער איהם דערלאנגט א מתנה א גאָלדענע קרוין בעפוצט מיט גאָלדענע לולבים, דערביי האט ער געשילדערט פאר דעמעטריאס'ן אין זעהר שווארצע פארבען די לאגע אין לאנד יהודה, ערקלערענדיג, אז שולדיג זענען אין אלץ יהודה המכבי און די חסידים. בעזונדערס אבער האט ער בערעדט יהודה המכבי און ערקלערט, אז כל זמן ער וועט לעבען, ווי אויך זיינע ברידער, די חשמונאים, וועט קיין שלום אין לאנד נישט זיין. פאר דעמעטריאס'ן איז די דאזיגע אנקלא־גע געווען ווי געוואונשען, ווייל זי האט איהם געגעבען די געלעגענהייט צו לאזען שפירען זיין מאכט איבער דעם קליינעם לאנד יהודה, וועלכעס האט בעוויזען כמעט אינגאנצען צו בעפרייען זיך פון סיריען. אין די

דרכים פון זיין פאטער אנטיוכוס עפיפאנעס איז ער אפילו נישט געגאנגען, און קיין שמד-בעפעהלען האט ער נישט ארויסגעגעבען; אבער צוליעב דעם, וואס דער כהן גדול האט זיך אויך גערעכענט פאר'ן פאליטישען פארשטעהער פונ'ם לאנד, האט דעמעטריאס בעשטימט אליקים'ען פאר א כהן גדול, כדי דאדורך צו בעוויזען, אז ער איז דער בעל-הבית איבער'ן לאנד יהודה. כדי צו פערהיטען, אז אידען זאלען זיך נישט שטעלען געגען דעם נייעם כהן-גדול, האט ער געשיקט דעם אכזר באקחידעס מיט א מחנה סאלדאטען קיין ירושלים. באקחידעס איז געקומען כלומרש'ט מיט זיסע רייד וועגען שלום, אבער יהודה מיט זיינע ברידער, ווי אויך זייערע מוטיגע אנהענגער, האט ער נישט אבגענארט. זיי האבען געזעהען, אז ער האט געבראכט מיט זיך א גרויסען חיל און ער וויל זיי אלעמען אומברענגען, כדי ווידער צו קענען פערקנעכטען דאס אידישע לאנד. יהודה מיט זיינע מענשען האבען דעריבער פערלאזען אין דער שטיל ביינאכט די שטאדט און זיך ווידער אריבערגעצויגען אין די בערג, ווי אין דער ערשטער צייט פון אויפשטאנד, פאר זיין פאטער מתתיהו. די חסידים דאגעגען האבען מיט זייער תמימות געגלויבט אין די זיסע רייד פון באקחידעס און געטראכט, אז ווי באלד דער נייער כהן-גדול איז דאך אן אמת'ער כהן, מסתמא וועט ער נישט פאלש וועלען געגען אידען. אויך האבען זיך צוזאמענגעקליבען פיעל סופרים, מעגליך, גאר דער גאנצער הויכער בית-דין, און זיי זענען ארויסגעקומען צו באקחידעס און אלקימאס און פערזיכערט, אז זיי זענען געטריי דעם קעניג. האבען זיי געבעטען, אז מען זאל לאזען דאס לאנד צורוה און מאכען א סוף מיט די געוואלדטהעטיגקייטען, וועלכע פיהרען נאר צו פערווילדונג. דער נייער כהן-גדול האט פון זיין זייט פערזיכערט, אז ער שטרעבט אויך נאר צו שלום; ער וויל דעם לאנד ברענגען צו א וואוילשטאנד. די דאזיגע רייד זיינע האט ער בעשטעטיגט מיט א שבועה. ווען דער כהן-גדול האט אבער בעקומען אין זיין מאכט דעם בית-המקדש און די שטאדט, האט ער, אדער באקחידעס, געלאזט חאפען זעכציג מאן פון די גרעסטע חסידים, צווישען זיי אויך דעם כהן-גדול'ס פעטער, דעם תנא יוסי בן יועזר, און אלעמען אויסגעשאכטען אין איין טאג. די דאזיגע שענדליכע טהאט, צוזאמען מיט'ן ברעכען די שבועה, האט פערשפרייט א טיעפען טרויער אינ'ם גאנצען לאנד. די אויגען פון פאלק האבען זיך ווידער געווענדעט צו די ברידער-חשמונאים, אלע אידישע הערצער האבען זיך געטראגען צו זיי. פיעל מענשען, וועלכע זענען פריהער איבערגעגאנגען צו דער פארטיי פון אלקימאס, אין דער האפנונג, אז ער וועט ברענגען באמת שלום אין לאנד, האבען שוין איצט איינגעזעהען, ווי זיי האבען זיך אבגענארט, ווייל די גריכישע פארטיי שטרעבט נישט צו שלום, נאר צו הערשאפט. די דאזיגע אידען זענען דעריבער אליין צוריקגעקומען צו די חשמונאים

אין מודיעין אין ערקלערט, אז זיי זענען גרייט צו געהן אין קאמפף גע־געו אלקימאס מיט באקחידעס.

און ווען באקחידעס האט באלד נאכדעם געהאפט פיעל מענשען, וועלכע האבען זיך אבגעווארפען פון אלקימאס, און האט זיי אויסגע־שאכטען, אריינגווארפענדיג זייערע לייבער אין א ברונען, האט דער פלאם פון בירגער־קריעג אויפגעפלאקערט ווידער פון זיך אליין אויף דאס ניי (231 פאר׳ן חורבן). אלע, וואס האבען נאר געליעבט זייער פא־טערלאנד און די פרייהייט, אלטע לייט און יונגע קינדער, זענען זיך ווי־דער צוזאמענגעקומען צו די ברידער־חשמונאים. אלקימאס דאגעגען האט צוגעצויגען צו זיך די אידען, וואס זענען אבגעשטאנען פון דער תורה. און אידישען לאנד זענען ווידער געשטאנען צוויי קעמפפענדע פארטייען איינע געגען די אנדערע. תחלת איז די העלעניסטישע פארטיי געווען שטארקער, ווייל זי האט ווידער געהאט פאר זיך די שטיצע פון פרעמדע סאלדאטען. מיט זיי איז אלקימאס געגאנגען איבער׳ן לאנד און געצוואו־גען אלעמען אנערקענען איהם אלס כהן־גדול, ווייל אזוי האט געהייסען דער קעניג דעמעטריאס. די צאהל פון יהודה־המכבי׳ס אנהענגער איז אבער געוואקסען אלץ מעהר, און ער האט ווידער אנגעהויבען פיהרען קליינע מלחמות געגען די העלעניסטען און שטרענג בעשטראפט די אידען, וועל־כע זענען אריבערגעלאפען צו אלקימאס׳ן. דאדורך האט יהודה פערשפרייט אזא אימה, אז אלקימאס׳עס לייט האבען זיך נישט דערוואוגען צו בע־ווייזען אין די פראווינץ־שטעדט, און זיי זענען געבליבען נאר אין ירושלים. ווי דער פריהערדיגער כהן־גדול, מענעלאאוס, האט אויך אלקימאס געגלויבט, אז ער קאן פערשטארקען זיין פאזיציע נישט דורך דער ליעבע פון אידישען פאלק, נאר דורך דער פריינדשאפט מיט די גריכען און סירער. ער האט דעריבער געאיילט קיין אנטיאכיען, וואו ער האט פון דאס ניי אנגעגעבען אנקלאגען אויף די השמונאים, און דער קעניג האט זיין אנקלאגע ווידער אויפגענומען פריינדליך.

דעמעטריאס האט גערעכענט, אז מיט די אויפגעשטאנענע אידען קאן ער פערטיג ווערען גאנץ גיך. ער האט געשיקט אין לאנד יהודה איי־נעם פון זיינע הויפט־לייט ניקאנאר, וועלכער איז מיט איהם צוזאמען ענטלאפען פון רוים. ניקאנאר איז געווען דער אנפיהרער פון די מחנות רייטער אויף העלפאנטען, וועלכע די סירער פלעגען ארויסשטעלען אין מלחמה. אט דער ניקאנאר האט געדארפט בעגעהן זיך מיט אידען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. ניקאנאר האט אויך געפונען פאר נויטיג צו רעדען פריהער מיט אידען פריינדליך, דען ער האט נאך געוואלט גע־ווינען צייט, ביז עס וועלען צו איהם קומען די מחנות, וועלכע דער קע־ניג דעמעטריאס האט איהם געדארפט שיקען. מען דערצעהלט, אז נאכ־דעם ווי דער סירישער הויפט־מאן ניקאנאר האט זיך אנגעהערט וועגען

יהודה'ס גבורה און ערהאבענעם כאראקטער זעהר פיעל וואונדערליכע ערצעהלונגען, האט ער איהם אנגעהויבען שטארק בעוואונדערען און געוואלט דורכאויס ברענגען צו א שלום צווישען איהם און דעם קעניג. ער האט דעריבער, ווי מען זאגט, געשיקט צו איהם דריי פון זיינע פערטרויטע מענשען: פאסידאניאס, פעאדאטאס און מתתיהו, כדי צו פיהרען די אונטערהאנדלונג וועגען א שלום, לויט די פארשלאגען, וועלכע ער האט געמאכט. די פארשלאגען זענען געוועזען גינסטיגע אויך פאר יהודה'ן און זיינע לייט, און דעריבער איז פארגעקומען א געשפרעך צווישען יהודה'ן מיט ניקאנאר'ן. ניקאנאר זאל אזוי שטארק געוועזען זיין ענטציקט פון יהודה'ן, אז ער זאל איהם האבען גערעטען, דאס ער זאל באלד נאכ'ן שליסען דעם שלום א פרוי נעהמען, כדי זי זאל איהם געבוירען אויך אזעלכע העלדען, ווי ער אליין איז. דער שלום איז אלזא געשלאסען געווארען, און ניקאנאר האט אבגעשטעלט זיין ארמעע און אריינגעקומען אין ירושלים אליין. אבער דער דאזיגער שלום איז נישט געפעלען געווארען דעמעטריאס'עס כהן גדול, אלקימאס, און ער האט מודיע געוועזען דעם קעניג, אז ניקאנאר שפיעלט א פאלשע ראליע, דען ער בעגינסטיגט זיין פיינד יהודה, און האט אפילו בדעה איהם צו בעשטעטיגען פאר א כהן גדול. דער קעניג איז זעהר אין כעס געווארען, ווען ער האט דאס דערהערט, און האט בעפוילען ניקאנאר'ן אבצוהאלטען זיך פון אלע אונטערהאנדלונגען וועגען שלום, נאר צו שיקען צו איהם קיין אנטיאכיען יהודה, איינגעשמידעט אין קייטען.

יהודה האט דערווייל בעקומען א ידיעה, אדער ער האט אליין איינגעזעהן, אז פיעל אנטרויען ניקאנאר'ן טאר ער נישט, דען ער טראכט איהם צו נעהמען געפאנגען, דעריבער איז ער מיט זיינע גבורים אבגעגאנגען און געהיים צוריק אין די בערג. ווען ניקאנאר האט דערזעהן, אז זיין פאלשקייט איז ענטדעקט געווארען, האט ער אראבגענומען די מאסקע און איז ארויסגעטראטען מיט זיין מחנה געגען יהודה'ן. אויף דער גרעניץ פון שומרון, נעבען „כפר־שלם“, איז פארגעקומען א מלחמה צווישען ניקאנאר'ן און יהודה המכבי. ניקאנאר האט געהאט א מפלה און געמוזט ענטלויפען אין דער פעסטונג אקרא. און גרויסער ערביטערונג איבער זיין מפלה, האט ניקאנאר אונטערגענומען די מלחמה ווייטער מיט נאך מעהר ענערגיע און קראפט. איצט האט ער שוין געוואלט נאר איין זאך: צו נעהמען געפאנגען יהודה המכבי, וועלכער איז אין זיינע אויגען ווערט געוועזען מעהר, ווי א גאנצע ארמעע. מעגליך, אז ניקאנאר האט אויך מורא געהאט, דאס דער קעניג דעמעטריאס זאל איהם נישט חושד זיין אין פאלשקייט געגען איהם, צוליעב דער מסירה, וואס עס האט אויף איהם אנגעגעבען אלקימאס. ווי אזוי בעקומט מען אבער דעם גבור יהודה? ניקאנאר איז אוועקגעגאנגען צום בית־המקדש און האט דארט ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל די אידען, אז זיי זאלען

איהם ארויסגעבען זייער העלד יהודה המכבי. ווען די כהנים און די מיט־גליעדער פון הויכען בית דין האבען איהם פריינדליך ערקלערט, אז זיי ווייסען כלל נישט, וואו יהודה געפינט זיך, און דערביי האבען זיי איהם פערזיכערט, דאס זיי זענען געטריי דעם קעניג, האט ער זיי גע־ענטפערט זעהר שארף און, אויפהויבענדיג די האנד געגען בית־המקדש, האט ער געשווארען, אז ער וועט דעם בית המקדש פערניכטען און פער־ברענען, אויב מען וועט איהם נישט ארויסגעבען יהודה'ן. כדי נאך מעהר צו צווינגען די אידען צו ערפילען זיין בעפעהל, האט ער געגעבען א בעפעהל צוצונעהמען פאר א משכון איינעם פון די עלטסטע, פרומע חסידים, רציץ, אדער רגש, א געעהרטען זקן, וואס איז געווען זעהר בעליעבט ביי אלעמען און מען האט איהם גערופען דעם „פאטער פון די אידען". ווי מען דערצעהלט, האט רגש געוואלט בעסער שטארבען, איידער אריינצופאלען צו ניקאנאר'ן אין די הענד, און ווען ער האט דערזעהן, ווי ניקאנאר'ס סאלדאטען האבען זיין שטוב ארומגערינגעלט, כדי איהם צו ארעסטירען, האט ער זיך אריינגעשטאכען א שווערד אין בויך, איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן דאך, זיך ארונטערגעווארפען און איז געשטארבען. ניקאנאר האט זיך איצט געלאזט מיט א גרויסער מחנה יאגען זיך נאך יהודה'ן אין די בערג. זיין לאגער האט ער אויפ־געשטעלט אין בית חורון. יהודה האט דערווייל פערזאמעלט ארום זיך דריי טויזענד מאן און זיך אבגעשטעלט נעבען דער שטאדט אדרסה. ענדליך איז עס ווידער געקומען צו א מלחמה און מנצח געווען האט ווי־דער יהודה'ס גבורה; „די ווענינגערע זענען געווען שטארקער פאר די פיעלע". ניקאנאר איז געפאלען טויט נאך אין אנפאנג פון דער מלחמה און באלד נאכדעם האט זיין גאנצע ארמעע זיך געלאזט לויפען פון שלאכטפעלד אין שרעק. די דאזיגע שלאכט איז פארגעקומען 13 טעג אין חודש אדר (230 פאר'ן חורבן) און דער נצחון איז געווען אזא פאלקאמער און ווינטיגער פאר די אידען, אז מען האט דעם טאג בע־שטימט פאר א פייערטאג, פונקט ווי חנכה, און מען האט איהם א לאנגע צייט גערופען ניקאנאר'ס טאג. ניקאנאר'ס קאפ און זיינע הענד (די פינגער פון די פים און פון די הענד) האט מען אבגעהאקט און אויפ־געהאנגען איבער'ן טויער פון בית המקדש דארט, וואו ער האט דעם בית המקדש געלעסטערט.

יהודה און די אנהענגער פון די חשמונאים זענען ווידער געווען די בעלי בתים אין ירושלים, ווייל אלקימאס האט זיך פון דארט ארויסגע־צויגען נאך פאר דער מלחמה. אין בית המקדש און אין לאנד האט מען ווידער צוריקגעשטעלט די פריהערדיגע ארדנונג; אבער יהודה האט איינ־געזעהן, אז זיין לאגע איז נישט קיין זיכערע, ווייל דעמעטריאס וועט געוויס נעהמען נקמה פאר דער מפלה פון א טייל פון זיין ארמעע און וועט שיקען א גאנץ גרויסע ארמעע, געגען וועלכער יהודה וועט נישט

קאָנען בײשטעהן. יהודה המכבי האָט דעריבער געמאַכט אַ שריט, וואָס איז פֿיעל אידען דאַמאָלס נישט געפֿעלען געוואָרען: ער האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט רוים, וועלכע איז דאַמאָלס שוין געוועזען זעהר שטאַרק. יהודה האָט געוואוסט, אַז דער רוימישער סענאַט איז זעהר נישט צופֿריעדען מיט דעמעטריאָס'ן, ווײל ער איז געוואָרען אַ קעניג געגען רוים'ס ווילען, — האָט ער דעריבער געהאָפֿט, אַז רוים וועט גוט אויפֿנעהמען זײנע שלוחים, ווען ער וועט זיך קלאָגען אויף דעמעטריאָס'ן. קײן רוים האָט יהודה געשיקט צוויי אידען, וועלכע האָבען גוט געקאָנט רעדען גריכיש: אויפּאָלעמאָס, דעם זוהן פֿון יוחנן פֿון אַ משפּחה פֿון כהנים, און ישועריאַזאָן, דעם זוהן פֿון אלעזר, כדי זיי זאָלען זיך פֿאָרשטעלען דעם רוימישען סענאַט, אָדער אַ רוימישען געזאַנדטען, וועלכער פֿלעגט אָפֿט מאַכען די רײזע דורך מצרים, סיריען און קלײן־אַזיען. נאָר איידער די דאָזיגע שלוחים האָבען בעוויזען עטוואָס אויפֿצוטהון, האָט יהודה שוין ווידער געמוזט אַרויסטרעטען אין מלחמה.

באַלד, ווי דעמעטריאָס האָט דערהאַלטען די ידיעה וועגען ניקאַנאָר'ס מפּלה, האָט ער געשיקט אַ גרויסע אַרמעע, מיט'ן אַכזר באַקחידעס בראש. באַקחידעס האָט זיך געלאָזען געהן אין לאַנד יהודה דורכ'ן גליל, און אַלע אידען, וועלכע ער האָט אויפֿ'ן וועג בעגעגענט, האָט ער גלײך לאָזט אויס'הרג'ענען. דורכגעהענדיג דעם טהאָל יזרעאל, האָט ער גענומען אין שטורם די שטאָדט כסלות און פֿערברענט זי. אין חודש ניסן איז באַקחידעס שוין געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון ירושלים. יהודה האָט ירושלים נאָך פֿערלאָזען פֿריהער, ווײל צוליעב דעם, וואָס די טויערן פֿון שטאָדט זענען געוועזען חרוב, האָט זי פֿערלוירען פֿאַר איהם די בעדײטונג פֿון אַ בעפֿעסטיגטער שטאָדט. איצט האָט ער אַרויסגעלאָזען אַנ'אויפֿרוף צום פֿאָלק, צו אַלט און יונג, אַז מען זאָל זיך שטעלען צום קאַמפּף פֿאַר'ן פֿאָטערלאַנד, פֿאַר דער תורה און פֿאַר דער פֿרײהײט. אָבער נאָר דרײ טויזענד מאַן זענען זיך צו איהם צונויפֿגעקומען. פֿאַר וואָס האָט זיך דאָס פֿאָלק דאָס מאָל אַזוי שוואַך אָבגערופֿען אויף יהודה'ס אויפֿרוף? מעגליך, אַז אידען זענען שוין געוועזען זעהר מיעד נאָך די פֿיעל מלחמות; מעגליך אויך, אַז מען האָט בכלל שוין איצט אַנדערש בעצויגען זיך צום אויפֿשטאַנד, ווײל דעמעטריאָס האָט דאָך כלל נישט געוואָלט צווינגען אידען, ווי פֿריהער אַנטיוכוס, אָבצוזאָגען זיך פֿון דער תורה, נאָר, אַז זיי זאָלען זײן אונטערטעניג סיריען; מעגליך אויך, אַז די סבּה איז געלעגען פֿיעל טיעפֿער: פֿיעל חסידים זענען געוועזען אומצופֿריעדען דערמיט, וואָס יהודה האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט רוים, ווײל זיי האָבען שטענדיג גע'טענה'ט, אַז מען באַר נישט זוכען קײן הילף בײ אַ מענשען, נאָר האָבען בטחון און גאָט'ס הילף אַליין. ווי דאָרט איז נישט געוועזען, יהודה האָט דאָס מאָל

געהאט א גאנץ קליינע מחנה, מיט וועלכער עס איז אונמעגליך געוועזען צו פיהרען מלחמה מיט ערפאלג געגען דער גרויסער ארמעע פון באקחידעס, וועלכע איז בעשטאנען פון צוואנציג טויזענד פוס־געהער און עטליכע טויזענד רייטער. ווען די אידישע מחנה האט דערזעהען די דאזיגע גרויסע ארמעע, האט זי פערלארען דעם מוט, און געפאדערט, אז מען זאל זעהן אויסצומיידען דערוויל די מלחמה, נאר פונאנדערגעהן זיך, אבווארטענדיג, ביז וואנען עס וועט זיך צוזאמענקומען פון אידישען לאנד א גרעסערע מחנה. אומזיסט האט יהודה אנגעווענדעט זיין בערעדעוודיגקייט, צו פועל'ן, אז זיי זאלען בלייבען מיט איהם, אומזיסט האט ער זיך בעמיהט צו דערהיצען אין זיי דעם אלטען גייסט פון גבורה, — די מעהרסטע פון זיי האבען איהם פערלאזען און זיך פונאנדערגעגאנגען, און נאר אכט הונדערט קריעגער זענען געבליבען מיט יהודה'ן. מיט דערדאזיגער קליינער מחנה גבורים איז יהודה אנגעפאלען אויפ'ן רעכטען פליגעל פון באקחידעס'עס ארמעע און האט איהם געבראכט א פאלקאמע מפלה. יהודה האט די לעבען־געבליבענע פון דער דאזיגער מחנה פערפאלגט ביז אשדוד. ווען אבער ער איז געקומען צוריק, האט ער דערזעהן, אז די געבליבענע אידישע קעמפפער האבען נישט געקאנט האלטען זיך געגען דעם אנפאל פונ'ם לינקען פליגעל פון באקחידעס'עס ארמעע. יהודה האט זיך דעריבער באלד געמוזט אריינלאזען אין א צווייטען קאמפף. יהודה מיט זיינע גבורים האבען בעוויזען וואונדערליכע העלדישע מעשים. פיעל טויטע און פערוואונדעטע זענען געפאלען פון ביידע צדדים. געדויערט האט די שרעקליכע מלחמה פון פריה־מארגען ביז אין אווענד. אבער די צאהל פון יהודה'ס קעמפפער איז געוועזען זעהר קליין, און אינ'ם משך פונ'ם שרעקליכען קאמפף איז פון איהר געבליבען גאנץ ווייניג. די גרויסע מחנות פון פיינד האבען זיי ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. ענדליך איז יהודה געפאלען טויט מיט'ן שווערד אין דער האנד און די געצעהלטע איבערגעבליבענע גבורים מיט יהודה'ס ברידער האבען בעוויזען צו ענטלויפען, מיטנעהמענדיג מיט זיך דעם טויטען יהודה, כדי די ערלים זאלען נישט מבזה זיין דעם גרויסען גבור נאך זיין טויט. באלד נאכדעם האבען די ברידער חשמונאים געבראכט צו קבורה אין טיעפען טרויער דעם וואונדערליכען אידען, וועלכער האט מיט זיין גבורה גרויס געמאכט דעם אידישען נאמען צווישען די פעלקער. מקבר געוועזען האט מען יהודה'ן אין זיין געבורטס־שטאדט מודיעין, און דאס גאנצע אידישע פאלק האט טיעף געטרויערט נאך איהם.

ווי עס האט דאמאלס אויסגעזעהן, האט די דאזיגע מלחמה ביי דער שטאדט ליש (230 פאר'ן חורבן) געמאכט צו נישט אלע פריהערדיגע נצחונות פון די חשמונאים, און זייער גאנצער אייפשטאנד איז ליקווידירט געווארען. די גבורים, וועלכע האבען געקעמפפט צוזאמען מיט

יהודה המכבי, זענען א טייל געפאלען אויפ'ן שלאכט-פעלד, א טייל זיך צו-לאפען. אלקימוס האט ווידער פארנומען די הויפט-שטאדט ירושלים און דאס בית-המקדש. ער האט איצט געקאנט טריאומפירען.

אבער די יאהרען-לאנגע מלחמות פון די חשמונאים זענען געווען נישט אומזיסט. זיי האבען געוועקט דאס אידישע פאלק פון זיין פערגלי-ווערטקייט און האבען איהם יונג געמאכט. דאס בלוט פון די קדושים היילט וואונדען — זאגט מען. און דער ווירקליכקייט האט די בלוטיגע מסירת-נפש פון די חשמונאים אויסגעהיילט דאס אידישע פאלק פון פיעל אלטע וואונדען. די חשמונאים האבען אראבגענומען פון אידען דעם פלעק און די חרפה, וואס זיי האבען געהאט אין די אויגען פון די פעל-קער. די גריכען האבען שוין פערלוירען דעם חשק צו שפאטען פון אידען, ווען זיי האבען זייערע מחנות דערזעהען: יהודה'ס קרעפטיגער ארעם האט זיי געלערנט צו פערשטעהן, אז אין אידען לעבט א גרויסע קראפט אי א גייסטיגע אי א פיזישע, און אידישע יונגע לייט האבען שוין מעהר נישט געברויכט אנטייל צו נעהמען אין דער קינדערייע פון די אלימפישע שפיעלען, כדי צו בעווייזען, אז זיי שטעהען אויך אזוי הויך, ווי די גרי-כען. יהודה האט דערוויזען די גריכען, אז אין פיעל הינזיכטען שטעהען אידען העכער פאר זיי. נאך יהודה המכבי האט דאס אידישע פאלק ערשט רעכט דערקענט זיך אליין; עס האט זיך ארויסגעוויזען אלס א פאלק, וואס איז בעשטימט צו טראגען הויך די פאהן פון זיין תורה און זיינע ריינע מדות, און עס האט אויך אין זיך געפונען מוט, קראפט און פעסטקייט אב-צוהיטען זיינע הייליגע גיטער און בעשיצען זיי געגען יעדער פרעמדער מאכט. די גרויסע מסירות-נפש, וואס א איד ברויכט ארויסצווייזען פאר זיין תורה, ווי אליהו הנביא האט עס א מאל געלערנט פאר א קליינעם קרייז פון זיינע תלמידים, און ישעיה האט וועגען דעם גערעדט אין זיינע נבואות — אט די תורה האט אנגענומען דאס גאנצע אידישע פאלק, צוזאמען מיט די גבורים פון די חשמונאים מיט זייערע ארמעען.

ענדע פון צווייטען פעריאד.

דער דריטער פעריאד.

די נשיאים פון די חשמונאים.

ערשטעס קאפיטעל.

די ערשטע חשמונאי׳שע נשיאים יונתן און שמעון.

(פון 230 ביז 213 פאר׳ן חורבן, אדער פון 160 ביז 143 פאר דער גוהנ־ליכער צייטרעכנונג).

וועָן יהודה המכבי איז געפאלען, ווי א גבור, אויף דעם שלאכט־פעלד פון ליש (Elasa), האט דאס אידישע פאלק אנגעטהון נאך איהם טרויער, דען דאס פאלק איז מיט זיין טויט אין דער ווירקליכקייט פער־יתום׳ט געווארען. עס האבען זיך באלד אנגעהויבען מחלוקת און אזא עלענדער צושטאנד, אז מען האט געקאנט מיינען, דאס די אידישע מדינה מוז פאלקאם אונטערגעהן. דער דאמאלדיגער היסטאריקער שילדערט די צייט אין קורצע, אבער שארפע ווערטער: „עס איז געווען אזא יאמערליך־טרויעריגע לאגע, ווי זי איז שוין נישט געוועזען, זינט עס האבען אויפגע־הערט ארויסטרעטען די נביאים". עס איז אייגענטליך גארנישט געוועזען קיין רעגיערונג מיט א פעסטער פערזענליכקייט בראש, וואס זאל האבען געניג קראפט און א שטארקען איינפלוס ביי אידען, כדי צו קאנען דאר־דורך אויפהאלטען די אחדות צווישען אלע חלקים פונ׳ם גאנצען פאלק. עס איז בכלל נישט געווען קיין שום ארדנונג פון א מדינה, אדער א מלוכה, און וואס פאר א פארם דאס זאל נישט זיין, ווייל די פרעמדע הערשאפט, די סירישע, האט וועגען דעם אויך גאנץ ווייניג געזארגט. זי האט נאר געשטרעבט צו צווינגען אלעמען מורא צו האבען פאר איהר שווערד און אז מען זאל איהר ארייננברענגען די גרויסע סומעס אבצאהלונגען, וויטער האט זי זיך וועגען קיין זאך נישט געקימערט. דער כהן־גדול אלקימאס, וועלכער איז בעשטימט געווארען אויף זיין אמט דורך דער פרעמדער הערשאפט און איז דורך איהר אויך אנערקענט געווארען פאר א פאר־שטעהער, אדער א נשיא, איבער׳ן אידישען פאלק, — איהם האט דאס פאלק פיינד געהאט און ער האט אויב׳ן פאלק קיין שום איינפלוס נישט

געהאַט. זיינע אנהענגער זענען בעשטאַנען בלויז פֿון די אידישע גריכען, וועלכע זענען דעם פֿאָלק זעהר פֿערהאַסט געוועזען; די נאַציאָנאַלע אידען פלעגען געגען זיי אַהן אויפֿהער קעמפּפֿען, און זיי, פֿון זייער זייט, פלעגען טהון רשעות די נאַציאָנאַלע אידען, אין וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט. דאָס איז געווען אַ בירגער־קריעג אין אַ קליינעם פֿאָרמאַט; צום אונגליק האָט נאָך אויך אויסגעבראָכען אַ גרויסער הונגער אין לאַנד, און דאָס פֿאָלק איז זעהר פֿעראָרעמט געוואָרען.

אמת, די בעסערע אידען האָבען אין דער דאָזיגער אונגליקליכער צייט זיך געזאַמעלט ארום די חשמונאישע ברידער, יונתן, שמעון און יוחנן, אין זיך מוסר נפש געווען פֿאַר'ן שלום און וואוילשטאַנד פֿון פֿאָלק; זיי האָבען געקעמפפֿט געגען די העלעניסטען און די מחנות פֿון באַקחידעס, וועלכע האָבען געשטערט דעם שלום אין לאַנד. אָבער די צאָהל פֿון אַט די בעסערע אידען איז געווען צו קליין, דאָס איינגענטליכע פֿאָלק אין די פּראָווינץ־שטעדט און אויפֿ'ן לאַנד, אין די דערפֿער און קליינע שטעדט־לעך, האָבען זיך געהאַלטען פֿון דערווייטען און זענען נישט געקומען צו הילף די בעסערע אידען אין זייער קאַמפּף. דאָס פֿאָלק איז אָבגעשוואַכט און אָבהענגיג געוואָרען. די חוואַליע פֿון התלהבות, וועלכע האָט אַרום גענומען דאָס אידישע פֿאָלק אין יהודה המכבי'ס צייט און געבראַכט צו איהם קעמפֿער פֿאַר דער הייליגער זאַך, און אויך דערוועקט די אידי־שע דיכטער, צו זינגען לויב־לידער פֿאַר גאָט, — אַט די התלהבות איז איצט פֿערשוואונדען געוואָרען. צו'אַ'אויפֿגערעגטע שטימונג קאָן, נאַטירליך, לאַנג נישט האַלטען, עס מוז ביסלעכווייז קומען אויך דער מאָמענט פֿון מיעדיגקייט. אַ גאַנץ פֿאָלק קאָן נישט פֿון יאָהר צו יאָהר שטעהן אונ־טער'ן געוועהר, בפרט נאָך אַ פֿאָלק, וואָס איז בטבע נישט בלוט־דורשטיג און אָהן רויבערישע אינסטינקטען, נאָר עס לעבט פֿון זיין אַרבייט אויפֿ'ן פֿעלד און איז צופֿרידען דערמיט, וואָס די נאַטור און זיין אַרבייט גיעבען איהם. אויסערדעם האָט שוין איצט אויך געפֿעהלט דער מאָטיוו צו פֿיה־רען די מלחמה. אין מתתיהו'ס צייטען איז גאַנץ לייכט געווען צונויפֿצו־רופֿען דאָס פֿאָלק צום קריעג, ווייל אַלע האָבען געוואָלט פֿערטיידיגען די רעליגיע, די תורה, וועלכע איז אַלעמען גלייך טייער געווען; איצט אָבער האָט געגען דער תורה קיינער זיך נישט געשטעלט; דורך יהודה המכבי'ס מלחמות האָט מען זיך דערשלאָגען צו פֿאָלקאָמער רעליגיאָנס־פֿרייהייט. דאָס צווינגען אידען אָבצוזאָגען זיך פֿון זייער גאָט און דיע־נען דעם גריכישען אָפּגאָט צעאוס, האָט שוין איצט גאָר אויפֿגעהערט.

דער קעניג דעמעטריאָס האָט נישט געבראָכען דעם אָבמאַך, וואָס עס האָט געמאַכט יהודה המכבי מיט'ן יונגען קעניג אויפּאַטאָר און זיין אַפּיטער־קון ליזיאַס. אין בית המקדש האָט מען געקאָנט ברענגען קרבנות אין דער צייט, לויט ווי די תורה האָט געבאָטען, און אויב אפילו אלקימאָס, דער כהן־גדול, וועלכען דעמעטריאָס האָט בעשטימט געגען דעם אידישען

פֿערלאַנג, איז נישט געווען געליעבט ביי'ם פֿאָלק, איז ער דאָך אָבער פֿאָרט נישט געווען ענהליך צו מענעלאַאוס'ען, און אַ כהן איז ער דאָך אויך געווען. דאָס פֿאָלק האָט דעריבער זיך בערוהיגט. געפֿינענדיג, אַז עס איז נישטאָ מעהר קיין מאָטיוו, צו פֿיהרען ווייטער די מלחמה. אפילו די חסידים, וועלכע האָבען פֿריהער געלערנט דאָס פֿאָלק און דערוועקט איהם צו שטעלען זיך געגען די גריכען, זענען איצט אויך נישט געווען אויפ'ן צד פֿון די חשמונאים און זייער פּאַרטיי; זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען פֿון פּאָליטישען לעבען, כדי צו זעצען זיך אין זייער ווינקעל לערנען תורה, ווייט פֿון דער עפֿענטליכקייט. די חשמונאים האָבען איינגעזעהען, אַז מיט זייערע אייגענע כחות אַליין וועט עס זיי נישט געלינגען צו שטעלען זיך געגען אַלע זייערע פֿיינד, און דערפֿאַר האָבען זיי געוואָלט פֿערשטאַרקען זייער פּאָזיציע דורך דיפּלאָמאַטישע פֿערבינדונגען. אָבער אַט די וועלטלי-כע פּאָליטיק איז די חסידים נישט געפֿעלען, ווייל זיי האָבען געטענ'עט, דאָס מען ברויכט נאָר צו האָבען בטחון אין גאָט. מלחמות און נצחונות האָבען זיי פֿערשטאַנען נאָר אינ'ם זין, ווי דאָס ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך: גאָט פֿיהרט אידען געגען זייערע פֿיינד, וועלכע ער פֿערניכטעט. דאָס זוכען הילף אין אויסלאַנד, ביי רוים, למשל, איז אין זייערע אויגען געווען אַ פֿערברעכען, אַ כפירה אין גאָטעס אַלמעכטיגקייט. „בעסער צו האָבען בטחון אין גאָט, איידער אין מענשען, בעסער פֿערלאָזען זיך אויף גאָט איידער אויף אַ פֿירשט"—פֿלעגען זיי שטענדיג איבערחזר'ען אין אַזאַ פֿאַל דעם פּסוק פֿון תהלים. מען קאָן זיך משער זיין, אַז אַט די אונצופֿריע-דענהייט פֿון די חסידים מיט דער פּאָליטיק פֿון די חשמונאים איז געווען די הויפּט-סבה, פֿאַרוואָס ס'איז איצט פֿיעל קלענער געוואָרען די חשמונאישע פּאַרטיי. און אויך פֿאַרוואָס יהודה המכבי איז אין זיין לעצ-טען קאַמפּף פֿערלאָזען געוואָרען פֿון זיין מחנה און געבליבען סך-הכל מיט אַכט הונדערט געטרייע גבורים, מיט וועלכע ער איז אין דעם טויט נעגאַנגען. אַזוי אַרום זענען איצט געשטאַנען נאָר צוויי פּאַרטייען איי-נע געגען די אַנדערע: די חשמונאים און די אידישע גריכען; ביידע זע-נען זיי געווען גוט בעוואָפֿענט, ביידע פֿול פֿון אַ גלייכען האַס און שנאה, און וואו נאָר זיי פֿלעגען זיך צוזאַמענטרעפֿען, פֿלעגט באַלד אויסברעכען אַ קאַמפּף צווישען זיי, אַ פֿערביסענער קאַמפּף אויף טויט און לעבען. די חשמונאים האָבען זיך נישט צופֿריעדענגעשטעלט דערמיט, וואָס מען האָט זיך אויסגעקעמפּפֿט רעליגיאָנס-פֿרייהייט און בעקומען צוריק דעם בית-המקדש, זיי האָבען אויך געוואָלט דערווייטערען און פֿערניכטען דאָס, וואָס האָט געבראַכט צו אַלע אונגליקען — דעם פֿרעמדען גריכישען גייסט אין דעם יאָך פֿון דער פֿרעמדער סורישער מלוכה. דער תהלים-דיכ-טער האָט געגעבען אַ ריכטיגע האַראַקטעריסטיק פֿון אַזעלכע גבורים, ווי די חשמונאים זענען געווען: „גאָטעס ערהאַבענהייט בעזינגען זיי און מיט אַ צוויי-שניידיגען שווערד קעמפּפֿען זיי". זיי האָבען נישט געוואָלט ליי-

דען, אז דעם לאנד יהודה זאל דארפען לעבען אונטער דעם יאך פון די גריעכישע גריכען, און אז דאס יודענטום זאל זיין אבהענגיג פונ'ם גוטען אדער דעם שלעכטען ווילען פון א סירישען דעספאט, אדער פון די אינטריגעס פון א פעררעטערישער פארטיי. און אט דערפאר זענען זיי אזוי שטארק געווען ערבוטערט געגען די העלעניסטען, וועלכע האבען נישט בלויז פון זייער תורה זיך אבגעזאגט, פון דער רעליגיע פון די עלטערען, נאר זיי האבען מפקיר געווען די אינטערעסען פון זייער פאטערלאנד. צוליעב די דאזיגע מהלוקת, האט געהערשט אין לאנד יהודה א פאלקאמע אנארכיע, וועלכע האט זיך נאך פערשטארקט דורכ'ן גרויסען הונגער, ווי עס איז שוין דערמאהנט געווארען. און דער דאזיגער שוועדער לאגע האבען די בעסערע אידען אנגעהויבען ערווארטען הילף פון יהודה'ס ברודער, יונתן הופסי, דער חשמונאי; ער האט געזאלט מנצח זיין די אידישע גריכען און ברענגען צוריק אין לאנד יהודה וואוילשטאנד און שלום. זיי האבען זיך דעריבער געווענדעט צו איהם מיט אזא רעדע: „נאכדעם ווי דיין ברודער יהודה איז שוין טויט, איז נישטא דיין גלייכען א מענש, וועלכער זאל קאנען פערטרעטען אלע אונזערע אינטערעסען, אבצוראטעווען אונז פון בעקחידעס'ען און פון אלע אונזערע פיינד. מיר קלייבען דיך דעריבער אויס פאר א נשיא אנשטאט יהודה'ן, גיעה און פיהר אונזערע מלחמות". יונתן איז אבער נישט געווען אזא העלד, ווי יהודה; ער איז געווען מעהר פאליטיקער, איידער א גבור און מלחמה. צו שוואך, כדי צו קאנען מאכען אנ'אנפאל אויף דער ארמעע, וואס דעמעטריאס האט געשיקט און לאנד יהודה דורך בעקחידעס'ען, האט יונתן געמוזט זיך אבשטעלען נאר ביי'ם פערטיידיגען זיך געגען די אנפאלען, אבער אויסמיידען אליין אנצופאלען דער ערשטער אויפ'ן פיינד. פערפאלגט דורך בעקחידעס'ען, האבען די חשמונאים מיט זייערע לייט זיך אריבערגעצויגען אין מדבר תקוע און זיך בעפעסטיגט אין א וועלדעל נעבען ירדן; אבער אויך דא האבען זיי נישט געקאנט זיין זיכער פאר'ן פיינד. און דעריבער האט יונתן געגומען אלע פרויען מיט די קינדער מיט'ן גאנצען פערמעגען פון זיינע אנהענגער און איבערגעגעבען זיין ברודער יוחנן כדי ער זאל זיי ברענגען אויף יענער זייט ירדן צום אראבישען שבט נביות. אבער אויפ'ן וועג זענען אויף זיי אנגעפאלען די בני אמרי פון דער שטאדט מידבא, וועלכע זענען געווען אנהענגער פון די סירער, און אויסגעהרג'עט זיי אלעמען מיט יוחנן צוזאמען. פאר דער דאזיגער רציחה האט יונתן שפעטער גענומען נקמה, ווען ווערענד איינער פון די שרים פונ'ם דאזיגען שבט האט געפייערט א חתונה, ווען ער האט זיך משדך געווען מיט א פירשט פון לאנד כנען, איז יונתן אויף זיי אנגעפאלען [illegible] און פיעל מענשען פון זיי אויסגעהרג'עט.

די חשמונאים האבען אבער נישט געקאנט בלייבען רוהיג אויך א[illegible] פערבארגענע ערטער און דער געגענד פון ירדן. בעקחידעס האט

זיי אויפגעזוכט און אנגעפאלען אויף זיי דוקא אום שבת, ווען דער קאמפף איז אפילו נישט געווען פערבאטען. פונדעסטוועגען האט ער נישט געקאנט געפיהרט ווערען מיט דער גאנצער קראפט און מיט'ן אנווענדען אלע נויטיגע מיטלען געגען דעם פיינד. די חשמונאים זענען דעריבער געווען געצוואונגען צו ראטעווען זיך, אריבערשווימענדיג דעם ירדן. איצט איז געשטאנען אפען פאר'ן פיינד דאס גאנצע אידישע לאנד אויף דער זייט ירדן, און באקחידעס האט נישט דערלאזען די דאזיגע גינסטיגע געלעגענהייט אומעגליך צו מאכען פאר די חשמונאים יעדע אונטערנעהמונג אין ארץ־ישראל. צו דעם צוועק האט ער צוריק אויפגעבויט די צע־שטערטע אידישע פעסטונגען, ער האט זיי פערשטארקט נאך מעהר און אריינגעבראכט אהין פיעל געוועהר און פראוויאנט. אויסערדעם האט ער זיך פערזארגט, אז דאס פאלק זאל איהם בלייבען געטריי. דאדורך, וואס ער האט גענומען די קינדער פון די אנגעזעהענסטע אידישע משפחות און אריבערגעפיהרט זיי אין דער פעסטונג עקרא, וואו ער האט זיי געהאלטען פאר א משכון. אזוי ארום איז עס געלונגען באקחידעס'ען אין א משך פון איין יאהר (פון 23 ביז [illegible] פאר' חורבן) אויפצוטהון מעהר, ווי די פריהערדיגע גריכישע היפטלייט האבען און זעקס יאהר געקאנט אויפטהון: ער האט אינגאנצען געבראכען דעם בעוואפענטען ווידערשטאנד פון די חשמונאים געגען דער גריכישער מלוכה. מיט וועהטאג האבען אידען געשפירט, אז עס פעהלט זיי דער גרויסער גבור יהודה. ווען דער קעניג דעמעטריאס וואלט געוואלט צווינגען אידען אבצוזאגען זיך פון זייער תורה, האט ער קיין גינסטיגערען מאמענט נישט געקאנט געפינען, דען די אידישע קראפט איז אינגאנצען געווען געבראכען, און זייערע העלדען זענען נישט געווען מעהר אין ארץ־ישראל אויף דער זייט ירדן. דעמעטריוס איז אבער געווען אינגאנצען ערגעבען דעם פריהעליכען לעבען, און ער האט זיך בעגנוגענט בלויז דערמיט, וואס עס איז איהם געלונגען איינצונעהמען צוריק דאס לאנד יהודה און קאן בעקומען פון דארט אבצאהלונגען. דער גרישער הויף האט אויך נאכ'ן טויט פונ'ם כהן־גדול אלקימאס דערוויזען, אז ער טראכט נישט וועגען צווינגען אידען אבצוזאגען זיך פון דער תורה. דער כהן־גדול אלקימאס איז אפילו נישט געווען היליג ביי'ם פאלק, אבער קיין פערביסענער העלעניסט איז ער כלל נישט געווען. ער איז געווען נאר א מענש, וואס האט געליעבט כבוד און מעכטיגקייט. איהם האט מען פארגעווארפען פאלגענדען פערברעכען: פאר'ן הויף פון בית־המקדש האט מען אויסגעבויט א וואנד, די וואנד פון די נביאים, ווי מען פלעגט איהר רופען, וועלכע האט געדארפט דיענען פאר א גרעניץ, איבער וועלכען עס האבען נישט געטארט אריבערטרעטען נישט קיין טמאים, נישט קיין געצענדיענער. די דאזיגע וואנד האט אלקימאס בעפוילען אראבצורייסען, בלי ספק, בדי מעגליך צו מאכען פאר די גריכען אריינצוקומען אין בית־המקדש. דן

פרומע אידען זענען זעהר אויפגעבראכט געווארען געגען איהם פאר דער דאזיגער טהאט, און ווען אלקימאס איז באלד נאכדעם פאראליזירט געווארען און נישט געקאנט בעוועגען די פיס און די הענד, פערליערענדיג אויך די שפראך (229 פאר'ן חורבן), האט מען דערין געזעהען א שטראף פון גאט פאר זיין אראברייסען די וואנד, וועלכע איז בעטראכט געווען ווי א חלול הקודש. באלד נאכדעם איז אלקימאס געשטארבען און דער מעטריאס האט נישט בעשטימט קיין נייעם כהן־גדול, האטש מיט דער דאזיגער שטעלע איז אויך געווען פערבינדען די שטעלע פון א פאליטישען פארשטעהער פון'ם גאנצען לאנד. באקחידעס האט זיך אין דער צייט אויך צוריקגעצויגען פון לאנד יהודה מיט זיין ארמעע, און דאס לאנד איז אין א משך פון צוויי יאהר (229—227 פאר'ן חורבן) געבליעבען גאנץ רוהיג.

די דאזיגע רוהיגע צייט האבען אויסגענוצט די אנפיהרער פון דער חשמונאישער פארטיי, יונתן און שמעון, כדי זיך צו פערשטארקען און בעקומען די מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען, ווען מען וועט ברויכען. זיי האבען שוין געהאט בעפעסטיגט אין דער מדבר פון יריחו א אאזע, נישט ווייט פון'ם ירדן; אויף דער אאזע איז געווען א וואלד מיט א קוואל זיסע קלארע וואסער. די נאהנטקייט פון ירדן האט זיי געדיענט פאר א בעשיצונג, אז דער פיינד זאל אויף זיי נישט אנפאלען פלוצלונג, אדער אויך אויף אן'ארט, וואו צו קאנען פערבארגען זיך אין פאל פון א סכנה, נאך א מעגליכער מפלה. יונתן האט אין יענער צייט אפילו געהאט נישט מעהר ווי די בעדייטונג פון אן'אויפגענומענעם איבער א וואנדער־מחנה, וועלכע מאכט אנפאלען אויף דער ארמעע און צווינגט אויך אפטו דעם אנפיהרער פון דער ארמעע אבצוהאלטען זיך אויף א געוויסער צייט פון קריעג; אבער וויל איהם האט געהערט די סימפאטיע פון אידישען פאלק און זיין שווערד האט ער געהאלטען הויך פאר דער הייליגער פאלקס־זאך, איז זיין איינפלוס געווען זעהר גרויס, און דאס פאלק האט איהם געפאלגט. בלי ספק האט יונתן שטרענג פערפאלגט די אידישע גריכען און געטהיין זיי שאדען נישט ווייניג, דען זיי האבען זיך ווידער בעקלאגט בײ'ם סירישען קעניג, דעמעטריאס, געגען די חשמונאים. ווי געזאגט, איז אבער דעמעטריאס געווען א מענש, וואס האט ליעב געהאט צו לעבען א גוטען טאג; ער איז געווען פויל און אויסגעלאסען. און זיין הויפטמאן באקחידעס האט שוין געהאט פריהער גאנץ גוט פערזוכט דעם ביטערען טעם פון פיהרען מלחמה אין לאנד יהודה מיט די חשמונאים, ארויסטרעטענדיג מיט א רעגעלמעסיגער ארמעע אין א געבירגיג לאנד געגען העלדען, וועלכע קעמפפען מיט מסירות־נפש און פערשווינדען אויגענבליקליך אין די בערג אין יעדען מאמענט, וועלכער ווערט אונגינסטיג פאר זיי; באקחידעס איז דעריבער קיין בעלן נישט געווען באלד ווידער צו געהן מיט זיין ארמעע אין לאנד יהודה. די אידישע גריכען האבען זיך דאן אויסגע־

רופען, אז זיי וועלען אליין נעהמען געפאנגען די חשמונאי'שע אנפיהרער יונתן און שמעון, און ארויסגעבען זיי באקחידעס'ן. מען האט שוין געהאט אויך אויסגעשטעלט די נעץ פאר די צוויי גרויסע אידען, וועלכע האבען געדארפט בויען די אידישע צוקונפט, אבער יונתן און שמעון האבען זיך דערוואוסט בעצייטענס וועגען דעם פעררעטערישען פלאן, און געמאכט איהם צו נישט. פינפציג פערדעטער, וועלכע זענען דערביי איינגעפאלען אין זייערע הענד, האבען זיי אויסגעהרג'עט. באקחידעס, וועלכער האט געהאפט, אז די זאך וועט געלינגען, און ער וועט אינגאנצען קאנען פערטיליגען די חשמונאים, האט ערשט איינגעזעהן, אז ער איז פערוויקעלט געווארען אין א נייער מלחמה. ער האט דעריבער זיך גענומען בעלאגערן די פעסטונג פון די חשמונאים בית חגלה. די חשמונאים האבען שוין איצט אבער געהאט אזוי פיעל קאמפפער, דאס זיי האבען געקאנט צעטיילען זייער מחנה, און יונתן איז מיט איין טייל פון איהר ארומגעגאנגען אויף זייטיגע וועגען באקחידעס'עס ארמעע און האט צשלאגען די העלעניסטען און באקחידעס'עס מחנה, פערשטעלענדיג אויך אלע וועגען, כדי מען זאל נישט קאנען צופיהרען קיין פראוויאנט פאר באקחידעס'ן. שמעון מיט זיין אבטיילונג איז דערווייל אויך ארויסגעגאנגען פון דער פעסטונג און אנגעפאלען אויף באקחידעס'עס לאגער פון פראנט, פערברענענדיג און פערניכטענדיג אלע זיינע בעלאגערונגס-מאשינען. געדריקט אויף אזא אופן פון פארענט און פון הינטען, האט באקחידעס ארא[ב]גענומען די בעלאגערונג פון דער פעסטונג און האט אבגעקיהלט זיין כעס, אוים'הרג'ענענדיג פיעל העלעניסטען, וועלכע האבען איהם צוגערעדט צו געהן פיהרען די מלחמה.

די דאזיגע שטימונג פון סירישען הויפטמאן באקחידעס האט יונתן גערהאלטען פאר גינסטיג, כדי אנצוהויבען פיהרען מיט איהם אונטערהאנדלונגען און האט אין דער ווירקליכקייט געפועלט, אז מען זאל שליסען שלום. די בעדינגונגען זענען געווען, אז יונתן האט געקאנט בלייבען אין ארץ ישראל, נאר נישט אין ירושלים, און וואהנען אין גאנצען לאנד אונגעשטערט; נאך איינגע בעדינגונגען זענען געמאכט געווארען, וועלכע זענען אבער געבליבען אונבעקאנט. אין יונתן האט געהארפט געבען עטליכע מענשען פאר א משכון, אז ער וועט ערפילען זיינע הבטחות. די געפאנגענע, וועלכע מען האט גענומען פון ביידע צדדים, האט מען איצט אויסגעביטען. באקחידעס האט זיך ארויסבעצויגען מיט זיין ארמעע פון לאנד יהודה און האט געלאזען די העלעניסטען, וועלכע זענען געווען מיט איהם פערבונדען, אהן קיין שום שטיצע און בעשיצונג. יונתן האט זיך בעזעצט אין דער בעפעסטיגטער שטאדט מכמש, וואו ער האט פארצייטען געוואהנט אויך דער קעניג שאול. הגם יונתן איז נישט בעשטעטיגט געווארען אפיציעל דורך דעם קעניג דעמעטריאס, פונדעסטוועגען האט דאס גאנצע פאלק איהם בע-

טראַכט פאַר אַ נשיא פונ'ם גאַנצען אידישען פאָלק. און מיט די פיינד
פון פאָלק איז ער זיך בעגאַנגען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. דער
דאָזיגער רוהיגער צושטאַנד, ווען אין לאַנד יהודה האָט דאָס שווערד אוים-
גערוהט, האָט געדויערט לערך פינף יאָהר לאַנג (222 ביז 226 פאַר'ן
חורבן. וואוהין אַזאַ צושטאַנד וואָלט געפיהרט דאָס אידישע פאָלק איז
שווער צו זאָגען; געוויס איז אָבער, אַז דער חשמונאַי'שער חלום ווע-
גען מאַכען אינגאַנצען אומאָבהענגיג און פריי דאָס לאַנד, וואָלט אויף
אַזאַ אופן נישט פערווירקליכט געוואָרען. דאָס לאַנד יהודה האָט גע-
שוועבט צווישען פרייהייט און קנעכטשאַפט, דען אַנטיאָכיען מיט איהר
אַרמעע איז פאָרט געשטאַנען, ווי אַ שרעק-בילד אין דער ווייטען. צום
גליק אָבער איז אין דער סירישער מלוכה פאָרגעקומען אַ וויכטיגע אי-
בערקעהרעניש, וועלכע האָט פערענדערט די גאַנצע לאַגע. די חשמונאים
האָבען זיך געשטאַרקט, יונתן האָט זיך דערשפירט, ווי דער פאָלקסמער
בעל-הבית איבער'ן אידישען לאַנד, וועלכעס ער האָט באַלד פריי געמאַכט
און זעלבסטשטענדיג.

אַנ'אומבעוואוסטער יונגער מאַן פון סמירנאַ, מיט'ן נאָמען אַלעק-
סאַנדער באַלאַס, האָט די דאָזיגע איבערקעהרעניש מיטגעבראַכט. דער
דאָזיגער אַלעקסאַנדער איז געווען זעהר ענליך און געשטאַלט צום
פריהערדיגען סירישען קעניג אַנטיאָכוס אויפאַטאָר, און דעריבער האָט
איהם אויסגענוצט דער קעניג פון פערגאַמוס, אַטאַלוס, און אַרויסגע-
שטעלט אַלס אַ געגען-קעניג פון סירען געגען דעמעטריאַס'ן, וועלכען
ער האָט זעהר געהאַסט. דעמעטריאַס האָט נאָך אַלץ געפיהרט אַ אויס-
געלאַסען לעבען און דאָס פאָלק האָט איהם זעהר פיינד געהאַט, און
דעריבער, ווען אַטאַלוס האָט פערזעהען אַלעקסאַנדער'ען מיט געלד און
מיליטער און האָט איהם אַרויסגעזעצט בײַ'ם ברעג ים אין דער שטאָדט
פטאָלעמאַיס (עכו), האָט דאָס דאָרטיגע סירישע מיליטער זיך איהם
באַלד אונטערגעגעבען. אויך דער רוימישער סענאַט, וועלכער האָט בכלל
געשטרעבט אַרײַנצוברענגען מהומות אין סיריען, האָט איהם אַנערקענט
פאַר אַ מלך איבער סיריען. ערשט דאַמאָלס האָט דעמעטריאַס זיך
אויפגעחאַפּט פון זײַן פוילקייט און אָנגעהויבען זוכען פערבינדעטע און
פרײַנד, וואָס זאָלען איהם שטיצען. קודם-כל האָט ער געטראַכט צו
בעקומען פאַר אַ פרײַנד יונתן חשמונאַי. און זעהר אַ פרײַנדליכען און
ליעבפולען בריעף האָט ער אַנערקענט יונתן פאַר זײַנעם אַ פערבינדעטען
און איהם אויך ערלויבט צו זאַמלען פאַר זיך אַנ'אַרמעע מיט געוועהר.
דעריבער האָט ער בעפוהלען, מען זאָל איהם אַרויסגעבען פרײַ די מע-
שען-משכנות, וועלכע ער האָט פריהער גענעבען, און זיי האָבען גע-
מוזט זיך געפינען אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט אין אַנטיאָכיען. אויך
אין ירושלים האָט ער יונתן ערלויבט צו וואוינען. יונתן האָט נישט
פערזוימט אויסצונוצען די דאָזיגע געלעגענהייט; ער האָט באַלד גע-

אײלט צו קומען קײן ירושלים און פֿערנעהמען די שטאדט און זײן רשות; ער האט אבגעפֿוירט די צובראכענע מויערען ארום שטאדט און בעפֿעסטיגט זײ אזוי, אז מען זאל קאנען זיך אין זײ בעשיצען פֿאר׳ן פֿײנד. די העלעניסטען האבען שוין איצט מורא געהאט, אז זײ זאלען ניט ארײנפֿאלען אין די הענד פֿון זײערע פֿײנד, די חשמונאים, דעריבער האבען זײ זיך צוגעאײלט און פֿערלאזען בשתיקה די שטאדט אינגאנצען, אריבערגעהענדיג אין דער פֿעסטונג בית-צור. אבער אויך אלעקסאנדער באלאס האט געניטיגט זיך אין אונטערשטיצונג מן הצד, און האט געשיקט זײנע שלוחים צו יונתן. ער האט בעשטימט יונתן פֿאר א כהן-גדול און געשיקט איהם א פורפורנעם מאנטעל מיט א גאלדענער קרוין און האט איהם ערקלערט דאדורך פֿאר א געוועלטיגער איבער׳ן לאנד יהודה און אלם פֿרײנד פֿון קעניג, וועלכער דארף נאר זײן אונטערטעניג די מלכים פֿון סיריען. אין יום-טוב סכות (222 פֿאר׳ן חורבן) האט יונתן צום ערשטען מאל אנגעטהון די קלײדער פֿון א כהן-גדול און ערפֿילט די עבודה אין בית-המקדש. ער איז געװען דער ערשטער כהן-גדול פֿון די חשמונאים, וועלכער איז געוועזען כהן-גדול ניט אויף א קורצע צײט, נאר אויף שטענדיג, ביז זײן טויט. דאס לאנד יהודה, וועלכעס איז געװען פֿריהער טיעף ערניעדעריגט און כמעט געשטאנען בײ׳ם אבגרונד פֿון אונטערגאנג, איז אזוי ארום דערהויבען געווארען נאר א דאנק דער גבורה און מוטיגקײט פֿון א קלײנער מחנה, וויאס האט געפֿיהרט אנ׳ערביטערטען קאמפּף מיט גרויסער מסירות-נפש אין א משך פֿון צוואנציג יאהר. אנשטאט דעם, וואס פֿריהער איז דאס לאנד יהודה געװען קנעכטיש אונטערגעגעבען א פֿרעמדער מאכט, אין צווײ קעניגליכע הײזער, מצרים און אנטיאכיען, האבען געקעמפּפֿט איבער דעם, וועמען עם זאל געהערען די הערשאפֿט איבער איהם, איז עם איצט געווארען א פֿרײ לאנד, וואס האט געהאט א געוויסע פּאליטישע בעדײטונג און א קראפֿט.

אינ׳ם משך פֿון זײן נײן-יעהריגער רעגירונג (פֿון 222 ביז 214 פֿאר׳ן חורבן) האט יונתן פֿערשטאנען צו פֿערגרעסערען די מאכט און בעדײטונג פֿון אידישען פֿאלק. מיט א ריכטיגען בליק האט ער דערקענט, וועמען ער דארף שטיצען אינ׳ם קאמפּף איבער דער סירישער קרוין און אויף וועמענס צד ער דארף זיך צו שטעלען. ער האט אונטערגעשטיצט אלעקסאנדער באלאס, חאטש דעמעטריאס האט איהם געמאכט גלענצענדע הבטחות. דעמעטריאס האט נעמליך געשריבען ווידער א בריעף „צום אידישען פֿאלק“, אלזא ניט צום נשיא יונתן, וועלכען ער האט ניט געוואלט דערמאהנען, ווײל אלעקסאנדער האט איהם שוין געהאט געגעבען דעם דאזיגען טיטול. און זײן בריעף ערקלערט ער, אז ער וועט בעפֿרײען דאס אידישע פֿאלק פֿון די מעהרסטע אבצאהלונגען, און דרײ געגענדען, וועלכע זענען פֿעראײניגט געווארען

מיט שומרון, וועט ער צוריק אבגעבען דעם לאנד יהודה; ירושלים האט ער ערקלערט פאר א פריי־שטאדט און א שיצונגס־ארט פאר יעדערען וואס קומט אין איהר אריין; די וויכטיגע פעסטונג אקרא, וואו עס האבען זיך אויפגעהאלטען די גריכען און די העלעניסטען, ווערט אבגעגעבען צוריק דעם אידישען פאלק. ווייטער איז ער מבטיח, אז ער וועט געבען פון קעניגליכען אוצר די הוצאות, וועלכע מען דארף האבען אויף אויסצוהאלטען דעם בית־המקדש, און ער האט אפילו אויך אבגעגעבען דערויף אלע הכנסות פון דער שטאדט עכו מיט איהר אומגעגענד — זי האט זיך איצט געפונען אין דער מאכט פון זיין פיינד, אלעקסאנדער. — אידען מעגען צוזאמענשטעלען זייערע א מיליטער, וועלכעס וועט אויסגעהאלטען ווערען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה, און אידישע קעמפפער וועלען קאנען דערהויבען ווערען פאר הויפטלייט, גלייך מיט די סירער. דאס אידישע מיליטער — סך־הכל 30 טויזענד מאן — דארף איהם, נאטירליך, דיענען אלס הילפס־מחנה, כדי צו געהן קעמפפען איצט געגען זיין געגנער. דעמעטריאס האט אויך מבטיח געוועזען אלע מעגליכע פרייהייטען פאר די אידען, וואס האבען געוואהנט נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נאר אויך אין זיינע אנדערע מדינות; זייערע שכנים וועלען זיי שוין מעהר נישט דריקען; אום שבת, ווי אויך יום־טוב, דריי טעג פריהער און נאכדעם, טאר מען זיי נישט רופען צום געריכט. נאך עהנליכע הבטחות האט דעמעטריאס מבטיח געוועזען אידען אין זיין איצטיגער נויט, אבער דאס אידישע פאלק האט זיך נישט געלאזען אונטערקויפען דורך די שעינע הבטחות, בפרט נאך, ווען מען האט איינגעזעהען פונ'ם טאן, אין וועלכען דער בריעף איז געשריבען געוועזען, אז דעמעטריאס בעמיהט זיך אבצווענדען דאס הארץ פון אידישען פאלק פון זיין נשיא יונתן. דער נשיא ווידער האט צוגעגעבען דעמעטריאס'ען, אז ער זאל וועלען גלויבען אין די הבטחות, מיט וועלכע יענער האט אזוי רייך געשאטען איצט, ווען ער איז געוועזען אין דער נויט. ער האט זיך דעריבער פעסטגעהאלטען אן אלעקסאנדער'ן, ביז יענער האט מנצח געוועזען און איז געווארען מלך פון סיריען. אויך שפעטער האט יונתן נישט געהאט קיין גרונד חרטה צו האבען פאר זיין שריט, דען דער סמירנער יונגערמאן איז, ווערענדיג א קעניג, געבליבען דאנקבאר פאר זיינע טובות דעם נשיא, און האט איהם אבגעגעבען גרויס כבוד, ארויסווייזענדיג גאנץ דייטליך, ווי פיעל ער האט איהם צו פערדאנקען פאר זיין מיטהעלפען איהם אין דער קריטישער צייט. און ווען אלעקסאנדער איז געקומען קיין עכו, צו בעגעגענען זיך דארט מיט'ן קעניג פון מצרים, פטאלאמעאוס דעם זעקסטען, וועלכער האט איהם געבראכט זיין טאכטער פאר א פרוי, און מען האט דארט געדארפט פייערען די חתונה, האט ער אויך איינגעלאדען צו זיך יונתן האט איהם בעהאנדעלט, ווי זיינעם א גלייכען, געבענדיג איהם

כבוד, ווי א מלך. פאר יונתן איז עס געוועזן אנ'אמת'ע פרייד צו זיצען איצט צוזאמען מיט מלכים פון צוויי מלוכות, וועלכע האבען יאהרען־לאנג געפיהרט קריעג איינע מיט דער אנדערער וועגען זיין לאנד, וועמען עס זאל געהערען, און איצט איז ער געזעסען צווישען זיי, ווי א גלייכער, פרייער קעניג. אין דער גאנצער צייט, וואס אלעקסאנדער באלאס האט געקעניגט (222 ביז 216 פאר'ן חורבן) האט זיך דאס לאנד יהודה אויס־געהיילט אינגאנצען פון די שווערע וואונדען, וואס זי האט בעקומען אין דער צייט פון דער טיראניע און פערדעטערייע. איצט האט דאס אידישע פאלק שוין געקאנט ארויסשטעלען גוטע צעהן טויזענד בעוואפענטע סאלדאטען.

פאר אלעקסאנדער'ס פריינדשאפט האט איהם יונתן געצאהלט מיט אמת'ער געטרייהייט. ווען דעמעטריאס דער צווייטער, מיט'ן בייאנאמען ניקאטאר, דער זוהן פון דעמעטריאס דעם ערשטען, איז ארויסגעטראטען געגען אלעקסאנדער'ן און געפאדערט פון איהם זיין טהראן צוריק, האט יונתן נאך אלץ געשטיצט אלעקסאנדער'ן, חאטש זיין לאגע איז שוין געוועזן זעהר א שווערע, און דרום צוזאמען מיט מצרים האבען זיך פון איהם אבגעזאגט און נישט געגעבען איהם קיין שטיצע. יונתן איז ארויסגעטראטען געגען דעמעטריאס'עס הויפטמאן, אפאלאניוס דאאס, אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים און האט בעלאגערט די האפען שטאדט יפו, וואוהין אפאלאניוס האט אריינגעפיהרט זיין ארמעע. די אידען אין יפו האבען געעפענט די טויערען פון שטאדט פאר יונתן און ער האט דארט אריינגעזעצט זיין מיליטער. פון דארט איז ער גע־גאנגען קיין אשדוד, די שטאדט פון פלשתים, וועלכע האט זיך געהאט איבערגעגעבען צו אפאלאניוס. יונתן האט די שטאדט אשדוד איינגע־נומען און האט דארט פערברענט דעם טעמפעל פונ'ם אבגאט דגון; פון דארט איז יונתן געגאנגען אויף אשקלון, וועלכע ער האט איינגע־נומען אהן בלוט־פערגיסונג. פאר די דאזיגע נצחונות האט אלעקסאנדער בעשאנקען יונתן מיט דער שטאדט עקרון און איהר גאנצער סביבת (217 פאר'ן חורבן), וועלכע האט פון דאמאלס אן געהערט צום לאנד יהודה.

די גרויסע מהומה, וואס האט דאמאלס אויסגעבראכען אין סיריען, וואו איין טייל פון פאלק האט זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון דעמעטריאס דעם צווייטען און דער אנדערער איז געבליבען געטריי אלעקסאנדער'ן — אט די צייט האט געוואלט אויסנוצען יונתן, כדי צו בעפרייען זיך אינגאנצען פון די אידישע גריכען, וועלכע האבען זיך נאך אלץ גע־האלטען אין דער פעסטונג אקרא, און האבען געפיהרט אינטריגעס געגען דער נאציאנאלער פארטיי. אין זייער שווערער לאגע האבען די אידישע גריכען זיך ווידער געווענדעט מיט א ביטע נאך הילף צום סירישען קעניג, צו דעמעטריאס דעם צווייטען. תחלת האט דעמעטריאס

געשיקט א שטרענגען בעפעהל צו יונתן, אז ער זאל באלד אבטרעטען פון דער פעסטונג, אבער יונתן האט זיך ווייניג וואס דערשראקען. די בעלאגערונג פון דער פעסטונג האט ער נישט ארונטערגענומען, אנשטאט דעם איז ער אליין מיט פיעל כהנים און אנגעזעהענע לייט געגאנגען אין עכו צו דעמעטריאס'ען און געבראכט פיעל מתנות. דעמעטריאס האט איינגעזעהן, אז עס לוינט פאר איהם צו האבען יונתן פאר א גוטען פריינד, דעריבער האט ער איהם בעשטעטיגט פאר א כהן־גדול און פאר א נשיא. יונתן האט געוואוסט, אז דעמעטריאס האט נישט קיין געלד, דעריבער האט ער עס אויסגענוצט פאר דער אידישער טובה, דען ער האט ביי איהם אבגעקויפט פאר דריי הונדערט טאלענטען זילבער די בעפרייאונג פון אבצאהלונגען פאר יהודה און אויסערדעם האט ער נאך בעקומען די דריי געגענדען: לוד, רמה, אפרימה, וועלכע האבען געהערט צו שומרון. אבער נישט קוקענדיג אויף דער פייערליכער הבטחה, האט דעמעטריאס באלד חרטה בעקומען, וואס ער האט בעפרייט דאס לאנד יהודה פון אבצאהלונגען, דען די סירישע מלכים האבען זיך ביז'ן סוף נישט געקאנט אבזאגען פון זייער שענער מדה צו געבען הבטחות און שטענדיג צו בלייבען זייער פאלש און ברעכען זייערווארט. באלד אבער האט די אידישע ארמעע געפייערט א נצחון גאר אונערווארטעט, צו קענען בעצאהלען דער סירישער הויפטשטאדט אנטיאכיען מיט דערזעלביגער חרפה, וועלכע די סירייער האבען פיעל מאל אנגעטהון דער שטאדט ירושלים. דער נייער סירישער קעניג, דעמעטריאס דער צווייטער, האט מיט זיינע מעשים דערוועקט געגען זיך די אונצופריעדענהייט פון די איינוואהנער אין אנטיאכיען, און זיי האבען איהם בעלאגערט אין זיין פאלאץ. דעמעטריאס'עס ארמעע האט שוין א לאנגע צייט נישט בעקומען קיין געצאהלט פאר איהר דיענסט, דעריבער האט זי זיך אבגעזאגט צו קומען צו הילף דעם קעניג. אין זיין געדריקטער לאגע, האט דעמעטריאס געבעטען יונתן, צו שיקען איהם אידיש מיליטער, כדי ארויסצוראטעווען איהם פון דער בעלאגערונג. יונתן האט באלד געשיקט דעם סירישען קעניג דריי טויזענד אידישע סאלדאטען, וועלכע האבען אונטערגעצונדען און פערברענט א טייל פון דער סירישער הויפטשטאדט און געצוואונגען די איינוואהנער און דאס מיליטער צו בעפרייען דעם קעניג. אבער ווי נאר דעמעטריאס איז דורך אידען בעפרייט געווארען, האט ער פערגעסען זייער טובה און בעהאנדעלט זיינע בעפרייער אויפ'ן שענדליכסטען אופן. יונתן איז זעהר ערביטערט געווארען איבער דער דאזיגער פאלשקייט און דעריבער איז ער פון איהם גאר אבגעפאלען. דען אין יענער צייט האט זיך דערהויבען געגען דעמעטריאס'ען א פריינד פונ'ם געוועזענעם קעניג אלעקסאנדער באלאס, דיאדאטאס טריפאן, וועלכער האט איינגעזעהען, אז די פיינדשאפט פון פאלק שטארקט זיך זעהר געגען דעמעטריאס'ען, און

דעריבער האָט ער אױפֿגעהױבען געגען איהם אַ בונט. פֿאָדערנדיג דעם טהראָן פֿאַר'ן יונגען פּרינץ, אַלעקסאַנדער'ס זוהן, װעלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען אַנטיוכוס דער פֿינפֿטער. טריפֿאָן אַלײן איז געװאָרען אַפּעקון בײ'ם יונגען קעניג. יונתן האָט זיך איצט דערמאָהנט די גרױסע פֿרײנדשאַפֿט, װאָס איז געװען צװישען איהם מיט אַלעקסאַנדער, און ער איז איבערגעגאַנגען אױף זײן קינד'ס צד. פֿאַר'ן דאָזיגען שריט האָט דער נײער קעניג, אָדער בעסער, זײן אַפּעקון, פֿון דאָס נײ בעשטעטיגט יונתן פֿאַר אַ כהן־גדול. אױך די אַלע לענדער, װאָס אַלעקסאַנדער האָט פֿריהער אָבגעגעבען דעם לאַנד יהודה, האָט מען איצט נאָך אַ מאָל בײ־שטעטיגט, אַז זײ געהערען צו יונתן. אױסער דעם האָט מען יונתן ערלױבט צו טראָגען אַ פּורפּור־קלײד מיט אַ גאָלדענעם גאַרטעל, אַלס סימן, אַז ער איז אַ פֿרײער הערשער. יונתן'ס ברודער, שמעון, איז אױפֿגענומען געװאָרען פֿאַר אַ סירישען הױפּטמאַן און בעשטימט פֿאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער דעם גאַנצען פּלאַכען לאַנד בײ'ם ברעג פֿון מיטעללענדישען ים, פֿון גרעניץ פֿון פֿעניקיען ביז'ן לאַנד מצרים. בײדע ברידער די חשמונאים האָבען געקעמפֿט מיט גבורה פֿאַר'ן יונגען מלך אַנטיוכוס דעם פֿינפֿטען, דעם זוהן פֿון באַלאַס, װײל זײ האָבען געװאוסט, אַז דורך איהם װעט יהודה קאָנען װערען אינגאַנצען פֿרײ און אומאָב־העניגיג.

אין יענער צײט האָט דער געװעזענער סירישער קעניג דעמעט־ריאָס װידער פֿערזאַמעלט אַ גרױסען חיל, כּדי צוריק צו בעקומען פֿאַר זיך דעם סירישען טהראָן. די ערשטע זאַך האָט ער געװאָלט נעהמען נקמה אָן יונתן, פֿאַרװאָס ער האָט זיך פֿון איהם אָבגעװאָרפֿען. דעמעטריאָס איז אַרײנגעקומען אין צפֿון־קאַנט פֿון ארץ־ישראל און, אָבשטעלענדיג זיך אין קדש (אין גליל), האָט ער אױסגעשטעלט זײנע מחנות אױף די אַרומיגע בערג. באַלד האָט אױסגעבראָכען אַ מלחמה צװישען איהם מיט יונתן'ס אַרמעע און אַ גרױסע אידישע מחנה איז אינגאַנצען צו־שלאָגען געװאָרען; געבליבען זענען פֿון איהר נאָר צװײ הױפּטלײט: מתתיהו דער זוהן פֿון אבשלום און יהודה דער זוהן פֿון חלפי. אָבער יונתן האָט זיך געשװינד װידער געשטאַרקט און פֿערזאַמעלט זײנע צולאָפֿענע מחנות. באַלד נאָכדעם האָט ער געבראַכט דעמעטריאָס'ען אַ גרױסע מפּלה נעבען קדש נפתלי. בכלל האָט די הצלחה װידער אָנגעהױבען שײנען פֿאַר די חשמונאים אין מלחמה; זײ האָבען בעלאַגערט און אײנגענומען פֿיעל שטעדט, ביז זײ זענען לסוף געקומען אַזש קײן דמשק, װעלכע זײ האָבען אײנגענומען אָהן בלוט־פֿערגיסען. אױך אױף דער פֿעסטונג בית־צור, װאו עס זענען געװען די אידישע גריכען, האָט שמעון חשמונאי געמאַכט אַ בעלאַגערונג און לסוף האָט ער זי אײנ־גענומען און בעזעצט דאָרט די פֿרומע אידען. שמעון חשמונאי האָט פֿון זײן זײט אױך געװאָרפֿען אַן אימה אױף אַלע שטעדט אַרום דעם

מיטעללענדישען ים. און יפו האט ער אריינגענומען און בעזעצט זעהר פיעל פרומע אידען, ווייל ער האט מורא געהאט, אז די דאָרטיגע יונים זאָלען די שטאדט נישט איבערגעבען דעמעטריאס'ן און די הענד. אויסער דעם איז פאר אידען די דאָזיגע שטאָדט געוואָרען זעהר וויכטיג, ווייל זי איז געוואָרען דער שליסעל פון ירושלים. מעהר פאר אלץ האבען אבער די חשמונאים געזאָרגט פאר'ן בעפעסטיגען די שטאדט ירושלים. זיי האבען אויפגעהויבען פון אלע זייטען די מויערען ארום שטאדט; זיי האבען אנגעשיט און מיטען שטאדט, געגענאיבער דער פעסטונג אקרא, א בארג, כדי אוממעגליך צו מאכען דעם ארויסגאנג פון דאָרט פאר די אידישע גריכען. בעלאגערן די פעסטונג אקרא און איינגעהמען זי מיט געוואלד האט יונתן נאָך נישט געפונען פאר נויטיג. סאלדאטען האט דאס לאנד יהודה שוין געקאנט ארויסשטעלען און דער צייט (213 פאר'ן חורבן) ביז 40 טויזענד, אויסגעצייכענט-בעוואפענטע און גוט-געאיבטע.

די ווייטערדיגע געשעהענישען האבען בעוויזען זעהר גוט, ווי גערעכט עס זענען געווען די חשמונאים מיט זייער פארזיכטיגקייט, וואס זיי האבען נישט אויפגעהערט צו בעפעסטיגען דאס לאנד און פערגרעסערען די אידישע ארמעע, נישט פערלאזענדיג זיך אויף די אלע יענע גוטע הבטחות, וואס דער אדער יענער מלך האט זיי געמאכט. אויף א העכסט-טרויעריגען אופן האט זיך ארויסגעוויזען די ריכטיגקייט דערפון מיט די גרויסע טובות און הבטחות פון דיאדאטאס טריפאן. יונתן האט זעהר פיעל געפיהרט מלחמות פון זיינעטוועגען און געשטיצט איהם, און געטהון האט דאס יונתן, נאטירליך, פאר'ן זוהן פון זיין פריינד אלעקסאנדער, אבער ווי נאר טריפאן האט דערשפירט די מאכט איבער סיריען און זיין האנד, האט ער זיך מישב געווען און זיך גאר געלאזען אליין אויסרופען פאר א מלך איבער סיריען. ווייל ער האט אבער געוואוסט, ווי געטריי עס האט געהאלטען יונתן מיט'ן יונגען קעניג, אלעקסאנדער'ס זוהן, האט ער בעשלאסען צו בעזייטיגען יונתן. דאס לאנד יהודה איז געווען צו־שטארק און זיינע אויגען, ווען אבער ער וועט יונתן דערהרג'ענען, האט ער געגלויבט פריי צו ווערען פון א שטארקען געגנער. ווי אזוי מאכט מען דאס אבער? אנצופאלען אויף יונתן אפען מיט א מלחמה האט ער געהאלטען פאר געפעהרליך, ער האט זיך דעריבער גענומען פאר פאלשקייט, און עס איז איהם אויך דער ווירקליכקייט געלונגען אבצונארען דעם קלוגסטען חשמונאי. ווען יונתן האט זיך דערוואוסט, אז טריפאן איז געקומען מיט א גרויסער ארמעע קיין בית־שאן (Scythopolis), איז ער איהם ארויסגעקומען אויף קבלת־פנים מיט זיין גאנצער ארמעע פון 40 טויזענד מאן, כדי צו בעוויזען איהם, אז אויב עס זאל איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנקען צו שלאגען זיך מיט אידען, זענען גענוג שטארק צו

שטעלען זיך געגען איהם. טריפאן האט איהם אבער אויפגענומען זעהר
פריינדליך און האט איהם געגעבען פיעל מתנות. ער האט איהם אויך
פערזיכערט, אז ער וויל איהם אבגעבען די שטאדט עכו. דערביי האט
ער איהם געראטען אבצושיקען דאס אידישע מיליטער צוריק און אליין
האט ער איהם איינגעלאדען צו געהן מיט איהם קיין עכו. יונתן האט
איהם געגלויבט און אבגעשיקט דאס מיליטער צוריק. מיט זיך האט
ער גענומען נאר דריי טויזענד מאן, אבער טריפאן האט איהם איינגע־
רעדט, אז ער זאל אבשיקען צוריק נאך צוויי טויזענד מאן; דערביי
האט ער איינגעארדענט, אז ווי נאר יונתן וועט אריינקומען מיט זיינע
טויזענד מאן אין עכו, זאל מען זיי אלעמען דער'הרג'ענען. באלד נאכ־
דעם האט ער אויך געשיקט פיעל מחנות, נאכצויאגען דאס אבגעגאנ־
גענע אידישע מיליטער. די אידישע ארמעע האט זיך אבער באלד
דערפון דערוואוסט און האט זיך אויסגעשטעלט גרייט צום קאמפף. אזוי
ארום האבען די אידען געצוואונגען זייערע פערפאלגער, וואס טריפאן
האט זיי נאכגעשיקט, אומצוקעהרען זיך צוריק. ווען די אידישע מחנה
איז געקומען קיין ירושלים און געבראכט די שרעקליכע ידיעה וועגען
טריפאנ'ס שענדליכער טהאט, האט אין שטאדט אויסגעבראכען א שרעק־
ליכער טרויער. מען האט געמיינט נישט אנדערש, אז יונתן מיט זיינע
טויזענד מאן זענען שוין אויסגע'הרג'עט געווארען. עס האט אויסגע־
וויזען, אז מען שטעהט ווידער פאר א פערקנעכטונג ביי סיריען מיט
אלע איהרע טרויעריגע מעשים און שרעקעניששען. מען האט אויך גע־
גלויבט, אז אין טריפאנ'ס פאלשקייט שטעקט די פערראטעריי פון די
אידישע גריכען. אין דער ווירקליכקייט, איז טריפאן געשטאנען געהיים
אין פערבינדונג מיט'ן רעשט פון די אידישע גריכען, און, ווי עס שיינט,
האט ער זיי צוגעזאגט, צו געבען הילף אין דער פעסטונג אקרא, ווען
ער וועט בעלאגערן אויף ירושלים. די געפאהר איז אלזא פארגעשטאנען
פאר אידען פון צוויי זייטען: פונ'ם פיינד טריפאן, וועלכער האט גע־
קאנט קומען צו ירושלים, און פונ'ם פיינד פון אינוועניג אין דער פעסטונג
אקרא. און אט אין דער שרעקליכער לאגע איז ווידער ארויסגעטראטען
איינער פון די ברידער חשמונאים, שוין דער לעצטער פון די גרויסע
העלדען, דער אלטער שמעון חשמונאי, מיט'ן ביינאמען התרסי, וועלכער
האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל יוגענדליכען מוט און גבורה, אז ער האט
ווידער אויפגעהויבען ביי'ם פאלק די אמאליגע התלהבות און איהם
געגעבען א פעסטען בטחון אין א נצחון. שמעון האט פערזאמעלט דאס
גאנצע פאלק צום הר־הבית, — צום בארג, וואו דער בית־המקדש איז
געשטאנען, און אויסגערופען: „ברידער! איהר ווייסט דאך, וואס פאר
א מלחמות מיר האבען געפיהרט, און די גרויסע בעמיהונגען און שווי־
ריגקייטען, וועלכע מיר האבען איבערגעטראגען. זעהט. אלע מיינע
ברידער זענען געפאלען אין קאמפף פאר אונזער פאלק און פאר אונ־

זערע הייליגטימער. מיט וואס־זשע בין איך בעסער פאר זיי. איך בין גרייט!" ביי די דאזיגע ווערטער פונ'ם אלטען גבור האט דאס גאנצע פאלק אויסגערופען איינשטימיג: „זיי אונזער פיהרער, ווי יהודה און יונתן, דיינע ברידער!" אזוי ארום איז שמעון אויסגערופען געווארען פאר א מנהיג פון אידישען פאלק, און זיין ערשטע זאך איז געווען צו פערזאמלען די גאנצע אידישע ארמעע און פערשטעלען אלע אריינגאנגען אין ארץ־ישראל, ווי אויך צו בעפעסטיגען ירושלים, כדי צו זיין זיכער פאר'ן פיינד פון אויסענווייניג. אין ירושלים גופא האט ער פערשטארקט די שמירה ארום דער פעסטונג אקרא, כדי נישט צו דערלאזען די אידישע טריבען צו קומען אין פערבינדונג מיט'ן פיינד פון אויסענווייניג. אויסער דעם האט ער געשיקט זיין הויפטמאן יונתן, אבשלום'ס זוהן מיט א גרויסער מחנה קיין יפו, כדי נישט צו דערלאזען דעם פיינד אריינצוקומען אין ארץ־ישראל מיט'ן ים; אליין ווידער איז ער אבגעגאנגען מיט א מחנה קיין חדידה, כדי נישט צו דערלאזען דעם פיינד אריינצוקומען אין ארץ־ישראל דורכ'ן פלאכען לאנד, וואס ביי'ם ברעג ים.

אין דער ווירקליכקייט האט טריפאן געוואלט פלוצלונג אנפאלען אויפ'ן לאנד יהודה באלד אינ'ם ערשטען מאמענט, ווען אלע וועלען נאך דארט געפינען זיך אונטער'ן ערשטען איינדרוק פון זיין שענדליכער טהאט און מען וועט זיך נאך נישט האבען צוגעגרייט צו פערטיידיגען זיך. יונתן האט ער געפיהרט געפאנגען מיט זיך, ווייל ער האט געהאפט, בעסער צו קאנען ווירקען אויף אידען, סטראשענדיג זיי מיט'ן טויט פון זייער געליעבטען נשיא. זוען ער האט אבער דערהערט, אז אידען האבען זיך אויסגעקליבען פאר א נייעם אנפיהרער דעם גבור שמעון, האט ער ווידער אנגעהויבען פיהרען חיטרע אונטערהאנדלונגען. ער האט ערקלערט, אז ער האט גענומען יונתן פאר א משכון, כדי צו בעקומען די הונדערט טאלענטען אבצאהל, וואס אידען זענען שולדיג געווען דעם קעניגליכען אוצר, אין ער האט צוגעזאגט, אז אויב מען וועט איהם אבצאהלען דאס געלד און געבען פאר א משכון יונתן'ס צוויי זיהן, וועט ער דעם געפאנגען־גענומענעם בעפרייען. חאטש שמעון האט איינגעזעהען די פאלשקייט פון טריפאן, האט ער דאך פונדעסטוועגען איינגעשטימט אויפ'ן פארשלאג, כדי ער זאל דערנאך נישט האבען צו זיך אליין קיין טענה, אז ער האט מיטגעבראכט דעם ברודער'ס טויט. טריפאן האט דאס געלד מיט די זיהן בעקומען, אבער די מלחמה האט ער דאך געפיהרט ווייטער. די אידישע ארמעע האט איהם אבער פערשטעלט דעם וועג. ער האט דעריבער געוואלט געהן מיט א זייטיגען וועג, אום אריבערצוגעהן די בערג פון יהודה, אבער דאס גליק האט זיך פון איהם אבגעטהון. אויפ'ן וועג איז ארויסגעפאלען א געדיכטער שניי, וועלכער איז אין יענער הייסער געגענד זעהר

א זעלטענע ערשיינונג. טריפאן האט דעריבער נישט געקאנט געהן איבער די בערג פון יהודה און איז געווען געצוואונגען אריבערצוגעהן דעם ירדן, כדי צו קומען קיין סיריען דורכ'ן לאנד גלעד. זעהענדיג, אז אלע זיינע פלענער זענען איהם נישט געלונגען, האט ער אויסגעלאזען זיין כעס צום אלטען יונתן חשמונאי, וועלכען ער האט דער'הרג'עט אין באסקאמא (212 יאהר פאר'ן חורבן), און ערשט שפעטער האט שמעון געבראכט זיין דער'הרג'עטען ברודער קיין מודיעין, וואו ער האט איהם מקבר געווען אין די קברים פון זיינע הייליגע עלטערן, די חשמונאים. דאס גאנצע אידישע פאלק האט טיעף געטרויערט נאכ'ן געליעבטען נשיא. אט אזוי האט געענדיגט דער פיערטער זוהן פון מתתיהו חשמונאי, וועלכער האט אויפגעטהון פאר אידען נאך מעהר פאר אלע זיינע ברידער, דען ער האט דערהויבען די אידישע מדינה פון טיעפען אבגרונד צו אזא הויך, אז זי האט שוין איצט געקאנט שטייגען ווייטער אויך נאר ביי מעסיגער הצלחה, ביז וואנען זי האט זיך אינגאנצען בעפרייט פון דער פרעמדער הערשאפט און געווארען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

יהודה המכבי איז איבערגעשטיגען אלע זיינע ברידער מיט זיין גרויסער גבורה, און ער האט געלאזען נאך זיך א נאמען פון א „גבור־מלחמה“. יונתן האט אבער זיין פאלק געגעבען מאכט און איינפלוס, אז עס זאל זיך שוין אליין קאנען דערהויבען און וואקסען. אויפגעטהון האט דאס יונתן דורך זיין פאליטישען פערשטאנד און זיין טיעפער חכמה. זיין משפחה האט ער דערהויבען דורך דער כהונה־גדולה און דער נשיאות, וועלכע האט זיך איהם אליין געגעבען אויף א נאטירליכען אופן.

אין דער זעלביגער צייט אבער, ווי די אידישע מלוכה האט זיך ענטוויקעלט דורך פאליטישע קעמפפען און איז געווארען פריי און זעלבסטשטענדיג צווישען די פעלקער, האט זיך אין אנ'אנדער ארט, גאר אויף א פרעמדען באדען, ענטוויקעלט די אידישע תורה און איז אזוי טיעף, ברייט און גרויס געווארען, אז זי האט געמוזט בעקומען א שטארקען איינפלוס אויפ'ן גאנצען גאנג פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. די פאליטישע ענטוויקלונג פון יודענטום איז פארגעקומען אין לאנד יהודה, די קולטורעלע — אין מצרים.

די אידען אין מצרים.

דאס וואונדערלאנד אויפ'ן טייך נילוס, וואס איז אין די גאנץ אלטע צייטען געווען די וויעג און די שולע פון לײדען פאר'ן אידישען פאלק, איז אין דער איצטיגער עפאכע געווארען די שולע פון חכמה פאר דער אידישער נאציאן. ווי פריהער אונטער פרעה'ן, אזוי איז אויך איצט אונטער די גריד

בישע הערשער איבער מצרים דאס בעזעצען זיך פון אידען אין מצרים זעהר ערלייכטערט געוואָרען. מען האט דא געגעבען אידען אלערליי הנחות, און זיי האבען זיך פערהעלטניסמעסיג אין א קורצער צייט פערשפרייט איבערגאנצען קאנט, פון מדבר לידיען אין צפון־זייט ביז'ן לאנד עטיאָפיען (כוש) אין דרום. און אויך, ווי פריהער די אבות, האבען זיך אידען איצט אין מצרים געמעהרט פון טאג צו טאג, טייליווייז, דורכ'ן פורכפערען זיך אין, טייליווייז, דורכ'ן צוקומען פון נייע אויסוואנדערער פון ארץ־ישראל. אין א משך פון איין יאהרהונדערט האט די אידישע בעפעלקערונג אין מצרים שוין געהאט לערך א מיליאן נפשות. אינ'ם לאנד קירענאיקא, וועלכע איז געווען א מצרים'ער פראָווינץ, ווי אויך אין יענע ערטער פון ליבישען מדבר, וואו מען האט געקאנט וואהנען, זענען געווען אין די שטעדט אנגעזעהענע אידישע קהלות, וועלכע זענען ענטשטאנען פון א אידישער קאָלאָניע, וואס עס האט אהין פערפלאנצט דער קעניג פטאלאמעאוס דער ערשטער. אין מצרים און אין קירענאיקא האבען די אידען געהאט די זעלבינגע רעכט, ווי די דאָרטיגע גריכישע איינוואהנער, און אידען זענען אזוי שטאָלץ געווען מיט דער דאָזיגער גלייכבערעכטיגונג, אז זיי האבען איהר בעשעצט, ווי דעם שווארצאפעל פון אויג. א לאנגע צייט האבען אידען זיך געוואהנט אינ'ם לאנד רוהיג, נישט מישענדיג זיך אין די פאָליטישע געשעהענישען. אבער ווען די בעציהונגען צווישען די קעניגליכע הויפען פון מצרים און סיריען זענען געוואָרען פיינדליכע, האט יעדער פון די קעמפפענדע צדדים זיך בעמיהט צו בעקומען אידען אויף זייער צד, און אזוי ארום זענען אידען אריינגעשלעפט געוואָרען אין פאָליטישען לעבען. די אידען אין מצרים זענען שטענדיג געווען געטרייע אנהענגער פון פטאלאמעאוס'עס קעניגליך הויז און האבען איהם געשטיצט אויף וויפיעל זיי האבען געהאט ביכולת, און דעריבער האט דער זעקסטער קעניג פון פטאלאמעאוס'עס הויז, פילאמעטאָה, אויפגענומען זעהר פריינדליך די פיעל אידען, וועלכע זענען ענטלאפען געוואָרען פון ארץ־ישראל אין דער צייט פון די שמד־גזרות פון אנטיוכוס עפיפאנעס. צווישען די ענטלאפענע זענען אויך געווען דער זוהן פון כהן־גדול חוניו דעם דריטען און אנדערע זעהר הויכגעשטעלטע אידען. לויט דער פאָליטיק פון קעניגליכען הויף פון מצרים, האט מען די אידען פון ארץ־ישראל געדארפט אויפנעהמען פריינדליך אין מצרים, ווייל דורך זיי איז געווען א האָפנונג ווידער אבצורייסען דאס לאנד יהודה פון סיריען און אומקעהרען עס צוריק צו מצרים, ווי פריהער, איידער אנטיוכוס דער גרויסער האט עס איינגענומען פאר זיך. ס'פערשטעהט זיך, אז מען האט אין מצרים אויך אזוי וועניג ווי אין סיריען געקאנט דאמאלס פאראויסזעהען, דאס די מלחמות פון די חשמונאים זאָלען קאנען פיהרען דערצו, אז דאס לאנד יהודה זאל גאר ווערען אונאבהענגיג פון עמיצען און פאָליטיש זעלבסטשטענדיג.

די גרעסטע אידישע קהלה אין מצרים איז דאמאלס געווען אין אלעקסאנדריען—א שטאדט, וואס איז, נאך רוים, געווען די צווייטע אין דער וועלט מיט איהר גרויסען האנדעל און פאליטישער בעדייטונג, און די צווייטע נאך אטהען אין איהר בעדייטונג פאר דער קונסט און דער פילאזאפיע. פון די פינף חלקים שטאדט, וועלכע האבען געטראגען אלס נעמען די ערשטע פינף אותיות פון גריכישען אלף בית, האבען אידען כמעט איינגאנצען פערנומען צוויי, בעזונדערס דער שטאדט-טייל ד ע ל ת א, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים, איז געווען דורך אין דורך בעזעצט נאר מיט אידען. דערפון האבען די אידען געהאט זעהר פיעל נוצען: זיי האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער שיפעריי און מיט'ן עקספארט-האנדעל. די פיעל תבואות, וועלכע רוים פלעגט איינקויפען אין דעם פרוכטבארען לאנד מצרים פאר איהרע לעדיג-געהער, זענען, בלי ספק, געליפערט געווארען דורך אידען; אידישע סוחרים האבען דעם מסחר פון תבואה געהאלטען אין זייער רשות, און זיי פלעגען די מצרים'ער תבואה ברענגען אויפ'ן וועלט-מארק. די ענערגישע אידישע טעטיגקייט האט זיי אויך געבראכט צו א גרויסען וואוילשטאנד און, ממילא, צו א פערפיינערטען לעבען. אבער דער מסחר און די שיפעריי האבען נישט געהערט בלויז צו אידען, דען אויך די איבריגע בעפעלקערונג האט זיך דערמיט בעשעפטיגט. און פון דער אנדערער זייט ווידער האבען זיך אידען אויך אבגעגעבען מיט אנדערע בעשעפטיגונגען: א דאנק דער גרויסער אידישער פעהיגקייט, האבען זיי באלד אויסגעלערנט ביי די גריכען אלערליי קונסטלערישע ארבייטען און מלאכות, און געווארען גרויסע קונסטלער און אויסארבייטען אלערליי כלים און שטאפען פון רויהע מאטעריאלען. אזוי, למשל, ווייסען מיר, אז ווען מ'האט געברויכט קונסטלער אויסצופיהרען פערשידענע ארבייטען פאר'ן בית-המקדש אין ירושלים, האט מען זיי שוין איצט נישט געבראכט, ווי פאר צייטען, פון צור, נאר מען האט איינגעלאדען דערצו אידען פון אלעקסאנדריען. צווישען די אלעקסאנדריער אידען זענען שוין געווען בעזונדערע חברות פאר פערשידענע מלאכות (צעכען). די אידען אין מצרים און קירענאיקא האבען גיך אויסגעלערנט די מעלאדישע גריכישע שפראך, וועלכע זיי האבען פאלקאם בעזעסען און האבען זיך אויך פערטיעפט אין שטודיום פון די גריכישע פילאזאפען און דער גריכישער שענער ליטעראטור. דער וואוילשטאנד, די איידעלערע בעשעפטיגונג און די בילדונג האבען אריינגעגעבען אין די אלעקסאנדרינישע אידען א געוויסען שטאלץ און גדלות, און, א שטייגער, ווי שפעטער די שפאנישע אידען, האבען זיי זיך געהאלטען פאר בעזונדערע מיוחסים, וועלכע שטעהען פיעל העכער פאר אלע איבריגע אידען פון די אנדערע פרעמדע לענדער. די אלעקסאנדרינישע קהלה איז געווען דער מיטעל-פונקט, דער צענטער פון אידישען לעבען אין מצרים און קירענאיקא, און אויך די אויסלענדישע אידען, אפילו אין דער צייט, ווען

דאס לאנד יהודה איז געוועזן זעלבסטשטענדיג. פלעגען זיך גערן ווענדען אין זייער נויט און הצטרכות צו דער אידישער קהלה פון אלעקסאנדריען.

די אלעקסאנדרינישע געמיינדע האט געהאט שוהלען אין אלע חלקים פון שטאדט, וועלכע האבען דא געהייסען פראזייכען. אונטער די שוהלען האט זיך אויסגעצייכענט די אלעקסאנדרינישע הויפט־שוהל מיט איהר קונסטלערישען געבוי, שענהייט און גלענצענדער בעפוצונג. די שוהלען זיינען געוועזען אין אלעקסאנדריען, ווי אויך אין גאנץ מצרים,— ערטער צום לערנען (בתי מדרש), וואו מען פלעגט שבת און יום־טוב אויסער דעם לייענען די תורה און די נביאים, אויך זיי ערקלערען אויף גריכיש און אויסטייטשען מיט פערשיעדענע פירושים, ערקלערענדיג גאר נויער די דינים און אריינוויקלענדיג אויך פערשיעדענע אגדות. בכלל האבען די שוהלען, די בתי־כנסיות און בתי־מדרשות, שוין געשפיעלט דאמאלס א גרויסע ראליע אינ'ם לעבען פון די אידען אין מצרים.

דעם העכסטען גלאנץ און גרויסקייט האט אבער דערגרייכט די אידישע קהלה אין אלעקסאנדריען ערשט בשעת עס זענען אהין געקומען פון ארץ־ישראל די אנגעזעהענע אידען, וואס זענען אנטלאפען פון ארץ־ישראל אין דער צייט פון אנטיוכוס'עס גזירת השמד. דער בעדייטענדסטער צווישען זיי איז געוועזען חוניו דער פיערטער, דער זוהן פונ'ם לעצטען געזעצליכען כהן־גדול פון צדוק'ס הויז, חוניו דעם דריטען. חוניו דער פיערטער איז אויפגענומען געווארען זעהר פריינדליך דורכ'ן קעניג, ווייל ער האט געהאט זעהר א גרויסע פארטיי אנגעזעהענע אידען. ווען דער „געמאכטער" כהן־גדול מענעלאאוס איז דורכ'ן סירישען הויף דער'הרג'עט געווארען און דעמעטריאס איז אנטלאפען פון רוים און פערנומען צוריק זיין פאטערס טהראן אין אנטיאכיען, האט דער יונגער חוניו געהאפט, אז ער וועט דורך איהם צוריק בעקומען די כהונה גדולה, וועלכע האט איהם געהערט על פי דין, אלס דעם יורש פון חוניו דעם דריטען. אבער ווען ער האט דערזעהען, אז דעמעטריאס האט בעשטימט פאר א כהן־גדול דעם כהן אלקימאס און האט איהם אפילו מיטגעשיקט מיליטער קיין ירושלים, כדי צו קעמפפען געגען די חשמונאים, האט חוניו פערלוירען יעדע האפנונג צו בעקומען צוריק די כהונה גדולה און זיך בעזעצט אויף שטענדיג אין מצרים.

צוזאמען מיט חוניו האט אויסגעוואנדערט פון ארץ־ישראל קיין מצרים זעהר א וויכטיגער איד, אנ'אנגעזעהענער און א בעדייטענדער, מיט'ן נאמען דאזיטעאס. חוניו און דאזיטעאס האבען געדארפט שפיעלען א גרויסע ראליע אינ'ם לעבען פון מצרים'ער אידען. די געלעגענהייט דערצו האט געגעבען די פיינדשאפט, וואס יהאט אויסגעבראכען צווישען ביידע קעניגליכע ברידער, די זיהן פון אנטיוכוס עפיפאנעס'עס שוועסטער, פילאמעטאר און פיסקאן. דער ערשטער איז געוועזען זעהר א מילדער מענש; דער צווייטער דאגעגען—א ווילדע חיה, וועלכער איז נאך דערצו געוועזען א העסליך

בעשעפעניש פון געבורט, (דעם נאמען „פיסקאן“ האט מען איהם געגעבען פאר זיין משונה'דיג גרויסען און פעטען בויך). זיין טייוולאנישע שלעכטס־קייט איז אזוי גרויס געווען, אז מען האט איהם אויך געגעבען א ביינא־מען „דער רשע“ (קאקערגעטעס). ביידע ברידער האבען זיך זעהר גע־האסט און געפיהרט צווישען זיך א פערביטערטען קאמפף. דער רוימישער סענאט האט, ווי זיין שטייגער איז געווען תמיד, נאכמעהר אויפגעבלאזען צווישען זיי די שנאה, כדי צו ברענגען דאס פרוכטבארע לאנד מצרים צו א פאלקאמער אנארכיע, צוליעב זייערע מחלוקת, און דאדורך לייכטער צו קאנען איינגעהמען דאס לאנד. רוים האט זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון'ם פערברעכערישען פיסקאן. פילאמעטער דאגעגען איז געגאנגען געגען רוים, ער האט אבער נישט געהאט קיין ארמעע, קיין געאיבטע און העלדישע הויפט־לייט. און אט האט ער איבערגעגעבען די צוויי אנגעקומענע אידען, חוניו און דאזיטעאס, די ממשלה איבער דער ארמעע; זיי האבען גע־דארפט זיין די אנפיהרער און דער מלחמה געגען זיין ברודער פיסקאן, און זיי האבען טאקי די מלחמה געפיהרט מיט גרויס ערפאלג און געבראכט כפלות דעם קעניג'ס ברודער. דורך זייער געשיקטקייט איז עס געלונגען דעם קעניג פילאמעטער אזוי שטארק אבצושוואכען זיין ברודער, אז ער האט איהם געקאנט מאכען אומשעדליך פאר זיך אויף איביג. חוניו און דאזיטעאס זענען אין יענער צייט (223 פאר'ן חורבן) געווען זעהר הויך אנגעזעהען ביי'ם קעניג פילאמעטער און זענען געבליעבען שוין אויף שטענדיג זיינע אנפיהרער פון דער ארמעע. דאדורך איז חוניו געווארען אויך א גרויסער חשוב ביי אידען. צוליעב דעם, וואס די אידען האבען געמוזט לעבען אבגעזונדערט פון די גריכען, כדי צו קאנען אבהיטען זיי־ער תורה און זייערע נאציאנאלע מדות, האבען זיי געמוזט בעטראכטען פאר א בעזונדערען גליק, וואס זיי האבען אין חוניו'ן געהאט א מאן, וועל־כער האט געהאט געגען קעניג איינפלוס דורך זיין גרויסען יחוס, ווי אויך דורך זיין נייער שטעלע אין דער מצרים'ער מלוכה, צו קאנען פעראייניגען אידען און איינארדנען ביי זיי א געזעצליכען קהלה־לעבען. חוניו איז אזוי־ארום אנערקענט געווארען פאר א נשיא ביי אידען. דער קעניג האט די דאזיגע נשיאות אנערקענט און האט איהם בעשאנקען מיט'ן טיטול אתנארך (Ethnarch).

ביסלעכוויז האט דער דאזיגער טיטול דערגרייכט א גרויסע מאכט און בעדייטונג. דער אתנארך איז געווען דער אידישער מנהיג און דער שופט. ער האט געהאט דאס רעכט איינצוארדנען אידישע געריכטס־אנ־שטאלטען און שליסען אלערליי אבמאכען צווישען אידען. ער איז געווען דער אידישער פערטרעטער געגען דער רעגירונג. אזוי ארום האבען אי־דען געהאט די מעגליכקייט זיך שטארקער צו פעראייניגען, האבענדיג כמעט אן אייגענעם פירשט און א פארשטעהער. די דאזיגע אחדות צווי־

שען די מצרים'ער אידען האט זיך נאך אין גיכען פערשטארקט דורך א נייעם אומשטאנד.

חוניו דעם דריטענס זוהן האט בײ'ם גרויסען כבוד, וואס ער האט געהאט אין קעניגליכען הויף פון פילאמעטער, ווי אויך בײ דער חשיבות, וואס ער האט בעקומען דורך זיין אידישער נשיאות, דאך נישט געקאנט פערגעסען, אז ער איז א זוהן פון א כהן־גדול און איהם קומט די כהונה גדולה על פי דין, און איהם האט געקרענקט, וואס ער האט די כהונה גדולה, די ירושה פון זיינע גרויסע עלטערען, פערלוירען דורך די טרויעריגע געשעהענישען אין לאנד יהודה. זיין פאטער האט מען דער'הרג'עט נעבען אנטיאכיען אויף א פעררעטערישען אופן, דערפאר, וואס ער האט געוואלט פערטיידיגען דעם בית־המקדש געגען דער שענדליכער גנבה פון מענעלאאוס, איצט האבען אין ירושלים געהערשט גרויסע מהומות און אין בית־המקדש האט געבעל־הבית'עוועט אלקימאס; חוניו האט דעריבער איינגעזעהען, אז אויך דער דארטיגער כהונה גדולה איז פאר איהם קיין שום האפנונג נישט געבליבען, און אין איהם איז אויסגעוואקסען א נייער געדאנק—צו בויען א בית־המקדש אין מצרים, וואס ער זאל אין איהם זיין דער געזעצליכער כהן־גדול. איז דאס געווען זיין פרומקייט, אדער זיין תאוה צו כבוד, וועלכע האט איהם אריינגעגעבען דעם דאזיגען געדאנק? וואס בײ חוניו'ן איז געווען אין הארצען, דערפון ווייס די געשיכטע נישט צו דערצעהלען. חוניו האט געוואלט, אז אידען זאלען זיין געדאנק אויפנעהמען פריינדליך, און דעריבער האט ער זיי אנגעוויזען אויף דער נבואה פון ישעיהו, וועלכע וועט דורך זיין טהאט פערווירקליכט ווערען: „אין יענעם טאג וועט זיין פאר גאט א מזבח אין מצרים"— האט ישעיהו פאר־אויסגעזאגט. דער קעניג פילאמעטער, בײ וועלכען חוניו האט געבעטען אנ'ערלויבניש אויף צו בויען דעם בית־המקדש, האט איהם די ערלויבניש געגעבען, א דאנק זיינע גרויסע פערדיענסטען אלס אנפיהרער פון דער ארמעע. פילאמעטער האט חוניו'ן אויך אבגעגעבען א פלאץ פאר'ן בית־המקדש אין דער געגענד פון העליאפאליס, אין לאנד גושן, אין צפון־מזרח פון דער שטאדט מוף (מעמפיס), אינ'ם לאנד, וואו אידען האבען געוואהנט. איידער זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים. אויף דעם ארט, וואו עס איז געשטאנען די חורבה פון אנ'אלטען געצענדיענערישען טעמפעל פונ'ם אבגאט בובאסטיס, אינ'ם קליינעם שטעדטעל לעאנטאפאליס, וואו מען פלעגט פריהער דיענען צו די חיות און בהמות, דארט האט חוניו אויסגעבויט א בית־מקדש פאר'ן איינציגען אידישען גאט (222 פאר'ן חורבן).

פון אויסענווענדיג איז חוניו'ס בית־המקדש נישט געווען גאנץ עהנליך צום בית־המקדש פון ירושלים. ער האט געהאט די פארם פון א הויכען טהורם און איז געווען געבויט פון געברענטע ציגעל. אבער די אינערליכע ארדנונג איז געווען די זעלבע, וואס אין ירושלים. דא זענען גע־

וועֶן כהנים און לויים, וואס זענען אנטלאפען פון די רדיפות און שמד־גזירות אין לאנד יהודה, און זיי האבען ערפילט די עבודה אויפ'ן געזעצליכען שטייגער. איין זאך איז נאר דארט אנדערש געוועען, ווי אין ירושלים'ער בית־המקדש: די גאלדענע מנורה איז נישט געשטאנען אויף דער ערד, נאר געהאנגען אויפ'ן סופיט. אויף די הוצאות פון בית־המקדש האט דער קעניג אבגעגעבען די הכנסה פון דער גאנצער געגענד פון העליאפאלים. די געגענד איז איצט געווארען א קליינינקע מלוכה פון כהנים און האט בעקומען דעם נאמען „חוניון“. פאר די מצרים'ער אידען איז עס געווארען א נייער צענטער און א סימבאל פון זייער אחדות.

אבער חאטש די מצרים'ער אידען פלעגען ברענגען קרבנות אין זייער בית־המקדש און אהין עולה רגל זיין, האבען זיי דאך פונדעסטוועגען נישט געמאכט אזא שריט, ווי די שומרונים, גאר אבצוזאגען זיך פונ'ם בית־המקדש אין ירושלים און צו פיהרען געגען איהם א קאנקורענץ מיט זייער בית־המקדש, אדער שטעלען איהם העכער. גראדע פערקעהרט: ירושלים האבען זיי פערעהרט ווי א הייליגע שטאדט, און דעם דארטיגען בית־המקדש, ווי אן'ארט, וואס איז ערוועהלט פון גאט, און ווי נאר אין ירושלים האט זיך די לאגע פערבעסערט, און מען האט דעם בית־המקדש צוריק מטהר געווען, אין דער גאטעס־דיענסט האט זיך דארט אנגעהויבען האבען זיי געשיקט אהין גרויסע מתנות, ווי אויך קרבנות און נדבות. אבער מיט זייער אייגענעם מקדש זענען זיי דאך געווען העכסט צופריעדען און שטאלץ, ווייל זיי האבען אין איהם געזעהען די וואונדערליכע ערפילונג פון ישעיהו'ס נבואה. די שטאדט העליפאלים האבען זיי א נאמען געגעבען „עיר הצדק“ — וואס הייסט: „די שטאדט פון גערעכטיגקייט“. אין לאנד יהודה וואלט מען געוויס ביי אנדערע אומשטענדען אריינגעלעגט אין חרם דעם נייעם מקדש פון חוניו אין מצרים, מען וואלט איהם בעטראכט, ווי דעם מקדש פון די שומרונים אויפ'ן בארג גריזים, און מען וואלט איהם געהאלטען פאר א שענדליכע זאך—א קאנקורענץ פאר גאטעס בית־המקדש אין ירושלים; מען וואלט פיעלייכט אויך אויסגעשלאסען די אידען, וואס האבען צו איהם געהערט, פון אידישען בונד. אבער אין דער צייט, ווען אין ירושלים איז אנגעקומען די ידיעה וועגען דעם נייעם מקדש פון חוניו אין מצרים, האט דארט געהערשט א שרעקליכער צושטאנד, די לאגע איז נאך אלין געווען נישט קיין זיכערע און דעם בית־המקדש פלעגען אפט פערשוועכען די גריכען, אדער די אידישע גריכען, און דעריבער האט מען דארט געקוקט אויפ'ן נייעם מצרים'ער מקדש גאנץ ערנסט, ווי אויף אן'אנשטאלט, וואס דארף פערבינדען אידען מיט גאט. בפרט נאך, ווען דער גרינדער פון בית־המקדש איז געווען חוניו, א געזעצליכער כהן גדול פון צדוק'ס הויז פון דוד המלך'ס צייטען אן און אויך אן'איינקעל פון שמעון הצדיק, וועלכען קיינער האט גארנישט געקאנט חושד זיין אין א שלעכטער כונה.

שפעטער, ווען די חשמונאים האבען צוריק איינגעארדענט און מטהר געמאכט דעם בית־המקדש און ירושלים און אנגעהויבען דארט פיהרען די עבודה, האט מען, נאטירליך, אנגעהויבען צו קוקען מיט פערדרוס אויפ'ן אויסלענדישען בית־המקדש. אבער הוניו'ס בית־המקדש האט שוין אין א משך פון עטליכע יאהר זיך איינגעווארצעלט און לעבען פון די מצרים'ער אידען, און דער יונגער כהן־גדול הוניו איז בעוואוסט געווארען מיט זיינע גרויסע מעשים טובים פאר'ן אידישען פאלק. דעריבער האט זיך קיינער ניט דערוואוגען ארויסצוטרעטען געגען איהם. א געוויסע אונצופרידענהייט, ווי אויך א ווערטאג אין הארצען איז עס אבער געווען פאר די פרומע אידען. וואס חוניו'ס בית־המקדש איז פארט געווען געגען דעם גייסט פון דער אידישער תורה, וועלכע ערלויבט אזא הייליגטום נאר אין איין ארט, דארט, וואו גאט וועט מאכען רוהען זיין שכינה אונ'ם הייליגען לאנד, אבער ניט אונ'ם לאנד מצרים, וועלכע איז שטענדיג בעצייכענט געווען, ווי א לאנד פון טומאה און אונרייניקייט, וואהין אידען איז גאר פערבאטען געווען אומצוקעהרען זיך צוריק נאך זייער ערשטען ארויסגאנג פון דארט. מען האט דערפאר אויך בעשלאסען, די כהנים, וועלכע האבען געטהון די עבודה אין חוניו'ס מקדש, טארען ניט טהון די עבודה אין בית־המקדש אין ירושלים, האטש פון דער כהונה זאגען זיי ניט אויסגעשלאסען געווארען. ערשט אין די שפעטערדיגע צייטען האט מען פערשפרייט וועגען חוניו'ס מקדש פערשיעדענע לעגענדעס, וועלכע האבען אבער ניט קיין געשיכטליכען גרונד.

דער קעניג פילאמעטאר האט ניט בלויז פערזארגט חוניו'ס מקדש מיט א שטענדיגער הכנסה, וועלכע האט טעגליך געמאכט צו פיהרען דארט א רעגולירען גאטעס־דיענסט, ער האט אויך געגעבען זיין ארמעע־אנפיהרער חוניו די מעגליכקייט צו פערטיידיגען איהם פון אלערליי אנפאלען. צו דעם צוועק האט ער איהם ערלויבט אויסצובויען א פעסטונג אין דער פראווינץ „חוניון“, וואו דער מקדש איז געשטאנען, און אין דער דאזיגער פעסטונג האט חוניו געדארפט אריינפיהרען און בעזעצען איין שטענדיג אידיש מיליטער, וועלכעס האט געדארפט שטעהען, זעלבסטפערשטענדליך, אונטער הוניו'ס בעפעהל און פערטיידיגען דעם מקדש. חוניו איז אלזא אויך געווארען דער מיליטערישער מנהיג און פערוואלטער איבער דער פראווינץ העליאפאלים, וועלכע מען האט אויך גערופען די אראבישע פראווינץ. לויט זיין דאזיגער התמנות האט הוניו געהאט דעם טיטול אראבארך, אדער געוועלטיגער איבער דעם אראבישען קאנט. אין אלעקסאנדריען איז חוניו געווען דער ראש הקהלה, דער פאר־שטעהער און פערוואלטער פון דער אידישער געמיינדע, ווי אויך איהר ריכטער. אין דער פראווינץ חוניו'ן אליין איז ער געווען א פאלקאמער מושל, אדער א שטאטהאלטער און אנפיהרער פון אידישען מיליטער. דער קעניג פילאמעטאר האט געהאט אזא שטארקען צוטרויען

צו חוניו און די אידען, אז ער האט איהם אנגעטרויט נאך איינע, זעהר א וויכטיגע שטעלע. די פארטען אויפ'ן ברעג ים און בעזונדערס דארט, וואו דער גרויסער טייך נילוס גיעסט זיך אריין אין ים, זענען געווען דער הויפט-קוואל פון דער קעניגליכער הכנסה אין מצרים. דארט פלעגט מען איינמאהנען אבצאהלונגען פאר די אריינגעפיהרטע, ווי אויך פאר די ארויסגעפיהרטע רויהע סחורות, דאדורך איז מצרים געווארען דאס רייכסטע לאנד אונטער דער הערשאפט פון פילאמעטאר און אויך שפעטער, ווען עס האט געהערט צו רוים. און אט האט פילאמעטאר איבערגעגעבען די אויפזיכט אויף דעם איינמאהנען די אבצאהלונגען אין די פארטען — דעם אידען הוניו.

אין יענער צייט איז פארגעקומען א זאך, וועלכע האט געהאט אין דער וועלט-געשיכטע זעהר א טיעפע און א גרויסע ווירקונג, וואס האט געהאט נאך מעהר בעדייטונג, ווי דער מקדש, וואס חוניו האט אויסגעבויט, האטש עס זענען געווען פערשיעדענע מיינונגען פאר און געגען איהר. די אידען, וועלכע זענען ענטלאפען בשעת אנטיוכוס'עס שמד-גזירות פון לאנד יהודה, אבזאגענדיג זיך פון זייער פאטערלאנד און פון זייערע געוואהנהייטען, נאר צוליעב זייער צוגעבונדענקייט צו דער אידישער תורה, האבען, ווי עס שיינט, דערוועקט א חשק ביי'ם קעניג פילאמעטאר, צו דערקענען זיך מיט דער אידישער תורה, דען ער איז געווען א ליעבהאבער פון דער וויסענשאפט און זעהר א געבילדעטער מאן, און אט האט ער ארויסגעזאגט זיין פערלאנג צו קאנען לעזען די אידישע תורה אויף גריכיש. און האטש מיר וויסען אפילו נישט גענוי, ווי אזוי די זאך איז פארגעקומען, אבער דאך וויסען מיר, אז פאר אידען פון אלעקסאנדריען איז עס געווען פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אז די אידישע ערהאבענע תורה, אדער דער „חומש", זאל בעוואוסט ווערען צווישען די פעלקער אין דער דאמאלסט העכסט קולטורעלער און שענער גריכישער שפראך. ווי עס שיינט, האט מען די ארבייט פון דער איבערזעצונג אנגעטרויט פינף געלעהרטע לייט, וועלכע האבען טיעף פערשטאנען די תורה און זענען געווען גוט געאיבט אין דער גריכישער שפראך. די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה איז אין א געוויסען זין אויך געווען א בית-מקדש, א היילינגטום פון דער ליטעראטור, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין א פרעמדען לאנד, כדי גרויס צו מאכען גאטעס נאמען צווישען די פעלקער און דערהויבען דעם אידישען כבוד.

דאס פערווירקליכען פון דער דאזיגער אויפגאבע האט פערשפרייט צווישען די אלעקסאנדרינישע אידען גרויס פרייד. זיי זענען געווען שטאלץ דערמיט, וואס די גריכען, וועלכע האלטען זיך אזוי גרויס מיט זייער ליטעראטור און פילאזאפיע, זאלען איינזעהען, ווי פיעל ערהאבענער און עלטער עס איז די אידישע תורה און די חכמה פונ'ם יודענטום, איידער די גריכישע פילאזאפיע; זיי האבען אויך געהאפט, אז דורך דער איבער-

זעצונג וועט מען מעגליך מאַכען פאַר די גריכען נישט בלויז צו בעקענען זיך מיט דער אידישער תורה, נאָר אויך אַנצונעהמען זי. דעם טאָג, אין וועלכען מען האָט די איבערזעצונג דערלאַנגט דעם קעניג, האָבען די אַלעקסאַנדרינישע אידען בעשטימט פאַר אַן'אייביגען יום־טוב, וועלכען זיי פלעגען פייערען יעדעס יאָהר. אין דעם דאָזיגען טאָג פלעגען זיי אַרויספאָהרען אויף דער אינזעל פאַראָס און זינגען דאָרט לויב־געזאַנגען צו גאָט און דערנאָך פלעגען זיי דאָרט איינאָרדנען מאָהלצייטען, אין געצעלטען אָדער אונטער'ן פרייען הימעל, ווי איינער איז געווען פערמעגליך. מיט דער צייט איז דערפון געוואָרען אַ פאָלקס־יום־טוב, אין וועלכען עס זאָלען אויך האָבען אַנטייל גענומען די גריכען פון אַלעקסאַנדריען.

אַ גאַנץ אַנדערען איינדרוק האָט געמאַכט די איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש אין ארץ־ישראל אויף די דאָרטיגע פרומע אידען. זיי האָבען ערקלערט, אַז די דאָזיגע איבערזעצונג איז „שווער פאַר אידען, ווי דער עגל, וואָס מען האָט געמאַכט אין דער מדבר. אידען האָבען זיך גענוג אַנגעליטען רדיפות, יסורים און צרות פון דעם, וואָס מען האָט אַנגערופען „גריכישען גייסט", און אונטער דער מאַסקע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע האָבען זיי געזעהען נאָר די גריכישע פאַלשקייט. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר'ן לערנען די תורה אויף גריכיש. זיי האָבען אויך מורא געהאַט, אַז די איבערזעצונג איז נישט קיין ריכטיגע, און מען זאָל נישט קומען דאָדורך צו מאַכען פאַלשע פשטים אין דער תורה. נאָר די העבּרעאישע שפראַך איז אין זייערע אויגען געווען אַ כלי, וועלכער עס פאַסט צו האַלטען אין זיך דעם געטליכען אינהאַלט פון דער תורה, דאַגעגען אין אַ פרעמדער כלי איבערגעגאָסען וועט דער אינהאַלט פערליערען זיין געטליכקייט און פערפרעמדעט ווערען פון זיין זעלטענער שענהייט. און אַט דערפאַר האָבען די אידען אין ארץ־ישראל בעטראַכט די איבערזעצונג פאַר אַן'אונגליק, און דעם טאָג (8־טען טבת), וואָס די אַלעקסאַנדרינישע אידען האָבען געמאַכט פאַר אַ יום־טוב, האָבען די פרומע אידען אין ארץ־ישראל געהאַלטען פאַר אַ טרויער־טאָג, ווי דער טאָג, ווען מען האָט דעם עגל געמאַכט אין דער מדבר. אַט אַזעלכע פערשיעדענע מיינונגען האָבען געהאַט די אידען פון ארץ־ישראל און פון אַלעקסאַנדריען וועגען איין זאַך. בעטראַכט מען איצט, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון דער דאַמאָלדיגער איבערזעצונג פון דער תורה, מוז מען מודה זיין, אַז ביידע מיינונגען זענען געווען גערעכט און בעגרינדעט. אמת טאַקי, דורך דער גריכישער שפראַך, איז די אידישע תורה בעקענט געוואָרען די גריכען, וועלכע זענען דאַמאָלס געווען די הויפּט־טרעגער פון דער וועלט־קולטור. די גריכען האָבען די תורה געלערנט און פערשטאַנען, און ווי שטאַרק זיי האָבען זיך נישט געשטעלט געגען דעם אידישען גייסט, האָבען זיי דאָך די תורה פאָרט אַנגענומען, און אין אַ משך פון פינף הונדערט יאָהר

איז זי גוט בעקענט געווארען אלע הערשענדע פעלקער. די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה איז געווען דער ערשטער אפאסטאל (שליח), וואס דאס יודענטום האט געשיקט צו די געצענדיענערישע פעלקער, כדי אויסצוקורירען זיי פון דער מיטאלאגישער אבערגלויבעריי און בעקענט צו מאכען זיי מיט'ן אמת'ען איינציגען גאט. דורך דער פערשפרייטונג פון דער דאזיגער איבערזעצונג צווישען די פעלקער שפעטער, ווען דאס יודענטום האט געשיקט זיין צווייטען שליח צו די געצענדיענער, דאס קריסטענטום, האט די אידישע תורה זיך טיעף איינגעווארצעלט אי אין דענקען, אי אין דער שפראך פון די פעלקער און געלעגט אויף זיי איהר שטעמפעל, אזוי אז היינט איז נישטא קיין איינציגע שפראך אויף דער וועלט ביי די קולטור־פעלקער, וועלכע זאל נישט האבען אריינגענומען דורך דער איבערזעצונג קיין בעגריפען, פארשטעלונגען און ווערטער פון דער אידישער תורה און דערנאך אויך פונ'ם אידישען תנ"ך. די אלעקסאנדרינישע איבערזעצונג האט דעריבער אריינגעפיהרט די אידישע תורה, אלס א נויטיגען עלעמענט, אין דער וועלט־קולטור און געמאכט זי פאלקסטימליך.

פון דער אנדערער זייט אבער האט די איבערזעצונג, נישט ווילענדיג, מיטגעווירקט צו געבען נישט קיין ריכטיגען בעגריף פון דער תורה און צו לערנען אין איהר פאלשע פשטים. און זי איז אין א געוויסען זין געווען א פאלשער נביא, וועלכער ערקלערט אין גאטעס נאמען פאלשע לעהרע און געבאטען. אויב עס איז בכלל שווער געווען איבערצוזעצען פון העבראיש אין גריכיש, צוליב דעם, וואס ביידע שפראכען זענען אזוי גרונדליך פערשיעדען איינע פון דער אנדערער, איז נאך דערצו געקומען דער אומשטאנד, וואס מען האט אין יענער צייט נאך נישט געקאנט גוט נישט דעם מהות און דעם גייסט פון דער העבראישער שפראך נישט דעם אמת'ען אינהאלט און די בעדייטונג פון דער תורה. און דעריבער האבען די איבערזעצער נישט געקאנט אריבערטראגען אין גריכיש דעם ריכטיגען זין פון יעדען העבראישען אויסדרוק און פון דער הויכער מאראל פון דער תורה. אויסער דעם האט מען דעם טעקסט פון דער גריכישער איבערזעצונג נישט אזוי שטרענג אבגעהיט פון פעלשונגען און גרייזען, ווי דעם העבראישען אריגינאל; מען האט נישט אכטונג געגעבען, אז עמיץ זאל אין איהם עטוואס נישט פערקירצען אדער נישט צולעגען קיין איבריגעס, אויב אפילו אויך מיט דער גוטער כונה, עטוואס אויסצובעסערען. ווי עס שיינט, פלעגען די „פערטייטשער", אדער ערקלערער פון דער תורה, בשעת קריאת התורה אום שבת און יום־טוב, געברויכען אט די גריכישע איבערזעצונג, און זיי פלעגען, לויט זייער אייגענעם פערשטאנד, געפיהל, אדער המציאה צולעגען אדער אויסשליסען פון טעקסט, ווי זיי האבען געוואלט. אין דער ווירקליכקייט זענען אין דער גריכישער איבערזעצונג געווען זעהר פיעל ענדערונגען און פערשיע־

דערהייטען געגען דעם העברעאישען אָריגינאַל, און שפּעטער, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די ריבונגען צווישען דעם יודענטום און דעם קריסטענטום, איז זייער צאָהל נאָך גרעסער געוואָרען. נישט קוקענדיג אויף אַלעם דעם, האָבען די אַלעקסאַנדרינישע אידען מיט אַ פּאָר דורות שפּעטער אַזוי הייליג געהאַלטען זייער איבערזעצונג, און אַזוי שטאַרק געגלויבט אין איהר ריכטיגקייט, אַז זיי האָבען אַפילו ביסלעכווייז גאָר פערגעסען דעם אָריגינאַל און געניצט נאָר די איבערזעצונג, האַלטענדיג דעם אָריגינאַל גאָר פאַר אַן איבריגע זאַך. אַלע טעות'ן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלען אין דער גריכישער איבערזעצונג דורכדעם, וואָס מען האָט איינפאַך נישט פערשטאַנען ריכטיג די תורה אין העברעאיש, אָדער דורך שוועריגקייטען, וועלכע מען האָט בעגעגענט אין דער פערשידענהייט פון ביידע שפּראַכען, צי סתם פעהלערען, וועלכע וואָרען געוועהנליך געמאַכט ביי יעדער איבערזעצונג, אָדער ווילקירליכע צולייגונגען — אַט די אַלע טעות'ן האָט מען געהאַלטען פאַר דאָס ריכטיגע וואָרט פון גאָט, פאַר דער אמת'ער תורת משה.

העכער אַ יאָהרהונדערט נאָכדעם, ווי די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען, האָט איינער אַ אידישער שריפטשטעלער אין דער גריכישער שפּראַך געוואָלט פערטיידיגען דעם כבוד פון דער אידישער תורה און ערקלערען איהר גרויסקייט און ערהאַבענהייט, צוליעב דעם האָט ער אויסגעטראַכט אַ גאַנצע לעגענדע וועגען דער גריכישער איבערזעצונג פון דער תורה. ער האָט דערצעהלט, אַז צוויי און זיבעציג זקנים־איבערזעצער האָבען זי איבערזעצט אין משך פון צוויי און זיבעציג טעג אויף אַ העכסטוואונדערליכען אופן. האָטש די דאָזיגע לעגענדע האָט נישט קיין געשיכטליכען גרונד, פונדעסטוועגען האָט די איבערזעצונג בעקומען דעם נאָמען: די איבערזעצונג פון די צוויי און זיבעציג, אָדער קורץ „דער זיבעציג" (Septuaginta).

נאָכדעם, ווי עס איז געמאַכט געוואָרען די התחלה צו בעקענען די אידען אין מצרים און די גריכען מיט דער אידישער תורה און מיט אידישע אַלטערטימער, האָט זיך דערוועקט ביי די אַלעקסאַנדרינער אידען דער חשק צו בעקענען זיך אויך מיט די איבריגע אידישע ספרים אין דער גריכישער שפּראַך; אַזוי אַרום האָט מען איבערזעצט ביסלעכווייז די געשיכטליכע אידישע ספרים: יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, דברי הימים; די איבריגע נביאים און די כתובים זיינען בלי ספק איבערגעזעצט געוואָרען פיעל שפּעטער, ווי די תורה, און די איבערזעצער האָבען זיך דאָ געמוזט בעגעגענען נאָך מיט פיעל גרעסערע שוועריגקייטען, ווייל די מליצות און אויסדריקען פון העברעאיש איז זעהר שווער געווען איבערצוזעצען אין גריכיש.

די איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש האָט בעשאַפען אין די אידישע קהלות פון מצרים אַ נייע קונסט: די רעדנערישע קונסט אויף

דער בימה אין די שוהלען פאר'ן פאלק. צי איז אין ארץ ישראל אויך געווען א מנהג איבערצוזעצען באלד נאך קריאת התורה דאס געלעזענע פאר'ן פאלק אין זיין שפראך, וואס עס פלעגט רעדען, אראמעאיש אין חאלדעאיש, און צי איז אט דער מנהג איבערגעטראגען געווארען פון דארט אויך אין די אידישע שוהלען אין מצרים? — ווי דארט איז נישט געווען, צי עס איז געווען אן איבערגענומענע זאך, אדער אן אייגענער מנהג, וועלכען די מצרים'שער אידען האבען איינגעפיהרט — דער מנהג, צו ערקלערען די שווערערע שטעלען אין דער תורה און מאכען זיי פערשטענדליך פאר'ן פאלק, האט בעשאפען א נייע ליטעראַרישע פארם. די ערקלערער האבען איבערגענומען ביי די גריכען די מדה צו רעדען ברייט און שען וועגען א ענין און, ערקלערענדיג די תורה פאר'ן עולם, האבען זיי זיך אויך נישט נאר אבגעשטעלט בלויז ביי דער איבערזעצונג. נאך זיי האבען עס נאך פיעל פערברייטערט; נעהמענדיג דעם פסוק פון דער תורה פאר א טהעמע, פלעגען זיי רעדען וועגען לעבענס-פראגען, אדער זאגען מוסר, ווי אויך פערטיעפען זיך אין הויכע וועלט-פראגען, אין טעאלאגיע און פילאזאפיע. אזוי ארום איז אויסגעוואקסען די דרשנות, וועלכע האט זיך אלץ מעהר פערפיינערט און פערפוצט מיט מליצות און מיט א שענער פארם, ווערענדיג א געגענשטאנד פון קונסט, ווי די גריכען פלעגען עס ליעבען אין זייערע עפענטליכע רעדען. די דרשנות איז א טאכטער פון דער אידיש-אלעקסאנדריער קולטור. דא איז זי געבארען, ערצויגען, פערפיינערט און פערפאלקאמט געווארען, און שפעטער האט זי געדיענט פאר א מוסטער פאר פיעל גרעסערע קרייזען.

די אנציהענדע שענהייט, וועלכע די אידען, וואס האבען געערדט גריכיש, האבען געפונען אין דער תורה און אין די טהעמעס, וועלכע זיי פלעגען פון איהר נעהמען, האט דערוועקט די געבילדעטערע פון זיי, צו בעארבייטען די דאזיגע טהעמעס זעלבסטשטענדיג, בעזונדערס צו בעטאנען די לעהרען, וועלכע געפינען זיך אין דער תורה, אדער צו ערקלערען און אויסגלייכען יענע שטעלען אין איהר, וועלכע ערשיינען ווי סתירות. אזוי ארום איז ענטשטאנען די אידיש-העלעניסטישע ליטעראַטור, וועלכע איז מיט דער צייט זעהר אויסגעוואקסען און זיך פערברייטערט און פערטיעפט, ווירקענדיג זעהר פרוכטבאר אויף גרעסערע קרייזען. ווי אזוי האט זיך ענטוויקעלט אין דער ערשטער צייט, אין איהר יוגענד עפאכע, אט די אייגענארטיגע ליטעראַטור, אין וועלכער עס האבען זיך ברידערליך פעראייניגט צוויי גייסטיגע עלעמענטען, דאס יודענטום און דאס קריסטענטום, וועלכע זענען דאך אזוי פרעמד איינס דאס אנדערע אין לעבען? וועלכע פארמען און מאטיווען האט אט די ליטעראַטור געהאט דאמאלס, איידער נאך איהרע טרעגער האבען אין איהר און פאר איהר אנגעהויבען ארבייטען בעוואוסטזיניג? אויף די דאזיגע

פֿראַגען איז איצט שווער צו געבען אַ ריכטיגען ענטפֿער. ווי עס שיינט, איז די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פֿון דער דאָזיגער ליטעראַטור פֿאָר־געקומען אויפֿ'ן זעלביגען דרך, ווי יעדע אַנדערע פֿאָלקס־ליטעראַטור. די געמאָסטען־און־געוואויגענע שפּראַך פֿון די דיכטער, די שירים און מליצות, זענען אַרויסגעטראָטען פֿריהער פֿאַר דער איינפֿאַכער פּראָזאַ. עס זענען נאָך געבליעבען פֿון יענער צייט ביי אונז פֿראַגמענטען, טייל־ווייזע חלקים, וועלכע שטעלען־פֿאָר די אַלטע אידישע ליטעראַטור אין שירים אויף גריכיש. ווי עס שיינט, זענען די דאָזיגע שריפֿטען ענטשטאַנען אויפֿ'ן באָדען פֿון דער פֿיינדזעליגקייט צווישען די שומרונים און די אידען.

די דאָזיגע צוויי פֿעלקער — די אידען און די שומרונים, — וועלכע זענען געווען גאַנץ פֿעראייניגט אינ'ם אַנערקענען די תורה און דעם איינציגען גאָט, ווי אויך מיט זייער אָבלייקענען די געצענדיענעריי, זענען פֿון־אייביג אָן אַרויסגעטראָטען ווי פֿערביטערטע שונאים איינער גע־גען אַנדערען, און זייער געגענזייטיגער טיעפֿער האַס האָט נאָך ניט אויפֿגעהערט איצט אויך, אין דער צייט פֿון די חשמונאים און דער אויס־געוואַקסענער אַלעקסאַנדרינישער אידישער געמיינדע, האָטש עס זענען שוין אַריבער העכער, ווי דריי הונדערט יאָהר, זינט עס האָט אויסגע־בראָכען די שנאה צווישען ביידען בשעת'ן בויען דעם צווייטען בית המקדש. אין דער עפּאָכע פֿון אַנטיוכוס'עס שמד־גזרות האָבען, ווי עס שיינט, אויך פֿיעל שומרונים אויסגעוואַנדערט קיין מצרים און פֿער־גרעסערט זייערע קהלות, וועלכע זיי האָבען דאָרט שוין געהאַט נאָך פֿון אַלעקסאַנדער מוקדון'ס צייטען. די מצרים'ער שומרונים האָבען אויך, ווי די אידען, איינגעפֿיהרט ביי זיך די גריכישע שפּראַך, אָנגעהמענדיג די גריכישע מנהגים און לעבען און זייער פֿילאָזאָפֿיע.

די שנאה, וועלכע האָט געהערשט צווישען ירושלים און גריזים, האָבען זיי געבראַכט מיט זיך קיין מצרים. דער קאַמפּף צווישען ביידע צדדים האָט זיך דאָ געפֿיהרט אויף יעדען שריט און טריט. דען יעדער האָט זיך געהאַלטען פֿעסט אָן זיינע אַלטע, היימישע טראַדיציעס, ווי דער שטייגער איז, ווען מען ווערט אָבגעריסען פֿון דער אַלטער, ליעבער היים. ווי עס שיינט, האָט די איבערזעצונג פֿון דער תורה, דורך וועלכער דער קעניג פֿילאָמעטאָר האָט געוואָלט דערהויבען דאָס יודענטום, אויך שטאַרק ערביטערט די שומרונים און צוגעגעבען נייעס ברען־מאַטעריאַל צו זייער שנאה פֿאַר אידען. זעהר שטאַרק האָט, בלי ספק, געמוזט קרענקען די שומרונים דאָס, וואָס דורך דער סעפּטואַגינטאַ (די איבער־זעצונג פֿון זיבעציג) איז ערניעדעריגט געוואָרען דער כבוד פֿון זייער מקדש אויפֿ'ן באַרג גריזים, ווייל אין דער גריכישער איבערזעצונג איז, נאַטירליך, ניטשט געווען דער פּסוק, וועלכען די שומרונים האָבען אליין אַריינגעשטעלט אין דער תורה: „דו זאָלסט בויען אַ מזבח אויפֿ'ן באַרג

גריזים". די שומרונים פון מצרים, צווישען וועלכע עס זענען, אהן צווייפעל, אויך געווען איינינע חשובים אין קעניגליכען הויף, האבען געפועל'ט ביי'ם קעניג, אז מען זאל איינארדנען א רעליגיאנס-געשפרעך, אדער א ויכוח, צווישען ביידע רעליגיאנס-פארטייען, אדער סעקטען, כדי צו דערווייזען, וועלכער בית-המקדש עס האט א העכערע קדושה, צי דער בית-המקדש פון ירושלים, אדער דער מקדש, וואס די שומרונים האבען אויפגעבויט אויפ'ן בארג גריזים. דאס איז געווען דער ערשטער ויכוח, וואס איז געפיהרט געווארען אין א פראגע וועגען דער אידישער רעליגיע אין דער געגענווארט פון א וועלטליכען הערשער.

ביידע פארטייען האבען אויסגעקליבען פון צווישען זיך זייערע גרעסטע חכמים, ארויסצוטרעטען אין דעם ויכוח. מצד די אידען איז ארויסגעטראטען א געוויסער אנדראניקאס, משולם'ס זוהן; די שומרונים האבען געהאט צוויי פערטרעטער: סאבאי און טעאדאזיאס. די פרטים, ווי אזוי מען האט דאמאלס דעם ויכוח געפיהרט, און ווער איז געבליבען דער מנצח, ווייסען מיר איצט נישט. יעדע פארטיי האט דורכאויס געוואלט זיין דער מנצח, און יעדע האט אויך דערצעהלט די וואונדער וועגען איהר נצחון. ווי עס שיינט, האט מען זיך מיט'ן ויכוח נאך נישט צופריעדענגעשטעלט, און די פראגע וועגען דעם, וואס עס איז היילינער, צי דער בארג מוריה, צי דער בארג גריזים, איז נאך שפעטער אויך בעהאנדעלט געווארען אין גריכישע שריפטען, וועלכע מען האט געשריבען אין [illegible]ים.

פאר די אלעקסאנדרינער אידען האט זיך דערוויייל אויף א געוויסער צייט פעפינסטערט דער הימעל, נאכדעם, ווי ער האט אזוי געשיינט פאר זיי אין דער רעגירונג פון'ם מלך פילאמעטאר. מען קאן דעריין זעהען, ווי די טאכטער מיט איהר מוטער, די אלעקסאנדרינער אידישע קהלה מיט דער יהודה'שער אין ארץ ישראל, זענען געווען גייסטיג ענג פערבונדען מיט איינאנדער, דען עס האבען זיך פאר ביידען גלייך אנגעהויבען נאך די גליקליכע יאהרען — אונגליקליכע. דאס לאנד יהודה איז אויף א קורצער צייט פערטרויערט געווארען, צוליעב דעם אונגליק, וואס האט געטראפען מיט'ן נשיא יונתן, וועלכער איז דורך טריפאן דער'הרג'עט געווארען אויף א שרעקליכען אופן, און אין מצרים האט די ענדערונג אויפ'ן טהראן מיטגעבראכט אן'עהנליכע טרויעריגע עפאכע פאר אידען. יענער פטאלאמעאוס דער זיבעטער, פיסקאן, וועלכער האט פיעל יאהרען געקעניגט צוזאמען מיט זיין ברודער, דעם גוטען פילאמעטאר, און געפיהרט מיט איהם א קאמפף, שטרעבענדיג איהם ארונטערצווארפען פון טהראן, חאטש ער איז געווען דער עלטערער, און דער טהראן האט געהערט צו איהם, — אט דער פיסקאן האט איצט נאך פילאמעטאר'ס טויט געוואלט ווידער פערחאפען די קרוין פון מצרים'ער מלוכה. די בעפעלקערונג פון אלעקסאנדריען, וועלכע האט

זיך אויסגעצייכענט דורך איהר לייכטזיניגקייט און שטענדיגען שטרע־
בען צו עטוואס נייעס, האט זיך איצט פעראייניגט מיט'ן העסליכען און
פערדארבענעם פיסקאן, כדי צו ערקלערען איהם פאר א קעניג. אבער
די אלמנה פון'ם פערשטארבענעם קעניג פילאמעטאר, קלעאפאטרא,
וועלכע איז געשטאנען אין שפיץ פון דער רעגיערונג, כל זמן איהר זוהן,
דער קרוין־פרינץ איז נאך יונג געווען, האט אויך געהאט איהרע גוטע
פריינד. א בעזונדערס געטריימען אנהענגער האט זי געהאט אין דער פער־
זאן פון'ם כהן־גדול חוניו. ענדליך איז געקומען צו אנ'אויסגלייך צווי־
שעןביידע קעמפפענדע פארטייען: מען האט געמאכט א פשרה, אז פיס־
קאן זאל חתונה האבען מיט זיין ברודערס אלמנה, קלעאפאטרא, און זיי
זאלען צוזאמען רעגיערען איבער מצרים. (145 פאר דער געוועהנליכער
צייט־רעכענונג). די דאזיגע בלוט־שענדערישע חתונה איז געווען זעהר
אנ'אונגליקליכע. עס האט זיך באלד אנגעהויבען א שנאה צווישען דעם
קעניג מיט דער קעניגין. צווישען דעם שוואגער מיט דער שוועגערין.
דער בלוט־דורשטיגער, דיקבויכיגער פיסקאן האט געשענדעט אויך די
טאכטער פון זיין פרוי, און האט אנגעפילט אלעקסאנדריען מיט בליט־
פערגיסונגען און שענדליכע זנות־טרייבעריין; אויף די אינוואוינער פון
דער שטאדט איז געפאלען אזא אימה, אז פיעל פון זיי האבען די
שטאדט פערלאזען. אויך מיט אידען האט זיך פיסקאן בעגאנגען גרוי־
זאם, דען ווי אזוי האט ער געקאנט זיי שוינען, ווען ער האט געוואוסט,
אז זיי זענען געשטאנען אויפ'ן צד פון זיין פרוי, דער קעניגין קלעאפאט־
רא, וועלכע ער האט געהאסט? ווען פיסקאן האט זיך דערוואוסט, אז
דער כהן גדול חוניו זאמעלט אנ'ארמעע, כדי זי צו פיהרען געגען
איהם אין מלחמה, האט ער געגעבען א בעפעהל צו זיינע סאלדאטען,
צו ארעסטירען אלע אידען אין אלעקסאנדריען מיט זייערע פרויען און
קינדער, און, איינשמידענדיג זיי אין קייטען, זאל מען זיי ארויסווארפען
נאקעטערהייד אויף אנ'אפענעם פלאץ און לאזען זיי דארט צוטרעטען
דורך העלפאנטען. די העלפאנטען, וועלכע האבען געדארפט געברויכט
ווערען דערצו, האט ער פריהער געלאזט איינ'שכור'ן מיט ווין, כדי
אויפצורייצען זיי געגען די געבונדענע אונגליקליכע קרבנות. אינ'ם שרעק־
ליכען טאג איז אבער פארגעקומען עטוואס אזעלכעס, אויף וואס קיינער
האט זיך נישט געריכט און וואס די אלעקסאנדרינישע אידען האבען
בעטראכט, ווי אנ'איבערנאטירליכען נס: אנשטאט צו ווארפען זיך אויף
די געבונדענע אידען, האבען די העלפאנטען זיך ארויפגעווארפען אויף
דער אנדערער זייט, וואו עס זענען געזעסען די לייט פון קעניג, וועלכע
זענען געקומען קוקען אויף דאס שוידערהאפטע שוישפיעל; די העלפאנ־
טען האבען אויסגעהרג'עט און צוטראטען פיעל מענשען צווישען זיי.
אזוי ארום זענען אידען געראטעוועט געווארען פון א שענדליכען טויט און
האבען בעשטימט צו פייערען יעהרליך דעם טאג פון זייער וואונדערלי־

בער רעטונג. ווי עס שיינט, האט שוין פיסקאן פון האמאלס אן צורות גער לאזען די אלעקסאנדרינישע קהלה.

צווייטעס קאפיטעל.

די חשמונאי׳שע נשיאים שמעון און יוהנן=הורקנוס.

(פון 213 ביז 176 פאר׳ן חורבן, אדער פון 143 ביז 106 פאר דער געוועהני־ליכער צייטרעכנונג).

אין דער צייט, וואס די אידיש־אלעקסאנדרינישע געמיינדע האט זיך שטארק ענטוויקעלט און דערגרייכט א הויכע גייסטיגע מדרגה, האט די אידישע נאציאן דערגרייכט ביי זיך אין דער היים, אין ארץ ישראל, אזא פאליטישער הויך, פון וועלכער זי האט איצט געקאנט קוקען מיט גערעכטער גדלות אויף דער צייט פון איהר פריהערדיגער שפלות. ווי שטארק דאס אידישע פאלק האט ענטוויקעלט זיינע כחות אין דער רעגירונג פון׳ם ערשטען חשמונאי׳שען נשיא, יונתן, קאן מען זעהן, ווען מען זאל פערגלייכען די אידישע לאגע נאכ׳ן טויט פון יהודה המכבי אין פון זיין ברודער יונתן. ווען יהודה המכבי איז געפאלען ווי א גבור מיט׳ן שווערד אין דער האנד אויפ׳ן שלאכט־פעלד ביי ליש, און יונתן האט גער דארפט ארויסטרעטען צו פערטיידיגען אידען, האט ער קוים געקאנט פערזאמלען ארום זיך א קליינע מחנה פון מוטיגע העלדען און איז געוואר רען אליין אנפיהרער, נישט האבענדיג דערויף קיין רעכט און קיין טיר טול, נישט האבענדיג קיין בעפעסטיגטען ארט פאר זיך און זיין מחנה און נישט קיין הילפס־מיטעל, מיט וואס צו פערטיידיגען זיך געגען אנ־אנפאל; די פיינד פון אויסענוועניג האבען איהם שטארק געדריקט און געראדפ׳ט, און פון איניוועניג האבען איהם נישט געלאזט קומען צו דער מאכט די אידישע גריכען. איצט, נאך יונתנ׳ס טויט, ווען שמעון התרסי, דער לעצטער פון די גרויסע העלדישע זיהן פון מתתיהו חשמונאי, האט געדארפט איבערנעהמען די מאכט, האט ער שוין געפונען גרויסע פעסטונגען, וועלכע האבען איהם געקאנט דינען פאר א זיכערען ארט צו שטעלען זיך געגען די אנפאלען פונ׳ם פיינד, און ער האט געהאט נאר איין־איינציגען פיינד, וועלכען זיין ברודער יונתן האט שוין אבער שטארק אבגעשוואכט. יונתנ׳ס טויט האט דעריבער נישט מיטגעבראכט קיין פערצווייפלונג ביי אידען, אדער אנ׳אויסזיכט אויף א נייע פיר־קנעכטונג, נאר עס האט אנגעצינדען די הערצער ביי די אנהענגער פון די חשמונאים און ביי׳ם פאלק צו נעהמען נקמה פונ׳ם מערדער פאר׳ן טויט פונ׳ם אויסערוועהלטען כהן גדול, דעם קלוגען און געליבטען אי־דישען נשיא. שמעון האט שוין געקאנט איבערנעהמען די רעגירונג פון

אַ שטאַרקער מלוכה, וועלכע ער און זיינע ברידער האָבען בעשאַפען.

ווען שמעון האָט איבערגענומען די רעגירונג, איז ער שוין אפילו געוועזען אַן אַלטער מאַן, אָבער ער האָט נאָך געהאַט אַ יונגען פרישען גייסט און פייערדיגען מוט, ווי אין דער צייט, ווען זיין פאָטער האָט איהם בעשטימט פאַר זיין טויט פאַר אַ ראַטגעבער פאַר אַלע איבריגע ברידער אין די פאָרשטעהענדע מלחמות מיט די סירישער און זייערע שמד־גזרות. מיט שמעון זענען איצט געשטאַנען זיינע פיער קרעפטיגע זיהן: יוחנן, יהודה, מתתיהו און נאָך איינער, וואָס זיין נאָמען איז אונז אונבעוואוסט. די דאָזיגע פיער זיהן האָבען טיילגענומען אין פיעל מלחמות געגען די אידישע שונאים און זענען געוועזען געאיבטע הויפט־לייט און גרויסע גבורים.

שמעון האָט זיך געפיהרט לויט דער פּאָליטיק פון זיין ברודער יונתן: ער האָט אויסגענוצט תמיד די שוואַכקייט פון'ם פיינד, כדי צו בעפעסטיגען דאָס לאַנד יהודה און דערוויטערן זיינע גרעניצען. ער האָט אָבער דערגרייכט נאָך פיעל מעהר פון זיין ברודער: ער האָט געמאַכט די אידישע נאַציאָן גאַר אונאָבהענגיג און פריי פון יעדער אויסערליכער מאַכט. דאָס לאַנד יהודה איז געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה. שמעון'ס רעגירונג, וועלכע האָט געדויערט כמעט נייַן יאָהר, ווערט דער־ריבער מיט פאָלקאָמען רעכט געשילדערט אַלס אַ גלענצענדע עפּאָכע: „אין זיין צייט האָט יעדער געאַקערט זיין פעלד רוהיג און זיכער, די ערד האָט איהר פרוכט געגעבען, די בוימער זענען געוועזען בעלאַדען מיט פירות, די זקנים האָבען געהאַט די מנוחה אויסצולעבען זיך זייערע יאָהרען רוהיג און מיט פערגעניגען, די יוגענד האָט זיך געקאָנט פרייען מיט איהר קראַפט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געלעבט אין פריידען, יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגענבוים“.— שמעון'ס ערשטער שריט ביי'ם איבערנעהמען די נשיאות איז געוועזען צו דערווייזען, אַז ער איז אַ פירשט פון אַ פרייען לאַנד, וואָס איז פון קיינעם נישט אָב־הענגיג. אויף דער כהונה־גדולה, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט איהם בעעהרט, האָט ער נישט געזוכט קיין בעשטעטיגונג ביי'ם סירישען קעניג, ווי דאָס פלעגט זיך פיהרען פריהער. אַנשטאָט דעם, האָט ער בעסער בעפעסטיגט די אידישע פעסטונגען און פערזאָרגט זיי מיט פראָוויאַנט, פאָראויסזעהענדיג, אַז די סירישע מלכים וועלען מיט איהם וועלען מלחמה האַלטען, כדי צו מאַכען דאָס לאַנד יהודה ווידער אונטער־טעניג. ער האָט ווידער אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן אָראָבגעוואָרפענעם קעניג, דעמעטריאָס דעם צווייטען (ניקאַנאָר), ביי וועלכען טריפאָן האָט זיין טהראָן צוגענומען, האָטש דער דאָזיגער קע־ניג האָט פריהער זיך בעגאַנגען אויף אַ שענדליכען אופן מיט זיין ברו־דער יונתן. שמעון האָט געשיקט דעמעטריאָס'ען אַ גאָלדענע קרוין, אַלס אַ בעווייז, אַז ער אָנערקענט איהם פאַר אַ קעניג פון סיריען, און האָט

איהם צוגעזאגט הילף געגען זײן פרײנד טריפאן, בתנאי, אז ער װעט זיך אבזאגען פון זײן רעכט צו נעהמען אבצאהלונגען פון יהודה און אנערקענען זי פאר א זעלבסטשטענדיגע מדינה. שמעון'ס פאליטיק איז געװען א גאנץ ריכטיגע. דעמעטריוס האט אין זײן נויט אײנגע־שטימט אויף שמעון'ס בעדינגונגען, כדי צו האבען פאר זיך א געטרײען פערבינדעטען, װען ער װעט דארפען געהן אין מלחמה געגען טריפאן. דעמעטריוס האט געשריבען א בריעף (213 פאר'ן חורבן) צום כהן־גדול, „דעם פרײנד פון קעניג, צו די זקנים און צום אידישען פאלק", און ערקלערט, אז ער פערגעסט װעגען דעם פריהערדיגען אידישען אויפ־שטאנד און זאגט זיך אב פון זײן רעכט אויף צו נעהמען אבצאהלונגען פון לאנד יהודה, איבערלאזענדיג אויך פאר אידען זײערע אויסגעבויטע פעסטונגען. צװישען איהם און דעם לאנד יהודה װעט זײן שלום — האט דעמעטריוס פערזיכערט. דער טאג, אין װעלכען אידען זענען בעפרײט געװארען פון די אבצאהלונגען, איז פאר'ן אידישען פאלק געװעזען אזא װיכטיגער, אז מען האט איהם בעשטימט פאר א יום־טוב, װײל מען האט דערין געזעהען דעם אנפאנג פון א פאלקאמענער פרײהײט און זעלבסטשטענדיגקײט. מען האט דאמאלס אויך אויפגעהערט צו פיהרען די צײטרעכנונג נאך דעם רעגירונגס־יאהר פון די סירישע מלכים (מנין שטרות) און אנשטאט דעם האט מען גערעכענט פון שמעון'ס מלוכה אן. אין יענעם יאהר (212 פאר'ן חורבן) האט מען געשריבען אין אלע װיכטיגע דאקומענטען: „אין ערשטען יאהר פון'ם כהן־גדול שמעון, דעם אנפיהרער פון מיליטער און דעם פאלקס־פירשט". דאס פאלק האט דאס געטהון כמעט אינסטינקטיװ, גארנישט רעכענענדיג זיך דערמיט, אויב דער סירישער קעניג האט שוין אנערקענט דאס לאנד יהודה פאר זעלבסטשטענדיג, אדער נישט, דען מען האט זיך אויך װעניג געקימערט װעגען דעם; מען האט געשפירט די אײגענע קראפט אין זיך און עס האט קײנעם גארנישט געארט, צי װעט עס סירען געפעלען אדער נישט. שמעון איז נאך דאמאלס נישט געװען אנערקענט פאר א קעניג נישט דורך סירען, נישט דורך דעם אידישען פאלק, װעלכעס האט איהם געדארפט אויסקלײבען, ער אלײן האט זיך נאך אויך נישט געהאלטען פאר א קעניג, און ער האט אנגעהויבען רעכענען די צײט פון זײן מלוכה ערשט דאן, װען ער האט בעקומען דאס רעכט ארויסצוגעבען זעלבסט־שטענדיג אידישע מטבעות.

די שמחה, װאס האט געהערשט אין ירושלים, װען מען האט זיך ענדליך דערשלאגען צו זעלבסטשטענדיגקײט, װען מען איז געװארען א פרײ פאלק, װי מען איז שוין נישט געװעזען פון דער צײט פון לעצטען מלך פון דוד'ס הויז, פון צדקיהו'ן — די דאזיגע שמחה איז געװעזען אזוי גרויס, אז די פערטרעטער פון פאלק, די זקנים, אדער דער הויכער בית־דין, האבען זיך געאײלט אנצוזאגען די גרויסע בשורה די אידען

אין אלעקסאנדריען. דערביי האבען זיי זיך אבער געהיט נישט אנצוטרעטען דעם כבוד פון חוניו, וועלכער האט געשטאמט פון די כהנים פון צדוק'ס משפחה און ער האט געהאט דאס רעכט צו זיין כהן־גדול, וועהרענד איצט איז די כהונה־גדולה איבערגעגאנגען צו די חשמונאים פון יהויריב'ס משפחה. די פערטרעטער פון פאלק האבען דעריבער וועגען דער כהונה־גדולה גארנישט דערמאהנט און האבען אין זייער בריעף נאר מודיע געווען, אז פיעל יאהרען האבען זיי געליטען נויט און עלענד, און גאט האט לסוף אויסגעהערט זייער תפלה און ער האט זיי אויסגעלייזט פון זייער פיינד. איצט האבען זיי דעם בית־המקדש צוריק ריין געמאכט און אנגעהויבען דארט צו ברענגען קרבנות אין דער געהעריגער צייט, אנגעצונדען ליכט אין דער הייליגער מנורה, ווי אויך ארויפלעגען דעם לחם־הפנים אויפ'ן טיש פאר גאט. דער דאזיגער פאליטישער בריעף, וועלכער האט אזוי פיין אויסגעמיעדען יעדעס ווארט, וואס וואלט געקאנט עמיצען אנטרעטען, האט געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף די אידען פון מצרים. אויך זיי האבען זיך געפרעהט דערמיט, וואס יהודה איז ענדליך אומאבהענגיג געווארען, און האבען בעטראכט דאס יאהר, ווען דאס איז פארגעקומען, פאר זעהר א וויכטיגען ווענדפונקט.

דער צווייטער וויכטיגער שריט שמעון'ס איז געווען, וואס ער האט פערטריבען דעם רעשט פון די אידישע גריכען, וועלכע האבען זיך נאך אלץ אויפגעהאלטען אין דער פעסטונג אקרא, גזר און בית־צור, אדער אין אנדערע פערבארגענע ערטער. שמעון האט אינגאנצען פערניכטעט זייער איינפלוס אין אידישען לאנד. די פעסטונג גזר האט זיך אליין איבערגעגעבען שמעון'ען, ער זאל מיט איהר מאכען, וואס ער וויל, צי בעשטראפען, אדער טהון א חסד, מיט וועמען ער וויל. שמעון האט אבער קיינעם נישט בעשטראפט. ער האט די העלעניסטען זיך געלאזט געהן, נאר די הייזער און וואהנונגען האט ער בעפוילען אפצורייניגען פון אלע געצענדיענערישע בילדער און האט בעזעצט אין דער פעסטונג פרומע אידען. די אידישע גריכען אין אקרא האבען זיך אבער נישט געוואלט אונטערגעבען, דען זיי האבען זיך דארט זעהר שטארק בעפעסטיגט, און מען האט זיי געמוזט אויסהונגערן. ווען שמעון האט ענדליך די פעסטונג גענומען אין שטורם, זענען זיינע קעמפפער אריינגעקומען אין איהר מיט געזאנג און לויב־לידער צו גאט, און דעם טאג, אין וועלכען מען האט ענדליך איינגענומען די אידישע גריכען, האט מען בעשטימט פאר א פייער־טאג (211 פאר'ן חורבן). אזוי ארום זענען ענדליך געפאלען די אידישע גריכען, וועלכע האבען אין א משך פון פערציג יאהר אונטערגעגראבען די פונדאמענטען פון יודענטום, און כדי דורכצופיהרען זייערע גריכישע פלענער, האבען זיי דערוועקט געגען אידען די אויסערליכע פיינד און געבראכט צו שמד־גזרות און אויך צו

א אינערליכער מלחמה, ששטויסענדיג דאס פאטערלאנד צום אבגרונד. אויך פון בית־צור האט מען די אידישע גריכען פערשטויסען, און פון זיי איז פון דאמאלס אן קיין זכר מעהר נישט געבליבען אין דער אידישער געשיכטע, אויסער ווי דאס אנדענקען פון זייער שענדליכער מפלה און די אונגליקען, וואס זיי האבען געהאט מיטגעבראכט.

די פעסטונגען: א ק ר א, ב י ת־צ ו ר א ו ן ג ז ר האט שמעון איצט גוט בעפעסטיגט, כדי זיי זאלען קאנען דיענען אויף צו פערטיידיגען דאס לאנד. אויסערארדענטליך וויכטיג איז אויך געווען פאר אידען דאס איינעהמען די פארט־שטאדט יפו, וועלכע שמעון האט גוט בעפעסטיגט, כדי צו קאנען זיך פערטיידיגען געגען די ארומיגע גריכען, ווי אויך געגען דעם פיינד, וואס וואלט קומען מיט'ן ים. צוזאמען מיט דער שטאדט יפו האט דאס לאנד יהודה אויך בעקומען א גרויסע הכנסה פונ'ם אבצאהל פון די סחורות, וואס קומען אריין דורך איהר אין לאנד יהודה און אין סיריען מיט'ן ים. פריהער פלעגען די אבצאהלונגען אב־נעהמען די סירישע מלכים, איצט האבען זיי געהערט צו אידען. מיט דער פעסטונג אקרא האט שמעון געמוזט בעגעהן זיך אויף א בעזונ־דערען אופן. די דאזיגע פעסטונג האט נישט געדארפט בלייבען אין דער געשטאלט, ווי זי איז געווען ביז איצט, דען, ערשטענס, האט זי דער־וועקט אין פאלק זעהר טרויעריגע זכרונות וועגען די אידישע גריכען, פון וועלכע מען האט זיך אזוי פיעל אנגעליטען, און, צווייטענס, האט דאס רעליגיעזע געפיהל זיך געשטעלט געגען איהר, דען די פעסטונג איז מיט איהרע טהורעמס געווען העכער פאר'ן בית־המקדש, און דאס האט, לויט דער אלגעמיינער מיינונג, נישט געטארט זיין, ווייל ישעיה האט נבואה געזאגט, אז „אין די לעצטע טעג וועט דער הר־הבית שטעהן העכער פאר אלע בערג". דאס פאלק האט דעם ענין פערשטאנען גאר פשוט, אז קיין בארג און קיין געביידע האט נישט געטארט זיין העכער פאר'ן בית־המקדש. שמעון האט זיך געמוזט אין דער הינזיכט אונטער־געבען דעם פאלקס־ווילען. פון דער אנדערער זייט אבער איז אקרא געווען זעהר א גוטער ארט אויף האלטען דארט מיליטער און געוועהר, און דעריבער וואלט מען זיך בעגאנגען אונפארזיכטיג, ווען מען וואלט די פעסטונג פערניכטעט. שמעון האט דעריבער, נאך א ישוב־הדעת מיט'ן הויכען געריכט, אראבגעווארפען בלויז די הויכע טהורעמס, און די דאזיגע ארבייט זאל האבען געדויערט גאנצע דריי יאהר. דאגעגען די מויערען, די געביידעס און די הויפען זענען געבליבען גאנץ. נאר דעם נאמען אקרא, אדער אקראפאלים, וואס איז דעם פאלק געווען פער־האסט, האט מען פערביטען דורכ'ן אלטען אידישען נאמען, וועלכען נחמיה האט געגעבען דער פעסטונג, „ב י ר ה". אין דער בירה האט מען פון איצט אן געזאמעלט געוועהר פאר דער אידישער ארמיע, און די אידישע קריעגער האבען דארט געהאט זייער הויפט־קווארטיר. שמעון אליין

האט פאר זיך אויך איינגעארדענט א וואהנונג דארט צווישען די אידישע קעמפפער. זיין זוהן יוחנן האט ער בעשטימט פאר א שטאטהאלטער איבער דער געגענד אויפ'ן ברעג ים און איהם בעזעצט אין דער פעסטונג גזר.

אבער חאטש די לאגע איז פאר שמעון'ען געוועזען גאנץ גינסטיג, האט ער דאך געמוזט שטענדיג זיין גוט בעוואפענט און גרייט צו מלחמה. דערווייל האבען ביידע קאנקורענטען איבער דער סירישער קרוין געפיהרט צווישען זיך מלחמה. טריפאן און דעמעטריאס האבען נישט געוואלט נאכגעבען איינער דעם אנדערען, און דורך זייערע מלחמות איז סיריען געווארען אלץ מעהר אבגעשוואכט, און דאס איז פאר'ן לאנד יהודה, נאטירליך, געוועזען א גרויסע טובה, דען מען האט עס געלאזט צורוה. דעמעטריאס דער צווייטער, ניקאנאר, וועלכער האט געמוזט צוזאגען דעם לאנד יהודה אונאבהענגיגקייט, האט געהאט אונטערגענומען אנ'אוואנטוריסטישע מלחמה אויף פערסיען, און אנשטאט איהם האט ער איבערגעלאזען אין סיריען זיין ברודער, אנטיוכוס סידעטעס, וואס האט געדארפט פיהרען מלחמה מיט טריפאן, וועלכער האט דער־הרג'עט יונתן און פערחאפט דעם סירישען טהראן. שמעון האט דעריבער איינגעזעהען, אז דאס קליגסטע פון זיין זייט וועט זיין, אבצושוואכען דעם היטרען מערדער טריפאן. און אט דערפאר האט ער געשטיצט אנטיוכוס סידעטעס, וועלכער האט אויך בעשטעטיגט אלע פרייהייטען, וואס זיין ברודער האט צוגעזאגט דעם לאנד יהודה אין דער נויט. אויסערדעם האט ער (210 פאר'ן חורבן) אויך געגעבען שמעון'ען דאס רעכט ארויסצוגעבען אליין מטבעות אין לאנד יהודה, און דאס איז שוין געוועזען א צייכען פון פאלקאמער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אידישער מלוכה.

ווי עס קומט אפט פאר אין דער געשיכטע פון די פעלקער, האט דערזעלביגער שמעון, וועלכער האט אליין פערפלאנצט דעם בוים פון דער אידישער פרייהייט, אויך אריינגעבראכט דעם ווארים אין דעם אייגעלען געוויקס. טראכטענדיג נאר וועגען דעם אויגענבליקליכען נוצען, וועגען דעם מאמענט און נישט וועגען דער וויטערדיגער צוקונפט, האט שמעון געמיינט צו פערשטארקען אויף שטענדיג די אויסגעקעמפפטע זעלבסטשטענדיגקייט דערמיט, וואס ער וועט זי שטעלען אונטער'ן שוץ פון רוים. דאס רוימישע פאלק האט אבער, אין [illegible] פון זיין גאנצער געשיכטע, געפיהרט אנ'ערא בערונגס־פאליטיק און איז געוועזען אנ'אמת'ער מערדער פון דער פרייהייט פון אלע פעלקער. כדי זיך צו בעפרייען פון די אייביגע אנפאלען און רדיפות מצד די שוואכע סירישע מלכים־טיראנען, האט ער אנגעטרויט דעם גורל און גליק פון אידישען פאלק א שטארקערען טיראן — רוים, וועלכער פלעגט אזוי פריינדליך ארומנעהמען די פעלקער, וואס פלעגען זיך צו איהם ווענדען, אז ער פלעגט זיי דערשטיקען. שמעון האט געשיקט צוויי אידישע שלוחים:

נומיניאָס, דעם זוהן פֿון אנטיוכוס, און אַנטיפּאַטער, דעם זוהן פֿון יאַזאָן, קיין רוים, כּדי אויסצובעטען זיך דאָרט דעם חסד פֿון רוימישען סענאַט, אַז רוים זאָל שליסען אַ פֿריינדשאַפֿטס-בונד מיט'ן לאַנד יהודה. דער רוימישער סענאַט איז כּלל נישט געווען געגען דעם, אַז מען זאָל שליסען אַ בונד אַפילו אויך מיט'ן שוואַכסטען פֿאָלק, זייענדיג זיכער, אַז מיט דעם דאָזיגען פֿריינדשאַפֿטס-בונד מאַכט רוים דעם ערשטען שריט איינצונעהמען לסוף דאָס לאַנד אינגאַנצען. רוים איז גלייך געווען צו יענעם נישט-עהרליכען אַפּיטראָפּוס, וועלכער הייסט שטאַרק אַב פֿון אַ זייטיגען מענשען דאָס פֿערמעגען פֿון די איהם אַנפֿערטרויטע יתומים, כּדי ער זאָל אליין בעקומען אַ גרעסערען טייל, דאַן, ווען ער וועט די יתומים בעראַבעווען. דער רוימישער סענאַט האָט מודיע געווען אַלע פֿעלקער, וואָס זענען מיט רוים געווען פֿערבונדען, אַז אויך דאָס לאַנד יהודה אַנערקענט רוים פֿאַר אַ פֿערבינדעטען און אַ פֿריינד, און אַז די סירישע מלכים האָבען נישט קיין רעכט אַנצוריהרען דאָס לאַנד יהודה (210 פֿאַר'ן חורבן). נאָך פֿערלויף פֿון זועניגער ווי צוויי הונדערט יאָהר נאָך דעם האָט רוים פֿערלאַנגט, אַז דאָס בילד פֿון זיין אונפֿערשעמטען בלוט-דורשטיגען קייזער זאָל מען אַריינשטעלען אין בית-המקדש און בוקען זיך צו איהם, און דריי צעהנדליג יאָהר שפּעטער האָט רוים געבראַכען די אידישע מאַכט, אויסגעהרג'עט די אידישע גבורים און מיט אכזריות פֿערפֿאָלגט דעם רעשט פֿון פֿאָלק, וואַשענדיג זיך אין זיין בלוט. די טרויעריגע פֿאָלגען פֿונ'ם בונד מיט רוים האָבען נישט פֿאָראויסגעזעהען נישט שמעון, נישט עמיצער פֿון די מענשען פֿון זיין צייט, נאָר אַלע האָבען זיך געפֿרייעט, וואָס מען האָט בעקומען אַזאַ מעכטיגען בעשיצער און אַ פֿריינד, ווי רוים איז, און מען ווערט דורך איהם אַנגערופֿען „ברודער און פֿערבינדעטער“. די אידישע נאַציאָן איז אַזוי געווען דאַנקבאַר דעם נשיא שמעון, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט איהם אויסגעקליבען פֿאַר אַן'אייביגען כּהן-גדול און נשיא, דאָס הייסט, פֿאָלקס-פֿיהרער. די דאָזיגע התמנות האָט געדאַרפֿט איבערגעהן בירושה צו זיינע קינדער און קינדס-קינדער אויף אייביג.

דער אַקט, דורך וועלכען דאָס אידישע פֿאָלק האָט אַבגעגעבען די מאַכט איבער זיך צו שמעון חשמונאי, האָט זיך דערהאַלטען גאַנץ ביז איצט, און פֿון איהם זעהט מען אַרויס זעהר קלאָר, ווי גרויס עס איז געווען די דאַנקבאַרקייט פֿון פֿעריונגטען אידישען פֿאָלק צו די חשמונאים. דעם 23-טען אֱלול פֿון יאָהר 210 פֿאַר'ן חורבן (140 פֿאַר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג), אין דריטען יאָהר, זינט שמעון איז געוואָרען אַ כּהן-גדול, האָבען אַלע כּהנים, זקנים און פֿאָרשטעהער פֿון דער אידישער נאַציאָן, ווי אויך די גאַנצע בעפֿעלקערונג פֿון ירושלים, זיך פֿערזאַמעלט, ווי עס שיינט, אויפֿ'ן הר-הבית און בעשלאָסען פֿאָלגענדעס: „אַנערקענענדיג די גרויסע מעשׂים, וואָס עס האָט געטהון שמעון, ווי

אויך דאָס הויז חשמונאים, פאַר'ן אידישען פאָלק און פאַר'ן בית־המקדש. האָט מען בעשלאָסען איהם און אַלע זיינע קינדער און קינדס־קינדער נאָך איהם, ביז עס וועט אויפשטעהן א נביא פון גאָט, צו בעשטימען פאַר א כהן־גדול און א נשיא. אלס צייכען פון זיין הויכער שטעלע דאַרף דער נשיא טראָגען א פורפור־קלייד און א גאָלדענעם גאַרטעל; אין זיין נאָמען דאַרפען געשלאָסען ווערען אַלע עפענטליכע דאָקומענטען און ער זאָל האָבען דאָס רעכט צו ערקלערען מלחמה, אָדער צו שליסען שלום. ער זאָל בעשטימען בעאַמטע אין לאַנד, בויען פעסטונגען און פערזאָרגען זיי מיט געוועהר, און אונטער זיין מאַכט דאַרפען זיך אויך געפינען דער בית־המקדש מיט אַלע אידישע הייליגטימער. ווער עס וועט זיך ענטקעגען שטעלען דאַרף בעשטראָפט ווערען. ער דאַרף זיין דער הויפט־ריכטער איבער'ן גאַנצען לאַנד". — דעם דאָזיגען פאָלקס־בעשלוס האָט מען אויסגעקריצט אויף קופערנע טאָוולען, וועלכע מען האָט אריינגעבראַכט אין דער עזרה פון בית־המקדש, וואו מען האָט זיי אויפגעהאָנגען צווישען די סלופעס אין א הויכען אָפענעם אָרט, כדי אַלע זאָלען זיי קאָנען לעזען; און דעם אָריגינאַל פון דאָקומענט האָט מען בעהאַלטען אין ארחיוו פון בית־המקדש. אזוי ארום האָט דאָס אידישע פאָלק ווידער בעקומען א געזעצליך אויסגעוועהלטען נשיא מיט די רעכטען פון א מלך. וועלכען עס האָט שוין נישט געהאַט אין א משך פון ניין יובלים, אָדער 450 יאָהר, זינט עס איז גענומען געוואָרען געפאַנגען דיזער לעצטער אידישער מלך צדקיהו דורך נבוכדנאצר, דעם קעניג פון בבל. דעם נאָמען מלך האָט מען אפילו נאָך נישט געגעבען שמעון'ען, נאָר די רעכטען פון א מלך האָט ער געהאַט. דאָס, וואָס מען האָט איהם נישט געגעבען דעם טיטול מלך, שטאַמט דערפון, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געוואָלט בלייבען געטריי דעם קעניגליכען הויז פון דוד המלך, דען דאָס פאָלק האָט פעסט געגלויבט, אז די אמת'ע און ענד־ליכע אידישע גאולה וועט קומען ערשט דאַן, ווען עס וועט מקוים ווערען די נבואה וועגען „דעם צווייג, וואָס דאַרף ארויסקומען פון ישי'ס שטאַם". און דערפאַר האָט מען אויך פערשריבען אין בונד־בריעף, אז מען מאַכט איהם פאַר א נשיא, ביז עס וועט קומען „א נביא פון גאָט".

נאָכדעם, ווי שמעון איז עפענטליך אנערקענט געוואָרען פון גאַנצען פאָלק פאַר א נשיא, האָט ער אָנגעהויבען אויסנוצען דאָס רעכט, וואָס עס האָט איהם געגעבען אנטיוכוס סידעטעס, ארויסצוגעבען אייגען מטבעות. שמעון איז געוועזען דער ערשטער אידישער פירשט, וועלכער האָט מטבעות ארויסגעגעבען. אויף זיינע מטבעות איז אויף איין זייט געשריבען דער ווערט מיט דער העברעאישער אויפשריפט „שקל ישראל" (לערך 3¾ דייטשע מאַרק, אָדער פיער רוימישע דינרין — דינאַריען). אָדער א האַלבער, א דריטעל אין א פיערטעל שקל, און פון דער אַנדערער זייט: „ירושלים הקדושה". אלס בעצייערונג פון די מטבעות געפינען

זיך אויף זיינע סימבאלען פון דער כהונה־גדולה: אהרן'ס בליהענדער שטעקען, בעכערס, פוליכט קטורת־פאנען, טרויבען, שופרות און דעם־גלייכען. זיין נאמען האט שמעון אויף די שקלים נישט געשטעלט און ער רופט אויך נישט אן דעם נאמען פונ'ם נשיא אדער פונ'ם כהן־גדול. די אויפשריפטען זענען אלט־העברעאישע, אדער שומרונישע, ווייל די דאזיגע שריפט האבען אויך געקאנט לעזען די ארומיגע פעלקער, מיט וועלכע אידען זענען געשטאנען אין האנדעלס־בעציהונגען, וועהרענד דער „כתב אשורי", ד. ה., אונזער פיערקאנטיגער אלף־בית, איז זייער אונבעקאנט געווען. די צאהל פון די יאהרען אויף די מטבעות פון שמעון'ס צייטען שטאמען פון דער צייט ביז'ן פינפטען יאהר פון זיין נשיאות.

ווי פריינדליך עס האט זיך ארויסגעוויזען פאר אידען אנטיוכוס סידעטעס, ווען ער האט זיך גענויטיגט אין אידישער הילף, אזוי קאלט האט ער זיך ארויסגעוויזען פאר זיי איצט, ווען ער האט שוין געמיינט, דאס ער האט דערגרייכט זיין ציעל מיט דער אידישער הילף. ווען שמעון האט איהם געשיקט צוויי טויזענד סאלדאטען און א געלד־מתנה, כדי צו שטיצען איהם אין זיין מלחמה געגען טריפאן, וועלכען ער האט דאמאלס בעלאגערט אין דער שטאדט דארא, האט אנטיוכוס סידעטעס די מתנה און שטיצונג נישט אנגענומען, ווייל ער האט שוין דאמאלס געהאט בעשלאסען ארויסצוטרעטען פיינדליך געגען אידען. ווען אנטיוכוס סידעטעס איז געווארען קעניג, האט ער געשיקט זיין הויפטמאן קענדעבאיאס פון הירקאניען צו שמעון'ען, כדי צו מאכען איהם א פארוואורף, אז ער איז אריבערגעטראטען די פריהייטען, וועלכע מען האט איהם געגעבען, דען ער האט איינגענומען די פעסטונגען יפו, גזר און אקרא אין ירושלים, וועלכע האבען געהערט צו סיריען, נישט בעצאהלענדיג דערפאר סיריען קיין געלד. דערביי האט אנטיוכוס געפאדערט, אז שמעון זאל די פעסטונגען צוריק אבגעבען, אדער ער זאל בעצאהלען פאר זיי, ווי אויך פאר די הכנסות, וואס ער האט פון זיי בעקומען, טויזענד טאלענטען זילבער, און אויב שמעון וועט נישט ערפילען די פאדערונג, האט ער געסטראשעט מיט א מלחמה. שמעון האט זיך אבער נישט דערשראקען און געענטפערט, אז ער האט גענומען נישט פרעמדס, נאר דאס, וואס האט פון אייביג אן געהערט צו אידען, האט ער צוריק אבגענומען דורך מלחמה, בעזונדערס דערפאר, וואס די איינוואהנער פון די איינגענומענע שטעדט האבען זעהר געדריקט אידען. דערביי האט שמעון פונדעסטוועגען ערקלערט, אז ער איז גרייט צו געבען דעם סירישען קעניג הונדערט טאלענט זילבער א מתנה. קענדעבאיאס האט דערויף גארנישט געענטפערט און אבגעגאנגען צוריק מיט גרויס כעס צו זיין קעניג. אנטיוכוס האט דאמאלס געהאלטען ביי'ם פערפאלגען זיין פיינד טריפאן, וועלכער איז ענטלאפען פון דער פעסטונג דארא. א טייל פון זיין חיל, פוסגעהער און רייטער, האט אנטיוכוס איבערגעגעבען דעם

הויפטמאן קענדעבאיאס, כדי צו געהן אויף דאס לאנד יהודה, ווידער איינצונעהמען עס און מאכען אונטערטעניג דער סירישער מלוכה. שמעון האט זיך צוגעגרייט צו א הארטנעקיגען קאמפף. צום גליק, האט ער שוין איצט געקאנט צוזאמענשטעלען א׳נ ארמעע, און וועלכער עס זאלען זיין אויך פיעל רייטער, דען אין די פריהערדיגע מלחמות האבען אידען זעהר פיעל געליטען דערפון, וואס זיי האבען קיין רייטער־מיליטער נישט געהאט. צוליעב דעם, וואס שמעון אליין איז שוין דאמאלס צו־אלט געוועזען, צו קאנען אליין געהן אין דער מלחמה, האט ער בעשטימט זיינע צוויי זיהן, יוחנן און יהודה, פאר הויפטלייט איבער דער אידישער ארמעע, וועלכע איז ארויסגעטראטען פון דער פעסטונג גזר געגען דעם פיינד. קענדעבאיאס איז שוין דערווייל אריינגעדרונגען טיעף אין לאנד און, אבשטעלענדיג זיך נעבען י ב נ ה, האט ער זיך געלאזט געהן אויף רויב אינ׳ם לאנד און איז צוגעטראטען צו דער שטאדט עקרון. פיעל איינוואהנער האט ער גענומען געפאנגען אויף צו פערקויפען זיי פאר קנעכט. אויפ׳ן פרייען פעלד פאר דער שטאדט עקרון האט זיך אנגעהויבען די מלחמה צווישען אידען און קענדעבאיאס. דאס פעלד איז געוועזען פערפלייצט מיט וואסער פון די גרויסע רעגענס, אבער יוחנן מיט זיין ארמעע האבען זיך אריינגעווארפען אין וואסער און, אריבערשווימענדיג דעם פלאץ, זענען זיי אנגעפאלען אויפ׳ן פיינד און איהם געבראכט א מפלה. קענדעבאיאס מיט זיין ארמעע זענען אבגעווארפען געווארען ביז אשדות (Azotos). די דאזיגע שטאדט האט זיך בעשטעלט געגען יוחנן, אבער ער האט זי פערברענט. יוחנן האט צוליעב דעם דאזיגען נצחון איבער דעם הירקאניער בעקומען דעם ביינאמען הורקנוס. יהודה, זיין אינגערער ברודער, איז אין דער דאזיגער מלחמה פערוואונדעט געווארען. די דאזיגע מלחמה (206—207 פאר׳ן חורבן) איז געוועזען די לעצטע, וועלכע שמעון האט געפיהרט, און זי האט איהם געבראכט, אויסער דעם נצחון, אויך די טרייסט און די גוטע האפנונג, אז ער האט ביי וועמען איבערצולאזען נאך זיין טויט דאס פאטערלאנד, דען זיינע זיהן האבען זיך ארויסגעוויזען פאר גרויסע גבורים, וועלכע וועלען עס קאנען בעשיצען געגען די אויסערליכע פיינד.

די מפלה, וואס אנטיוכוס׳עס ארמעע האט געהאט אין דער מלחמה מיט די אידען, האט אריינגעבראכט אנטיוכוס׳ן אין א געוואלדיגען כעס. נאר דערפאר, וואס ער איז געווען צו־שוואך אנצוהויבען געגען אידען פיהרען א נייע מלחמה, האט ער זיך געלאזען ווירקען מיט מערדערישער פאלשקייט און פעררעטעריי. ער האט געוואלט פערטיליגען די משפחה פון די חשמונאים, וועלכע האט מיט אזא עקשנות און הצלחה געקעמפפט געגען דער סירישער מלוכה, אז זי איז גאר פערארימט און ערניעדעריגט געווארען, וועהרענד דאס לאנד יהודה האט זיך געשטארקט. ווי עס שיינט, האט ער צו דעם דאזיגען צוועק איבערגערעדט

איינעם א מענשען, וועלכער איז גרייט געוועזען צו טהון אלץ, צוליעב זיין תאוה נאך געלד און כבוד. דער דאזיגער שענדליכער מענש איז געוועזען שמעון׳ס אנ׳איידים, תלמי בן חבוב. שמעון האט איהם מיט זיין טאכטער אויך געגעבען א גרויסע עשירות און אויפגענומען פאר א שטאטהאלטער איבער׳ן קאנט פון יריחו. אבער פאר׳ן פערדארבענעם מענשען איז דאס נאך אלץ ווייניג געוועזען. אויסצופיהרען דעם מערדערישען פלאן פון אנטיוכוס און אוים׳הרג׳ענען דאס גאנצע חשמונאישע הויז איז פאר איהם נישט געוועזען שווער, וויל שמעון מיט זיינע זיהן האט גארנישט געקאנט איינפאלען צו היטען זיך פאר איהם. שמעון פלעגט, נישט אכטענדיג אויף זיין טיעפען עלטער, אליין ארומרייזען אין לאנד יהודה, כדי צו בעאבאכטען אויף די ריכטער, אז זיי זאלען משפט׳ן עהרליך דאס פאלק, ווי אויך כדי צו בעקענען זיך פערזענליך מיט די הצטרכות פון פאלק. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט איז ער אויך געקומען אין דער פעסטונג דאק (דגון), נעבען יריחו, וואו זיין איידעם האט זיך דאמאלס אויפגעהאלטען. מיט זיך האט שמעון אויך געהאט זיין פרוי מיט זיינע ביידע אינגערע זיהן, יהודה און מתתיהו. זיין עלטערער זוהן, יוחנן, איז געבליבען אין גזר. זיין איידעם, תלמי, האט ארויסגעוויזען כלומר׳שט א גרויסע שמחה, אויפנעהמענדיג ביי זיך די טייערע געסט, וועלכע ער האט שוין בעשלאסען צו ערמארדען. ער האט געמאכט א שענעם מאהלצייט, און וועהרענד די משפחה איז געזעסען ביי׳ם טיש, געגעסען און געטרונקען רוהיג, נישט טראכטענדיג וועגען קיין בייז, איז אויפגעשטאנען תלמי מיט זיינע געדונגענע מערדער און דער׳הרג׳עט שמעון׳ען מיט זיינע ביידע זיהן (205 פאר׳ן חורבן). ווי נאר ער האט דעם דאזיגען שוידערהאפטען מארד אויסגעפיהרט, האט ער געשיקט שלוחים צום סירישען קעניג, אז ער זאל באלד שיקען איהם מיליטער. ער האט אויך געשיקט געדונגענע מערדער קיין גזר, כדי צו דער׳הרג׳ענען דארט יוחנן, און, ענדליך, שלוחים קיין ירושלים, כדי צו פערכאפען די שטאדט מיט׳ן בית־המקדש. אבער די שענדליכע מערדעריי האט איהם נישט געדארפט ברענגען קיין נוצען, דען איינער פון יוחנן׳ס פריינד האט בעוויזען צו ענטלויפען פון דער פעסטונג דאק בשעת דער מהומה און איז געקומען צו יוחנן, כדי צו ברענגען איהם די שרעקליכע ידיעה. יוחנן האט זיך באלד צוגעגרייט צום קאמפף און, ווען עס זענען געקומען צו איהם תלמי׳ס מערדער, האט ער זיי בעשטראפט מיט׳ן טויט. איהם איז אויך געלונגען צו קומען קיין ירושלים פאר תלמי׳ס געשיקטע לייט און דארט האט ער לייכט צוגעצויגען אויף זיין זייט די בעפעלקערונג. אויך די הילף פון סירישען קעניג, אויף וועלכער תלמי האט געווארט, איז נישט געקומען אזוי גיך, און תלמי׳ן איז איבערגעבליבען נאר צו פערשליסען זיך אין זיין פעסטונג דאק, האלטענדיג ביי זיך זיין שוויגער, יוחנן׳ס מוטער, פאר א משכון, און צוגריי-

טענדיג זיך צום פערטיידיגען געגען יוחנן. — אט אזוי איז געשטארבען דער לעצטער פון די פינף העלדישע זיהן מתתיהו׳ס. קיין איינציגער פון זיי איז נישט געשטארבען רוהיג אויף זיין בעט, נאר אלע האבען זייער לעבען געענדיגט אין גרויסען קאמפף פאר׳ן פאלק און זיינע הייליג־טימער: יהודה און אלעזר זענען געפאלען, ווי די גבורים אויפ׳ן מלחמה־פעלד; יוחנן, יונתן און שמעון זענען דער׳הרג׳עט געווארען אויף א מער־דערישען אופן דורך די פיינד פון אידישען פאלק.

די רעגירונג, וועלכע עס האט איצט איבערגענומען יוחנן הורקנוס, איז געווען א איבערגאנגס־עפאכע צווישען צוויי גרויסע פעריאדען אין דער אידישער געשיכטע. אויף זיין טהראן, אלס כהן־גדול און נשיא, איז יוחנן שוין ארויפגעטראטען אלס געזעצליכער יורש פון זיין פאטער, און ער האט נישט בלויז ווייטער געפיהרט זיין פאטערס גרויסע ארבייט, נאר ער האט זי אויך פערגרעסערט און פערפאלקאמט, דערהויבענדיג זי צו א הויכער מדרגה. אין דער ערשטער צייט פון די חשמונאים איז יהודה צונויפגעשמאלצען געווארען אין א קליין לאנד צווישען די גרענעצען פון די פרעמדע פעלקער, און אפילו אין לאנד יהודה גופא זענען אויך געווען פיעל ערטער, וועלכע האבען זיך געפונען אין רשות פון די אידישע פיינד. הורקנוס אבער האט דערווייטערט די גרענעצען פון לאנד יהודה, בעפריינדיג דאדורך דעם ארגאניזם פון דער אידישער מלוכה פון די קייטען, מיט וועלכע זיינע אברים זענען געווען איינגעקרעמפט. די פרעמדע פעלקער אין לאנד יהודה האט ער אויך איינגענומען. אזא ערפאלג האט ער דערגרייכט, אויסנוצענדיג די גליק־ליכע אומשטענדען, ווי אויך דורך זיין גבורה און פעסטיגקייט אין מלחמה געגען דעם פיינד. אויב מען קאן פערגלייכען די רעגירונג פון יוחנן הורקנוס צו שלמה המלך׳ס רעגירונג, צוליעב איהר גרויסען כבוד און דער דערגרייכטער מאכט, קאן מען זי פערגלייכען אויך צוליעב דעם, וואס ביידע רעגירונגען האבען זיך אנגעהויבען און געענדיגט ביי שווע־רע אומשטענדען פון אונרוהיגקייט און שווערע וואלקענס אויפ׳ן ווייטען הימעל פאר דער צוקונפט. די גרעסטע הצלחת פון ביידע רעגירונגען איז אויסגעקומען אין זייער מיטעל־צייט.

ווי שלמה האט געהאט ביי׳ם ארויפשטייגען אויף זיין טהראן א קאנקורענט, זיין ברודער אדוניהו, וועלכען ער האט געמוזט דערוויי־טערן, אזוי האט אויך יוחנן הורקנוס נאך אין א פיעל גרעסערען מאס־שטאב געהאט צו פיהרען א קאמפף געגען פערשיעדענע געגנער. איינער פון זיי איז געווען זיין שוואגער, דער שענדליכער תלמי אדער פטאלא־מעאוס, וועלכער האט דער׳הרג׳עט זיין פאטער מיט זיינע צוויי ברידער און האט איהם אליין אויך געוואלט דער׳הרג׳ענען. פאר פטאלאמעאוס׳ן אליין האט יוחנן קיין מורא נישט געהאט, דען ער איז איהם נישט געווען געפעהרליך, און דאס אידישע פאלק וואלט נישט אנערקענט

דאמאלס קיין מערדער פאר א נשיא; אבער הינטער איהם איז געשטאנען א פיעל שטארקערער פיינד: סיריען מיט איהר קעניג אנטיוכוס זיין גרויסער מאכט. אויב אפילו ירושלים האט בײ דער ידיעה פון שמעון'ס ערמארדונג זיך באלד ארויסגעזאגט פאר הורקנוס, האט דאן אבער די פארזיכטיגקייט, די זיכערהייט פון דער מלוכה און די פפליכט פון דעם נשיא נישט געקאנט דערלאזען, אז דער מערדער זאל בלייבען אונבעשטראפט און זאל נישט פערניכטעט ווערען. הורקנוס האט דעריבער זיך צוגעאײלט צו ארויסצוטרעטען געגען זיין שוואגער פטאלאמעאוס, נאך איידער אנטיוכוס סידעטעס האט איהם געשיקט הילף. וועגען דער בעלאגערונג אויף דער פעסטונג דאק, ווי אויך וועגען איהר רעזולטאט, געפינען מיר אין דער אלטער געשיכטע נאר ספורים, וועלכע זענען מעהר ענליך צו לעגענדעס, איידער צו געוויסע ידיעות. לויט איין נוסח, וועלכער ווייזט אויס צו זיין שטארק פערפוצט מיט דער פאנטאזיע, האט הורקנוס נישט געקאנט פיהרען די בעלאגערונג מיט זיין גאנצער ענערגיע, ווייל דער פיינד, זיין שוואגער, האט געהאט אין זיין מאכט די מוטער פון הורקנוס און ער האט זי זעהר שטארק און אכזריות'דיג געפייניגט אויף דער מויער פאר די אויגען פון איהר זוהן הורקנוס, כדי ער זאל אבגעהן פון דער פעסטונג. די אלטע מוטער אבער, אלס עכטע חשמונאית, האט איהר זוהן אויפגעמונטערט נישט אכטונג צו געבען אויף איהרע יסורים און נישט אבצוטרעטען, ביז ער וועט בעשטראפען דעם מערדער פון איהר מאן און קינדער, ווי ער איז ווערט. און אט צוליעב דעם איז דאס הארץ פון הורקנוס געפייניגט געווארען פון זײנע ערליי געפיהלען: פון רחמנות אויף זיין אלטער מוטער און ליעבע צו איהר, און פון זיין פפליכט־געפיהל, וועלכעס האט איהם בעפויהלען שטרענג צו בעשטראפען דעם מערדער. א פאקט איז אבער, אז הורקנוס האט ארונטערגענומען די בעלאגערונג פון דער פעסטונג, נישט איינגעהמענדיג זי, ווייל ער האט דערהערט, אז דער סירישער קעניג געהט מיט א גרויסער ארמעע, כדי אויסצונוצען די שווערע לאגע, וועלכע אין יהודה גופא הומט פאר א קאמפף צווישען ברידער. באלד ווי הורקנוס האט פון דער פעסטונג אבגעצויגען, האט פטאלאמעאוס דער'הרג'עט זיין שוויגער, די מוטער פון הורקנוס, און איז אבגעגאנגען קיין פילאדעלפיא, וועלכע האט פריהער געהייסען „רבת בני עמון“. פטאלאמעאוס'עס נאמען פערשווינדעט פון דאמאלס אן פון דער אידישער געשיכטע.

איצט אבער האט זיך דערוועקט געגען יוחנן הורקנוס א פיעל גרעסערער פיינד — אנטיוכוס סידעטעס, וועלכער איז געקומען נעהמען נקמה פאר דער מפלה, וואס עס האט געהאט זיין ארמעע אין יהודה אונטער'ן הויפטמאן קענדעבאיאס. ער איז געקומען (אין הערבסט 205 פאר'ן חורבן) אין לאנד יהודה מיט א גרויסער ארמעע, האט צושטערט

אלע שטעדט און דערפער, וואו ער איז דורכגעגאנגען, און צוגעקומען צו ירושלים. ווי עס שיינט, האט יוחנן הורקנוס זיך געשפירט צו־שוואך, צו קאנען בעגעגענען אנטיוכוס סידעטעס אין אן׳עפענטליכער מלחמה, דעריבער האט ער געאיילט זיך צו פערשליסען אין ירושלים הינטער איהרע פעסטע מויערן. אנטיוכוס האט אונטערגענומען א רעגעלמעסיגע בעלאגערונג. ער האט אנגעשאטען בערג ארום שטאדט, אויף וועלכע ער האט ארויפגעבראכט די שלידער־מאשינען, כדי צו ברעכען די מויער פון שטאדט. די אידען פלעגען אפט ארויסקומען פון שטאדט און מיט גרויסער גבורה אבווארפען די פיינד צוריק, אזוי, אז יענע האבען נישט געקאנט אונטערנעהמען אזוי גיך א שטורם אויף דער שטאדט. די בעלאגערונג האט זיך פערצויגען גאנץ לאנג. די סירישע ארמעע האט געליטען דורשט, דען עס האט איהר פערפעהלט וואסער; פון דורשט זענען אויך געקומען פיעל קרענק. די בעלאגערטע האבען אפילו געהאט וואסער גענוג; זיי האבען אבער געליטען הונגער, דען עס האט אנגעהויבען צו פעהלען פראוויאנט אין שטאדט. דער זומער איז דערווייל פריבער, און די סירער האבען נאך אלץ נישט געהאט די מעגליכקייט אונטערצונעהמען דעם שטורם אויף ירושלים. עס איז אונטערגעקומען דער יום טוב סכות און דער הערבסט, ביידע צדדים האבען נוטה געווען צו מאכען שלום. דעם ערשטען שריט האט געמאכט הורקנוס, וועלכער האט געבעטען אנטיוכוס׳ן, אז ער זאל אבשטעלען די מלחמה איבער די אכט טעג יום־טוב סכות. אנטיוכוס האט נישט נאר ערפילט זיין בימע, נאר ער האט אויך געשיקט אויף קרבנות רינדער און שעפסען מיט פערגילדעטע הערנער און גאלדענע כלים מיט קטורת, ווי אויך שפייז פאר די קעמפפער. און ווען מען האט דערנאך אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען א שלום, האבען אנטיוכוס׳עס יועצים און מקורבים איהם געראטען, אז ער זאל זיך בעגעהן מיט אידען אויף׳ן שטרענגסטען אופן, ווי עס האט געטהון פריהער אנטיוכוס עפיפאנעס, וועלכער האט נישט געפונען קיין אנדער מיטעל צו בעקעמפפען דעם אידישען „מענשען־האס", ווי דורכ׳ן פערטיליגען זיין אינגאנצען, אדער צווינגען זיי אבצוזאגען זיך פון זייער אייגענארטיגער רעליגיע און אננעהמען די גריכישע אבגעטער. ווען אנטיוכוס סידעטעס וואלט געפאלגט זיינע דאזיגע ווילדע יועצים, וועלכע האבען אין דער אידישער תורה געזעהען נישט קיין אנדער זאך, ווי מענשענהאס, וואלט געווים צום צווייטען מאל אויסגעבראכען א בלוטיגע מלחמה פאר דער גלויבענס־פרייהייט. צום גליק אבער, איז אנטיוכוס סידעטעס נישט געווען אזוי פערווילדעוועט, ווי זיינע יועצים, און אויך נישט אזוי שטארק אין מעכטיג, אז ער זאל זיך קאנען ארייגלאזען אין א געפעהרליכע מלחמה מיט אידען. ער האט דעריבער געשטעלט תנאים, וועלכע מען האט געקאנט אננעהמען, כאטש זיי זענען געווען שווערע: די

אידען האבען געדארפט אבגעבען זייער געוועהר און אבצאהלען געלד פאר די שטעדט גזר און יפו, וועלכע זיי האבען ביי סיריען צוגענומען. אויסער דעם האט סירישעס מיליטער געדארפט בלייבען אויף תמיד אין ירושלים. די ערשטע צוויי פונקטען איז יוחנן מרוצה געווארען אנצונעהמען אין דער נויט. אבער דעם לעצטען פונקט האט ער אבגעווארפען, אנווייזענדיג, אז דאס האלטען פרעמדע מיליטער אין ירושלים וואלט געמוזט ברענגען צו אפטע רייבונגען צווישען דער בעפעלקערונג און די סירער. ער האט בעסער פארגעלעגט מענשען־משכנות און פינף הונדערט טאלענטען. דער סירישער קעניג האט דערויף איינגעשטימט, ווייל דאס פארגעלעגטע געלד האט איהם געדארפט געבען די מיטלען צו פיהרען זיין מלחמה מיט פארטהיען, צו וועלכער ער האט זיך שוין לאנג געקליבען. פאר'ן אבציהען פון שטאדט האט אנטיוכוס צובראכען דעם אויבערשטען טייל פון דער שטאדט־מויער פון ירושלים, אלס א צייכען פון נצחון (204 פאר'ן חורבן, אין הערבסט). אזוי איז פאריבער דער שוידערער וואלקען, וועלכער האט געדראהט דעם לאנד יהודה, און האט קיין גאנץ גרויסען שאדען נישט געבראכט.

באלד נאך דעם האט הורקנוס געשיקט שלוחים קיין רוים, צו בעטען דעם סענאט, ער זאל בעשיצען זיין בונד מיט'ן לאנד יהודה, דערביי האט ער זיך אויך בעקלאגט אויף אנטיוכוס סידעטעס, אז ער האט פערכאפט ביי יהודה אונגעזעצליך די פעסטונג יפו מיט'ן פארט, די שטעדט גזר און נאך פיעל אנדערע ערטער אין יהודה, נישט אכטענדיג דערויף, וואס רוים האט בעפוילען, אז קיינער זאל זיך נישט דערוועגען אנצורירען דאס לאנד יהודה. די פאליטיק פון רוים איז אלע מאל געווען צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון'ם שוואכערען געגען דעם שטארקערען. אגב האט רוים געוואלט דערנידעריגען די סעלעוקידישע מלוכה, ווייל זי האט זיך ערלויבט פיעל מאל צו שטעלען זיך געגען רוים אדער ארויסצוטרעטען אויך עפענטליך געגען זיינע בעפעהלען. דעריבער האט מען אין רוים די אידישע שלוחים אויפגענומען זעהר פריינדליך און אויסגעהערט גאנץ אויפמערקזאם און מען האט זיי דערלאנגט א בעפעהל פון רוימישען סענאט צו סיריען, אז זי זאל אבגעבען דעם לאנד יהודה צוריק אלע שטעדט און פעסטונגען, וואס זי האט צוגענומען. אויסערדעם ערקלערט דער סענאט, אז סיריען האט נישט קיין רעכט דורכצופיהרען איהר מיליטער דורכ'ן לאנד יהודה, ווייל יהודה איז איהר נישט אונטערטעניג (203 פאר'ן חורבן). ווי עס שיינט, האט אנטיוכוס געמוזט פאלגען דעם רוימישען סענאט.

אנטיוכוס איז בכלל געווען געצוואונגען ארויסצווייזען זיך אלס פריינד פון הורקנוס, ווייל, ווי שוין דערמאהנט, האט ער זיך געקליבען צו געהן מלחמה האלטען מיט פארטהיען, וועלכע האט פריהער געהערט צו דער מלוכה פון די סעלעוקידען און האט זיך פון איהר בעפרייט.

נאָך מיט צעהן יאָהר פריהער האָט זיין ברודער דעמעטריאָס ניקאַטאָר אָנגעהויבען פיהרען אַ מלחמה מיט פּאַרטהיען, אָבער ער האָט געהאַט אַ מפּלה און איז כמעט צעהן יאָהר לאַנג געוועזען אין געפאַנגענשאַפט ביי די פּאַרטהען. אַנטיוכוס האָט געהאַט, אַז ער וועט פיהרען די מלחמה מיט מעהר הצלחה, ווי זיין ברודער; ער האָט אָבער אויך גע־וואוסט, אַז צו דער דאָזיגער מלחמה ברויכט ער איך צו האָבען פער־בינדעטע צווישען די ארומיגע פעלקער, און די אידישע ארמעע וואָלט איהם זעהר צונוץ געקומען. ער האָט זיך דעריבער פערשטעלט פאַר אַ גוטען פריינד פון הורקנוס און איינגעלאַדען איהם טיילצונעהמען מיט איהם צוזאַמען אין דער מלחמה. אין דער גאַנצער צייט, וואָס די מלחמה געגען פּאַרטהיען האָט געדויערט, האָט אַנטיוכוס זיך אַרויסגעוויזען אַלס פריינד פון דער אידישער אַרמעע. נאָך דעם נצחון ביי'ם טייך צאַב (Lykos), האָט ער, לויט'ן פערלאַנג פון הורקנוס, אויסגערוהט צוויי טעג, כדי די אידען זאָלען קאָנען האַלטען שבת און אויף צומאָר־גענס — זייער יום־טוב שבועות. אָבער דאָס גליק האָט זיך אָבגעווענדעט פון דעם סעלעוקידישען הויז פון דער צייט פון אַנטיוכוס דעם גרויסען. אַנטיוכוס סידעטעס איז אין דער דאָזיגער מלחמה געהרג'עט געוואָרען, און זיין ברודער, דעמעטריאָס ניקאַטאָר, וועלכען דער קעניג פון פּאַר־טהיען האָט בכיון אַרויסגעלאָזען פריי, כדי ער זאָל אַרויסטרעטען געגען זיין ברודער אַנטיוכוס סידעטעס, אַלס קאָנקורענט פון טהראָן, איז אַרויפגעשטיגען נאָך זיין טויט אויפ'ן טהראָן, אָבער ער האָט געקעניגט נישט לאַנג, סך־הכל אַ יאָהר דריי (128—125 פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג), ווייל די סירער האָבען איהם פערהאַסט, צוליעב דעם, וואָס ער איז אָבגעוועזען גאַנצע צעהן יאָהר אין געפאַנגענשאַפט ביי די פּאַרטהען. זיי האָבען אַרויסגעשטעלט געגען איהם אַ קאָנקורענט אויפ'ן טהראָן, אַלעקסאַנדער צעבינאַ, דעם זוהן פון אַלעקסאַנדער באַלאַס, וועל־כען עס האָט אויך געשטיצט פּטאָלאָמעאוס פיסקאָן פון מצרים. נאָכדעם, ווי צעבינאַ האָט איהם מנצח געוועזען און געצוואונגען צו ענטלויפען, האָט דער אומגליקליכער דעמעטריאָס אפילו נישט געפונען קיין אָרט, וואו אויסצורוהען זיך. זיין אייגענע פרוי קלעאָפּאַטראַ, וועלכע איז פרי־הער געוועזען די פרוי פון זיין ברודער אַנטיוכוס, און האָט איצט געוואָהנט אין עכו, — אפילו זי האָט איהם נישט געוואָלט אַריינלאָזען צו זיך אין שטוב; ווען ער איז ענטלאָפען קיין צור, איז ער אַריינגעפאַלען אין די הענד פון זיינע פיינד, וועלכע האָבען איהם דער'הרג'עט. אויך זיין זוהן סעלעוקאָס, וועלכער האָט געוואָלט פערנעהמען דעם טהראָן, איז דער'הרג'עט געוואָרען דורך זיין מוטער קלעאָפּאַטראַ, און אַנשטאָט איהם האָט קלעאָפּאַטראַ אויסגערופען פאַר אַ קעניג איהר זוהן, וועלכען זי האָט געהאַט מיט אַנטיוכוס סידעטעס, און האָט איהם אַ נאָמען גע־געבען אַנטיוכוס דער אַכטער, גריפּאָס; דער דאָזיגער געזעצליכער יורש

פֿון טהראָן האָט מנצח געווען אַלעקסאַנדער צעבינאַ און איהם דער־הרג'עט. אַבער אויך ער האָט לאַנג נישט געקעניגט, ווייל זיין מוטערס זוהן אַנטיוכוס דער ניינטער, קיזיקענעס, האָט איהם ערקלערט מלחמה, כדי אַבצונעהמען ביי איהם דעם טהראָן. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין סעלעוקידישען הויז שענדליכע מערדערייען. קלעאָפּאַטראַ האָט געוואָלט פֿער'סמע'ן גריפּאָס מיט אַ בעכער ווײַן, אַבער ער האָט איהר געצוואונגען דעם בעכער אליין אויסצוטרינקען און אַזוי אַרום האָט ער פֿער'סמ'ט זיין אייגענע מוטער. די מערדערייען און מלחמות האָבען אין סעלעוקידישען הויז געדויערט זעהר לאַנג, ביז מען האָט ענדליך צוטיילט די מלוכה צווישען די צוויי ברידער. אַזוי אַרום איז די סירישע מלוכה גאָר אָבגעשוואַכט געוואָרען.

דעם דאָזיגען צושטאַנד פֿון אויסערליכער שוואַכקייט פֿון סיריען, וועלכער האָט געדויערט יאָהרען־לאַנג, האָט הורקנוס אויסגענוצט, כדי צו פֿערגרעסערן די גרענעצען פֿון לאַנד יהודה און אומקעהרען איהם צוריק זיין פֿאַרצייטיגען כבוד. באַלד נאָכ'ן טויט פֿון אַנטיוכוס סידעטעס, ווי נאָר הורקנוס האָט זיך אומגעקעהרט צוריק פֿון דער מלחמת גאָגן די פּאַרטהען, האָט ער ענדליך זיך ערקלערט אינגאַנצען אומאָבהענגיג פֿון סיריען, נאָכדעם ווי יהודה איז אונטערטעניג געוואָרען סיריען בשעת דער בעלאַגערונג פֿון ירושלים. סיריען איז הורקנוס'ן אַזוי פֿערהאַסט געוואָרען, אַז ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיין איהר פֿערבינדעטער, נאָכדעם, ווי זי איז גאָר אָבגעשוואַכט געוואָרען און דער קעניגליכער הויף האָט זיך בעשמוצט דורך שענדליכע מעשים. אין יענער צייט (194 פֿאַר'ן חורבן) האָט דער הויכער בית־דין פֿון ירושלים געשיקט אַ בריעף צו די אידישע קהלות אין מצרים און בעזונדערס צו זייער עלטסטען, דעם שר יהודה אַריסטאָבול (אַריסתובלוס), וועלכער האָט געשטאַמט פֿון די כהנים גדולים און איז געווען אַ לעהרער פֿונ'ם קעניג, און וועלכען דער בית־דין האָט געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלען אויך פֿייערען דעם יום־טוב חנכה מיט הלל־זאָגען, פֿאַר דער גרויסער ישועה, וואָס גאָט האָט געטהון מיט אידען, בעפֿרייענדיג זיי פֿון דעם שרעקליכען גריכישען יאָך, ווי אויך צום אָנדענקען פֿונ'ם בעניייען דעם בית־המקדש. דערביי האָט דער בית־דין הגדול (דער סנהדרין) אויך אָנגעוויזען, אַז די מצרים'ער אידען דאַרפֿען בלייבען געטריי דעם גאָטעס־דיענסט און די געזעצען פֿון דער רעליגיע, וועלכע ווערען אַרויסגעגעבען אין ירושלים, ווייל „פֿון ציון געהט אַרויס די תורה און גאָטעס וואָרט פֿון ירושלים".

באַלד נאָכ'ן טויט פֿון אַלקסאַנדער צעבינאַ האָט הורקנוס געביטען אינגאַנצען זיין פּאָליטיק אין דער בעציהונג צו סיריען: ער האָט זיך שוין איצט נישט בעגנוגענט מיט דער ראָליע פֿון אַ פֿערטיידיגער פֿון אידישען לאַנד. נאָר ער האָט אָנגעהויבען אַליין צו מאַכען אָנפֿאַלען אויף פֿרעמדע מלוכות, ווי אויך אויף סיריען גופא, כדי צו פֿערגרעסערן

דאָס אידישע לאַנד. פון דריי זייטען איז דאַמאָלס געדריקט געוואָרען דאָס לאַנד יהודה פון דער פרעמדער בעפעלקערונג, וועלכע האָט גע־וואָהנט אין דעם אידישען לאַנד: אין דרום־זייט — פון די אדומים, אין מיטען לאַנד — פון די אידען־פיינדליכע שומרונים און אויף יענער זייט ירדן — פון די גריכען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג אַרויסגעוויזען פיינדליך געגען אידען.

הורקנוס האָט זיך אַלזאָ בעשלאָסען איינצונעהמען צוריק די דאָ־זיגע דריי געגענדען און איינצולייבען זיי אונטער זיין ממשלה. אָבער כדי צו קאָנען דערגרייכען אַזאַ גרויסען ציעל, האָט מען געדאַרפט אַנווענדען גרויסע כחות און האָבען אַ שטאַרקע אַרמעע. כדי נישט אָנצושטרענגען צו־שטאַרק די כחות פון אידישען פאָלק, האָט הורקנוס זיך געפונען גענויטיגט צו דינגען פרעמדע סאָלדאַטען. ווי מען דערצעהלט, האָט הורקנוס געהאַט געגנוג מיטלען צו בעצאָהלען דער געדונגענער אַרמעע, דען ער האָט ענטדעקט אַן אוצר אין די קברים פון די מלכים, און ווי עס שיינט, האָבען זיין פאָטער מיט די ברידער חשמונאים דאָרט בעך־האַלטען דאָס געלד, וועלכעס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אינ'ם רויב בשעת זייערע מלחמות מיט די סירישער און אַנדערע פעלקער. נאָכדעם ווי יוחנן הורקנוס האָט איינגענומען די שטאָדט מידבא, אויף יענער זייט ירדן, וואו די בעפעלקערונג איז געווען זעהר פיינדליך געגען אידען, ווי אויך די שטאָדט סאַמעגאַ ביי'ם ים טבריה, האָט ער אַריבערגעפיהרט זיינע מחנות נעהנטער צו שומרון, כדי אָנצופאַלען אויף די שומרונים. די שטאָדט שכם מיט סנבלט'ס מקדש אויפ'ן באַרג גריזים, וועלכער איז געווען פאַר'ן אידישען פאָלק, ווי אַ דאָרן אין אויג, האָט הורקנוס חרוב־געמאַכט אינגאַנצען. דער טאָג, ווען דער מקדש אויפ'ן באַרג גריזים איז חרוב געוואָרען איז פאַר אידען געווען אַ גרויסער יום־טוב און מען האָט איהם געפייערט דאַדורך, וואָס מען האָט אין איהם נישט געטאָרט פאַסטען און טרויערען. דער מקדש אויפ'ן באַרג גריזים איז געשטאַנען גאַנצע דריי הונדערט יאָהר, און אידען האָבען פון איהם געליטען זעהר פיעל. פון דער צייט אָן, ווי ער איז חרוב געוואָרען, האָבען די שומרונים פערלאָרען אינגאַנצען זייער כבוד און גדלות, און חאָטש זיי האָבען נאָך איינגעהיט זייער איינענטימליכקייט אין אַ משך פון עטליכע טויזענד יאָהר און לעבען נאָך היינט אויך, ברענגענדיג קרבנות אויפ'ן באַרג גריזים, זענען זיי דאָך אָבער שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען דאַדורך, וואָס נישט האָבענדיג קיין צענטר וואוהין צוזאַמענצוקומען זיך, האָבען זיי אויך נישט געקאָנט אויפהאַלטען און אָבהיטען זייער אחדות.

נאָך זיין נצחון איבער די שומרונים האָט הורקנוס זיך געווענדעט צום פאָלק אדום. דאָס דאָזיגע קליין פאָלק איז אפילו שטאַרק פעראָרימט און דערניעדעריגט געוואָרען דורך דעם שטענדיגען איבערגעהן אַלס אונטערטאַנען פון איין מלוכה צו דער אַנדערער ביי די מלכים פון אזיען

אין מאַקעדאָניען, ווי אויך דורכ'ן פערטריבען ווערען אינגאַנצען פון זיין לאַנד דורך דעם אַראַבישען שבט נביות; אָבער פונדעסטוועגען האָט אֶדום פון אלע פאַרצייטיגע פעלקער, וועלכע זענען געווען פון דערזועל־ביגער אָבשטאַמונג ווי אידען, בעוויזען צו בלייבען לעבען, און אויך זיין שנאה צו אידען האָט נאָך געלעבט אינגאַנצען, ווי אין די פאַרצייטיגע יאָהרען. הורקנוס האָט דעריבער געמוזט מאַכען דאָס פאָלק אֶדום אונ־שעדליך פאַר זיך, און האָט בעלאַגערט אֶדום'ס צוויי פעסטונגען, אדרה און מרשה, און דער געגענד פון גבל (G h e) און נאָכדעם, ווי ער האָט די פעסטונגען פערניכטעט, האָט ער געשטעלט די אדומים פאָל־גענדע צוויי בעדינגונגען: ענטוועדער צו פערלאָזען דאָס לאַנד און אויס־וואַנדערען, אָדער אָנצונעהמען די אידישע רעליגיע. די אדומים האָבען איינגעשטימט צו ווערען אידען; זיי האָבען זיך מל געווען און זענען פון דאַמאָלס אָן געבליבען, וועניגסטענס, אויסערליך, פעראייניגט מיט אידען. די טעמפלען פון זייערע אָבגעטער האָט מען, ווי עס פערשטעהט זיך, פערניכטעט. אַזוי האָבען זיך פעראייניגט יעקב און עשו, וועלכע האָבען הונדערט טויזענד יאָהר געלעבט צווישען זיך אין אַ פערביטערטער שנאה. „דער עלטערער ברודער האָט געדיענט דעם אינגערען". — צום ערשטען כאָל האָט איצט דאָס יודענטום, און דער פערזאָן פון זיין נשיא יוחנן הורקנוס, אַרויסגעוויזען אונדולדזאַמקייט געגען אַן אַנדער אמונה און געצוואונגען אַ פאָלק אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען. באַלד אָבער האָט דאָס יודענטום געדאַרפט דערשפירען דעם וועהטאָג, וואָס עס האָט איהם געבראַכט דער דאָזיגער שריט, און אידען האָבען זיך געמוזט איבערצייגען, אַז אויב מען דאַרף אָנווענדען די קראַפט צו פערטיידיגען די אייגענע אמונה און צו דערהאַלטען זי, טאָר מען אָבער נישט אַנ־ווענדען קיין קראַפט אויף אַריינצוברענגען אַנדערע פעלקער אין דער אייגענער אמונה. דאָס צוזאַמענשמעלצען זיך פון עשו מיט יעקב'ס הויז האָט געבראַכט אידען נאָר אומגליק. אֶדום האָט זיך שפּעטער פעראיי־ניגט מיט רוים אַראָבצושטויסען פון אידישען טהראָן דאָס הויז פון די חשמונאים און געבראַכט די אידישע מלוכה צום אונטערגאַנג און דעם אידישען פאָלק אַ פאָלקאָמען חורבן.

צוליעב דעם, וואָס די אדומים האָבען אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, האָט מען געמוזט אָנהויבען פיהרען אַ נייע מלחמה מיט דער שטאָדט שומרון, וואָס אין אין איהר גופא און איהר אומגעגענד האָבען געוואָהנט פיעל מאַקעדאָניער אָדער סירישער. הורקנוס האָט אַריבערגע־פיהרט די אדומים פון מרשה און בעזעצט זיי אויף דאָס אידישע לאַנד אַרום שומרון. אָבער די אַרומיגע שכנים האָבען זיי אָנגעהויבען צו רייפ'ן, בפרט נאָך, ווען די גריכישע מלכים, גריפּאָס און קיזיקענאָס, האָבען זיי צוגעגעבען דערצו חשק, כדי דאָדורך צו בעאונרוהיגען אידען. בעזונדערס פיינדליך איז אַרויסגעטראָטען געגען הורקנוס קיזיקענאָס,

וועלכער איז מיט זיינע שגעונות און פערשווענדונגען געווען עהנליך צו אנטיוכוס עפיפאנעס. זיינע הויפטלייט פלעגען אפט מאכען פאלען אויף דאס לאנד יהודה און האבען פערהאפט עטליכע ערטער בײ׳ם ברעג ים ארום יפו. הורקנוס האט זיך בעקלאגט וועגען דעם בײ׳ם רוימישען סענאט, וועלכער האט פריהער געהאט אנערקענט, אז יפו מיט איהר אומגעגענד געהערט צו יהודה. רוים האט מיט שענע ווערטער אנערקענט, אז הורקנוס האט רעכט, אבער געטהון האט רוים נישט פיעל. דאך האט הורקנוס שטארק געשעצט דעם שריט, וואס רוים האט געמאכט. רוים האט נעמליך ארויסגעגעבען א בעשלוס פון סענאט, אז אנטיוכוס קיציקענאס זאל נישט בעהאנדלען שלעכט דעם רוימישען פעבינדעטען, דאס לאנד יהודה, נאר ער זאל איהם אבגעבען צוריק די פערהאפטעטע פעסטונגען, די ברעגען פון ים און די שטיקער לאנד; די אידען ווידער איז ערלויבט ארויסצופיהרען סחורות פון זייער האפען, אבער קיין אנדער פאלק, אפילו אויך נישט א קעניג, איז ערלויבט דארט דורכצופיהרען סחורה אהן אבצאהל. ענדליך, דארף דאס גריכישע מיליטער פון יפו זיך ארויסציהען. — צי האט דער דאזיגער בעפעהל פון רוים געמאכט אן אײנדרוק, צי האט ער בכלל עטוואס פיעל געווען ביי אנטיוכוס קיציקענאס — פאר הורקנוס׳ן איז געווען וויכטיג אויך, אז רוים האט זיך נישט ארויסגעזאגט געגען איהם, נאר פאר איהם, וויל דאדורך האט ער בעקומען פרייע הענד.

ווען הורקנוס האט בעלאגערט די הויפטשטאדט פון די כותים, שומרון, און האט זי ארומגעגראבען און ארומגעפיהרט ארום איהר אנגעשטאטענע בערג אזוי ענג, אז שומרון איז אינגאנצען אבגעשלאסען געווארען פון דער וועלט, און אין שטאדט האט זיך אנגעהויבען א הונגער, איז אנטיוכוס קיציקענאס געקומען איהר צו הילף. אבער געגען איהם איז ארויסגעטראטען דער עלטערער זוהן פון הורקנוס, אריסטאבול, וועלכער האט, צוזאמען מיט זיין ברודער אנטיגאנאס, געפיהרט די בעלאגערונג ארום שומרון און האט קיציקענאס׳ען געגעבען א מפלה און א מלחמה. קיציקענאס האט געמוזט אנטלויפען קיין בית־שאן (Scythopolis). ווען קיציקענאס האט דערזעהען, אז ער איז צו־שוואך צו טהון אידען שאדען, האט ער גערופען צו הילף דעם קעניג פון מצרים, פטאלאמעאוס דעם אכטען, לאטוראס, וועלכער האט רעגירט צוזאמען מיט זיין מוטער קלעאפאטרא. לאטוראס האט פיינד געהאט די אידען פון מצרים און דעריבער האט ער געוואלט נקמה נעהמען פון זייערע ברידער אין לאנד יהודה און האט געשיקט זעקס טויזענד קריגער אנצופאלען אויף דאס אידישע לאנד. זיין מוטער, קלעאפאטרא, וואס דאס פאלק האט איהם געצוואונגען צו אנערקענען פאר א מיטהערשערין, איז געווען זיינע א געגנערין, און, לויט׳ן בײשפיעל פון איהרע עלטערען, די מלכים פון מצרים, איז זי געווען פריינדליך פאר אידען. צוויי זיהן

פון הוניו דעם פיערטען, חנניה און חלקיה, די שרים פון דער פראווינץ חוניון, האבען זי געשטיצט, און אט דעריבער איז לאטד־ראס געוועזען א געגנער פון אידען. די זעקס טויזענד מאלדאטען פון מצרים זענען אבער געווען צו־שוואך, כדי צו קאנען אנהויבען א מלחמה אין אפענעם פעלד מיט די אידען, דעריבער האבען זיי זיך בעגניגט דער מיט, וואס זיי האבען פערוויסטעט און בערויבט דאס אידישע לאנד, כדי דאדורך צו צווינגען הורקנוס ארויסצוציהען די בעלאגערונג פון שומרון. די זיהן פון הורקנוס האבען אבער אויך דערפאר זיך נישט דערשראקען, נישט ארונטערגעשטעלט די בעלאגערונג פון שומרון, זענען זיי אנגעפאלען פלוצלונג אויפ'ן מצרישען קעניג און איהם געבראכט א מפלה, אז ער האט געמוזט אנטלויפען פון שלאכטפעלד. דאס אידישע פאלק האט דאמאלס דערציילט א וואונדערליכע זאך: בשעת דער נשיא און כהן־גדול הורקנוס איז וועהרענד דער מלחמה אריינגעקומען אום יום־כפור, ווי דער דין איז, אין קדש־הקדשים צו טהון דארט די עבודה, האט ער דערהערט א שטימע פון צווישען די כרובים, וועלכע האט איהם אנגעזאגט די בשורה וועגען דעם נצחון פון זיינע זיהן. די שטימע זאל האבען גערעדט אויף ארמית: „נצחו טליא, דאזלי לאגחא קרבא לאנטוכיא" — דאס הייסט: „עס האבען מנצח געווען די איונגליך (די יונגע פרינצען), וואס זענען געגאנגען אין דער מלחמה איבער אנטיאכ־יען". נאך זיין מפלה האט קיציקענאס איבערגעלאזען זיינע צוויי הויפט־לייט, קאלימאנדראס און עפיקראטאס, צו פיהרען די מלחמה געגען יהודה, אבער אויך זיי האבען נישט געהאט קיין הצלחה: דער ערשטער איז דער'הרג'עט געווארען אין א צוזאמענשטויס מיט'ן אידישען מיליטער, און דער אנדערער האט זיך געלאזט אונטערקויפען דורך אידען און האט זיי אבגעגעבען די שטאדט בית־שאן מיט איהר גאנצער אומגעגענד אין טהאל יזרעאל מיט אלע ארומיגע שטעדט ביז'ן בארג כרמל, וועלכער איז נאך ביז דער צייט געווען אינ'ם רשות פון די גריכען. אויך דא האבען אידען ארויסגעגעבען א בעפעהל צו די ארטיגע איינוואהנער, אנצונעהמען דעם אידישען גלויבען און פעראייניגען זיך מיט אידען אדער אויסצוואנדערען פון לאנד. די טעג, ווען מען האט איינגענומען בית־שאן מיט דער אומגעגענד (15־טער און 16־טער סיון 179 פאר'ן חורבן), האבען אידען בעשטימט פאר אנ'אייביגען יום־טוב.

אויך די איינוואהנער פון שומרון האבען זיך אונטערגעגעבען דער אידישער מאכט, נאכדעם, ווי זיי האבען אויסגעהאלטען א יאהר לאנג די בעלאגערונג און לסוף איינגעזעהען, אז זיי האבען נישט צו ווארטען אויף הילף פון אויסענוועניג. הורקנוס האט זיך דעם מאל בעגאנגען העכסט שטרענג. צי ער האט געוואלט נעהמען נקמה פון די שומרונים פאר די פיעל יסורים, וואס אידען זענען פון זיי אויסגעשטאנען, אדער ער האט טאקי געוואלט זיך פערזיכערען אין דער צוקונפט, אז די

שומרונים זאלען שוין מעהר נישט קאנען זיין געפעהרליך פאר אידען — קורץ: ער האט בעפוילען חרוב צו מאכען די שטאדט שומרון אינגאנצען און נישט איבערלאזען אין איהר א שטיין אויף א שטיין; דארט, וואו די שטאדט איז געשטאנען, האט ער דורכגעפיהרט וואסער־גריבענס און קאנאלען, כדי עס זאל אפילו נישט בלייבען קיין שפור פון דער פריהערדיגער בליהענדער שטאדט. שומרון האט מען פון דאמאלס אן גערופען: „עיר נדרכתא“ — וואס הייסט: „א שטאדט פון טייכלעך וואסער“. אויך דער טאג, ווען שומרון איז געפאלען, איז בעשטימט געווארען פאר א יום־טוב (25־טער חשון 179 פאר'ן חורבן).

אט אזוי האט עס יוחנן הורקנוס פערווירקליכט די גרויסע פלענער, פון די חשמונאים און בעקרוינט זיי מיט'ן שענעם סוף. דאס לאנד יהודה איז שוין איצט געווען זיכער מיט אונאבהענגיגקייט פון סיריען, און שטארק און גרויס איז עס געווארען, ווי די ארומיגע גרויסע מלוכות. די פיינד, וועלכע האבען געדריקט אידען פון אלע זייטען: די אדומים, די שומרונים, די סירישע, — אלעמען האבען די חשמונאים מנצח געווען און, טיילוויז, אויך געמאכט צו זיך אונטערטעניג. דאס אידישע פאלק האט ענדליך געקאנט פריי אבעטהעמען פון דעם דרוק, וואס מען האט ארום איהם געצויגען, נישט דערלאזענדיג איהם זיך ענטוויקלען. עס האט זיך געקאנט דאכטען, אז עס זענען פאר'ן אידישען פאלק צוריקגעקומען די גליקליכע צייטען פון דוד און שלמה, דען פרעמדע שבטים האבען געמוזט אנערקענען אויף זיך די הערשאפט פונ'ם אידישען פאלק און פון זיין נשיא. דער אלטער האס צווישען יעקב און עשו איז אויסגעלאשען געווארען: יעקב און עשו זענען ווידער געווארען צווילינגס־ברידער. מואב, די טאכטער פון ארנון, האט געמוזט ווידער שיקען איהרע מתנות דעם אידישען הערשער, צום בארג ציון. דאס אידישע פאלק האט זיך אויסגעשפרייט אויפ'ן גאנצען ירדן־קאנט, אויף אלע ברעגען פון מיטעללענדישען ים, אויף אלע קאראוואנען וועגען וואס געהען פון מצרים קיין סיריען — די גאנצע פארצייטיגע ארץ־ישראל האט איצט געהערט דער אידישער הערשאפט. אויך זייער פיינד, פטאלאמעאוס לאטוראס, דעם קעניג פון מצרים, האבען אידען געזעהען אין זיין פאלקאמער ערניעדעריגונג. לאטוראס האט רעגיערט איבער מצרים צוזאמען מיט זיין מוטער קלעאפאטרא א געוויסע צייט, אבער לסוף איז ער איהר געווארען אזוי אונערטרעגליך מיט זיינע שענדליכע מעשים און ווילדקייטען, אז די מוטער האט אליין אויפגעהויבען געגען איהם דאס פאלק, און מען האט איהם ארויסגעטריבען פון מצרים. ווען ער איז ענטלאפען מיט'ן שיף, צו געהן אויף דער אינזעל ציפערן (178 פאר'ן חורבן), האט זיין מוטער איהם נאכגעשיקט אנ'ארמעע, כדי זיי זאלען איהם צו נעהמען געפאנגען און איבערגעבען אין איהר רשות; אבער די ארמעע איז געווארען פאלש קלעאפאטרא'ן, און זיך איבערגעגעבען צו איהם

זוהן; נאָר די אַרמעע פון חוניו'ן, אונטער דער אָנפֿיהרונג פון די כהנים חנניה און חלקיה, זענען געבליבען געטריי דער קעניגין, און האָבען אַזוי ענערגיש געקעמפֿט געגען לאַטוראָס, אַז זיי האָבען איהם אויך פֿער־טריבען פון דער אינזעל ציפערן. אידען האָבען אין יענער צייט אין אַלעק־סאַנדריען, ווי אויך אין לאַנד יהודה, געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָליע און געשטיצט איינע די אַנדערע.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז יוחנן הורקנוס האָט, ווי זיין פֿאָטער שמעון חשמונאי, אַרויסגעלאָזען אידישע מטבעות און נעמליך מיט אַלט־העב־רעאישע אויפשריפטען. ער איז שוין אָבער נישט געווען אַזאַ עניו, ווי זיין פֿאָטער, דען ער האָט זיין נאָמען אויך געלאָזט שטעלען אויף די מטבעות: „יוחנן כהן־גדול". איין טייל פון די דאָזיגע מטבעות טראָגט נאָך אויך די אויפשריפט „וחבר היהודים", דאָס הייסט: אידען האָבען איהם געגעבען די ערלויבניש אַרויסצולאָזען די מטבעות. אויף אַנדערע מטבעות געפינט זיך שוין אָבער אַנ'אויפשריפט: „יוחנן כהן גדול און דער עלטסטער פון דער אידישער מלוכה", ס'הייסט אַלזאָ, אַז אַלס מלך געהמט ער זיך אליין דאָס רעכט אַרויסצוגעבען מטבעות. דאָס געמעלדע אויף די מטבעות האָט ער נישט געמאַכט ווי זיין פֿאָטער — אַ לילִיע, נאָר ענהליך צום בילד פון די מאַקעדאָנישע מטבעות — מיט אַ בילד פון אַ האָרן, פון וועלכען עס שיט זיך אַלדאָס גיטס.

אין דער לעצטער צייט פון זיין רעגירונג האָט זיך געשטאַרקט זיין פֿערלאַנג צו פֿערגרעסערען דאָס אידישע לאַנד און דערהויבען זיין מאַכט. נאָר אין לאַנד יהודה האָט זיך אָנגעהויבען אַ אינערליכע בעוועגונג, וועלכע האָט איהם דערין געשטערט. די בעוועגונג איז געווען אַזאַ גע־זואַלטיגע, דאָס הורקנוס האָט געגען איהר גאָרנישט געקאָנט מאַכען. אין אָנפאַנג איז די בעוועגונג געווען אפילו גאָרנישט קיין גרויסע, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך אַזוי פֿערשטאַרקט און אָנגענומען אַזאַ איני־גליקליכע פֿאָרם, דאָס עס האָט אַ ציטער געטהון דער גאַנצער פֿעסטער בנין, וועלכען די חשמונאים האָבען מיט אַזוי פֿיעל מיה אויפגעבויט. יוחנן הורקנוס האָט נישט בעוויזען איינצוהאַלטען די דאָזיגע בעוועגונג, דען דער טויט איז געקומען פֿאַר דעם. מיט זיין טויט אָבער האָט זיך אָנגעהויבען די טרויעריגע צייט פֿאַר'ן אידישען פֿאָלק. צום צווייטען מאָל זעהען מיר דאָ די אייגענע טרויעריגע ערשיינונג אין דער אידישער גע־שיכטע: נאָכדעם, ווי די אידישע מלוכה איז הויך געשטיגען, ווי אין דוד און שלמה'ס צייטען, האָט זי נישט געקאָנט זיך אויפהאַלטען לאַנג ביי איהר גרויסער פּאָליטישער מאַכט, און האָט אָנגעהויבען פֿאַלען.

דאָס שטאַרק־אויפגערעגטע פּאָליטישע לעבען אין לאַנד יהודה און דער רעגיערונג פון יוחנן הורקנוס און זיינע עלטערען האָט געמוזט האָבען אַ שטאַרקען איינפֿלוס אויף אַלע ריכטונגען פון אידישען פֿאָלקס־לעבען

און געדארפט וועקען די גייסטיגע כחות פון פאלק. די אידישע נאציאן האט אין א משך פון פונפציג יאהר כמעט נאכאנאנד געפיהרט מלחמות; זי האט אפגעהאלטען פיעל נצחונות. מען האט זי אויך אפט מנצח געווען, זי איז געקומען אין פריינדליכע און פיינדליכע בעציהונגען מיט פערשידענע פעלקער און דערזעהען די שענע און אויך מאוס'ע זאכען, וואס אנדערע האבען געהאט, און געפרובט זיי פערגלייכען מיט דעם, וואס זי בעזיצט אליין; זי איז אויך איבערגעגאנגען פון אנ'איינפאכען לעבען צום וואוילשטאנד און קראפט. די שווער־אויסגעקעמפפטע זעלבסט־שטענדיגקייט האט געלערנט דאס פאלק טייערער צו האלטען זיינע אייגענע היילינגטימער, אבער איבערצונעהמען אויך דאס פרעמדע, אויב דאס האט זיך געפאסט צום אייגענעם לעבען און איז נישט געווען געגען דער אייגענער קולטור. אויב פריהער זאגען די חסידים ארויסגעטראטען שטרענג געגען אלץ, וואס האט געטראגען דעם כאראקטער און שטעמפעל פון די גריכען, האבען זיי שוין איצט איינגעזעהען, אז אין די גריכישע לעבענספארמען געפינט זיך עטוואס אזעלכעס, וואס מען קאן אננעהמען, נישט ברענגענדיג דאדורך קיין שאדען דער אידישער אייגענארטיגקייט. נישט בלויז די קונסט צו קעמפפען, צו בעוואפענען זיך און צו בויען פעסטונגען האבען די אידען געלערנט ביי די פרעמדע פעלקער, נאר אויך די קונסט צו מאכען מטבעות און בעצירען זיי מיט שענע בילדער, ווי אויך צו בויען שענע געביידעס. די חשמונאים האבען געלאזט אויסבויען א פראכטפולען פאלאץ אין גריכישען סטיל. פאר דעם דאזיגען פאלאץ איז געווען א גרויסער פלאץ מיט זיילען ארומגעבויט, וועלכער האט געהייסען קסיסתאס (xystos), און דארט פלעגען פארקומען די פאלקס־פערזאמלונגען נעבען דעם טהאל, וואס איז געלעגען צווישען דעם בית־המקדש און דעם אויבערשטען טייל פון דער שטאדט. פונ'ם קסיסתאס האט זיך געצויגען א בריק צום מערב־טויער פון דער עזרה. מען האט אויך אויסגעבויט א געביידע אין שענעם גריכישען סטיל פאר דער פערזאמלונג פונ'ם הויכען פאלקס־ראט; די דאזיגע געביידע איז געשטאנען אין דער אויבערשטער שטאדט, און דארט איז אויך געווען דער ארכיוו פאר די וויכטיגסטע דאקומענטען פון די אידישע מלכים.

יוחנן הורקנוס האט אויך געלאזט אויסבויען זעהר א שענעם בנין אויף די חשמונא'ישע פאמיליען־קברים אין דער חשמונא'ישער געבורטס־שטאדט מודיעין, און אויך דער בנין איז געווען אין גריכישען סטיל. דאס איז געווען א הויכע געביידע פון ווייסען פאלירטען מארמאר, ארום וועלכען עס האבען זיך געצויגען אלעען, ארומגעבויט פון זעהר קינסטלעריש־געמאכטע סלופעס, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעשניצט אלערליי געוועהר און שיפס־פיגורען. אויף דעם בנין זענען געווען אויס־געשטעלט זיעבען פיראמידען צום אנדענקען פון די חשמונאים: די

ערשטע צוויי — יוחנן און מתתיהו און די פינף זיהן פונ'ם לעצטען. דער דיזיגער חשמונאישער בנין, אדער מאזאלעאום, איז געוועזען אויס־געבויט אזוי הויך, אז מען האט איהם געקאנט זעהן אין דער ווייטען פון ים.

אבער פיעל מעהר, ווי פאר'ן אננעהמען פרעמדע שענע זאכען, האט מען דאמאלס געזארגט פאר'ן אויסבילדען און איינהאלטען דאס אייגענע. די העברעאישע שפראך, וועלכע איז כמעט פערטריבען געווארען דורך דער אראמעאישער פון דער צייט אן, וואס אידען זענען געקומען אין בא־ציהונג מיט די אראמעאישע פעלקער, האט זיך אין דער איינציגער עפאכע אין א געוויסער מאס געפייערט איהר אויפלעבונג. זי האט זיך פערזונגט און איז ווידער געווארען די שפראך פון פאלק; אנשטאט דעם, וואס מען האט א לאנגע צייט שוין גערעדט ביי אידען און פאמיליען־לעבען נאר אראמיש, האט מען איצט אנגעהויבען צוריק רעדען העבעראיש. די העברעאישע שפראך איז זעהר טייער געווארען ביי אידען, צוליעב דעם תנ"ך, וואס איז אין איהר געשריבען. אויף די מטבעות זענען די אויפ־שריפטען, ווי שוין דערמאהנט, געווען העברעאישע; די עפענטליכע דאקו־מענטען האט מען געשריבען אין העברעאיש, און אויך פאלקס־לידער האט מען אנגעהויבען זינגען העברעאישע. אמת, אין'ם נייעם העברעאיש בעגעגענען מיר שוין זעהר פיעל ווערטער, וועלכע שטאמען אפשר ניט פון העב־רעאיש, נאר פון אראמיש, חאלדעאיש אדער גאר גריכיש, בעזונדערס, ווען מען ברויכט צו בעצייכענען זאכען פון אלגעמיינעם לעבען; אבער דא־דורך איז די העברעאישע שפראך נאר פרישער, יונגער און לעבעדיגער געווארען. זי האט זיך בערייכערט מיט פיעל ווערטער, און נייע פארמען פון ווערטער זענען אין איהר בעשאפען געווארען. אפילו די פרעמדע ווער־טער האט די העברעאישע שפראך אויך געגעבען איהר פארם, לויט איהרע אייגענע געזעצען. די העברעאישע שפראך פון יענער צייט רופט מען אן „נייע־העברעאיש“, און זי צייכענט זיך אויס געגען דער אלטער העברעאישער שפראך מיט איהר לייכטיגקייט און דייטליכקייט. דאס איז די שפראך, אין וועלכער מען האט די „משנה“ געשריבען (משניות). די מנהיגים פון פאלק און די אידישע פאליטיקער האבען אבער אויך פער־שטאנען די גריכישע שפראך, דען זיי האבען דאס געמוזט האבען, קו־מענדיג אין בעציהונג מיט די סירישע מלכים, און די אידישע געזאנדטע, וועלכע פלעגען אבגעהן קיין רוים, פארצושטעלען זיך דעם רוימישען סע־נאט, האבען אויך געמוזט קענען ריידען שעהן גריכיש. צווישען די נע־מען פון יענער צייט, מיט וועלכע אידען האבען זיך אנגערופען, געפינט מען זעהר פיעל גריכישע.

די ריכטונג, וועלכע עס האט אנגענומען דער אידישער פאלקס־גייסט אין דער צייט פון זיין אויפלעבונג, האראקטעריזירט אויך די דא־מאלסדיגע אידישע ליטעראטור. די זיסע שטימע פון דער פאעזיע איז

פֿערשווינדען געוואָרען; קיין שפור פון דיכטערישער שאַפֿונג בעגעגנען מיר ניכט אין דער איצטיגער צייט, נישט אין דער פאָלגענדער עפּאָכע. אַנשטאָט די געזאַנגען פון נצחון, האָט די צייט געשאַפֿען געשיכטע, ערצעהלונגען וועגען די גרויסע רדיפות פון דער ערשטער צייט, און די גבורות און מלחמות פון דער צייט פון די חשמונאים, וועלכע מען האָט געוואָלט איבערגעבען די קומענדיגע דורות. געשיכטע — דאָס איז געוועזען דער איינציגער צווייג פון דער דאַמאָלסדיגער ליטעראַטור, וועלכע די אידישע שריפטשטעלער האָבען בעאַרבייט.

נאָך מעהר ווי אין דער שפּראַך, מנהגים און ליטעראַטור, האָבען די פּאָליטישע געשעהענישען זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער רעליגיע. געוויס איז אַלץ, וואָס איז אָבגעטהון געוואָרען פון יונתן'ס צייטען אָן, — אַלע נצחונות און איינגעהמונגען, זענען געמאַכט געוואָרען לטובת דער רעליגיע און נאָר פון איהרעטוועגען. די נצחונות איבער די סירער, דאָס פֿערטרייבען די העלעניסטען, אָדער די אידישע גריכען, דאָס איינעהמען די אדומיט, דאָס דערניעדריגען די שומרונים דורך דעם צושטערען און פֿערוויסטען זייער מקדש אויפ'ן בארג גריזים און די שטאָדט שומרון, ווי אויך נאָך פיעל אַנדערע נצחונות פון די אידען, קאָנען בעטראַכט ווערען, ווי די נצחונות פונ'ם יודענטום איבער זיינע געגנער; דורך בעשטימטע פייערטאָגען האָט מען זיי איינגעגראָבען אינ'ם אָנדענקען, אינ'ם הארצען פון פֿאָלק אויך פאַר קומענדיגע דורות, ווי מען האָט דאָס געמאַכט מיט'ן ערשטען יום־טוב „חנכה", בשעת מען האָט צום ערשטען מאָל מטהר געמאַכט דעם בית־המקדש, פֿערטרייבענדיג פון דאָרט די גריכען. דאָס רעליגיעזע איז נאָך אַלץ געבליעבען דער הויפּט־האַראַקטער פון דער גאַנצער בעוועגונג, און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אפילו אויך אין דעם, וואָס מען האָט מיט געוואַלד געפאָדערט פון די געצענדיענער אַנצונעהמען דעם יודענטום. ביסלעכווייז איז אָבער דאָס רעליגיעזע דענקען געוואָרען קלאָרער, אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט בעקומען אַ פּרייערען בליק אויף דעם לעבען און אויף דער וועלט. דאָס, וואָס מען האָט אָנגעהויבען מעהר אַריינצודענקען וועגען דעם לעבען, האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אויפהערען אַלץ פֿערהייליגען גאָר אָהן אַ חשבון; אין רעליגיעזען דענקען איז אַריינגעקומען אַ נייער עלעמענט, די קריטיק. די גרופּע, אָדער די פֿאָלקס־שיכטע פון די צו־פרומע חסידים, האָט זיך ביסלעכווייז צוריקגעצויגען פון דעם פֿאָלקס־לעבען און איז מעהר גאָר נישט געקומען אין מגע ומשא מיט די געשיכטליכע געשעהענישען; זי איז זיך געזעסען אָבגעזונדערט פון דער וועלט אין איינזאַמע געגענדען אויפ'ן לאַנד, כדי צו קאָנען לעבען נאָכ'ן אייגענעם פֿערשטאַנד און געפיהל. אין דער דאָזיגער איינזאַמקייט האָט זיך פון זיי אויסגעבילדעט אַ בעזונדערע גרופּע מיט אייגענע מנהגים און מדות, מיט אַנ'אייגענער וועלט־אַנשויאונג, און אויך מיט אַנ'אייגענעם נייעם נאָמען: „אסיים"

(Essaer). אבער נישט אלע חסידים זיינען נאכגעגאנגען זייער בייד שפיעל, אבצוזונדערען זיך איינגאנצען פונ'ם כלל-און צבור-לעבען. די מעהרסטע פון די פרומע אידען האבען עס געהאלטען פאר א הייליגען חוב צו ווידמען זייער טעטיגקייט און קראפט אויף צו פערטיידיגען די נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט, אבהיטענדיג דערביי די שטרענגסטע פרומקייט. דאדורך איז ענטשטאנען צווישען די חסידים א שפאלטונג, און עס האט זיך פון זיי אויסגעטיילט א נייע פארטיי: די נאציאנאל-רעליגיעזע. די דאזיגע גרויסע פארטיי האט אין יענער צייט בעקומען דעם נאמען „פרושים“, אבער אויך די דאזיגע פארטיי, וועלכע איז מיט דער צייט געווארען די שטארקסטע און גרעסטע ביי אידען, אזוי אז כמעט דאס רוב פון פאלק האט צו איהר געהערט,— אויך אט די פארטיי האט זיך אזוי שטארק געהאלטען פעסט אן דער אלטער אידישער טראדיציע און געזעהען בלויז אין איהר דעם איינציגען צוועק פון דער עפענטליכער פאלקס-טעטיגקייט, אז זי האט אלע עפענטליכע אנגעלעגענהייטען, אלע פאליטישע אונטערנעהמונגען געמאסטען בלויז מיט'ן מאסשטאב פון דער רעליגיע און פון דער תורה. דערמיט זיינען אבער נישט געווען צופריעדען יענע לייט, וועלכע האבען אין פראקטישען לעבען געדארפט פערווירקליכען די דאזיגע אויפגאבען. די אנפיהרער פון דער אידישער ארמעע, די אידישע שרים און דיפלאמאטען, וועלכע פלעגען מוזען פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען אין די פרעמדע קעניגליכע הויפען, זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די ווירקליכע לעבענס-אינטערעסען און בעציהונגען זיינען נישט שטענדיג אזוי ווייך און לייכט, אז מען זאל זיי קאנען שטענדיג איינארדנען און רעגולירען לויט דער אונפערענדליכער פארדערונג פון דער רעליגיע און פון די רעליגיעזע בעפעהלען און תקנות. אזוי ארום איז ענטשטאנען א דריטע פארטיי ביי אידען, די „צדוקים“, וועלכע האט געשטעלט העכער פאר אלץ דעם נאציאנאלען מאמענט, האטש דערביי איז זי אויך נישט אבגעפאלען פון דער רעליגיע. פון די דאזיגע דריי פארטייען: חסידים-עסייער, פרושים און צדוקים, האבען נאר די לעצטע צוויי געהאט אן איינפלוס אויפ'ן גאנג פון פאליטישען לעבען ביי אידען. דאס פארטיי-לעבען האט זיך אנגעהויבען ביי אידען נאך אין די צייטען פון יונתן חשמונאי, באלד ווי דאס אידישע פאלק האט אבגעאטעמט לייכטער פון די רדיפות פון די ארומיגע פעלקער. אין דער רעגירונג פון הורקנוס אבער האבען די פארטייען זיך ענטוויקעלט און צווישען זיי האבען זיך אנגעהויבען גרויסע מחלוקת, וועלכע האבען מיט דער צייט געבראכט פיעל אונגליקען דעם אידישען פאלק.

די פרושים האבען בעקומען זייער נאמען דערפון, וואס זיי פלעגען געבען א פירוש, זיי פלעגען ערקלערען דאס געשריבענע ווארט פון דער תורה און אזוי ארום ארויסגענומען פון איהר דינים און געזעצען. די פרושים, אלס געלעהרטע אין דער תורה, האט מען ענטגעגענגעשטעלט

די אונווויסענדע—די עם הארצים. מיט'ן נאָמען „פּרושים“, האָט מען אל־
זאָ פון אָנפאַנג בעצייכענט נישט קיין פּאַרטיי, נאָר אידען לומדים און
חכמים. ערשט שפּעטער, ווען עס זענען אַרויסגעטרעטען געגען זייער
שטרענגקייט אין רעליגיעזע פראַגען אייניגע מענשען, האָט צו די פּרושים
אָנגעהויבען צושטעהן אַ גרויסער טייל פון פאָלק, און זיי זענען געוואָרען
אַ פּאַרטיי; ביסלעכווייז איז אָבער די צאָהל פון זייערע אַנהענגער גע־
וואַקסען, ביז כמעט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט געהאַלטען מיט די
פּרושים. איצט האָבען זיי שוין נישט געקאָנט גערופען ווערען „פּאַרטיי“,
הייל זיי זענען געווען דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער דער נאָמען די „פּאַרטיי
פון די פּרושים“ איז שוין געבליבען פעסט. צוליעב דעם, וואָס עס זער־
נען געווען צוויי אַנדערע פּאַרטייען: די גאָר אָבגעשטאַנענע פון דער
וועלט—די עסייער, און די גאַנץ מעכטיגע, די שררות מיט זייערע אַנ־
הענגער—די צדוקים. דער הויפּט־מאָטיוו פון אַלע געדאַנקען און מעשים
פון די פּרושים איז געווען, אַז דאָס „קיום היהדות“ — דאָס אויפהאַלטען
פון'ם יודענטום, דאָס אָבהיטען די תורה און אַלע איהרע פּרטים און אַלע
אַלטע אידישע מנהגים, מוז זיין דער איינציגער צוועק און מאַסשטאַב
אין לעבען סיי פון'ם יחיד, סיי פון'ם כלל ישראל, אָדער פון דער אידי־
שער מלוכה. יעדעם אָבווענדען זיך פון'ם דאָזיגען כלל הייסט אַ פערראַט
נעגען דעם אידישען הייליגען בונד מיט גאָט, לויט דער מיינונג פון די
פּרושים. די צדוקים דאַגעגען האָבען אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז
אין פּאָליטישע פראַגען מוז מען האָבען אַנ'אַנדער מאַסשטאַב, ווי די
תורה, ווייל די וויכטיגסטע מלוכה־אינטערעסען קאָנען ליידען דערפון,
אויב מען זאָל וועלען האַלטען זיך ביי'ם איינאָרדנען זיי שטרענג אָן דעם
אָדער יענעם פּירוש, וואָס מען גיעט דעם געזעץ פון דער תורה. דאָס
לעבען פון דער מלוכה און די רעליגיע זענען צוויי פערשיעדענע זאַכען,
לויט דער מיינונג פון די צדוקים. געגען אָט דעם פּרינציפּ פון די צדוקים
האָבען די פּרושים געענטפערט, אַז עס איז בכלל אַ טעות, אויב מען
מיינט, דאָס דער גורל פון אַ יחיד, אָדער פון'ם צבור און פון דער מלוכה
הענגט אָב פון דער מענשליכער טעטיגקייט, דען אויף אַלץ רוהט גאָט'ס
השגחה. נישט די קראַפט פון'ם מענשען, נישט זיין חכמה, נישט די
קראַפט פון מלחמה קאָנען ברענגען די הצלחה אָדער דאָס אונגליק פון'ם
אידישען פאָלק, נאָר די געטליכע השגחה אליין, און דעריבער דאַרף מען
זיך רעכענען נאָר מיט גאָט'ס געבאָטען אויך אין דער פּאָליטיק, ווי
אין פּריוואַטען לעבען.— נאָך איין וויכטיגע לעהרע האָבען די פּרושים
אַרויסגעשטעלט: די אמונה אין השארת הנפש און אין תחית
המתים, דאָס הייסט, דער גלויבען, אַז מיט'ן אָבשטאַרבען פון'ם גוף
שטאַרבט נישט אָב די נשמה, און אַז די מתים וועלען נאָך אַ מאָל, אין
דער ווייטער צוקונפט, צוריק אויפלעבען. די דאָזיגע אמונה האָבען די
פּרושים, ווי עס שיינט, אַרויסגעשטעלט, אַלס אַנ'ענטפער אויף איינע פון

די גרויסע פֿראגען פֿון די צדוקים. די דאָזיגע פֿראגע איז בעשטאַנען אין פֿאלגענדען: אויב דער גורל פֿונ'ם יחיד אָדער פֿון גאנצען פֿאָלק הענגט כּלל נישט אָב פֿון זיינע מעשים און פֿון זיינע השתדלות אויסצובעסערען זיין לאגע, טאָ וואו זשע איז די גערעכטיגקייט פֿון גאָט, דען אזוי ארום קאָן דאָך אויסקומען, אַז דער גוטער און גערעכטער מענש, דער צדיק, ווערט אָפֿט בעשטראָפֿט און ליידעט יסורים, ווערענד דער אונגערעכטער, דער רשע, אָדער דער, וואָס טהוט גארנישט פֿאַר'ן פֿאָלק, זאָל לעבען א גוטען טאָג? און אַט אויף דער פֿראגע האָבען די פּרושים ארויסגעשטעלט די אויבענדערמאָהנטע אמונה, וועלכע עס האָבען אויך ארויסגעשטעלט די פֿריינד פֿון איוב'ן. גאָטס גערעכטיגקייט וועט זיך ארויסווייזען ערשט שפּעטער, נאָך דעם טויט פֿונ'ם מענשען, ווען גאָט וועט בעלויהנען די צדיקים פֿאַר זייערע מעשים טובים, און די רשעים וועט ער בעשטראָפֿען פֿאַר זייערע שלעכטע מעשים. „יענע וועלען אויפֿשטעהן צו אַן'אייביגען לעבען, און די—צו אַן'אייביגער שאַנד", ווי עס ווערט ערקלערט אינ'ם ספר דניאל.

די דאָזיגע פֿערשיעדענע דעות אין אמונה־זאַכען וואָלטען נאָך נישט געבראַכט צו אַזאַ גרויסער און טיעפֿער שפּאַלטונג צווישען די צדוקים און די פּרושים, ווייל סוף כּל סוף זענען דאָך דאָס געוועזען ענינים, וואָס זענען נוגע צום אינערליכען לעבען פֿונ'ם מענשען, אַזוי צו זאָגען, געוויסענס־פֿראגען. עס איז אָבער געוועזען נאָך א וויכטיגער פּונקט, אין וועלכען די פּרושים מיט די צדוקים האָבען ניט געקאָנט שטימען צוזאַמען— די פֿראגע וועגען דעם, וואָס הייסט תורה און ווי אַזוי מען דאַרף אָבהיטען די געבאָטען פֿון דער תורה. צוזאַמען מיט די געשריבענע געבאָטען פֿון דער תורה האָבען אידען אויך אָבגעהיט פֿיעל מנהגים און דינים נישט־געשריבענע, וואָס האָבען געשטאַמט פֿון גאַנץ אַלטע צייטען. אויב מען האָט א רעליגיעזען דין אָדער אַ מנהג נישט געפֿונען בפירוש געשריבען אין דער תורה, האָט מען אָנגעוויזען, אַז ער שטאַמט פֿון די „אנשי כנסת הגדולה"—ד. ה. פֿון דער גרויסער פֿערזאַמלונג, וועלכע איז, לויט דער טראַדיציע, איינגעאָרדענט געוואָרען דורך עזרא'ן מיט זיין בית־דין. די דאָזיגע געזעצען און מנהגים האָט מען גערופֿען: „דברי סופרים", אָדער די בעפֿעהלען פֿון די חכמים. אַזעלכע געזעצען, וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אָבגעהיט, און וואָס זענען אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט'ן פֿאָלק און דאָס פֿאָלק האָט זיך אויף זיי אויך מוסר נפש געוועזען, האָט מען געהאַלטען פֿאַר העכסט וויכטיג און הייליג. די מסירת נפש און דאָס שטאַרקע קעמפֿען געגען די אידישע גריכען האָט שטאַרק דערהויבען די צוגעבונדענקייט פֿון די געבליעבענע אידען צו יעדען דין און צו יעדען מנהג, וועלכע מען האָט איבערגענומען פֿון די אַלטע צייטען. בעזונדערס שטאַרק האָט מען אָנגעהויבען אָבצוהיטען די הייליגקייט פֿונ'ם בית־המקדש, וועלכער איז אַזוי גרויסאַם

פֿעראונרייניגט געוואָרען דורך די גריכען און אויף אזא וואונדערליכען אופן ווידער געהייליגט און בענייט געוואָרען. אידען האָבען איצט טייער געהאַלטען דעם בית־המקדש, ווי דעם שוואַרצאַפּעל פֿון זייער אויג, און ער האָט געמוזט בלייבען ריין פֿון יעדען שאָטען פֿון טומאה. צוליעב דעם האָבען די פּרושים אַרויסגעגעבען פֿיעל דינים וועגען טומאה און טהרה פֿאַר די לויים און כהנים, דינים, וועלכע האָבען געדאַרפֿט דיענען אויף צו פֿערהיטען, אַז דער בית־המקדש זאָל אויף קיין אופן נישט פֿער־שוועכט ווערען.

געגען די אַלע שטרענגע דינים, בעזונדערס געגען די, וועלכע זענען נישט געווען בפּירוש געשריעבען אין דער תּורה, זענען אַרויסגע־טרעטען די צדוקים, וועלכע האָבען בכלל נישט געוואָלט אַנערקענען די נישט־געשריבענע דינים און געזעצען, דען זיי האָבען געטענ'עט, אַז דאָס זענען נייע רעליגיעזע פֿאָרמען, וועלכע בעלעסטיגען דאָס לעבען.

די פּרושים האָבען זיך אָבער נישט אָבגעשטעלט בלויז ביי דער ר ע ל י ג י ע ז ע ר פֿ אָ ר ם, ביי דער אויסערליכער פֿרומקייט; זיי האָבען אויך געהאַלטען טייער און ריין דאָס אינערליכע לעבען, די מדות און די הייליגע פֿליכטען פֿונ'ם מענשען. די פּרושים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער צניעות, מיט זייער ליעבע צו גערעכטיגקייט, מיט זייער מילד־קייט, מענשען־פֿריינדליכקייט און מעסיגקייט אין בעדערפֿנישען, און נישט נאָכיאָגען זיך נאָך תּענוגים. און גערעכטס־הויז האָבען זיי איינגע־פֿיהרט אַלס הויפּט־עלעמענט די מילדקייט, דעם חסד, מיט וועלכען זיי פֿלעגען זיך בעציהען צום אַנגעקלאָגטען; זיי האָבען גע'משפּט דעם פֿער־ברעכער נישט פֿונ'ם שטאַנדפּונקט, פֿון וועלכען זיי האָבען געקוקט אויף דער מאָראַלישער פֿערדאָרבענהייט, נאָר נעהמענדיג אין אַכט די מענשלי־כע שוואַכקייט און זיין נטיה צו בעגעהן אַ פֿערברעכען. אַזוי, למשל, האָט איינער פֿון די מנהיגים פֿון די פּרושים, דער תּנא יהושע בן פּרחיה, וועל־כער האָט צוזאַמען מיט זיין חבר, דעם תּנא, נתאי הארבלי (פֿון אַרבעלאַ), געלעבט אין דער צייט פֿון יוחנן הורקנוס, געלערנט זיינע תּלמידים אַזוי: „קלייב זיך אויס אַ לעהרער, בעקום פֿאַר זיך אַ חבר און משפּט יעדען מענשען, זוכענדיג זיין אונשולדיגקייט“. צוליעב דעם, וואָס די פּרושים פֿלעגען שטרענג אָבהיטען די תּורה, און דערצו זענען זיי געוועזען זעהר מילד, און אויסגעצייכענט זיך מיט פֿיעל מדות טובות און מעשים טובים, האָט דאָס פֿאָלק בעצויגען זיך צו זיי מיט גרויס דרך־ארץ און כבוד, און מען פֿלעגט זיי פֿאָלגען אין יעדער הינזיכט. די גאַנצע אינערליכע פֿער־וואַלטונג פֿון דער מלוכה און פֿונ'ם בית־המקדש איז געווען אין זייערע הענד.

אָבער דעם גרעסטען איינפֿלוס האָבען די פּרושים געהאַט ביי אידען צוליעב דעם, וואָס נאָר זיי האָבען גוט פֿערשטאַנען די תּורה און די מצוות, און געוואוסט, ווי אַזוי אַנצווענדען זיי אין לעבען; דערפֿאַר האָ־

בען זיי געהאט דעם נאמען די „לעהרער פון געזעץ". די שאנדנעמען, וואס די פיינד האבען זיי געגעבען שפעטער, אנרופענדיג זיי „חונפים און שווינדלער", האבען זיי בשום אופן ניט פערדיענט, וויל זיי זענען תחלת געוועזען באמת די שענסטע און איידעלסטע פארשטעהער פון יידענטום און זיך אויסגעצייכענט דורך זייערע שטרענגע און שיינע מדות. אפילו זייערע געגנער, די צדוקים, האבען געמוזט וועגען זיי זאגען דעם אמת: „די פרושים פייניגען זיך און זענען מקיים אלע מצוות, אבער ווער ווייס, אויב זיי וועלען דערפאר בעקומען בעצאהלט אין עולם הבא". ערשט נאך שפעטער זענען ארויסגעטראטען טייל מענשען, וועלכע האבען אונטער דער מאסקע פון דער פרושים־פארטיי געטהון שענדליכע מעשים. אבער געגען די דאזיגע פאלשע מענשען זענען דאך די פרושים גופא ארויסגעטראטען און זיי האבען זיי אנגערופען „פרושים־צבועים", וועלכע טהוען, ווי זמרי, און פערלאנגען געצאהלט, ווי פנחס".

די פארטיי, וועלכע איז שארף ארויסגעטראטען געגען די פרושים, די צדוקים, האבען, ווי שוין דערמאהנט, געהאט א נאציאנאל־פאליטישע ריכטונג. צו די צדוקים האט געהערט די אידישע אריסטאקראטיע, די גבירים. די הויפט־לייט, די אנפיהרער פון דער ארמעע, די פאליטיקער, וועלכע האבען זיך איינגעצייכענט מיט זייער עשירות און כבוד, וואס דאס פאלק האט זיי געגעבען. ווי שוין אויבען געזאגט, זענען דאס אויך געוועזען מענשען, וועלכע זענען, אלס געזאנדטע, געוועזען אפט אין די קעניגליכע הויפען פון די פרעמדע פעלקער אדער האבען זיך פארגעשטעלט דעם סענאט אין רוים, א. ז. וו., קומענדיג אין בעציהונג מיט דער אויסערליכער וועלט, האבען זיי אויך אנגענומען די וועלטליכע אנזיכטען און מיינונגען און געהאט בכלל א ווייטערען קוק אויפ'ן לעבען, ווי די היימישע אידען. די צדוקים זענען שוין געוועזען אויך בעקענט מיט דער מיינונג און דער פילאזאפיע פון די דאמאלסדיגע קולטור־טרעגער צווישען די פעלקער, די גריכען, וועהרענד די פרושים זענען נאך בכלל דערוויל פרעמד געוועזען דערפון. די צדוקים זענען געשטאנען פיעל נעהנטער צו די חשמונאים, ווי די פרושים, געפינענדיג זיך שטענדיג צוזאמען אויפ'ן שלאכט־פעלד, וואו מען האט געקעמפפט געגען די אידישע פיינד, און פיהרענדיג, לויט זייערע אנווייזונגען, די אונטערהאנדלונגען וועגען שלום. צווישען די צדוקים האבען זיך, געוויס, אויך געפונען די איבערגעבליבענע פון די פריהערדיגע אידישע גריכען, וועלכע האבען אליין איינגעזעהען די שענדליכקייט פון א פאלקאמענעם אבפאל פון'ם אייגענעם פאלק און האבען צוריקגעקעהרט צו אידען, נאכדעם, ווי זיי זענען איהם פריהער פאלש געוועזען. דעם נאמען „צדוקים" האט די פארטיי, ווי עס שיינט, בעקומען פון איהר ערשטען מנהיג, וועלכער האט געהייסען צדוק. פאר די צדוקים זענען די אינטערעסען פון דער אידישער מלוכה געשטאנען העכער פאר די אינטערעסען פון דער רעליגיע, פון דער תורה און

פון די געזעצען. דער פייערדיגער פאטריאטיזם איז פאר זיי געווען דאס העכסטע הייליגע געפיהל, די רעליגיע אבער האט בײַ זיי אין הארצען פערנומען ערשט דעם צווייטען ארט. אלס מענשען, וועלכע זענען ערפאהרען אין דער וועלט, זענען זיי, מעגליך, געקומען צו דער איבערצייגונג, אז נאר מיט׳ן בטחון אין גאט און מיט׳ן שטרענג אבהיטען זיינע מצוות וועט מען נאך נישט דערהאלטען די אונאבהענגיגקייט פון דער מלוכה. זיי האבען דעריבער ארויסגעשטעלט די פרינציפען: מען מוז זעהען צו ענטוויקלען די פיזישע און גייסטיגע כחות פון פאלק; ווען מען האלט ביי׳ם שליסען א בונד מיט א פאלק, אדער ערקלערען איהם מלחמה, דארף מען זיך נישט רעכענען מיט דעם, אויב דאס קאן נישט שאדען ברענגען דער אדער יענער מצוה. בכלל האט גאט, לויט דער אנשויאונג פון די צדוקים, דעם מענשען געשאנקען דערויף דעם פרייען ווילען, כדי אז ער זאל אליין בעגרינדען און בעפעסטיגען זיין וואוילשטאנד; דער מענש איז אליין דער בעל־הבית איבער זיין גורל, און גאט מישט זיך גארנישט אין די אנגעלעגענהייטען פונ׳ם מענשען. שכר און בעשטראפונג פאר גערעכטע און אונגערעכטע מעשים קומען ארויס פון די מעשים גופא, און מען איז נישט מחויב צוליעב דעם אנצונעהמען, אז דער מענש לעבט צוריק אויף נאכ׳ן טויט, כדי ער זאל קאנען בעצאהלט ווערען אדער בעשטראפט ווערען פאר זיינע מעשים. אין „השארת הנפש“, ד. ה., די אמונה, אז די נשמה שטארבט נישט אב צוזאמען מיט׳ן גוף, האבען די צדוקים נישט געגלייבט, נאר זיי האבען געלייקענט אין שכר און עונש נאכ׳ן טויט, בכלל אינ׳ם משפט, וואס גאט פיהרט איבער די מתים. צוליעב די פיעל דינים, וואס די פרושים האבען אנגענומען, דינים, וועלכע שטאמען נישט פון דער תורה, נאר פון דער טראדיציע, אדער קבלה, און מאכען זעהר ענג דאס לעבען פאר דעם, וואס ליעבט גוט צו לעבען, האבען די צדוקים גאר אבגעלייקענט אין זייער הייליגקייט און ריכטיגקייט. כדי אבער צו האבען א מאסשטאב און וויסען, וועלכער דין איז וויכטיג און וועלכער נישט, האבען די צדוקים ארויסגעשטעלט אזא פרינציפ: נאר יענע געזעצען און דינים, וועלכע געפינען זיך אין דער תורה, ד. ה. אין משה׳ס חומש, און זענען ארויסגעזאגט געווארען דייטליך און גענוי בעשטימט, יענע איז מען מחויב צו היטען און ערפילען; דאגעגען די אנדערע, וועלכע זענען נישט דייטליך ארויסגעזאגט געווארען אין דער תורה, נאר זיי זענען ערהאלטען געווארען פון אלטע צייטען, אין איבערגעגעבען געווארען פון איין מענשען צום צווייטען, אדער זענען איינגעפיהרט געווארען אין א וועלכען עס איז מאמענט—יענע איז מען נישט מחויב צו ערפילען, דען זיי האבען נישט קיין קדושה, ווי די געזעצען פון דער תורה. די צדוקים מיט די פרושים זענען בכלל געווען מחולק און נישט איינשטימיג אין אלע ענינים, וואס בעציהען זיך אויף דריי הויפט־מאמענטען פון דער רעליגיע: אין משפטים (ריכטערליכע

יורידישע), און בעשטראפונגען פאר פערשידענע פערברעכען און אין ריטועלע ענינים, בעזונדערס אינ'ם ריטואל פון בית־המקדש. אין וועלכען די צדוקים זענען שטארק נישט געווען איינשטימיג מיט די פרושים און האבען געפיהרט א העפטיגע מחלוקת. די צדוקים האבען גענומען, למשל, די שטראף־בעשטימונג פון דער תורה פאר מאכען עמיצען א פעהלער אין לייב בוכשטעבליך: „עין תחת עין, שן תחת שן", „אנ־אויג אנשטאט אנ'אויג, א צאהן אנשטאט א צאהן", און זיי האבען דאדורך ארויסגערופען געגען זיך די בעשולדיגונג, אז זיי ווענדען אן גרויזאם די שטראף־געזעצען, ווערהרענד די פרושים האבען געהאט בקבלה, אז מען דארף דאס געזעץ אנווענדען מיט רחמנות, און „אנ'אויג אנשטאט אנ'אויג" מיינט מען, אז מען דארף בעשטראפען מיט געלד. צווישען די ריטועלע געזעצען זענען געווען זעהר פיעל פונקטען, איבער וועלכע די צדוקים מיט די פרושים האבען געפיהרט זעהר א העפטיגע ליידענשאפטליכע מחלוקת. אזוי, למשל, האבען די צדוקים געטענ'ה'ט, אז שבועות מוז מען פייערען אום זונטאג, ווייל עס שטעהט געשריבען אין דער תורה „עד ממחרת השבת השביעית", ביז אויף מארגען נאך דעם זיבעטען שבת. אויך וועגען דעם גיסען וואסער אויפ'ן מזבח אום סכות האט מען געפיהרט א שטארקע מחלוקת און וועגען דעם, ווי אזוי מען דארף ברענגען די קטורת אין קדש הקדשים אום יום־כפור. די צדוקים האבען נישט אזוי שטארק אבגעהיט די דינים פון טומאה און טהרה, און ווען זיי האבען געזעהען, ווי די פרושים טובל'ען די מנורה, האבען זיי אויסגעריפען מיט שפאט: „עס פעהלט נישט מעהר, אז די פרושים זאלען געהן טובל'ען אויך די זון". אבער נישט אכטענדיג דערויף, וואס די צדוקים האבען לייכטער געמאכט פאר'ן פאלק די ערפילונג פון פיעל מצוות, זענען זיי דאך ביי'ם פאלק נישט געווען בעליעבט, ווייל די דאמאלסדיגע צייט איז געווען פיעל גינסטיגער פאר דער רעליגיעזער שטרענגקייט, איידער פאר א פרייער שטרעמונג.

נעבען די דאזיגע צוויי פארטייען איז ביי אידען געווען, ווי שוין דערמאהנט, נאך א דריטע פארטיי, אדער ריכטיגער א סעקטע, אדער א רעליגיעזע חברה, וועלכע איז געווען נאך שטרענגער אין רעליגיעזע פראגען, ווי די פרושים. די דאזיגע סעקטע האט צוגעגרייט דעם באדען פאר א גאנץ נייע ערשיינונג אין דער געשיכטע, וועלכע, פעראיינינגענדיג זיך מיט נייע עלעמענטען, האט ארויסגערופען א וועלט־געשיכטליכע בעוועגונג. די דאזיגע חברה, אדער סעקטע, וועלכע איז פון אנ'אונביידיטענדער התחלה אויסגעוואקסען אזוי שטארק, אז זי האט שפעטער בעקומען א שטארקען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון די פעלקער, זענען גערופען די עסייער, אדער אסיים.

די דאזיגע וואונדערליכע סעקטע, וועלכע האט דורך איהר לעבענסארט דערוועקט אויך די בעוואונדערונג פון די גריכען און רוימער, איז

אויך ענטשטאַנען וועהרענד דער גרויסער בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פֿון די שמד־גזירות פֿון די טירישע מלכים. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די עסייער האָבען געשטאַמט פֿון די חסידים, ווייל זייער גאַנצער אָרט לעבען איז בעשטאַנען פֿון חסידות און אָבגעזונדערטקייט פֿון דער וועלט און פֿון די וועלטליכע אינטערעסען. גלייך ווי די חסידים, האָבען די עסייער אויך אָבגעהיט שטרענג אַלע דינים, ווי די פּרושים האָבען געלערנט; בעזונדערס שטרענג האָבען זיי אָבגעהיט דעם שבת קודש, וועו זיי פֿלעגען קיין שום חפץ נישט נעהמען אין די הענד און צוליעב דעם פֿלעגען זיי אפילו זייערע נאַטירליכע בעדערפֿנישען נישט ערפֿילען אום שבת. די דינים פֿון טומאה און טהרת פֿלעגען זיי אָבהיטען שטרענג, ווי די כהנים און לויים, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז דורך דער ריינקייט פֿון גוף ווערט מען אויך אינערליך, אין דער נשמה, ריין און הייליג; יעדע ליידענשאַפֿט האָבען זיי געהאַלטען פֿאַר אַ פֿערברעכען און פֿאַר אַ שענדליכע זאַך, און זיי האָבען דעריבער געשטרעבט אָבצוטויטען אין זיך יעדען פֿיזישען פֿערלאַנג. די דינים פֿון טומאה און טהרה האָבען זיי אַזוי שטרענג אָבגעהיט, אַז זיי האָבען געהאַלטען, דאָס מען ווערט אומריין דורך יעדען אָנריהרען זיך צו מענשען אָדער זאַכען, און מען מוז זיך טובל'ן און אָפֿט אויך ברענגען קרבנות, כדי צו ווערען צוריק ריין. צוליעב דעם האָבען די עסייער געקאָנט קוי־מען און נעהענטערע בעציהונגען נאָר מיט מענשען פֿון זייער חברה, וועלכע האָבען אויך אָבגעהיט די דינים פֿון טומאה און טהרה גלייך מיט זיי. אפילו מיט די פּרושים האָבען זיי נישט געקאָנט קומען אין מגע און משא, און דערפֿאַר האָבען זיי געמוזט גרינדען אַן אייגענע חברה, אָדער סעקטע, פֿון פּערזאָנען, וועלכע האָבען שטרענג אָבגעהיט אַלע זייערע מנהגים און זייער אופֿן צו לעבען. זיי האָבען געמוזט צוזאַמען עסען און טרינקען, כדי נישט צו זיין געצוואונגען צו קומען אין בעריהרונג מיט אַ זייטיגען מענשען. מיט פֿרויען צו לעבען צוזאַמען איז פֿאַר די עסייער געווען כמעט אונמעגליך, דען עס וואָלט פֿאַר זיי שווער געווען נישט צו קומען אין בעריהרונג מיט די פֿרויען, אָדער מיט זייערע קליידער אין דער אומריינער צייט, און דאַדורך אַליין צו ווערען אומריין. כדי צו זיין אינגאַנצען אויסגעהאַלטען און קאָנסעקווענט, זענען די עסייער ביסלעכווייז געקומען צום בעשלוס, אַז מען דאַרף גאָרנישט לע־בען מיט קיין פֿרוי, און האָבען פֿערבראַכט זייער לעבען גישט פֿערהיי־ראַטעט. וואָס־זשע טהוט מען אָבער אין דער צייט פֿון אַ מלחמה, ווען די דער'הרג'עטע פֿעראומרייניגען דעם באָדען, אָדער ווען אַלע קעמפֿער זענען פֿעראומרייניגט דורך אָנריהרען זיך אָן מתים, אָדער אָן זייערע קליידער? כדי אָבצוהיטען פֿון טומאה אין אַזאַ צייט, זענען זיי געקומען צום געדאַנק צו דערווייטערען זיך אינגאַנצען פֿון דער געזעלשאַפֿט און לעבען ערגעץ וואו אין דער מדבר, ווייט פֿון מענשען, ווייט פֿונ'ם טו־

מעל, איינגאנצען אבגעזונדערט פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש. אזא מדבר האבען זיי געפונען אין מערב־זייט פון ים־המלח, אין דער אאזע עין גדי, וואו עס זענען געוואקסען פיעל טייטעל־בוימער, וואס מיט זייערע פרוכטען האבען זיי געקאנט דערהאלטען דאס לעבען. אזא שטרענגע לעבען האבען אבער געקאנט פיהרען נישט אלע עסייער; פיעל פון זיי האבען געלעבט אין דער געזעלשאפט און גענומען ווייבער, מיט וועלכע זיי האבען קינדער געהאט. דערביי אבער פלעגען זיי זיך בעמיהען אפצוהאלטען אלע פרומע מנהגים פון די עסייער, אויף וויפיעל דאס איז פאר זיי געווען מעגליך.

אזוי־ארום האט זיך עס איינגעארדענט די סעקטע פון די עסייער, וועלכע האט דערוועקט די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט דורך איהר וואונדערליכען כאראקטער: דורכ'ן לעבען צוזאמען און דורך דער אבגעזונדערטקייט פון א פרוי. דאס לעבען צוזאמען האט אויך געבראכט דערצו, אז די עסייער זאלען נישט האבען קיין פריוואטעס פערמעגען און אלץ איז ביי זיי געווארען שותפות. ווער עס האט געוואלט אריינטרעטען אלס מיטגליעד אין זייער סעקטע האט געמוזט אבגעבען זיין גאנץ פערמעגען דער שותפות'דיגער קאסע, פון וועלכער מען האט גענומען אויף די בעדערפנישען פון דער גאנצער געמיינדע. פון דער דאזיגער אנשויאונג שטאמט דער מאמר פו'ם חסיד (עסייער): „וואס מיין און וואס דיין איז — געהערט אלץ דיר“ (שלי שלך ושלך שלך). קיין ארים און רייך זענען צווישען זיי נישט געוועזען, און דאס האט געפיהרט דערצו, אז זייענדיג דורכאוים רעליגיעז, האבען זיי זיך ביסלעכווייז איינגאנצען דערווייטערט פון עולם הזה און געפיהרט א אידעאליש, פער'חלום'ט לעבען, נאכדענקענדיג תמיד וועגען גאט און וועגען די וואונדער פון דער נאטור און איהר בעשעפער. די עסייער האבען זיך אויך אויסגעצייכענט דורך דער אויסערליכער פארם: זיי פלעגען טראגען ווייסע לייווענטענע קליידער; יעדער פון זיי האט געהאט מיט זיך א לאפעטקע, ווי דאס איז געווען בעפויהלען די אידען, ווען זיי האבען געוואנדערט אינ'ם מדבר, כדי צו קאנען פערדעקען מיט ערד יעדען אבפאל און די נאטירליכע הצטרכות, און האלטען זיך ריין. זיי פלעגען טראגען לעדערנע גארטלען און א האנדטוך מיט זיך, כדי זיך אבצווישען יעדעס מאל, ווען זיי וועלען זיך טובל'ן, אדער וואשען. יעדען פריהמארגען פלעגען זיי זיך טובל'ן אין קוואלוואסער, ווי די כהנים, ווען זיי פלעגען דארפען צוטרעטען צו דער עבודה אין בית־המקדש, כדי ריין צו ווערען פון יעדער מעגליכער אונרייניקייט, וואס האט זיך מיט זיי געטראפען אויך געגען זייער וויסען. צוליעב אט די טעגליכע טבילות, האט מען זיי א נאמען געגעבען: „פריהמארגען־טובל'ער“ (טובלי שחרית), אדער טויפער; אויך דער נאמען עסייער, „אסים“ שטאמט פון די פיעלע טבילות. דען אין

דער חאַלדעאישער שפּראַך היסען טובלער אַסחיים (סחא — באָדען זיך).

אַלע דאָזיגע אויסערליכע סמנים און מנהגים זענען אָבער געוועזען בלויז אַ פֿאָרבּרייטונג צו דער אינערליכער פֿרומקייט, צום אינערליכען מיסטישען פֿעראייניגען זיך מיט גאָט און דערהויבען זיך צו איהם דורך תמימות און קדושה. אויך דערמיט האָבען די עסייער זיך אויסגעצייכענט, וואָס זיי פֿלעגען זיך אָבהאַלטען פֿון שווערען אַ שבועה, וואָס זיי פֿלעגען פֿיעל תפלה טהון און בעשעפֿטיגען זיך מיט אַ געהיימער לעהרע (נסתרות). פֿאַר'ן דאַווענען, און דער פֿריה, פֿלעגען זיי קיין וואָכעדיג וואָרט נישט אויסרעדען; ווי נאָר דער מאָרגענשטערען פֿלעגט זיך בעווייזען, פֿלעגען זיי לייענען „קריאת שמע“, און נאָכדעם פֿלעגען זיי זיך פֿערזאַמלען צום תפלה טהון מיט אַ שפּל'דיג, צובראָכען געמיט, ווי יעדער איינער האָט פֿערשטאַנען און געפֿיהלט, דען און יענער צייט זענען נאָך נישט געוועזען קיין צוזאַמענגעשטעלטע תפלות צום דאַווענען אויסער'ן בית־המקדש. אויך דאָס עסען פֿלעגען זיי האַלטען פֿאַר אַ מין גאָטעס־דיענסט; דעם טיש, אויף וועלכען זיי פֿלעגען עסען, האָבען זיי בעטראַכט פֿאַר אַ מזבח, און דאָס עסען־וואַרג פֿאַר אַ קרבן־מנחה פֿאַר גאָט. בשעת'ן עסען האָט מען קיין אונהייליג וואָרט נישט געטאָרט אַרויסרעדען. דאָס דאָזיגע שטילע עסען האָט צוגעגעבען די עסייער עטוואָס מיסטישעס אין די אויגען פֿון אַ זייטיגען מענשען, און זיי האָבען געמאַכט אַן'איינדרוק פֿון מענשען, וועלכע האָבען ביי זיך בעזונדערע סודות, וואָס זענען נאָר זיי אליין בעוואוסט.

אַנפֿאַנגס, ווען די חברה עסייער איז ענטשטאַנען, האָבען זיי גאָרנישט געהאַט קיין ציעל צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אַ געהיימער לעהרע; אָבער זייער אָבגעזונדערט לעבען, זייער אַסקעטיזם (נזירות), זייער שטילקייט, וועלכע האָט דערוועקט פֿיעל וואונדערליכע לעגענדעס וועגען זיי, זייער נישט זאָרגען פֿאַר אַ פֿאַמיליען־לעבען און, בעזונדערס, זייער רעליגיעזע התלהבות, די דבקות און התפעלות פֿאַר דער געטליכקייט — דאָס אַלץ האָט זיי געמוזט פֿיהרען צום געדאַנק, אַנצוהויבען זוכען און יודענטום נייע וואַהרהייטען, חוץ יענע, וועלכע זענען פֿערשטענדיג און קלאָר פֿאַר יעדען לאַגיש דענקענדען מענשען. ווי עס שיינט, האָבען זיי פֿריהער פֿאַר אַלץ זיך פֿערטיעפֿט אין דער בעדייטונג פֿון גאָטס נאָמען, וועלכער בעשטעהט פֿון פֿיער אותיות. דעם דאָזיגען נאָמען האָט מען נישט געטאָרט אַרויסזאָגען, ווי ער ווערט געשריבען, נאָר דעם כהן־גדול אַליין איז דאָס ערלויבט געוועזען אין בית־המקדש, אי דאָס אויך נישט שטענדיג, און דעריבער האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען אין'ם דאָזיגען נאָמען טיעפֿע, פֿערבאָרגענע סודות. די עסייער האָבען אין זייער אָבגעזונדערטקייט און אויסגעטהונקייט פֿון דער וועלט בעזונדערס שטאַרק זיך פֿערטראַכט און פֿערטיעפֿט דערין, און אַזוי אַרום איז ביי זיי ענטשטאַנען די געהיימע

לעהרע. דאס, וואס זיי האבען זיך אבגעהאלטען פון געבען א שבועת אפילו אויף אנ'אמת אויך, האט געשטאמט דערפון, וואס גאטעס נאמען איז פאר זיי געווען גוואלדיג הייליג. פלעגען זיי דארפען עטוואס בעשטעטיגען, אדער אבלייענען, איז גענוג געווען, ווען זיי פלעגען ארויסזאגען „יא!“ אדער „ניין!“ צוזאמען מיט די סודות וועגען גאטס נאמען האבען זיי אויך אנגעהויבען פיעל ארייַנצודענקען אין די נעמען פון די מלאכים און זייער בעדייַטונג, און פערטיעפט זיך אין ווייטע חקירות וועגען דער געגענווארט, פערגאנגענהייט און צוקונפט, וועגען די געהיימע כחות פון דער גאטהייט און דעסגלייַכען. צוליעב דעם, וואס זיי האבען זיך איינגאנצען דערווייטערט פון טעגליכען און פאליטישען לעבען סיי פון דער געזעלשאפט סיי פון דער מלוכה, האבען זיי אויך געמוזט אננעהמען א נייעם יודענטום, א יודענטום אייַנגעוויקעלט אין א געהיימער לעהרע, פול מיט סודות און רמזים, אנשטאט דעם איינביג לעבענדען יודענטום, וועלכעס איז געגרינדעט אויף דער ענטוויקלונג פון אידישען פאלק און דער מיטווירקונג פאר זיין וואוילשטאנד. פרעמד פאר'ן אידישען גייסט איז אויך געווען די פערעהרונג, וועלכע זיי האבען געהאט פאר'ן גרעסטען אידישען נביא, פאר משה'ן. זיין אנדענקען און זיין נאמען איז געווים טייער געווען פאר אלע אידען, אויך פאר די, וועלכע האבען געלעבט נישט אין ארץ-ישראל. דעם נאמען „משה רבינו“ האט מען איבעראל ארויסגערעדט מיט א געפיהל פון ליעבע און כבוד. אבער די עסייער האבען די דאזיגע פערעהרונג דערהויבען ביז דער מדרגה פון א פערגעטערונג, פונקט, ווי משה וואלט געווען א געטליך וועזען. ווער עס האט משה'ס נאמען געלעסטערט, איז געווען אין די אויגען פון די עסייער אנ'אמת'ער גאטעס-לעסטערער און ער איז ווערט געווען, אז מען זאל איהם בעשטראפען מיט'ן טויט.

דאס העכסטע און גרעסטע ציעל, צו וועלכען די עסייער האבען געשטרעבט מיט זייער הייליגען לעבען, איז געווען, בלי ספק—די נבואה, אדער דער רוח הקדש. זיי האבען געגלויבט, אז זיי האבען דורך דעם שטרענגען אבגעזונדערטען לעבען געפונען דאס ריכטיגע מיטעל, ווי אזוי צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון די נביאים און ארויפברענגען ווידער די נבואה, וועלכע איז שוין פון אידען לאנג אבגעטהון געווארען. און דאן, ווען מען וועט אט דעם ציעל דערגרייכען, ווען די נבואה וועט זיך ווידער ענטפלעקען, און אלט און יונג וועלען ווידער אנהויבען זעהען געטליכע זעהונגען און קאנען וויסען, וואס עס וועט פארקומען אין דער צוקונפט,— דאן וועט קומען די גרויסע צייט פון משיח'ן, די הימלישע מלוכה וועט אנהויבען קעניגען אויף דער וועלט, און מיט איין מאל וועט עס נעהמען א סוף מיט אלע שלעכטסקייטען, צרות און פגעים אויף דער גאנצער וועלט.

צוליעב זייער איינגענארטיגען לעבען, צוליעב זייער צניעות, טהרת

און שטענדיגע בעשעפטיגונג מיט גייסטיגע ענינים, ווי אויך צוליעב זיי-
ער פאָלקאָמער אָבגעזונדערטקייט פון די וועלטליכע אינטערעסען און
גרויסער התלהבות און פערחלום'טקייט וועגען אנדערע געטליכע וועלטען,
האָט דאָס פאָלק זיי געהאַלטען נישט בלויז פאַר קדושים, נאָר מען האָט
אויך געגלויבט, אַז זיי קענען וואונדערליכע מופתים בעווייזען. וועגען איי-
ניגע עסייער האָט מען געזאָגט, אַז זיי קאָנען פאָראויסזאָגען די צוקונפט
און פותר זיין חלומות. בעזונדערס געהויבען זענען געווען די עסייער אין
די אויגען פון די עם הארצים דורך זייער בעשעפטיגען זיך מיט אויס-
טרייבען רוחות און שדים פון מענשען. דאָס דערוויטערען זיך פון לעבען
האָט גלייך געפיהרט די עסייער אויפ'ן וועג צו אַלערליי אָבערגלוי-
בענס, פון וועלכע עס האָט זיי נישט געקאָנט אָבראַטעווען אין זייער
פרומקייט און זייער געטרייהייט דעם אידישען גלויבען, וועלכער איז גע-
גען אָט די אַלע אָבערגלויבענס. די פרושים פלעגען זיי דעריבער רופען
„חסידים שוטים"—ד. ה. נאַרישע חסידים און מענשען, „וואָס ברענגען
אום די וועלט". אויף דעם פאָליטישען לעבען האָבען די עסייער נישט
געהאָט קיין שום איינפלוס און זייער צאָהל איז געווען זעהר קליין;
אפילו אויך אין דער בעסטער צייט פון זייער ענטוויקלונג האָבען זיי
נישט געהאָט מעהר, ווי פיער טויזענד מיטגליעדער. ווייל אָבער זיי פלע-
גען נישט לעבען מיט פרויען, זענען זיי געשטאַנען אין געפאַהר, מיט
דער צייט אינגאַנצען אויסצושטאַרבען און פערשווינדען. כדי אויסצומיי-
דען אַזא טרויעריגע צוקונפט, האָבען די עסייער זיך משתדל געווען צו
פערשפרייטען זייער תורה און בעקומען דאדורך נייע חברים. דאָס אריינ-
טרעטען אין זייער סעקטע איז געווען פערבונדען מיט אַ פייערליכער צע-
רעמאָניע. דעם נייעם חבר פלעגט מען דערלאַנגען אַ ווייס קלייד, אַ לע-
דערנעם גאַרטעל און די לאָפּעטקע—די סימבאָלען פון די עסייער. אָבער
נישט אַזוי לייכט האָט מען דעם נייעם חבר אריינגענומען אין דער סעק-
טע. ער האָט געמוזט אויסהאַלטען אַ לאַנגע פּראָבע, צו דערווייזען, אַז
ער קאָן זיך אָבהאַלטען פון אַלערליי ליידענשאַפטען און אָבהיטען די
שטרענגע דינים פון טומאה און טהרה. ביי'ם אריינגעהמען איהם אין
דער סעקטע, פלעגט מען דעם נייעם חבר געבען אַ שבועה, אָבצוהיטען
דעם אופן לעבען פון דער סעקטע, לערנען פלייסיג די געהיימע תורה
(סתרי תורה) און איבערגעבען זי אויך אנדערע, נייע חברים. דער חבר,
וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר נישט ווערט צו געהערען צו דער
סעקטע, פלעגט פון איהר אויסגעשלאָסען ווערען.

אין יוחנן הורקנוס'עס צייט איז די בעציהונג צווישען די צדוקים
און פרושים נאָך נישט געווען קיין פיינדליכע. הורקנוס האָט געפרובט
צו האָבען ביידע פאַרטייען פאַר זיין רעגיערונג: די צדוקים—אַלס
קעמפפער און דיפּלאָמאַטען, און די פרושים—אַלס געזעץ - לעהרער,
שופטים און בעאַמטע. די צדוקים האָבען אין הורקנוס'ן טייער געהאַלטען

דעם מנהיג פון דער מלוכה, דעם נשיא, און די פרושים האָבען איהם טייער געהאַלטען, אַלס אַ פרומען כהן־גדול. הורקנוס האָט אין דער ווירקליכקייט איינגעאָרדענט די מלוכה, לויט די פּרינציפּען פון די פרושים, דען ער איז פּערזענליך געווען אַ פרומער אַנהענגער פון זייער תורה. ער איז געווען פון איין זייט אַ גאַנץ פרומער כהן־גדול, אַ ה.ט.ר. און אַ ענטוויקלער פון דער תורה פון די פרושים. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער געווען אויך אַ מוסטערהאַפטער נשיא, אַ פירשט איבער'ן פאָלק און דעריבער האָט ער נישט געטאָרט איינרייסען מיט די צדוקים, וועלכע זענען געווען זיינע מיטאַרבייטער, זיינע יועצים און גבורים אין מלחמה. זייער אָנפיהרער, יונתן, איז געווען אַ געטרייער פריינד פון הורקנוס, פאַר וועלכען ער האָט נישט געהאַט קיין מלוכה־סודות. הורקנוס האָט פערשטאַנען בּיז אין טיעפען עלטער גליקליך דורכצוקומען מיט דער שווערער אויפגאַבע, ווי אַזוי אויפצוהאַלטען דעם שלום צווישען ביידע פּאַרטייען און אַרבּייטען אַליין אויך צוזאַמען מיט ביידען, נישט דערוועקענדיג בּיי קיינעם אונצופריעדענהייט. ער האָט פערשטאַנען, ווי אַזוי אויסצומיידען, אַז קיין איינציגע פון ביידע פּאַרטייען זאָל נישט איבּערשטייגען דער אַנדערער אין בּעדייטונג אין דער מלוכה און, ממילא, האָט ער אויך אויסגעמיעדען צו דערוועקען צווישען זיי קנאה און שנאה.

די אַנהענגליכקייט פון יוחנן הורקנוס פאַר די פרושים קאָן מען אַרויסזעהען פון דער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין זיין רעגירונג, אין די געריכטען און אין בּית־המקדש. אין שפּיץ פון אַלע געריכטס־הויזער איז אין זיין צייט געשטאַנען דער בּית־דין הגדול אין ירושלים, אָדער דער סנהדרין פון איין און זיעבּציג, אָדער פון זיבּעציג זקנים, וועלכער האָט געגעבּען אַ בּעשלוס וועגען אַלערליי רעליגיעזע פראַגען. האָטש מען קאָן גלויבּען, אַז דער סנהדרין איז געגרינדעט געוואָרען נאָך אין אַ פריהערדיגער עפּאָכע, איז אָבּער אויך זיכער, אַז הורקנוס האָט איהם בּעגייט און געגעבּען מעהר קראַפט זיינע בּעפעהלען און בּעשלוסען. דער כהן־גדול, וועלכער איז נאָך פון שמעון הצדיק'ס צייטען אָן געווען פאָרשטעהער אי פון דער רעליגיע, אי פון דער מלוכה, איז, נאַטירליך, אויך געווען דער נשיא פונ'ם העכסטען געריכט, פון סנהדרין, נאָר ווייל זיינע הויכע פונקציעס האָבען איהם נישט תמיד ערלויבּט צו קאָנען זיך געפינען בּיי די זיצונגען, דעריבּער האָט מען איהם אויסגעקליבּען אויך אַ סגן (אַ קאַנדידאַט), וועלכען מען האָט גערופען „אב בית־דין"—דעם פאָטער פונ'ם בית־דין. דער סנהדרין פלעגט אָבּהאַלטען זיינע זיצונגען אַזוי, אַז דער נשיא פלעגט זיך געפינען אין מיטען, און די זיבּציג חברים אַרום איהם, רעכטס און לינקס, אין אַ האַלבּ־קיילעכדיגער פאָרם, כדי זיי זאָלען קאָנען זעהען איינער דעם אַנדערען.

אונטער דעם גרויסען סנהדרין איז געשטאַנען דער קלייגער סנהדרין פון דריי און צוואַנציג מאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אין יע־

דער גרעסערער שטאָדט. ווי עס שיינט, פלעגען די חברים פון קלענערען סנהדרין געוועהלט ווערען דורך דעם גרויסען סנהדרין, און דער קליינער סנהדרין פלעגט משפט'ן דאָס פאָלק, וועהרענד דער גרויסער האָט איבערהויפט בעאָבאַכטעט די אַלגעמיינע ענינים, ווי, למשל, די בעשטימונג פון חדש און יום־טוב דורך דעם איינאָרדנען און אויסגלייכען די יאָהרען פון דער זון מיט די חדשים פון דער לבנה. ער פלעגט אַכטונג געבען, אַז צו דער עבודה אין בית־המקדש זאָלען נישט אַריינטרעטען קיין כהנים און לויים, וואָס האָבען נישט קיין רעכט דערויף לויט'ן דין, צוליעב אַ פסול אין זייער משפחה. די הויפט־אויפגאַבע פונ'ם גרויסען סנהדרין איז אָבער געווען צו ערקלערען די תורה און אָנווייזען, אָדער בעשטימען, ווי אַזוי מען דאַרף מקיים זיין די אָדער יענע מצוה, לויט דער פאַרצייטיגער קבלה (טראַדיציע). זיינע זיצונגען פלעגט דער סנהדרין אָבהאַלטען אין אַ ספּעציעלען זאַל, וועלכער האָט זיך געפונען ביי'ם בית־המקדש און זיינע בעשלוסען זענען געווען פערפליכטענד פאַר אַלע אידען סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין אַלע אַנדערע לענדער. אום שבת און יום־טוב פלעגען די חברים פון סנהדרין לערנען תורה פאַר'ן פאָלק אין אַ אין אַ בית־מדרש. דער סנהדרין פלעגט אָבהאַלטען זיינע געריכטליכע זיצונגען עפענטליך, פאַר'ן גאַנצען פאָלק. פאַר אַ חבר פון סנהדרין האָט מען אויסגעקליבען נאָר אַ מענשען מיט אויסגעצייכענטע הויכע מעלות. ער האָט געמוזט זיין אַ חכם, אַן עניו, אַ פרומער, אַ גרינדליך געלעהרטער און אָנגעזעהען ביי'ם פאָלק. כדי די ריכטער פון סנהדרין זאָלען אָנווענדען די מדה פון רחמנות אינ'ם משפט, פלעגט מען נישט אויסקלייבען פאַר אַ ריכטער קיין גאַנץ אַלטען מאַן, ווי אויך נישט קיין עקר, ווייל אַ מענש, וואָס האָט נישט קיין אייגענע קינדער, איז פרעמדער פון דעם געפיהל פון רחמנות, ווי אַ פאָטער פון קינדער. פאַר'ן משפט פלעגט מען מוסר זאָגען די עדות, אַז זיי זאָלען געדענקען, דאָס זיי שטעהען פאַר גאָט און טאָרען קיין פאַלשע עדות נישט זאָגען. פאַר'ן געמשפט'ן פלעגט מען שטענדיג זוכען אַ זכות, כדי איהם צו קאָנען פריישפּרעכען. נאָר איין מין פערברעכער פלעגט מען משפט'ן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט: דעם מענשען, וועלכער רעדט אָן אידען צו טהון שלעכטס. אַ טויט־אורטייל האָט דער סנהדרין אַרויסגעטראָגען זעהר זעלטען.

אויך אין דער כהונה איז אין די צייטען פון יוחנן הורקנוס געווען איינגעשטעלט אַ פעסטע אָרדנונג. דער כהן־גדול איז געווען דער פאָרקאָמער בעל־הבית איבער'ן בית־המקדש, און ווען ער פליגט נאָר קומען, פלעגט ער האָבען דאָס רעכט צו טהון די עבודה, וועלכע איז געוועהנליך געווען איינגעטיילט צווישען די פערשיעדענע כהנים. בשעת ער פלעגט אַריינקומען אינ'ם בית־המקדש, פלעגען די כהנים איהם אַרויסקומען מיט גרויס כבוד ענטקעגען. אום יום־כפור האָט די עבודה אין בית־המקדש געהערט נאָר צו איהם אַליין; און יענעם הייליגען טאָג פלעגט

ער אריינקומען אויף אין קדש הקדשים און ער פלעגט אליין לייענען די תורה פאר'ן פאלק מיט גרויס פאראד. נאך דער יום־כפור'דיגער עבודה פלעגט איהם דאס גאנצע פאלק בעגלייטען אהיים אין זיין וואהנונג מיט גרויס פייערליכקייט און כבוד. אונטער דעם כהן־גדול איז געשטאנען א בית־דין פון כהנים, וועלכער פלעגט דארפען אכטונג געבען, אז די עבודה אין בית־המקדש זאל געטהון ווערען, לויט'ן דין און די מנהגים, ווי די פרושים האבען עס פערשטאנען. דער בית־דין פון די כהנים פלעגט אויך אויסשטעלען אין בית־המקדש און אין דער עזרה וואכען פון כהנים און לויים, כדי צו היטען, אז דער, וועער עס טאר נישט אריינקומען אין בית־המקדש, זאל נישט אריבערטרעטען ווייטער, ווי ער מעג אין דער עזרה. אויף די אלע וואכען איז געוועזען איפגענ[illegible]ן א משגיח, וועלכער פלעגט שטרענג אבהיטען, אז מען זאל האלטען די וואך, ווי געהעריג איז. און מען פלעגט אויך שטרענג בעשטראפען דעם, וואס פלעגט נישט ערפילען זיין פפליכט ארענטליך. מיט דער צייט האט די דאזיגע וואך בעקומען א וויכטיגע בעדייטונג, ווייל דער הר־הבית איז אויך געוועזען א פעסטונג אין דער צייט פון מלחמה. בכלל זענען אין בית־המקדש געוועזען זעהר פיעל אנגעשטעלטע, ממונים און משגיחים, וועלכע האבען געדארפט אכטונג געבען, אז יעדע עבודה און יעדע פונקציע זאל שטרענג אבגעהיט ווערען. צוליעב דעם, וואס די כהנים פלעגען טהון זייער עבודה אין מקדש און דער עזרה, געהענדיג בארפוס, פלעגען זיי זיך אפט פערקיהלען און קראנק ווערען; דעריבער האט מען ביי'ם בית־המקדש געהאלטען א ספעציעלען רופא, צו קורירען די קראנק געווארענע כהנים.

דער הויפט־משגיח איבער'ן בית־המקדש, אדער „ממונה“, פלעגט אכטונג געבען, אז די עבודה זאל אין איהם געטהון ווערען טאג טעגליך אין דער בעשטימטער צייט. יעדען פריהמארגען פלעגט דער ממונה שיקען דורך א הערהאלד אויסרופען אין אלע אבטיילונגען ארום בית־המקדש, אז די כהנים זאלען זיך שטעלען צו דער עבודה. די כהנים פלעגען האלטען פאר א גרויסען זכות צו טהון די עבודה, און דעריבער פלעגט עס ווערען א געלויפעריי צווישען זיי און א שטויסעניש. שפעטער האט מען דערפאר איינגעפיהרט א גורל אויף יעדער עבודה, און דער כהן, וועלכער פלעגט דעם גורל ארויסציהען, פלעגט זיך באלד שטעלען צו דער עבודה.

אין דער צייט פון הורקנוס פלעגט מען אין בית־המקדש שוין אבהאלטען אויך איינגעארדענטע תפלות, וועלכע פלעגען פארקומען אינ'ם זאל, וואו דער סנהדרין פלעגט האלטען זיינע זיצונגען. בשעת דער עבודה אין בית־המקדש פלעגען די לויים זינגען אין חאר און שפיעלען אויף פערשיעדענע אינסטרומענטען. אין די ערשטע צייטען פון די חשמונאים פלעגט מען אין בית־המקדש זינגען בעזונדערס פיעל טרויער־קאפיטלען פון תהלים; הורקנוס אבער האט דאס מבטל געמאכט, און פון איהם

האָט די עבודה אין בית־המקדש אָנגענומען אַ פיעל פרעהליכערע שטי־מונג, ווי פריהער.

אויף דער פראָווינץ האָבען אידען אין יענער צייט שוין געהאַט פיעל שוהלען און בתי מדרשים. אין יעדער שטאָדט פלעגט מען אויס־קלייבען מענשען, געוועהנליך זיבען, אָדער „שבעה טובי העיר", וועלכע פלעגען דאַרפען אַכטונג געבען אויף די שוהלען און פיהרען זייערע הכנסות און הוצאות.

הורקנוס האָט אויך איינגעפיהרט זעהר פיעל תקנות וועגען אָבשיי־דען תרומה און מעשר און פיעל אַנדערע ענינים. אַזוי, למשל, האָט מען אין זיין צייט געמאַכט די תקנה, אַז ווען דער בית־דין בעשטראָפט אַ פערברעכער מיט מלקות, דאַרף מען איהם געבען נישט מעהר ווי ניינען און דרייסיג שמיץ. אין אַלע דאָזיגע ענינים איז הורקנוס געווען געטריי די פרושים; ער האָט איינגעשטימט מיט זיי אין יעדער זאַך און איז גע־ווען מיט זיי העכסט פריינדליך, וויל ער האָט דערין געזעהען די טובה פון דער מלוכה.

אָבער, ווי דאָס קומט פאָר אָפט, פיהרט מען איבער מיט איין וואָרט די בעסטע פריינדליכע שטימונג, און מען מאַכט קאַליע אַלע דיפ־לאָמאַטישע חשבונות. הורקנוס האָט יאָהרען־לאַנג זיך בעמיהט צו געהן צוזאַמען אי מיט די צדוקים אי מיט די פרושים, און דאָס איז געווען, מעגליך, זיין קינסטליכסטע געביידע, וועלכע ער האָט געווידמעט דעם שלום און אחדות פון דער בעפעלקערונג. אָבער פלוצלונג האָט איין מענש אַרויסגעזאָגט אונפאָרזיכטיג אַ וואָרט, און די גאַנצע געביידע איז איינ־געפאַלען. הורקנוס, דער בעסטער אַנהענגער פון די פרושים, האָט זיך פון זיי אָבגעווענדעט און איז געוואָרען זייערער אַ פערביטערטער געגנער און אַ צדוקי.

די דאָזיגע פערענדערונג פונ'ם נשיא, וועלכע האָט געבראַכט אַזוי פיעל אונגליק איבער דער אידישער נאַציאָן, האָט געשטאַמט פון אַ סבה, וועלכע איז געווען זעהר אונבעדייטענד און פערגלייך מיט דעם, וואָס פון איהר איז אַרויסגעקומען; די בעציהונגען צווישען די פאַרטייען זענען אָבער געווען אַזוי געשפאַנט, אַז אויך דער קלענסטער מאָטיוו האָט גע־קאָנט ברענגען צו די טרויעריגסטע מעשים. הורקנוס האָט זיך איינמאָל אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים פון די גלענצענדע נצחונות, וועלכע ער האָט אָבגעהאַלטען איבער די אידישע פיינד אויף יענער זייט ירדן, און צפון־מזרח פון פערעאַ. פון גרויס שמחה איבער דער הצלחה פון זיין מי־ל[illegible] פון אויסענווייניג און דעם גוטען צושטאַנד פון דער מלוכה פון אינ־ווייניג, האָט ער געמאַכט אַ מאָהל־צייט און איינגעלאַדען די אָנפיהרער פון די צדוקים און פרושים. אָהן אונטערשייד. פאַר די געסט האָט מען דערלאַנגט די שפייז אויף גאָלדענע טישען און אונטער אַנדערע שפייז האָט מען אויך דערלאַנגט די געסט פלאַנצונגען, וועלכע וואַקסען אין דער

מדבר (מלוח), כדי צו דערמאָהנען אָן יענער אונגליקליכער צייט, ווען מען איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפֿען פֿון אַנטיוֹכוס'עס רדיפֿות און דער מדבר און שפּייזען זיך דאָרט מיט די דאָזיגע געוויקסען. און דער פֿרעהליכער שטימונג פֿון די געסט האָט הורקנוס פּלוצלונג אַ פֿרעג געטהון, אויב די פּרושים קאָנען איהם מאַכען דעם פֿאָרוואורף, אַז ער האָט ווען עס איז עובר געווען אויף'ן געזעץ? דערבײַ האָט ער פֿאָרגעלעגט די פּרושים, אַז זיי זאָלען דאָס איהם אָפֿען אַרויסזאָגען, כדי ער זאָל זיך אויסבעסערען. צי האָט דער נשיא געשטעלט די דאָזיגע פֿראַגע בתמימות, אָדער די צדוקים האָבען איהם געהאַט אָנגערעדט געגען די פּרושים, און ער האָט זיי איצט געוואָלט פּרובירען, אויב זיי זענען איהם געטריי, אָדער נישט? — אויף דער פֿראַגע פֿון הורקנוס האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ געוויסער אלעזר בן פּועירא און האָט ערקלערט קורץ און שאַרף: „הורקנוס דאַרף זיך בעגנוגען מיט דער קרוין פֿון דער מלוכה און איבערלאָזען די קרוין פֿון דער כהונה גדולה פֿאַר אַנ'עכטען מין, וואָס קומט־אַרויס פֿון אהרן הכהן". דערבײַ האָט ער ערקלערט, אַז ווען די סירישע זענען איינמאָל אָנגעפֿאַלען אויף דער שטאָדט מודיעין, נאָך איידער הורקנוס איז געבאָרען געוואָרען, איז זיין מוטער געגומען געוואָרען געפֿאַנגען, און אַלס אַ זוהן פֿון אַ געפֿאַנגענער איז ער פּסול צו דער כהונה, און בפֿרט נאָך צו דער כהונה גדולה. — האָטש הורקנוס האָט זיך דערשפּירט שטאַרק בעליידיגט, ווייל מען האָט צדהאָרט אָנגערירט זיין כבוד, פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך אײַנגעהאַלטען געלאַסען און געהייסען מאַכען אַן אויספֿאָרשונג, אויב די זאַך איז בכלל אמת. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז עס געווען אַ פּוסטער קלאַנג אָהן קיין שום גרונד. דאַן איז הורקנוס געוואָרען זעהר אויפֿגעבראַכט געגען די פּרושים, בפֿרט נאָך, ווען די צדוקים האָבען אויסגענוצט די זאַך און ערקלערט הורקנוס'ן, אַז די פּרושים האָבען בכיון דעם קלאַנג פֿערשפּרייט, כדי צו דערנידעריגען זיין כבוד אין די אויגען פֿון פֿאָלק. כדי אויסצופֿאָרשען די זאַך גענוי, האָט ער פֿערלאַנגט פֿון סנהדרין, אַז מען זאָל דעם רעדער לשון הרע בעשטראָפֿען לויט'ן דין, אַלס אַ מענשען, וועלכער האָט געלעסטערט אַ נשיא און אַ כהן גדול און אַרויסגעבראַכט אויף איהם אַ שם רע. די פּרושים האָבען אָבער נישט געפֿונען קיין ספּעציעלען דין פֿאַר מבזה זיין אַ נשיא; לויט'ן דין פֿון דער תורה, דאַרף מען משפּט'ן אַלעמען גלייך אָהן משא פּנים, סײַ אַ נשיא, סײַ אַ פּראָסטען מענשען; דעם בעליידיגער האָט מען דעריבער געמשפּט בלויז פֿאַר'ן אַרויסברענגען סתם אַ שם רע אויף אַ מענשען, און צוגעמשפּט צו — מלקות, דאָס הייסט, צו בעשטראָפֿען מיט ניין און דרײַסיג שמיץ. הורקנוס'עס פֿריינד, יונתן, דער אָנפֿיהרער פֿון צדוקים, האָט אויך דעם אומשטאַנד אויסגענוצט, כדי אויפֿצורייצען דעם נשיא געגען די פּרושים, דערווייזענדיג איהם, אַז דורך דער דאָזיגער לײַכטער בעשטראָפֿונג האָבען די פּרושים נאָך מעהר מבזה געווען

דעם נשיא. אַזוי אַרום האָט מען געבראַכט דעם נשיא הורקנוס דערצו, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פֿון די פּרושים און צושטעהן צו די צדוקים. דער נשיא האָט באַלד דערוויטערט אַלע פּרושים פֿון די שטעלעס, וועלכע זיי האָבען פֿערנומען אין דער מלוכה. ער האָט זיי אויך דערוויטערט פֿון בית־המקדש און פֿון סנהדרין, אַריינזעצענדיג איבעראַל אַנשטאָט די פּרושים — צדוקים. די דאָזיגע איבערקעהרעניש האָט געבראַכט זעהר טרויעריגע פּרוכטען: די פּרושים און דאָס גאַנצע פֿאָלק, וואָס האָט מיט זיי געהאַלטען, איז פֿול געוואָרען מיט שנאה געגען די חשמונאים, ווייל אין׳ם סנהדרין האָט דאָס פֿאָלק געזעהען דעם סימבאָל פֿון זיין פֿרייהייט, פֿון אַ פֿאָלקס־פֿערטרעטונג, וואָס דאַרף משפּט׳ן דעם פֿאָלק, לויט דער גערעכטיגקייט פֿון דער תורה, אָהן קיין שום משא פּנים פֿאַר אימיצען; דאַדורך אָבער, וואָס הורקנוס האָט בעזעצט אַלע שטוהלען פֿון סנהדרין דורך זיינע בעאַמטע, דורך די צדוקים, איז דער סנהדרין געוואָרען אַן׳אויטאָקראַטישע אינסטיטוציע, וועלכע וועט טהון אַלץ, וואָס דער הערשער וועט איהר בעפֿוילען. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַזוי פֿיינד בעקומען דעם נשיא. הורקנוס האָט געמאַכט אַ פֿאַלשען טריט, וועלכער האָט מיט איין מאָל אויסגעריסען ביי׳ם פֿאָלק אין האַרצען זיין צוגעבונדענקייט צו די חשמונאים, און האָט געמוזט ברענגען צו אַ היימישען קריעג מיט אַלע זיינע שרעקליכע אונגליקען, וועלכע האָבען ביסלעכווייז רואינירט די אידישע מלוכה, נאָכדעם, ווי מען האָט זי נאָר־וואָס אויסגעבויט מיט אַזאַ גרויסער מיה. הורקנוס האָט נישט לאַנג געלעבט נאָך דער דאָזיגער געשעהעניש. ער איז געשטאָרבען אין איין און דרייסיגסטען יאָהר פֿון זיין רעגירונג (176 פֿאַר׳ן חורבן) און איבערגעלאָזען נאָך זיך פֿינף זיהן: אַריסטאָבול, אַנטיגאָנאָס, אַלעקסאַנדער, אַבשלום און נאָך איין פֿינפֿטען, וואָס זיין נאָמען איז געבליבען אונבעוואוסט. אויך אין זיין טויט איז הורקנוס גלייך געווען צו שלמה המלך, ווייל באַלד נאָך זיין טויט האָט זיך אָנגעהויבען אַ שפּאַלטונג אין דער מלוכה, וועלכע האָט אונטערגעבראָכען די גאַנצע אידישע צוקונפֿט.

דריטעס קאַפּיטעל

אַריסטאָבול דער ערשטער, אַלעקסאַנדער־ינאַי און זיין פֿרוי שלומית־אַלעקסאַנדראַ.

(פֿון 176 ביז 139 פֿאַר׳ן חורבן, אָדער פֿון 106 ביז 69 פֿאַר דער עווענגעליכער צייטרעכנונג).

פֿאַר זיין טויט האָט יוחנן הורקנוס בעשטימט פֿאַר אַ קעניגין איבער׳ן לאַנד יהודה זיין פֿרוי, און זיין עלטסטען זוהן יהודה, אָדער אַריס־

טאבול אין גריכיש, האט ער בעשטימט פאר א כהן גדול (יהודה־אריסטאבול, זיינע ברידער און זייערע זיהן, האבען אלע געהאט, אויסער זייערע אידישע נעמען, אויך גריכישע. אין פאלק זענען זיי בעוואוסט געווען כמעט נאר מיט זייערע גריכישע נעמען).

באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז יוחנן הורקנוס'עס אויפטהו, צו בעשטימען זיין פרוי פאר א רעגירערין איבער'ן לאנד יהודה, האט אין אידישען לאנד נישט געהאט קיין ערפאלג, דען דאס איז געווען א מנהג א מאקעדאנישער.

אריסטאבול האט דערוויטערט זיין מוטער פון דער מלוכה און איז אליין געווארען אי כהן גדול, אי מלך, און דאס פאלק איז געגען זיין דאזיגען שריט נישט ארויסגעטראטען, חאטש דאס איז געווען געגען זיין פאטער'ס ווילען. ער איז אויך געווען דער ערשטער פון די חשמונאים, וועלכער האט אנגענומען דעם טיטול „מלך" — קעניג, חאטש דאדורך איז זיין מאכט נישט פערגרעסערט געווארען, און זיין כבוד איז דאדורך נאך קלענער געווארען ביי די אנגעזעהענע אידען פון פאלק, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז די מלוכה געהערט נאר דוד'ס הויז, און אין אריסטאבול'ס שריט האבען זיי געזעהען בלויז א חוצפה, דען מען האט געהאפט, אז דער „מלך המשיח" פון דוד'ס הויז וועט ברענגען א גאולה, אנ'אמת'ע אויסלייזונג פאר'ן פאלק, און מען האט דעריבער נישט געוואלט ליידען, וואס איינער, וועלכער שטאמט נישט פון דוד'ס הויז, זאל זיך רופען מלך. אויף די מטבעות, וועלכע ער האט ארויסגעגעבען, רופט ער זיך אבער נאך אלץ נישט מלך, נאר „כהן גדול און פערוואלטער", מיט די זעלביגע סימבאלען, ווי זיין פאטער האט אויף זיי געמאכט: א הארן, פון וועלכען עס שיט זיך אל־דאס־גוטס. בכלל איז אריסטאבול געווען א מענש, וועלכער האט ליעב געהאט מעהר דאס לעבען און פערגעניגענס, איידער די געטליכע עניינים; בעזונדערס שטארק האט ער געליעבט דאס לעבען פון די גריכען. דאס פאלק האט איהם דערפאר גערופען „פילהעלען, ד. ה. „א ליעבהאבער פון די גריכען" — א נאמען, וואס איז געווען ביי אידען כמעט א שאנד און א שפאט. דער סימבאל „דער פולער הארן" אויף זיין מטבע איז אויך גאנץ ווייט געווען פון דער ווירקליכקייט, דען די לאגע אין יהודה איז שוין איצט נישט געווען, ווי אין זיין פאטערס צייטען. — דער זאמען פון שנאה און קנאה, וואס דער נשיא הורקנוס האט פערשפרייט דורך זיין לעצטען ארויסטריט געגען די פרושים, האט אין דער רעגירונג געבראכט זעהר טרויעריגע פרוכטען און אונטערגעגראבען דעם אידישען וואוילשטאנד. אומזיסט האבען זיך בעמיהט די שפעטערדיגע נשיאים און מלכים פון די חשמונאים צו דערהויבען זייער מאכט; אומזיסט האבען זיי זיך ארומגערינגעלט מיט א געדונגענער לייבוואך, און אויך בעוויזען גרויסע גבורות אין מלחמה, — דאס פאלק האט זיך אבגעווענדעט פון זיינע מלכים, און אלע מיטלען,

וועלכע זיי האבען אנגעווענדעט צו געווינען צוריק די ליעבע פון פאלק אדער, וועניגסטענס, פועל צו זיין, אז מען זאל פאר זיי מורא האבען, האבען מיטגעווירקט בלויז אויף צו פערגרעסערען און פערשטארקען די שנאה צו זיי.

דער קעניג אריסטאבול האט נישט בלויז דערווייטערט זיין מוטער פון טהראן, נאר ער האט זי אויך, צוזאמען מיט זיינע דריי ברידער, פערשפארט אין תפיסה. נאר זיין ברודער אנטיגאנאס, וועלכען ער האט געליעבט, ווייל ער איז געווען מיט איהם גלייכגעזאנען, זיין אויך אין מלחמה האבען זיי צוזאמען געקעמפפט, — איהם האט ער געלאזען טיילנעהמען אין דער רעגירונג. פון אריסטאבול'ס קורצער רעגירונגס־צייט זענען איבערגעבליבען זעהר קנאפע ידיעות און זכרונות, און וועניגען גרויסע מעשים, וואס ער זאל האבען אויפגעטהון, ווייסען מיר אויך נישט; איין זאך נאר איז זיכער: יהודה־אריסטאבול איז אין דער בעציהונג צום פארטיי־קאמפף צווישען די פרושים און צדוקים געגאנגען אין די דרכים פון זיין פאטער, דען ער האט זיך פעראייניגט מיט די צדוקים און געהאלטען די פרושים ווייט פון יעדער השפעה אויף די מלוכה־עניינים. אבער ווי אריסטאבול האט ביי זיך אין דער משפחה געהאט וועניג פריינד, אזוי איז ער ביי'ם פאלק אויך נישט בעליעבט געוועזען. דער אומשטאנד, וואס ער איז נוטה געווען צו די צדוקים, האט איהם געמאכט זעהר פערהאסט ביי דער פאלקס־פארטיי. צוזאמען מיט'ן נאמען פיל־העלען, וואס דאס פאלק האט איהם געגעבען, האט מען אויך געגלויבט אויף איהם אלע אויסגעטראכטע שלעכטע מעשים, נישט האבענדיג צו איהם קיין שום צוטרוי. וועהרענד די גריכען שילדערן איהם אלס אנ'ענוי און א מילדען מענש, שילדערן איהם די אידישע שריפטשטעלער אלס אנ'אכזר און א מענש אהן א הארץ. זיין מוטער איז אין תפיסה געשטארבען, מעגליך, פון צלטקייט; דאס פאלק האט איהם אבער חושד געווען, אז ער האט זי דארט געלאזט אויסגעהן פון הונגער. זיין געליעבטער ברודער, אנטיגאנאס, איז געהיים דער'הרג'עט געווארען, מעגליך, דורך די פיינד פון די חשמונאים; דאס פאלק האט אבער בעשולדיגט דעם קעניג אינ'ם דאזיגען מארד, און מען האט גערעדט, אז אריסטאבול האט דער'הרג'עט זיין ברודער צוליעב דעם, וואס ער איז איהם מקנא געווען, פאר וואס דאס פאלק איז צו איהם מעהר צוגעלאזען.

אריסטאבול האט געירשנ'ט פון זיין פאטער אי זיין גבורה און מלחמה, אי זיין פאליטישען פערשטאנד און דאס שטרעבען צו דערווייטערן די אידישע גרעניץ אין צפון־מזרח־זייט. דאס גאנצע לאנד פון דרום־זייט פון הויכען בארג חרמון צום מזרח ביז די געבענטשטע פרוכטבארע פעלדער פון דמשק האבען פערנומען די שבטים פון דעם פאלק יטור און די טראכאניטען. אריסטאבול'ס ברודער אנטיגאנאס.

וועלכער האט צוזאמען מיט איהם אבגעהאלטען די נצחונות איבער די שומרונים און סיריער, איז אויך איצט געגאנגען מיט איהם צוזאמען אין מלחמה. ווי זיין פאטער, האט אויך יהודה=אריסטאבול געהאט הצלחה אין דער מלחמה: ער האט איינגענומען די דערמאהנטע פעלקער און געצוואונגען זיי, ווי זיין פאטער די אדומים, אנצונעהמען דעם אידישען גלויבען. אריסטאבול איז אבער באלד שווער קראנק געווארען און האט געמוזט זיך צוריקציהען קיין ירושלים. זיין ברודער אנטיגאנאס האט אפילו געפיהרט די מלחמה ווייטער אויך מיט גרויס ערפאלג, אבער, ווען עס איז געקומען דער חודש תשרי מיט זיינע פיעל ימים=טובים, איז ער צוריק קיין ירושלים געקומען. מעהר האבען ביידע ברידער שוין נישט געזעהען דאס שלאכט=פעלד, דען אנטיגאנאסן האט דער'הרג'עט געהיים א מערדערישע האנד, און אריסטאבול איז געשטארבען פון זיין קרענק, נאכדעם ווי ער האט געקעניגט עטוואס מעהר ווי א יאהר (176 — 175 פאר'ן חורבן).

נאך איהם האט געקעניגט זיין ברודער יונתן, אדער פעהקירצט ינאי, און אין גריכיש, אלעקסאנדער. ער האט חתונה געהאט מיט שלומית, דער שוועסטער פונ'ם תנא שמעון בן שטח, וועלכער איז געוועזן דער עלטסטער ביי די פרושים. שלומית האט זיך שפעטער געגעבען א גריכישען נאמען, אלעקסאנדרא. דער נייער קעניג, אלעקסאנדער=ינאי, האט אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגירונג, ווי עס שיינט, געוואלט נושא חן זיין ביים אידישען פאלק, און דעריבער האט ער מקרב געווען צו זיך די פרושים, אנשטאט דעם, וואס זיי זענען דערווייטערט געווארען פונ'ם מלוכה=לעבען אין דער לעצטער צייט פון זיין פאטערס רעגירונג, ווי אויך אין דער רעגירונג פון זיין ברודער. די פרושים זענען אריינגענומען געווארען אין מלוכה=ראט, און דער פאטער פון דער מלכה, שמעון בן שטח, וועלכער האט בענייט די פארטיי פון די פרושים און זי כמעט געגרינדעט פון דאס ניי, איז געווארען א גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף. אלעקסאנדער=ינאי איז געוועזן קודם כל א מלך, וואס האט געטראכט וועגען מלחמות, ווי אלע מלכים און נשיאים פון חשמונאי'שען הויז, איהם האט אבער געפעהלט דער טאלענט פון א פעלדמארשאל, וואס זיינע עלטערן האבען געהאט, ווי אויך זייער ווייטען קוק און פערשטאנד, ווי אזוי אויסצוניצען די לאגע פונ'ם פיינד, אין דעריבער האט ער צוברעקעלט די כחות פון פאלק און געבראכט די מלוכה מעהר ווי איין מאל צום אבגרונד פון עלענד. זיין זיבען=און צוואנציג=יעהריגע רעגירונג (פון 175 ביז 149 פאר'ן חורבן) איז פול געווען מיט מלחמות פון אויסענווייניג און פון אינעווייניג, און דער וואוילשטאנד פונ'ם פאלק האט נישט געקאנט זיך ענטוויקלען. אבער זיין הצלחה איז געוועזן גרעסער פאר זיינע טאלענטען און חכמה, און נאר א דאנק זיין גרויסער הצלחה, איז איהם געלונגען נישט בלויז אבצוהי=

טען די גרענ:צען פון דער מלוכה, נאָר אויך צו ־ערווייטערען זיי. לויט׳ן
פלאַן פון זיינע עלטערן. ווי זיין פאָטער, האָט אויך ער געפיהרט זיינע
מלחמות מיט א געדונגענעם מיליטער, וועלכעם ער האָט בעקומען אין
די לענדער פיזידיה און קיליקיה. נאָר קיין סירישע סאָלדאַטען האָט ער
נישט געדונגען, ווייל די אינערליכע שנאה צווישען די סירער און די
אידען איז געווען צו־גרויס און צו־טיעף איינגעוואָרצעלט און די הער־
צער, אז ער זאָל קאָנען האָבען צו זיי צוטרוי און לאָזען זיי צוזאַמען
קעמפפען מיט די אידען

דער הויפט־צוועק פון אלעקסאַנדער־ינאַי איז געווען איינצונעה־
מען די שטעדט אויפ׳ן ברעג ים, וועלכע האָבען זיך ערקלערט פאַר אוני־
אבהענגיג אין דער צייט פון די מלחמות צווישען די סירישע מלכים גרי־
פּוס און קיזיקענעס. בעזונדערס שטאַרק האָט אלעקסאַנדער־ינאַי גע־
וואָלט איינעהמען די שטאָדט עכו, אָדער פטאָלאָמאיס, וועלכע איז גע־
ווען שטאַרק בעפעלקערט און רייך. דערביי האָט זי אויך געהאַט א גו־
טען פאָרט אויפ׳ן ברעג ים. די איינוואָהנער פון עכו האָבען זיך געווענ־
דעט צום עגיפטישען קעניג לאַטוראָס, וועלכער, פיהרענדיג קריעג מיט
דער מיט־רעגענטין, זיין מוטער קלעאָפּאַטרא, האָט זיך בעזעצט אויף
דער אינזעל ציפערן. לאַטוראָס איז געווען צופריעדען מיט דער געלע־
גענהייט, צו קאָנען פערגרעסערן זיין הערשאַפט און דערביי אויך בעקו־
מען די מעגליכקייט אריינצוקומען אין מצרים דורך דער יבשה. ער האָט
דעריבער זיך געאיילט ארויסצוזעצען אויפ׳ן ברעג ים פון לאַנד יהודה
דרייסיג טויזענד מאַן סאָלדאַטען. אין א שבת־טאָג איז עס געקומען צו
א שלאַכט צווישען איהם און דער אידישער ארמעע. די לעצטע האָט גע־
האַט א גרויסע מפלה. טויזענדער אידישע קעמפפער זענען דער׳הרג׳עט
געוואָרען, פיעל זענען געפאַנגען געוואָרען געפאַנגען און דער רעשט איז
זיך צולאָפען. לאַטוראָס איז מיט זיין ארמעע דורכגעגאַנגען א טייל פון
אידישען לאַנד, ראַבעווענדיג און אוים׳הרג׳ענדיג די בעפעלקערונג, נישט
שוינענדיג אפילו קיין פרויען און קינדער. ער האָט געוואָלט נעהמען
נקמה נישט בלויז אן אלעקסאַנדער׳ן, נאָר אן גאַנצען אידישען פאָלק.
דערפאַר, וואָס אידען זענען געווען זיינע געגנער אין מצרים, האַלטענ־
דיג מיט׳ן צד פון זיין מוטער. די דאָזיגע אידישע מפלה האָט געקאָנט
ווידער ברענגען די שענדליכע קנעכטשאַפט איבער׳ן לאַנד יהודה; צום
גליק האָט אָבער קלעאָפּאַטרא אנגענומען מיטלען געגען דער פערשטאָר־
קונג פון איהר זוהן, כדי צו צונעהמען ביי איהם די פרוכטען פון זיינע
נצחונות, נאָך איידער ער האָט זיי געקענט אויסניצען. זי האָט בעוואַ־
פענט א גרויסע ארמעע און געשיקט זי קיין סיריען און ארץ־ישראל. די
אנפיהרער פון דער ארמעע זענען געווען די ברידער חלקיה און חנניה,
די זיהן פון כהן־גדול חוניו, וועלכע האָבען נאָך פריהער געשטיצט קלעאָ־
פּאַטרא׳ן געגען איהר זוהן לאַטוראָס. חלקיה איז געשטאָרבען וועהרענד

דער דאזיגער מלחמה געגען לאטוראס, און זיין ברודער חנניה האט פערנומען זיין ארט אי אין דעם מצרים'ער מלוכה-ראט, אי און דעם מיליטער. די דאזיגע שטעלע פון'ם כהן חנניה איז געווארען זעהר וויכטיג פאר דעם אידישען פאלק און לאנד יהודה, דען איינציגע יועצים פון דער קעניגין קלעאפאטרא האבען איהר אריינגעגעבען דעם געדאנק, אויסצוניצען די איבעריגע שוואכקייט פון'ם לאנד יהודה און איבערנעהמען עס. דעם איינציגען קעניג אלעקסאנדער, האבען זיי איהר געראטען ארויסוואַרפען פון טהראן און איינקערען דאס לאנד יהודה פאר א פראווינץ פון מצרים. געגען דער דאזיגער עצה איז ארויסגעטראטען חנניה, וועלכער האט אנגעוויזען, אז אויב די קעניגין וועט דאס טהון, וועלען אלע אידען אין לאנד מצרים ווערען איהרע געגנער און צושטעהן צו איהר זוהן לאטוראס, וועלכען זיי וועלען אנערקענען פאר א קעניג און געהן פאר איהם מלחמה האלטען. חנניה האט זיך אבער דערביי נישט אבגעשטעלט: ער האט אויך געגעבען דער קעניגין דיפלאמאטיש אנ'אנצוהערעניש, אז אויך ער וועט מיט זיין גאנצער מאכט איבערגעהן צו איהר פיינד, אויב זי וועט פאלגען דעם פערדעטערישען פלאן געגען דעם לאנד יהודה. די קעניגין האט אבער אהן חנניה'ן נישט געקאנט אויסקומען, ווייל ער איז געוועזען זעהר א טאלענטפולער פעלדמארשאל; זי האט דעריבער געפאלגט זיין עצה און געשלאסען א בונד מיט'ן אידישען קעניג אלעקסאנדער-ינאי, צו בעשיצען זיך געגען לאטוראס און קעמפפען געגען איהם (168 פאר'ן חורבן). ווען לאטוראס האט זיך דערוואוסט וועגען דעם נייעם בונד געגען איהם, האט ער פערלאזען דאס לאנד יהודה, ווייל ער האט אין חנניה'ן געזעהען א געפעהרליכען געגנער, געגען וועלכען ער וואלט זיך נישט געקאנט האלטען. אלעקסאנדער ינאי האט דאמאלס נקמה גענומען פון דער פרעמדער בעפעלקערונג פון די שטעדט אויפ'ן ברעג ים, וועלכע האבען געהאלטען מיט לאטוראס. פיעל מלחמות האט ער מיט זיי געפיהרט. פיעל מאל האט ער געהאט מפלות, אבער אויך פיעל נצחונות האט ער אבגעהאלטען. די שטאדט עזה האט ער איינגענומען און געמאכט אונטערטעניג דער מלוכה פון לאנד יהודה.

און די ערשטע ניין יאהר פון זיין רעגירונג איז אלעקסאנדער ינאי געוועזען שטארק פערנומען מיט די מלחמות, דעריבער איז איהם נישט געלעגען אין זינען צו מישען זיך צווישען די פרושים און צדוקים און ארויסזאגען זיך וועגען זייער מחלוקת; ווי עס שיינט, איז ער געוועזען גאנץ נייטראל צו ביידע פארטייען און זייער קאמפף. מעגליך, אז אויך זיין פרוי, די מלכה שלומית-אלעקסאנדרא, האט פיעל מיטגעווירקט דערביי, ווייל זייענדיג א טאכטער פון איינעם פון די אנגעזעהענסטע פרושים, איז זי אויך געוועזען צוגעהענגערין פון דער דאזיגער פארטיי. איהר ברודער, דער תנא שמעון בן שטח, האט, ווי עס שיינט, זיך בעמיהט צו מאכען שלום צווישען ביידע פארטייען, לויט'ן פערלאנג פון קעניג. די הויכע שטעלעס

אין דער מלוכה האבען זיך נאך אלץ געפונען אין די הענד פון די צדוקים אין דער קעניג האט געוואלט איינטיילען די שטעלעס צווישען די פרושים און צדוקים גלייך. פיעל פרושים האבען אבער ניט געוואלט זיצען אין סנהדרין צוזאמען מיט די צדוקים, נאר איין שמעון בן שטח האט די זאך פערשטאנען בעסער פאר זיינע חברים. ער איז אריינגעטראטען אין סנהדרין און פלעגט שטענדיג דארט פערווארפען די צדוקים מיט פערשיעדענע פראגען, צווינגענדיג זיי אזוי ארום איינצוזעהען זייער טעות. שמעון בן שטח האט די צדוקים אזוי פיעל מאל פערשעמט מיט זיינע שאלות און געגענטארט פונ'ם קעניג און דער קעניגין, אז די צדוקים זיינען געוועזען געצוואונגען ביסלעכווייז ארויסצוטרעטען פון סנהדרין, און זייער ארט האבען ווידער פערנומען די פרושים; ענדליך איז געקומען דער טאג, ווען דער סנהדרין איז שוין בעשטאנען בלויז פון פרושים, און דעם טאג, ווען דאס איז פארגעקומען, האט מען בעשטימט צו פייערען יעהרליך אלס א גרויסען יום־טוב. (170 פאר'ן חורבן).

ניט לאנג אבער האט געדויערט די דאזיגע לאגע. ווי נאר אלעקסאנדער ינאי האט זיך בעפרייט פון פיעל אויסערליכע שונאים און אפגעהאלטען אייניגע נצחונות, איינטעהמענדיג פיעל שטעדט און פערגרעסערענדיג די אידישע גרענעץ, איז ער געווארען ביי זיך שטאלצער און האט געהויבען ארויסצוווייזען אנ'אויטאקראטישע טענדענץ. איהם האט זיך פערוואלט ווערען אנ'אומבעגרענצטער הערשער איבער אידען. צי איז עס געוועזען דערפאר, וואס די פרושים האבען זיך געשטעלט גענען זיין דאזיגען פערלאנג, אדער אפשר האט ער זיך גענויטיגט אין דער הילף פון די צדוקים, וועלכע האבען איהם געהאלפען אין זיינע מלחמות, מעגליך אפשר גאר, אז זיין פריינד, דער צדוקי דיאגענעס, האט איהם גערעטען, ווי אזוי צו בעגעהן זיך מיט די פרושים—קורץ, אלעקסאנדער איז פלוצלינג ארויסגעטראטען, אלס שארפער געגנער פון די פרושים און זייער תורה און האט עס ארויסגעוויזען אויף א זעהר אונגעלונגענעם אופן. איינמאל, ווען ער האט אום סכות ערפילט די עבודה אין בית־המקדש, אלס כהן־גדול, האט ער געדארפט, לויט ווי דער דין איז, גיסען וואסער אויפ'ן מזבח פון א זילבערנער כלי, אלס סימבאל פון דער פרוכטבארקייט. אבער דא האט ער פלוצלינג געמאכט א דעמאנסטראציע געגען די פרושים און אויסגעגאסען דאס וואסער אויף דער ערד, כדי צו דערוויזען דערמיט, אז עס איז ניט ריכטיג, וואס די פרושים זאגען, אז דאס וואסער גיסען איז א דין פון דער תורה, נאר זיי, די פרושים, האבען די זאך אליין אויסגעטראכט. די דאזיגע מהאט האט שטארק דערוועקט געגען דעם קעניג דאס גאנצע פאלק, וואס איז בשעת מעשה געוועזען פערזאמעלט אין דער עזרה: מען האט איהם פערווארפען מיט די אתרוגים, וואס מען האט אין די הענד געהאלטען, געדופען איהם „כופר"—דאס הייסט, אפיקורס און דערביי האט מען איהם בעזידעלט, אז ער שטאמט פון א שבויה — פון א פרוי, וואס איז געוועזען

געפאנגען ביי די סיריער אין מודיעין, און איז דעריבער פסול פאר דער כהונה גדולה. די אויפרעגונג געגען דעם קעניג איז געוועזען אזוי גרויס, דאס עס וואלט, מעגליך, געקומען צו א קעניג-מארד, ווען עס וואלט נישט ארויסגעטראטען די קעניגליכע לייב-וואך, וואס איז בעשטאנען פון די געדונגענע סאלדאטען פון פיזידיה און קיליקיה; די דאזיגע סאלדאטען האבען זיך א ווארף געטהון אויפ'ן פאלק מיט בלויזע שווערדען. לערך זעקס טויזענד אידען זענען דאמאלס געפאלען טויט אין דער עזרה. אזא בלוט-פערגיסונג אין בית-המקדש איז נאך ביז דער צייט קיינמאל נישט פארגעקומען. כדי אויסצומיידען און פערהיטען פון אזעלכע קאטאסטראפען אין דער צוקונפט, האט אלעקסאנדער ינאי געלאזט אויסבויען א וואנד אין דער עזרה, און נישט צו דערלאזען דעם פאלק אין דער אבטיילונג, וואו עס געפינט זיך דער מזבח און די כהנים האלטען די עבודה. די דאזיגע געשעהענישען האבען אבער געוואלדיג פערגרעסערט דעם האס צווישען די פרושים און דעם קעניג. עס האט זיך איצט איבערגעחזר'ט די שפאלטונג, וועלכע איז פארגעקומען ביי אידען אין די צייטען פון רחבעם און ירבעם. דאס לאנד יהודה האט זיך צוטיילט אויף צוויי גרויסע פארטייען—אויף די צדוקים און די פרושים, וועלכע האבען געקעמפפט איינע געגען די אנדערע מיט גרויסער פערביטערונג.

אלעקסאנדער ינאי האט זיך אבער ווייניג געקימערט וועגען די אינערליכע מחלוקת, ער האט זיך ארומגעטראגען מיט זיינע גרויסע פלענער איינצונעהמען פיעל לענדער, כדי צו פערגרעסערן דאס אידישע לאנד. ער האט זיך געווענדעט צו די לענדער פון יענער זייט ירדן, וועלכע האבען נאך ביז איצט געטראגען דעם נאמען מואב, און צום גולן, אין דרום-מזרח-זייט פון ים טבריה. אבער וועהרענד ער האט געוואלט ווייטער ארייננדרינגען אין לאנד מואב, איז איהם ארויסגעקומען אנטקעגען דער אראבישער קעניג עובידה (Obeda) פון שבט נביות מיט א גרויסער ארמעע און האט איהם פערפיהרט אין א וויסטע, וואו עס זענען נישטא קיין וועגען, צווישען בערג און שטיינער, און זיין גאנצע ארמעע איז דארט אומגעקומען. ער אליין האט קוים בעוויזען נאקעט ארויסצוראטעווען זיין לעבען און אנטלויפען קיין ירושלים. דארט אבער האט איהם ערווארטעט דער גרויסער צארן פון די פרושים, וועלכע האבען געגען איהם צובונטעוועט דאס גאנצע פאלק. זעקס יאהר נאכאנאנד (158—164 פאר'ן חורבן) האבען געדויערט די אויפשטאנדען געגען איהם און די אינערליכע מלחמות. יעדען אויפשטאנד האט אלעקסאנדער אונטערדריקט מיט דער הילף פון געדונגענעם מיליטער, אבער די רציחות, וועלכע פלעגען דערביי פארקומען, האבען נאך שטארקער אויפגערעגט געגען איהם די פרושים. לסוף איז אלעקסאנדער אזוי מיעד געווארען פון די דאזיגע שטענדיגע מלחמות מיט א גרויסען טייל פון אידישען פאלק, אז ער האט אליין פארגעלעגט די פרושים צו מאכען מיט זיי שלום. איצט

אבער האבען שוין די פרושים נישט געוואלט הערען וועגען שלום. אויף אלעקסאנדער'ס פראגע, וואס פאר א בעדינגונגען זיי וועלען ארויסשטע־לען אויף שלום צו מאכען, האבען די אנפיהרער פון די פרושים איהם געלאזט זאגען, אז די ערשטע בעדינגונג איז — זיין טויט. די פרושים האבען שוין אויך אפילו געפיהרט אין געהיים אונטערהאנדלונגען מיט'ן דא־מאלסדיגען סירישען קעניג, דעמעטריאס, אויקעראס (Demet= rios Eukaros) וועגען א פעררעטערישען פלאן, אז ער זאל ארייננפיהרען מיליטער אין לאנד יהודה. ווען אלעקסאנדער האט זיך דער־וואוסט, אז אויקעראס קומט ארײן אין לאנד יהודה מיט א גרויסער אר־מעע פון פוסגעהער און רייטער, איז ער איהם ארויסגעטראטען ענטקעגען און בעגעגענט, נעבען שכם. דארט, אי'ם לאנד פון די שומרונים איז עס געקומען צו א בלוטיגער מלחמה, און עס האבען דארט געקעמפפט אידען געגען אידען, און גריכען געגען גריכען, ווייל אין ביידע ארמעען האבען זיך געפונען סאלדאטען פון ביידע נאציעס און זיי האבען געוואלט בלייבען געטריי זייערע אנפיהרער. די בלוטיגע מלחמה האט זיך געענדיגט מ.ט א נצחון פאר'ן סירישען קעניג. אלעקסאנדער האט פערלארען זיין גאנצע געדונגענע ארמעע און געמוזט אנטלויפען, פיהרענדיג א וואנדער־לעבען אין די בערג אפרים.

זיין טרויעריגע מפלה האט ווידער דערוועקט פאר איהם דעם רחמנות פונ'ם פאלק. זעקס טויזענד סאלדאטען פון די פרושים, וועלכע זענען גע־ווען זיינע געגנער, האבען פערלאזען די סירישע ארמעע און איבערגע־גאנגען צו אלעקסאנדער ינאי, און דער סירישער קעניג איז געוועזן גע־צוואונגען ארויסצוגעהן צוריק פון לאנד יהודה. די פרושים, וועלכע הא־בען אבער פריהער געקעמפפט געגען אלעקסאנדער ינאי, האבען ווייטער געפיהרט דעם קאמפף געגען איהם, און ווען אלעקסאנדער האט זיי מנצח געווען אין א מלחמה, האבען זיי זיך פערשלאסען אין דער פעסטונג עיטם (Betnome). אלעקסאנדער האט זיי אבער געצוואונגען די פעסטונג אבצוגעבען איהם. דורכגעדרונגען פון געפיהל פון נקמה, אדער אויך אנ־גערעדט דערצו פון זיין פריינד, דעם צדוקי דיאגענעס, האט אלעקסאנדער געלאזט אויסהענגען אויף א קרייץ אכט הונדערט פרושים אין איין טאג. שפעטער האט מען אפילו דערצעהלט גוזמאות וועגען זיין רציחה, אז ער זאל האבען אויסגעשאכטען די פרויען און קינדער פון די פרושים פאר זייערע אויגען פאר זייער טויט, וועהרענד ער אליין איז געזעסען מיט שאנד־פרויען ביי א מאהלצייט און אבגעשפאט פון זיי. דאס קרייציגען אכט הונדערט מאן האט געבראכט די צדוקים זעהר ביטערע פרוכטען. פופציג טויזענד אידען זענען אומגעקומען פון ביידע פארטייען אינ'ם משך פונ'ם זעקס־יעהריגען קאמפף. אמשווערסטען האבען געליטען די פרושים. אין יענער שרעקליכער נאכט, ווען מען האט די אכט הונדערט

מאן אויסגע׳הרג׳עט, זענען העכער אכט טויזענד פרושים ענטלאפען, טיילוועז קיין מצרים, טיילוועז קיין סיריען.

נישט אכטענדיג אויף די אלע מפלות, וועלכע אלעקסאנדער האט געהאט, איז איהם דאך געלונגען צו פערגרעסערען דאס לאנד יהודה דורך פיעל שטעדט און לענדער אויף דער זייט פון ירדן, פון ראפיא און דרום־קאנט ביז צום בארג כרמל אין צפון, און אויף יענער זייט ירדן פון סעלעאוקא אין עק צפון, ביז דער שטאדט פון די טייטעל־בוימער, צוער, אין דרום־מזרח פון ים המלח. כדי צו קאנען פערטיידיגען די איינגענומענע שטעדט, האט ער אויסגעבויט גרויסע פעסטונגען אויף די אידישע גרעניצען. נישט וויים פון ירדן האט ער אויסגעבויט די פעסטונג אלעקסאנדריאן אויפ׳ן הויכען בארג סארטאבא (סרטבא), אין זעהר א פרוכטבארער געגענד, וואו עס האבען געבליהט זעהר פיעל ווין־גערטנער, און אין מזרח־זייט פון ים המלח האט ער אויסגעבויט די שטארקע פעסטונג מאכערוס (די פעסטונג פון די בערג מכור), אין א הויכער, גינסטיגער לאגע, אויף א שפיץ בארג, וואס איז פון אלע זייטען ארומגערינגעלט מיט טיעפע גראבענס. די דאזיגע צוויי בארג־פעסטונגען, צוזאמען מיט דער דריטער „הירקאניאן“, וועלכע זיין פאטער האט אויסגעבויט, זענען גערעכענט געווארען פאר אונמעגליכע איינצונעהמען און מען האט זיי גערופען „טור־מלכא“.

צוליעב דעם, וואס אלעקסאנדער־ינאי האט געקעניגט אויך איבער שטעדט מיט א גריכישער בעפעלקערונג, האט ער דער ערשטער צווישען אידישע מלכים ארויסגעגעבען מטבעות, וועלכע האבען אויף איין זייט געהאט א גריכישע אויפשריפט, און אויף דער אנדערער—א העברעאישע. ביידע אויפשריפטען בעצייכענען איהם אלס קעניג. אלס סימבאל געפינען זיך אויף די מטבעות די פיגורען: א הארן מיט אל־דאס־גוטס און אנ׳אנקער, אלס צייכען, אז אלעקסאנדער געוועלטיגט אויך איבער פיעל שטעדט אויפ׳ן ים. אויף די פריהערדיגע מטבעות פון אלעקסאנדער ינאי ווערט ער נאר בעצייכענט אלס „כהן־גדול און פערוואלטער פון דער אידישער מדינה“, און די אויפשריפט איז געווען נאר אין העברעאיש.

נאך דריי־יעהריגע מלחמות אויף יענער זייט ירדן איז אלעקסאנדער ינאי געקומען צוריק קיין ירושלים און בעגריסט געווארען אלס מנצח, ווייל דאס פאלק איז גרייט געוועזן צו פערגעסען זיינע פריהערדיגע אכזריות׳דיגע מעשים, צוליעב דעם, וואס ער האט שטארק פערגרעסערט און בעפעסטיגט דאס אידישע לאנד. אלעקסאנדער ינאי האט נאך אבער אלץ נישט געוואלט פערגינען זיך קיין רוה. אפילו שוין גאר אין די לעצטע יאהרען פון זיין רעגיערונג, ווען ער האט שטארק געליטען פון א שווערען פיעבער (קדחת רביעית) האט ער אונטערגענומען א מלחמה געגען די פעסטונגען אויף יענער זייט ירדן, וועלכע ער האט נישט בעוויזען איינצונעה־

מען פריהער, און ווען ער האט בעלאגערט די פעסטונג ארגוב, איז ער אזוי קראנק געווארען, דאס ער האט אנגעהויבען זיך צוצוגרייטען צום טויט. אין דער ערנסטער שעה פאר'ן טויט האט ער איינגעזעהען, אז ער האט אבגעטהון זעהר פיעל שלעכטע מעשים. עס האט איהם, מעגליך, געשווידערט פאר'ן געדאנק, אז ער האט פערגאסען אונשולדיג בלוט און האט בכלל זיך בעגאנגען זעהר נישט קלוג און נישט פאליטיש. רודפ'ענדיג די פארטיי פון די פרושים, דען דאדורך איז איהם דאס פאלק געווארען א פיינד. ער האט דעריבער בעפוילען זיין פרוי, דער קעניגין, וועלכע ער האט בעשטימט פאר א רעגענטין, כל־זמן זיינע קינדער וועלען נאך יונג זיין, צו האלטען נאר מיט די פרושים און פאלגען זיי, בכלל נישט צו טהון קיין זאך אהן זייער עצה. ער האט אויך אנגעזאגט, אז מ'זאל דעם מיליטער אזוי לאנג נישט ענטדעקען וועגען זיין טויט, ביז מען וועט איינעהמען די בעלאגערטע פעסטונג, ווייל ער האט מורא געהאט, אז די ידיעה וועגען זיין טויט וועט אבשוואכען די קעמפפער; ערשט, ווען די פעסטונג וועט איינגענומען ווערען, זאל מען איבערגעבען זיין טויטען קערפער צו די פרושים און לאזען זיי טהון, ווי זיי וועלען געפינען פאר גוט: צו נעהמען נקמה אן איהם און מבזה זיין איהם, אדער זיי וועלען זיך ארויסווייזען גרויסמוטיג און ברענגען איהם צו קבר־ישראל. ווען ער האט דערזעהן, ווי טרויעריג די קעניגין איז, צוליעב דעם שרעקליכען פארטיי־קאמפף, האט ער זי בערוהיגט, ווי מען זאגט, מיט פאלגענדע ווערטער: „זאלסט נישט מורא האבען נישט פאר די פרושים, נישט פאר די נישט־פרושים, נאר פאר די צבועים, וועלכע פערשטעלען זיך פאר פרושים, און אבטהוענדיג שענדליכע מעשים, ווי זמרי, פערלאנגען זיי געצאהלט, ווי פנחס“

געשטארבען איז אלעקסאנדער ינאי פופציג יאהר אלט, נאכדעם, ווי ער האט געקעניגט זיעבען און צוואנציג יאהר. פאר די פרושים איז דער טאג פון זיין טויט געווען א טאג פון שמחה. דורך זיינע שרעקליכע מעשים האט ער דערוועקט דעם צארן פון די פרושים נישט בלויז געגען זיך, גאר בכלל געגען דעם הויז פון די חשמונאים, און פון דאמאלס אן האט מען אויפגעהערט צו שרייבען אין די דאקומענטען, ביי דער דאטע לויט די יאהרען פון דער רעגירונג פונ'ם נשיא און דעם כהן — די ווערטער „לאל עליון“, צום העכסטען גאט, ווייל מען האט דערמיט געוואלט אנווייזען, אז דער כהן־גדול פון חשמונאישען הויז איז נישט ווערט אזא הויכען טיטול. נאך זיין טויט איז ארויפגעשטיגען אויף'ן אידישען טהראן זיין פרוי, די קעניגין שלומית־אלעקסאנדרא (פון 149 ביז 140 פאר'ן חורבן).

דאס איז געווען א גליק פאר דער אידישער נאציאן, וואס א פרוי מיט א מילדען חאראקטער און אמת'ער פרומקייט האט אין אזא שווערער צייט פערנומען דעם טהראן, נאכדעם ווי זיינע פונדאמענטען זענען

ערשיטערט זווארען. מיט איהר גוטסקייט האט שלומית געווירקט, ווי א היילענדער באלזאם אויף א קראנקע וואונד. וועהרענד איהר רעגירונג, האט זיך געשטילט דער האס און די בלוטיגע שנאה צווישען ביידע פארטייען, יעון די מלוכה האט זיך געקאנט דערהויבען איבער די ענגע פארטיי־אינטערעסען צו אלגעמיינע נאציאנאלע אינטערעסען. חאטש די קעניגין שלומית, אדער אלעקסאנדרא, איז געווען שטארק ערגעבען די פרושים, איז זי דאך פונדעסטוועגען געווען גאנץ ווייט פונ׳ם געדאנק צו פערפאלגען די צדוקים. איבערגעבענדיג כמעט אלע הויכע שטעלען צו די פרושים, האט זי פונדעסטוועגען אויך פערטיידיגט שטארק די צדוקים פון יעדען אנפאל אויף זיי, אדער פון יעדער מעגליכער נקמה־נעהמען פון זייער מצד די פרושים. פון אויסענוועניג האט זי געקאנט זיין גאר רוהיג און זיכער, דען די מלכים פון די ארומיגע פעלקער האבען זי אזוי שטארק געעהרט, אז קיינער האט נישט געוואגט אנצופאלען אויף איהר מלוכה; מיט איהר חכמה האט זי אויך פערשטאנען צו האל־טען ווייט פון לאנד יהודה א שטארקען מנצח, וועלכער האט אין יענער צייט איינגענומען סיריען און געשטרעבט צו פערגרעסערען זיין מאכט דורכ׳ן איינגעהמען פרעמדע פעלקער. אפילו גאט האט אויך געשיקט זיין ברכה דעם לאנד יהודה אין דער צייט פון איהר רעגירונג, דען די גאנצע ניין יאהר איז אין לאנד יהודה געווען א גרוים געראטעניש, עס זענען געגאנגען אין דער צייט גרויסע רעגענס, און די קערנער זענען אויסגעוואקסען אזוי גרויס, ווי די קערנער פון איילבירטען, און ארבעס— ווי גאלדענע מטבעות, און מען האט זיי בעהאלטען פאר א וואונדער, צו ווייזען פאר די קומענדיגע דורות. אויך זי האט ארויסגעגעבען מטבעות פון דער זעלביגער פארם, ווי די פריהערדיגע מלכים, און מיט דער גריכישער אויפשריפט: די קעניגין אלעקסאנדרא. אין איהרע צייטען האט מען אויך אנגעהויבען נוצען אין ארץ־ישראל טייערע גלעזערנע כלים.

פאר א כהן־גדול האט שלומית בעשטימט איהר זוהן הורקנוס, א מענש מיט א זעהר מילדען און פרומען כאראקטער, אבער אויך זעהר א שוואכען, וועלכער האט זיך גאנץ ווייניג פערשטאנען אויף דער פא־ליטיק; אזוי ארום איז דאמאלס די מלוכה און די כהונה־גדולה געווען אין צוויי בעזונדערע הענד. צוליעב דעם, וואס שלומית איז געווען אינ־גאנצען איבערגעבען דער פארטיי פון די פרושים און זייער מנהיג, שמעון בן שטח, איז געווען איהר ברודער, וועלכען זי האט אויך בע־שטימט פאר א פארזיצענדען אי׳ סנהדרין, האט זי אונטער זיין איינ־פלוס בעפרייט פון תפיסה אלע פרושים, און אויך די פערטריבענע פרושים האבען געקאנט קומען צוריק קיין ארץ־ישראל פון די פרעמדע לענדער. דער איינפלוס פון שמעון בן שטח איז געווען אזוי שטארק אין יענער צייט, אז מען פלעגט איהם דערמאהנען, פונקט ווי די קעניגין,

צו בעצייכענען זיין שפּאַכע; מען פלעגט, קשל, זאגען: „אין די טעג פון שמעון בן שטח און דער קעניגין שלומית“. די צדוקים האבען אבגעטראטען זייער אָרט אין סנהדרין מיט'ן גוטען ווילען, אָדער זייענדיג דערצו געצוואונגען, און דער נשיא פון סנהדרין איז איצט געווען שמעון בן שטח, אנשטאט דעם, וואס פריהער איז עס געווען דער כהן־גדול.

לויט דער עצה פון שמעון בן שטח, האט מען געבראכט צוריק אין ירושלים פיעל אנגעזעהענע פרושים. צווישען זיי איז אויך געווען דער תנא יהודה בן טבאי, וועלכער איז ענטלאפען קיין אלעקסאנדריען (מצרים), וועהרענד די רדיפות פון אלעקסאנדער־ינאי. די אלעקסאנדרינישע אידישע קהלה האט איהם אבער איצט נישט געוואלט אבלאזען צוריק קיין ירושלים; דעריבער האט שמעון בן שטח אנגעשריבען א פריינדליכען בריעף צו דער אידישער קהלה אין אלעקסאנדריען אין אזא טאן, אזוי ווי די ירושלים'ער אלמנה בעשווערט איהר שוועסטער איהר אבצוגעבען צוריק איהר מאן: „פון מיר, ירושלים, דער הייליגער שטאדט, צו דיר, אלעקסאנדריען, מיין שוועסטער! מיין מאן געפינט זיך ביי דיר און איך זיץ, ווי א וויסטע אלמנה“. ווען יהודה בן טבאי איז צוריקגעקומען קיין ירושלים, איז ער בעשטימט געווארען פאר א נשיא פון סנהדרין און האט געארבייט צוזאמען מיט שמעון בן שטח. זייער טעטיגקייט האבען זיי בעזונדערס אנגעווענדעט אויף צו פערניכטען אלע שפורען, וועלכע עס האבען איבערגעלאזען אין דער אידישער רעגירונג די צדוקים. דעם קרימינעלען קאדעקס (Strafgesetzbuch) וועלכען די צדוקים האבען איינגעפיהרט, האט מען מבטל געמאכט, און אנשטאט דעם, האט מען ווידער איינגעפיהרט די דינים פון דער תורה שבעל־פה, לויט ווי מען האט זיי געהאט בקבלה פון די פריהערדיגע דורות. דאס פאלק האט זיך איבער דעם געוויס נישט געקלאגט, ווייל די געזעצען פון די צדוקים זענען געווען זעהר שטרענגע, אהן קיין שום שפור פון רחמנות און גנאד, ווי עס איז שוין טיילווייז דערמאהנט געווארען פריהער. די טעג, ווען מען האט מבטל געמאכט די געזעצען פון די צדוקים, האט מען בעשטימט פאר ליכטע פייער־טעג (...b. feiertage). בכלל האט „דאס פאר“, די תנאים שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי, צוריק בענייט די תורה, לויט'ן דרך פון די פרושים.

די פראצעדור פון א קרימינעלען פראצעס האט מען איינגעארדענט אזוי, אז מען האט די עדות אנגעהויבען אויסצופרעגען נישט בלויז וועגען דעם ארט און דער צייט, וואס דער בעשולדיגטער האט דאס פערברעכען בעגאנגען, נאר אויך וועגען אלע זייטיגע אומשטענדען, כדי די ריכטער זאלען בעקומען א גענוי בילד פון דעם פערברעכען און קאנען די זאך בעאורטיילען ריכטיגער, אדער אויך צו חאפען די עדות ביי א ווידערשפרוך, אויב זיי זענען פאלשע. דאס דאזיגע געזעץ איז איינגעפיהרט געווארען, ווי עס שיינט, צוליעב דעם, וואס אין יענער

צייט פון שטארקען פארטיי־קאמפף פלעגען אפט פארקומען פראצעסען, אין וועלכע מענשען פון איין פארטיי פלעגען בעשולדיגען די מענשען פון אן'אנדער פארטיי אין מיסמיטעגם אונגערעכט דורך פאלשע עדות. דעריבער האט שמעון בן שטח געפינען פאר נויטיג צו זיין זעהר פארזיכטיג ביי'ם אויספרעגען די עדות, כדי עס זאל ניט אויסקומען צו בעשטראפען אונשולדיג א מענשען.

שמעון בן שטח האט דעריבער שטרענג בעפוילען די ריכטער, אז אינ'ם אויספרעגען די עדות זאלען זיי ארומפרעגען דעם ענין אלזייטיג און, שטעלענדיג די שאלות, זאל מען זיין זעהר פארזיכטיג, כדי דער אנקלאגער זאל אין זיי ניט געפינען קיין אנווייזונג, ווי אזוי זיינע שקרים ווייטער צו שפינען, אדער זיי צו פארדעקען. כדי צו דער ווייזען און ערקלערען בולדליך, ווי נויטיג עס איז גענוי אויסצופרעגען די עדות, האט אנ'אונבעוואוסטער זאמלער, ווי עס שיינט, אין העברעאיש, געדיכטעט אין יענער צייט די שעהנע ערצעהלונג „שושנה". איהר אינהאלט איז פאלגענדער: צוויי זינדיגע מאנסבילען האבען געווארפען אנ'אויג אויף דער שענער און פרומער שושנה, די פרוי פונ'ם אנגעזעהענעם אידען יהויקים. וויל אבער שושנה האט זיי מיט אבשוי אבגעטריבען פון זיך, האבען זיי אן איהר געוואלט נעהמען נקמה און זענען ארויסגעטראטען פאר'ן סנהדרין אלס עדות, אז זיי האבען געזעהען, ווי זי האט זיך אומגעארעמט מיט א יונגען מאן אין א גארטען און איז געווארען אונגעטריי איהר מאן. דאס געריכט און דאס פאלק האבען איהר שוין געדארפט פערארורטיילען צום טויט, אבער פלוצלונג איז ארויסגעטראטען דער קלוגער דניאל און האט אנגעהויבען שטעלען די עדות פערשידענע פראגען; ער האט אויך געפאדערט, אז זיי זאלען בעווייזען, אונטער וועלכען בוים שושנה האט די שענדליכע טהאט בעגאנגען. און אט דא האט זיך ארויסגעוויזען די פאלשקייט פון די עדות, וויל יעדער האט אנגעוויזען אויף אנ'אנדער בוים. דאס פאלק האט דערקענט די פאלשקייט פון די עדות און מען האט זיי בעשטראפט מיט דער זעלביגער שטראף, וואס מען האט געוואלט בעשטראפען די אונשולדיגע פרומע שושנה. — אין יענער צייט פלעגען אויך פארקומען זעהר אפט גטין, וייל די צדוקים האבען זיך געהאלטען שטרענג ביי'ם פסוק פון דער תורה און האבען דעריבער זעהר לייכט געמאכט דאס שיידען זיך פון דער ווייב. ווי נאר עמיצען איז דאס ווייב פאר עפעס וואס ניט געפעלען געווארען, פלעגט ער אנשרייבען דעם גט און זיך שיידען פון איהר. דאס האט אבער געבראכט דערצו, אז דאס פאמיליען לעבען איז זעהר אבגעשוואכט געווארען און דער גורל פון דער אידישער פרוי איז געווארען זעהר א טרויעריגער. פיעל פרויען האבען זיך אפילו גאר אבגעזאגט חתונה צו האבען, וויסענדיג, אז דער מאן קאן אלע ווייל פערניכטען די קדושין און דערביי אפילו ניט בעצאהלען

קיין קנס. כדי צו מאַכען אַ סוף מיט דער אוננאָרמאַלער לאַגע פון דער פרוי, האָבען ביידע נשיאים פונ'ם הויכען בית־דין, די תנאים שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי אַרויסגעגעבען אַ תקנה, צו פערשטאַרקען און פערזיכערען די התחייבות פון דער כתובה. ווי די פרושים האָבען ערקלערט, איז ביי אידען נאָך פון אַלטע צייטען געווען אַ תקנה, אַז דער, וועלכער עס שיקט אַ גט זיין פרוי, מוז איהר בעצאָהלען די כתובה — אויב ער האָט איהר גענומען מיידעלוויז — 200 גילדען, אויב אַלס אַן אַלמנה — 100 גילדען. דאָס געלד פלעגט אָבער זעלטען אויסגעצאָהלט ווערען, און אָט האָט שמעון בן שטח מתקן געווען, אַז דאָס כתובה־געלד קאָן מען איינמאָהנען פונ'ם מאַנ'ס גיטער, אפילו אויך נאָך זיין טויט. דאָס פאָלקאָמע רעכט פון דער פרוי צו מאָהנען באַלד איהר כתובה האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז אין פיעל פאַלען איז פון גט גאָרנישט געוואָרען, וויל אידער דער מאַן האָט בעוויזען דאָס געלד צו בעקומען, האָט ער איינגעזעהען, אַז ער איז אומזיסט בייז געווען אויף זיין פרוי, זיין כעס איז איהם אָבגעגאַנגען, און ער האָט שוין אַליין חרטה געהאַט פון זיין בעשלוס צו שיידען זיך מיט זיין ווייב.

אַ צווייטע תקנה פון שמעון בן שטח האָט זיך בעצויגען אויף דער קינדער־ערציהונג. אין ירושלים זענען אפילו פריהער אויך געווען שולען, צו לערנען דאָרט תורה, אָבער דאָרט פלעגען לערנען נאָר דער וואַקסענע יונגע לייט און אויך נישט אַלע זענען געווען אימשטאַנד צו בעצאָהלען דעם שכר־למוד. איצט האָט דער בעגייטער הויכער בית־דין אַרויסגעגעבען אַ נייע תקנה, אַז מען זאָל אין אַלע גרעסערע שטעדט איינאָרדנען העכערע שולען פאַר דערוואַקסענע תלמידים פון זעכצעהן יאָהר און ווייטער. געלערנט האָט מען אין די דאָזיגע שולען דעם תנ"ך און די תורה פון די פרושים. אויב די פרושים האָבען אין דער הינזיכט געאַרבייט פאַר די קומענדיגע דורות, זאָרגענדיג, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך ענג צוזאַמענוואַקסען מיט זיין תורה, האָבען זיי אָבער אויך נישט פערגעסען זייער איינענע צייט, ווען דאָס יודענטום האָט געהאַט אויסצושטעהן אַזוי פיעל שווערע נסיונות. זיי האָבען זיך דעריבער בעמיהט אויך אויף זייער צייט אַרויפצולעגען זייער שטעמפעל. אַלע יענע אויסוועניגע געזעצען, וועלכע זענען פערגעסען געוואָרען דורכ'ן פאָלק פון דער צייט אָן, ווען הורקנוס האָט זיך צוקריעגט מיט די פרושים, און איז אַריבערגעגאַנגען צו די צדוקים, האָט מען איצט געדאַרפט צוריק אָבפרישען אין זכרון פון פאָלק און איינפיהרען פון דאָס־ניי. די מנהיגים פון די פרושים האָבען געזאָרגט דערפאַר, אַז יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ מחלוקת וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף אַ געוויסען דין אָנווענדען, פלעגען זיי איהם בכיון איינפיהרען אויף אַן'עכט־דער מאָנסטראַטיווען שטייגער. אין געגענזאַץ צו יענע טעג, אין וועלכע מ'האָט אונטער דער הערשאַפט פון די צדוקים, געטראָטען מיט די פיס די דינים

פון די פרושים, האט מען איצט בכיון מקיים געווען די דאזיגע דינים מיט גרויס פאראד. אזוי, למשל, האט מען אנשטאט דעם, וואס אלעקסאנדער ינאי האט מבזה געווען דעם דין פון גיסען וואסער אויפ'ן מזבח, איינגעפיהרט איצט, צו פייערען די שמחת־בית־השואבה מיט א וואונדערליכען פאראד און פייערליכקייט, און א שפעטערדיגער שריפטשטעלער האט זיך געקאנט אזוי אויסדריקען: „ווער עס האט נישט געזעהען קיין „שמחת בית השואבה", יענער האט קיין שמחת אין זיין לעבען נישט געזעהען". און די נעכט פון דער דאזיגער פייערליכקייט איז דער הר־הבית געווען אזוי העל בעלויכטען, אז די גאנצע שטאדט האט אויסגעזעהען, ווי א ים פייער, און די נאכט איז געווען אזוי ליכטיג, ווי דער טאג. דאס גאנצע פאלק האט זיך פערקליבען צום בית־המקדש, כדי צו זעהן און טיילצונעהמען אינ'ם וואונדערליכען שוישפיעל. און דער ליפט האבען געקלונגען פרעהליכע ליעדער, מען האט געטאנצט און געווארפען אין דער לופטען ברענענדיגע פאקעלען; די לויים האבען אויסגעקליבען בעזונדערע תהלים־געזאנגען, וועלכע מען האט געזונגען אין דער בעגלייטונג פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען, זיצענדיג אויף די פופצעהן טרעפ, וועלכע האבען געפיהרט פון דער פרויען־אבטיילונג (עזרת־נשים) צו דער העכערער אבטיילונג פון די ישראלים. די פופצעהן „שירי המעלות" האבען מעהרסטענס דערמאהנט אן דער צייט, וועלכע דאס אידישע פאלק האט איבערגעלעבט נאכ'ן גלות בבל. נאך די שירי המעלות פלעגען די לויים זינגען אין חאר, ווענדענדיג זיך צום אנגעזעגנען פאלק מיט פאלגענדע ווערטער:

„טא לויבט זשע דאך צו גאט,
„איהר אלע זיינע קנעכט,
„איהר אלע, וועלכע שטעהט
„אין גאטעס־הויז די נעכט".

און דערויף פלעגט די גאנצע געמיינדע ענטפערען:

זינגט צו גאט און לויבט זיין נאמען,
יעקב האט ער זיך ערוועהלט
און ישראל צו דערמאהנען
זיך די נחלה איינגעטיילט.

און לסוף:

אין אונזער שפלות האט ער אונז דערמאהנט,
און פריי געמאכט פון אונזערע פיינד,
דען איביג דויערט זיין גנאד.

די דאזיגע שמחה פלעגט דויערן א גאנצע נאכט און ערשט מיט'ן בעגינען פלעגען די כהנים געבען א צייכען מיט די שופרות, אז מען דארף געהן שעפען וואסער אין פרייד, און דאן פלעגען זיך אלע לאזען געהן מיט גרויס פאראד צום קוואל שלוח, וואו מען פלעגט דאס וואסער

שעפּען מיט גאָלדענע כלים און ברענגען עס צוריק אין בית־המקדש צו גיסען אויפ'ן מזבח. אזוי פלעגט מען פייערן דאָס גיסען וואַסער זעקס טעג נאָכאַנאַנד.

אַן עהנליכער פאָלקס־יום־טוב פלעגט פאָרקומען דעם פופצעהנטען אב, ווען מען פלעגט רופען „דער יום־טוב פון האָלץ־קרבן", ווען מען פלעגט ברענגען מתנות — האָלץ פאַר'ן מזבח. די דאָזיגע מתנות זענען געווען זעהר וויכטיג פאַר'ן בית־המקדש, ווייל אין ארץ־ישראל איז האָלץ געווען זעהר ווייניג. אינ'ם דאָזיגען טאָג פלעגען די אידישע יונגע מעדלעך אײַנאָרדנען טענץ אין די וויינגערטנער, אויף וועלכע זיי פלעגען קומען אָנגעטהון אלע גלייך אין ווייסע קליידער. ביי די טענץ פלעגען זיי זינגען העברעאישע שירים. די אַנוועזענדע מאַנסבילען פלעגען זיך ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אויסקלייבען אַ פרוי. עס איז קיין ספק נישט, אַז אויך דעם יום־טוב האָט מען אײַנגעאָרדענט אלס אַ דע־מאָנסטראַציע געגען די צדוקים, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אַנער־קענען די מצוה פונ'ם האָלץ־קרבן, באשר ער ווערט נישט דערמאָהנט בפירוש אין דער תורת.

די איצטיגע שטימונג, וועלכע איז געווען זעהר גינסטיג פאַר די פרושים, האָט אויסגענוצט דער הויכער בית־דין מיט זיינע נשיאים שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי ארויסצוגעבען אַ תקנה, וועלכע האָט געקאָנט וועקען דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל אין יענער צייט, מעהר פאַר אלע אנדערע מיטלען, און אויך ווירקען שטאַרק געגען די צדוקים. די צדוקים האָבען, נעמליך, גע'טענ'עט, אַז אלע קרבנות אין בית־המקדש, ווי אויך דער טעגליכער קרבן־תמיד, דאַרפען נישט געקויפט ווערען אויף חשבון פון דער מלוכה, נאָר דער „פּריוואַטער מענש ברענגט אַ נדבה דערויף". אין דער רעגירונג פון שלומית־אַלעקסאַנדראַ אָבער האָט דער הויכער בית־דין בעשלאָסען, אַז יעדער איד, וואָס איז עלטער פון צוואַנ־ציג יאָהר, ווי אויך אַ גר און אַ בעפרייטער קנעכט, מוז געבען איינמאָל אין יאָהר אַ האַלבען שקל אויף אויסצוהאַלטען דעם בית־המקדש. די דאָזיגע אָבצאָהלונג האָט דאָס פאָלק געגעבען מיט'ן גוטען ווילען, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דאָס געלד געהט אויף צו קויפען קרבנות אין בית־המקדש. די אויסלענדישע אידען פלעגען אפילו געבען נאָך גרעסערע נדבות דערויף. צום זאַמלען די האַלבע שקלים זענען געווען בעשטימט דריי צייטען אין יאָהר: פאַר'ן לאַנד יהודה פלעגט מען די זאַמלונג אָנהויבען אין פריהלינג. ראש חודש אדר פלעגט מען לאָזען אויסרופען אין אלע שטעדט אין לאַנד יהודה, אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען מען דאַרף ברענגען דעם האַלבען שקל פאַר'ן בית־המקדש, און דעם 15־טען אדר פלעגט זיך די זאַמלונג אָנהויבען. דערנאָך פלעגען זיך אָנהויבען די זאַמלונגען פון אויסלאַנד: פון מצרים און זיריען, וועלכע פלעגען ערהאַלטען ווערען שבועות־צייט (פון ראש חו"ט סיון אָן), ווי אויך פון

בבל, פרס און מדי, און קליין־אזיען, וועלכע פלעגען זיך פערשפּעטיגען מיט'ן אבשיקען דאס געלד קיין ירושלים ביז'ן חודש תשרי, ארום סכות־צייט. די לעצטע זאמלונגען זענען געווען די רייכסטע, ווייל די אויסלענדישע אידען זענען געווען זעהר רייך און גרויסע בעלי צדקה, פלעגען זיי אנשטאט א זילבערנעם, אדער קופּערנעם שקל, שיקען גאלדענע מטבעות. אין יעדען לאנד, וואו עס זענען געווען אידישע קהלות, פלעגט מען אויסקלייבען א צענטר, וואו מען פלעגט זאמלען די היילינגע נדבות פאר'ן בית־המקדש, אידער מען פלעגט זיי אבשיקען קיין ירושלים. אויף אבצושיקען די נדבות פלעגט מען אויסקלייבען די אנגעזעהענסטע לייט, וועלכע פלעגען גערופען ווערען די „היילינגע שלוחים", און זיי פלעגען דאס געלד אבפיהרען קיין ירושלים. אין מעסאפאטאמיען און בבל זענען בעשטימט צוויי שטעדט אויף דעם טייך פרת, נציבין און נהרדעא, וואו הין מען פלעגט פון ביידע לענדער אריינשיקען דאס געלד, און פון דארט פלעגט מען דאס געלד אבשיקען קיין ירושלים אונטער א בעגלייטונג פון פיעל סאלדאטען, כדי אבצוהיטען, אז די רויבערשע פארטהען און דער שבט נביות זאלען אויפ'ן וועג נישט בערויבען די שלוחים. די אידישע קהלות אין קליין־אזיען, וואו עס זענען אויך געווען פיעל עשירים, פלעגען זאמלען דאס געלד און אבשיקען עם פריהער אין די צענטראלע שטעדט אפמיה און לודקיא (Apamea, Laodicea), וואס אין דער מדינה פריגיען, ווי אויך אין די שטעדט פּירגאמום און אנדראמיטיום (Pergamum, Andramyttium in אין דער מדינה עאליס Aeolis). פון דער דאזיגער מדינה אליין איז אריינגעקומען אין אוצר פון בית־המקדש אינ'ם משך פון די ערשטע צוואנציג יאהר, זינט דער הויכער „בית דין האט זיין בעשלוס ארויסגעגעבען — יעהרליך צו צוויי הונדערט פונט גאלד (לערך 165 טויזענד מארק יעהרליך). דערפון קאן מען ארויסזעהען, ווי וואונדערליך גרוים ס'איז געווען די הכנסת פונ'ם בית המקדש פון אלע איבריגע לענדער. די דריי זאמלונגען יעהרליך פלעגען איינטראגען אזוי פיעל, אז מען האט געהאט גענוג אויף אלע הוצאות און עס פלעגט נאך איבערבלייבען פיעל געלד. אונטער די הוצאות, וואס דער בית־המקדש האט געהאט, פלעגען גערעכענט ווערען: דאס איינקויפען בהמות פאר די קרבנות, דאס דינגען מלמדים פאר די יונגע כהנים כדי צו לערנען מיט זיי תורה און בעזונדערס די דינים, וואס האבען א שייכות צו דער עבודה אין בית־המקדש; אויף צו דינגען רופאים, וואס האבען געדארפט קורירען די כהנים, און אויך אכטונג געבען אויף די קרבנות, אויב זיי האבען נישט קיין שטענדיגען מום, וואס זאל זיי מאכען פסול פאר א קרבן; צו דינגען שרייבער, וואס פלעגען אבשרייבען ספרי תורה פונ'ם „ספר", וואס איז געווען אין דער עזרה, ווי אויך מגיהים (קארעקטארען), וואס פלעגען דארפען אכטונג געבען, אז די אבשרייבונג זאל געמאכט ווערען ריכטיג; אויף אויסצוהאלטען בע־

קער פאר'ן „לחם הפנים" און קטורת־מאַכער, ווי אויך פרויען, וואָס האָבען געשטיקט פרכת'ן, און, ענדליך, אויף אויסצוהאַלטען דעם הויכען בית דין אין ירושלים. פונ'ם געבליבענעם געלד פלעגט מען פערטהון פאַר די אַלגעמיינע בעדערפעניסען פון ירושלים, ווי למשל, אויף צו בויען פעסטיגען די מויערען ארום שטאָדט, די טהורעמס און פערריכטען די וואַסער־קאַנאַלען. ווי געזאָגט אָבער, זענען די הכנסות אַזוי גרוים געווען, אַז נאָך אַלעם דעם פלעגט נאָך בלייבען פיעל געלד אין דער קאַסע פון בית־המקדש יעהרליך. דער בית־המקדש איז געווען פיעל רייכער פאַר די טעמפּלען פון די פעלקער און דערפאַר פלעגען די פעלקער איהם זעהר מקנא זיין און אויסקוקען נאַר אויף דער מעגליכקייט, צו קאָנען איהם בעראַבעווען.

ביז דעם מאָמענט האָט די רעליגיעזע צוריקשטעלונג פון יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח נאָך געהאַט אַ גאַנץ רוהיגען כאַראַקטער: מען האָט אָבגעפרישט אַלע אַלטע געזעצען. מען האָט אַרויסגעגעבען נייע, און בעשאַפען מיטלען, ווי אַזוי צו בעפעסטיגען זיי אינ'ם זכרון פון פאָלק. אָבער ווי עס שיינט, קאָן קיין רעאַקציע קיינמאָל זיך נישט אָבשטעלען ביי געוויסע גרעניצען, שטענדיג מוז זי חאַפּען איבער דער מאָס. די גע'רודפ'טע פרושים האָבען באַלד צליין אָנגעהויבען רודפ'ן אַנדערע, די צדוקים, יענע צדוקים, וועלכע האָבען נישט געוואָלט ערפילען די בעפעהלען פון די פרושים, וויל זיי האָבען נישט אַנערקענט, אַז די פרושים האָבען ריכטיג ערקלערט די תורה. האָט מען איצט אַרויסגעפאָדערט צום געריכט פאַר'ן סנהדרין און גע'משפט ווי געמיינע פערברעכער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגע פערפאָלגונג געגען די צדוקים. ביידע נשיאים פון הויכען בית־דין זענען אפילו געווען מילדע מענשען. דער ריכטער, דער הנא יהודה בן טבאי, למשל, פלעגט שטענדיג זאָגען: „נאָר אַזוי לאַנג דאַרפסטו דעם אָנגעקלאָגטען בעטראַכטען ווי אַ רשע, כל זמן ער שטעהט פאַר'ן געריכט; קוים אָבער האָט זיך איבער איהם דאָס געריכט געענדיגט, דאַרפסטו איהם ווידער בעטראַכטען, ווי אַן אומשולדיגען". אָבער פונדעסטוועגען האָבען אויך די דאָזיגע נשיאים שטאַרק פערפאָלגט די צדוקים. פאַר זיין שטרענגקייט געגען די צדוקים האָט שמעון בן שטח דערוועקט געגען זיך אַ שרעקליכע שנאה, און זיי האָבען נאַר געטראַכט, ווי אַזוי צו נעהמען פון איהם נקמה. דאָס איז זיי אויך געלונגען אויף אַ העכסט גרויזאַמען אופן: זיי האָבען, נעמליך, אַרויסגעשטעלט צוויי פאַלשע עדות געגען שמעון בן שטח'ס זוהן, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אין אַ פערברעכען, פאַר וועלכען מען דאַרף בעשטראָפען מיט'ן טויט. דער הויכער בית־דין האָט אויסגעהערט די עדות און פער'משפט שמעון בן שטח'ס זוהן צום טויט. ווען מען האָט דעם פער'משפט'ן געפיהרט צום טויט, האָט ער אויף אַ ריהרענדען אופן ערקלערט, אַז ער איז אומשולדיג. דאָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף

די עדות, אז זיי האבען זיך דערשראקען און זיך מודה געווען, דאס זיי
האבען פאלש עדות געזאגט. די ריכטער האבען באלד געוואלט צוריק
פריישפרעכען דעם פער'משפט'ן, אבער שמעון בן שטח'ס זוהן, דער פער'
משפט'ער, האט זיך געשטעלט געגען דעם, ווייל דאס איז געגען דעם
געזעץ פון די פרושים, לויט וועלכען מען דארף די עדות נישט גלויבען,
ווען זיי האבען חרטה פון זייער פריהערדיגער ערקלערונג און ווילען זא-
גען איצט עדות אויף אנ'אנדער אופן. און, ווענדענדיג זיך צו זיין פא-
טער, האט דער פער'משפט'ער אויסגערופען: „טאטע, אויב דו ווילסט
בעפעסטיגען דאס אידישע גליק דורך דיין איינענער האנד, טא מאך מיך
פאר דער שוועל, איבער וועלכער מען געהט אריבער קאלט-בלוטיג“.

די שטרענגקייט פון די פרושים האט צוערשט געטראפען די אנ-
פיהרער פון די צדוקים. די פרושים האבען זיי איצט בעשולדיגט, אז זיי
האבען אנגערעדט דעם קעניג אלעקסאנדער-ינאי צו פערפאלגען און
אויס'הרג'ענען די פרושים. אזוי ארום האט איצט געמוזט בעצאהלען
מיט'ן לעבען אלעקסאנדער-ינאי'ס פריינד און יועץ, דיאגענעס מיט נאך
עטליכע אנפיהרער, וועלכע האבען געראטען דעם קעניג צו בעשטראפען
מיט'ן טויט די אכט הונדערט פרושים. ווען די אנגעזעהענע צדוקים הא-
בען דערזעהען, אז זייער לעבען שטעהט שטענדיג אין געפאהר, דען
פאר'ן קלענסטען רעליגיעזען פערברעכען וועלען די פרושים אנקלאגען
זיי אין געריכט און בעשטראפען מיט'ן טויט, האבען זיי זיך געווענדעט
צום צווייטען זוהן פון דער מלכה, אריסטאבול, און געבעטען איהם, אז
ער זאל זיי פערטיידיגען ביי דער קעניגין. אריסטאבול האט זיך טאקי
פאר זיי אנגענומען און האט ערקלערט דער קעניגין, אין וואס פאר א
שרעקליכער לאגע זיי געפינען זיך. לויט זיין פארשלאג, זאגען די אנגעזי-
העגע עלטסטע פון די צדוקים אליין געקומען צו דער קעניגין און דער-
ציילט איהר, ווי געטריי זיי האבען געדיענט איהר מאן, דעם קעניג,
קעמפפענדיג מיט די אידישע פיינד, און, אז זייער נאמען אליין האט שוין
אויך געווארפען אנ'אימה אויפ'ן פיינד, איצט אבער, אויף דער עלטער,
קומט זיי אויס צו לעבען אין איין שרעק פאר זייער לעבען. דערביי האבען
זיי געבעטען, אז מען זאל זיי אבגעבען א וועלכע עס איז פעסטונג, וואו
זיי זאלען זיך קאנען לעבען רוהיג און נישט דארפען זיין אונטערגעווא-
רפען דער קאנטראלע פון די פרושים. די ווייך-הארציגע מלכה האט נישט
געקאנט צוזעהן די טרעהרען פון די אלט-געווארענע אידישע גבורים און,
אנערקענענדיג זייער גרויסען פערדיענסט ביי אידען, האט זי זיי ביי-
שטימט פאר בעאמטע אין די ווייטע אידישע פעסטונגען. נאר די דריי
גרויסע פעסטונגען: מכור, אויף יענער זייט ירדן ביי'ם ים המלח, הירקאנ-
יאן און אלעקסאנדריאן, האט זי זיי נישט אנגעטרויט, דען דארט זענען
געווען די אוצרות פון די חשמונאי'שע מלכים און זייער געוועהר. ווי
עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, האט די קעניגין נישט אומזיסט

ניעט געטרויט די צדוקים, ווייל זיי זענען נישט געבליבען געטריי דער
צוואה פון דער מלכה.

קיין פאָליטישע פערענדערונגען אין לאַנד יהודה זענען אין אלעק־
סאַנדראַ'ס רעגירונג נישט פאָרגעקומען. טיגראַנעס (..granes)
דער קעניג פון אַרמעניען, וועלכען עס האָט דאַמאָלס געהערט גאַנץ סי־
ריען, האָט אויך געוואָלט איינגעהמען אַלע לענדער, וועלכע האָבען זיך
פריהער געפונען אונטער דער הערשאַפט פון סיריען. די נאָהענטקייט
פונ'ם דאָזיגען שטאַרקען קעניג האָט זעהר בעאונרוהיגט די אידישע
מלכה שלומית־אַלעקסאַנדראַ, און זי האָט זיך בעמיהט דורכצוקומען מיט
איהם פריינדליך דורך גוטע רייד און גרויסע מתנות. טיגראַנעס האָט
אויפגענומען גאַנץ פריינדליך די שלוחים פון דער אידישער מלכה מיט
איהרע מתנות, אָבער ער וואָלט דאָדורך זיך נישט אָבגעהאַלטען פונ'ם
אָנפאַל אויף דאָס לאַנד יהודה, ווען נישט די רוימער וואָלטען איהם גע־
צוואונגען אָבצוזאָגען זיך פונ'ם געדאַנק אַריינצודרינגען אין לאַנד יהודה
און אויך אָראָבציגעהמען די בעלאַגערונג פון דער פעסטונג עכו, וועלכע
ער האָט שוין געהאַט אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. רוים'ס דראָהונג
האָט אַזוי דערשראָקען דעם טיגראַנעס, אַז ער האָט זיך באַלד צוגע־
איילט אומצוקעהרען זיך אין זיין לאַנד, כדי צו זאָרגען דאָרט פאַר זיין
זיכערהייט און אונאָבהענגיגקייט. און אין דער ווירקליכקייט האָט ער זיך
געמעגט איילען, דען וועהרענד טיגראַנעס האָט געטראַכט וועגען נייע
נצחונות און איינעהמונגען, איז דער רוימישער הויפטמאַן לוקולוס אָנ־
געפאַלען אויף זיין לאַנד און איינגענומען עס (69 פאַר דער געוועהנלי־
כער צייט־רעכענונג). דאָס לאַנד יהודה איז אַלזאָ פאַר'ן איצטיגען אוי־
גענבליק אָבגעראַטעוועט געוואָרען פון דער סכנה, איינגענומען צו ווערען
דורך אַ שטאַרקען שכן. דערפאַר אָבער זענען באַלד אַרויסגעשוואומען
נייע אונגליקען און געפאַהרען פאַר'ן לאַנד יהודה, וועלכע האָבען איהם
געמאַכט ערציטערען ביז אין די פונדאַמענטען.

י קעניגין אַלעקסאַנדראַ איז געמליך געפעהרליך קראַנק געוואָרען,
און די דאָזיגע קרענק האָט געבראַכט צו זעהר טרויעריגע פערוויקלונגען.
איהר אינגסטער זוהן, אַריסטאָבול, איז געווען אַ ליידענשאַפטליכער מענש
און האָט זעהר ליעב געהאַט כבוד; פאַר־אויס זעהענדיג, אַז זיין מוטער
וועט בעשטימען פאַר אַ קעניג נאָך איהר טויט זיין עלטערן ברודער,
דעם שוואַכען הורקנוס, האָט ער בשתיקה פערלאָזען די הויפטשטאָדט
און איז געקומען אין דער אידישער פעסטונג גבתון (Gaobata,)
נישט־ווייט פון דער שטאָדט צפורי אין גליל. די פעסטונג איז געשטאַ־
נען אונטער דעם בעפעהל פונ'ם צדוקי גאַלאַיסטעס (גליסטיס (Gala-
istes,) אויף וועלכען אַריסטאָבול האָט זיך געקאָנט פערלאָזען, ווי אויף
אַ פריינד. גאַלאַיסטעס האָט באמת איהם איבערגעגעבען די פעסטונג.
אין אַ משך פון פיפצעהן טעג האָט אַריסטאָבול איבערגענומען אויף

זוא אופן איין און צוואנציג פעסטונגען, ווייל די צדוקים, וועלכע זיינען געווען אויך זיי די בעלי-בתים, האבען זיי איבערגעגעבען אין זיין רשות. מיט'ן געלד, וואס ער האט געפינען אין דער קאסע פון די פעסטונגען, האט ער זיך אנגעדונגען סאלדאטען ביי די קליינע מלכים פון סוריען און פון יענער זייט ירדן; אויך ביי די רויבערישע טראכאניטען האט ער זיך סאלדאטען געדונגען, און אזוי ארום האט ער געקאנט ארויסשטעלען א גאנץ היבשע ארמעע. אומזיסט האבען זיך געבעטען הירקנוס און די פארשטעהער פון הויכען בית-דין ביי דער מלכה, אז מען זאל עטוואס אונטערנעהמען, כדי צו פערמיידען א בירגער-קריעג. די קעניגין האט זיי געטרייסט, אז עס איז גישטא פאר וואס מורא צו האבען, אנוויזענדיג, אז די מלוכה האט א גרויסע ארמעע און פיעל געטרייע אנהענגער, ווי אויך גרויסע אוצרות געלד און גרויסע פעסטונגען, וועלכע זיינען געבליי-בען געטריי דער אלטער ארדנונג. זי האט זיי בעפאלמעכטיגט גלייך צו טהון, וואס זיי וועלען געפינען פאר נויטיג, ווייל זי אליין מוז זיך שוין צוגרייטען צום טויט, און דער ווירקליכקייט איז זי באלד נאכדעם גע-שטארבען (139 פאר'ן חורבן), איבערלאזענדיג דאס לאנד און די מלוכה אין דער שרעקליכער לאגע פון א היימישער מלחמה, וואס האט געדארפט מאכען א סוף מיט דער פרייהייט און דער אונאבהענגיגקייט, וועלכע מען האט זיך אויסגעקעמפפט מיט אזוי פיעל מיה און מסירת נפש. נאר ניין יאהר האט געקעניגט שלומית און איז, ווי עס שיינט, אלט געווארען. זי האט די גליקליכע טעג פון דער פרייהייט פון איהר פאלק געזעהען און האט אויך, מעגליך, פאר'ן טויט שוין פאראויסגעזעהען, ווי עס קומען אן די שרעקליכע פינסטערניש און קנעכטשאפט פונ'ם פאלק. ווי זי איז געווען די איינציגע אידישע קעניגין, וואס איהר נאמען איז שפעטער דערמאהנט געווארען מיט דער גרעסטער פערעהרונג, אזוי איז זי אויך געווען די לעצטע זעלבסטשטענדיגע אידישע הערשערין אין יהודה, און מיט איהר טויט איז אויך באלד אבגעשטארבען די אידישע פרייהייט.

פערלאג „יהודיה".

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

פיערטער באנד.

5

ווארשא, תרע"ז.

Odbito w drukarni „Pośpiech"

אינהאלטס־פערצייכניס פון פיערטען באנד:

די עפאכע פון מלכות בית חשמונאים.

(פארטזעצונג).

פיערטעס קאפיטעל.

די לעצטע מלכים פון די חשמונאים.

דער ברידער־קאמפף איבער'ן טהראן. — אנטיפאטער פון אדום. — פאמפעאוס נעהמט־איין דאס לאנד יהודה, ארויסטרעטענדיג כלומר'שט אלס ריכטער צווישען ביידע מלכים־ברידער. — דער אלטער אידישער ישוב אין רוים. — די ערשטע מעשים פון די רוימער אין לאנד יהודה. — די אידישע אויפשטאנדען געגען רוים. — צעזאר, פאמפעאוס און קראסוס. — קראסוס בערויבט דעם בית־המקדש. — די בעציהונג פון יוליוס צעזאר צו אידען. — דער אלטער הורקנוס און דער יונגער הורדוס. — הורדוס פאר'ן געריכט פון סנהדרין. — שמעיה ואבטליון. — דער לעצטער מלך פון די חשמונאים, אנטיגאנאס. — — — — — — — — — — — 1—40

די עפאכע פון הורדוס'עס קעניגליכען הויז.

ערשטעס קאפיטעל.

הורדוס דער ערשטער.

הורדוס'עס פאליטיק. — דער אלטער הורקנוס. — הורדוס לאזט דערהרג'ענען דעם יונגען אריסטאבול. — די סיבילינישע נבואה. — דער תנא הלל הבבלי און דער פונדאמענט צום תלמוד. — דער תנא שמאי. — דער טרויעריגער טויט פון מרים די חשמונאי'רין. — הורדוס אלס גרינדער פון נייע שטעדט. — הורדוס בעניים דעם בית־המקדש. — די קאלאניעס פון די גריכען אין ארץ־ישראל און די גריכישע צוזאמענשטויסונגען מיט דער אידישער בעפעלקערונג. — די אידען אין קירענאיקא. — די לעצטע עפאכע פון הורדוס'עס רעגירונג. — הורדוס'עס טויט. — — — — — 40—81

צווייטעס קאפיטעל.

ארכילאוס און די ערשטע רוימישע שטאטהאלטער אין יהודה.

הורדוס'עס פעראָרדנונג וועגען איינטהיילען די מלוכה אין יהודה. ארכילאוס'עס רעגירונג. — א שלאכט צווישען די אידען און רוימער אויפ'ן הר הבית. — דאס לאנד יהודה אלס רוימישע פראָווינץ. — די שפאלטונג צווישען בית הלל און בית שמאי. — די רוימישע פראָקוראטאָרען אין יהודה. — די אידען אין גליל. — פאנטיוס פילאטוס. — די ערשטע יאהרען פון קריסטענטום. — יוחנן דער מטבל און ישו פון נצרת. — די עסייער און דער ענין פון טבילה. — ישו'ס למודים. — ישו'ס תלמידים און זיין בעציהונג צו דער סנהדרין. — קעניג אגריפא. — — — — — 81—132

דריטעס קאפיטעל.

אגריפא דער ערשטער.

קאליגולא'ס חסדים צו אגריפא. — די אידען אין אלעקסאנדריען. — רבן גמליאל הזקן. — אגריפא'ס לעצטע רעגירונגס־יאהרען אלס א גליקליכע צייט פאר אידען. — אגריפא'ס טויט. — א'אויפשטאנד געגען רוים. —163—132

פיערטעס קאפיטעל.

די אידען און דאס יודענטום וועגען פערשפרייט צווישען די פעלקער.

די אידיש־גריכישע ליטעראטור. — גרויסע אידישע קהלות אין פערשיעדענע מדינות. — נהרדעא און נציבין. — די סיבילינישע לידער וועגען אידען און יודענטום. — העלענע די קעניגין פון אדיאבענע. — די טעטיגקייט פון די ערשטע אפאסטאלען. — אפאסטאל שאול—פאול. —186—163

די עפּאָכע פון דער חשמונאים-דינאַסטיע.

(פאָרטזעצונג)

פיערטעס קאַפּיטעל.

די לעצטע מלכים פון די חשמונאים.

(פון 139 ביז 107 פאַר'ן חורבן, אָדער פון 69 ביז 37 פאַר דער געוועהנליכער צייט-רעכענונג).

באַלד נאָכ'ן טויט פון דער קעניגין שלומית-אַלעקסאַנדראַ האָט זיך אָנגעהויבען דער ברודער-קאַמפף איבער'ן טהראָן, און די אידישע נאַציאָן האָט זיך צוטיילט אויף צוויי פיינדליכע מחנות. די קעניגין האָט פאַר'ן טויט איבערגעגעבען די מלוכה, ווי דער דין פון ירושה איז, איהר עלטערן זוהן, הורקנוס דעם צווייטען; אָבער ער איז געווען אַ מענש, וועלכער האָט ווייניגער פאַר אַלץ געפּאַסט צו זיין אַ רעגירענדער קעניג איבער אַ לאַנד. בעשאָנקען געוואָרען פון דער נאַטור מיט אַלע מדות טובות, וועלכע בעצירען די פּריוואַטע פּערזאָן, וואָלט ער, צוליעב זיין שוואַכען כאַראַקטער, זיין אונבעהאָלפענהייט און שטענדיגען נויטיגען זיך אין אַ פרעמדער עצה, אפילו אויך אין אַ רוהיגער צייט געווען נאָר אַ מיטעלמעסיגער רעגירער איבער אַ לאַנד; אין אַ שטורמדיגער צייט אָבער האָט ער גאָר נישט געקאָנט אויפטהון און האָט מיט זיין נוטסקייט געבראַכט מעהר שאָדען, ווי אַנ'אַנדערער מיט דער טיראַניי. זיין אינגערער ברודער אַריסטאָבול איז געווען פּונקט דער היפּך פון איהם. זיין ווילדער מוט איז געווען אַ וואונדערליכער קאָנטראַסט מיט דער פחדנות און קליינמוטיגקייט פון זיין ברודער הורקנוס; מיט זיין ווילדקייט איז ער געווען אַנ'אמתע קאָפּיע פון זיין פאָטער אַלעקסאַנדער-ינאי. דערצו איז ער אָבער אויך געווען אַ געוואַלדיגער ליעבהאָבער פון כבוד, און דאָס דאָזיגע געפיהל האָט איהם ניט פערלאָזען ביז'ן לעצטען אָטעם און געטריעבען איהם פאָרווערטס צו די וואונדערליכסטע מעשים מיט אַנ'אמת'ער פערבלענדעניש. אַריסטאָבול האָט געזעהען פאַר זיך איין ציעל: צו ווערען אַ מעכטיגער הערשער פונ'ם לאַנד יהודה און איינעהמען אַלע אַרומיגע פעלקער; אָבער זיין היציגער טעמפּעראַמענט האָט איהם אַזוי געשווינד און מיט אַזאַ איממפּעט געיאָגט צום ציעל, אַז ער האָט דוקא אָט דעם ציעל פערזעהען און זיך געיאָגט נאָך אַ שאָטען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ העכסט טרויעריגער: אָנשטאָט אַ קרוין פון אַ מנצח, האָט ער בעקומען נור חרפּות אי פאַר זיך, אי פאַר דער אידישער נאַציאָן. ווי נור די קעניגין האָט די אויגען פערמאַכט און הורקנוס איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן, האָט אַריסטאָבול זיך באַלה געלאָזט געהען מיט זיינע פערטרויענע סאָלדאַטען און מיט די אָנפיהרער פון די צדוקים אויף ירושלים.

פרי אראָבצוּוואַרפען זיין ברודער פון טהראָן. אויפ'ן צד פון קעניג
הורקנוס זענען געשטאַנען די פּרושים, דאָס פאָלק און די אַרמעע, וועלכע
די קעניגין האָט געהאַט אָנגעצוּונגען. כדי צו זיין זיכערער אינ'ם נצחון, האָט
די פאַרטיי פון הורקנוס פערזאַפט פאַר אַ משכון די פרוי און קינדער פון
אַריסטאָבול און איינגעשלאָסען זיי אין דער ציונס=פעסטונג (בירה). אין יריחו
האָבען זיך בעגעגענט די אַרמעען פון ביידע ברידער, און עס איז דאָרט
פאָרגעקומען אַ גרויסע מלחמה. הורקנוס האָט די מלחמה פערשפּילט און
איז ענטלאָפען קיין ירושלים, וואו ער האָט זיך פערשלאָסען אין דער פעס=
טונג בירה. וויל דער גרעסטער טייל פון די געדונגענע סאָלדאַטען איז איי=
בערגעגאַנגען צו אַריסטאָבול. דער לעצטער האָט אויך בעלאַגערט דעם בית=
המקדש, וואו עס האָבען זיך פערשלאָסען פיעל פון זיינע געגנער. אַריס=
טאָבול האָט אויך דעם בית=המקדש איינגענומען. איצט, ווען די שטאָדט
און דער בית=המקדש זענען שוין געווען אין זיין מאַכט, האָט זיין געגנער
געמוזט זיך איהם אונטערגעבען. עס האָבען זיך געפוּגען פערמיטלער, וועל=
כע האָבען צווישען ביידע ברידער שלום געמאַכט, און זיי האָבען געשלאָ=
סען אַ בונד אין בית=המקדש און געשוואָרען צו האַלטען איהם געטריי=
ליט'ן דאָזיגען אָבמאַך האָט אַריסטאָבול געדאַרפט ווערען קעניג און
הורקנוס — כהן גדול. אַזוי=אַרום האָט הורקנוס פערלוירען דעם טהראָן,
נאָכדעם ווי ער האָט איהם געהאַט אין זיין רשות דריי חדשים. כדי נאָך
בעסער בעפעסטיגען דעם בונד, האָט אַריסטאָבול'ס זוהן, אַלעקסאַנדער,
חתונה געהאַט מיט אַלעקסאַנדראַ'ן, דער טאָכטער פון זיין פעטער הורקנוס.

פערנעהמענדיג דעם טראָן אויף אַזאַ לייכטען אופן, האָט אַריסטאָ=
בול, ווי עס שיינט, ניט אונטערגענומען קיינע רעפאָרמען אינ'ם אינערלי=
כען לעבען פון לאַנד יהודה. חאָטש ער איז געווען ענג פערבונדען מיט
די צדוקים, האָט ער דאָך ניט געוואַגט אויפצורייצען געגען זיך דאָס פאָלק
דורך אַן אָפענעם קאַמפף מיט די פרושים, איינפיהרענדיג צוריק אין לאַנד
יהודה די תורה פון די צדוקים. די מלחמה צווישען ביידע פאַרטייען האָט
זיך אפילו נאָך אינגאַנצען ניט געענדיגט, אָבער צו ווילדע אויפרייצונגען
און צוזאַמענשטויסען איז עס אויך ניט געקומען. מעגליך, אַז דער פּירוּד
און די פאַרטיי=פיינדשאַפט וואָלטען אין דער אידישער מדינה גאָר אויפגע=
הערט, ווען עס וואָלט פלוצלונג ניט אַרויסגעטראָטען אַ נייע פערזאָן מיט
אונבעגרענצטער תאוה צו כבוד און ליידענשאַפטליכע פערזענליכע אינטע=
רעסען, וועלכער האָט צוריק אויפגעוועקט די ברייטע ליבע שנאה און בכיון
די פונאַנדערגעבלאָזען.

דער דאָזיגער מענש, וועלכער איז מיט זיין משפחה געוואָרען דער
תאַמפיר (בלוט=זויגער) פון דער אידישער נאַציאָן און האָט אויסגעזויגען איהר
איידעלסטעס בלוט, האָט געהייסען אַנטיפּאַטער, אַ זוהן פון אַנטיפּאַס, וואָס
האָט געשטאַמט פון אַן'אַנגעזעהענער משפחה אין אדום און איז גלייך מיט
אַלע אַנדערע אדומים געצוואונגען געווען דורך יוחנן=הורקנוס איבערצונעהמען

צום יודענטום. נאָך קיינמאָל איז אין דער געשיכטע ניט בעשטראָפט גע-
וואָרען אַ פאַלשער שריט אַזוי געשווינד און בולט, ווי אין דעם דאָזיגען
פאַל. דער פאַנאַטיזם פון יוחנן-הורקנוס האָט איצט נעדאַרפט ברענגען אונ-
גליק איבער זיין הויז און איבער זיין נאַציאָן. דורך זיין רייכקייט און דיפּ-
לאָמאַטישער פעהיגקייט האָט אַנטיפּאַטער זיך דערשלאָגען אין דער רעגי-
רונג פון אַלעקסאַנדער-ינאי און שלומית צו דער הויכער שטעלע פון אַ
שטאַטהאַלטער אין אדום און דורך גרויסע מתנות און חניפות האָט ער
פערשטאַנען בעליעבט צו ווערען ניט בלויז ביי די מענשען פון אדום, מיט
וועלכע ער איז געווען פערבונדען דורך זיין אָבשטאַמונג, נאָר אויך ביי אַראַ-
בישע שבטים פון נביות און ביי די איינוואָהנער פון עזה און אשקלון.
הורקנוס דער צווייטער, וועלכער האָט אין זיין שוואַכקייט און אונבעהאָל-
פענהייט זיך געוויינט אין אַ יועץ און אַ מנהיג, האָט זיך אויסגעקליבען
אַנטיפּאַטער'ן פאַר אַזאַ מענשען און געהאַט צו איהם אַ פאָלקאָמען צוטרוי;
אָט דעם צוטרוי פון אַ תמים האָט אַנטיפּאַטער אויסגענוצט אויפ'ן געמיי-
נסטען אופן, ווי איינער, וואָס טראַכט נור וועגען דעם איינענעם נוצען און
איז בעריים אויך אויף אַלערליי פערברעכען, כדי נור צו דערגרייכען זיינע
פערזענליכע ציעלען. אָנגעהויבען האָט ער דערפון, וואָס ער האָט ניט דורכ-
געלאָזען קיין איינציגע געלעגענהייט, וואו ער האָט ניט דערוויזען הורקנוס'ן,
אין וואָס פאַר אַ ניעדעריגער לאַגע ער געפינט זיך, אַז וועהרענד ער איז,
לויט זיין געבורט, דער אמת'ער קעניג, האָט ער געמוזט אָבטרעטען זיין
טהראָן דעם אינגערען ברודער. מיט אַזעלכע און עהנליכע רייד האָט אַנ-
טיפּאַטער פערשטאַנען אויפצובלאָזען ביי הורקנוס'ן די שנאה צו זיין ברודער
און געבראַכט איהם ענדליך דערצו, אַז ער זאָל ברעכען זיין שבועה און
איינשטימען אויפ'ן טייוולאָנישען פּלאַן אַריינצורופען אין לאַנד יהודה אַ פרעמ-
דע מאַכט, וואָס זאָל משפט'ן צווישען ביידע ברידער און, ממילא אויך,
איבער'ן גורל פון לאַנד יהודה. ווי אַן'עכטער דיפּלאָמאַט און אינטריגאַן,
האָט אַנטיפּאַטער אויסגעאַרבייט פאָראויס דעם גאַנצען פּלאַן. דורך גרויסע
מתנות איז איהם געלונגען צו געווינען פאַר זיין פּלאַן דעם קעניג פון נביות,
אַרעטאַס פילהעלען, וועלכען ער האָט צוגעזאָגט, אַז נאָכדעם, ווי ער וועט
העלפען הורקנוס'ן צו ווערען ווידער קעניג, וועט ער בעקומען צוריק די
צוועלף שטעדט אַרום דעם ים-המלח, וועלכע די חשמונאים האָבען ביי
איהם צוגענומען מיט אַזוי פיעל מיה און דורך בלוטיגע מלחמות. הורקנוס
האָט ביי דעם גאַנצען פערברעכערישען פּלאַן געדאַרפט נור ניט מישען זיך
און לאָזען אַנטיפּאַטער'ן טהון, ווי ער פערשטעהט. און אָט איז אַנטיפּא-
טער אַנטלאָפען צוזאַמען מיט הורקנוס'ן אין אַ פינסטערער נאַכט פון ירושלים
און נאָך פיעל מיה איז זיי געלונגען צו קומען צום אַראַבישען קעניג אין
זיין שטאָדט סלע (Petra), וועלכע איז געלעגען אויף אַ שפּיץ פון אַ בע-
פעסטיגטען באַרג. אַרעטאַס האָט זיך באַלד גענומען ענערגיש צו דער זאַך
און איז אַריינגעקומען אין לאַנד יהודה מיט אַ שטאַרקער אַרמעע פון פונ-

ציגטוויזענד מאַן, ביי וועלכער עס האָבען זיך אויך געפונען פיעל אַנהענגער פונ'ם געוועזענעם קעניג הורקנוס. אַריסטאָבול איז אַרויסגעקומען געגען דער אַראַבישער אַרמעע און נאָכדעם, ווי ער האָט געהאַט אַ מפלה אין אַ מלחמה מיט איהר, איז ער ענטלאָפען צוריק קיין ירושלים (136 פאַר'ן חורבן), כדי צו בעשיצען זיך הינטער איהרע פעסטע מויערען. די רוהיגקייט, וועלכע עס האָט געהערשט אין לאַנד יהודה אין די לעצטע דריי יאָהר, איז פערשוואונדען געוואָרען אויף אַ לאַנגע צייט דורך די פערברעכערישע אינטריגעם פון אַנטיפאַטער און דער אונבעגרענעצטער אונקלוגהייט פון הורקנוס.

אין פריהען פריהלינג איז אַרעטאַס צוגעקומען צו דער שטאָדט ירושלים און זי בעלאַגערט. פיעל אַנגעזעהענע איינוואָהנער, בלי-ספק, די אַנפיהרער פון די פרושים, זענען ענטלאָפען פון שטאָדט אין די מעהרסטע פון זיי זענען אַבגעגאַנגען קיין מצרים. די בעלאַגערונג האָט זיך געצויגען עטליכע חדשים. אַריסטאָבול האָט געהאַט ווענינ מיליטער, אָבער די מויערען אַרום ירושלים זענען געווען זעהר פעסטע און דער פיינד האָט די שטאָדט נישט געקאָנט איינגעהמען. באַלד אָבער האָט אין שטאָדט פערפעהלט עסענוואַרג און — וואָס איז געווען פאַר די פרומע אידען נאָך שרעקליכער — עס האָט אויך געפעהלט בהמות אויף די שטענדיגע קרבנות אין בית-המקדש און, בעזאָנדערס, שעפּסען אויף אַ קרבן פסח.

אַריסטאָבול האָט דעריבער זיך געווענדעט צו די פרומע אידען, וועלכע זענען געווען צווישען די בעלאַגערער, און גפועל'ט ביי זיי, צו שיקען פאַר געלד בהמות און שעפּסען אויף קרבנות, כדי עס זאָל נישט איבערגעריסען ווערען די עבודה אין בית-המקדש. הורקנוס, אָדער פיעל מעהר אַנטיפאַטער, וועלכער האָט געהאַט די גאַנצע דעה אינ'ם לאַגער פון הורקנוס, האָט נישט געהאַט געגען דעם, אַז מען זאָל די קרבנות שיקען, און בפרט נאָך, ווען די בעלאַגערטע האָבען פאַרגעלעגט, צו בעצאָהלען זעהר טייער פאַר יעדען קרבן. אַזוי-אַרום פלעגט מען טאָג-טעגליך אַרונטערלאָזען פון דער מויער אַרום שטאָדט אַ קאָרב מיט געלד און אַרויפנעהמען צוריק שעפּסען אויף קרבנות. ווייל אָבער די בעלאַגערונג האָט זיך פערצויגען און מען חזיר, וועלכען מען האָט אַרויפגענומען אויף דער מויער. די דאָזיגע חרפה, וואָס מען האָט אָנגעטהאָן דעם הייליגען מזבח, האָט ערפילט די נער אַ היטרער יועץ—ווי עס שיינט, אַנטיפּאַטער אַליין—אַ'עצה געגעבען, אַז מען זאָל דורכ'ן פעהלען קרבנות צווינגען די שטאָדט, אַז זי זאָל זיך אונטערגעבען. צוליעב אָט דער עצה האָבען די מענשען פון הורקנוס, אַנשטאָט די פערלאַנגטע שעפּסען אויף קרבנות, אַריינגעלעגט אין קאָרב אַ חזיר. וועלכען מען האָט אָנגעטהון דעם הייליגען מזבח, האָט ערפילט די געמיטער מיט אַ געוואַלדיגען כעס און געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אַז דער סנהדרין האָט שפּעטער נאָר פערבאָטען צו האָדעווען חזירים אין ארץ-ישראל. נאָך איין שרעקליכע טהאַט האָבען אָבגעטהאָן דאַמאָלס די לייט פון הורקנוס, וועלכע האָבען ירושלים בעלאַגערט: צווישען די מענשען,

וועלכע האָבען די שטאָדט פערלאָזען, ווען זי איז בעלאַגערט געוואָרען. איז אויך געוועזען דער פרומער חוניו (חוני המעגל)׳ וועלכער איז בעוואוסט געוועזען דאַדורך, וואָס בשעת עס איז איינמאָל געוועזען אַ טרוקעניש אין ארץ ישראל, האָט ער מיט זיין תפלה אַזאָ געבראַכט אַ רעגען. איצט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים און זיך געלעבט איינזאַם ניט ווייט פון שטאָרט אויפ׳ן שטיינער פון די עסייער. און אָט האָבען איהם די סאָלדאַטען פון הורקנוס׳עס לאַגער אָבגעזוכט און געפאָדערט פון איהם, אַז ער זאָל פערשילטען אין נאָטעס נאָמען אַריסטאָבול׳ן און אַלע זיינע אָנהענגער, דען די סאָלדאַטען האָבען געגלויבט, אַז חוניו׳ס אַ קללה וועט ביי גאָט אַזוי פיעל פועל זיין, ווי זיין תפלה וועגע דעם רעגען. אָבער אָנשטאָט צו שילטען אידען, האָט דער פרומער חוניו אויסגערופען: „רבונו של עולם! כיי די בעלאַגערער, סיי די בעלאַגערטע זענען דאָך דיינע קינדער, איך בעט דעריבער, אַז די קללות, וועלכע זיי שיקען איינער דעם אַנדערן, זאָלען ניט מקוים ווערען”. די ווילדע סאָלדאַטען האָבען דעם פרומען מאַן דערפאַר דער׳הרגעט, ווי אַ פערברעכער, דאָס אידישע פאָלק איז פערציטערט געוואָרען, ווען עס האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער מערדערישער טהאַט און ווען אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין אַזיען אַן׳ערד־ציטערניש׳ וועלכע מען האָט געשפירט אין גאַנץ ארץ־ישראל, און נאָך דער ערד־ציטערניש האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער שטורם, וועלכער האָט פערוויסט די פעלדער און גערטנער, האָבען אַלע געגלויבט, אַז דאָס האָט גאָט גע־שטראָפט דאָס לאַנד פאַרן מבזה מאַכען דעם בית־המקדש דורכ׳ן חזיר און בענעהן אַ מאָרד אויף אַ צדיק.

באַלד נאָכדעם איז אָבער פאָרגעקומען עפּעס שרעקליכערעס: אויפ׳ן לאַנד יהודה איז אָנגעפאַלען „די ווילדע חיה מיט די אייזערנע ציין, מיט די קופערנע קלויען און שטיינערנעם האַרץ, וואָס האָט געדאַרפט אַלץ אָבפרעסען און דעם רעשט צוטרעטען מיט די פיס” ווי דניאל האָט זיך אויסגעדריקט: דאָס זענען געוועזען די רוימער, וועלכע האָבען געדאַרפט דאָס אידישע בלוט טרינקען, זיין פלייש אויפפרעסען און זיין מאַרך אויסזויגען. עס איז געקומען די שעה, ווען דער רוימישער אָדלער האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף דאָס צובלוטיגטע אידישע לאַנד און אַריינגעשטעקט זיינע שאַרפע נעגעל אין די וואונדען, האַלטענדיג איהם אַזוי אַרום פעסט, ביז זיין פאָליטישע רעכט איז אונטער איהם אויסגעגאַנגען. רוים האָט דאַמאָלס געוועלטיגט איבער די פעלקער פון מערב־קאַנט פון אַזיען, ווי אַ שרעקליכער צאָרן פון גאָט, בעראַבעווענדיג, צורייסענדיג און פערניכטענדיג זיי. דאָס לאַנד יהודה האָט אויך בעדאַרפט אומקומען פון דער דאָזיגער שרעקליכער מאַכט. דער רוימישער רויב־פויגעל האָט אַ לאַנגע צייט מיט זיינע פרעסיגע אויגען געקוקט אויף דאָס לאַנד יהודה׳ אָנוואַרטענדיג אויפ׳ן מאָמענט, ווען זיין רויב וועט גענוג פעט ווערען, אַז עס זאָל איהם לוינען אויפצופרעסען. איצט איז דער מאָמענט געקומען און רוים האָט איהם

באַלד אויסגענוצט. צום ערשטען מאָל איז דער רויב-פויגעל געקומען אין דער געשטאַלט פון סקאַורוס (Scaurus), אַ שליח פון פּאָמפּייאוס (Pompeius), וועלכער איז געקומען קיין אַזיען, כדי צו מאַכען זיך אַ בעריהמטען נאָמען אין׳ם פרעמדען לאַנד און דערהויבען זיך איבער׳ן ניעדעריגען שטאַנד, אין וועלכען ער איז געוועזען בייַ זיך אין דער היים. סקאַורוס האָט געזוכט אין סיריען פאַר זיך און פאַר זייַן הערען די געלעגענהייט צו ווערען בעריהמט און רייך; ווייל אָבער ער האָט דאָס לאַנד סיריען שוין געפונען אויסגעזויגען דורך אַנדערע רויבער און בלוט-זויגער, האָט ער זיך געווענדעט צום לאַנד יהודה. דאָ האָבען איהם בעגריסט און אויפגענומען מיט גרויס שמחה בייַדע קעמפּפענדע ברידער, אַלס אַ מענשען, וועלכער האָט זיי געדאַרפט ברענגען די ישועה און אַרויסהעלפען זיי פון זייער פערלעגענהייט. בייַדע ברידער האָבען געשיקט צו איהם שלוחים, און ווייל זיי האָבען געקענט די רוימער און געוואוסט, דאָס מיט געלד קאָן מען בייַ זיי פיעל מעהר פועל זייַן, ווי מיט גערעכטיגקייט, האָבען בייַדע געשיקט זייערע שלוחים צו סקאַורוס׳ן ניט מיט לעדיגע הענד. אַריסטאָבול׳ס מתנות זענען אָבער געוועזען גרעסער פאַר די מתנות פון הורקנוס: ער האָט געשיקט פיער הונדערט טאַלענט זילבער, וועהרענד דער שליח פון הורקנוס, אַנטיפּאַטער, האָט געקאָנט ברענגען מעהר הבטחות, ווי געלד. עס פערשטעהט זיך, אַז דער גערעכטער איז אַלזאָ געבליבען אַריסטאָבול. די אינטערעסען פון רוים זענען דאַמאָלס גראָד געוועזען די אייגענע, וואָס סקאַורוס האָט געהאַט פערזענליך פאַר זיך. פאַר רוים איז גלייכער געוועזען, אַז דער שטאַרקער קעניג פון נביות, וועלכער האָט געוועלטיגט איבער אַ גרויסען לאַנד, זאָל זיך ניט פערשטאַרקען נאָך מעהר דורך זייַן אַריינמישען זיך אין די ענינים פון׳ם לאַנד יהודה, און דעריבער האָט ער געשיקט אַ בעפעהל צו אַרעטאַס׳ן, באַלד אַראָבצונעהמען די בעלאַגערונג פון ירושלים, סטראַשענדיג מיט׳ן צאָרן פון רוים, אויב ער וועט ניט פאָלגען. אַרעטאַס האָט געפאָלגט דעם בעפעהל און האָט מיט זייַן אַרמעע זיך צוריק געצויגען אין זייַן לאַנד, נעהמענדיג מיט זיך הורקנוס׳ן. אַריסטאָבול האָט זיך באַלד געלאָזט איהם נאָכיאָגען און האָט איהם געבראַכט אַ גרויסע מפּלה אויף יענער זייט ירדן אין דער געגענד פון רבה (135 פאַר׳ן חורבן). פאַר׳ן מאָמענט האָט אַריסטאָבול געקאָנט זיך טרייסטען און אָבנאַרען זיך אַליין, אַז ער איז באמת דער קעניג און מנצח פון׳ם לאַנד יהודה. בעזונדערס האָט איהם געשטאַרקט אין זייַן טעות די רוהיגע פּאָליטיק פון רוים און די לאַנגזאַמע און מיושב׳דיגע שריט פון פּאָמפּייאוס געגען מיטרידאַטעס, צוליעב וועלכע מען האָט דערווייל געלאָזען צורוה דאָס לאַנד יהודה. אַריסטאָבול האָט דעריבער געמיינט, אַז ער וועט לאַנג קאָנען קעניגען רוהיג און אונגעשטערט איבער׳ן לאַנד יהודה. זייַענדיג דערבייַ אויך אַזאַ ליעבהאָבער פון מלחמות, ווי זייַן פאָטער, איז ער אָנגעפאַלען אויף די אַרומיגע פעלקער און האָט אויפגעהאַלטען אויך אַ רויב-פלאָט אויפ׳ן ים, כדי אָנצופאַלען אויף די האַנדעלס-שיפען פון די

פרעמדע פעלקער און בערויבען זיי. צוויי יאָהר האָט געדויערט די דאָזיגע לאַגע, ווען אַריסטאָבול האָט זיך געקאָנט אָבנאַרען, מיינענדיג, אַז ער איז באמת אַ זעלבסטשטענדיגער קעניג. אין דער צייט האָט ער אויך אַרויסגעגעבען מטבעות, אַלס אַ פרייער קעניג.

אָבער אַנטיפּאַטער׳ס קלוגער קאָפּ האָט פערשטאַנען אויפצוטהון נייע אינטריגעס און פלענער, און אַריסטאָבול האָט ערשט איינגעזעהען מיט שרעק, אַז זיין לאַגע איז גאָר ניט קיין זיכערע, וואָרום זיין איצטיגע לאַגע האָט אַריסטאָבול געהאַט צו פערדאַנקען איבערהויפּט די מתנות, וועלכע ער האָט געשיקט דעם רוימישען הויפּטמאַן. אָבער אינ׳ם ענין פון געבען מתנות און פיהרען דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען איז אַנטיפּאַטער געווען שטאַרקער פאַר אַריסטאָבול. איהם איז שוין געלונגען כמעט צו פועל׳ן ביים רוימישען הויפּטמאַן סקאַורוס, אַז ער זאָל איבערגעהן אויפ׳ן צד פון הורקנוס און זיך משתדל זיין פון זיינעטוועגען ביי פּאָמפּייאוס׳ן וועלכער, האָט איצט זיך געפונען אין סיריען, וואו ער האָט אָבגעהאַלטען נצחונות און זיך געמאַכט בעריהםט. פאַר איהם איז געווען דער קאַמפּף צווישען די ברידער זעהר אַ געוואונשענע זאַך, ווייל דאָס האָט איהם געגעבען די געלעגענהייט צו פערגרעסערן די צאָהל פון זיינע איינגענומענע לענדער, כדי דערמיט צו בעריהמען זיך אין רוים. און חאָטש אַריסטאָבול האָט איהם געשיקט אַ רייכע און אַ שענע מתנה, וועלכע איז בעריהמט געווען דורך איהר זעלטענער קינסטלערישער אַרבייט, און פּאָמפּייאוס האָט די מתנה אויך אָנגענומען, פונדעסטוועגען האָט די קאַמפּף-פראַגע צווישען די ברידער נאָך דאַדורך זיך ניט געענדיגט. דאָס געשענק איז בעשטאַנען פון אַ גאָלדענעם ווייַן-שטאָק מיט גאָלדענע בלעטער און פרענז-טרויבען, וואָס איז ווערט געווען פינף הונדערט טאַלענטען און, ווי עס שיינט, האָט אַלעקסאַנדער-ינאַי דאָס געלאָזט מאַכען, כדי דאָס זאָל שטעהען פאַר אַ ציערונג אין בית-המקדש. דאָס דאָזיגע קונסט-ווערק האָט אַרויסגערופען אַ בעוואונדערונג ביי אַלעמען, ווער עס האָט עס געזעהען, און דעריבער האָט פּאָמפּייאוס זיך צוגעאיילט איבערצושיקען דאָס קיין רוים, אַלס אַ ממשות׳דיגע בשורה פון זיינע נצחונות, און דאָרט האָט מען עס געדאַרפט אַריינשטעלען פאַר אַ ציערונג אינ׳ם קאַפּיטאָל פונ׳ם טעמפּעל פאַר׳ן אָבגאָט יופּיטער.

ווי שטאַרק די מתנה האָט ניט בעפרידיגט פּאָמפּייאוס׳עם ליעבע צו כבוד און בעריהמטקייט, איז ער דאָך פונדעסטוועגען געווען גאַנץ ווייט פונ׳ם געדאַנק זיך אַרויסצוזאָגען לטובת דעם געבער פון דער מתנה. מיט אַן׳אונפערשעמטער גדלות האָט ער ערקלערט די שלוחים פון ביידע ברידער, אַנטיפּאַטער און נקדימון (Nikodem), אַז ביידע ברידער זאָלען פערזענליך אַרויסקומען צו איהם קיין דמשק, וואו ער וועט אונטערזוכען די פראַגע וועגען דעם אידישען טהראָן און משפּט׳ען, ווער עס דאַרף זיין קעניג אין יהודה. חאָטש ביידע ברידער זענען טיעף בעשעמט געווען דורך דער דאָזיגער ערניעדערונג, האָבען זיי דאָך געמוזט פאָלגען דעם רוימישען בע-

פֿעהל און זענען געקומען קײן דמשק, וואו זײ זענען אַרויסגעטראָטען מיט זײערע טענות פאַר פּאָמפּײאוס'ן: הורקנוס האָט אָנגעוויזען, אַז איהם קומט דער טהראָן בירושה, ווײל ער איז דער בכור, און אַריסטאָבול האָט אָנגעוויזען, אַז ער איז פֿון דער נאַטור בעסער באַגאַבט און פֿעהיגער, צו קאָנען פֿערנעהמען אַזא הויכע שטעלע, אײדער זײן ברודער. אָבער אויך אַ דריטע פּאַרטײ האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פּאָמפּײאוס'ן, װעלכע האָט געװאָלט פֿערטרעטען דאָס רעכט פֿון דער נאַציאָן געגען בײדע ברידער, וואָס האבען געקעמפּפֿט אײנער געגען אַנדערן מיט אַזאַ לײדענשאַפֿט און געבראַכט שאָדען דעם פֿאלק. אין יהודה האָט זיך, נעמליך, אויפֿגעהויבען אַ רעפּובליקאַנישע פּאַרטײ, וועלכע האָט שטאַרק ממאס געווען די שטענדיגע מחלוקת'ן פֿון די השמונאים און געוואָלט דעריבער אײנאָרדענען די אידישע מלוכה נאָר אָהן אַ קעניג, נור זי זאָל רעגירט װערען דורכ'ן סנהדרין לויט'ן אידישען געזעץ. בעזונדערס שטאַרק האָבען די רעפּובליקאַנער זיך בעקלאָגט אויף די לעצטע השמונאים, דאָס זײ האָבען די אידישע מלוכה־געזעצען געבראָכען, און פֿון כהנים גדולים און נשיאים זענען זײ מלכים געוואָרען, מאַכענדיג דאָס לאַנד יהודה פֿאַר אַ מאָנאַרכיע און דאָס אידישע פֿאָלק פֿאַר קנעכט בײ זײ.

פּאָמפּײאוס האָט זיך אָבער ווענינ־וואָס געקימערט ווענען דעם, ווער פֿון בײדע ברידער עס האָט רעכט, ווי איהם האָט אויך ווענינ וואָס געקימערט די שטימע פֿון אידישען פֿאָלק. ער האָט נור געהאַט אין זינען דעם גרויסען כבוד, וואָס ער וועט האָבען אין רוים קומענדיג צוריק פֿון אַזיען, ווי אַ מנצח, וואָס האָט אײגענומען פֿיעל לענדער. דאָס לאַנד יהודה האָט דעריבער געמוזט אײנגענומען װערען פֿאַר רוים. צוליעב אָט דעם מאָטיוו איז פּאַר פּאָמפּײאוס'ן אויך גלײכער געווען, צו שטעלען זיך אויפֿ'ן צד פון דעם שוואכען הורקנוס, אײדער פונ'ם שטאַרקערען אַריסטאָבול. דער לעצטער האָט טאַקי באַלד אײנגעזעהען די כונה פֿון פּאָמפּײאוס'ן און די געפֿאַהר, אין וועלכע מען האָט אַרײנגעבראַכט דאָס לאַנד יהודה, און ער האָט דעריבער דיז געאײלט צו באַפֿעסטיגען אין אַלעקסאַנדריאָן, כדי ניט צו דערלאָזען פּאָמפּײאוס'ן אַרײנקומען אין לאַנד יהודה. אַלס פֿרײער קעניג פֿון אַ פֿרײען לאַנד, האָט ער, נאַטירליך, געהאַט ניט בלויז דאָס רעכט, נאָר אויך די פֿליכט צו פֿערטײדיגען די גרעניצען פֿון פֿאטערלאַנד פֿאַר אַ פרעמדער מאַכט,; פּאָמפּײאוס איז אָבער געווען גענוג אונפֿערשעמט, צו ערקלערען אַריסטאָבול'ן פֿאַר אַ „בונטאָווששיק", און אַריבערגעהענדיג דעם ירדן נעבען בית־שאן, האָט ער געשיקט אַ בעפֿעהל צו אַריסטאָבול'ן, איבערצוגעבען איהם די פֿעסטונג. אַריסטאָבול איז דערשראָקען געוואָרען, דען ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווי גרויס עס איז די רוימישע מאַכט און ווי טײער אידען וועלען מוזען בעצאָהלען פֿאַר אַ קאָנפֿליקט מיט רוים. ער האָט דעריבער מיט אַ שווער האַרץ אָבגעגעבען פּאמפּײאוס'ן די שטאַרקע פֿעסטונג. אָבער באַלד נאָכדעם האָט ער חרטה געהאַט אויף זײן איבערגעאײלטען שריט און איז

אבגעגאנגען קיין ירושלים, צו פערטיידיקען דארט די אידישע פרייהייט, בעשיצענדיג זיך הינטער די פעסטע מויערען פון דער הויפט־שטאט. פאמ־פייאוס האט זיך געלאזט געהען צו ירושלים. אריסטאבול האט איינגעזעהען, דאס פאמפייאוס וועט נעהמען נקמה אויף א שרעקליכען אופן פון איהם און פון אידישען פאלק, און האט ווידער געשיקט מתנות פאמפייאוס'ן, פערזיכערענדיג, אז ער וועט איהם איבערגעבען ירושלים מיט איהר פעס־טונג. גליקליך מיט אזא „נצחון", האט פאמפייאוס באלד געשיקט איינעם פון זיינע הויפטלייט איבערצונעהמען די אידישע הויפט־שטאדט און ארויס־פיהרען פון איהר אלע איהרע טייערע אוצרות. ווען די איינוואהנער פון ירושלים האבען זיך דערוואוסט וועגען דער דאזיגער נבלה, האבען זיי פער־שלאסען די שטאדט און ערקלערט, אז זיי וועלען פאמפייאוס'עס הויפטמאן ניט אריינלאזען.

אזוי־ארום האט ירושלים אין א משך פון דריי יאהר שוין צום צווייטען מאל גענדארפט אויסהאלטען א בעלאגערונג. פאמפייאוס איז געקומען נעהנטער צו ירושלים מיט זיינע מחנות, און די אנהענגער פון הורקנוס האבען איהם אויפגעעפענט די טויערען פון דער שטאט, אבער די ירושלים'ער פאטריאטען האבען בעשלאסען זיך צו פערטיידיגען. זיי האבען זיך אריבערגעצויגען אויפ'ן הר־הבית און צובראכען הינטער זיך די בריק, דארט האבען זיי אנגעהויבען זיך פערטיידיגען מיט גרויסער ענערגיע און עקשנות. פאמפייאוס האט אפילו זיך געאיילט צו קומען גיכער צוריק קיין רוים, געקרוינט מיט זיינע נצחונות; אבער ער האט איינגעזעהען, אז אויב ער וועט דעם הר־הבית ניט איינגעהמען, וועלען אין רוים זיינע געגנער גאר אבלייקענען דעם נצחון איבער יהודה, דעריבער האט ער קיין אנדער וועג ניט געהאט, ווי אונטערצונעהמען א פארמעלע בעלאגערונג אויפ'ן הר־הבית. איינצונעהמען דעם הר־הבית איז אבער גאר ניט געווען קיין לייכטע זאך, ווייל פון צפון זייט זענען ארום איהם געווען הויכע פעלזען, גריבער, הייהלען און שטארקע טורעמס און פון דרום זייט איז דער בארג געשטאנען גלייך, ווי א וואנד, און ס'איז זעהר שווער געווען ארויפצוקומען אויף איהם. פאמפייאוס האט דעריבער געמוזט ברענגען פון צור בעלאגערונגס־מאשינען, כדי צו צוברעכען די מויערען ארום דעם הר־הבית, און פון די ווייטע וועלדער האט ער געמוזט לאזען פיהרען געהילץ, כדי אנצופילען די גריבער, אז מען זאל קאנען צוקומען צו די וואנד פון בארג. אזוי־ארום האט די בעלאגערונג זיך לאנג פערצויגען און זי וואלט אפשר דויערען נאך לענגער, ווען די פרומע בעלאגערטע אידען וואלטען זיך ניט אבגעהאלטען פון פערטיידיגען די מויערען אום שבת. ווייל זיי האבען געהאלטען, אז אום שבת מעג מען נור פערטיידיגען אין מלחמה דאס לעבען, אבער ניט די מויערען פון דער בעלאגערטער שטאדט. ווי נור די רוימער האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי יעדען שבת קיין קאמפף געגען די בעלא־גערטע ניט געפיהרט, נאר זיי האבען געבראכען די מויערען אונגעשטערטן

אזוי=אַרום איז זיי געלונגען און אַגעוויסען שבת (סיון 133 פאַר'ן חורבן) איינצוּוואַרפען איין טורם אַרום דעם בית=המקדש און עפענען אַ דורכגאַנג אין דער מויער צום בית=המקדש. דורך דער דאָזיגער עפענונג האָבען זיך אַריינגעריסען די רוימישע לעגיאָנען, אוים'הרג'ענענדיג אַלעמען אויפ'ן וועג. אין דער עזרה האָבען זיי אויסגעשאָכטען אַלע כהנים נעבען זייערע קרבנות און דאָס בלוט פון די כהנים האָט זיך צומישט מיט'ן בלוט פון די קרבנות. דען די כהנים האָבען קיין איינציגע מינוט ניט געוואָלט איבעררייסען די עבודה און האָבען רוהיג בעגעגענט זייערע מערדער. פון די פערטיידיגער האָבען זיך פיעל אַרונטערגעוואָרפען פון די הויכע טורעמס אין טיעפען אָבגרונד און אַנדערע האָבען אונטערגעצונדען די הילצערנע געביידע און זיך אַריינגעוואָרפען אין די פלאַמען, דען זיי האָבען בעסער געוואָלט אַליין אומקומען, איידער צו זעהען, ווי די פיינה פון זייער פאָלק וועלען פון זיי אָבשפּאָטען. סך=הכל זענען אין יענעם טאָג אומגעקומען צוועלף טויזענד אידען. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איז פאָמפּייאוס אַריינגעקומען אין היכל און אין קדש=הקדשים, ווייל ער איז געווען נייגעריג צו זעהען, ווי אַזוי עס זעהט אויס דער אידישער קולט, און צי זענען באמת ריכטיג די קלאַנגען, וועלכע אַנטיוכוס האָט אַמאָל פערשפּרייט וועגען דעם. ווי פערוואונדערט איז ער אָבער געוואָרען, ווען ער האָט אין קדש=הקדשים קיין שום עזעל=קאָפּ נישט געזעהען, אָדער זאָגאַר קיין שום בילד ניט פון דער גאָטהייט. דער טרויעריגער פאַל מיט פאָמפּייאוס'עס קומען קיין ירושלים האָט אַלזאָ אויך געבראַכט עטוואָס נוצען דעם יודענטום, דען פאָמפּייאוס האָט אָבגעלייקענט אַלע שענדליכע קלאַנגען, וואָס עס האָבען פערשפּרייט די אידענפיינדליכע אַלעקסאַנדרינישע שריפטשטעלער, ווי אויך פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועגען דעם אידישען קולט. צי איז עס געווען באמת פורכט און שרעק פאַר'ן אידישען גאָט, וועלכער הערשט אין אַ בית=מקדש אָהן קיין שום בילדער, אָדער צי האָט פאָמפּייאוס ניט געוואָלט, אַז מען זאָל איהם רופען טעמפּעל=שענדער, — אַלענפאַלס איז עס מערקווירדיג: פאָמפּייאוס האָט דעם בית=המקדש ניט בערויבט; האָטש ער איז געווען אַ מענש, וואָס האָט שטאַרק ליעב געהאַט געלד, האָט ער ניט אָנגעריהרט אפילו אויך דעם אוצר פון בית=המקדש, וואו עס איז געווען צוויי טויזענד טאַלענטען געלד. אויב ירושלים און דער בית=המקדש זענען דאַמאָלס ניט אינגאַנצען חרוב געוואָרען, און מען האָט אין ירושלים נאָך געהאַט אַ התחלה און פאָרשפּיעל פון'ם צוקינפטיגען גרויסען חורבן, וואָס די רוימער וועלען ברענגען, האָט מען דאָס געהאַט צו פערדאַנקען בלויז דעם צופאַל, וואָס פאָמפּייאוס האָט גראָד ניט געהערט צו די ערגסטע רוימישע הויפטלייט, וועלכע פלעגען זיך אויסצייכענען מיט זייער מערדערישען כאַראַקטער. פון ירושלים און פונ'ם לאַנד יהודה איז נאָך פאָרט געבליעבען אַ שאָטען פון אַ זעלבסטשטענדיגער מלוכה מיט אַ הויפטשטאָדט, וואָס האָט נאָך געקאָנט ווייטער עקזיסטירען — אָבער פון דעם מאָמענט

אָן איז די אידישע אונאָבהענגיגקייט אונטערגעגאַנגען; פונקט הונדערט יאָהר נאָכדעם, ווי די חשמונאים האָבען מנצח געווען די סירישע טיראַנען, האָבען זייערע קינדס־קינדער אַריינגעבראַכט דאָס אידישע פאָלק נאָך אונטער אַ שווערערען יאָך פון טיראַניי. דאָס לאַנד יהודה איז געוואָרען אונטערטעניג ביי די אַכזריות'דיגע רוימער און דעם אידישען פאָלק איז פאָרגעשטאַנען אַ שרעקליכע צוקונפט.

וואָס־זשע האָט גע'פועל'ט הורקנוס דורך זיין רופען רוים פאַר אַ שיעדס־ריכטער? פאָמפּייאוס האָט ביי איהם צוגענומען די קעניגליכע קרוין און האָט איהם איבערגעלאָזען נור די כהונה גדולה און דעם כלומר'שטען טיטול פון א „נשיא איבער'ן פאָלק" (Ethnarch), דערביי האָט ער בעשטימט איבער איהם פאַר אַן אַפּיעקון אַנטיפּאַטער'ן, וועלכער האָט בעקומען דעם טיטול „פערוואַלטער איבער'ן לאַנד" (Landesverweser). אַ געוויסע מאַכט מיט אַ טיטול האָט פאָמפּייאוס געמוזט איבערלאָזען הורקנוס'ן, כדי צו געבען איהם די מעגליכקייט צו האַלטען זיך געגען דער ערביטערונג פון די אידישע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט געגען דעם נייעם פרעמדען יאָך. ווארום ווי נור עס האָט זיך פערשפּרייט אין לאַנד יהודה די ידיעה, אַז מען האָט איינגענומען ירושלים, האָבען זיך פיעל אידען אַ לאָז געטהון צו דער הויפּטשטאָדט פון אַלע זייטען, כדי צו קעמפפען מיט'ן געוועהר אין האַנד און פערטיידיגען די אידישע פרייהייט. הורקנוס האָט בעדאַרפט בערוהיגען דאָס פאָלק און אָבשוואַכען זיין ביטערן און גערעכטען צאָרן. — די מויערען פון ירושלים זענען צושטערט געוואָרען און דאָס איינגענומענע לאַנד איז געוואָרען אַ פּראָווינץ פון דער רוימישער מלוכה, האָטש פאָרמעל איז דאָס נאָך ניט ערקלערט געוואָרען. ירושלים און דאָס גאַנצע לאַנד יהודה האָט איצט ווידער געמוזט אָנהויבען צאָהלען שטייער אַ פרעמדער מלוכה, נאָכדעם ווי מען איז דערפון פריי געווען קנאַפּע הונדערט יאָהר.

און אין וואָס איז בעשטאַנען דער נייער אָבצאָהל? צי האָט דער מנצח, לויט דעם רוימישען מנהג, ערקלערט אַלע פעלדער, וויינבערגער און פּאַשע־לענדער פאַר אַן אייגענטום פון דער מלוכה, און זייערע אייגענטימער נאָר איבערגעלאָזען פאַר פּאַכטער (אַרענדאַטאָרען), וועלכע מוזען דערפאַר צאָהלען, אַלס אַרענדע דער רוימישער מלוכה, אַ געוויסען פּראָצענט פון זייער הכנסה? אָדער צי האָט פאָמפּייאוס אָבגעגעבען אין אַ פרעמדער אַרענדע אַלע גיטער פון די אידען, וועלכע האָבען געגען איהם געקעמפפט און זענען געפאַלען, פערטיידיגענד זייער פאָטערלאַנד? צי האָט ער זיך אויף אַזאַ אופן אויך בעגאַנגען מיט די גיטער פון יענע אידען, וועלכע ער האָט גענומען געפאַנגען מיט זיך קיין רוים? אַזעלכע שרעקליכע אַכזריות'דיגע מעשים האָבען די רוימער אָבגעטהון אין אַלע פרעמדע לענדער, וואָס זיי האָבען איינגענומען, און יהודה האָט קיין בעסער גליק אויך ניט געהאַט. אויפערדעם האָט רוים באַלד פערקלענערט אויך די אידישע גרעניצען און

איינגעשלאָססען צוריק דאָס לאַנד יהודה אין יענער ענגשאַפט, אין וועלכער עס איז געוועזען פאַר די חשמונאים. אלע שטעדט אויפ'ן ברעג ים מיט זייערע אומגעגענדען, וועלכע זענען געוועזען בעוואָהנט דורך די גריכען, האָט פּאָמפּייאוס ערקלערט פאַר פרייע שטעדט און אָבגעגעבען זיי צו זייערע איינוואָהנער, אָבגרייסענדיג די גאַנצע געגענד פון לאַנד יהודה. אויך פיעל שטעדט אין לאַנד גופא און אויף יענער זייט ירדן, וועלכע יוחנן=הורקנוס און זיין זוהן אַלעקסאַנדער האָבען נאָך שווערע מלחמות פעראייניגט מיט דער אידישער מלוכה, די שטעדט: שמרון, בית=שאן און אַנדערע שטעדט אין טהאָל יזרעאל, ווייטער — נדרה, היפּאָס און פעלאַ, דיאָן און פילאַדעלפיאַ, חוץ אויך נאָך פיעל אַנדערע, זענען אָבגעריסען געוואָרען פון יהודה און ערקלערט געוואָרען פאַר פרייע שטעדט, וועלכע געפינען זיך אונטער דער פערוואַלטונג פונ'ם רוימישען שטאַטהאַלטער אין סיריען. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע שטעדט האָבען בעקומען זייער פרייהייט דורך פּאָמפּייאוס'ן, דעם מנצח פון ירושלים. צעהן שטעדט אויף יענער זייט ירדן האָבען זיך פעראייניגט אין אַ פערבאַנד (Decapolis), צו פערטיידיגען זיך און פי[...]ען צוזאַמען מלחמות געגען דעם פיינד. פון די אידען, וועלכע פּאָמפּייאוס האָט גענומען געפאַנגען, האָט ער די „שולדיגע“, דאָס הייסט, די פיינדליגע פאַטריאָטען, וועלכע האָבען געקעמפפט פאַר זייער פאַטערלאַנד, געלאָזט טויטען, און די איבריגע האָט ער אָבגעפיהרט קיין רוים אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי האָט ער אויך גענומען געפאַנגען דעם אידישען קעניג אַריסטאָבול, זיין זוהן אַנטיגאָנאָס, זיינע צוויי טעכטער און זיין פעטער אַבשלום, וועלכע האָבען געמוזט געהן קיין רוים צו זאַמען מיט אַנדערע מלכים און פרינצען, וואָס פּאָמפּייאוס האָט זייערע לענדער איינגענומען, און, קומענדיג קיין רוים, האָבען זיי געמוזט נאָכגעהן נאָך זיין טריאומף=וואָגען (131 פאַר'ן חורבן), און וועהרענד ציון האָט איינגעבויגען איהר קאָפּ אין טיעפען טרויער, האָט רוים געפייערט איהרע גרויסע נצחונות. אָבער די אידישע געפאַנגענע, וועלכע מען האָט איצט געשלעפּט מיט געוואַלט קיין רוים, האָבען דאָרט געלעגט דעם פונדאַמענט צו אַ נייער אידישער קהלה, וועלכע האָט שפּעטער אונטער אַנ'אַנדער פאָרם אונטערגענומען אַ קאַמפּף געגען רוים און איהר טייליוויז מנצח געוועזען.

עס איז קיין ספק ניט, אַז נאָך איידער פּאָמפּייאוס האָט איינגענומען ארץ=ישראל, האָבען שוין אידען געוואָהנט אין רוים און אין אַנדערע איטאַליענישע שטעדט. זיי זענען געווים געקומען אַהין פון מצרים, אָדער קליין=אַזיען, צוליעב האַנדעלס=בעציהונגען און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. די ערשטע אידען אין רוים זענען געוויס געוועזען ניט קיין געפאַנגענע, נור סוחרים, וועלכע האָבען געהאַט געשעפטען מיט די רוימישע גרויסע לייט וועגען ליפערן תבואה קיין רוים פון מצרים, אָדער וועגען די שטייער=אַרענדעס אין קליין=אַזיען. די דאָזיגע אידישע איינוואַנדערער וואָלטען שווער געקאָנט אליין איינאָרדנען אַ קהלה, ווייל צווישען זיי האָבען זיך ניט

נעפונען קיין געלעהרטע אידען, וואס זאלען גוט קענען די תורה. אבער צווישען די געפאנגענע אידען וועלכע פאמפייאוס האט געשלעפט פון ארץ-ישראל קיין רוים, זענען, בלי ספק, געווען פיעל געלעהרטע אידען, און די רייכע רוימישע אידען האבען זיי אויסגעקויפט פון קנעכטשאפט, פועל'נדיג ביי זיי, אז זיי זאלען זיך בעזעצען אין רוים אויף שטענדיג. יענע אידען, וועלכע זענען ארויסגעקומען פון אט די אויסגעקויפטע אידען, האבען שפעטער בעקומען דעם נאמען די פרייגעלאזענע (Libertini) דער שטאדט-טייל, וואו אידען האבען געוואהנט אין רוים, האט זיך געפונען אויפ'ן רעכטען ברעג פון טייך טיבער ביי'ם אראב-בארג ו א ט י ק א ן. די ניי-אנגעקומענע אידען האבען זיך געשפירט זעהר עלענד, זייענדיג אבגעריסען פון בית-המקדש, מיט וועלכען דאס אידישע לעבען אין ארץ-ישראל איז שוין געווען דאמאלס ענג איינגעפלאכטען. אזוי, למשל, איז דער יום-טוב פסח פאר זיי געווען א נ'אמת'ער טרויער יום-טוב, ווייל עס האט זיי געפעהלט דער קרבן-פסח, וועלכען מען האט געמאכט אין בית-המקדש מיט גרויס פאראד און התלהבות, דערמאנענדיג זיך אן דער ערשטער בעפרייאונג פון דער קנעכטשאפט פון אידישען פאלק. כדי חאטש פיעל-ווייניג צו בערוהיגען די אנגעקומענע אידען אין דער ערשטער צייט פון זייער לעבען אויף א פרעמדען באדען, האט איינער פון די אנגעזעהענסטע רוימישע אידען, טעאדאס (תודוס), איינגעפיהרט דעם מנהג, צו עסען געבראטענע שעפסען אין די נעכט פון פסח, אנשטאט דעם קרבן-פסח, וועלכען מען האט ניט געטארט ברענגען אין חוץ-לארץ. אין ירושלים איז מען אבער מיט'ן דאזיגען נייעם מנהג געווען זעהר אונצופריעדען, ווייל עס האט אויסגעזעהען, ווי מען וואלט געבראכט א קרבן אין אויסלאנד, און דעריבער האט מען פון ירושלים געשיקט א בריעף צו טעאדאס מיט דער שטראף-ערקלערונג: „ווען דו וואלסט ניט געווען טעאדאס, וואלטען מיר דיך אין חרם אריינגעלעגט".

די רוימישע אידען האבען אויך געהאט א געוויסע השפעה אויפ'ן פאליטישען לעבען פון רוים. סיי די אלטע אידישע איינוואהנער, סיי די נייע בעפרייטע געפאנגענע האבען געהאט דאס רעכט טיילצונעהמען אין דער עפענטליכער אבשטימונג אויף די פאלקס-פערזאמלונגען; צווישען אידען איז אבער געווען אחדות, און זיי האבען זיך בעגאנגען אין דער הינזיכט לויט א גענוי אבגערעדטען פלאן. דורך זייער פערשטענדיגקייט און אויסגעהאלטענקייט האבען אידען גאנץ אפט אין וויכטיגע פראגען מיטגעבראכט דורך זייער אבשטימונג צו יענעם בעשלוס, וועלכען זיי האבען געוואלט. די אידישע השפעה איז אזוי גרויס און שטארק געווען, אז דער בעוואוסטער רוימישער רעדנער ציצערא (Cicero), וועלכער האט פון זיין לעהרער אפאלאניוס מאלא איבערגענומען די חכמה, פיינדט צו האבען אידען, האט מורא געהאט ארויסצוטרעטען אפען נעגען אידען, ווען ער האט זיי געוואלט ברענגען שאדען, כדי אידען זאלען דערנאך ניט שטימען נעגען איהם, אדער

בכלל נעהמען פון איהם נקמה. ציצערא האט, נעמליך, געדארפט איינמאל פערטיידיגען דעם פרעטאר (ריכטער) פלאקוס, וועלכען מען האט בעשולדיגט, אז ער האט גענומען פיעל מאל שוחד, ווען ער איז געווען פערוואלטער איבער קליין־אזיען, און האט דארט נעדריקט דאס פאלק, כדי אנצוזאמלען עשירות. פלאקוס האט אויך פערהאפט און צוגענומען פאר זיך צוויי הונדערט פונט גאלד פון די הייליגע געלד־זאמלונגען — דעם האלבען שקל פאר'ן בית־המקדש — ביי די אידישע קהלות פון קליין־אזיען, וועלכע מען האט אנגעזאמעלט אין די שטעדט אפאמעא, לאאדיציעא, אדראמיטיום און פערגאמום (132 פאר'ן חורבן). דערביי האט ער אנגעוויזען, אז ער האט זיך סומך געווען אויף א פערבאט פון רוימישען סענאט, ארויסצופיהרען גאלד פון די רוימישע פראווינצען און, חאטש דאס לאנד יהודה איז שוין געווען אונטערטעניג ביי רוים, האט זי, לויט זיין מיינונג, נאך ניט געהאט די עהרע, צו געהערען צו די רוימישע פראווינצען. צום דאזיגען פראצעס זענען אויך געקומען די רוימישע אידען (129 פאר'ן חורבן), און זענען, נאטירליך, געשטאנען געגען פלאקוס. ציצערא האט דערביי בעמערקט, אז ער וועט בעסער האלטען זיין פערטיידיגונגס־רעדע מיט א שטילער שטימע, כדי עס זאלען איהם הערען נאר די ריכטער אליין און ניט דאס גאנצע פאלק, חייל ער וויל ניט, אז אידען זאלען הערען, ווי ער וועט ארויסטרעטען עפענטליך געגען זיי. אין זיין פערטיידיגונגס־רעדע האט ער דאמאלס אויסגענוצט א געוויסען פלפול (סאפיסטיק), וועלכער האט געקאנט מאכען אנ'איינדרוק אויף א געבירטיגען רוימער, אבער ניט אויף די קלוגע אידען, וואס זענען געווען מבינים אויף אזעלכע ענינים. צווישען אנדערע האט ער זיך אויך ארויסגעזאגט אזוי: „מען בראויכט צו האבען פיעל ערנסטקייט, כדי ארויסצוטרעטען געגען דעם בארבארישען אבערגלויבען פון די אידען, און עס איז א בעווייז, אז מען האט א הויכען חארקטער, ווען מען ווייזט ארויס, לטובת דער רוימישער מלוכה, די פעראכטונג פאר די אידען, וועלכע מישען זיך שטארק אין די רוימישע פאלקס־פערזאמלונגען. אויב פאמפייאוס האט ניט אויסגענוצט זיין רעכט, אלס מנצח, און ניט אנגעריהרט די אוצרות פון בית־המקדש, האט ער דאס געטהון ניט דערפאר, חייל ער האט פערעהרט די אידישע הייליגטימער, נור צוליעב זיין חכמה, כדי ניט צו געבען קיין געלעגענהייט דער פאלשער און רכילות'דיגער אידישער נאציאן, צו קלאגען זיך געגען איהם; ווען ניט דאס, וואלט ער זעהר שווער געשוינט פרעמדע הייליגטימער און בפרט נאך אידישע. — ווען ירושלים איז נאך ניט געווען בעזיעגט און די אידען האבען געלעבט אין פריעדען, האבען זיי שוין ארויסגעוויזען א שטארקע שנאה געגען רוים'ס גרויסקייט, געגען דעם כבוד פון רוימישען נאמען, געגען די געזעצען פון אונזערע עלטערען, און אין דער לעצטער מלחמה האט די אידישע נאציאן ערשט גוט בעוויזען, ווי פיינדליך זי איז געגען אונז. ווי ווייניג די דאזיגע נאציאן איז בעליעבט ביי די געטער, קאן מען זעהען דערפון, וואס אונז

איז געלונגען איהר לאנד איינצונעהמען און אבגעבען עס אין ארענדע ווע-
מען מיר ווילען, כדי צו בעקומען הכנסה". וואס פאר אן'איינדרוק עס האט
געמאכט אזא מין רעדע, און וואס פאר אן'אורטייל דאס רוימישע געריכט האט
ארויסגעגעבען געגען פלאקוס'ן, איז אונבעוואוסט. א יאהר שפעטער איז
ציצערא בעשטראפט געווארען, פערטריבען צו ווערען פון רוים, און ער
האט זיך ניט געטארט בעווייזען אין דער אומגעגענד אכציג מייל ארום דער
שטאדט, זיין הויז און זיינע ווילליעס ארום רוים האט מען ארויסגעריסען און
גלייך געמאכט מיט דער ערד.

פאר'ן לאנד יהודה, וועלכעס איז אויף שטיקער צוריסען געווארען,
איז די קנעכטשאפט און ערניעדערונג נאך פאמפייאוס'עס אבציהען פון ירושלים
געוועזען נאך דריקענדער דערמיט, וואס עס איז געבליבען אין א צווייפעל-
האפטען צושטאנד: קיין זעלבסטשטענדיג לאנד איז עס שוין ניט געוועזען,
קיין רוימישע פראווינץ נאך אויך נישט. די האלבקייט און אונבעשטימטקייט
אין דער בעציהונג צו רוים האט געבראכט דערצו, אז דאס לאנד איז גע-
ווארען איינגאנצען אפהענגיג פונ'ם פערזענליכען ווילקיר פון די רוימישע בע-
אמטע, ווייל דער רוימישער סענאט האט זיך ווייניג-וואס געקימערט וועגען
דעם לאנד יהודה, און אידען האבען אפילו ניט געקאנט בעשיצען זיך
אונטער די רוימישע געזעצען. דער חיטרער מיניסטער, וואס פאמפייאוס
האט צוגעגעבען הורקנוס'ן, אנטיפאטער, האט בכיון געארבייט אין דער
ריכטונג, אז דער דאזיגער צושטאנד זאל זיך האלטען וואס לענגער און זאל
אלץ מעהר דריקען אידען. ער האט זיך געלאזט קאסטען פיעל געלד, צו
שטעהען אין שטענדיגער פערבינדונג מיט רוים, כדי צו געפינען דארט פאר
זיך א שטיצע געגען דער אידישער פאלקס-שנאה צו איהם, דען דאס פאלק
האט איהם בעטראכט, אלס דעם מערדער פון דער אידישער פרייהייט.
מיט'ן געלד, וואס דאס אידישע פאלק האט פערדיענט מיט שוויים פון זיין
שווערער ארבייט, האט אנטיפאטער געשטיצט דעם רוימישען הויפטמאן
סקאורוס, וועלכער האט, זיצענדיג אין לאנד יהודה, אונטערנעמען א מלחמה
געגען העם אראבישען קעניג ארעטאס.

אין יענער צייט איז אריסטאבול'ס עלטסטער זוהן, אלעקסאנדער דער
צווייטער, אנטלאפען פון דער רוימישער געפאנגענשאפט און צוריקגעקומען
אהיים, אין לאנד יהודה. דא האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם די אי-
דישע פאטריאטען, וואס האבען נור געווארט אויף דער ערשטער געלעגענ-
הייט ארויסצוטרעטען געגען רוים. אלעקסאנדער האט בעוואפענט פון זיי
צעהן טויזענד פוסגעהער און טויזענד מיט פינף הונדערט רייטער און גע-
פיהרט זיי צו ירושלים געגען דער פרעמדער הערשאפט. הורקנוס, אדער
ריכטיגער, דער הערר איבער איהם, אנטיפאטער, האט זיך ניט געקאנט
האלטען געגען אזא ארמעע און האט פערלאזען די שטאדט, וועלכע אלעק-
סאנדער האט באלד פערנומען און בעפעסטיגט. כדי זיך צו פערזיכערען
נאך בעסער פאר די אויסערליכע פיינד, האט ער אויך בעפעסטיגט און

פערשטאַרקט די פעסטונגען אַלעקסאַנדריאָן און הירקאַניאָן אויף דער זייט ירדן און מכור אויף יענער זייט ירדן (129—128 פאַר'ן חורבן). די דאַמאָלסדיגע רוימישע שרים פלעגען פאַר געלד טהון אַלץ, וואָס מען האָט פון זיי פערלאַנגט: טיילמאָל פלעגען זיי שטיצען די פּאַרטיי, טיילמאָל — יענע, אַלץ איז געוועזען אָבהענגיג פון דעם, וועלכע פּאַרטיי עס האָט מעהר געגעבען. אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט דעריבער זיך נעגלויבט אַזוי זיכער אין לאַנד יהודה, אַז ער האָט אויך אַרויסגעגעבען מטבעות מיט גריכישער און רוימישער אויפשריפט: „קעניג אַלעקסאַנדער און כהן־גדול יונתן“.

ניט לאַנג אָבער האָט אַלעקסאַנדער זיך געקאָנט האַלטען אין ירושלים. אַנטיפּאַטער האָט זיך בעקלאָגט נעגען איהם ביים רוימישען שטאַטהאַלטער איבער סיריען, אולוס גאַביניוס, וועלכער איז געוועזען איינער פון די שרעקליכסטע דאַמאָלסדיגע רוימישע בעדריקער און געלד־אויספּרעסער. גאַביניוס האָט פער'משפּ'ט אַלעקסאַנדער'ן צום טויט, נאָר זיין מוטער האָט פיעל פאַר איהם זיך משתדל געוועזען און געבעטען און קוים גע'פּועל'ט, אַז ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען. אַלעקסאַנדער האָט געמוזט צוריק אומקעהרען זיך קיין רוים אין גלות. — כדי אָבער אָבצושוואַכען דאָס אידישע פאָלק, האָט גאַביניוס אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, צו פערניכטען די אחדות פון דער אידישער נאַציאָן, וועלכע איז אָהן דעם שוין אויך געוועזען גענוג אָבגעשוואַכט דורך די לעצטע חשמונאי'שע מלכים. דאָס לאַנד יהודה האָט מעהר ניט געדאַרפט זיין קיין פעראייניגטע מלוכה, וואָס זאָל האָבען איין פערוואַלטונג און איין געריכט, דעם הויכען בית־דין אין ירושלים. גאַביניוס האָט איינגעטיילט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה אין פינף פּראָווינצען (127 פאַר'ן חורבן), וואָס יעדע פון זיי האָט געדאַרפט האָבען אַ בעזונדערען פערוואַלטונגס־ראַט וועגען זייערע אינערליכע ענינים. דער דאָזיגער ראַט האָט געהייסען סנהדרין און האָט זיך געפונען אין אַ בעזונדערען אָרט. דער דרום־קאַנט פון לאַנד, אָדער דער צענטער יהודה, איז געוועזען איינגעטיילט אין פיער חלקים: ירושלים, גזרה (אויף יענער זייט ירדן), עמאוס אָדער חמת (אין גליל) און יריחו. דער גליל דאַגעגען, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז ניט אַזוי שטאַרק געוועזען, איז געוועזען נור איין חלק מיט דער הויפּטשטאָדט צפורי. אין שפּיץ פון יעדע'ן פון די פינף סנהדרין זענען געשטאַנען אידען, וועלכע זענען געוועזען ערגעבען צו רוים און זיי האָבען געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע פון די צדוקים, וואָס פאַר זיי איז גלייכער געוועזען צו האַלטען פעסט פאַר רוים.

אַזוי־אַרום האָט גאַביניוס כמעט גאָר מבטל געמאַכט דעם סנהדרין פון ירושלים און צוגענומען ביי איהם זיין גאַנצע מאַכט. אָבער חאָטש גאַביניוס האָט ריכטיג איינגעזעהען, אַז דער צענטער פון דער אידישער אחדות שטעקט אינ'ם סנהדרין, האָט ער דאָך אָבער געהאַט אַ טעות, מיינענדיג, אַז ער האָט געפונען דאָס ריכטיגע מיטעל מבטל צו מאַכען איהם. דער סנהדרין איז ניט געוועזען קיין מאָנאַרכישע אינסטיטוציע, וואָס איז

אײַנגעאָרדענט געוואָרען דורך אַבעפעהל פון אַמלך, נור ער האָט גע־
שטאַמט פון אידישען פאָלק און געהאַט פון איהם זײַן יניקה, דעריבער איז
ניט אַזוי לײַכט געווען איהם צו צוברעכען און צו פערניכטען זײַן גרויסע
השפעה אויפ'ן פאָלק. גאַביניוס האָט נאָר־וואָס דורכגעפיהרט די צוטײַלונג
פון אידישען לאַנד אויף פינף חלקים, און ער איז פלוצלונג דערוואַטערט גע־
וואָרען פון זײַן שטעלע דורך רוים. ווי נאָר אָבער ער איז אָבגעגאַנגען קײַן
רוים, איז פון זײַן קינסטליכער אײַנטײַלונג פונ'ם לאַנד נאָרנישט געוואָרען,
און הער סנהדרין האָט ווידער פערנומען זײַן הויכע שטעלע בײַ אידען.
ער איז געבליעבען דאָס האַרץ און דער מוח פון אידישען פאָלק, נור זײַן
מאַכט איז פאַראַליזירט געווען דורך דער אונגינסטיגער פאָליטישער לאַגע.
ווי עס שײַנט, האָט דער ירושלים'ער הויכער בית־דין ערשט אין יענער
צײַט בעקומען דעם נאָמען דער „גרויסער סנהדרין", כדי אונטערצושײַדען
איהם פון די פראָווינציעלע געריכטען פון די „דרײַ און צוואַנציג", וועלכע
האָבען געהײַסען דער „קלײַנער סנהדרין". קײַן פאָליטישע מאַכט האָט דער
סנהדרין מעהר ניט געהאַט, ווײַל די רוימער האָבען איהם אינגאַנצען צוגע־
נומען פאַר זיך. נאָך דעם טויט פון שמעון בן שטח זענען געוואָרען נשיאים
פון סנהדרין שמעיה און אַבטליון (Sameas und Pollion) אין די
מאַמרים, וועלכע זענען פון זיי געבליעבען, זעהט מען אַרוים די גאַנצע
טרויעריגע לאַגע פון יענער צײַט. שמעיה פלעגט תמיד זאָגען צו זײַנע
תלמידים: „זאָלסט ליעב האָבען די מלאכה און פײַנדט, האָבען דאָס הער־
שען (די רבנות) און זײַ ניט קײַן פרײַנד מיט דער וועלטליכער מאַכט"
(ד. ה. מיט די רוימער). אַבטליון פלעגט לערנען מיט זײַנע תלמידים:
„חכמים, זײַט פאָרזיכטיג אין אײַערע רייד, כדי מען זאָל אײַך ניט בע־
שטראָפען מיט גלות (פערשיקונג), אײַערע תלמידים וועלען דאַן מוזען גע־
העז מיט אײַך אין אַלאַנד פון אַפערדערבליכען אײַנפלוס (שלעכטע וואַ־
סערן) און ווען זיי וועלען זיך געפינען אונטער'ן דאָזיגען אײַנפלוס, וועט
נאָט'ס הײַליגער נאָמען דורך זיי פערשוועכט ווערען". אין פערלויף פון זײַ־
ער פינף און צוואַנציג־יעהריגער נשיאות (130—105 פאַר'ן חורבן), ווען די
פאָליטישע מאַכט פון סנהדרין איז אַלץ מעהר פון איהם צוגענומען געוואָ־
רען, האָבען זיי, ווי עס שײַנט, אָנגעווענדעט זײַער גאַנצע טעטיגקײַט, אויף דעם
אינערליכען אידישען לעבען. זיי האָבען געזאַמעלט אַרום זיך אַקרײַז פון
פיעל תלמידים, וועלכע זיי האָבען איבערגעגעבען זײַער תורה וועגען דעם,
ווי אַזוי מען דאַרף דאָס געזעץ אָבהיטען און פון וואַנען עס שטאַמט יע־
דעס געזעץ. צוליעב זײַער טיעפער בעשעפטיגונג מיט די געזעצען זענען
זיי אַזוי בעריהמט און אַנערקענט געוואָרען, אַז אין אַלע שפּעטערדיגע
דורות איז גענוג געווען צו דערמאַהנען זײַער נאָמען בײַ אַוועלכען עס איז
געזעץ, און אַלע האָבען עס אָנגענומען אָהן קײַן שום טענות: „אַט אַזוי
האָבען מיר בקבלה פון שמעיה און אַבטליון" — איז געווען דער בעסטער
בעווײַז, אַז די זאַך איז ריכטיג. אײַנער פון זײַערע גרעסטע און דאַנקבאַר־

סטע תלמידים (הלל הזקן) האָט זיי געגעבען אַ נאָמען: „די גדולים פון זייער צייט". מיט שמעיה און אַבטליון הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער טעטיגקייט פון די פּרושים: זיי בעשעפטיגען שוין זיך ווייניגער מיט פּאָליטישע ענינים און ווידמען זייער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט דער פאָרשונג פון דער תורה און דעם פערטיפען זיך אין איהר. שמעיה און אַבטליון האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט אַלס גרויסע דרשנים, דען זיי זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען געמאַכט פערשידענע דרשות אויף די פּסוקים פון דער תורה. מען קאָן זיך משער זיין, אַז די דאָזיגע תורה האָבען זיי געבראַכט מיט זיך פון אַלעקסאַנדריען אין מצרים, וואו זיי האָבען געזאָלט לעבען אַ געוויסע צייט, וועהרענד די רדיפות פון אַלעקסאַנדער־ינאַי געגען די פּרושים.

אין דער אידישער געשיכטע פון דער איצטיגער עפּאָכע בעגעגנט מען אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט נור אויפשטאַנדען געגען דער רוימישער געוואַלט־הערשאַפט און די אונגליקליכע פאָלגען דערפון: בעדריקונגען, רויבערייען, שענדונג פון בית־המקדש און אַלערליי רדיפות. די רוימישע שרים און זייערע מיטהעלפער האָבען די דאָזיגע שרעקליכע אונאָרדנונג, וועלכע האָט ביי די רוימער געהייסען אָרדנונג, געמאַכט פאַר אַ געוועהנליכע טעגליכע ערשיינונג. דעם געוועזענעם קעניג אַריסטאָבול מיט זיין זוהן אַנטיגאָנאָס איז אין יענער צייט געלונגען צו ענטלויפען פון רוים און קומען קיין יהודה. דער רוימישער יאָך האָט אַזוי שטאַרק געדריקט אידען, אַז זיי האָבען איצט בעגעגענט מיט אַ התלהבות'דיגער שמחה דעם געוועזענעם אידישען קעניג, וועלכען מען האָט פריהער גאָר ניט ליעב געהאַט. איצט האָט מען איהם בעגריסט, אַלס אַ רעטער אין דער נויט. יעדער איז געקומען איהם דיענען און עס האָט גאָר פערפעהלט געוועהר, כדי צו קאָנען בעוואָפענען אַלע פריוויליגע און מאַכען פון זיי קעמפפער געגען רוים. אַ אידישער הויפּטמאַן פּיטאָלאַאָס, וועלכער האָט ביז איצט געקעמפפט געגען אַריסטאָבול, איז איצט אַליין געקומען צו איהם און איהם געווידמעט זיין שווערד. אַריסטאָבול האָט געקאָנט צוזאַמענשטעלען אַן אַרמעע פון אַכט טויזענד מאַן, מיט וועלכער ער האָט קודם־כל געפּרובט בעפעסטיגען זיך אין אַלעקסאַנדריאָן און פון דאָרט אָנהויבען פיהרען אַ פּאַרטיזאַנישען קריעג געגען די רוימער, כדי זיי מיעד צו מאַכען דורך אונאויפהערליכע אָנפאַלען. אָבער זיין הייסער טעמפּעראַמענט האָט איהם ניט געלאָזט צורוה און געטריבען איהם צו אַן עפענטליכער מלחמה מיט די רוימער. דער רעזולטאַט פון דער מלחמה איז געוועזען פאַר איהם זעהר אַ טרויעריגער: איין העלפט פון זיין אַרמעע איז אויסגע'הרג'עט געוואָרען און די אַנדערע איז זיך צולאָפען. אַריסטאָבול האָט זיך אָבער ניט געוואָלט בייגען פאַר רוים; ער האָט פערזאַמעלט דעם רעשט פון זיין אַרמעע און זיך פערשלאָסען אין דער פעסטונג מכור, וואו ער האָט זיך גיך צוגעגרייט צו אַ נייער מלחמה. ווען אָבער די רוימער זענען צוגעקומען מיט זייערע בעלאַגערונגס־מאַשי־

נען, האט ער איינגעזעהען, אז ער וועט זיך ניט קאנען לאנג האלטען גענען זיי, און נאך א צווייטאגיגען קאמפף האט ער זיך אונטערגעגעבען און איז צום צווייטען מאל אבגעפיהרט געווארען מיט זיין זוהן קיין רוים אין געפאנגענשאפט (126 פאר'ן חורבן). אזא טרויעריגען סוף האט אויך געהאט א צווייטער אויפשטאנד, וועלכען ס'האט אונטערגענומען זיין זוהן אלעקסאנדער, וועלכער איז לויט גאביניוס'עס השתדלות ארויסגעלאזען געווארען פריי דורכ'ן רוימישען סענאט, אדער בעסער, דורכ'ן שטארק געווארענעם פאמפייאוס. קומענדיג קיין ארץ-ישראל, האט ער פערזאמעלט א גרויסע ארמעע, אבער אויך ער האט ניט פערשטאנען צו זיין פארזיכטיג, נאר ער האט מיט אימפעט און התלהבות זיך געווארפען אין אנ'עפענטליכע מלחמה מיט די רוימער נעבען בארג תבור, ארויספיהרענדיג זיין גאנצע ארמעע, לערך דרייסיג טויזענד מאן. דער רוימישער הויפטמאן גאביניוס האט איהם געבראכט א געוואלדיגע מפלה.

אין רוים איז דערווייל פארגעקומען א גרויסע איבערקעהרעניש. דריי מיכטיגע רוימישע שרים: יוליוס צעזאר, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין גרויסער חכמה, פאמפייאוס—דורך זיין בעריהמטקייט אין דער מלחמה, און קראסוס—דורך זיין געוואלדיגער עשירות, האבען זיך צוזאמענגערעדט און געשלאסען א בונד צו ברעכען די מאכט פונ'ם רוימישען סענאט און פונ'ם אדעל און פיהרען זאלבעדריט די ענינים פון דער רוימישער מלוכה. די דאזיגע דריי שרים, אדער טריאומווירראט (Triumvirat), האבען איינגעטיילט צווישען זיך אלע שענסטע לענדער, וואס האבען געהערט צו רוים, און יעדער פון זיי האט בעקומען זיין ווירקונגס-קרייז. קראסוס, וואס זיין גרויסע עשירות איז שוין אריינגעגאנגען אין א שפריכווארט, האט בעקומען סיריען און ממילא אויך דאס לאנד יהודה. אבער ניט אכטענדיג אויף זיין גרויסער רייכקייט, האט ער געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי צו בעקומען נייע גרויסע אוצרות, און דעריבער האט ער, געהענדיג מלחמה האלטען מיט די פארטהען, בכיון אנגעלעגט א שטיק וועג, כדי אריינצוקומען אויך קיין ירושלים און פערכאפען דארט די גרויסע אוצרות פון בית-המקדש. ער האט זיך אפילו ניט געשעמט אויך אפען צו ערקלערען, אז ער וויל ארויסנעהמען פון אוצר פון בית-המקדש די צוויי טויזענד טאלענטען, וועלכע פאמפייאוס האט ניט אנגעריהרט. כדי צו בערוהיגען זיין שרעקליכע תאוה נאך געלד, האט איהם דער פרומער כהן אלעזר, וועלכער איז געוועזען דער ממונה איבער'ן אוצר פון בית-המקדש, צוגעטראגען א מתנה א גאלדענעם באלקען, וואס האט געוואויגען דריי הונדערט מנה. קראסוס האט, פערשטעהט זיך, געשווארען, אז ער וועט דעם אוצר ניט אנריהרען. אבער וואס פאר א בעדייטונג האט געהאט פאר א רוימער א שבועה, ווען ער האט זי געשווארען פאר א אידען? ער האט פריהער צוגענומען דעם גאלדענעם באלקען און דערנאך אויך די צוויי טויזענד טאלענטען פונ'ם אוצר. אויסערדעם האט ער פערכאפט אלע גאלדענע כלים פון בית-המקדש, וועלכע

זענען ווערט געוועזען אַכט טויזענד טאַלענטען (124 פאַר'ן חורבן). מיט'ן דאָזיגען רויב פון בית-המקדש, ווי מיט נאָך פיעל אַנדערע, האָט קראַסוס זיך געלאָזט געהען אויף דער מלחמה געגען די פּאַרטהען. אָבער ביי'ם דאָזיגען פאָלק האָט שטענדיג די רוימישע מאַכט געהאַט אַ מפלה, ווען נור זי פלעגט איהם וועלען בעצווינגען. אויך דער גאָלד-דורשטיגער קראַסוס האָט געהאַט אַ געהעלדיגע מפלה און זיין הויפּטמאַן, קאַסיוס לאָנגינוס, האָט קוים געקאָנט צונויפזאַמלען אַ צעהנט-חלק פון זיינע הונדערט טויזענד סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט אַרויסגעשטעלט אין דער מלחמה. מיט אַ רעשט פון קנאַפּע צעהנטויזענד מאַן איז ער אַנטלאָפען צוריק קיין סיריען (123 פאַר'ן חורבן). די פּאַרטהען האָבען אויך ווייטער פערפאָלגט די צושלאָגענע רוימישע אַרמעע, און די סיריער, וועלכע זענען שוין אויך מיעד געוואָרען צו טראָגען דעם רוימישען יאָך, האָבען זיי דערין געהאָלפען בשתיקה. אויך פאַר דער אידישער נאַציאָן איז דער איצטיגער מאָמענט ערשיענען אַלס אַ גינסטיגער, אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם שענדליכען רוימישען יאָך, אָבער אין לאַנד איז איצט ניט געוועזען קיין איינציגער קעניגליכער פּרינץ, וואָס האָט געזאָלט קאָנען פערזאַמלען אַרום זיך דאָס אידישע פאָלק, און הורקנוס איז געוועזען אינגאַנצען איינגעפלאָכטען אין'ם נעץ פון אַנטיפּאַטער, וועלכער האָט געהאַלטען מיט רוים. און אָט האָט דער פריהער-דערמאַהנטער אידישער הויפּטמאַן, פּיטאָלאַאָס, אַליין פערזאַמעלט אַנ'אַרמעע און איז אַרויסגעטראָטען געגען קאַסיוס. ווי עס שיינט אָבער, איז עס שוין געוועזען אַזאַ בעשטימטע זאַך, אַז אידען זאָלען אין יעדען צוזאַמענשטויס מיט רוים האָבען די מפלה. דאָס אידישע מיליטער, וועלכעס האָט זיך איינגעשלאָסען אין דער פעסטונג טאַריכעאַ, נעבען ים טבריה, האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, און פּיטאָלאַאָס איז, לויט דער פאָדערונג פון אַנטיפּאַטער, פער'משפט געוואָרען צום טויט. דרייסיג טויזענד אידישע קעמפּפער זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען און פערקויפט געוואָרען פאַר קנעכט (122 פאַר'ן חורבן).

נאָך איין מאָל האָט אַ שיין געטהון די האָפנונג דעם געפאַנגענעם אַריסטאָבול אין רוים צוריק צו בעקומען זיין פאָטער'ס טהראָן און אומצוקעהרען דעם פעררעטערישען און שרעקליכען אַנטיפּאַטער צו זיין פריהערדיגער ניטיגקייט.——יוליוס צעזאַר, דער גרעסטער מענש, וועלכען רוים האָט אַרויסגעגעבען, איז אויפגעשטאַנען געגען דעם רוימישען סענאַט און האָט אויך געבראָכען זיין בונד מיט זיין פריהערדיגען חבר פּאָמפּייאוס. דער שטאַרקער קאַמפף צווישען ביידע רוימישע שרים האָט אָנגעצונדען דעם פייער פון מלחמה אויך אין די ווייטעסטע לענדער פון דער גרויסער רוימישער מלוכה. כדי אָבצושוואַכען פּאָמפּייאוס'עס איינפלוס, האָט יוליוס צעזאַר אַרויסגעלאָזען פריי דעם געפאַנגענעם אַריסטאָבול און איהם געגעבען צוויי לעגיאָנען מיליטער, ער זאָל אַרויסטרעטען פאַר איהם אין סיריען און אין לאַנד יהודה. אָבער די אָנהענגער פון פּאָמפּייאוס האָבען דעם געוועזענעם אידישען קעניג פער'סמ'ט אויפ'ן וועג און געמאַכט אַזוי-

צרום א סוף צו דער לעצטער האָפענונג פונ'ם אונגליקליכען אידישען פרינץ זיינע פריינד האָבען אריינגעלעגט זיין טויטען קערפער אין האָניג און, נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם געבראַכט קיין ירושלים, האָבען זיי איהם מקבר געווען אין די קברים פון די חשמונאים. זיין עלטסטער זוהן, אלעקסאנדער איז אין דערזעלביגער צייט דער'הרג'עט געוואָרען מיט א האַק דורך דעם רוימישען הויפטמאַן סציפּיאָ אויפ'ן בעפעהל פון פּאָמפּייאוס (119 פאר'ן חורבן). די נאָך איבערגעבליבענע פון אריסטאָבול'ס אונגליקליכער משפחה, זיין פרוי אלעקסאנדרא און זיין זוהן אנטיגאָנאָס האָבען געפונען שוץ ביים קעניג פון חאלצים Chalcis פּטאָלאָמייאוס, וואָס זיין זוהן פיליפּאָן האָט זיך פערליעבט אין אריסטאָבול'ס טאָכטער, אלעקסאנדרא, און האָט מיט איהר התונה געהאַט. אָבער פיליפּאָנ'ס פאָטער האָט מקנא געווען זיין זוהן די שענע אידישע פרוי. און, נאָכדעם ווי ער האָט איהם אליין דער'הרג'עט, האָט ער גענומען אלעקסאנדרא פאר זיך פאר א פרוי.

אויך דאָס לאַנד יהודה איז נישט געשוינט געבליבען אינ'ם גרויסען קאַמפּף צווישען יוליוס צעזאר און פּאָמפּייאוס; אפילו אויך די אידען. וועלכע האָבען אין רוים געוואָהנט, האָבען דעם דאָזיגען קאַמפּף אויף זיך געשפּירט. אָבער ארויסגעוויזען האָט זיך. אז די רעזולטאטען זענען געווען פאַר אידען פיעל גינסטיגערע, איידער מען האָט גקאָנט ערווארטען. אין קליין-אזיען זענען דאמאָלס געווען פיעל גרויסע אידישע קהלות, בעזונדערס אין עפעזוס, וועלכע איז געווען די דאַמאָלסדיגע הויפּט - שטאָדט פון אזיען, אין סאַרדעס, וועלכע איז געווען די פריהערדיגע הויפּטשטאָדט פון לידיען, אין פערגאַמוס און אין אַנדערע שטעדט. אין דער צייט, ווען יוליוס צעזאר האָט פערכאַפּט די ממשלה אין רוים, (119 פאר'ן חורבן, אָדער 49 פאַר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג) האָט דער קאָנסול לוציוס קאָרנעליוס לענטולוס ערהאלטען א בעפעהל פון פּאָמפּייאוס, צו זאמלען פאר איהם מיליטער. די אידען פון דער דאָזיגער פּראָווינץ האָבען אויך געדארפט געצוואונגען ווערען אריינצוטרעטען אין קריגס-דינסט. פאר זיי איז אָבער די זאך געווען דאָפּעלט שרעקליך. ערשטענס, איז זיי אויסגעקומען צו געהן שלאָגען זיך אָדער גערהרג'עט ווערען פאר פּאָמפּייאוס'ן, וועלכער איז געווען א פיינד פון אידישען פאָלק, דען ער האָט פערקנעכטעט דאָס לאַנד יהודה און געלאָזט אומברענגען צוויי אידישע מלכים פון השמונאי'שען הויז; צווייטענס, וואָלט זיי אויסגעקומען אין מיליטער צו ברעכען זייער רעליגיע — צו עסען טרפות און מחלל שבת זיין. די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אין עפעזוס, האָבען אָבער פערשטאנען, ווי אזוי אָבצווענדען די דאָזיגע געפאהר פון אידען.

ווען די רוימישע קריעגס-טריבונען אין עפעזוס, וואו עס האָט זיך אויך געפונען לענטולוס, האָבען געוואָלט נעהמען אין מיליטער די אידישע יונגעלייט און דערוואקסענע אידען. איז ארויסגעטראָטען דאָזיטעאָס, א זוהן פון קלעאָפּאַטרידאָס, פון אלעקסאנדריען. ווי עס שיינט, א איד, און האָט געגעבען פאָלגענדע ערקלערונג: די אידען זענען רוימישע בירגער און, לויט

זייער תורה, זענען זיי נאָך פון אַלטע צייטען אָן גערעכענט פאַר אַ פאָלק פון כהנים, פאַר פריעסטער, הייסט עס; לויט'ן רוימישען געזעץ אָבער, זענען די פריעסטער פריי פון מיליטער. פאַר די בעפרייאונג פון אידען פון קריעגסדיענסט האָט זיך אויך שטאַרק משתדל געווען אויף אַ וואונדערליכען אופן דער רוימישער לעגאַט טיטוס אַמפּיוס באַלבוס, וועלכער האָט אַליין נעדאַרפט צוזאַמענעהמען דאָס מיליטער. ער האָט גע'פועל'ט ביים רוימישען קאָנסול, אַז מען זאָל בעפרייען די אידען פון קליין-אַזיען פון מיליטער און מודיע זיין וועגען דעם עפענטליך דורך אַ בעפעהל (19 סעפּטעמבער 49 פאַר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג). דער דאָזיגער אידען-פריינד האָט זיך אַליין בעאײַלט צו פערעפענטליכען אויף צומאָרגענס דעם עדיקט (בעפעהל) וועגען דעם. אויף אַזאַ אופן זענען אויך די אידען אין סאַרדעס און אויף דער אינזעל דעלאָס (Delos) בעפרייט געוואָרען פון מיליטער מיט אַ האַלב יאָהר שפּעטער. די אידישע קהלה אין סאַרדעס האָט נאָך אויסערדעם אויך בעקומען ביים קוועסטאָר און פּראָקאָנסול לוציוס אַנטאָניוס אַנ'עדיקט, לויט וועלכען עס זענען בענייט געוואָרען זייערע אַלטע זכיות אייַנצואָרדנען רעליגיעזע פערזאַמלונגען, האַלטען אייגענע געריכטען און, בכלל, צו האָבען פאָלקאָמע רעליגיאָנס-פרייהייט.

אַנטיפּאַטער דאַגעגען, וועלכער האָט דערגרייכט די מאַכט דורך פּאָמפּייאוס'ן, האָט קיין אויגענבליק זיך ניט געוואַקעלט און אונפערשעמט געשיקט אידיש מיליטער צו העלפען פּאָמפּייאוס'ן אין זיין מלחמה ביי פאַרזאַלוס געגען צעזאַר'ן, וואו עס האָט געדאַרפט ענטשיעדען ווערען, ווער עס וועט געוועלטיגען אין רוים: יוליוס צעזאַר, אָדער פּאָמפּייאוס. ווי נור אָבער דאָס גליק האָט זיך אָבגעווענדעט פון דעם לעצטען און ער איז אין מצרים געפאַלען דורך אַ שענדליכען טויט, האָט דער אונפערשעמטער אדום'ער אינטריגאַן, אַנטיפּאַטער, ניט געמאַכט קיין שהיות און געשיקט דאָס אידישע מיליטער צו הילף זיין פריהערדיגען געגנער, צעזאַר'ן, כדי צו שטיצען איהם געגען די אַנהענגער פון פּאָמפּייאוס. אין דער געפעהרליכער לאַגע, אין וועלכער צעזאַר האָט זיך געפונען אין מצרים ניט האָבענדיג קיין געהעריגע גרויסע אַרמעע, אָהן ידיעות פון רוים, אינמיטען דער פיינדליכער בעפעלקערונג, האָט אַנטיפּאַטער אַרויסגעוויזען פאַר איהם זעהר אַ ריהרענדיגע טעטיגקייט: ער האָט אָנגעגרייט פּראָוויאַנט פאַר'ן מיליטער, וואָס עס האָט צעזאַר'ן געשיקט צו הילף מיטרידאַטעס, דער קעניג פון פּערגאַמוס; ער האָט איהם פערזאָרגט מיט אַלע זיינע בעדערפענישען און האָט איהם אויך געבראַכט דריי טויזענד אידישע סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט פעראייניגט מיט דער אַרמעע פון מיטרידאַטעס און געהאָלפען איינעהמען פּעלוזיום; ער האָט אויך איינגערעדט דאָס אידישע מיליטער פון דער פּראָווינץ חוניון, אַז עס זאָל ווערען אונטערטעניג דעם מצרים'ער קעניג, דעם לעצטען פון די פּטאָלאָמעער, ווייל ער האָט זיי פאָרגעלעזען בריעף פון'ם קעניג הורקנוס און פון כהן-גדול, וועלכע האָבען זיי, כלומר'שט, געראַטע,

צו שטיצען יוליוס צעזאַר. ער האָט בכלל פיעל מיטגעווירקט, אַז צעזאַר זאָל אָבהאַלטען אַ נצחון איבער זיינע פיינד. פאַר זיין דאָזיגען דיענסט האָט דער שטאַרק געוואָרענער צעזאַר איהם בעשאָנקען דערמיט, וואָס ער האָט איהם געגעבען דאָס רעכט פון אַ רוימישען בירגער און בעפרייט פון אַלערליי אָבצאָהלונגען איהם און זיין משפחה; אויסערדעם האָט ער איהם בעשטימט פאַר אַ הערשער איבער'ן לאַנד יהודה. איצט האָט ער זיך שוין מעהר ניט גענויטיגט אין הורקנוס'ן און האָט זיך אַליין בעטראַכט גאַנץ ערנסט פאַר זיינעם אַ בעל-טובה, דען הורקנוס איז שוין איצט געווען אָבהענגיג פון איהם. אומזיסט האָט דער לעצטער זוהן פון אַריסטאָבול זיך בעמיהט צו געווינען פאַר זיך דעם מעכטיגען יוליוס צעזאַר; אומזיסט האָט ער זיך ביי איהם געבעטען און דערמאַהנט, אַז זיין פאָטער און ברודער זענען אומגעקומען אין דיענסט פאַר איהם, פאַר צעזאַר'ן, וועהרענד הורקנוס און אַנטיפאַטער האָבען געדיענט זיין פיינד, פאָמפּייאוס'ן. אַנטיפאַטער האָט בעוויזען צעזאַר'ן די וואונדען, וואָס ער האָט בעקומען אין דער לעצטער מלחמה פאַר איהם, פאַר צעזאַר'ן, און איז געבליעבען אין זיינע אויגען דער גערעכטער. דער גרויסער צעזאַר איז געווען אַ טיעפער מבין אויף אַ מענשליכען כאַראַקטער, און ער האָט ערקענט אין אַנטיפאַטער'ן אַן'ענערגישען און ערגעבענעם קנעכט; וועגען דער גערעכטיגקייט, וועגען יושר און אמת, אויף וועלכע עס האָט אָנגעוויזען אַנטיגאָנאָס, האָט ער זיך וועניג וואָס געקימערט. — פון געפעליגקייט וועגען פאַר אַנטיפאַטער'ן האָט ער בעשטעטיגט הורקנוס'ן פאַר אַ כהן-גדול און אַן'עטנאַרך (אַ נשיא) איבער'ן לאַנד יהודה; אויך דעם לאַנד יהודה האָט ער געמאַכט אייניגע הנחות: ער האָט ערלויבט אָבצובויען צוריק די מויערן פון ירושלים און האָט אָבגעגעבען צוריק דעם לאַנד יהודה אייניגע קאַנטען, וועלכע האָבען איהם פריהער געהערט, נעמליך: פיעל שטעדט אין'ם טהאָל יזרעאל, די שטאָדט לוד און אַנדערע. צעזאַר האָט אויך בעפרייט אידען פון דער התחייבות צו געבען ווינטער-וואָהנונגען פאַר'ן רוימישען מיליטער; דאָך האָבען די גוטבעזיצער אַ יאָהר איבער אַ יאָהר אָבגעגעבען אַ פיערטעל-חלק פון זייערע הכנסות פאַר די רוימישע סאָלדאַטען און דעם דאָזיגען אָבצאָהל האָט מען געמוזט אָבשיקען קיין צידון. נאָר אין'ם שמיטה-יאָהר זענען זיי פריי געווען פון'ם דאָזיגען שווערען אָבצאָהל, ווייל דאַמאָלס האָט מען די פעלדער ניט בעאַרבייט. און דאָס איז נאָך ניט געווען דער איינציגער אָבצאָהל, וואָס זיי האָבען געמוזט געבען: אַ צעהנט-חלק פון זייערע הכנסות האָבען די אידישע לאַנד-אַרבייטער יעהרליך געמוזט געבען הורקנוס'ן, כדי ער זאָל האָבען זיין אויסקומעניש בכבוד, און אויך דעם דאָזיגען אָבצאָהל האָט יוליוס צעזאַר בעשטעטיגט.

דער קלוגער אַנטיפאַטער האָט איינגעזעהן, דאָס מען דאַרף זיך נישט פערלאָזען בלויז אויפ'ן חסד פון יוליוס צעזאַר, וועלכער איז דורך זיין גליק און געוויסע גינסטיגע אומשטענדען אַזוי דערהויבען געוואָרען. יוליוס צעזאַר

האָט נעהאַט פֿיעל פֿיינד — די אָנהענגער פֿון פּאָמפּייאוס און די רעפּובּלי־
קאָנער — און ווען אָט די פֿיינד זאָלען זייערע בחות אָנשטרענגען קאָן נאָנץ
מעגליך פּאָרקומען, אַז יוליוס צעזאַר זאָל פּלוצלונג האָבּען אַ מפּלה. וואָס
זשע וועלען אָבער האָבּען דאַן פֿאַר אַ ממשות אַלע הנחות, וועלכע ער
האָט געמאַכט דעם לאַנד יהודה און הורקנוס'ן! אַנטיפּאַטער האָט דעריבּער
בּעשלאָסען צו פּועל'ן, אַז די אַלע הנחות זאָלען בּעשטעטיגט ווערען דורכ'ן
רוימישען סענאַט און דורך אַ בּעשלוס פֿון רוימישען פֿאָלק; דער דיקטאַטאָר
יוליוס צעזאַר קאָן לייכט פֿערשווינדען. אָבער אַ בּעשלוס פֿון רוימישען
סענאַט, דערצו נאָך בּעקרעפֿטיגט דורך אַ בּעשלוס פֿון פֿאָלק, — דאָס וועט
בּלייבּען אויף שטענדיג. צעזאַר איז געווען גוט געשטימט פֿאַר אַנטיפּאַטער
און איהם איז נאַנץ לייכט געווען צו בּעקומען פֿאַר אידען אַזאַ בּעשלוס
פֿון סענאַט. ווי אַזוי ברענגט מען אָבער דערצו, אַז דער אַליינהערשענדער
צעזאַר זאָל זיך אָבּגעבּען מיט די אידישע ענינים אין אַ מאָמענט, ווען ער
איז אַזוי שטאַרק פֿערנומען מיט'ן איבּערמאַכען די רוימישע קאָנסטיטוציע,
צו פֿערענדערן אַ רעפּובּליק אין אַ זעלבּסטהערשענדע אימפּעריע, און דער־
צו נאָך ווערענד ער האָט צו פֿיהרען אַ קאַמף געגען זיינע פֿיעל פֿיינד?
אַנטיפּאַטער האָט בּעשלאָסען בּעסער זיך צו ווענדען צו די פֿריינד פֿון יול
יוס צעזאַר. הורקנוס'ן אין ירושלים האָט אַנטיפּאַטער בּעפֿוילען צו זאַמלען
וואָס מעהר געלד און צו שיקען איהם קיין רוים אויף צו געבּען מתנות
צעזאַר'ס פֿריינד. די דאָזיגע גרויסע מתנות האָט אָבער אַנטיפּאַטער איבּער
געגעבּען ניט אינ'ם נאָמען פֿון הורקנוס, נור אינם אייגענעם נאָמען, צע־
זאַרס אונטערגעקויפֿטע פֿריינד האָבּען בּאַלד אויפֿגעטהון אַלץ, וואָס אַנטי־
פּאַטער האָט פֿערלאַנגט. דער רוימישער סענאַט האָט בּעשטעטיגט אַלע הנחות
וועלכע יוליוס צעזאַר האָט געמאַכט דעם לאַנד יהודה; ער האָט אָנערקענט:
אַז די אידען זענען פֿריינד און פֿערבּינדעטע פֿון רוים און אַז הורקנוס האָט
שוין פֿריהער בּעוויזען גרויסע דיענסטען אויפֿצוטהון פֿאַר רוים און פֿאַר'ן
קייזער; אַז איהם און זיינע קינדס־קינדער געהערט אויף אייביג די כהונה
גדולה, ווי אויך צו זיין אידישער עטנאַרך, אָדער נשיא; אויך די נשיאות
לאָזט ער איבּער בּירושה פֿאַר זיינע קינדס־קינדער; ער האָט אויך דאָס
רעכט צו בּעשיצען אַלע אידען, וועלכע וואָהנען ניט בּלויז אין יהודה, נור
אויך אין אַלע אַנדערע לענדער און פּראָווינצען, וועלכע געהערען צו רוים;
איהם געהערט דאָס רעכט צו בּעשליסען ווענען דער פֿראַגע, וואָס מען
דאַרף פֿעסטשטעהען אונטער דער רעליגיאָנס־פֿרייהייט, וועלכע רוים האָט
איבּעראַל געגעבּען אידען; דער נשיא הורקנוס, ווי אויך אַלע זיינע קינדער
און קינדס־קינדער און זייערע געזאַנדטע, דאַרפֿען אויפֿגענומען ווערען אין
רוים מיט אַ פֿאָלקאָמענעם כבוד און האָבּען אַנ'עהרענפּלאַץ אויף די עפֿענט־
ליכע פֿאָרשטעלונגען פֿון די גלאַדיאַטאָרען, אָדער בּיי די קאַמפֿפֿען פֿון די
חיות אין רוימישען צירק; אַלע קאַנטען, וועלכע זענען איצט איבּערגעגאַנ־
גען צום לאַנד יהודה, דאַרפֿען געהערען איהם אויף שטענדיג און דאָס

לאנד ווערט אויך בעפרייט פון קריעגס-אבצאהלונגען, אדער געלד-אויספרעסונגען, ווי אויך פון דער התחייבות אויסצוהאלטען ווינטער-קווארטירען פאר'ן רוימישען מיליטער; אז די אידישע געזאנדטע אין רוים דארפען בעקומען מתנות, גלייך מיט די אורחים און געזאנדטע, וועלכע קומען אהין פון אנדערע פעלקער און לענדער, וואס זענען פערבונדען, און, ענדליך, אז דער טעקסט וועגען אט די אלע אידישע הנחות און זכויות דארף אויסגעקריצט ווערען אויף א קופערנעם טאוועל אין דער לאטיינישער און גריכישער שפראכען און ארויסגעשטעלט ווערען אין רוים אין קאפיטאל און אין די טעמפלען אין צידון און אשקלון.

דער דאזיגער בעשלוס פון סענאט לטובת די אידען איז אויך בעשטעטיגט געווארען דורכ'ן רוימישען פאלק גאנץ לייכט, ווייל יוליוס צעזאר אליין האט דאס פערלאנגט. אט די אלע הנחות און זכויות פאר'ן לאנד יהודה און דעם נשיא הורקנוס האבען אין דער ווירקליכקייט געבראכט פיעל נוצען אנטיפאטער'ן, וועלכער איז געוועזען דער פאקטישער הערשער איבער'ן לאנד יהודה. פאר די אידען ווידער, וועלכע האבען געוואהנט ניט אין ארץ-ישראל, נור אין די פיעל מדינות פון דער גרויסער רוימישער מלוכה, זענען צעזאר'ס הנחות געוועזען אנ'אמת'ע ישועה.

בכלל איז דער שעפפער פון דער אימפעריע, יוליוס צעזאר, געוועזען זעהר פריינדליך פאר אידען, אדער ער האט געוואלט מאכען די אידען פאר זיינע פריינד, ווייל ער האט זיך אויף זיי געקאנט בעסער שטיצען, צוליעב זייער געטרייען כאראקטער, איידער אויף די ווינדיגע גריכען אין די גריכיש-שפרעכענדע פראווינצען, וועלכע האבען שטענדיג געזוכט נור א געלעגענהייט צו בונטען און מהומות. פאר די אידען פון אלעקסאנדריען אין מצרים האט יוליוס צעזאר, אלס דאנק פאר זייער געטרייען דיענסט, בעשטעטיגט אלע זייערע אלטע פריווילעגיען און פרייהייטען, וועלכע זיי האבען געהאט צוגלייך מיט די גריכען; צווישען די דאזיגע זכויות איז אויך געוועזען דאס רעכט צו ווערען רעגירט דורך אנ'איינענעם נשיא (עטנארך, אדער אראב-ארך) און צו משפט'ען זיך אליין ביי אידישע ריכטער, וועלכע געפינען זיך אונטער'ן רשות פונ'ם נשיא. די פריווילעגיען פון די אלעקסאנדרינישע אידען האט יוליוס צעזאר בעפוילען אויסצוקריצען צום אייביגען אנדענקען אויף א הויכען סלופ. דאס רעכט צו שיקען געלד-זאמלונגען קיין ירושלים פאר'ן בית-המקדש, געגען וועלכעס מען האט פריהער דערוועקט א פראטעסט, ווייל מען טאר ניט ארויספיהרען פון רוימישע פראווינצען קיין געלד אין אויסלאנד — דאס דאזיגע רעכט האט יוליוס צעזאר אויך בעשטעטיגט דורך א בעזונדערן עדיקט. די אידען, וועלכע האבען געוואהנט אין קליין-אזיען צוזאמען מיט די גריכען, וואו די לעצטע פלעגען ארויסטרעטען געגען דער אידישער רעליגיאנס-פרייהייט, האט צעזאר בעשיצט, לויט די אלטע רעכטע: אום שבת טארען זיי ניט גערופען ווערען צום געריכט; זיי מעגען איינארדנען פערזאמלונגען — ניט-אידען איז דאס

געוועזן פערבאָטען, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר אַן'אויפשטאַנד—און ענדליך, איז זיי ערלויבט צו בויען שוהלען און בכלל ערפילען אַלע מנהגים פון זייער גאָטעסדיענסט אונגעשטערט. (117—114 פאַר'ן חורבן, אָדער 47—44 פאַר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

און ווען די אידישע פיינד, די גריכען און קליין־אַזיען, פלעגען אָנהויבען שטערען אידען אין דער פרייער ערפילונג פון זייערע רעליגיעזע דינים און מנהגים און די אידען פלעגען ניט קאָנען דערשלאָגען זיך צו קיין גערעכטען משפט ביי די רוימישע הויכע בעאַמטע און ריכטער (פראָקאָנסולען און פרעטאָרען) ווייל זיי זענען געווען אונטערגעקויפט דורך די גריכען, פלעגען אידען זיך ווענדען מיט זייער אָנקלאַגע צו הורקנוס'ן, און ער פלעגט דורך זיין געזאַנדטען שיקען אַ פאָדערונג צום רוימישען שטאַטהאַלטער, אַז ער זאָל געטריי זיין דעם רוימישען געזעץ, וואָס איז בעשטעטיגט געוואָרען דורכ'ן קייזער און דעם סענאַט, לויט וועלכען אידען האָבען פאָלקאָמע רעליגיאָנס־פרייהייט. צוליעב אַזאַ שליחות פון הורקנוס'ן האָט בעפוילען איין פראָקאָנסול די איינוואָהנער פון לאַאָדיצעאַ אין פריגיען און פון טראַלעס אין קאריען, אַז זיי זאָלען ניט שטערען די אידען אין'ם אָבהיטען זייער שבת און זייערע אַנדערע רעליגיעזע געזעצען. די גריכען אין מילעט און פאַריום האָבען איינמאָל געוואָלט אָנווענדען שמד־גזרות אויף אידען און געצוואונגען זיי מחלל שבת צו זיין, ווי אויך ניט געלאָזען פערזאַמלען זיך, כדי אָבצוהאַלטען תפלה בצבור; אָבער איין שאַרף וואָרט פון רוימישען שטאַטהאַלטער, וועלכער האָט געוואוסט, אַז יוליוס צעזאַר וויל טהון אידען גוטס, איז גענוג געווען, כדי אָבצוהאַלטען די גריכען אין זייער אונדולדזאַמקייט געגען אידען, און זיי האָבען שוין אידען געלאָזט צו רוה. אין אַנדערע שטעדט האָט מען גאָר ניט געדאַרפט אָנווענדען אַזעלכע צווינגענדע מיטלען אויך; ס'איז גענוג געווען, אַז אידען זאָלען אַליין ערקלערען זייערע רעכטע דער גריכישער בעפעלקערונג, און מען האָט זיי שוין נעלאָזען צורוה. אַזוי האָבען די איינוואָהנער פון דער שטאָדט סאַרדעס נעגעבען די אידען אומזיסט אַ פלאַץ אין שטאָדט, כדי צו בויען דאָרט אַ גרויסע שוהל (Proseuche), און די בעאַמטע, וואָס זענען געווען אויפגענומען איבער די מערק, זענען מחויב געווען צו זאָרגען, אַז די אידען זאָלען קענען בעקומען כשר'ע עסענוואַרג צו קויפען, לויט'ן אידישען דין. דער אידישער נשיא הורקנוס, וועלכער איז ביי זיך אין דער היים, אין ארץ־ישראל, געווען ניט מעהר ווי אַ שאָטען פון אַ הערשער, איז געווען פאַר די אידען אין פרעמדע לענדער אַ שטאַרקער בעשיצער שוין דורך זיין נאָמען אַליין.

ווי עס שיינט, האָט יוליוס צעזאַר אַרויסגעוויזען זיינע וואָהלטאַטען אויך פאַר דער אידישער קהלה אין רוים, דען די רוימישע אידען האָבען שטענדיג שטאַרק געעהרט זיין אָנדענקען, אפילו לאַנג נאָך זיין טויט. טעהרענד ער האָט אין רוים פערבאָטען אַלע בירגערליכע פערזאַמלונגען,

ווייל ער האָט חושד געווען. דאָס מען וועט דאָרט אַברעדען צו מאַכען
אַנ'אויפשטאנד געגען איהם און זיין מאָנאַרכיסטישען רעזשים, האָט ער אי=
דען ערלויבט איינצואָרדנען אַלערליי רעליגיעזע פערזאַמלונגען. די אידען
האָבען אָבער אויפגענומען די דאָזיגע פרייהייטען, וועלכע מן האָט זיי גע-
געבען, אָהן א בעזונדערע התפעלות, ווייל זיי האָבען געזעהן אין זיי בלויז
אַ חסד, ווערענד זיי האָבען פערלאַנגט נישט קיין חסד, נור גערעכטיגקייט.
די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אין חוץ=לאָרץ, האָבען געקאָנט בענשען
צעזאַר'ס נאָמען פאַר זיינע חסדים צו זיי; אין ארץ=ישראל אָבער האָט מען
זיך צו איהם בעצויגען אַנדערש; פאַר די אָרטיגע אידען איז ער געווען
קודם כל אַ רוימער און אַ בעשיצער פונ'ם אדומ'ער אינטריגאַן, אַנטיפאַ=
טער. ווען עס זענען פערעפענטליכט געוואָרען אין ירושלים צעזאַר'ס חסדים
פאַר אידען, האָט קיין איינציגע שטימע זיך נישט געפונען, וואָס זאָל זיי בע=
גריסען; קיין שום פייערליכקייט, קיין סימן פון צופרידענהייט האָט דאָס
אידישע פאָלק נישט ארויסגעוויזען. דאָס פאָלק האָט געקוקט אַזוי אונצופרי=
דען און פינסטער אויף אלע געשעהענישען, אַז אַנטיפאַטער האָט זיך גע-
זעהן געצוואונגען צו סטראַשען דער אונצופרידענער בעפעלקערונג מיט זיין
אייגענעם כעס, מיט'ן כעס פון הורקנוס און פון יוליוס צעזאַר.

אין יענער צייט האָבען זיך צוריק פערזאַמעלט די צושפרייטע קעמפ=
פער פון דער לעצטער מחנה פון אַריסטאָבול און זיך פראייניגט אויף
די בערג אין גליל אונטער דעם הויפטמאַן חזקיה. אין דער מחנה זענען
אויך געווען פיעל אידען, פון ירושלים. די דאָזיגע מוטיגע מחנה פלעגט
אַנפאַלען אַף אַלע מעגליכע ערטער אויף די פרעמדע פעלקער. אויף די
רוימער און סיריער. וועלכע האָבען זיך אַריינגעריסען אין לאַנד יהודה!
ברענגענדיג שאָדען די רוימער, וואו זי האָט נור געקאָנט, האָט די מחנה
ניר געוואָרט אויף אַ גינסטיגע געלעגענהייט, כדי אויפצוהויבען די פאָהן
פון אַנ'אויפשטאנד געגען רוים. די רוימער האָבען, נאַטירליך, אַנגערופען
די מחנה אַ „רויבערבאַנדע" און חזקיה'ן האָבען זיי גערופען רויבער=הויפט-
מאַן; די אידען האָבען אָבער געקוקט אויף דער דאָזיגער מחנה גאָר אַנ=
דערש: זיי האָבען געהאַלטען איהרע מיטגליעדער פאַר גבורים, וועלכע
נעהמען נקמה פאַר'ן אידישען כבוד און דער גערויבטער פרייהייט.

א שטאַרקע אויפרעגונג האָט דערוועקט אין יהודה ביי אלע אידישע
פאַטריאָטען דאָס, וואָס אַנטיפאַטער האָט איינגעטיילט די פערוואַלטונג פון
אידישען לאַנד צווישען זיינע זיהן. פון זיינע פיער זיהן, נעמליך, וועלכע
עס האָט איהם געבוירען זיין פרוי קפרוס, די טאָכטער פון אַראַבישען קע-
ניג, האָט ער דעם עלטערן, פזאל, בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער
ירושלים און יהודה, און דעם צווייטען, ה ו ר ד ו ס, וועלכער איז דאַמאָלס
אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָהר — פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער דעם
גליל.

דער דאָזיגער יונגערמאַן איז געוואָרען דער שוואַרצער טייוועל פאַר

דער אידישער נאציאן און עס האט אויסגעוויזען, אז ער איז נור דערצו געבוירען געווארען, כדי צו בינדען דעם אידישען פאלק אלע זיינע אברים און אזוי־ארום ארויסווארפען עס פאר די רוימער, אז זיי זאלען קאנען איהם שטעלען זייער פוס אויף זיין נאקען. ווי א שווערער פינסטערער וואלקען, האט געווארפען הורדוס זיין שאטען אויפ'ן אידישען לעבען באלה פון זיין ערשטען ארויסטריט. זייענדיג געטריי דער אינטריגאנטען־פאליטיק פון זיין פאטער, האט ער פון דער ערשטער מינוט אן אנגעהויבען קנעכטיש צו חנפ'ענען די רוימער און בעליידיגען דאדורך אויף שריט און טריט דעם אידישען כבוד. כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון פרעמדע הערשער איבער'ן אידישען לאנד, האט ער אונטערגענומען א מלחמה קעגען חזקיה מיט זיין מחנה, האט איהם גענומען געפאנגען און, ניט מאכענדיג קיין שום אויספארשונג, האט ער געהייסען זיי אבהאקען די קעפ. די סירער און רוימער האבען הורדוס'ן, נאטירליך, שטארק געדאנקט פאר זיין דאזיגער טהאט און האבען איהם געקרוינט מיט'ן נאמען „דער בעצווינגער פון די רויבער", — וויל די רוימער האבען בכלל אנגערופען „רויבער" אלע אידישע פאטריאטען, וואס זענען געגען זיי ארויסגעטראטען. — סעקסטוס צעזאר, דער קרוב פון יוליוס צעזאר, וועלכען ער האט בעשטימט פאר א שטאטהאלטער אין סיריען, האט פאר דער דאזיגער טהאט שטארק געריהמט הורדוס'ן און איז פאר איהם געווארען זעהר גנעדיג, אבער די פריינד פון אידישען פאטערלאנד האבען שטילערהייד געטרויערט; מיט שרעק האבען זיי איינגעזעהען, אז פונ'ם שלאנגען־נעסט פון אנטיפאטער זענען ארויסגעקראכען גיפטיגע שלאנגען־קינדער און אט די קינדער שטייגען נאך אריבער זייער פאטער אין אונפערשעמטקייט, חוצפה און פערדארבענהייט. אידען האבען געשפירט, אז ווען מען וועט נור געבען די זיהן פון אנטיפאטער די פרייהייט צו טהון, וואס זיי וועלען פערלאנגען, וועט די אידישע נאציאן דורך זיי אבלויפען מיט בלוט. די יסורים, וואס עס האט געליטען דער נשיא הורקנוס און די אידישע נאציאן דורך זייער שפלות נעגען די אדומים, אנטיפאטער מיט זיינע זיהן, האט געגעבען מוט איינינע אנגעזעהענע אידען אויפמערקזאם צו מאכען דעם נשיא הורקנוס אויף זיין טרויעריגער און שפל'דיגער לאגע. זיי האבען דעם שוואכען מאן ערקלערט, ווי זיין כבוד, אלס נשיא, איז בלויז א פוסטער קלאנג געווארען, דען די פאקטישע מאכט געפינט זיך אין די הענד פון אנטיפאטער מיט זיינע זיהן, העלכע וועלען איננינכען איהם אליין אויך אנהויבען דיקטירען זייער ווילען, וואס וועט האבען די בעדייטונג פון א געזעץ. זיי האבען איהם אנגעוויזען אויף די מעשים פון הורדוס'ן, וועלכער האט אויסגעהרג'עט חזקיה מיט זיינע חברים אהן קיין שום משפט. די דאזיגע רייד וואלטען אבער אויף דעם שוואכען הורקנוס קיין איינדרוק ניט געמאכט, ווען עס וואלטען ניט געקומען די מוטערס פון די דער'הרג'עטע און ניט צוריסען זיין הארץ מיט זייער יאמערגעשריי. ווען נור הורקנוס פלעגט זיך בעווייזען אין בית־

המקדש, פלעגען זיי זיך ווארפען איהם צו די פיס און מיט יאמערען אין קלאגען איהם בעשווערען, אז ער זאל ניט לאזען אונבעשטראפט דעם טויט פון זייערע קינדער.

דאס שוואכע הארץ פון הורקנוס האט ניט געקאנט ביישטעהן געגען די יאמער־געשרייען פון די פער׳יתום׳טע פרויען; ער האט געגעבען א בעפעהל דעם סנהדרין צו פאדערן הורדוס׳ן צום געריכט. דער סנהדרין האט תיכף געגעבען א בעפעהל צום יונגען הורדוס. אז ער זאל זיך שטעלען פאר׳ן געריכט אין בעשטימטען טאג און געבען אן ערקלערונג, ווי־אזוי ער האט זיך ערלויבט אויסצוהרג׳ענען חזקיה׳ן מיט זיין מחנה. הורקנוס אליין האט געהארפט אויך טיילנעהמען אין דער זיצונג פון סנהדרין, ווען מען האט געדארפט אנטיפאטער׳ס זוהן משפט׳ן. אנטיפאטער האט אבער באלד מודיע געווען זיין זוהן, אז געגען איהם האט זיך אנגעזאמעלט זעהר פיעל שנאה אין פאלק, און איהם געראטען קומען קיין ירושלים ניט אנדערש, ווי מיט א שטארקער לייבוואך, אבער ניט קיין צו־גרויסע, כדי ניט צו דערוועקען ביי הורקנוס א חשד, אז ער מיינט צו מאכען אן׳אויפשטאנד. הורדוס האט זיך געשטעלט צו דער בעשטימטער צייט פאר׳ן סנהדרין, אבער אין דער בעגלייטונג פון בעוואפענטע מענשען, און דערביי האט ער אויך געבראכט א בריעף פון סעקסטוס צעזאר צו הורקנוס, אין וועלכען דער רוימישער שטאטהאלטער ערקלערט, אז קיינער זאל זיך ניט דערוועגען אנצורירען זיין בעליעבטען הורדוס, און הורקנוס׳ן אליין האט ער געמאכט פעראנטווארטליך דערפאר. די בעפעלקערונג פון ירושלים האט ערווארטעט דעם טאג פונ׳ם משפט אין זעהר א נערוועזער שטימונג. ווען די מיטגליעדער פון הויכען געריכט, פון סנהדרין, האבען ענדליך אין בעשטימטען טאג פערנומען זייערע שטולען אין געריכטס־זאל, איז ערשיענען פאר זיי הורדוס אין א פורפורנעם מאנטעל*), בעוואפענט און אין דער בעגלייטונג פון בעוואפענטע סאלדאטען, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט. ארויסגעטראטען איז הורדוס שטאלץ, ווי ער וואלט. א שטירגער, ארויספאדערן די ריכטער צום קאמפף. ביי דער דאזיגער אונגעוועהנליכער ערשיינונג זענען די ריכטער מייסטענס שטארק דערשראקען געווארען, און יענע ריכטער, וועלכע זענען בעזונדערס אויפגערעגט געווען פריהער געגען איהם, האבען איצט ניט געוואגט די אויגען אויפצוהויבען. אפילו הורקנוס אליין איז נשתומם געווארען, זעהענדיג אזא עזות. אין געריכטס־זאל האט געהערשט א טויטע שטילקייט, און צווישען אלע ריכטער האט זיך געפונען נאר איין איינציגער, וועלכער האט מיט א מוטיג ווארט געוואלט אבראטעווען דעם פער־

*) דער פורפור איז פון אייביג־אן גערעכענט געווען פאר א סימן פון מלכות, און פורפור־קליידער האט קיינער, אויסער דעם קעניג, ניט געטארט טראגען.

שוועכטען כבוד פונ'ם הויכען געריכט. דאָס איז געווען דער נשיא פון סנהדרין שמעיה, אבטליונ'ס חבר. מיט א רוהיגער, פעסטער שטימע האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע חברים אין סנהדרין מיט פאָלגענדע ווערטער: „צי שטעהט דען נישט דער צום טויט־שטראָף אנגעקלאגטער דאָ פאר אונז אין אזא פאָזע, ווי ער וואָלט געווען בערייט אונז אלעמען אויסצוהרג'ענען, אויב מיר וועלען איהם פער'משפט'ן? און פונדעסטוועגען קען איך אויף איהם וועניגער בייז זיין, איידער אויף אייך און אויפ'ן קעניג, דערפאר, וואָס איהר דערלאָזט אזא בעליידיגונג געגען דעם סנהדרין און שווייגט. אבער איהר זאָלט וויסען, אז דער מענש, פאר וועלכען איהר ציטערט איצט אזוי שטארק, וועט נאָך א מאָל אייך אלעמען אויס'הרג'ענען, און דאָס וועט שוין זיין אנ'אורטייל, וועלכען איהר טראָגט זיך איצט אליין ארויס!" — די דאָזיגע רייד האָבען דערוועקט דעם מוט פון די ריכטער פון סנהדרין, און זיי האָבען זיך באלד ארויסגעוויזען אזוי ערביטערט געגען הורדוס'ן, ווי זיי זענען פריהער געווען דערשראָקען פאר איהם. הורקנוס האָט זיך דערשראָקען פאר דער דאָזיגער שטימונג פון סנהדרין און איהרע מעגליכע רעזולטאטען פאר הורדוס'ן, בעזונדערס, ווייל ער, הורקנוס, איז געמאכט געוואָרען פעראַנטוואָרטליך פאר זיין לעבען. ער האָט דעריבער געהייסען אָבלעגען דאָס געריכט איבער הורדוס'ן אויפ'ן אנדערן טאָג, און דערווייל איז הורדוס אין דער נאכט ענטלאָפען פון ירושלים און געקומען צוריק קיין דמשק צו סעקסטוס צעזאר, וועלכער האָט איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און בעשטימט פאר א שטאטהאלטער איבער צעלעסיריען (116 פאר'ן חורבן). איצט, ווען הורדוס האָט שוין געהאַט אזא הויכע בכבוד'יגע שטעלע און איז שטארק און מעכטיג געוואָרען, האָט ער געוואָלט א בלוטיגע נקמה נעהמען אן דעם קעניג און די ריכטער פאר דער חרפה, וואָס זיי האָבען איהם אנגעטהון. נאר מיט מיה האָט איהם זיין פאָטער, ווי אויך זיין ברודער פאזאעל געקאָנט אבהאלטען פון בלוט־פערגיעסען. הורדוס אבער האָט דאָס נקמה־געפיהל טיעף איינגעגראָבען ביי זיך אין הארצען, כדי נקמה צו נעהמען שפעטער פונ'ם סנהדרין, ביי אנדערע אומשטענדען.

די גרויסע אויפרעגונג און מהומות, וואָס עס האָט ארויסגערופען די ערמאָרדונג פון יוליוס צעזאר (114 פאר'ן חורבן) אין אלע רוימישע מדינות, האָבען אויך געבראכט איבער'ן לאַנד יהודה נייע אונגליקען, און נישט אומזיסט האָבען די אידען אין רוים אזוי שטארק געטרויערט נאָך צעזאר'ן, אז זיי האָבען עטליכע נעכט פערבראכט אויף זיין קבר אין יאָמער און געוויין. אין רוים האָבען זיך אנגעהויבען בלוטיגע מלחמות, משפטים און פערשיקונגען, אבער פאר רוים איז דאָס געווען נישט מעהר, ווי די געבורטס־וועהעניש פון א נייער אָרדנונג אין דער מלוכה; פאר יהודה, דאַגעגען, איז דאָס געווען א נייער אָנפאל פון

א צושטערענדער שווערער קרענק, וואָס האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען אונטערצוגראָבען אַנ'אָרגאַניזם, וועלכער האָט געהאַלטען ביי'ם צופאַלען. ווי אין פיעל ערטער פון דער רוימישער מדינה, אַזוי האָבען די רוימישע רעפּובליקאַנער אויך אין לאַנד יהודה פערטריבען די צעזאָרישע פּאַרטיי, כדי באַלד נאָכדעם אַליין דורך איהר פערטריבען צו ווערען. דער רעפּובליקאַנער קאַסיוס לאָנגינוס איז (אין הערבסט 114 פאַר'ן חורבן) געקומען קיין סיריען, כדי צו זאַמלען לעגיאָנען (סאָלדאַטען) און געלד, און האָט אַרויפגעלעגט אויף יהודה אַ שווערען אָבצאָהל פון 700 טאַלענט. קאַסיוס האָט זיך שטאַרק געאיילט, ווייל יעדער מאָמענט האָט ביי איהם געקאָנט צונעהמען זיין בעפאַלמעכטיגונג צוריק. אָבער, ווייל ער האָט איינגעזעהן, אַז עס וועט איהם נישט געלינגען צו בעקומען ביי אידען אַזוי גיך דאָס געלד מיט גוטען, האָט ער גענומען געפאַנגען די איינוואָהנער פון די פיער אידישע שטעדט אין דרום-ארץ-ישראל: גופנאַ, עמאוס, לוד און תמנה (Gophna, Emmaus, Lydda und Thamna) און פערקויפט זיי פאַר קנעכט. אַזוי אַרום האָט ער דאָס נויטיגע געלד זיך געשאַפט אַליין אויף אַ העכסט גרויזאַמען אופן.

איצט האָט שוין אויך דער פחדנות'דיגער, פערבלענדעטער הורקנוס איינגעזעהן, אַז ער איז נאָר אַ שאָטען פון אַ הערשער און אַז זיינע אדומ'ער יועצים, אַנטיפּאַטער מיט זיינע זיהן, האָבען געאַרבייט נישט פאַר איהם, נאָר פאַר זיך אַליין. ער האָט דעריבער אויפגעהערט זיי אָנצוטרויען, און ווייל ער האָט אָהן אַ זייטיגער הילף נישט געקאָנט אויסקומען, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ נייעם יועץ, אַנ'אָנגעזעהענעם איד-אידען אין יהודה, מליך, וועלכער האָט שוין לאַנג שאַרף בעאָבאַכטעט און גוט פערשטאַנען דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער אדומ'שער משפחה און איהר פאַלשקייט. הורקנוס איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַזוי בלינד, אַז ער האָט נישט געוואוסט וועגען דעם טייוואָלאַנישען פּראָיעקט פון אַנטיפּאַטער, אַראָבצושטויסען איהם פון טהראָן און צו מאַכען מיט דער הילף פון די רוימער פאַר אַ מלך איבער יהודה — הורדוס. מליך האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט און, ווען הורקנוס האָט איינמאָל איינגעלאַדען זיינע שרים אויף אַ מאָהלצייט, האָט מליך אַריינגעוואָרפען סם אין אַנטיפּאַטער'ס שיסעל. אַנטיפּאַטער איז נאָכ'ן עסען באַלד געשטאָרבען (113 פאַר'ן חורבן). מליך האָט געמיינט, אַז ווי נאָר ער וועט אַברוימען פון וועג דעם שרעקליכען אינטריגאַנט, וועט ער שוין האָבען אָבגעראַטעוועט דאָס אידישע פאָלק פון די פאָרשטעהענדע אומגליקען. ער האָט אָבער דערין געהאַט אַ ביטערען טעות: הורדוס איז געווען פיעל שטאַרקער פאַר זיין פאָטער, סיי אין קלוגשאַפט, סיי אין דער קונץ צו פערשטעלען זיך, סיי אין אונפערשעמטקייט און חוצפה, סיי אין אכזריות. מליך האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז זעהר טרויעריג איבער אַנטיפּאַטער'ס טויט און האָט איבער איהם געטרויערט. הורדוס

האט זיך אויך פֿערשטעלט און געמאכט דעם אנשטעל, אז ער גלויבט איהם. און אזוי ארום איז הורדוס'ן געלונגען איינצולאדען מליכ'ן אויף א מאהלצייט און דארט האבען זיך אויף איהם געווארפֿען די רוימישע לעגיאנערען (סאלדאטען) און איהם דער'הרג'עט. אלע פראבעס, וועלכע מען האט געמאכט דאמאלס, צו פֿערטרייבען די צוויי אדומ'ישע ברידער פֿון ארץ־ישראל, זענען נישט געלונגען. איינמאל איז הורדוס קראנק געווארען, און דאן האט מען שוין געמיינט, אז מען וועט ווי עס איז פֿון איהם פטור ווערען, אבער זיין ברודער פֿאזאעל איז געקומען מיט א גרויסער מחנה און אנגעפֿאלען אויף זיינע פֿיינד; עס איז איהם אויך געלונגען מנצח צו זיין זיי אלעמען, און דאן זענען ביידע ברידער אריינגעקומען אין ירושלים, ווי די מנצחים.

אין יענער צייט האט דער זוהן פֿון אריסטאבול דעם צווייטען, אנטיגאנאס, געפרובט צו ברעכען די מאכט פֿון די אדומים אין ארץ־ישראל; מיט דער הילף פֿון זיין שוואגער פטאלאמעאוס, דעם קעניג פֿון חלצים (Chalcis), האט ער געפרובט פֿיהרען מלחמה געגען הורדוס'ן מיט זיין ברודער, אבער ווי נאר הורדוס איז געזונד געווארען פֿון זיין קראנקהייט, האט ער איהם מנצח געווען, און ווען ער איז געקומען צוריק קיין ירושלים אלס מנצח, איז הורקנוס אליין געווען געצוואונגען צו בעקרענצען זיין קאפ מיט א לולב, אלס סימן פֿון נצחון. כדי זיך צו בעפֿרייען פֿון דער מורא פֿון מעכטיגען הורדוס, האט הורקנוס געוואלט איהם פֿעראייניגען מיט זיין הויז און האט פֿאר איהם פֿער'קנס'ט זיין איייניקעל, די טאכטער פֿון זיין טאכטער אלעקסאנדרא, די בעריהמטע שענהייט מרים פֿון הויז חשמונאי, וועלכע איז נאך מעהר בעריהמט געווארען דורך איהר אונגליקליכען גורל. דער קרבן האט געדארפֿט פֿעראייניגט ווערען מיט זיין תליון אונטער דער חופה, און מרים'ס מיטער, אלעקסאנדרא, האט אליין זיך בעמיהט דעם שידוך צו שליסען, א שידוך, וועלכער האט שפעטער אבגעקאסט טייכען טרעהרען דעם אונגליקליכען הויז פֿון די חשמונאים. די הצלחה האט אזוי שטארק געשפיעלט פֿאר די אדומים, אז אלע ענדערונגען, וועלכע זענען דאמאלס פֿארגעקומען אין דער פאליטישער וועלט, האבען נאר געדיענט אויף צו פֿערשטארקען זייער מאכט, חאטש מען האט געקאנט מיינען, אז זיי זענען פֿאר זיי כלל נישט גינסטיג. די רוימישע רעפּובליקאנישע ארמעע האט נעבען פֿיליפּי געהאט א פֿאלקאמע מפלה (112 פֿאר'ן חורבן), און די אנפֿיהרער פֿון דער פארטיי, ברוטוס און קאסיוס, האבען זיך אליין דערשטאכען; די רוימישע מלוכה מיט איהרע פֿיעל מדינות האט זיך ווידער געפֿונען אין דער געוואלד פֿון א טריאומוויראט: פֿון אקטאוויאן, דעם פלימעניק פֿון יוליוס צעזאר, און פֿון אנטאניוס און לעפּידוס. ווי שטארק האבען געציטערט פֿאר דער דאזיגער איבערקעהרעניש ביידע ברידער, הורדוס און פֿאזאעל, נאכדעם, ווי זיי האבען זיך ארויסגעוויזען

פאר גרויסע אנהענגער פון די רעפובליקאנער! אויסער דעם, זענען פיעל אנגעזעהענע אידען ארויסגעקומען צום מנצח אנטאניוס און בעטינען, כדי צו קלאגען זיך אויף דעם דעספאטיזם פון די אדומים. אבער הורדוס האט פערשטאנען, ווי־אזוי צו פערטרייבען די וואלקענס פון זיין הימעל: ער איז געקומען צו אנטאניוס און האט מיט א גלאטער צונג און בלאנקע שקלים פערשטאנען צו מאכען זיך אנטאניוס'ן פאר א פריינד. אנטאניוס, זעהענדיג הורדוס'עס געלד, האט זיך דערמאהנט, אז ער איז מיט פיעל יאהר פריהער געווען צו גאסט ביי אנטיפאטער'ען אין שטוב און דעריבער האט ער איצט ערקלערט, אז ער וויל דאס אבצאהלען מיט פריינדשאפט זיין זוהן. די אנקלאגען פון די אידען האט אנטאניוס אבגעווארפען, און הורדוס'ן האט ער ארויסגעוויזען פיעל כבוד און חניפה. נאך עטליכע מאל האבען אידען געשיקט שלוחים צו אנטאניוס'ן און בעקלאגט זיך פאר איהם אויף די אדומים, אז זיי געוועלטיגען מיט גרויס דעספאטיזם איבער'ן אידישען פאלק, אבער אנשטאט אויסצוהערען די שטימע פונ'ם פאלק, האט אנטאניוס ארויסגעוויזען א מערדערישע אכזריות: א טייל פון די אידישע געזאנדטע האט ער בעפוילען ארייננווארפען אין תפיסה און דעם אנדערען טייל — בעשטראפען מיט'ן טויט. דאגעגען אנטיפאטער'ס זיהן, הורדוס און פאזאעל, האט ער ארויסגעוויזען נייע חסדים: ער האט זיי בעשטימט פאר פערוואלטער איבער'ן לאנד יהודה און געגעבען זיי דעם טיטול טעטראַרכען (111 פאר'ן חורבן).

איינמאל האט מען שוין געקאנט מיינען, אז דאס גליק פון דעם חשמונאישען הויז האט ווידער אנגעהויבען שיינען, און די אדומים האלטען ביי'ם פאלען. איינינגע געוועזענע רוימישע רעפובליקאנער, וועלכע זענען אנטלאפען קיין פארטהיען, האבען אנגערעדט די פארטהער, צו מאכען אנ'אנפאל אויף סיריען. די פארטהער האבען צוזאמענגעשטעלט אנ'ארמעע אונטער דעם זוהן פון זייער קעניג, פאקארוס, און דעם הויפטמאן בארצאפארנעס (Pacorus und Barzapharnes) און האבען געמאכט א גליקליכען אנפאל אויף סיריען און קליין־אזיען, וועהרענד איינער פונ'ם רוימישען טריאומווירעט, מארקוס אנטאניוס, האט זיך געפונען אין מצרים ביי זיין געליעבטער קלעאפאטרא, וועלכע האט איהם בעצויבערט דורך איהר שענהייט. און אויב די פארטהער זענען שוין אליין אויך געווען געגנער פון די אדומים, הורדוס און פאזאעל, וועלכע האבען געהאלטען מיט'ן רוימישען טריאומווירעט, איז די דאזיגע געגנערשאפט נאך געשטארקט געווארען דאדורך, וואס ליזאניאס, דער זוהן פון פטאלאמעאוס, וועלכער איז געווען דער מאן פון אריסטאבול'ס טאכטער, האט צוגעזאגט דעם פארטהישען פעלדמארשאל, אז ער וועט איהם געבען פיעל געלד, אויב ער וועט פערטרייבען די אדומים פון ירושלים און אבגעבען דעם אידישען טהראן צו אריסטאבול'ס זוהן אנטיגאנאס. די פארטהער זענען אלזא ארייגעקומען אין לאנד יהודה פון

צוויי בעזונדערע געגענדען: פון ים און פון די יהודה'שע טהאַלען און
זיך געלאָזט געהען צו ירושלים. ביי'ם באַרג כרמל האָבען זיך פיעל אי־
דען פעראייניגט מיט די פאַרטהער, כדי צו געהען מיט זיי צוזאַמען
קעמפפען געגען די פרעמדע צוויי ברידער, וועלכע האָבען פערחאַפט די
אידישע הערשאַפט אין זייער מאַכט, און צו בעפרייען אידען פון זייער
יאָך. מיט יעדען שריט וויטער איז די צאָהל פון די אידישע קעמפפער
געשטיגען אַלץ מעהר; וויל אָבער דער גאַנג פון די פאַרטהער האָט זיך
אויסגעוויזען פאַר די אידען צו לאַנגזאַם, זענען זיי אַרויסגעטראָטען פאָר־
ווערטס און צוגעקומען צו ירושלים. דאָרט זענען צו זיי אַרויסגעקומען
פיעל אַנגעזעהענע אידען פון ירושלים, וועלכע האָבען זיך אויך געוואָלט
בעפרייען פון דער פערהאַסטער פרעמדער הערשאַפט. צוזאַמען מיט זיי
האָבען זיי בעלאַגערט דעם פאַלאַץ פון די חשמונאים און שוין געוואָלט
איינגעהמען אויך דעם הר הבית. אויך די אָרימע בעפעלקערונג פון
ירושלים, דער המון, האָט זיך געשטעלט אויף זייער צד, כדי צו קעמפ־
פען פאַר אַנטיגאָנאָס דעם חשמונאי. דערוויל איז אונטערגעקומען דער
יום־טוב שבועות (110 פאַר'ן חורבן), און פון אַלע עקען פון לאַנד יהודה
האָבען אָנגעהויבען קומען אידען עולי רגל קיין ירושלים. די אַלע דאָזי־
גע אידען האָבען זיך פעראייניגט מיט די קעמפפער פאַר אַנטיגאָנאָס'ן
און איינגענומען אַלע חלקים פון שטאָדט, וועהרענד די פאַרטיי פון די
אדומים האָט זיך געמוזט פערשליסען אינ'ם פאַלאַץ פון די חשמונאים
און אין דער פעסטונג בירה. און וועהרענד אין ירושלים איז פאָרגעקומען
די מלחמה צווישען ביידע פאַרטייען, איז אויך אונטערגעקומען די
גרויסע אַרמעע פון די פאַרטהער מיט'ן אָנפיהרער פאַקאָרוס, און דער
לעצטער האָט איבערגערעדט הורקנוס'ן און פאַזאַעל'ן אַרויסצוקומען צו
באַצאַפאַרנעס'ן, כדי מיט איהם צו פיהרען אונטערהאַנדלונג וועגען אַ
שלום. הורדוס'ן אָבער האָט ער נישט אַרויסגעלאָזען פון די אויגען און
שניאַרק איהם בעאָבאַכטעט. ווען הורקנוס און פאַזאַעל זענען געקומען
צו באַרצאַפאַרנעס אין עקדיפּאַ (כזיב), האָט מען זיי באַלד איינגעשמי־
דעט אין קייטען. פאַזאַעל האָט זיך פאַר חרפה גענומען דאָס לעבען, און
הורקנוס איז געבליבען אין תפיסה, נאָכדעם, ווי מען האָט איהם אָבגע־
שניטען די אויערן, כדי ער זאָל, אַלס בעל מום, זיין פסול צו דער כהונה
גדולה. אויך הורדוס'ן האָט מען געוואָלט אויף אַזאַ אופן נעהמען גע־
פאַנגען, אָבער איהם איז געלונגען צו דערוויסען זיך וועגען דער גע־
פאַהר, וואָס שטעהט איהם פאָר, און ער איז אין אַ פינסטערער נאַכט
אַנטלאָפען פון ירושלים צו דער פעסטונג מאַסאָדאַ, נעהמענדיג מיט זיך
די פרויען פון זיין משפחה און זיין כלה מרים, הורקנוס'עס איינִיקעל. די
גאַנצע בעפעלקערונג האָט איהם ביי זיין אַנטלויפען בעגלייט מיט קללות.
אַנטיגאָנאָס איז באַלד אויסגערופען געוואָרען פאַר אַ קעניג אין לאַנד
יהודה, און דעם כלומר'שט־קעניג הורקנוס האָבען די פאַרטהער אָבגע־

פיהרט קיין בבל געפאנגען. אנטיגאנאס, אדער ווי מען האט איהם גערופען אין העברעאיש, מתתיהו, האט זיך א נאמען געגעבען קעניג פון יהודה און ארויסגעגעבען אידישע מטבעות מיט אנ׳אויפשריפט אויף העברעאיש: „מתתיהו כהן גדול“ און אויף גריכיש: „קעניג אנטיגאנאס“. ארום דער אויפשריפט איז געווען אויסגעקריצט א יונגער בליהענדער צווייג און א הארן מיט אל־דאס־גוטס, אלס א סימבאל פון עשירות און הצלחה. די פארטהער האבען זיך ארויסגעצויגען פון אידישען לאנד, און דאס רוימישע מיליטער, וואס איז נאך געבליבען אין איניגע פעסטונגען, האט אנטיגאנאס פערטריבען. דאס לאנד יהודה איז אזוי ארום ווידער אבגערייניגט געווארען פון פרעמדע חילות און האט געקאנט כאטש איין מאמענט פריי זיך אבעטעמען אינ׳ם זיסען חלום, אז מען האט צוריק בעקומען די אונאבהענגיגקייט, נאכדעם, ווי מען האט אין א משך פון כמעט דרייסיג יאהר געליטען פון בלוטיגע מלחמות פון אויסענווייניג און פון אינעווייניג.

ווי דאס לאנד יהודה איז געווארען פריהער פריי, נישט אזוי שטארק דורך די מלחמות פון די חשמונאים און זייער גבורה, ווי דורך זייער חכמה און געשיקטקייט אין פאליטישע פראגען און דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען, אזוי האט עס איצט געליטען חרפות, קנעכטשאפט און שפלות, נאר דורך דער טרויעריגער קורצזיכטיגקייט פון די לעצטע חשמונאים, וועלכע האבען נישט פערשטאנען, ווי אזוי אויסצונוצען די געלעגענהייטען, כדי צו בעקומען פון־זיי א טובה פאר׳ן אידישען פאלק. די איצטיגע פאליטישע לאגע איז געווען העכסט גינסטיג פאר אנטיגאנאס׳ן, אז ער זאל קאנען פירשטארקען און פערגרעסערען זיין מאכט.

די רוימישע שרים, וועלכע האבען איצט געהאלטען דארט די מאכט אין די הענד, האבען געפיהרט איינע מיט די אנדערע מחלוקת. די מזרח־לענדער זענען אין אקטאוויאנ׳ס אויגען גאר נישט ווערט געווען, אז מען זאל זיך מיט זיי בעזונדערס בעשעפטיגען, און זיי זענען דעריבער אבגעגעבען געווארען אנטאניוס׳ן, אז ער זאל זיין איבער זיי דער פערוואלטער. אנטאניוס אבער איז אין יענער צייט געווען אינגאנצען איינגעשטריקט אין דער נעץ פון קלעאפאטרא׳ס ליעבע, און ער האט געלעבט אין מצרים, פערברענגענדיג זיינע טעג און נעכט אין שכרות און פערגניגענס. אין די ווייכע ארעמס פון זיין געליעבטער האט ער בעקומען אנ׳אבשוי פאר׳ן הארטען געלעגער אויף דעם שלאכט־פעלד. די פארטהער האבען ווידער מוטיג אבגעווארפען פון זיך רוים׳ס אנפאל; נאכדעם ווי רוים האט אין א לאנגען משך פון יאהרען געשטרעבט זיי איינצונעהמען, האט זי איצט גאר געמוזט זיך דערפון אבזאגען. ווען אלזא אנטיגאנאס וואלט פערשטאנען גוט די לאגע, האט ער געדארפט זעהן אויפצובלאזען די שנאה פון פאלק צו די אדומים און צו רוים; דאדורך וואלט ער געבראכט דערצו, אז דער רוימישער סענאט זאל אליין זוכען

זיין פריינדשאפט און ערקלערען איהם פאר א פערבינדעטען פון רוים, כדי מיט זיין הילף צו פערשאפען פערלעגענהייט די פארטהער. וועגען דער כלומר'שטער פריינדשאפט פון רוים צו די אדומים האט ער זיך נישט געדארפט קימערען, דען זיי האבען מקרב געוועזען פריהער אנטיפאטער'ן גאר דערפאר, וואס זיי האבען ערווארטעט פון איהם נוצען צו האבען פאר די רוימישע אינטערעסען. ביי'ם אידישען פאלק האט אנטיגאנאס אויך געקאנט האבען גרויס ערפאלג, דען די איינוואהנער פונ'ם געבירגיגען לאנד אין גליל זענען שוין אליין געקומען צו איהם און אנערקענט איהם פאר א קעניג. די גרויסע שטאדט צפורי, אין גליל, איז דורך זיינע אנהענגער פערוואנדעלט געווארען פאר א'נ'ארט, וואו צו זאמלען פאר אנטיגאנאס'ן מיליטער און וואפען. אויסערדעם, האבען די אידישע פאטריאטען זיך אויפגעהאלטען אין בעדייטענדע מחנות אין די הייהלען פון ארבעלא און זיי האבען, אין פאל פון א מלחמה געגען אידען, געקאנט ווערען גאנץ געפעהרליך פאר'ן שונא מיט זייערע אנפאלען פון הינטער איהם. אנטיגאנאס איז אבער נישט געוועזען קיין פאליטיקער, ווי ער איז אויך לגמרי נישט געוועזען קיין פעלדמארשאל. ער האט אפילו נישט פערשטאנען, ווי אזוי אויסצונוצען די אלע מיטלען, וועלכע ער האט געהאט גאנץ גענוג אויף צו פיהרען א מלחמה, ווי אזוי איינצוארדנען זיי האטש ווי געהעריג איז. זיין גאנצע טעטיגקייט האט ער צוברעקעלט אויף קליינינגקייטען, און זיין הויפט-ליידענשאפט איז געוועזען — די נקמה געגען הורדוס'ן מיט זיינע ברידער; די דאזיגע ליידענשאפט האט פאראליזירט אלע זיינע כחות, אנשטאט זיי צו דערהויבען און פערשטארקען. אנטיגאנאס האט נישט פערשטאנען צו דערהויבען זיך צו דער הויך פון א חשמונאי'שען קעניג, וועלכער האט געקאנט האבען פאר'ן אדומישען קנעכט, הורדוס, מיט זיינע ברידער מעהר פעראכטונג, ווי האס. א.נ'ם משך פון זיין רעגירונג, וועלכע האט געדויערט דריי מיט א האלבען יאהר (110 ביז 107 פאר'ן חורבן), האט ער נישט אונטערגענומען קיין איינציגען ערנסטען שריט, זיך צו בעפעסטיגען אויף דעם אידישען טהראן, חאטש די רוימישע הויפט-לייט, וועלכע האבען געהאלטען פאר הורדוס'ן, האבען יענעם גאר נישט בעזונדערס שטארק געשטיצט; זיי פלעגען זיך כמעט גאר פערהאלטען נייטראל צו די פאליטישע אידישע ענינים.

אויך אין די איננערליכע ענינים פון יהודה האט אנטיגאנאס נישט פערשטאנען צו פערדינען אזוי די ליעבע פון פאלק, אז מען זאל זעהען אין זיין טובה די טובה און אינטרעסען פון גאנצען פאלק. אפילו די נשיאים פון סנהדרין שמעיה און אבטליון*), וועלכע האבען נישט גע־

*) וועגען די־דאזיגע צוויי נשיאים פון סנהדרין ווערט אין דער אלטער אידישער ליטעראטור אנגעוויזען, אז זיי האבען געשטאמט פון גרים; אבער פראפע־

ליעבט הורדוס'ן צוליעב זיין גרויסער חוצפה און עזות, אפילו זיי זענען אויך געווען געגנער פון אנטיגאנאס'ן. וואס די סבה איז דערפון געווען, איז שווער צו וויסען. צי איז עס געווען דערפאר, וואס אנטיגאנאס האט גוטה געווען נאך די צדוקים, אדער עטוואס אנדערש. זיכער איז עס אבער, אז קיין פריינד זענען זיי איהם נישט געווען. מעגליך אויך, אז דא האט געשפיעלט א געוויסע ראליע די קנאה. אנטיגאנאס איז געווען נישט בלויז א מלך, נאר אויך כהן־גדול. איינמאל, ווען דאס פאלק האט איהם, ווי דער שטייגער איז געווען, בעגלייטעט מיט גרויס פאראד נאך דער עבודה אום יום־כפור אין בית־המקדש אהיים, האט ער דערזעהען, ווי א טייל פאלק האט זיך אבגעשיידעט פון איהם און זיך געלאזט געהן בעגלייטען אהיים די נשיאים פון סנהדרין, די געליעבטע לעהרער, שמעיה און אבטליון. אנטיגאנאס איז דערויף זעהר בייז געווארען, און צווישען איהם אוןביידע נשיאים איז פארגעקומען א געשפרעך זעהר נישט קיין פריינדליכער.

גאר פון אנ'אנדער טייג איז געווען געבאקען זיין געגנער הורדוס, וועלכער האט געהאט אלע יענע מעלות, וואס האבען אזוי שטארק גע־פעהלט אנטיגאנאס'ן. הורדוס האט זיך נישט געלאזען פיהרען דורכ'ן בלינדען צופאל; ער האט שטענדיג געצוואונגען דאס גליק צו דיענען איהם, אויב דאס גליק פלעגט זיך פון איהם א ווײלע אבווענדען. זינט הורדוס איז אנטלאפען אין א פינסטערער נאכט פון ירושלים, איז זיין לאגע געווען א שרעקליכע, בעזונדערס נאכדעם, ווי די איינוואהנער פון יהודה האבען געגען איהם ארויסגעוויזען אזא שרעקליכע שנאה, אז ער האט גאר אנגעהויבען טראכטען וועגען א זעלבסטמארד. ער האט גע־פרובט זוכען הילף ביי'ם קעניג פון די אראבער (נביות, מליך), אבער יענער האט איהם אפילו פערבאטען אין זיין לאנד אריינצוקומען.

אזוי האט הורדוס ארומגעוואנדערט א געוויסע צייט אינ'ם מדבר פון יהודה און אדום, מיעד און אהן געלד, אבער דאך נישט געביזיגט אין זיין שטאלצען גייסט און נישט געפאלען מיט זיין שטארקען מוט, נאר האלטענדיג אין איין טראכטען וועגען זיינע גרויסע פלענער. ענד־ליך איז ער געקומען קיין מצרים. דארט האט איהם די קעניגין קלעא־פאטרא געמאכט א פארשלאג, ער זאל אריינטרעטען צו איהר אין דיענסט אין איהר ארמעע, וואו זי האט איהם געוואלט בעשטימען פאר א הויפטמאן, אבער ער האט זיך דערפון אבגעזאגט, ווייל ער האט געהאט פיעל גרעסערע פלענער: איהם האט פארגעשוועבט אין חלום די קרוין פון יהודה. פון מצרים איז ער אבגעפאהרען מיט'ן שיף קיין

סאר גרעטץ האלט זיך ביי דער מיינונג, אז דאס איז נישט ריכטיג, בעזונדערס צו־ליעב דעם, וואס מען וואלט, לויט זיין מיינונג, קיין ארויסגעקומענע פון גרים נישט דערהויבען צו אזא הויכע שטעלע, ווי די נשיאות אין סנהדרין.

רוים. נאָכדעם, ווי ער איז איבערגעשטאַנען אויפ'ן ים א שרעקליכען שטורם, איז ער געקומען קיין רוים פונקט אין א גינסטיגען מאָמענט: ווען אָקטאַוויאַן און אַנטאָניוס האָבען געשלאָסען צווישען זיך שלום און ברונדיס. דאָ איז הורדוס'ן געווען נישט שווער צו דערווייזען, וואָס פאַר א גרויסע נוצען ער קאָן ברענגען רוים, קעמפענדיג שטענדיג געגען די פּאַרטהער, און אַז אַנטיגאָנאָס, דאַגעגען, וועלכער איז קעניג געוואָרען נאָר מיט דער הילף פון די פּאַרטהער, איז ממילא א פיינד פון רוים און וועט שטענדיג בלייבען אַזעלכער. אַנטאָניוס האָט דעריבער אויך גערעדט א גוט וואָרט פאַר הורדוס'ן ביי אָקטאַוויאַן, וועלכער האָט איהם, פערשטעהט זיך, נישט געוואָלט אָבזאָגען זיין השתדלות פאַר הורדוס'ן, נאָכדעם, ווי ער האָט מיט איהם נאָר־וואָס געשלאָסען שלום. הורדוס איז אַלזאָ געווען געראַטעוועט. ער האָט זיך דערשלאָגען אַז אין א משך פון זיבען טעג האָט דער רוימישער סענאַט איהם אָנערקענט אַלס קעניג פון לאַנד יהודה, וועהרענד אַנטיגאָנאָס איז ערקלערט געוואָרען אָפיציעל אַלס א פיינד פון רוים. דורך דעם דאָזיגען שריט האָט רוים דערלאַנגט דעם צווייטען טויט־שטוים דער אידישער נאַציאָן, דען מען האָט בעשטימט פאַר א קעניג איבער אידען א מענשען, וואָס האָט גאָרנישט געשטאַמט פון דער אידישער נאַציאָן, א האַלבען אידען, אַן אַדומ'ער גר, וועלכער האָט נאָר געשטרעבט צו נקמה אָן דעם אידישען פאָלק. פאַר דער דאָזיגער שרעקליכער בעליידיגונג האָט נאָך דאָס אידישע פאָלק געמוזט צאָהלען גרויסע שטייערן רוים.

הורדוס, וועלכער האָט זיך ענדליך דערזעהען אין דער שפּיץ פון אַלע זיינע פערלאַנגען, האָט זיך געאיילט באַלד צו געהן קיין יהודה, כדי צו פערווירקליכען זיין טיטול; ער האָט אפילו נישט געוואָלט פערברענגען לענגער אין רוים אין פערגניגענס, ווי זיין פריינד, אַנטאָניוס, האָט איהם פאָרגעשלאָגען. ער איז באַלד געקומען מיט'ן שיף קיין עכו (109 פאַר'ן חורבן), און זיינע פריינד, וועלכע ער האָט פערשטאַנען צו געווינען דורך זיינע זיסע רייד, האָבען איהם געשטיצט מיט געלד, וואָס איז איהם איצט געווען אַזוי שטאַרק נויטיג, כדי צו קאָנען פיהרען די מלחמה מיט זיין געגנער אַנטיגאָנאָס. בעזונדערס פיעל געלד האָט איהם געגעבען דער רייכסטער איד אין אַנטיאָכיען, סאַראַמאַלאַ. פאַר'ן געלד האָט זיך הורדוס אַנגעדונגען מיליטער און איינגענומען א גרויסען טייל פון די שטעדט אין גליל; פון דאָרט איז ער אָבגעגאַנגען אין דרום־יהודה, כדי צו בעפרייען פון אַנטיגאָנאָס'עס בעלאַגערונג די פעסטונג מאָסאָדאַ, וואו עס האָט זיך געהאַלטען זיין ברודער יוסף מיט זיינע לייט.

די אָנפיהרער פון דער רוימישער אַרמעע האָבען אָבער א לאַנגע צייט זיך נישט געוואָלט ענטשליסען אַנטייל צו נעהמען אין דער מלחמה צווישען אַנטיגאָנאָס און הורדוס, און דעריבער האָט זיך די מלחמה פערצויגען זעהר לאַנג. הורדוס איז ווידער אריבערגעגאַנגען אין צפון פון

ארץ־ישראל, אין גליל, וואו ער האט איינגענומען די גרויסע שטאדט צפורי און אויך געקעמפפט געגען די שוין דערמאהנטע אידישע מחנות, וואס האבען זיך אויפגעהאלטען אין די הייהלען. ביי אלעם דעם, האט אבער הורדוס געמוזט איינזעהען, אז אהן די רוימישע לעגיאנען וועט איהם נישט געלינגען איינצונעהמען פאר זיך דעם טהראן. ער איז דער־ריבער אבגעגאנגען קיין סיריען אין לאגער צו אנטאניוס'ן, וועלכער האט דאמאלס בעלאגערט די שטאדט סאמאסאטא אויף דעם טייך עפראט. אלס דאנק פאר דעם דיענסט, וואס הורדוס האט דארט ארויסגעוויזען אנטאניוס'ן, האט אנטאניוס בעפוילען זיין הויפטמאן, סאסיוס, צו גע־העז מיט צוויי לעגיאנען צו שטיצען הורדוס'ן, און פערווירקליכען דעם רוימישען בעפעהל, צו בעשטימען איהם פאר א קעניג איבער יהודה.

די דאזיגע מלחמה האט הורדוס געפיהרט מיט שרעקליכע גרויזאמקייט און אכזריות. פינף שטעדט ארום יריחו מיט אלע זייערע איינוואהנער, צוויי טויזענד אין דער צאהל, וועלכע האבען געהאלטען מיט אנטיגאנאס'ן, האט ער געלאזט פערברענען. איצט האט ער זיך ענדליך געלאזט געהן צו ירושלים (107 פאר'ן חורבן), צו בעלאגערען און איינ־נעהמען זי. אבער פאר דעם האט ער, מיט הענד שוין בעפלעקטע פון אידיש בלוט, געפיהרט צו דער חופה זיין כלה, מרים פון חשמונאי'שען הויז. די חתונה מיט איהר האט ער געפייערט אין שמרון.

ווי נאר סאסיוס איז ארייגעקומען אין לאנד יהודה מיט זיינע רוי־מישע לעגיאנען, פוס־געהער און רייטער, ווי אויך מיט סירישען מיליטער, האט מען אונטערגענומען אנ'ערנסטע בעלאגערונג אויף ירושלים. די בעלאגערנדע ארמעע איז בעשטאנען פון הונדערט טויזענד מאן. מען האט אנגעשאטען בערג ארום דער שטאדט און אנגעפילט די גראבענס ארום איהר, דערנאך האט מען אויפגעשטעלט די מאשינעס צו ברעכען די מויערען. — די בעלאגערטע האבען אפילו געליטען הונגער; פונ־דעסטוועגען האבען זיי זיך פערטיידיגט, ווי די לייבען, מיט גרויסער גבורה. זיי פלעגען אפט ארויסקומען פון שטאדט און פונאנדעריאגען די ארביטער, וואס זענען בעשעפטיגט געווען מיט'ן אויפשטעלען די מאשינעס ארום שטאדט. זיי פלעגען צושטערען די אויפגעשטעלטע מאשינעס און האבען אויך אויפגעמויערט א נייע מויער. בכלל האבען זיי אזוי שווער געמאכט די ארבייט פון די בעלאגערער, אז יענע האבען אין א משך פון א חדש צייט גארנישט געקאנט אויפטהון. אין ירושלים גופא איז אבער פארגעקומען א פערענדערונג: דיביידע נשיאים פון סנהדרין, שמעיה און אבטליון, האבען זיך ארויסגעזאגט, אז מען דארף אויפהערען צו פיהרען די מלחמה, און עפענען די טהויערען פון שטאדט פאר הורדוס'ן. ווי עס שיינט, האט אנטיגאנאס נישט געהאט גענוג מאכט צו קאנען בעשטראפען די צוויי תנאים, וועלכע האבען אזוי ארום צוטיילט די איינוואהנער צוויגען זעהר לאנג. הורדוס איז ווידער אריבערגעגאנגען אין צפון פון

אָנפֿאַלען פֿון אויסענווייניג, האָבען געבראַכט דערצו, אַז די בעלאַגערער האָבען אָנגעהויבען צו האָבען ערפֿאָלג. נאָך פֿערציג טעג, ווי מען האָט מיט די מאַשינעס אָנגעהויבען ברעכען די מויער אַרום ירושלים, איז די אויסערליכע וואַנד איינגעפֿאַלען. די בעלאַגערער האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער אונטערשטער שטאָדט, ווי אויך אין די אויסערליכע געביידעס פֿון בית־המקדש. די בעלאַגערטע מיט׳ן קעניג אַנטיגאָנאָס האָבען זיך פֿערשלאָסען אין דער אויבערשטער שטאָדט און אויפ׳ן הר־הבית. די רוימער האָבען זיך איצט געמוזט אָבשטעלען פֿאַר דער צווייטער מויער און שטורמען אויף איהר מיט זייערע מאַשינעס. צוויי וואָכען האָט די דאָזיגע אַרבייט געדויערט. די איינוואָהנער פֿון ירושלים האָבען געקעמפֿט מיט אַ געוואַלדיגען מוט און שרעקליכער גבורה. אָבער אויך די צווייטע מויער האָבען די מאַשינעס דורכגעבראָכען. דאָס איז געווען אום שבת, ווען די בעלאַגערטע האָבען נישט ערוואַרטעט קיין אָנפֿאַל אויף זיי. די רוימער האָבען זיך אַריינגעריסען, ווי די ווילדע חיות, אין דער אַלטער שטאָדט און אין בית־המקדש, מאָרדענדיג און רויבענדיג, נישט שוינענדיג נישט אַלט, נישט יונג, נישט קינדער, נישט פֿרויען, אויסשעכטענדיג די כהנים ביי זייערע קרבנות, ווען זיי זענען ביי דער עבודה געשטאַנען. ירושלים איז איצט אויך איינגענומען געוואָרען אינ׳ם זעלבען חדש, ווי מיט זיבען און צוואַנציג יאָהר פֿריהער דורך פּאָמפּייאוס׳ן (אין סיון 107 פֿאַר׳ן חורבן). נאָר מיט גרויס מיה איז עס געלונגען הורדוס׳ן, אָבצוהאַלטען די רוימישע סאָלדאַטען פֿון מאָרדען און ראַבעווען, דען ער האָט איינגעזעהען, אַז אויב דאָס זאָל אַזוי דויערן ווייטער נאָך אַ פּאָר טעג, וועט איהם אויסקומען צו זיין אַ קעניג איבער אַ חורבה. אַנטיגאָנאָס איז גענומען געוואָרען געפֿאַנגען, און סאָסיוס האָט איהם אָבגעשיקט צו אַנטאָניוס׳ן, וועלכער האָט איהם, לויט דער דרינגענדער ביטע פֿון הורדוס׳ן, בעשטראָפֿט מיט׳ן טויט אויף אַ שרעקליכען אופֿן, דען מען האָט איהם פֿריהער מערדעריש געשמיסען און דערנאָך איהם אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. אַזאַ זאַך איז אויך אין יענער אַכזריות׳דיגער צייט נישט געהערט געוואָרען. אַ כהן־גדול און אַ מלך האָט מען דער׳הרג׳עט אָהן קיין שום משפט אויף אַ שענדליכען אופֿן, פּונקט, ווי ער וואָלט געווען אַ קנעכט אָדער אַ מערדער. אפילו די רוימער גופא זענען שרעקליך אויפֿגערעגט געוועזען, דערהערענדיג וועגען דער דאָזיגער נבלה.

אַנטיגאָנאָס איז געוועזען דער לעצטער פֿון די אַכט מלכים — כהנים־גדולים, וועלכע זענען געוועזען ביי אידען פֿון חשמונא׳ישען הויז, און האָבען געהערשט אין אַ משך פֿון העכער הונדערט יאָהר. דער אָנהויב פֿון זייער עפּאָכע איז געוועזען אַ צייט פֿון גדלות, כבוד און דערהויבענקייט פֿון אידישען פֿאָלק; דער סוף דאַגעגען איז געוועזען — חרפּות, שפֿלות, קנעכטשאַפֿט און ביטערער עלענד פֿאַר׳ן לאַנד יהודה און פֿאַר אידען.

די עפאכע פון הורדוס'עס קעניגליכען הויז.

ערשטעס קאפיטעל.

הורדוס דער ערשטער.

(פון 107 ביז 4 פאר'ן חורבן, אדער פון 37 ביז 4 פאר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

הורדוס דער ערשטער, אדער ווי דאס פאלק האט איהם גערופען, דער אדום'ער קנעכט, האט דערגרייכט צום ציעל פון זיין העכסטען פערלאנג; זיין טהראן האט אפילו גערוהט אויף חורבות און מתים, אבער ער האט זיך געשפירט גענוג שטארק, צו בלייבען זיצען אויף דעם דאזיגען טהראן, און, אויב עס וועט זיין נויטיג, ארומצוררינגלען איהם נאך מיט א ברייטערען שטראם בלוט. די שנאה פון אידישען פאלק, וועלכען ער האט זיך אנגעווארפען פאר א הערשער, נישט האבענדיג דערויף קיין שום רעכט, נישט קיין וועלכען עס איז פערדיענסט אדער טיטול — אט די שנאה האט פאר איהם נישט געהאט קיין שום בעדייטונג אין פערגלייך מיט דער צופריעדענהייט מיט איהם אין רוים און דעם פריינדליכען שטימעל פון אנטאניוס'ען. דעם פלאן פון דער פאליטיק, וועלכע עס וועט איהם אויסקומען צו פיהרען, האט ער איינגעזעהען גאנץ קלאר, דען די אומשטענדען אליין האבען איהם דעם דאזיגען פלאן אנגעוויזען: איבערצוגעבען זיך אינגאנצען דעם ווילען פון די שטארקע רוימישע שרים, כדי צו געפינען אין זיי א שטיצע געגען דער אידישער פאלקס־שנאה, און מאכען אויך פאר'ן אידישען פאלק קליינע, אונבעדייטענדע הנחות, כדי ביסלעכווייז אבצושוואכען צו זיך די שנאה, אדער אויב עס וועט נויטיג זיין — צו ברעכען די מאכט פונ'ם פאלק דורך דעספאטיזם, שטרענגקייט און אכזריות. ביי דער דאזיגער פאליטיק האט זיך הורדוס פעסט געהאלטען פונ'ם ערשטען אויגענבליק, ווי ער איז אויפ'ן טהראן ארויפגעשטיגען, אינ'ם משך פון די גאנצע פיער־און־דרייסיג יאהר פון זיין רעגירונג ביז זיין לעצטען אטעם, און ער האט זי דורכגעפיהרט קאלטבלוטיג, הארטהערציג, ווי דאס שיקזאל אליין איז, מיט א אונגעוועהנליכער אויסגעהאלטענקייט. הורדוס האט נישט פערלארען זיין קאלטבלוטיגקייט אפילו אויך אין דער ערשטער מהומה, ווען מען האט דעם הר הבית איינגענומען, און ער האט דאן בעפוילען זיין אדיוטאנט קאסטאבאר, צו שטע־

לען א וואך ביי אלע טויערען פון ירושלים, כדי צו אַרעסטירען אלע
אידען, וועלכע ווילען פון שטאָדט זיך לאָזען ענטלויפען. די אַנהענגער
פון זיין געגנער אַנטיגאָנאָס האָט ער געלאָזט אויסשעכטען, ווי די שעפּ־
סען, מאַסענווייז, און צווישען זיי אויך פינף און פערציג פערזאָן פון די
אָנגעזעהענסטע משפחות אין ירושלים. ער האָט אויך נישט פערגעסען
זיין אַלטע שנאה געגען דעם סנהדרין, וועלכער האָט מיט צוועלף יאָהר
פריהער געוואָלט איהם פער׳משפט׳ן צום טויט, זייענדיג דערצו אויפגע־
פאָדערט דורך דער מוטיגער רעדע פון דעם שופט שמעיה. איצט האָט
ער געלאָזט אויסמאָרדען אלע מיטגליעדער פון סנהדרין, אויסער דיביידע
נשיאים, שמעיה און אבטליון, ווייל זיי זענען געווען געגנער פון אַנטי־
גאָנאָס, און אויסער דעם האָט שמעיה, ווי אַ נבואה, פאָראויסגעזאָגט, אַז
ער וועט דערגרייכען צו גדולה.

דאָס פערמעגען פון אלע פעראורטיילטע און בעשטראָפטע האָט
ער געלאָזט קאָנפיסקירען און איבערגעגעבען זיין אוצר; אין דער הינ־
זיכט האָט ער איבערגענומען די חכמה פון די רוימער, וועלכע האָבען
דערין געזעהען אַ גרויסען קוואַל פון הכנסה און עשירות. מיט דער
גרויסער עשירות, וועלכע הורדוס האָט דערפון איצט געזאַמעלט טאָג־
טעגליך, האָט ער געקאָנט אויפהאַלטען פאַר זיך די פריינדשאַפט פון
אנטאָניוס׳ן, וועלכער האָט זיך שטענדיג גענויטיגט אין געלד, כדי צו
קאָנען אָנפילען די אוצרות פון זיין געליעבטער קלעאָפּאַטרא, ווי אויך
פאַר זיינע אייגענע גרויסע הוצאות, וועלכע ער האָט געהאַט. פיהרענדיג
אַ ווילד־אויסגעלאַסען לעבען. דאָס אידישע פאָלק האָט געדולדיג געליטען
אלע מערדעריען און רויבעריען פון הורדות׳ן, ווייל מען איז מיעד גע־
ווען פון די שטענדיגע אויפשטאַנדען און מלחמות, וואָס האָבען געדויערט,
כמעט אָהן אויפהער, אַ משך פון דריי און דרייסיג יאָהר, זינט דעם טוידט
פון דער מלכה, שלומית־אַלעקסאַנדרא, און האָבען אינגאַנצען רואינירט
דאָס פאָלק. מען האָט ענדליך געוואָלט אויסרוהען זיך און מען האָט זיך
געטרייסט דערמיט, וואָס מען וועט רעגירט ווערען דורך אַ קעניג, וועל־
כער איז, לפחות, לפנים אַ איד, און וועט נישט אָנריהרען, ווי מען האָט
געהאָפט, די תורה פון די אבות און די אַלטע אידישע מנהגים. עס זענען
אויך געווען נישט ווייניג אידען, וועלכע האָבען זעהר שטאַרק פערוואונ־
דערט די גבורה און געשיקטקייט פונ׳ם נייעם קעניג הורדוס, וועלכער
האָט פערשטאַנען מתגבר צו זיין זיך אויף אַלע שוועריגקייטען; די דאָזיגע
אידען זענען איהם געווען שטאַרק ערגעבען, און הורדוס האָט פער־
שטאַנען צו צוציהען זיי צו זיך און אויך בעלוינען זיי. בכלל אָבער האָט
הורדוס געהאַט ווייניג צוטרוי צו די היימישע אידען; ער האָט געשפירט,
אַז אין טיעפען הארצען זענען זיי אונצופריעדען מיט די מיטלען, וואָס
ער האָט אָנגעווענדעט, כדי צו דערגרייכען די מאַכט, און אַז עס וועט
איהם נישט געלינגען די דאָזיגע אונצופריעדענהייט אויסצורייסען ביי זיי

פון הארצען. ער האט דעריבער אבגעגעבען אלע הויכע שטעלעס און דעה
מלוכה בעסער די אויסלענדישע אידען, איידער די היימישע.

פאר א כהן־גדול האט ער בעשטימט א געוויסען מענשען חננאל
(חנמאל), אויסמיידענדיג די כהנים פון חשמונאי'שען הויז. חננאל איז
אפילו געווען יא א געבוירטיגער כהן, אבער ער האט געשטאמט פון גאר
אנ'אונבעוואוסטער משפחה. כדי אבער נישט צו רייצען שטארק די גע־
פיהלען פון אידישען פאלק, וועלכעס איז אינ'ם פונקט פון דער רעליגיע,
אוי, נעמליך, וועגען דער פערזאן פונ'ם כהן־גדול געווען זעהר לייכט
איפצורעגען, האט ער פערשפרייט א קלאנג, אז חננאל האט געשטאמט
פון בבל, וויל אין ארץ־ישראל האט מען געהאלטען די כהנים פון בבל
פאר גרויסע מיוחסים, דען זיי האבען געשטאמט פון די אלטע פארציי־
טיגע כהנים און זייערע משפחות האבען זיך נישט געמישט מיט פרעמ־
דען בלוט דורכ'ן משדך זיין זיך מיט פרעמדע פעלקער. עס איז אבער
א גרויסער ספק, אויב דער דאזיגער קלאנג איז געווען א ריכטיגער; פון
א ריכטיגערער קוועלע וויסען מיר, אז חננאל האט געשטאמט פון מצרים,
און נישט פון בבל. אויך זיין אייגענע משפחה האט הורדוס געוואלט
דערהויבען אין די אידישע אויגען און האט ערקלערט, אז ער שטאמט פון
אנ'אלטער אידישער יחוס־משפחה פון בבל, און נאך זיינע אור־עלטערען
זענען פון בבל געקומען קיין ארץ־ישראל און בעזעצט זיך דארט. אזוי
ארום האט ער בעמיהט זיך צו פערניכטען דעם שאנד־פלעק פון זיין
משפחה — א משפחה פון אדום, וועלכע האט נאר מיט גוואלד אנגענו־
מען די אידישע אמונה. און אויב אין ארץ־ישראל האט מען ווייניג גע־
גלויבט אין די קלאנגען, וואס ער האט וועגען זיין משפחה פערשפרייט,
וויל מען האט דארט אין דער היינזיכט געהאט גאנץ גענויע ידיעות, האב־
בען דאך די אויסלענדישע אידען, ווי אויך די פרעמדע פעלקער איהם
יא געגלויבט. זיין נאהנטער פריינד, דער געשיכטע־שרייבער ניקאלאיאס
פון דמשק, האט גרויס און ברייט דערצעהלט די לעגענדע, וועלכע הורדוס
האט איהם איבערגעגעבען וועגען זיין בבל'ישען יחוס. וויל הורדוס האט
אבער געוואוסט, אז זיינע שקרים קאנען לייכט ענטדעקט ווערען דורך די
יחוס־ספרים, וועלכע דער סנהדרין האט געהאט אין זיין ארכיוו, האט ער
בעפוילען זיי ארויסצונעהמען פון די ארכיוון און פערברענען. און ווי
הורדוס האט בעשטימט פאר א כהן־גדול דוקא אנ'אויסלענדישען אידען,
אזוי האט ער אויך נאכ'ן טויט פון די נשיאים פון סנהדרין, שמעיה און
אבטליון, בעשטימט פאר נייע נשיאים נאר אויסלענדישע אידען, פון דער
משפחה בני בתירה (Bathyra), וועלכע האט, ווי עס שיינט, געשטאמט
פון בבל און איז געווען זעהר געטריי הורדוס'ען.

פון דער חשמונאי'שער משפחה האבען נאך געלעבט צוויי פערזא־
נען, וועלכע האבען געקאנט ווערען געפעהרליך פאר הורדוס'עס טהראן:
א זקן און א יונגער איינגעל, דער אלטער הורקנוס, וועלכער האט געטרא־

גען די אידישע קרוין אויף זיין קאפ, און זיין אייניקעל, אריסטאבול, וועלכען דער טהראן האט געקומט על פי ירושה. כל זמן די דאזיגע צוויי פערזאנען האט נאך געלעבט, האט זיך הורדוס נישט געשפירט רוהיג אויף זיין טהראן. אמת, הורקנוס איז אפילו געוועזען אין געפענגשאפט ביי די פארטהער און דערצו האט מען איהם נאך אויך געמאכט א מום, אזוי אז ער איז שוין געוועזען פסול פאר דער כהונה גדולה, אבער די פארטהער האבען זיך באלד נאכדעם מיט איהם בעגאנגען גרויסמוטיג: זיי האבען איהם בעפרייט פון זיין געפענגשאפט און געשאנקען איהם די פרייהייט. די אידישע איינוואהנער אין בבל האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליעבשאפט און זיך בעמיהט ארומצורינגלען דעם אונגליקליכען קעניג מיט אזא רוהיגקייט, אז ער זאל קאנען האטש פיעל ווייניג פערגעסען זיין גרויסען עלענד. הורקנוס האט אבער שטארק געגארט אומצוקעהרען זיך צוריק אין זיין געליעבטען פאטערלאנד, און הורדוס האט דעריבער מורא געהאט, אז ער אדער די בבל'ישע אידען זאלען נישט פועל'ן ווידער ביי די פארטהער, צו געהען מלחמה האלטען געגען הורדוס'ען, כדי אבצוגעבען דעם אלטען קעניג צוריק זיין טהראן, וועלכען ער, הורדוס, האט ביי איהם צוגענומען.

הורדוס האט דעריבער געוואלט פערהיטען זיך פון אט דער געפאהר. ער האט געוואלט ארויסבעקומען דעם אלטען הורקנוס פון דעם פארטישען איינפלוס און האלטען איהם בעסער ארום זיך. כדי דורכצופיהרען זיין דאזיגען פערלאנג, האט ער אנגעווענדעט זיין גרויסע קונסט צו פערשטעלען זיך און שפיעלען א פאלשע ראליע. ער האט געשיקט זיין פריינד סאראמאלא, דעם רייכסטען אידען פון אנטיאכיען, קיין בבל, כדי איינצורעדען דעם אלטען הורקנוס, אז ער זאל קומען צוריק קיין ירושלים און טיילען דארט מיט הורדוס'ן זיין מאכט און כבוד, אלס מיטרעגירער, דען הורדוס וויל דאס איהם טהון, אלס דאנק פאר די גרויסע וואלטהאטען, וואס הורקנוס האט איהם בעוויזען. אומזיסט האבען די בבלי'שע אידען אבגעהאלטען דעם אלטען הורקנוס, אז ער זאל זיך נישט לאזען פערפיהרען פון די גרויסע הבטחות און נישט ווארפען זיך צוריק אין פאליטישען שטראם, וועלכער איז שטארקער פון איהם. דער לייכטזיניגער הורקנוס האט געגלויבט הורדוס'ן און זיך געאיילט אריינצופאלען אין דער פעררעטערישער נעץ. ווען הורקנוס איז געקומען צוריק פון ירושלים (106 פאר'ן חורבן), האט איהם הורדוס אויפגענומען העכסט פריינדליך און מיט גרויס כבוד; אין מלוכה־ראט האט ער איהם אבגעגעבען דעם ערשטען שטוהל, אויף זיינע מאהלצייטען האט ער איהם געזעצט צווישען די שענסטע געסט. דער אלטער און שוואכער הורקנוס איז אזוי ענטציקט געווארען דערפון, אז ער האט גארנישט בעמערקט די שארפע בליקען, מיט וועלכע הורדוס האט איהם בעטראכט.

פאר הורקנוס'ן האט שוין הורדוס, אלזא, מעהר קיין מורא נישט

געהאט, דען ער איז געווען אין זיין מאכט, ער האט איהם געהאלטען אין א גאלדענעם שטייג. געפעהרליכער אבער איז הורדוס'ן ערשינען הורקנוס'עס אייניקעל, אריסטאבול, וועלכער האט דורך זיין יוגענד, זיין גרויסען יחוס און דורך זיין שען געשטאלט דערוועקט אלעמענס בעוואונדערונג און ליעבשאפט. הורדוס האט אפילו שוין געמיינט, אז איהם איז געלונגען צו דערווייטערן איהם פון יעדען איינפלוס, דאדורך, וואס ער האט איהם דערווייטערט פון דער כהונה גדולה, וואס איז איהם געקומען לויט'ן דין פון ירושה; אבער דאס דאזיגע מיטעל האט נישט געהאט קיין ווירקונג. הורדוס'עס שוויגער, אלעקסאנדרא, די טאכטער פון הורקנוס, איז געווען אויך אזוי קלוג און געשיקט, ווי הורדוס, און זי האט פערשטאנען צו ווירקען אויף אנטאניוס'ן, אז ער זאל זיך בעצייהען פריינדליך צו איהר יונגען זוהן, דעם פרינץ אריסטאבול. זי האט נעמליך געשיקט אנטאניוס'ן א מתנה די בילדער פון איהרע קינדער, אריסטאבול און מרים, וועלכע זיינען געווען די שענסטע אין גאנצען לאנד יהודה, דען זי האט געוואוסט, אז אויפ'ן פערצערטעלטען אנטאניוס וועט מען אויפ'ן בעסטען אופן קאנען ווירקען דורך דער שענהייט. דאס בילד האט אין דער ווירקליכקייט געמאכט אזא שטארקען איינדרוק אויף אנטאניוס'ן, אז ער האט פערלאנגט צו זעהן אריסטאבול'ן. הורדוס האט איינגעזעהן, אז אויב אריסטאבול וועט זיך געפינען ביי אנטאניוס'ן, וועט ער פאר איהם קאנען ווערען נאך געפעהרליכער, דעריבער האט ער איהם בעשטימט פאר א כהן גדול, נאכדעם, ווי ער האט דערווייטערט פון דער כהונה גדולה חננאל'ן אהן קיינער שום דין און משפט (105 פאר'ן חורבן). אבער אלעקסאנדרא איז מיט דער דאזיגער דערהויבונג פון איהר זוהן נאך אלץ נישט געווען צופריעדען, דען זי האט געהאלטען אין איין טראכטען צו בעקומען פאר איהר זוהן די קרוין פון איהרע עלטערן.

הורדוס האט דעריבער אנגעהויבען נאך אפטער נאכצודענקען, ווי אזוי צו פערדארבען דעם יונגען פרינץ, וועלכער איז פאר איהם געווארען געפעהרליכער פון טאג צו טאג, נאכדעם, ווי דאס פאלק האט איהם אנגעהויביען עפענטליך ארויסצוווייזען זיין ליעבשאפט. מיט געוואלד האט ער געגען דעם פרינץ גאר נישט געקאנט אויפטהון, ווייל אנטאניוס'עס געליעבטע, קלעאפאטרא, האט איהם עפענטליך גענומען אונטער איהר שוץ. הורדוס האט זיך דעריבער גענומען צו געהיים־מערדעריי. ער האט איינגעלאדען דעם יונגען פרינץ קיין יריחו און געגעבען א בעפעהל זיינע קנעכט, אז ווען אריסטאבול וועט זיך דארט באדען אין טייכעל, זאל מען איהם, שפילענדיג, דערטרינקען. דער דאזיגער בעפעהל איז פינקטליך אויסגעפיהרט געווארען (105 יאהר פאר'ן חורבן). מיט'ן טויט פונ'ם 17־יעהריגען אריסטאבול דעם דריטען איז אבגעשטארבען דער לעצטער מאנסביל (אויסער דעם אלטען הורקנוס) פון דער חשמונאי'שער

משפחה. חננאל איז ווידער בעשטימט געווארען פאר א כהן־גדול. אומ־זיסט האט זיך הורדוס פערשטעלט און געטרויערט, כלומר'שט, נאך דעם טוידט פון זיין פרוי'ס ברודער, אומזיסט האט ער פערשווענדעט פיעל בשמים צו באלזאמירען זיין טוידטען קערפער. די קרובים און פריינד פון דער חשמונאי'שער משפחה האבען איהם עפענטליך בעשול־דיגט אין דעם שענדליכען מארד, אבער קיינער האט זיך נישט געוואגט דאס ארויסצוזאגען הויך.

די דאזיגע שוידערהאפטע נבלה האט אבער געבראכט פאר הורדוס'ען זעהר א ביטערע פרוכט, וועלכע האט איהם פערביטערט זיין לעבען ביז זיין לעצטען אטעם. זעלטען האט דאס פערברעכען אזוי קלאר און דייטליך נקמה גענומען אן דעם פערברעכער. נישט קיין שרעקליכע חרטה האט געפייניגט הורדוס'ן און נישט דאס איז געווען זיין בעד־שטראפונג, עטוואס ערגערעס האט איהם זיין פערברעכען געבראכט — אייביגע יסורים אין זיין פאמיליען־לעבען, וועלכע האבען איהם פערפינ־סטערט יעדע פרעהליכע מינוט און פערגאלט יעדען זיסען טראפען. אנשטאט חרטה, איז דער שרעקליכער מענש פערשלעפט געווארען אלץ אין מעהר און מעהר פערברעכענס, און ארום איהם איז די לופט פיל געווארען מיט אונשולדיג בלוט. ווען אלעקסאנדרא האט דערזעהען, אז פון אלע איהרע גרויסע חלומות האט זיך גאר נישט אויסגעלאזען נאך דער ערמארדונג פון איהר זוהן, האט זי געוואלט לפחות נקמה נעהמען פון זיין מערדער. זי האט דערפאר אנגעקלאגט הורדוס'ען פאר קלעא־פאטרא'ן אין א מארד, און קלעאפאטרא, וועלכע האט שוין לאנג חשק געהאט צו בעקומען אונטער איהר הערשאפט דאס לאנד יהודה, האט אויסגענוצט די געלעגענהייט צו מאכען הורדוס'ן פערהאסט אין די אוי־גען פון איהר געליעבטען אנטאניוס. אנטאניוס האט באלד ארויסגע־פאדערט צו זיך הורדוס'ן קיין לאאדיצעא, כדי ער זאל זיך דארט פאר איהם רעכטפערטיגען אין זיין פערברעכען. הורדוס האט איינגעזעהען, ווי געפעהרליך די זאך קאן ווערען פאר איהם, און האט דעריבער מיט־גענומען מיט זיך גרויסע מתנות פאר אנטאניוס'ן און מיט זיין גלאטער צונג איז איהם אויסערדעם געלונגען אזוי גוט נושא חן צו זיין ביי אנטאניוס'ן, אז ער האט, אנשטאט בעשטראפונג, נאך אבגעגעבען איהם גרויס כבוד, און הורדוס האט זיך געקאנט אומקעהרען צוריק אהיים גאנץ פרעהליך. אמת, די זאך האט איהם געקאסט גאנץ טייער: די בעריהמטע געגענד פון יריחו, וואו ס'איז געוואקסען דער וועלט־בע־וואוסטער באלזאם מיט די רייכע טייטעלבוימער, האט ער געמוזט אב־געבען א מתנה אנטאניוס'עס געליעבטער, קלעאפאטרא'ן, און אויסער דעם נאך דעם גאנצען ברעג פון מיטעללענדישען ים, ווי אויך צוויי הונדערט טאלענט זילבער; אבער אין פערגלייך מיט דער סכנה, וואס האט איבער איהם געשוועבט, איז דאס געווען א קלייניגקייט. הורדוס

האט דעריבער געקאנט זיין צופרידען.

אבער, ווי נאר הורדוס האט אריבערגעטראטען די שוועל פון זיין פאלאץ, ווען ער איז צוריק קיין ירושלים געקומען, האט איהם שוין דא ערווארטעט דער טייוועל פון מחלוקת, וועלכער האט געדארפט אריינברענגען א פינסטערע פערצווייפלונג אין זיין לעבען. פאר זיין אבפאהרען קיין לאאדיצעא האט ער אנפערטרויט זיין פרוי מרים דעם מאן פון זיין שוועסטער שלומית און איהם דערביי אנגעוויזען, אז אויב אנטאניוס וועט איהם פער'משפט'ן און בעשטראפען מיט טויט, זאל ער דער'הרג'נען זיין פרוי, מרים, מיט איהר מוטער, אלעקסאנדרא. די ליעבע צו דער שענער מרים, וועלכע ער האט נישט פערגונען א צווייטען מאנסביל, און די שנאה צום חשמונאי'שען הויז — אט די ביידע זאכען האבען איהם אריינגעגעבען דעם טייוולאנישען פלאן. ווען הורדוס האט זיך דערוואוסט, אז מרים האט פון ערגעץ וואו בעקומען א ידיעה וועגען דער דאזיגער וואונדערליכער צערטליכקייט און ליעבע פון איהר מאן, איז ער אריין אין א געוואלדיגען צארן. אלעקסאנדרא'ן האט ער בעפויהלען אריינצווארפען אין תפיסה, און זיין פרוי מרים וואלט ער געווים באלד דער'הרג'עט, ווען נאר זיין ליעבע צו איהר וואלט נישט געווען שטארקער ווי זיין צארן. דאס זענען געווען די ערשטע קערנער פון שרעקליכען האס, וועלכע האבען אנגעהויבען באלד צו שפראצען אין הורדוס'עס פאמיליען-לעבען.

אויסענווענדיג איז הורדוס'ן אפילו דאס גליק געטריי געווען, און דאס האט איהם אויך געהאלפען אריבערטראגען לייכטער די אינער-ליכע יסורים, וואס האבען זיין לעבען געפייניגט. ארום דעם זעקסטען יאהר נאך זיין בעשטייגען דעם טהראן, האבען זיך ווידער אנגעזא-מעלט פינסטערע וואלקענס איבער זיין קאפ, דען עס האט נאך גע-לעבט א שוועסטער פונ'ם לעצטען חשמונאישען קעניג אנטיגאנאס, וועלכע האט געוואלט נקמה נעהמען פאר איהר ברודער און דער גאנ-צער אונגליקליכער חשמונאישער משפחה. די דאזיגע פרוי האט פער-זאמעלט פיעל מיליטער, מען ווייס נישט אויף א וועלכען אופן, און האט פערנומען די פעסטונג הירקאניאן (102 פאר'ן חורבן). קוים האט הורדוס בעוויזען מנצח צו זיין דעם דאזיגען שונא, האט ער שוין גע-האט צו פיהרען אנ'אנדער מלחמה, און וועלכע עס האט איהם פער-וויקעלט קלעאפאטרא. אנטאניוס'עס געליעבטע האט, נעמליך, געמאכט הורדוס'ן פאר אנ'ערב, אז זי וועט בעקומען אין דער בעשטימטער צייט די שטייערען פון א טייל פונ'ם לאנד, וואס האט געהערט דעם אראבישען קעניג פון שבט נביות, מליכ'ן. נאטירליך, איז איהם שווער געוועזען זיין ערבות צו האלטען און עס איז אויסגעקומען צו פיהרען מלחמה.

אבער ווען הורדוס האט אויך די דאזיגע מלחמה גליקליך געענ-

דיגט, האט זיך אויפגעהויבען א נייער פאליטישער שטורם אין רוים און אויך געדראהט איינצושלינגען הורדוס'ן, וועלכער האט זיך נאר געהאלטען מיט דער שטיצע פונ'ם שטארקען אנטאניוס, וואס איז, צוזאמען מיט זיינע צוויי חברים, געשטאנען אין שפיץ פון דער רוימישער מלוכה. פון דער צייט אן, וואס אין רוים האט געהערשט דער טריאומווירAט, דאס הייסט, די דריי שרים: צעזאר אקטאוויאן, מארקוס אנטאניוס און עמיליוס לעפידוס, איז דארט די גאנצע פאליטישע אטמאספערע פול געווען מיט פערדערבליכע פונקען, וואס האבען יעדע מינוט געקאנט אויסברעכען אין א געוואלדיגע שרפה. יעדערער פון די דריי שרים האט געפיהרט אינטריגעס געגען זיינע חברים, ווייל יעדער האט געוואלט פערכאפען די גאנצע ממשלה איבער רוים מיט אלע איהרע מדינות אין זיינע אייגענע הענד. דערצו איז נאך געקומען עטוואס אזעלכעס, וואס איז נאך קיינמאל אין דער וועלט־געשיכטע נישט פארגעקומען. איינער פון די דריי הערשער איבער דער רוימישער וועלט־מלוכה, מארקוס אנטאניוס, איז אזוי שטארק געווען אריינגעשטריקט אין די נעצען פון זיין געליעבטער, דער עגיפטישער מלכה, קלעאפאטרא, אז ער האט דער לעצטער אבגעגעבען די גאנצע מאכט איבער זיך, און זי האט עס געוואלט אויסנוצען, כדי צו זיין די פאקטישע הערשערין אין רוים. און זאלען אפילו דאדורך פעלקער און מדינות אין העלישע פלאמען אומקומען. אין דער דאזיגער שטארק אויפגערעגטער צייט האט איינער פון די אידישע דיכטער אין דער פארם פון א סיבילינישער נבואה, אין שענע גריכישע שירים פאראויסגעזאגט דעם אונטערגאנג פון דער זינדיגער רוימישער און גריכישער וועלט און דעם אויפגאנג פון דעם הערליכען פריהמארגען פון משיח'ן. שרעקליכע טעג האט פאראויסגעזאגט די סיבילע, אדער דער אידיש־גריכישער נביא, און וועלכע דער געגנער פון משיח'ן, בעליאר (בליעל) וועט פערפיהרען די מענשהייט צו זינד און וועט זי פערדערבען.

„ווען ענדליך רוים פערכאפט די מאכט אויך אין דעם לאנד מצרים און איבער איהם געוועלטיגט, דאן קומט די גרעסטע מלוכה פון אונשטערבליכען מלך. א קעניג קומט א הייליגער און ער בעהערשט די וועלט אויף אייביג, אייביג שוין, ביז איבער אל־די צייטען".

„דאן הערשט דער ווילדער כעס פון די לאטייניש' לייט;
„ביינאנד צוזאמען דריי פערניכטען זיי גאנץ וויים
„מיט שרעקליך ווילדער האנד די גאנצע רוימיש' וועלט.
„עס געהען אונטער מענשען דאן און די אייג'נע הייזער...
„אה, ווע דיר עלענדען, ווע, ווען יענעם טאג פון שרעק
„וועסטו א מאל דערלעבען!"

א צייט פון אונגליק איז טאקי באמת אנגעקומען און אויך דריי רוימישע געוועלטיגער זענען געקומען, אבער קיין משיח'ס צייטען זע־

נען נישט געקומען. אין דער גרויסער מלחמה צווישען אקטאוויאן און
אנטאניוס האבען געקעמפפט איינע געגען די אנדערע צוויי וועלטען:
דער מערב מיט'ן מזרח. דאס איז געווען א מלחמה פון אלע פעלקער
פון איירא‌פא און אזיען, און זי האט זיך געענדיגט מיט אנטאניוס'עס
מפלה אין דער מלחמה ביי אקציום (Actium) (2-טען סעפט. 31 פאר
דער געוועהנליכער צייטרעכנונג). די דאזיגע מפלה האט אויך געטראפען
הורדוס'ן מיט א צושמעטערנדער קראפט. ער אליין ווי אויך זיינע פיינד
האבען דערין קיין ספק נישט געהאט, אז אנטאניוס'עס מפלה וועט אויך
איהם ברענגען די פערניכטונג, דען ער איז דאך געווען דער געטריי-
סטער פריינד פון אנטאניוס. הורדוס איז דעריבער געווען אין א לא-
גע, ווען ער האט געקאנט ערווארטען דאס שרעקליכסטע פאר זיך, און
ער האט אויך רוהיג געווארט, אבער דערביי האט ער דורכאוים געוואלט
פערניכטען אויך די לעצטע פון די חשמונאים, דעם אכציג-יעהריגען
הורקנוס, זיין אייגענע פרוי מרים און איהר מוטער אלעקסאנדרא, וועל-
כע האבען נישט געטארט איבערלעבען זיין מפלה. הורקנוס'ן האט ער
פאר'ן געריכט געשטעלט און אנגעקלאגט איהם, אז ער האט געהיים
געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט'ן קעניג פון דעם אראבער שבט נביות,
כדי צו פערדערבען איהם, הורדוס'ן, און אראפשטויסען איהם פון
טהראן. דער גאנץ אונשולדיגער זקן איז אין געריכט אנערקענט געווא-
רען פאר שולדיג און בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט. מרים און איהר
מוטער האט הורדוס אבגעשיקט אין די פעסטונג אלעקסאנדריאן אונ-
טער דער אויפזיכט פון א מענשען פון יטור מיט א בעפעהל, אז ווי
נאר עס וועט אנקומען די ידיעה, אז די רוימער האבען איהם, הורדוס'ן,
בעשטראפט מיט'ן טויט, זאל ער זיי אויך באלד דער'הרג'ענען. אבער
נאך איידער הורדוס איז אבגעגאנגען אויף זיין רייזע, פון וועלכער עס
איז אבגעהאנגען זיין לעבען אדער זיין טויט, איז ער געצוואונגען געווען
צו בעשטימען אנדערע ריכטער אין סנהדרין, וואס ער וואלט ביי אנ-
דערע אומשטענדען געוויס נישט געטהון. וואס פאר א אומשטענדען
עס האבען איהם דערצו געצוואונגען, ווייסען מיר איצט שוין נישט,
אבער דורך דער דאזיגער בעשטימונג פון נייע ריכטער איז געווארען
א נשיא אינ'ם סנהדרין דער תנא הלל הבבלי, וועלכער האט דעם יו-
דענטום געגעבען א נייע ריכטונג, וועלכע ווירקט נאך אויך ביז היינטי-
גען טאג אין טויזענדער פערצווייגונגען און ענטוויקלונגען.

דער תנא הלל פון בבל.

(געבארען לערך 140, געשטארבען לערך 65 פאר'ן חורבן).

דער תנא הלל הזקן, אדער הבבלי, האט זיך מתיחס געווען
פון זיין מוטער'ס זייט, אז ער האט געשטאמט פון דוד המלך. אבער

חאָטש ער האָט געשטאַמט פון אַ הויכער משפחה, איז ער דאָך געווען
זעהר אָרעם און זיין רייכער ברודער שבנא האָט איהם געשטיצט. מען
קאָן זיך משער זיין, אַז ער איז געקומען פון בבל קיין ירושלים צוזאַמען
מיט'ן אַלטען קעניג הורקנוס (106 פאַר'ן חורבן) און איז געוואָרען אײי־
נער פון די פלייסיגסטע תלמידים פון די תנאים שמעיה ואבטליון; די
תורה, וואָס ער האָט פון זיי איבערגענומען, פלעגט ער מדקדק זיין, איי־
בערצוגעבען וואָרט בײַ וואָרט. דער הויפּט־שטריך אין הלל'ס כאַראַק־
טער איז געווען די תמימות און גוטסקייט פון אַ טוב, און דעריבער
האָבען איהם אַלע ליעב געהאַט. זיין גוטסקייט איז אַזוי גרויס געווען,
אַז ער האָט קיינמאָל נישט געלאָזט געוועלטיגען איבער זיך זיין כעס
אויך אויף איין אויגענבליק, ווי שטאַרק דער דאָזיגער כעס זאָל נישט
האָבען געווען; זיין בעציהונג צו מענשען איז געווען אײַנגעזאַפּט מיט
דער טיעפער ליעבע, וועלכע שטאַמט פון דער אייגענער עניוות און פון
דער שטענדיגער נטיה צו אורטיילען נאָר גוט וועגען אַנדערע מענשען;
ציליעב זיין טיעפען און פעסטען בטחון און גאָט איז הלל שטענדיג
געבליעבען רוהיג און קאַלטבלוטיג אויך אין די שווערסטע מאָמענטען;
ווען אפילו דאָס אונגליק פלעגט שוין נאָהענט קומען, פלעגט ער איך
בלייבען געלאַסען און אונערשראָקען. קיין שענערען אידעאַל פון עניוות
און מילדקייט, ווי הלל איז געווען, האָט די שפּעטערדיגע צייט נישט
געזעהען. צו הלל'ן איז איינמאָל געקומען אַ געצענדיענער זיך מגייר זיין,
דערבײַ האָט ער געוואָלט, אַז הלל זאָל איהם אָנווייזען דעם הויפּט־
פּרינציפּ פון יודענטום, אָדער „דאָס ער זאָל מיט איהם אויסלערנען די
גאַנצע תורה שטעהענדיג אויף איין פוס". דערויף האָט איהם הלל גע־
ענטפערט מיט אַ גאָלדענעם מאמר: „וואָס דיר איז נישט אָנגענעהם,
זאָלסטו דעם אַנדערען אויך נישט טהון". — „דאָס — האָט הלל ווייטער
געזאָגט — איז דער תמצית, דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער תורה, אַלעס
איבריגע איז נאָר אַ פירוש, געה און לערן". זיין פריעדליכען כאַראַק־
טער פלעגט הלל שטענדיג אַרויסווייזען, ווען נאָר ער פלעגט הערען אַ
מיינונג, מיט וועלכער ער איז נישט געווען אײַנשטימיג. זיין מילדקייט
האָט קיין שיעור און ערך נישט געהאַט; ווען ער פלעגט געבען צדקה,
פלעגט ער זיך שטענדיג בעמיהען נישט צו פערשעמען דעם אָרעמאַן,
נאָר צו בעעהרען איהם, לויט זיין ווערט און צושטאַנד.

אין'ם דאָזיגען גייסט זענען אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַלע זיי־
נע מאמרים, וועלכע הלל האָט נאָך מעהר ווי די פריהערדיגע תנאים
איבערגעלאָזען, און וועלכע צייכענען זיך אויס, בײַ דער געדריקטער
קורצקייט, מיט אַ רייכען זאַפטיגען אינהאַלט. אַזוי, למשל, זיין מאמר:
„אויב איך זאָל פאַר זיך (דאָס הייסט: פאַר מיין נשמה) נישט זאָרגען,
טאָ ווער וועט עס טהון? טהו איך דאָס גאָר פאַר מיר, טאָ וואָס קאָן
איך אויפטהון? אויב נישט איצט, טאָ ווען־זשע דען?" אָדער: „זאָלסט

זיין פון אהרנ'ס תלמידים — א ליעבהאבער און א זוכער פון שלום, א ליעבהאבער פון מענשען, וואס פיהרט זיי צו דער תורה". דאס לערנען תורה האט ער געשעצט אזוי הויך, אז ער פלעגט שטארק אויפגערעגט ווערען, ווען ער פלעגט זעהן, ווי מען געברויכט עס אלס מיטעל צו בעקומען כבוד, אדער א שענעם נאמען: „ווער עס טראכט נאר צו דערהויבען זיין נאמען, יענער ערניעדריגט איהם, ווער עס לערנט נישט פלייסיג איז נישט ווערט צו לעבען, ווער עס לערנט נישט מעהר, געהט אונטער און ווער עס בענוצט פאר זיך די קרוין פון דער תורה, שטארבט אב".

ווי הלל איז געווארען א אידעאל פאר די קומענדיגע דורות, צוליעב זיינע זעלטענע מדות, אזוי ווערט ער אויך גערעכענט פאר'ן הויפט־גרינדער פונ'ם ענטוויקעלטען יודענטום, צוליעב דער גרויסער ענטוויקלונג, וואס ער האט די תורה שבעל־פה געגעבען; נאך עזרא'ן ווערט ער גערעכענט פאר'ן גייסטיגען פאטער פון דער תורה שבעל פה. אין צוויי ריכטונגען האט הלל אויפגעפרישט און אבגעלעבט די תורת שבעל־פה און פערפלאנצט זי אויף אייביגע צייטען ביי אידען: יענע הלכות און טראדיציעס, וועלכע ער האט איבערגענומען פון די תנאים שמיעה און אבטליון, האט ער פערגרעסערט און פערברייטערט דורך אלטע מסורות (איבערליפערונגען, אדער קבלות), וועלכע ער האט מיט זיך געבראכט פון בבל; אבער נאך מעהר האט ער אויפגעטהון אליין דאדורך, וואס ער האט אנגעוויזען די לאגישע מאטיווירונג און בעגרינדונג פון די הלכות, וועלכע זענען ערהאלטען געווארען פון די פריהערדיגע דורות, און אויך פעסטגעשטעלט די כללים, לויט וועלכע מען דארף משה'ס תורה לערנען. אלע אלטע, איבערגענומענע הלכות, אדער קבלות, האט ער בעגרינדעט אויפ'ן סמך פון איבערגענומענע כללים (מדות), אדער אלגעמיינע פרינציפען, וועלכע ער האט בעניצט, און דאדורך האט ער דערהויבען די תורה שבעל פה פונ'ם **גלויבען** ביז דער מדרגה פון **וויסען**. אנשטאט דעם, וואס פריהער פלעגט מען זיך בלויז סומך זיין אויף דעם, וואס מען האט אזוי אדער אזוי געהערט פון דעם אדער יענעם אלטען אויטאריטעט און **געגלויבט** דערין, האט מען איצט בעקומען די פאלקאמע **איבערציינגונג**, אז מען דארף דעם אדער יענעם ענין פערשטעהן נאר אזוי און נישט אנדערש. בכלל האט הלל געלערנט, אז מען דארף אננעהמען די תורה שבעל־פה נישט אויפ'ן סמך פון אנ'אויטאריטעט, נאר אויפ'ן סמך פון דער לאגישער מיטווירקונג, וועלכע שטעקט אין איהר גופא. דאדורך האט הלל אין א געוויסער מאס מעגליך געמאכט דעם שלום צווישען די צדוקים און די פרושים, ווייל ער האט אויפגעשטעלט א פרינציפ, וועלכען ביידע פארטייען האבען געמוזט גלייך אננעהמען. מעהר האט שוין נישט געקאנט פארקומען קיין מחלוקת, אויב מען דארף די אדער יענע הלכה אננעה־

מען, ווייל ער האט נישט געפאָדערט, אז מען זאל זי אננעהמען דער־פאר, וואס אזוי האט מען בקבלה (געגען וואס די צדוקים זע־נען בעזונדערס שארף ארויסגעטראטען), נאר ווייל מען זעהט עס אליין ארוים פון דער תורה. פון איין זייט האט הלל איינגעשטימט מיט די צדוקים, אז א געזעץ דארף נאר דאן אנערקענט ווערען פאר ריכטיג, אויב מען קאן אנווייזען, דאס ער האט א סמך אין דער געשריבענער תורה; פון דער צווייטער זייט ווידער האט ער ערקלערט, אז דעם דאזיגען סמך, אדער די בעגרינדונג פון דער הלכה דארף מען זוכען נישט בלויז אין די טויטע אותיות, נאר אינ'ם גאנצען גייסט פון דער תורה, אדער לויט די אלגעמיינע כללים, וועלכע די תורה אנערקענט אליין. בכלל קאן מען א הלכה ארויסדרינגען פון דער תורה מיט דער הילף פון זיבען כללים (מדות), דורך וועלכע די תורה ווערט געלערנט, און דורך זיי ווערט די ארויסגעדרונגענע הלכה אויך אזוי היילינג און געזעצליך, ווי די געשריבענע תורה אליין. די כללים, וועלכע הלל האט צוזאמענגעשטעלט, זענען שפעטער פיעל און פערשיעדען איבערגעארבייט און פערברייטערט געוואָרען, און אזוי ארום איז געלעגט געוואָרען דער פונדאמענט צו אלערליי שארפזיניגע ערקלערונגען און אויסדרינגונגען, וועלכע מען רופט אין קורצען „תלמוד“.

ווי עס שיינט, האט מען פון אנפאנג נישט געוואלט אננעהמען, אלס א בעשטימטע זאך, די כללים, וועלכע הלל האט צוזאמענגעשטעלט. הלל האט אבער געהאט די געלעגענהייט צו דערווייזען זייער ריכטיגקייט אין א פראגע, מיט וועלכער עס האט זיך אינטערעסירט די גאנצע נאציאָן, און דאן איז ער בעשטימט געוואָרען פאר א נשיא פונ'ם סנהדרין. פארגעקומען איז דאס, ווען די בני בתירה זענען געוועזען נשיאים פון סנהדרין; דאן איז איינמאל אויסגעקומען שבת ערב פסח — א פאל, וועלכער קומט פאר גענוג זעלטען — און די בני בתירה האבען נישט געוואוסט, אויב מען מעג אום שבת שעכטען דעם קרבן פסח און צוגרייטען איהם. ווי עס שיינט, האבען געצעהלטע געלעהרטע אידען שוין געהערט וועגען הלל'ן, און דאריבער האבען זיי ערקלערט, אז מען דארף פרעגען ביי הלל'ן, וועלכער קומט פון בבל און האט געלערנט ביי שמעיה ואבטליון, אז ער זאל די פראגע ערקלערען. הלל איז דאן ארויסגעטראטען און אנגעוויזען אויפ'ן סמך פון זיינע כללים, ווי אזוי מען דארף די תורה לערנען, אז מען קאן פון דער תורה אליין ארויסדרינגען, דאס דער קרבן פסח איז דוחה שבת, ד. ה., אז מען מעג אום שבת אלע מלאכות טהון, כדי מקריב צו זיין דעם קרבן פסח. וועגען דער פראגע האבען זיך אבער אנגעהויבען זעהר שארפע וכוחים, און עס האבען זיך געלאזט הערען שטימען פאר און געגען הלל'ן. איינינגע האבען געזאגט: „דער בבלי וועט אונז אויפ'ן גרינדליכסטען אופן די זאך דער־ווייזען“. אנדערע האבען, פערקעהרט, איראניש גע'טענ'עט: „וואס פאר

א חכמות וועלען מיר הערען פון בבלי!" דער סנהדרין זאט אויך נישט געוואלט אננעהמען הלל'ס הלכה, לויט זיין ערקלערונג. אבער דאן האט הלל ערקלערט, אז די הלכה האט ער געהערט פון שמעיה ואבטליון. דערמיט האט זיך דער שוין דער סנהדרין צופריעדענגעשטעלט. אזוי ארום איז אבער אויך דערוויזען געווארען די ריכטיגקייט פון הלל'ס כללים. הלל'ס נאמען איז באלד געווארען פאפולער. די בני בתירה האבען אבגעטראטען די שטעלע פון דער נשיאות אין סנהדרין — מען ווייס נישט, צי מיט'ן גוטען ווילען, צי דאס פאלק האט זיי דערצו געצוואונגען — און הלל איז געווארען נשיא (100 פאר'ן חורבן). מיט דער דאזיגער דערהויבונג איז הלל כלל נישט שטאלץ געווארען, נאר ער האט דערביי ארויסגעזאגט זיין אונצופריעדענהייט מיט די מיטגליעדער פון סנהדרין, ערקלערענדיג: „ווי אזוי איז עס געקומען, אז איך, אומבעוואוסטער בבלי, האב געמוזט ווערען נשיא פון סנהדרין? נאר אייער פוילקייט צו לערנען פון שמעיה ואבטליון האט געבראכט דערצו". הורדוס האט, ווי עס שיינט, גארנישט געהאט געגען דער נייער בעשטימונג, טיילוויז דערפאר, וואס ער האט געהאלטען פאר דער רייזע צו אקטאוויאן, וואו ער האט געקאנט פערליערען אי די קרוין, אי דעם קאפ, און דעריבער האט ער נישט געוואלט אויפרייצען געגען זיך די אידישע נאציאן, טיילוויז אבער אויך צוליעב דעם, וואס הלל האט געשטאמט פון בבל, און צו אן'אויסלענדער אידען האט הורדוס געהאט מעהר צוטרוי. אויסער דעם איז הורדוס'ן אויך, בלי ספק, בעוואוסט געוועזען, אז הלל איז א מענש, וואס ליעבט דעם שלום, און, אויב ער וועט שטעהן אין שפיץ פון סנהדרין, קאן ער ברענגען נוצען הורדוס'ן, בערוהיגענדיג דאס פאלק. אט די אלע נישט־וויכטיגע אומשטענדען האבען ארויסגעבראכט א גרויסע זאך: אין שפיץ פון סנהדרין האט זיך געשטעלט א מאן, וועלכער איז געוועזען א ציערונג פאר איהם דורך זיינע גרויסע מעלות און זעלטענע מדות, א מאן, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון יודענטום, וואס די גרויסע נשיאים, וועלכע זענען געוועזען נאך איהם אין א משך פון פיער הונדערט יאהר, זענען געוועזען זיינע ווערטע פערטרעטער.

צווישען די תקנות, וועלכע הלל האט מתקן געוועזען אין דער צייט פון זיין נשיאות, געפינט זיך איינע, וואס האט אן'אלגעמיינע בעדייטונג און דערוויזט, אז הלל האט זיך בעזונדערס שטארק גערעכענט מיט די פאדערונגען פון לעבען. לויט'ן געזעץ פון דער תורה, דארפען אין שמיטה־יאהר בטל ווערען אלע חובות, וואס איינער איז עמיצען שולדיג. דאס דאזיגע געזעץ האט געהאט זעהר א הויכע בעדייטונג פאר א פאלק, וואס בעשעפטיגט זיך נאר מיט לאנד־ארבייט און מיט פיטערען און האדעווען בהמות, אדער בכלל פאר א מלוכה, וואס איז געגרינדעט געווארען בלויז אויף די יסודות פון דער הויכער מאראל,

דען דורך אזא געזעץ האָט מען אײנמאָל אין זיבען יאָהר אויסגע־גליכען און גאָרמירט דאָס פּריוואַטע פערמעגען, אַז עס זאָל זיך נישט אַנזאַמלען צו־שטאַרק אין איינציגע הענד. אין דער צייט אָבער פֿון הורדוס׳עס מלוכה, ווען באַרעס געלד האָט אַנגעהויבען שפּיעלען די הויפּט־ראָליע אין לעבען, האָט דאָס דאָזיגע געזעץ געבראַכט דערצו, אַז דער רייכער האָט זיך אָבגעזאָגט צו ענטלייהען דעם אָרימאַן און העלפען איהם אין זיין פערלעגענהייט. און אַט צוליעב דעם האָט הלל פער־אָרדענט, אַז דער מלוה זאָל פאַר׳ן שמיטה־יאָהר קאָנען אָבגעבען אַלע חובות, וועלכע עס קומען איהם, דעם געריכט, וועלכעס עס וועט אַנשטאַט איהם אויפמאַהנען עס און ער זאָל נישט דאַרפען ברעכען דאָס געזעץ פון דער תורה. דער דאָזיגער תקנה, וועלכע איז געווען נוצליך אַ פאַר׳ן מלוה, אַז פאַר׳ן לוה, האָט מען געגעבען אַ גריכישען נאָמען פּראָסבאָל (פּרוסבול), וואָס הייסט „איבערגעבען“, ווייל דאַדורך פלעגט מען איבערגעבען די חובות דעם בית־דין און קאָנען איינמאַהנען זיי נאָכ׳ן שמיטה־יאָהר, נישט ברעכענדיג דאָס געזעץ פון דער תורה.

די צווייטע שטעלע נאָך הלל׳ן אין סנהדרין, אָדער זיין פערטרע־טער, ווען ער איז נישט געווען, האָט פערנומען דער עסייער מ נ ח ם, וועלכער איז, בלי ספק, דערהויבען געוואָרען צו דער שטעלע, לויט׳ן פערלאַנג פון הורדוס׳ן, ווייל ער איז געווען זעהר פריינדליך געשטימט פאַר מנחם׳ן. וועגען דער סבה פון דער דאָזיגער פריינדשאַפט האָט מען שפּעטער דערצעהלט אַזוי: מנחם זאָל נאָך אין הורדוס׳עס פריהער־דיגענד איהם האָבען פאָרגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט (די עסייער האָט מען געהאַלטען פאַר מענשען, וועלכע וויסען די צוקונפט), אַז ער וועט ווערען מלך אין ירושלים און רעגירען אויף אַ גלענצענדען אופן, נאָר געגען דער פרומקייט און גערעכטיגקייט וועט ער זינדיגען. די דאָזיגע נבואה, וועלכע איז דעם אינגעל הורדוס פאָרגעקומען, ווי אַ שפּאַס, האָט דער דערוואַקסענער הורדוס זיך איצט דערמאַהנט, ווען ער איז אין דער ווירקליכקייט קעניג געוואָרען. ווי מען האָט דערצעהלט, זאָל ער האָבען געשיקט נאָך מנחם׳ן און געפרעגט איהם, ווי לאַנג ער וועט קעניגען. מנחם האָט אויף דער דאָזיגער פראַגע נישט געוואָלט ענטפערען. הורדוס האָט אַנגעהויבען אַליין צעהלען: צעהן, צוואַנציג, דרייסיג יאָהר... און מנחם האָט אַלץ געשוויגען. הורדוס האָט דעריבער דערפון בעשלאָסען, אַז זיין רעגירונג וועט דויערן לפחות דרייסיג יאָהר. ווי עס שיינט אָבער, האָט מנחם זיך גע־שפּירט נישט גוט אויף זיין הויכער שטעלע, דען ער איז אַליין אַרויס־געטראָטען פון סנהדרין, כדי צו קאָנען לעבען ווידער אין יחידות מיט די עסייער*).

*) די ריכטיגע אורזאַכע, איבער וועלכע מנחם איז אַרויסגעטראָטען פון

מנחם׳ס שטעלע אין סנהדרין האט פערנומען דער תנא שמאי, וועלכער איז, לויט זיין האראקטער און דענקען, געוועזען דער היפך פון הלל׳ן, אבער ער איז אין דער הינזיכט געוועזען נויטיג, ווייל ער האט ערפילט דאס, וואס עס האט הלל׳ן געפעהלט. — ס׳איז קיין ספק נישט, אז שמאי האט געשטאמט נישט פון בבל, נאר פון ארץ־ישראל. און דערבייער האט ער טיילגענומען אין אלע רעליגיעזע און פאליטישע ענטוויקלונגען פון זיין געבורטס־לאנד. זיינע רעליגיעזע אנשויאונגען זיינען געוועזען זעהר שטרענגע, און יעדער רעליגיעזער פראגע פלעגט ער מדקדק זיין ביז צו די מינדעסטע פרטים און פאדערן, אז מען זאל זיי גענוי און שטרענג ערפילען. שמאי איז אבער כלל נישט געוועזען, ווי איינינגע האבען געזאגט, א בעל מרה שחורה און א מיזאנטראפ (מענשען־פיינד); ס׳איז אויך נישט ריכטיג, אויב מען זאל מיינען, אז ער איז געוועזען א ווילדער כעסן, וואס פלעגט הארט בעשטראפען מענשען פאר יעדער קלייניגקייט. ער האט גאר, פערקעהרט, געלערנט, אז מען דארף אויפנעהמען מענשען פריינדליך, ווי מיר זעהען עס פון דעם מאמר, וואס איז פון איהם געבליבען: „מאך די בעשעפטיגונג מיט דער תורה פאר דער הויפטזאך פון דיין לעבען, רעד ווייניג, אבער טהו פיעל און נעהם־אויף יעדען מענשען מיט א פריינד־ליכען בליק“. ביידע נשיאים פון סנהדרין, הלל און שמאי, האבען געגרינדעט בעזונדערע שולען, וועלכע זענען אין רעליגיעזע, מאראלישע און רעכטליכע, אדער סאציאלע פראגען געוועזען זעהר פערשיעדען איינע פון די אנדערע, און שפעטער, ווען די פאליטישע געשעהענישען האבען זיך פערוויקעלט און אין לאנד יהודה האבען זיך אנגעהויבען מחלוקות און מלחמות, האבען ביידע שולען געהאט א גרויסען איינפלוס אויך אויפ׳ן פאליטישען לעבען, דען זיי האבען געארבייט אין פערשיעדענע ריכטונגען. הורדוס האט אליין נישט בעמערקט, וואס פאר פיינדליכע עלעמענטען געגען זיין הויז וואקסען און ענטוויקלען זיך אין שטילען, אבגעזונדערטען לעבען פון בית־המדרש.

מיט א הארץ פול מורא און אונזיכערהייט איז הורדוס אבגע־פאהרען פון ירושלים צו אקטאוויאן צעזאר, וועלכער איז נאך דער מלחמה ביי אקציום און זיין נצחון איבער אנטאניוס׳ן געבליבען דער איינציגער הערשער איבער דער גרויסער רוימישער מלוכה. אקטאוויאן האט זיך איצט געפונען אין רהאדוס (Rhodus) און אהין איז אויך ארויסגעפאהרען הורדוס. דער שטאלצער און שטרענגער אידישער הער־שער איז ערשיענען געבויגט און ערגעבען אהן א קעניגליכער ציערונג.

סנהדרין איז אונבעוואוסט. איין מיינונג איז פאראן, אז הורדוס האט איהם געגעבען אן אנדערע וויכטיגע שטעלע, א צווייטע מיינונג איז, אז מנחם האט נישט געוואלט איינשטימען מיט די נייע דרכים פון שמעיה ואבטליון.

פאר'ן געוואלטיגען אָקטאוויאַן, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען שפּעטער, אויגוסט; דאָך איז הורדוס נישט ארויסגעטראָטען מיט ער־ניעדעריגונג פאר זיין מענשליכען ווערט און אָהן קליינמוטיגער פחדנות. אין'ם געשפּרעך מיט אָקטאוויאַן האָט ער אָפען ערקלערט, אַז ער איז געוועזען אַ פריינד פון אַנטאָניוס און אַ געטריער אָנהענגער, וועלכער איז שטענדיג גרייט געוועזען איהם צו דיענען. דאָך ווען דאָס גליק האָט זיך פון אַנטאָניוס'ן אָבגעווענדעט, האָט ער, הורדוס, זיך אויך פון איהם אָבגעזאָגט, און דערביי האָט הורדוס געגעבען אַן'אָנצוהערעניש, אַז ער קאָן זעהר פיעל דיענסטען טהון פאַר אָקטאוויאַן און וועט איהם זיין אַזוי געטריי, ווי ער איז געוועזען אַנטאָניוס'ן. אָקטאוויאַן איז נישט געוועזען אַזוי איידעל און פיין־פיהלענד, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון אַזעלכע פאַלשע פריינד, ווי הורדוס איז געוועזען, און ער איז נאָך אויך נישט געוועזען אַזוי זיכער מיט זיין אייגענער לאַגע, אַז ער זאָל אָבשטויסען פון זיך אַ קעניג, וואָס לעגט איהם פאָר זיין דיענסט. נאָר דערפאַר, וואָס יענער איז פריהער געוועזען אַן'אָנהענגער פון זיין געגנער, וועל־כען ער האָט ערשט מנצח געוועזען. ער האָט דעריבער אָנגענומען גנע־דיג הורדוס'עס חרטה, האָט איהם בעפוילען ווידער אָנצוטהון זיין קרוין אויפ'ן קאָפּ און איהם אָבגעלאָזען צוריק מיט גרויס כבוד אין זיין לאַנד (100 פאר'ן חורבן). הורדוס, וועלכער האָט גוט פערשטאַנען צו שווימען מיט יעדען שטראָם, איז איצט געוואָרען אַזוי ערגעבען אָק־טאוויאַנ'ען, ווי ער איז פריהער געוועזען ערגעבען אַנטאָניוס'ן אין אַ מיטך פון צוועלף יאָהר. ווען אָקטאוויאַן איז ארויסגעטראָטען מיט זיין אַרמעע קיין מצרים, כדי דאָרט צו פערניכטען דעם רעשט פון זיינע פיינד, איז הורדוס איהם ארויסגעקומען ענטגעגען מיט רייכע מתנות קיין עכו און האָט בעזאָרגט זיין אַרמעע מיט וואַסער און וויין אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געדאַרפט דורכגעהען די געגענד, וואו עס איז קיין וואַסער נישט געוועזען. אַנטאָניוס האָט פאַר זיין זעלבסטמאָרד געקאָנט זיך איבערצייגען, וואָס פאַר אַ געטרייען פריינד ער האָט געהאַט אין הורדוס'ן. מויער־פעסט איז אַזאַ פריינדשאַפט געווים נישט געוועזען. הורדוס האָט אויך געהאַט איצט דאָס פערגעניגען צו זעהן נקמה אָן זיין פערביסענער פיינדין קלעאָפּאַטראַ, וועלכער עס איז נישט גע־לונגען צו בעצויבערן מיט איהר שענהייט און פערפיהרען אויך אַזוי אָקטאוויאַנ'ען, ווי פריהער אַנטאָניוס'ן, און זי האָט געמוזט בעגעהן זעלבסטמאָרד. פאַר די אידען אין אַלעקסאַנדריען איז איהר טויט אויך געוועזען אַ געשעהעניש, מיט וועלכען זיי האָבען זיך געפרייעט, וויל אויך זיי האָבען פיעל געליטען פון איהר שטאַרקען האַס צו אידען. נאָך אַ קורצע צייט פאַר איהר טויט האָט די דאָזיגע פערווילדעטע פרוי געוואָלט מיט איהר אייגענער האַנד אויס'הרג'ענען אַלע אידען פון אַלעקסאַנדריען, דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהאַלטען מיט איהר פיינד

אַקטאַוויאַן. דערפאַר האָבען אידען פאַר זייער אַנהענגליכקייט פאַר
אַקטאַוויאַנ'ען ערהאַלטען פון איהם גרויסע חסדים, דען ער האָט בע־
שטעטיגט אַלע זייערע בירגערליכע רעכטע, וועלכע זיי האָבען געהאַט
גלייך מיט די גריכען, און ער האָט זיי אויך געגעבען פיעל אַנדערע בע־
רעכטיגונגען. אַקטאַוויאַן האָט בכלל געהאַט זעהר שטאַרק צוטרוי צו
אידען, און האָט אויך איבערגעגעבען דעם אידישען אַראַבאַרכען (ד. ה.
דעם אידישען ממונה אויף דער פּראָווינץ „חוניון") די אויפזיכט אי־
בער דער הכנסה פינ'ם אָבצאָהל פון אַלע סחורות, וואָס ווערען אַרויס־
געפיהרט דורכ'ן נילוס און מיט'ן ים. די דאָזיגע אויפזיכט האָט דער
אַראַבאַרך געהאַט בעקומען פון די פריהערדיגע מצרים'ער מלכים
פטאָלאָמעאוס, פילאָמעטער און די ביידע עלטערע קלעאָפּאַטראַ'ס. אַק־
טאַוויאַן האָט עס ווידער בעשטעטיגט. מצד אַקטאַוויאַנ'ען איז דאָס
אָבער געווען אַ גרויסער בעווייז פון זיין צוטרוי צו אידען, דען מצרים
איז געווען דער הויפּט־אָרט, וואו רוים פלעגט פאַר זיך בעקומען
תבואה און ברויט פאַר איהרע העלדישע לעדיגגעהער, און אַלעקסאַנ־
דריען איז בכלל געווען פאַר רוים אַזאַ וויכטיגער פּאָרט, אַז קיין רוי־
מישער סענאַטאָר אפילו האָט אָהין נישט געטאָרט אַריינקומען אָהן
אַ ספּעציעלער ערלויבעניש פון אַקטאַוויאַן. ווען דער אידישער אַראַ־
באַרך איז דאַמאָלס געשטאָרבען, האָט אַקטאַוויאַן ערלויבט, אַז מען
זאָל אויסקלייבען פאַר אַ ממלא מקומו דעם אַלעקסאַנדרינישען אי־
דען ניקאַנאָר, וועלכען ער האָט אָבגעגעבען די זעלביגע רעכט, וואָס
דער פריהערדיגער אַראַבאַרך האָט געהאַט. מיט די אַלעקסאַנדרינישע
גריכען האָט אַקטאַוויאַן זיך געפיהרט גאָר אַנדערש, דען זיי זענען
איהם בעוואוסט געווען מיט זייער פערדאָרבענהייט, לייכטזיניגקייט און
שטענדיגער נטיה צו מאַכען אויפשטאַנדען. אַקטאַוויאַן האָט די גריכען
זעהר בעגרענצט אין זייערע רעכטע און האָט זיי נישט געגעבען קיין
רעגירונגס־שטעלען, נאָר ער האָט זיי געשטעלט אונטער די רוימישע
בעאַמטע און ריכטער; דאַגעגען די אידען האָט ער ערלויבט איינצו־
אָרדנען אַנ'איינענעם אידישען ראַטהויז, וועלכעם האָט געדאַרפט מיט־
ווירקען דעם אַראַבאַרך, אָדער עתנאַרך, וועלכער האָט רעגירט זעלבסט־
שטענדיג איבער די אידישע קהלות, גע'משפט צווישען זיי און אויך
אַכטונג געגעבען, אַז אידען זאָלען ערפילען אַלע קייזערליכע בעפעה־
לען און אָבהיטען די אָבמאַכונגען.

דער ערשטער רוימישער קייזער, אַקטאַוויאַן־אויגוסט, האָט אויך די
אידען אין רוים, די „ליבערטיני" (ד. ה. די אידען, וועלכע מען האָט גע־
בראַכט געפאַנגען פריהער פון ארץ־ישראל, און די דאָרטיגע רוימישע
אידען האָבען זיי אויסגעקויפט), געגעבען געוויסע רעכט, ווי, למשל,
די פרייהייט צו ערפילען אַלע זייערע רעליגיעזע געזעצען. די שפּעטער־
דיגע קיסרים פון רוים האָבען אויך זיין ביישפּיעל נאַכגעטהון. די דאָ־

זײַנע אידען האָבען געמעגט בויען שוהלען און פערזאמלען זיך דאָרט, האָטש געוועהנליך האָט מען אין יענער צײַט זעהר אונגערן ערלויבט פאָלקס־פערזאמלונגען; זיי האָבען אויך געמעגט זאַמלען צווישען זיך געלד פאַר'ן בית־המקדש אין ירושלים, האָטש ס'איז געווען פערבאָטען בכלל ארויסצופיהרען געלד פון דער רוימישער מלוכה קיין אויסלאַנד. ווען מען האָט אויסגעטיילט תבואה פאַר דער רוימישער בעפעלקערונג, פלעגען די אידען אויך בעקומען זייער טייל, און אויב די תבואה־אויסטיילונג פלעגט אויסקומען אום שבת, פלעגען אידען בעקומען זייער חלק אויף צומאָרגענס. אַזוי האָט בעפוילען דער ערשטער רוימישער קייזער.

דעם אידישען קעניג הורדוס האָט אָקטאַוויאַן געשאָנקען די לייב־וואַך פון קלעאָפּאַטרא, וועלכע איז בעשטאַנען פון פיער הונדערט גאַל־יער, אָדער קעלטען. ער האָט איהם אויך צוריקגעגעבען די שטעדט אויפ'ן ברעג ים, ווי אויך ירידו מיט איהר אומגעגענד, וועלכע אנטאָני־יוס האָט פריהער אָבגעריסען פון ארץ־ישראל און אוועקגעשאָנקען קלע־אָפּאַטראַ'ן. אויך די שטעדט שומרון, גדרה און היפּאָס אויף יע־נער זייט ירדן האָט ער אָבגעגעבען צוריק דעם לאַנד יהודה. אַזוי ארום האָט ארץ־ישראל איצט בעקומען צוריק איהרע גרענצען, וועלכע זי האָט געהאַט פריהער, איידער עס האָט אויסגעבראָכען דער קריעג צווי־שען די חשמונאישע ברידער הורקנוס און אריסטאָבול, ווען די רוימער האָבען זיך אריינגעמישט, אַלס ריכטער, און האָבען איינגענומען דאָס לאַנד יהודה, מאַכענדיג זי אונטערטעניג פאַר רוים. אָבער אונטער וועל־כע אומשטענדען האָט ארץ־ישראל צוריק בעקומען איהרע פריהערדיגע פּראָווינצען!

הורדוס איז איצט געשטאַנען אין שפּיץ פון זיין מאַכט. די סכנה, וואָס האָט איבער איהם געשוועבט בשעת דער מפּלה פון אנטאָניוס, איז איצט נישט בלויז פאַריבער, נאָר זי האָט איהם מיטגעבראַכט כבוד און זיין מאַכט איז דערהויבען געוואָרען. קיין גליק אָבער האָט ער נישט געדאַרפט געניסען; די שטראָף פאַר זיינע פערברעכענס האָט איהם נאָכגעיאָגט און איהם פערגאַלט דעם זיסען בעכער. אין זיין משפחה האָט זיך אָבגעשפּיעלט א טרויעריגע דראַמע, א טראַ־געדיע, וואָס קיין דיכטער וואָלט מיט זיין פאַנטאַזיע נישט געקאָנט בעשאַפען, און זי האָט ערפילט זיין הארץ מיט א ביטערען, שניידענדען וועהטאָג. זיין פרוי, די שענע מרים, וועלכע איז געווען, צוזאַמען מיט איהר מוטער, איינגעשלאָסען אין דער פעסטונג אלעקסאנדריאָן, וועה־רענד הורדוס'עס רייזע צו אָקטאַוויאַן, האָט זיך דערוואוסט פון איהר טורמער־אויפזעהער וועגען דעם בעפעהל, וואָס הורדוס האָט שוין צום צווייטען מאָל געגעבען, אַז מען זאָל זי דער'הרג'ענען, אויב ער וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט, כדי זי זאָל איהם נישט איבער־לעבען. ווען הורדוס איז צוריקגעקומען, האָט מרים איהם אָפען ארוים־

נעזאגט איהר האט געגען איהם פאר זיינע גרויסע מערדעריען. וועה־
רענד הורדוס האט צו איהר געהאט מיט ליעבע און צערטליכקייט,
האט זי איהם פארגעהאלטען אלע זיינע רציחות, ווי ער האט אויסגע־
הרג'עט איהר פאטער, איהר זיידען, איהרע ברידער און אלע איהרע
קרובים. הורדוס'עס הארץ איז ווי דורך גיפטיגע שלאנגען געביסען
געווארען, שטעהענדיג פאר מרים'ן. ער האט די דאזיגע שענע פרוי פייער־
דיג געליעבט. אבער ער האט זי אויך געהאסט פאר איהר שנאה צו
איהם און צו זיין גרויסער מאכט. און דער דאזיגער שרעקליכער שטי־
מונג, ווען ער איז געפייניגט געווען פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע
געפיהלען — ליעבע און האס, האט הורדוס זיך געלאזט איינרעדען
דורך זיין אינטריגאנטישער שוועסטער שלומית, וועלכע איז געווען
א בלוט־פיינדין פון מרים, און האט געגלויבט דעם בלבול, וואס זי האט
אויסגעטראכט אויף מרים'ן, אז זי האט געוואלט איהם, הורדוס'ן,
פער'סמ'ן און אונטערגעקויפט דערצו זיין בעדיענטען, וועלכער פלעגט
איהם דערלאנגען דעם בעכער וויין. הורדוס האט געמאכט וועגען דעם
א שטרענגע אויספארשונג, און אט האט איהם מרים ערקלערט, אז זי
האט געוואוסט, דאס ער האט געגעבען א בעפעהל זי צו
דער'הרג'ענען אין דער פעסטונג אלעקסאנדריאן. דער פעררא[ט]
פון זיין געטריעסטען דיענער, דעם אויפזעהער איבער דער פעסטונג
אלעקסאנדריאן, וועלכער האט איהר דאס ענטדעקט, האט דערוועקט
ביי הורדוס'ן דעם חשד, אז מרים איז איהם אונגעטריי געווארען, און
דא ערשט האט אין איהם אויפגעפלאקערט א שרעקליכעס פייער פון
אייפערזוכט. ווי שטארק הורדוס'עס ליעבע און ליידענשאפט איז געווען
צו מרים'ן, נאך שטארקער איז געווען זיין אייפערזוכט, פון וועלכער
הורדוס האט זיך נישט געקאנט געפינען קיין ארט. ענדליך האט ער
געלאזט אנקלאגען מרים'ן און געריכט פאר צוויי פערברעכען, וואס
מען האט אויף איהר אויסגעטראכט: אז זי האט געוואלט פער'סמ'ן
איהר מאן און איז איהם געווארען אונגעטריי. די צוזאמענגערופענע
ריכטער האבען געמיינט, אז זיי וועלען בעזונדערס שטארק צופריעדענ־
שטעלען הורדוס'ן, ווען זיי וועלען וואס געשווינדער ארויסגעבען דעם
טויט־אורטייל געגען מרים'ן. הורדוס האט געוואלט אבלעגען דאס אויס־
פיהרען פונ'ם טויט־אורטייל, אבער זיין שוועסטער שלומית האט איהם
דערפון אבגעהאלטען, וויל זי האט איהם געשראקען, אז אויב מרים
וועט נאך בלייבען לענגער אין טורמע, וועט דאס ארויסרופען אנ'אויפ־
שטאנד, דען דאס פאלק וועט וועלען בעפרייען מרים'ן, די לעצטע
חשמונאי'ערין. אזוי־ארום איז די שענסטע אידישע פרוי, די טאכטער
פון די חשמונאישע מלכים, דער שטאלץ פון אידישען פאלק, אין איהרע
בעסטע יאהרען, אבגעפיהרט געווארען צום טויט. מיט א העלדישען
גייסט, אהן שוואכקייט און ווייבליכער שרעקעדיגקייט, אהן טרעהרען

אפילו, ווי אנ'עכטע טאכטער פון דער גרויסער העלדישער משפחה, איז זי ארויפגעגאנגען אויפ'ן עשאפאט, וואו אויפ'ן בעפעהל פון איהר מאן, דעם שרעקליכען הורדוס, האט דער תליון איהר אבגעהאקט דעם קאפ (99 פאר'ן חורבן).

מרים'ס טויט האט נאך ניששט בערוהיגט דאס נקמה-געפיהל, וואס האט זיך אנגעצונדען ביי הורדוס'ן אין הארצען, נאר, פערקעהרט, ער האט איהם אנגעצונדען נאך שטארקער, טרייבענדיג צו שענדליכע מעהר דערייען. הורדוס האט ניששט געקאנט אריבערטראגען די אבידה פון דער שענער פרוי און דאס האט איהם געבראכט צו קראנקהייט און שגעון. און וויל הורדוס האט געקאנט שטילען זיין מורא'דיגע אויפרעגונג נאר דורך פערגיסען בלוט, האט ער געלאזט אויס'הרג'ענען מרים'ס ריכטער, וועלכע האבען געהערט צו זיינע בעסטע פריינד און האבען פער'משפט מרים'ן צום טויט, נאר כדי איהם צופריעדענצושטעלען. פון שרעקליכער אויפרעגונג איז הורדוס ענדליך קראנק געווארען, און די רופאים האבען מורא געהאט פאר זיין לעבען. די דאזיגע געלעגענהייט האט געוואלט אויסנוצען אלעקסאנדרא, מרים'ס מוטער, כדי צו פערהאפען די מאכט אין ירושלים און נקמה-נעהמען פון איהר טויט-פיינד. די נאהענטע סכנה האט אבער צוגעגעבען הורדוס'ן נייע כחות. פאר איהם איז די זאך געווען א נייע געלעגענהייט צו מאכען א סוף מיט דער לעצטער חשמונאי'ערין. מען האט באלד ארויסגעגעבען א טויט-אורטייל איבער אלעקסאנדרא'ן און אויסגעפיהרט איהם אינ'ם זעלביגען טאג. מיט אלעקסאנדרא'ס טויט איז שוין ניששט געבליבען קיין איינציגער מענש פון דער גרויסער משפחה, דען אפילו די ווייטיגע קרובים זיינע האט הורדוס אויך געלאזט אלעמען אויס'הרג'ענען. אזוי האט הורדוס געלאזט אויס'הרג'ענען די בני בבא, ווייטע קרובים פון די חשמונאים, און מיט רעכט האט מען שפעטער געקאנט זאגען, אז ווער עס ערקלערט, דאס ער געהערט צו דער משפחה פון די חשמונאים, איז עס א סימן, אז ער געהערט צו דער משפחה פונ'ם אדומי'שען קנעכט. צוזאמען מיט די בני בבא האט מען אויך בעשטראפט מיט'ן טויט איינינגע פון די נאהענטסטע פריינד פון הורדוס'ן.

אזוי איז פאראיבער דאס ערשטע דריטעל פון הורדוס'עס רעגירונג; די איבריגע צוויי דריטעל זענען אריבערגעגאנגען אהן קיין שום פארטשריט פאר דער מלוכה; דאס איז געווען א לאנגע קייט פון חניפה'ת און קריכעריי'ען פאר צעזאר אויגוסט אין רוים, ווי אויך א שטענדיגע בויעניש און איינארדנען שוישפיעלען פאר'ן פאלק, — א קייט פון שטארק פערדארבענע מדות, פון אונגליקליכע פערשווערונגען און טויט-שטראפען, פון נייע פערברעכען, וואס האבען זיך געענדיגט מיט נייע טויט-שטראפען. כדי איינצוקויפען זיך ביי'ם מעכטיגען צעזאר אויגוסט, האט הורדוס איינגעפיהרט אין ירושלים די פייערליכקייט פון די פיער־

יעהריגע אקטיאדען, מיט אטלעטען־קאמפפען צום אנדענקען פון אוי־
גוסט'ס נצחון איבער אנטאניוס'ן; ער האט אויך אויסגעבויט א טעאטער
און א צירק און איינגעארדענט אטלעטען־קאמפפען מיט ווילדע חיות
אויפ'ן רוימישען שטייגער, דערוועקענדיג דאדורך די גרויסע אונצופריע־
דענהייט פון די נאציאנאלע אידען, וועלכע האבען דערין געזעהען א סימן,
אז דאס יודענטום הויבט־אן איבערצוגעהן צום רוימישען געצענדינע־
דישען קולט, ווייל זיי האבען בעטראכט די רוימישע אדלערס און פאה־
נען, וועלכע מען האט אין טעאטער אויסגעשטעלט, פאר די רוימישע
געצענדינערייע. כדי צו פערהיטען דאס אידישע פאלק פון אזא געפאהר,
האבען זיך געפונען צעהן אידען, וועלכע האבען זיך געוואלט מוסר־נפש
זיין און זיך פערשווארען צו דער'הרג'ענען הורדוס'ן אין טעאטער בשעת
א פארשטעלונג; מיט די צעהן מענשען האט זיך אויך פעראייניגט איין
בלינדער מענש, וועלכער האט ערקלערט, אז פון זיין לעבען קאן ער קיין
בעסערען נוצען נישט האבען, ווי דורכ'ן דער'הרג'ענען דעם טיראן און
מאכען א סוף מיט דער מאראלישער פערדערבעניש. אבער די פער־
שווערונג איז ענטדעקט געווארען, און די פערשווערער האט מען דער־
הרג'עט אונטער שרעקליכע יסורים. דעם מסור, וועלכער האט די פער־
שווערונג ענטדעקט הורדוס'ן, האט דאס פאלק צוריסען אויף שטיקער
און ארויסגעווארפען זיין פלייש פאר די הינד. נאך א צווייטער אומשטאנד
האט בעזונדערס שטארק פערהאסט געמאכט הורדוס'ן אין די אויגען פון
פאלק. ער האט געלאזט אבבויען צוריק די שטאדט שומרון, וועלכע איז
פון אייביג־אן געוועזען אידען פערהאסט, און האט זי ארומגערינגעלט
א האלבע מייל ווייט ארום מיט א מויער (95 פאר'ן חורבן). נאכדעם, ווי
ער האט אין שטאדט אויפגעבויט גרויסע פאלאצען. הורדוס האט אפילו
אויך ארויסגעוויזען, אז ער האט בדעה צו דערהויבען שומרון איבער
ירושלים און מאכען זי פאר א הויפט־שטאדט פון דער אידישער
מלוכה, ווייל ער האט איינגעפונען, אז שומרון'ס טאפאגראפישע לאגע
האט דערצו געפאסט אמבעסטען, דען די שטאדט איז באמת געלעגען
אין צענטר פון אידישען לאנד. אבער פאר ירושלים איז דאס געוועזען
א גרויסער קלאפ, דען דאדורך האט הורדוס ביי איהר צוגענומען איהר
גאנצען גלאנץ און פראכט און ערניעדעריגט איהר בעדייטונג פאר דער
מלוכה. אויך א געצענדינערישען טעמפעל האט ער דארט אויפגעבויט.
די נייע־אויפגעבויטע שטאדט האט הורדוס א נאמען געגעבען לכבוד
אויגוסט צעזאר: סעבאסטע, פונקט ווי ער האט פריהער א נאמען
געגעבען די פעסטונג בירה לכבוד אנטאניוס — אנטאניה. דאס גאנצע
לאנד יהודה האט הורדוס פערבויט מיט שטעדט און מאנומענטען צו
פעראייביגען זיינע פריינד, די רוימער, אדער די פערזאנען פון זיין איי־
גענער משפחה. די שטאדט סטראטאנס־טורם נעבען ים האט ער פער־
בויט מיט א פערשווענדערישער עשירות, מאכענדיג זי פאר איינע

פֿון די שענסטע שטערט בײַ'ם ים, און האָט איהר אַ נאָמען געגעבען „קיסרין" (Cäsarea). הורדוס האָט אפילו אויך נישט מורא געהאַט אויסצובויען אינ'ם הײליגען לאַנד אַ רוימישען טעמפּעל. די שטאָדט קיסרין האָט ער פֿערפּוצט מיט צווײ קאָלאָסען, פֿון װעלכע אײנער האָט פֿאַרגעשטעלט דעם רוימישען קײזער אויגוסט אין אַ גרויסען מאַסשטאַב, ווי דער רוימישער אָבגאָט, דער אָלימפּישער יופּיטער, דער אַנדערער האָט פֿאַרגעשטעלט די שטאָדט רוים אין דער געשטאַלט פֿון יופּיטער'ס שוועסטער, די געטין יונאָ. אַזוי אַרום איז דאָס לאַנד יהודה פֿול געוואָרען מיט רוימישע אָבגעטער. בשעת הורדוס האָט גע־פֿײַערט מיט גרויס פּאַראַד די חנוכה פֿון דער נײַער שטאָדט קיסרין, וועלכע האָט זיך געבויט אין אַ משך פֿון צוועלף יאָהר (91—80 פאַר'ן חורבן), האָט מען געקאָנט מײנען, דאָס מען געפֿינט זיך אין אַ געצענ־דיענערישער שטאָדט. און מיט רעכט האָבען די נאַציאָנאַלע אידען אַ נאָמען געגעבען די דאָזיגע שטאָדט: „די קלײנע רוים". שפּעטער איז זי געוואָרען די קאָנקורענטין פֿון ירושלים, און ענדליך האָט זי זי אויך מנצח געווען. ווען נאָר די שטאָדט קיסרין פֿלעגט פֿײַערן איהרע שמחות, פֿלעגט ירושלים טרויערן. דער האַפֿען פֿון ים בײַ קיסרין איז ביסלעכווײַז אויסגעוואַקסען, און געוואָרען אַ בעזונדערע שטאָדט, וועלכע הורדוס האָט אַ נאָמען געגעבען סעבאַסטאָס. — זײַן אײגענער פּערזאָן האָט הורדוס געשטעלט אַ מאָנומענט לערך צווײ מײל ווײַט אין דרום־מערב־זײַט פֿון ירושלים, אויף אַ בערגעל, וואו ער האָט פֿריהער אָבגעהאַלטען אַ נצחון איבער דעם אידישען המון, וועלכער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איהם, ווען ער איז ענטלאָפֿען פֿון ירושלים. אויפ'ן דאָזיגען בערגעל מיט'ן נאָמען העראָדיום האָט ער אויפֿגעבויט אַ פּראַכט־פּאַלאַץ מיט הויכע טהורמס, און אײַנגעאָרדענט איהם מיט פֿיעל בעקוועמליכקײטען און לוקסוס. דורך צווײ הונדערט טרעפּ (שטיגען) פֿון ווײַסען מאַרמאָר האָט מען געדאַרפֿט צום פּאַלאַץ אַרויפֿקומען, און אַ וואַסער־לײַטונג (וואָדאָ־ציאָנג) האָט ער דאָרט אײַנגעאָרדענט, כדי צו פֿערזאָרגען העראָדיום מיט וואַסער. אָבגעקאָסט האָט עס מאַסען געלד. הורדוס האָט, בלי ספק, יום־טוב'דיג פֿערפּוצט און פֿערפֿײַנערט דאָס לאַנד יהודה, אָבער עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מען פֿערפּוצט אַ קרבן, וואָס מען פֿיהרט צום טויט.

מיט די אַלע דאָזיגע געבײַדעס האָט הורדוס נאָר געהאַט צופֿריעדענגעשטעלט זײַן ליעבשאַפֿט צו פּראַכטיגקײט; זײַן תאוה צו כבוד איז אָבער דערמיט נאָך נישט געשטילט געוואָרען. אָבזאָגענדיג זיך אין אַ געוויסער מאָס פֿון דער ליעבע צו איהם מצד דער אידישער נאַציאָן, האָט ער געוואָלט, לפחות, אַז פֿרעמדע נאַציאָנען זאָלען זײַן נאָמען בע־וואונדערן און ער זאָל ווערען צווישען זײ פּאָלקסטימליך. ער האָט אַרויסגעלעגט גרויסע אָבצאָהלונגען אויפ'ן אידישען פֿאָלק און אויסגע־

פרעסט בײ איהם געלד אויף אלערלײ אופנים; ער האט געזוכט די אלטע נאציאנאלע אוצרות אין די קברים פון די פארצײטיגע אידישע מלכים און האט פערקויפט אין פרעמדע לענדער פאר שקלאפען אידען, וועלכע מען האט געהאט אנגעקלאגט אין גנבה, כדי צו קאנען מיט'ן אנגעזאמעלטען געלד פערפוצען מיט שענע געבײדעס און מאנומענטען די גריכישע שטעדט אין סיריען און קלײן־אזיען. געוואלדיגע סומעס געלד האט הורדוס אויף אזא אופן אבגעצויגען בײ'ם אידישען פאלק און ארויסגעפיהרט קײן אויסלאנד, כדי צו געפינען חן בײ די גריכען. ער האט געלאזט בויען גימנאזיעם אין טריפאלים און דמשק, הויכע דאמבעס ארום ביבלאס און טעאטערען, עפענטליכע פלעצער (סקווערען) און טעמפלען אין צדון. ער האט בעשטימט קאנקורסען אויף צו בענײען און אבפרישען די אלימפישע שפיעלען, וועלכע זענען געווען ארויס פון דער מאדע, כדי צו דערהויבען זײ פון דאס נײ. דערפאר האבען איהם טאקי די לײכטזיניגע סירער און גריכען אין הימעל ארײן דערהויבען. דער רוימישער קײזער אויגוסט איז מיט איהם צופריעדען געווען, און האט ערקלערט: „הורדוס איז ווערט צו טראגען די קרוינען פון סיריען און מצרים". א שטיקעל ממשות'דיגען נוצען האט הורדוס אבער אויך בעקומען דערפון: דער קײזער אויגוסט האט איהם אוועקגעשאנקען דאס לאנד בשן און דאס געבירגיגע לאנד אוראניטיס (Batanäa und Hauran) ווי אויך דאס וואולקאנישע צוריסענע טראכאניטיס אין צפון־זײט פון אוראניטיס (93 — 94 פאר'ן חורבן), ווײל די דאזיגע לענדער זענען געווען פול מיט רויבערישע אײנוואהנער, און קײן אנדערער, ווי הורדוס, איז נישט געווען אימשטאנד אײנצוצוגעהמען זײ. דאס איז געווען נישט קײן אנגענעהמע מתנה, ווײל עס איז אויסגעקומען צו פיהרען מלחמות מיט גרויסע באנדעס, וועלכע האבען זיך אויפגעפיהרט ווי די ווילדע חיות און הורדוס האט געמוזט שיקען אהין 3000 מאן פון אדום, כדי צו האלטען זײ שטענדיג רוהיג. אפילו אויך שפעטער, שוין גאר פאר זײן טויט, האט הורדוס געמוזט אננעהמען מיטלען, צו בעשיצען דאס לאנד יהודה פון די רויבערישע אנפאלען פון די טראכאניטען און האט גע'פועל'ט בײ אײנעם פון די אידישע נשיאים אין בבל צאמארים (צמרית), וועלכער האט געהאט אײגענע גוט־בעוואפענטע פינף הונדערט דינער און הונדערט מאן פון זײן אײגענער משפחה, מיט וועלכע ער האט אריבערגעוואנדערט דעם טײך פרת און האט זיך בעזעצט אין צפון־זײט פון טײך מירמרום — בײ איהם האט הורדוס גע'פועל'ט, אז ער זאל זיך בעזעצען אין בשן, כדי צו קעמפפען שטענדיג מיט די רויבער, די טראכאניטען. ווי הורדוס האט שטענדיג געהאלטען אין אײן טראכטען נאר צו געפעלען די פרעמדע פעלקער און מאכען זיך בעליעבט בײ

די רוימער און גריכען, אַזוי האָט ער זיך אין זיין פּאַלאַץ אויך אַרומגערינגעלט נאָר מיט פֿרעמדע מענשען, רוימער און גריכען. ניקאָלאַיאָס פֿון דמשק, אַ בערימטער פֿילאָזאָפֿיש־געבילדעטער רעדנער און געשיכטע־שרייבער פֿון יענער צייט, איז געווען כמעט זיין צווייטער „איך“, וועלכער פֿלעגט איהם אָפֿט פֿערטרעטען ביי'ם קייזער אויגוסט און, ווען עס איז נויטיג געווען, אויך רעדען וועגען איהם גוטס און פֿערטיידיגען איהם; ניקאָלאַיאָס ברודער, פּטאָלאָמעאוס, איז געווען הורדוס'עס יועץ און פֿערוואַלטער פֿון דער מלוכה. דער גריך אַנדראָמאַכאָס און דער רוימער געמעלוס זענען געווען די לעהרער און ערציהער פֿון זיינע זיהן, וועלכע עס האָט איהם געבוירען די אונגליקליכע מרים, און די קינדער האָבען געהאַט מעהר צוטרוי צו זייערע לעהרער, איידער צו זייער פֿאָטער.

אָבער אויב הורדוס האָט געפֿונען גרויס חן אין די אויגען פֿון די רוימער און גריכען, ווי אויך ביי די אויסלענדישע אידען, וועלכע האָבען געהאַט נוצען פֿון זיין חשיבות ביי אַלע אַרומיגע פֿעלקער — ביי אידען אין ארץ־ישראל האָט ער פֿאַר זיך נישט בעגעגענט מעהר ווי אַבשוי, וויל מען האָט אין איהם געזעהען אַ מענשען, וואָס האָט פֿערהאַפֿט אַ פֿרעמדע מאַכט און האָט געאַרבייט אויף צו פֿערפֿרעמדען אידען פֿון זייער רעליגיע און זייער פֿאָלקסטימליכקייט. אין יענער צייט (94 פֿאַר'ן חורבן) איז געווען אַ שרעקליכעס הונגער־יאָהר, און צוזאַמען מיט'ן הונגער האָבען זיך אויך בעוויזען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. הורדוס איז געקומען זיין פֿאָלק צו הילף און זיך אַרויסגעוויזען אַלס וואָהלטעטיגער מלך; אָבער אויך זיין וואָהלטאַט האָט ער געטהון, ווי אַן'עכטער דעספּאָט און דעריבער האָט ער דורך איהר נישט בעוויזען צו קויפֿען דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק. די אידישע בעפֿעלקערונג פֿון ארץ־ישראל האָט געזעהען אין איהם נאָר דעם רויבער פֿון טהראָן, דעם מערדער פֿון די חשמונאים, דעם תליון פֿון אַלע בעסטע אידען און דעם אונטערדריקער פֿון דער אידישער פֿרייהייט. די דריי קרוינען: פֿון מלוכה, כהונה און סנהדרין (תורה) האָט ער געשענדעט איינע נאָך דער אַנדערער. די ערשטע האָט ער געשענדעט דאַדורך, וואָס ער האָט זי אַנגעטהון זיך, האָטש ער האָט דערויף נישט געהאַט קיין רעכט; די צווייטע, די כהונה, איז כמעט שטענדיג איבערגעגאַנגען בירושה פֿון איין כהן צום אַנדערען; הורדוס האָט אָבער זי איבערגעגעבען, וועמען ער האָט נאָר געוואָלט און וועמען עס האָט איהם געלוינט. די מאַכט פֿון דעם סנהדרין האָט ער אַזוי שטאַרק בעגרענצט, אַז ער איז געוואָרען נאָר אַ שאָטען פֿון דעם, וואָס ער איז געווען פֿריהער. מיט דער כהונה גדולה האָט ער זיך בעגאַנגען גאָר אויף אַן'אונמעגליכען אופֿן: פֿריהער האָט ער בעשטימט פֿאַר אַ כהן גדול אַן'אונבעוואוסטען כהן חננאל (חנמאל המצרי), באַלד נאָך איהם — יהושע בן פאבי, וועלכער איז ווידער געבליבען כהן גדול

נאר א גאנץ קורצע צייט, ווייל הורדוס האט זיך פערליעבט אין א שען מיידעל, וועלכע האט אויך געהייסען מרים, און איז געוועזען די טאכטער פון'ם בעוואוסטען כהן שמעון. כדי אלזא צו דערהויבען דעם כבוד פון זיין געליעבטערס משפחה, האט ער בעשטימט פאר א כהן גדול איהר פאטער שמעון. דער דאזיגער שמעון האט געשטאמט פון אלעקסאנדריען אין מצרים און איז געוועזען דער זוהן פון ביתוס (Boethos), וועלכער האט געלעגט דעם פונדאמענט צו דער גדלות פון דער משפחה ביתוס, אדער, ווי מען האט זי גערופען „ביתוסים“, פון וועלכע עס זענען ארויסגעקומען נאך עטליכע כהנים גדולים. (די פארטיי ביתוסים איז געשטאנען זעהר נאהענט צו די צדוקים, לויט זייער אנשויאונג און בעציהונג צו דער תורה פון די פרושים נישט מעהר, ווייל זיי זענען געווען גוט געאייבט אין דער אלעקסאנדרינישער פילאזאפיע, האבען זיי בעסער פערשטאנען פאר די צדוקים צו בעגרינדען זייער לעהרע און געבען איהר א געלעהרטע פארם). — די אלע דאזיגע מעשים פון הורדוס און בפרט זיין ערלויבען זיך צו בעציהען זיך מיט גרינגשעצונג צו די היילינגטימער פון אידישען פאלק, האבען, נאטירליך, איהם נישט געקאנט ברענגען די ליעבע פון פאלק. הורדוס האט גאנץ גוט געוואוסט די שטימונג פון פאלק פאר איהם, און ער האט זי געוואלט, ווענינגסטענס, מאכען אונשעדליך פאר זיך. און אט האט ער בעפוילען דער בעפעלקערונג צו שווערען איהם געטרייהייט (90 פאר'ן חורבן) און האט שטרענג בעשטראפט יענע אידען, וועלכע האבען איהם די שבועה נישט געוואלט געבען. פון דער שבועה האט ער בעפרייט נאר די עסייער, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיי שווערען בכלל נישט, אפילו אויף אן'אמת, און ער האט אויך פאר זיי קיין מורא נישט געהאט, ווייל זיי האבען געפיהרט א רוהיג, שטיל לעבען, און מיט פאליטישע ענינים האבען זיי זיך כלל נישט אינטערעסירט. פון די פרושים האבען זיך אבגעזאגט צו געבען די שבועה די אנהענגער פון דעם שלום-ליעבענדען הלל, און נאך מעהר די שטרענג פרומע תלמידים פון שמאי. זיי האט אבער הורדוס אויך בעפרייט פון דער שבועה, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיי טראכטען נישט וועגען אן'אויפשטאנד. אלע איבריגע אידען, וועלכע האבען די שבועה נישט געוואלט געבען, האט מען בעשטראפט מיט'ן טויט.

אבער, נישט אכטענדיג אויף דער דאזיגער שבועה, האט הורדוס נישט געטרויט דעם אידישען פאלק, און האט זיך ארומגערינגעלט מיט א גאנצער ארמעע פון שפיאנען, וועלכע האבען זיך געמישט צווישען דעם פאלק און אויסגעהערט אלץ, וואס מען רעדט אויף הורדוס'ן. טייל-מאל פלעגט ער זיך אליין אויך פערקליידען און מישען זיך צווישען די אידען אויף די אסיפות, און וועה איז געוועזען דעם, וועלכער האט ארויס-געזאגט זיין אונצופרידענהייט מיט הורדוס'ן; מען פלעגט איהם באלד

אַרעסטירען, אָבפיהרען אין דער פעסטונג הירקאַניאַן און דאָרט פלעגט מען איהם בשתיקה דער'הרג'ענען. אָבער די ליעבע פון פאָלק איז פאַרט אַ גרויסע זאַך: אפילו אויך אַזאַ טיראַן, ווי הורדוס איז געוועזען, האָט אָהן איהר נישט געקאָנט אויסקומען. הורדוס האָט דאָס נאָך בעזונדערס געוואָלט בעזיצען, כדי צו קאָנען זיך בערימען דערמיט פאַר די רוימער, בפרט נאָך פאַר'ן קייזער אויגוסט, וועלכער איז דאַמאָלס גשוועזען אין סיריען. כדי אַלזאָ צו מאַכען זיך בעליעבט ביי'ם פאָלק, האָט ער געשאָנקען אַ דריט-חלק פון אַלע אָבצאָהלונגען, ווי ער האָט ערקלערט, ווייל דאָס לאַנד האָט פריהער איבערגעלעבט אַ הונגער-יאָהר. דער פערלאַנג צו געווינען די ליעבע פון פאָלק, צוזאַמען מיט דער תאוה צו שענע געבייידעס, האָט אויך געפיהרט הורדוס'ן צום געדאַנק איבערצובויען דעם בית-המקדש, וועלכער איז שוין אַלט געווען כמעט פינף הונדערט יאָהר און איז געוועזען קליין, און געבויט אין אַ גאַנץ פאַרצייטיגען סטיל. הורדוס האָט איהם געוואָלט איצט איבערבויען פון דאָס ניי און אַרומרינגלען איהם מיט אַ גרויסער פראַכט. אָבער די פערטרעטער פון דער אידישער נאַציאָן, פאַר וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין דאָזיגען געדאַנק, האָבען אויפגענומען איהם מיט גרויס שרעק. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז הורדוס מיינט נאָר דעם אַלטען בית-המקדש צו צובּרעכען, און דאָס אויפבויען פון'ם נייעם אַזוי צו פערציהען, אַז דער גאָטעס-דיענסט זאָל אויפהערען דערווייל, אָדער, אַז ער וועט גאָר קיין נייעם נישט אויפבויען. הורדוס האָט זיי אָבער בערוהיגט דורך דער פערזיכערונג, אַז ער וועט דעם אַלטען בית-המקדש אַזוי לאַנג נישט אָנריהרען, ביז מען וועט ברענגען מאַטעריאַלען צום נייעם בנין און מען וועט האָבען אויך אָנגעגרייט אַרבּייטער. און טאַקי באַלד האָבען זיך בעוויזען טויזענדער וועגען, וועלכע האָבען געבראַכט צום בית-המקדש גרויסע געהאַקטע קוואָדער-שטיינער און מאַרמאָר. צעהען טויזענד אַרבייטער, וועלכע האָבען גוט פערשטאַנען די אַרבייט, זענען געשטאַנען גרייט אָנצוהויבען דעם בנין. אין אַכצעהנטען יאָהר פון זיין רעגירונג (דעם 19-טען יאַנואַר, 98 פאַר'ן חורבן) האָט מען אָנגעהויבען צו בויען דעם נייעם בנין, און אין אָנדערטהאַלבען יאָהר איז דאָס געבייידע פאַרטיג געוואָרען פון אינעווייניג. דאָס אויסבויען דאָס אויסערליכע געבייידע, די מויערן און די האַלעס מיט די סלופּעס, האָט אָבער געפאָדערט אַ צייט פון אַכט יאָהר, און נאָך לאַנג נאָכדעם, ביז אַ קורצע צייט פאַר'ן חורבן, האָט מען נאָך אַלץ געאַרבייט אַרום דעם געבייידע פון בית-המקדש פון אויסעניווייניג.

הורדוס'עס בית-המקדש איז געוועזען אַ פּראַכט-ווערק, און יענע, וועלכע האָבען זיין זעלטענע שענהייט געזעהען, האָבען זיך נישט גע־

קאנט אבוואונדערען פון איהם. די מענשען פון יענער צייט פלעגען זאגען: „ווער עס האט נישט געזעהען הורדוס'עס בנין, האט נישט געזעהען קיין שענעם געביידע אין זיין לעבען". ער איז געוועזען פיעל גרעסער און שענער פאר'ן בית-המקדש, וועלכען עס האט אויפגעבויט זרובבל, און וועלכען מען האט איצט צולעגט. דער גאנצער אומפאנג פון הר הבית מיט דער הויכער און פעסטער מויער, וועלכע עס האט איהם ארומגערינגעלט, צוזאמען מיט'ן טורם אנטאניה, האט פערנומען זעקס סטאדיען, אדער 6¼ ווערסט, און האט זיך דערהויבען א געביידע איבער א געביידע, אזוי ווי אין טעראסען. א דאנק דער דאזיגער לאגע האט מען דעם בית-המקדש געקאנט זעהען זעהר ווייט, און ער האט געמאכט א זעהר אימפאנירענדען איינדרוק. פון אינעווייניג, נעבען דער גאנצער אויסערליכער מויער פון איין זייט, האבען זיך געצויגען גרויסע האלעם און אלעען צווישען סלופעס, געדעקט מיט צעדער-האלץ און אויסגעפלאסטערט מיט טייערע שטיינער פון פערשיעדענע פארבען; פון די איבריגע דריי זייטען האבען זיך געצויגען דאפעלטע געביידעס, און אין דרום-זייט, וואו עס איז געוועזען גרויסער — דריי-פאכע אלעען פון סלופעס. דער ערשטער חצר, דער אויסערליכער, אדער פרייער, וואס איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט סלופעס, איז געוועזען בעשטימט פאר די פאלקס-פערזאמלונגען, וואו מען פלעגט בעטראכטען וויכטיגע פראגען. געצענדיענער, אדער טמאים, האבען ווייטער ווי פון דעם דאזיגען חצר, וועלכען מען האט גערופען איסטונית, נישט געטארט געהען און דער ריכער האט הורדוס בעפוילען אויסצוקריצען אויף די סלופעס אין גריכיש און לאטייניש פאלגענדע אויפשריפט אין זיבען שורות: „קיין פאלקס-פרעמדער טאר נישט איבערטרעטען די ווייטערדיגע מויער; ווער עס וועט נישט פאלגען, יענער איז אליין שולדיג, אויב ער וועט בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט". דעם צווייטען חצר, וועלכער איז פריהער געוועזען ארומגערינגעלט מיט א געפלאכטענער וואנד פון שטיינער און געהילץ האט הורדוס ארומגעמויערט מיט א פעסטער, נישט קיין הויכער וואנד. דער בית-המקדש גופא פון אינעווייניג איז נישט געענדערט געווארען. ווי אין זרובבל'ס צייטען, האט מען איהם איצט אויך צוטיילט אויף דריי עזרות, אהן א סופיט און אנ'אויבערדאך, און דעם היכל מיט'ן דביר, אדער קדש הקדשים, וועלכע האבען געהאט א דאך. די דריי אבטיילונגען פון דער עזרה זענען געוועזען בעשטימט: פאר מאנסביל, פרויען און כהנים. דער מקדש איז בעשטאנען פון דעם אולם (דער פאדער-זאל), דעם היכל און דעם קדש הקדשים. דא איז אלץ געבליעבען, ווי פריהער, אפילו דער שטח אויך. דער היכל, וואו עס זענען געשטאנען די מנורה, דער גאלדענער טיש מיט'ן לחם הפנים און דער גאלדענער מזבח, איז געוועזען פערציג איילען לאנג און צוואנציג איילען ברייט. דער קודש הקדשים איז געשטאנען אין מערב-זייט פון היכל און איז געוועזען א

קוואדראַט פון 20 אויף 20 איילען. פון אויסענווייניג אָבער איז הורדוס'עס בנין געווען פיעל גרעסער. הונדערט איילען הויך און הונדערט איילען לאַנג פון מזרח צו מערב, צורעכענענדיג דעם אולם אין מזרח זייט; אין דער ברייט פון צפון צו דרום האָט ער געהאַלטען נאָר 70 איילען. נעבען דער מויער, וואָס איז געווען צווישען דעם אולם און דעם היכל, זענען געווען פיעל צימערען פאַר אַלערליי בעדערפענישען פון בית־המקדש, ווי אויך פאַר זיין אוצר. די ווענד פון בית־המקדש זענען געווען געבויט פון לייכטענדען ווייסען מאַרמאָר און, ווייל דער בית־המקדש האָט זיך געפונען אויפ'ן העכסטען אָרט פון הר הבית, און די ווענד זענען געווען העכער פאַר די אַרומיגע מויערן, האָבען זיי געהאַט אין דער ווייטען אַ פראַכטפולען אָנבליק. אַרום דער דרום־ און צפונוואַנד פון בית־המקדש האָבען זיך געצויגען געדעקטע אַלעען צווישען סלופּעס, מיט שטיינערנע בענק, וואו די כהנים האָבען זיך געקאָנט אויסרוהען און בעשיצען זיך אין רעגען און היץ. דער אָרט פאַר די פרויען, וועלכע פלעגען איצט מעהר, ווי פריהער, קומען אין בית־המקדש, איז געווען אָבגעשלאָסען פון אַלע זייטען. פון אויסענווייניג אַרום, אין דריי זייטען, האָבען זיך דאָרט געפונען באַלקאָנען, כדי מען זאָל קאָנען פון דאָרט בעאָבאַכטען די פייערליכקייטען און טיילנעהמען אין זיי.

מיט גרויסער פראַכט זענען געווען געבויט די פליגעל־טהירען און די אויבערשטע און אונטערשטע שוועלען פון בית־המקדש. צו דער פרויען־אָבטיילונג האָט געפיהרט אַ טהיר און אַ דורכגאַנג, וועלכער איז איינגאַנצען געווען אויסגעגאָסען פון קאָרינטישען פּאָלירטען קופּער, וועלכען עס האָט געבראַכט אַ נדבה אַ פרומער און אַ רייכער אַלעקסאַנדרינישער איד, ווי עס שיינט, דער דאַמאָלסדיגער אַראַבאַרך, ניקאַנאָר, און דערפאַר האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען דעם טהויער פון ניקאַנאָר. פון דאָרט איז מען אַרויפגעקומען אויף פופצעהן טרעפּ אין דער אָבטיילונג פון די מאַנסבילען דורך אַ טהיר, וועלכע האָט צוליעב איהר הויכער לאַגע געהייסען „דער הויכער טהויער“. דער אולם (דער פאָדער־זאַל) פלעגט זיך נישט פערשליסען מיט פליגעל־טהירען, נאָר ער איז געשטאַנען אָפען; פון איהם אָבער איז געווען אַ טהיר צום היכל, וועלכע איז געווען העכער און ברייטער, ווי די איבריגע טהירען, און זי פלעגט זיך עפענען מיט דאָפּעלט־פליגלען פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג. די דאָזיגע טהיר איז געווען בעשלאָגען מיט שטאַרקען גאָלד און זי האָט געהייסען: „דער גרויסער טהויער“, אָדער: „דער טהויער פון היכל“. צוליעב איהר הויך און גרויס, איז די דאָזיגע טהיר געווען זעהר שווער, און מען פלעגט מוזען רופען פיעל לויים, כדי צו עפענען זי, אָדער צו פערמאַכען. דער היכל איז געווען אָבגעטיילט פון קדש הקדשים נישט דורך אַ טהיר, נאָר דורך אַ דאָפּעלטען פאָרהאַנג (פרכת), וועלכער איז געווען געוועבט פון הימעל־בלויע, רויטע און הויך־רויטע

בבלי'שע פורפור־פאדעם — א פראכטפולע ארבייט. דער הויכער דאך פון בית־המקדש איז געוועזן בעדעקט מיט שארפע פערגילדעטע שפיזען, כדי צו פערטרייבען די פויגלען, אז זיי זאלען זיך דארט נישט מאכען קיין נעסטען. דורך די דאזיגע שפיזען האט דאס געבײַדע בעקומען א בעזונדערען גלאנץ, בעזונדערס, ווען די זון האט אויף איהם געשײַנט און האט געדיענט, אויסערדעם, גאר אהן דעם וויסען און כונה פון'ם ארכיטעקט, אלס בליץ־אבלייטער, דען עס פלעגט אויסלאדען די וואלקענס פון דער עלעקטריציטעט און דאדורך פערהיטען, אז קיין דונער זאל נישט אײַנשלאגען אויפ'ן דאך פון בית־המקדש*).

די „חנוכת־הבית“ — די בענײַאונג פון בית־המקדש, האט הורדוס געמאכט מיט פיעל גרעסערען פאראד, ווי שלמה המלך בײַ זײַן בית־המקדש. פיעל הונדערטער קרבנות האט הורדוס מקריב געוועזן אויפ'ן מזבח און א גרויסען מאהלצײַט האט מען געמאכט פאר'ן פאלק. דאס איז אויסגעקומען גראד אין יענעם טאג, אין וועלכען הורדוס האט מיט צוואנציג יאהר פריהער אײַנגענומען מיט בלוטיגע הענד ירושלים — א שרעקליכער אנדענקונגס־טאג אין דער דאמאלסדיגער אידישער געשיכטע! די האנד, וועלכע האט דעם בית־המקדש געבויט, האט אליין אויך אנגעצונדען דעם פלאם פײַער, וואס האט איהם געדארפט פערברענען. הורדוס האט געשטעלט דעם נײַעם בית־המקדש אונטער רוים'ס שוץ. א גאלדענער אדלער, דער סימבאל פון דער רוימישער מאכט, איז געוועזן אנגעשטעלט מיט זײַנע אויסגעשפרייטע פליגלען איבער'ן גרויסען טויער פון בית־המקדש צום גרויסען וועהטאג פון די נאציאנאלע און פרומע אידען. טאג־טעגליך פלעגט מען, לויט'ן בעפעהל פון קעניג הורדוס, ברענגען אין בית־המקדש א קרבן פאר'ן רוימישען קייזער אויגוסט — א כבוד, וועלכער איז, מעגליך, דעם קייזער גופא געוועזן גאנץ גלײַכגילטיג. מיט דער צײַט איז דער דאזיגער קרבן געווארען א סימן פון אונטערטעניגקײַט און מען האט איהם שוין נישט געטארט פערפעהלען צו ברענגען.

פון דער פעסטונג אנטאניא (די אמאליגע בירה), וועלכע איז בעשטימט געוועזן צו היטען דעם בית־המקדש, האט הורדוס געלאזט אויסבויען דורכגאנגען אונטער דער ערד צום בית־המקדש, כדי צו בעאבאכטען, וואס דארט קומט־פאר און קאנען פלוצלונג אבשטעלען יעדען אויפשטאנד געגען איהם. הורדוס האט געוואוסט, אז דאס פאלק איז שוין

*) די השערה איז נישט קיין ריכטיגע, ווײַל, לויט דער דאזיגער אײַנארדנונג, האבען די שפיזען געקאנט גיכער מיטווירקען, אז א דונער זאל יא אײַנשלאגען אין דאך פון בית־המקדש, דען די שפיזען זענען נישט געוועזן פערבונדען מיט'ן באדען דורך א וועלכען עס איז עלעקטרישען לייטער.

דער איבערזעצער.

מיעד געוואָרען צו טראָגען זיין שווערען יאָך מיט די גרויסע אָבצאָה־לונגען, וואָס ער האָט אויף איהם אויפגעלעגט. און ער האָט דעריבער זיך שטענדיג געשראָקען פאַר אַן אויפשטאַנד מצד דעם אידישען פאָלק, וועלכעס ער האָט פערקנעכטעט.

דער בנין פון בית־המקדש איז געווען דאָס איינציגע ווערק, פאַר וועלכען דאָס פאָלק איז הורדוס'ן באמת דאנקבאר געווען, אָבער קיין ליעבע האָט מען צו איהם נישט געהאָט. אויסער דעם איז הורדוס'עס רע־גירונג געווען זעהר וויכטיג פאַר די אויסלענדישע אידען. די גריכען פון קליין־אזיען האָבען, נעמליך, נישט אויפגעהערט צו פּלאָגען די אידען, וואו נאָר זיי האָבען צווישען זיי געוואָהנט, און אפילו, ווען די רוימישע הערשער פלעגען זיי דאָס פערבאָטען, פלעגען זיי אויך נישט פאָלגען און תמיד שטערען די אידען אין ערפילען זייערע רעליגיעזע ענינים. די גרי־כען האָבען אפילו אויך שטענדיג זיך בעמיהט צו בעגרענצען די אידישע רעכטע. בעזונדערס שטאַרק האָט ארויסגעוויזען פיינדשאַפט געגען אי־דען די גריכישע בעפעלקערונג פון עפעזוס, וועלכע פלעגט צווינגען אי־דען צו שטעלען זיך צום געריכט אין שבתים און יום־טובים, צו געבען סאָלדאַטען צום מיליטער און טהון אלערליי ארבייטען פאַר דער מדינה. וועלכע זענען בעזונדערס שווער און ברענגען אומ'כבוד ביי זעהר גרוי־סע הוצאות; זיי פלעגען זיי פערבאָטען אָבצושיקען קיין ירושלים דאָס געלד, וואָס מען פלעגט זאַמלען פאַר'ן בית־המקדש, און צונעהמען אפילו אויך דאָס דאָזיגע געלד פאַר די בעדערפעניסען פון דער שטאָדט, אָדער פאַר'ן טעאַטער און אנדערע פאָלקס־שפּיעלען. מערקווירדיג איז אָבער, וואָס די אידען פון קליין אזיען פלעגען זיך נישט ווענדען מיט זייערע אָנ־קלאָגען צו הורדוס'ן; ווי עס שיינט, האָבען זיי צו איהם געהאָט ווענינ צוטרוי, זעהענדיג, וואָס פאַר א פריינד ער איז געווען פון די גריכען. פונ־דעסטוועגען אָבער האָט הורדוס דאָך אליין געהאָלפען, חאָטש זיי האָ־בען דאָס פון איהם נישט פערלאַנגט. הורדוס האָט נושא חן געווען ביים איידעם פון קייזער אויגוסט, מאַרקוס אגריפּאַ, אויך אזוי, ווי בייםקיי־זער גופא. אין רוים פלעגט מען דאַמאָלס זאָגען: „הורדעס איז דער ליעב־סטער מענש ביי'ם קייזער נאָך אגריפּאַ'ן, און ביי אגריפּאַ'ן איז ער דער ליעבסטער מענש נאָך אויגוסט'ן". ווען אגריפּאַ האָט געמאַכט איינמאָל א רייזע איבער די מדינות, האָט איהם הורדוס איינגעלאַדען צו קומען קיין ירושלים און איהם אָבגעגעבען זעהר גרויס כבוד (85 פאַר'ן חורבן). נאָכדעם האָט איהם הורדוס בעגלייט אויף זיין רייזע אין קליין־אזיען. די דאָזיגע געלעגענהייט האָבען אויסגענוצט די דאָרטיגע אידען, צו בע־קלאָגען זיך פאַר אגריפּאַ'ן אין הורדוס'עס געגענוואַרט אויף די גריכען און זייער אונדולדזאַמקייט, וואָס זיי ווייזען ארויס געגען אידען, צוגע־מענדיג ביי זיי די רעליגיאָנס־פרייהייט. הורדוס איז געווען דער געזעצלי־כער בעשיצער פון די אידען אין אלע רוימישע מדינות, און דעריבער

האט ער איצט אויך געמוזט ארויסטרעטען פאר זיי, און האט אויך דערוועקט זיין פריינד, דעם רעדנער ניקאלאיאס פון דמשק, צו רעדען מיט אגריפא'ן לטובת די אידען. די גריכען אין קליין־אזיען האבען כלל נישט געלייקענט, אז זיי האבען זייערע אידישע מיטבירגער גע'רודפט, אבער זיי האבען גע'טענ'עט, אז אידען האבען גאר נישט דאס רעכט צו וואהנען אינ'ם דארטיגען לאנד; זיי זענען דארט פרעמדע, אהן קיין שום בערעכטיגונג, האטש אין דער ווירקליכקייט האבען אידען שוין דארט גערוואהנט עטליכע הונדערט יאהר און זענען דארט געוועזען גלייכע בירגער מיט די גריכען. אגריפא האט דערויף ערקלערט אין א עפענטליכער פערזאמלונג, אז צוליעב זיין פריינדשאפט פאר הורדוס'ן, וויל ער לפחות גערבען אידען רעליגיאנס־פרייהייט און פערבאטען די גריכען זיי צו רודפ'ן. ער האט אויך ארויסגעגעבען א שריפטליכען בעפעהל צו דער שטאדטפערוואלטונג און די געריכטס־הייזער פון עפעזוס, אין וועלכען ער פערבאט זעהר שטרענג אנצוריהרען דאס אידישע געלד, וואס זיי זאמלען פאר'ן בית־המקדש, דען דאס הייסט טעמפעל־שענדונג, און אידען האבען דאס פאלקסמע רעכט דאס געלד צו זאמלען און אבשיקען קיין ירושלים. אויך האט ער פערבאטען צו שטעלען אידען פאר'ן געריכט אום שבת און ארויסגעגעבען וועגען דעם א ספעציעלען בעפעהל דעם פרעטאר (דעם פערוואלטער איבער'ן געריכט).

די גריכישע איינוואהנער פון קליין־אזיען האבען זיך אבער, ווי עס שיינט, ווייניג וואס געקימערט וועגען די אלע דאזיגע בעפעהלען און האבען די רדיפות אויף אידען געפיהרט ווייטער. דאן האבען די אידען געשיקט א געזאנדטשאפט צום קייזער אויגוסט אליין, צו בעקלאגען זיך אויף זייערע בעדריקער. דערויף האט דער קייזער ארויסגעגעבען אנ־עדיקט, אין וועלכען ער ערקלערט, אז צוליעב דעם, וואס די אידען זענען תמיד געוועזען געטריישע אנהענגער פון צעזאר'ס הויז, האט דער סענאט און דאס רוימישע פאלק זיי געגעבען רעליגיאנס־פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג, וועלכע די גריכען טארען נישט אנריהרען. שבת און אפילו אויך ערב־שבת פון נאך האלבען טאג אן טאר מען זיי נישט פאדערען צום געריכט און זיי מעגען זאמלען נדבות פאר'ן בית־המקדש און אבשיקען זיי קיין ירושלים. ווער עס וועט אנריהרען דאס דאזיגע געלד, אדער ארויס'גנב'נען א ספר־תורה פון ארון־הקודש, ווערט גע'משפט, ווי א טעמפעל־שענדער. זיין עדיקט האט אויגוסט בעפויהלען אויסצוקריצען אויף א קופערנעם טאוועל און ארויסשטעלען אין די עפענטליכע ערטער, כדי אלע זאלען וויסען זיין איינהאלט און מעהר נישט דערוועגען זיך ארויסצוטרעטען געגען די אידען. דעם פראקאנסול נארבאנוס פלאקוס האט אויגוסט בעפויהלען אכטונג צו געבען, אז מען זאל די אידישע רעכטע נישט אנריהרען, און דער פראקאנסול האט פון זיין זייט אויך באלד ארויסגעגעבען אינ'ם דאזיגען זין א בעפעהל צו די איינוואהנער

פון עפעזוס און סארדעס. די דארטיגע יונים (גריכען) זענען אבער גער ווען אזוי פער'עקשנ'ט און איינגעשפארט, אז זיי האבען זיך ווידער וועניג וואס געקימערט וועגען די בעפעהלען און ארויסגעוויזען זייער שנאה צו אידען אויף שריט און טריט. א פאר יאהר שפעטער האבען די אידען זיך ווידער געמוזט ווענדען פערזענליך צום פראָקאָנסול יוליוס אנטאָניוס מיט אנ'אנקלאגע. אויך דער דאָזיגער פראָקאָנסול האָט ארויסגעלאָזען א בעפעהל צו דער גריכישער בעפעלקערונג, אז זי זאָל נישט דריקען די אידען. אבער צי האָט דער בעפעהל עטוואָס פויל געווען, איז אונבעוואוסט.

אויך אין דער מדינה קירענאיקא, אין אפריקא, וואו די אידען האבען זיך בעזעצט אין דער רעגירונג פון פטאָלאָמעאוס דעם ערשטען, האבען אידען פיעל געליטען פון די גריכען. אין קירענאיקא זענען געווען זעהר פיעל אידען, און זיי האבען דארט געהאט אנ'אייגענע אויטאָנאָמישע קאנסטיטוציע. ווען די רוימער האבען דאס לאנד איינגענומען, האבען זיי, נאטירליך, איבערגעלאָזען אידען זייערע גלייכבערעכטיגונג, סיי די פאָליטישע, סיי די בירגערליכע. אבער פלוצלונג זענען ארויסגעטראטען געגען אידען די גריכען, וועלכע האבען אנגעהויבען בעגרענצען אידען אין זייערע רעכט און בעזונדערס האבען זיי ווידער נישט דערלאָזען אידען צו זאמלען געלד פאר'ן בית־המקדש און אבשיקען קיין ירושלים. נישט־אכטענדיג דעם בעפעהל פונ'ם קייזער אויגוסט, אז מען טאָר אידען נישט שטערען צו לעבען, לויט זייערע געזעצען און מנהגים, האבען די גריכען פערחאפט דאס צדקה־געלד, וואס איז געווען בעשטימט פאר'ן בית־המקדש. ווען די אידישע געזאנדטע האבען זיך פארגעשטעלט אגריפא'ן און זיך בעקלאגט אויף די גריכען, האט ער פערבאָטען אלע רדיפות געגען אידען און בעפויהלען אבצוגעבען זיי צוריק דאס גערויבטע הייליגע געלד, וואס איז געווען בעשטימט פאר'ן בית־המקדש. ווי עס שיינט, האבען די [illegible]יגע בעפעהלען פון קייזער און פון זיין אידעם מיטגעווירקט, אז די [illegible]ישער שטאטהאלטער אין קירענאיקא, מארקוס טיטיוס, האט זיך א[illegible]געהויבען בעציהען צו אידען זעהר גוט און האט זיי בעשיצט פון אלע אנפאלען. די אידישע ארכאָנטען (פארשטעהער פון די קהלות) פון בערעניקי האבען איהם פאר זיין גוטער בעציהונג צו דער אידישער קהלה, ווי אויך צו יעדען פריוואטען אידען, צוגעטראגען א מתנה — א קרוין פון אייל־בוים־בלעטער און בעשטימט צו בענשען זיין נאָמען אין א תפלה אלע שבת און ראש־חודש אין די שוהלען. דעם אינהאלט פון דער דאָזיגער תקנה האט מען געלאזט אויסקריצען אויף א מארמארנעם מאָנומענט און ארויסגעשטעלט אויבען אין אמפיטעאטער.

ווען הורדוס איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע מיט מארקוס אגריפא, האט ער צונויפגערופען א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג און ערקלערט, וואס

פאר א גרויסע חסדים ער האט גע'פועל'ט ביי'ם קייזער'ס אידעם פאר די אידען פון קליין-אזיען. ער האט אויך געשאנקען א פירט-חלק פון די אבצאהלונגען יענע אידען, וועלכע האבען נאך נישט איינגעצאהלט פאר'ן פארגאנגען יאהר אלץ, וואס האט פון זיי געקומט פאר דער קעניגליכער קאסע. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט דאס פאלק מיט איהם געמאכט שלום און האט איהם זעהר ווארים בעגריסט. אבער ווען ער האט שוין געקאנט געניסען די ליעבע פון פאלק, האט זיך אויפגעהויבען געגען איהם דאס אונגליק אין זיין אייגענעם הויז, און די מלאכי חבלה פון נקמה האבען איהם פערגאלט אויך זיין דאזיגע לעצטע פרייד און פערביטערט איהם די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען.

דאס לעצטע דריטעל פון הורדוס'עס רעגירונג האט ארויסגערופען א גרויזאם אונגליק אויפ'ן קאפ פונ'ם זעכציג-יעהריגען זינדיגען קעניג, — אנ'אונגליק, וואס האט איהם אריינגעבראכט אין אזא שרעקליכער פערצווייפלונג, ווען דער מענש שטארבט גאר אב, און עס בלייבט נאר די ווילדע חיה. די מתים, וועלכע ער האט אונשולדיג דער'הרג'עט, האבען זיך, ווי די שאטענס, אויפגעהויבען פון דער ערד און אנגעהויבען איהם פערפאלגען אויפ'ן וואהר און אין חלום, מאכענדיג זיין לעבען פאר אנ'אמת'ען גיהנם. אומזיסט האט ער געזוכט ארום זיך א ליעבענד הארץ, א געטריישע נשמה, וואס זאל איהם טרייסטען און פיהרען. זיין אייגען פלייש אונבלוט, זיינע לייבליכע שוועסטער און ברודער, שלומית און פעראס, וועלכע ער האט אזוי שטארק דערהויבען, אפילו זיינע אייגענע קינדער זענען זיינע שונאים געווארען און האבען געמאכט א פערשווערונג געגען זיין לעבען און זיין מנוחה. דאס דאזיגע ביטערע לעבען האט געמאכט הורדוס'ען נאך בלוט-דורשטיגער און גרויזאמער געגען אלעמען, וועמ'ען האט געהאט דאס אונגליק צו קומען צו איהם נאהנט. די הויפט-סבה פון זיין אונגליק איז געוועזען דער טויט פון מרים די חשמונאי'ערין. צוויי זיהן האט זי איהם געלאזען, אלעקסאנדר און אריסטאבול, און ווי נאר זיי זענען צום שכל געקומען און זיך דערוואוסט, ווי אזוי זייער מוטער איז געשטארבען, האבען זיי דעם טוידט פון דער אונשולדיג-דער'הרג'עטער טיעף געפיהלט אין הארצען און זענען אבגעפרעמדט געווארען פון זייער פאטער. צוליעב דעם, וואס זיי האבען פון זייער מוטער געשטאמט פון די חשמונאים, האט הורדוס זיי בעשטימט צו קעניגען נאך איהם און אבגעשיקט קיין רוים, וואו זיי האטען געדארפט בעקומען א וועלטליכע ערציהונג און פון דער יוגענד אן בעליעבט ווערען ביי צעזאר'ן, ווי אויך כדי גוט בעקאנט צו ווערען מיט'ן רוימישען לעבען. ווען זיי זענען געקומען צוריק קיין ירושלים, האט ער זיי חתונה געמאכט: דעם עלטערען, אלעקסאנדר, מיט גלאפירא, די טאכטער פון ארכעלעאוס, דער קעניג פון קאפאדאציען (קפוטקיא), און דעם אינגערען, אריסטאבול — מיט בערעניקע, די טאכטער פון הורדוס'עס שוועסטער, שלומית. דורך

אַט דעם לעצטען שידוך האָט הורדוס געהאַפּט צוריקצושטעלען דעם שלום אין זיין משפּחה. אָבער די שנאה פון זיין נקמה־גלוסטיגער שוועסטער שלומית מיט זיין ברודער פֿעראָראַס האָט זיין פּלאַן צושטערט. די דאָזיגע צווי מענשען־חיות האָבען זייער שנאה צו מרים'ן אויך געהאַלטען אפילו נאָך איהר טוידט און די שנאה איז ביי זיי איבערגעגאַנגען צו איהרע קינדער, האָטש איינער פון זיי איז געווען איהר איידעם. שלומית האָט איבערגערעדט הורדוס'ן, אַז ער זאָל צוריקברענגען צו זיך זיין יודי פון דער ערשטער פרוי, אַנטיפּאַטער, וועלכען ער האָט פֿערשטויסען פון זיך צוזאַמען מיט זיין מוטער דאָריס. נאָכדעם, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט מרים'ן. אַנטיפּאַטער איז געווען אַן עכטע זוהן פון דער אדום'ישער משפּחה: שלעכט און האַרטהערציג, פֿאַלש און רכילות'דיג, גרויזאַם און חיטרע. זיין גאַנצע שלעכטקייט האָט ער צוגעווענדעט זיין פֿאָטער און די ברידער. שלומית, פֿעראָראַס און אַנטיפּאַטער זענען געווען איינע די אַנדערע דס־שונאים, אָבער פֿינדעסטוועגען האָבען זיי געשלאָסען אַ בונד געגען מרים'ס זיהן, וועלכע זיי האָבען אַלע גלייך געוואָלט פֿערדערבען. וואָס מעהר הורדוס האָט אַרויסגעוויזען פֿריינדשאַפט צו מרים'ס זיהן און דאָס פֿאָלק האָט זיך בעצויגען צו זיי מיט ליעבע, ווי צו חשמונאישע פּרינצען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסען די שנאה פון אַנטיפּאַטער'ן און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט אימה און פּבשוי. אַנטיפּאַטער האָט אויסגעטראַכט אויף די אונשולדיגע פּרינצען אַ בלבול, אַז זיי האָבען געוואָלט נקמה־נעהמען אַן הורדוס'ן דערפֿאַר, וואָס ער האָט דער'הרג'עט זייער מוטער. מעגליך, אַז די יונגע פּרינצען האָבען זיך עטוואָס אַרויסגערעדט אַזעלכעס. וואָס האָט געקאָנט וואַרפֿען אויף זיי אַ חשד, אָבער וועגען אַן'אמת'ער פֿערשווערונג אויף זייער פֿאָטער האָבען מרים'ס קינדער זיך גאַרנישט ערלויבט צו טראַכטען. הורדוס'עס נשמה איז אָבער זיין גאַנצען לעבען פֿערגאַלט געווען מיט חשד און אומצוטרוי צו מענשען, און דעריבער האָט ער אויך אַט דעם שוידערהאַפֿטען חשד געגלויבט און אַנגעהויבען האַסען זיינע זיהן. כדי זיי צו בעשטראָפֿען, האָט ער געגעבען זיין זוהן אַנטיפּאַטער גלייכע רעכט מיט זיי אויף זיין טהראָן. מרים'ס זיהן זענען אָבער דאדורך זעהר ערביטערט געוואָרען און זיי האָבען אַנגעהויבען אָפען צו קלאָגען זיך אויף איהם. עס האָבען זיך געפֿונען גוטע מענשען, וועלכע האָבע זייערע רייד איבערגעבראַכט דעם פֿאָטער און דערצו האָט מען נאָך דערלעגט, אַז די פּרינצען האָבען זיך פֿערשוואָרען געגען זייער פֿאָטער. אַנטיפּאַטער האָט נאָך געזאָרגט דערפֿאַר, אַז הורדוס זאָל בעקומען בעווייזען פון פֿאַלשע עדות וועגען דער אויסגעטראַכטער פֿערשווערונג. אומזיסט האָט דער קעניג פון קאַפּאַדאַציען און אפילו אויך דער רוימישער קיזער אליין זיך משתדל געווען פֿאַר הורדוס'ן, אַז ער זאָל זיינע אַנגעקלאַגטע קינדער פֿריישפּרעכען. אַנטיפּאַטער האָט עס פֿערשטאַנען מיט דער מיינע פון אַ גוטען

וועלכען הורדוס האט אבגעטהון א שענדליכע אוננאטירליכע זאך; אבער שמידען געגען זיי נייע רכילות און פאלשקייטען, כדי אויפצורייצען הורדוס'ן. עס האט זיך אבגעהויבען א גרויזאמע אויספארשונג. הורדוס האט געלאזט ארייננווארפען אין תפיסה די געטרייעסטע דיענער פון זיינע זיהן, זייערע פריינד און בעקאנטע, און דארט האט מען זיי גרויזאם גע־פייניגט, און, ממילא, גע'פועל'ט ביי זיי, אונטער די גוואלדיגע יסורים, אז זיי זאלען זאגען אלץ, וואס מען וויל פון זיי. לויט'ן עדות־זאגען פון אט די געפייניגטע, האט הורדוס געלאזט משפט'ן זיין זוהן. מען האט געשטעלט די פרינצען אריסטאבול און אלעקסאנדער פאר א געריכט אין בירתוס (Berythus), וואס איז בעשטאנען פון הונדערט פופציג פער־זאן פון די נאהענטסטע פריינד פון הורדוס'ן, און זיי האבען ארויסגעטרא־גען די אונשולדיגע פרינצען א טויט־אורטייל. הורדוס האט בעפוילען באלד אויסצופיהרען די טויט־שטראף. די פרינצען האט מען אוועקגע־שלעפט קיין שמרון, — גראד אין דער שטאדט, וואו זייער מערדערישער פאטער האט דעריבער זיך פערשווארען מיט הורדוס'עם ברודער פערא־טער מרים. — און דארט האט מען זיי די קעפ אבגעהאקט און אבגע־פיהרט אין דער פעסטונג אלעקסאנדריאן צו קבורה (77 יאהר פאר'ן חורבן).

מיט זייער טויט האבען זיך אבער נאך נישט געענדיגט די אינטרי־גען אין הורדוס'עס הויז, נאר, פערקעהרט, עס האבען זיך ערשט אנגע־הויבען נייע שענדליכע מעשים. הורדוס האט, נעמליך, בעשטימט פאר א קעניג נאך איהם זיין זוהן אנטיפאטער. אבער דער דאזיגער זוהן האט זיך נישט געשפירט זיכער מיט'ן טהראן, כל זמן זיין פאטער האט נאך געלעבט, און געלעבט האט זיין פאטער פאר איהם — צו־לאנג. אנטי־פאטער האט דעריבער זיך פערשווארען מיט הורדוס'עס ברודער פערא־ראס, צו הרג'ענען הורדוס'ן, זיין פאטער און וואהלטעטער. פערא־ראס איז געווען בייז אויף הורדוס'ן, פארוואס איהם אז נישט געפעלען געווען דאס, וואס פעראראס האט חתונה געהאט מיט א שקלאווין, צו דער שאנדע פון קעניגליכען הויז. שלומית האט געווארענט איהר ברו־דער הורדוס געגען דער פערשווערונג, וואס עס ווערט אויף זיין לעבען געמאכט, אבער הורדוס איז שוין אלט געווען און גראד אויף אנטיפא־טער'ן האט ער קיין שום בייז נישט געגלויבט. ער האט אפילו אויך גא־נישט געזעהען די גאנצע אינטריגע, מיט וועלכער מען האט איהם ארומ־געוועבט. פיער פרויען זענען געווען אריינגעצויגען אין דער פערשווע־רונג אויף הורדוס'עס לעבען: אנטיפאטער'ס מוטער, דאריס, וועלכע האט איצט ווידער געוואהנט אין קעניגליכען פאלאץ, און פעראראס'עס פרוי מיט איהר מוטער און שוועסטער. די דאזיגע פרויען פלעגען זיך צונויפ־קומען בשתיקה אויף צו בעראטען זיך, און צו זיי איז אויך צוגעשטא־נען הורדוס'עס סריס באגאאס און דער שענער אינגעל, קארוס, מיט

וועלכען הורדוס האט אבגעטהון א שענדליכע אוננאטירליכע זאך; אבער אויך צווישען די פרומע פרושים, וועלכע זענען בכלל ווייט געווען פון מערדערייען, האבען די פרויען געפונען איניגע מיטהעלפער, ווייל די פרושים האבען פיינד געהאט הורדוס'ן פאר זיין פערשוועכען די אידישע היילינגטהימער און זיין פרעמד ווערען פון דער אידישער ריינער מאראל און געטריייהייט צו דער תורה.

ווען הורדוס האט געהאט ארויסגעגעבען זיין בעפעהל צו שווערען געטריייהייט, האבען איניגע פרושים זיך אבגעזאגט דערפון און הורדוס האט זיי בעשטראפט צו בעצאהלען פיעל געלד. דאס געלד פאר זיי האט דאמאלס געגעבען פעראראס'עס ווייב. דאס זענען געווען העכער זעקס טויזענד פרושים, ווי עס שיינט, פון בית שמאי'ס תלמידים, וועלכע האבען בעזונדערס שטארק געהאסט דעם אדומישען קעניג. כדי ארויסצווארפען הורדוס'ן פון טהראן, האבען איניגע פאנאטיקער פון זיי בשתיקה נביאות געזאגט פעראראס'עס פרוי, אז גאט האט בעשלאסען צו מאכען א סוף מיט דער מלוכה פון הורדוס'עס הויז, און אז די מלוכה וועט איבערגעהן צו איהרע קינדער, און דעם סריס האבען זיי ערקלערט, אז ער איז בעשטימט צו ווערען א פאטער און א וואהלטעטער פון אידישען פאלק, ער וועט נישט בלויז אליין קעניג זיין, נאר אויך אויף אן'איבערנאטירליכען אופן קינדער האבען, וועלכע וועלען קעניגען נאך איהם. די דאזיגע נבואות און הבטחות — אלץ איינס צי זיי האבען געשטאמט פון א צוהיצטער פאנטאזיע, וועלכע האט באמת געגלויבט, וואס זי האט דערצעהלט, אדער דאס איז געווען אויסגעטראכט מיט א פאליטישער אויסרעכענונג, כדי צו געפינען אנהענגער — מען האט די הבטחות געגלויבט און זיי האבען צוגעגעבען מוט אלעמען, ווער עס האט נאר געווארט אויף הורדוס'עס טויט, אז ער זאל פארקומען, וואס גיכער.

נאר איין הורדוס האט גארנישט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. ערשט ווען זיין שוועסטער שלומית האט איהם אלץ ענטדעקט, האט ער זיך גענומען צו די פערשווערער. עס פערשטעהט זיך, אז הורדוס האט ווייניג וואס רחמנות געהאט אויף זיינע פיינד. די פרושים, וועלכע האבען זיך אמגרעסטען קאמפראמעטירט אין דער פערשווערונג, זיין סריס און דעם שאנד־אינגעל, קארוס, ווי אויך אלע זיינע קרובים, וועלכע האבען געגלויבט אין דער נבואה פון די פרושים, האט הורדוס געלאזט אויסהרג'ענען מיט גרויסער אכזריות. די פרוי פון זיין ברודער פעראראס האט ער אויך געוואלט לאזען דער'הרג'ענען, אבער פאר זיין ברודער האט ער עפעס געהאט אן'אונערקלערליכע שוואכהייט און ער האט איהם אפילו נישט געצוואונגען צו שיידען זיך פון זיין פרוי. נאר געגען דעם הויפט־שולדיגען, געגען זיין זוהן אנטיפאטער, האט ער גארנישט געטהון, דען ער האט צו איהם געהאט צוטרוי, ווי פריהער.

נאר ער האט איהם געווארענט, נישט צו פערברענגען מיט די פרויען
פון הויף און זיין ברודער, פעראראס, און האט איהם פערשיקט אויף זיין
שטעלע, וואו ער איז געווען שטאטהאלטער, אין דעם פיערפירשטענ־
טום, וועלכען ער האט בעקומען א מתנה פון אויגוסט׳ן, אויף יענער זייט
ירדן. ווייל אבער אנטיפאטער האט מורא געהאט פאר דער שנאה פון
אידישען פאלק צו איהם, האט ער איבערגערעדט זיין פאטער, אז ער
זאל איהם שיקען קיין רוים, כדי נושא חן צו זיין דארט ביי אויגוסט׳ן
און פועל׳ן ביי איהם, אז ער זאל בעשטעטיגען זיין פאטער׳ס צוואה,
לויט וועלכער אנטיפאטער דארף קעניגען נאך זיין טויט אין לאנד יהודה.
אבער אויך אין רוים האט אנטיפאטער זיך נישט געקאנט בערוהיגען
און האט געפיהרט אינטריגעס געגען זיינע איבריגע ברידער. ענדליך
איז אבער געקומען דער טאג, ווען זיין טייוולאנישעס שפיעל האט זיך
ארויסגעוויזען קלאר. פעראראס איז פלוצלונג געשטארבען (75 פאר׳ן
חורבן), און מען האט חושד געווען זיין פרוי, וועלכע ער האט גענומען
געגען הורדוס׳עס ווילען, אז זי האט איהם פער׳סמ׳ט. מען האט גע־
מאכט אנ׳אויספארשונג, אבער דא האט זיך ארויסגעוויזען גאר אנ׳אנ־
דער געהיימניס, ווי די, וואס מען האט געזוכט. די פרוי האט מודה גע־
ווען, אז פעראראס און אנטיפאטער האבען זיך צוזאמענגערעדט, צו
פער׳סמ׳ען הורדוס׳ן. דער סם איז שוין געווען אנגעגרייט, אבער פע־
ראראס איז געווען געריהרט פון דער ליעבע, וואס הורדוס האט
איהם ארויסגעוויזען, ווען ער איז קראנק געווען, און האט חרטה גע־
האט אויף זיין בעשלוס. דעם אנגעגרייטען סם האט ער געהייסען אויס־
גיסען. דערביי האט די פרוי געוויזען דעם רעשט פונ׳ם סם, אלס א בע־
וויז, אז זי דערצעהלט דעם אמת. מען האט אויך אויסגעהערט פיעל
עדות און געהאט נאך אנדערע בעווייזען, אז ס׳איז אמת געווען, דאס
אנטיפאטער האט געוואלט זיין פאטער פער׳סמ׳ען. די דאזיגע ענטדעקונג
איז געווען א שרעקליכער קלאפ פאר הורדוס׳ן. אלזא, דוקא אט דער
זוהן, וועלכען ער האט דערהויבען פון נידעריגען צושטאנד און גע־
מאכט פאר א קעניג, צוליעב וועלכען ער האט דער׳הרג׳עט די זיהן
פון זיין געליעבטער פרוי מרים, וועלכע ער האט נאך אלץ נישט געקאנט
פערגעסען, דוקא דער זוהן איז געווען זיין טויט־פיינד! הורדוס׳עס
אויפרעגונג איז געווען געוואלדיג. א העליש פייער האט אויפגעפלאמט
ביי איהם אין הארצען, אבער ער האט זיך געמוזט פערשטעלען און
שפיעלען די ראליע פון א ליעבענדען פאטער פאר אנטיפאטער׳ן, כדי
צו בעוועגען איהם, אז ער זאל קומען צוריק קיין ירושלים. ווי נאר אנ־
טיפאטער איז צוריקגעקומען, האט זיין פאטער געלאזט איהם אנקלאגען
פאר א געריכט, אונטער׳ן פארזיץ פון רוימישען שטאטהאלטער, קווינ־
טיליוס וואַרוס, און האט איהם בעשולדיגט, אז דורך איהם זענען אונ־
שולדיג פער׳משפט געווארען צום טויט ביידע פרינצען, מרים׳ס זיהן,

ווי אויך, אז ער האט געוואָלט זיין פאָטער פער'סמ'ען. אנטיפאטער איז אבער ארויסגעטראָטען מיט זיין גלאַטען צינגעל און זיך אָנגעהויבען צו פערטיידיגען, ערקלערענדיג, אז ער איז גאַנץ אונשולדיג. אבער דאַן איז ארויסגעטראָטען הורדוס'עס פריינד, ניקאָלאַיאָס פון דמשק, אלס שטרענגער אָנקלאַגער און דערוויזען קלאָר זיין שולד. דאָס געריכט האָט אפרויסגעטראָגען אנטיפאטער'ן א טויט־אורטייל, וועלכען הורדוס האָט געבעטען אויגוסט'ן צו בעשטעטיגען. אין דער בעשולדיגונג איז אויך געוועזען פערוויקעלט הורדוס'עס אלטע פרוי, מרים די צווייטע, וואָס איהר זוהן האט הורדוס בעשטימט צו ווערען קעניג נאָך איהם, אויב אנטיפאטער וועט פאַר איהם שטאַרבען. די פרוי איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון קעניגליכען פאלאַץ, איהר זוהנ'ס נאָמען איז אויסגעשטריכען געוואָרען פון דער קעניגליכער צוואה און איהר פאָטער שמעון בן ביתוס איז דערוויטערט געוואָרען פון דער כהונה גדולה, און אנשטאָט איהם איז בעשטימט געוואָרען פאַר א כהן גדול מתתיהו בן תעאָפיל.

אזעלכע גרויסע און פיעל אויפרעגונגען האבען ענדליך געבראַכט דעם זיבעציג־יעהריגען הורדוס און אניעדערגעלעגט איהם קראַנק. אלע זיינע האָפנונגען זענען חרוב געוואָרען; דאָס געביידע, וואָס ער האט אויפגעבויט מיט אזוי פיעל פערברעכענס, מיט אזוי פיעל בלוט־פערגיעסונגען — זיין מלוכה — איז איהם אליין נמאס געוואָרען, דען ער האט אפילו זיינע אייגענע קינדער ניט פערגונען דעם לעבען און גער האלטען זיי פאַר זיינע דם־שונאים. צו וועלכען זוהן האט ער איצט גער זאָלט האבען צוטרוי? צום דריטען מאָל האט ער זיין צוואה געענדערט און בעשטימט פאַר א קעניג נאָך איהם זיין איינגסטען זוהן אנטיפאס, ווייל ער האט די עלטערע אלע געהאלטען פאַר שונאים. אבער דער שרעקליכער צושטאַנד, אין וועלכען הורדוס האט זיך געפינען, א צר שטאַנד, וואָס מאַכט ווייכער דאָס הארץ אפילו אויך ביי'ם גרעסטען אכזר, האט ביי הורדוס'ן נאָך מעהר אבגעהאַרטעוועט דאָס הארץ און געמאַכט איהם אַלץ גרויזאַמער. צוויי יונגע לייט, וועלכע זענען געוועזען פייערדיגע קעמפפער פאַר דער תורה, האבען בעגאַנגען א לייכטען פערברעכען, און הורדוס האט זיי בעשטראָפט אויף א העכסט אכזריות'דיגען אופן. ווי און זיינע יונגע יאהרען, חאָטש ער איז שוין אליין געשטאַנען איין פוס אין קבר און דאָס לעבען איז שוין איהם געוואָרען איבערדריסיג. צווישען די פרושים האט הורדוס קיין פריינד ניט געהאַט און בעזונדערס האבען איהם פיינד געהאַט די אנהענגער פון שמאי'ס שולע, די שטרענג־נאַציאָנאַלע אידען, וועלכע פלעגען אין בית המקדש ניט דורכלאָזען קיין געלעגענהייט אויפצורייצען די יוגענד געגען די אדומים און די אנהענגער פון רוים. זיי האבען דאָס געקאָנט טהון אָהן געפאַהר פאַר זיך, ווייל זיי האבען גערעדט אין א פערפוצטער מליצה־שפראַך, אויסטייטשענדיג די נביאות וועגען עשו און אדום, אוני

טער וועלכע זיי האבען אנגעוויזען אויף הורדוס'ן און אויף רוים.
צווישען די פרושים, וועלכע האבען בעזונדערס פיינד געהאס
הורדוס'ן און רוים, האבען זיך אויסגעצייכענט צוויי מענשען מיט זייער
גרויסען אייפער און ליעבע צום אידישען פאלק: יהודה בן צפורי און
מתתיהו בן מרגלית, וועלכע זענען דעריבער געווען שטארק בעליעבט
ביי'ם פאלק. ווי נאר זיי האבען דערהערט, אז הורדוס איז געפעהרליך
קראנק, האבען זיי אנגערעדט זייערע צוהערער אראבצווארפען דעם
רוימישען אדלער פונ'ם טהויער פון בית־המקדש און אראבנעהמען דאד
דורך די חרפה פון גאטעס הויז. אין ירושלים האט זיך דערווייל פער־
שפרייט א קלאנג, אז הורדוס איז שוין געשטארבען, און דאס האט צו־
בעגעבען מוט די יונגע לייט אויסצופיהרען די געוואגטע אונטערנעה־
מונג. פיעל יונגע לייט האבען זיך באלד אריינגעריסען מיט העק אויפ'ן
הר הבית, צוהאקט דעם רוימישען אדלער און אראבגעשליידערט איהם
אויף דער ערד. באלד אבער האט זיך דערפון דערוואוסט איינער פון
הורדוס'עס הויפלייט, און ער האט געלאזט געהען זיין חיל צום הר־
הבית און ארעסטירט פיערציג יונגע לייט מיט זייערע צוויי אנפיה־
רער, וועלכע האבען דעם רוימישען אדלער צוהאקט. ווען דער קראנקער
הורדוס האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער, ביי'ם ריח פון פריש בלוט,
ווידער ווי ניי אויפגעלעבט געווארען. דאס געפיהל פון נקמה און רציחה
האט שטענדיג צוגעגעבען הורדוס'ן פרישע כחות. ווען מען האט אבער
געשטעלט די בעשולדיגטע פאר'ן געריכט, האט הורדוס געמוזט הערען
ווערטער, וועלכע האבען איהם דערוויזען, אז ער איז דאך פארט צו־
שוואך, צו ברעכען די ענערגיע פון אידישען פאלק. די געפאנגענע האב־
בען זיך מודה געווען אהן קיין שום מורא אין זייער טהאט, און ווען
מען האט זיי געפרעגט, ווער עס האט זיי דערצו אנגערעדט, האבען זיי
געענטפערט — די תורה! הורדוס האט זיי געלאזט משפט'ן אלס טעמ־
פעל־שענדער, ס'הייסט, פאר חלול הקדש, און האט פער'משפט צו פער־
ברענען לעבעדיגערהייד. ער האט נאך געמאכט דערביי אנ'אנשטעל, אז
נאר דאס רחמנות האלט איהם אב פון בעשטראפען מיט'ן טויט אויך
פיעל אנדערע מענשען, האטש אין דער ווירקליכקייט איז שוין דאס גע־
ווען איצט פיעל מעהר די מורא פאר'ן פאלק, וועלכע האט איהם אבגע־
האלטען פון נאך גרעסערע רציחות. דעם כהן גדול מתתיהו, וועלכער
האט אויך טיילגענומען אינ'ם צוהאקען דעם אדלער, האט הורדוס
דערוויטערט פון דער כהונה גדולה, און בעשטימט אויף זיין ארט דעם
כהן יועזר בן שמעון פון די ביתוסים, א מענש, וואס איז געווען געטריי
הורדוס'ן און רוים. דאס איז שוין געווען דער זעקסטער כהן גדול אונ־
טער הורדוס'עס רעגירונג.
די גערעכטיגקייט האט אבער גע'משפט הורדוס'ן נאך שטרענגער

און מיט אַ גרעסערען וועהטאָג, אײדער דאָס וואָלט געקאָנט טהון אַ שטרענג מענשליך געריכט. אפילו די נחמה, וואָס ער האָט געהאַט, דאָס ער האָט דערלעבט נקמה צו נעהמען אָן זײן פֿאַלשען זוהן אנטי־פּאַטער, אפילו אָט די נחמה איז אויך געוועזען אַ געוואַלדיגע בעשטראָפונג. הורדוס איז געלעגען אין זײן לעצטער קרענק, וועלכע איז געוועזען אַ זעלטענע עקעלהאַפטע און אַ גרויזאַמע, ווען ער האָט ערהאַלטען די ערלויבניש פֿון אויגוסט'ן, צו בעשטראָפען זײן זוהן אנטיפּאַטער מיט'ן טויט. אין ערשטען מאָמענט האָט דאָס איהם געמאַכט גרויס פֿרייד און ערלייכטערט די יסורים, וועלכע זײן קרענק האָט איהם פֿערשאַפֿען. אָבער באַלד איז זײן וועהטאָג אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז ער האָט געחאַפּט אַ מעסער און זיך געוואָלט דערשטעכען, און נאָר אײנעם פֿון זײנע קרובים איז געלונגען איהם אָבצוהאַלטען דערפֿון. דער יאָמער און געשריי, וואָס האָט אויסגעבראָכען צוליעב דעם פֿאַרפֿאַל אין קעניגליכען פּאַלאַץ אין יריחו, האָט אויך דערגרייכט ביז צו אנטיפּאַטער'ן, וועלכער איז געזעסען געפֿאַנגען אין דעמזעלביגען פּאַלאַץ. מיינענדיג, אַז זײן פֿאָטער איז שוין טויט, האָט ער געבעטען דעם אויפֿזעהער פֿון זײן געפֿענגעניש אַרויסצולאָזען איהם פֿריי. דער אויפֿזעהער האָט אָבער מורא געהאַט פֿאַר זײן אײגען לעבען און איז אַרײנגעקומען אין די צימערען פֿון קעניג, כדי צו דערוויסען זיך אויב הורדוס לעבט נאָך, אָדער ער איז שוין טויט. ווי נאָר הורדוס האָט זיך פֿון איהם דערוואוסט, דאָס אנטיפּאַטער האָפֿט נאָך איהם איבערצולעבען, האָט ער געגעבען אַ בעפֿעהל, דאָס מ[illegible]ן זאָל איהם באַלד דער'הרג'ענען. דער דאָזיגער בעפֿעהל איז תיכף אויסגעפֿיהרט געוואָרען. חאָטש אנטיפּאַטער האָט פֿערדיענט דעם צעהנפֿאַכען טויט, האָט דאָך זײן טויט־שטראָף אַרויסגערופֿען אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג. דער פֿאַקט, אַז אַ פֿאָטער זאָל שוין האָבען אויסגעפֿיהרט דעם דריטען טויט־אורטייל איבער זײנע אײגענע זיהן, איז פֿאַרט געוועזען אַ שרעקליכער. ווען דער רוימישער קייזער אויגוסט האָט דערהערט וועגען אנטיפּאַטער'ס טויט־שטראָף, האָט ער אויסגערופֿען: „ביי הורדוס'ן וואָלט איך בעסער געוואָלט זײן אַ חזיר, אײדער אַ זוהן". די שרעקליכע אכזריות פֿון הורדוס'ן געגען זײנע קינדער איז אויך געוואָרען דער מאָטיוו פֿון אַן'אַנדער גרויזאַמער לעגענדע, וועלכע מען האָט שפּעטער געדיכטעט: מען האָט דערצעהלט, אַז הורדוס האָט געהייסען אום'הרג'ענען אַלע צוויי־יעהריגע קינדער פֿון בית־לחם און דער גאַנצער אומגעגענד, ווייל ער זאָל האָבען געהערט, אַז דאָרט איז געבוירען געוואָרען אַ משיח פֿון דוד'ס הויז. און אַזאַ קינדער־מאָרד וועניגסטענס, איז הורדוס געוויס נישט שולדיג געוועזען.

אפילו דעם לעצטען געדאַנק פֿאַר'ן טויט האָט הורדוס געהאַט נאָר וועגען רציחה: ער האָט בעפֿויהלען, אַז מען זאָל צוזאַמענרופֿען אַלע גרויסע לייט פֿון יהודה אין זײן פּאַלאַץ אין יריחו און האָט זיי

פערזאמעלט אין היפאדראם, וואו ער האט זיי געלאזט בעוואכען, געבענדיג א בעפעהל זיין שוועסטער שלומית און איהר דריטען מאן אלעקסאס, אז באלד, ווי ער וועט שטארבען, זאל זיין לייב־וואך זיי אלעמען אויס׳הרג׳ענען, כדי די גאנצע אידישע נאציאן און אלע אנגעזעהענע משפחות זאלען האבען צו קלאגען אינ׳ם טאג פון זיין טויט און ער זאל נישט ווערען פאר זיי קיין טאג פון פרייד. מיט מארד־געדאנקען איז הורדוס ארויסגעטראטען אין עפענטליכען לעבען און מארד־געדאנקען האט ער געהאט ביז זיין לעצטען אטעם. פיער טעג נאך אנטיפאטער׳ס ערמארדונג איז געשטארבען אויך הורדוס (אין פריהלינג 74 פאר׳ן חורבן) אין ניין און זעכציגסטען יאהר פון זיין לעבען. די חונפים האבען איהם גערופען הורדוס דער גרויסער, די נאציאנאלע אידען אבער האבען איהם גערופען נישט אנדערש, ווי „דער קנעכט פון די חשמונאים“. וועהרענד מען האט זיין טויטען קערפער אבגעפיהרט מיט גרויס פאראד אין דער פעסטונג הערודיום אין דער בעגלייטונג פון דער טראצישער, גערמאנישער און גאלישער לייב־וואך און דעם אויגוסטעאישען מיליטער, האט דאס אידישע פאלק געפייערט דעם טאג ווי א חול־המועד, ווען מען טאר נישט פאסטען און מספיד זיין.

צווייטעס קאפיטעל

ארכילאוס און די ערשטע רוימישע שטאטהאלטער אין יהודה.

(פון 74 ביז 33 פאר׳ן חורבן, אדער פון 4 פאר ביז 37 נאך דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

ווי אונגליקליך עס איז געוועזען הורדוס׳עס רעגירונג, האט זי דאך געקאנט גערעכענט ווערען פאר א גליקליכע צייט געגען יענע, וואס האבען זיך אנגעהויבען נאך איהר. הורדוס׳עס רעגירונג האט לפחות געהאט אנ׳אויסערליכען גלאנץ, וואס האט געקאנט פערבלענדען פרעמדע פעלקער, דען הורדוס האט זיך געפיהרט מיט גדלות, מעשה עכטער מלך, אין פיעל הינזיכטען, און זיין גאנצע אויפפיהרונג איז בכלל געוועזען אין א געהויבענער שטימונג. די אידישע גרעניצען האבען אין זיין רעגירונג נאך אויסגעצויגען זיך פיעל גרעסער, ווי אין דער בעסטער צייט פון די חשמונאים. די שטעדט אין לאנד יהודה האבען זיך דערהויבען צו א געוויסער פראכט, פערפוצענדיג זיך מיט אלץ, וואס איז נור רייך געוועזען די גריכישע בוי־קונסט און סקולפטור; דער איינציגער פעהלער דערין איז געוועזען, וואס זייער גאנצע בעפוצונג האט נישט געטראגען קיין נאציאנאלען כאראקטער, נאר זי האט געדיענט בעריהמט

צו מאַכען אָדער די רוימער, אָדער הורדוס'עס משפחה. די האַפענס בײ'ם ים, נעמליך, דער האַפען בײ קסרין (צעזאַרעאַ) איז געוועזען זעהר בעלעבט מיט שיפען און מיט'ן אויסלענדישען האַנדעל. אמת אפילו, די הכנסות פון'ם דאָזיגען מסחר האָבען נישט פערגרעסערט די עשירות פון דער אידישער נאַציאָן, ווײל הורדוס האָט זיי פערטהון אויף פרעמדע ענינים. דער בענײטער בית־המקדש האָט געשײנט פון דערווײטען אין זײן פעריונגטער שענהײט, און האָט געקאָנט מיט זײן אויסערליכער פראַכט דערמאַהנען אָן דער צײט פון שלמה המלך; אָבער די כהנים זענען געצוואונגען געוועזען צו ברענגען קרבנות פאַר פרעמדע הערשער, וועלכע זיי האָבען אין טיעפען האַרצען פערשאָלטען און געהאַסט. דאָס לאַנד יהודה האָט אפילו אויך געהאַט אין הורדוס'עס צײט אַ געוויסע זעלבסטשטענדיגקײט, ווײל די רוימישע קײזער זענען, לפחות, פון אויסענווענדיג, פאַר'ן נישט־טיעפען בעאָבאַכטער, נישט שטאַרק געווען קענטיג.

אָט דער גאַנצער אויסערליכער גלאַנץ, טאַקי דערפאַר, וואָס ער איז געוועזען נאָר אַן'אויסערליכער, איז צורונען געוואָרען באַלד נאָכ'ן טוידט פון'ם קעניג, וועלכער איז געוועזען גענוג פעהיג צו דערהאַלטען איהם. ווי נאָר דער טויט האָט אַרויסגעריסען בײ הורדוס'ען דעם סצעפּטער (מלוכה־רוט) פון די הענד, איז דאָס עפענטליכע לעבען צופאַלען געוואָרען, און דאָס האָט שוין פאָראויסגעזאָגט, אַז די טעג פון אונגליק זענען נאָהענט. דאָס אויסערליך־צוזאַמענגעהאַלטענע מלוכה־געבײדע איז באַלד אָבגעשוואַכט געוואָרען און אײנגעפאַלען, בעגראָבענדיג אונטער זײנע חורבות אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבען פון דער פרײהײט און דער נאַציאָנאַליטעט אין לאַנד יהודה.

פון זײנע צעהן פרויען האָט הורדוס איבערגעלאָזען נאָך זײן טוידט זעקס זיהן און פיעל טעכטער בײ'ם לעבען. אין זײן צוואה האָט ער זײנע זיהן טײלווײז אײנגעטײלט אַ גרויסע ירושה, טײלווײז גאָר נישט איבערגעלאָזען. ווי ווענין הורדוס האָט געזאָרגט פאַר דער גרויסקײט פון'ם לאַנד יהודה, און ווי שטאַרק ער האָט בײ אַלע אומשטענדען און אין אַלע אַנגעלעגענהײטען געטראַכט נאָר וועגען זײן אײגענעם נוצען, האָט מען אַמבעסטען געקאָנט אַרויסזעהען פון דער צוואה, וועלכע הורדוס האָט איבערגעלאָזען בײ פטאָלאָמעאוס'ען, דעם ברודער פון זײן פרײנד, דעם געשיכטע־שרײבער, ניקאָלאַיאָס פון דמשק. אַנשטאָט פעסט צו האַלטען דאָס לאַנד יהודה אין אײן גאַנצער מאַכט, האָט עם הורדוס צובּרעקעלט, כדי אײנצוטײלען עס צווישען דרײ זיהן; וועגען זײנע איבּריגע דרײ זיהן האָט ער גאָרנישט געטראַכט. זײן זוהן אַרכילאַוס פון דער שומרונישער פרוי מלתקא, האָט ער אָבגעזאָגט דאָס לאַנד יהודה און שומרון מיט'ן טיטול „מלך", זײן זוהן הורדוס אַנטיפאַס האָט ער אָבגעזאָגט דעם גליל און פערעאַ (אויף יענער זײט ירדן) און זײן

זוהן פיליפ פון דער ירושלים'ער פרוי, קלעאפאטרא, האט ער אבגעזאגט א טעריטאריע אויף יענער זייט ירדן, בעוואהנט מייסטענס פון ווילדע פעלקער, דעם בשן, ארגב, און די געגענד פאניאס, וואו דער ירדן נעהמט זיין אנפאנג פון די קוואלען וואסער. זיין שוועסטער שלומית האט הורדוס, פאר איהר געטריייהייט, אבגעזאגט די הכנסה פון די שטעדט יבנה, אשדוד און פאזאעליס (אין צפון פון ירחו). זיין צוואה האט הורדוס אבער אנגעשריבען נישט אלס זעלבסטשטענדיגער קעניג, וועלכער האט דאס פאלקאמע רעכט אבצוזאגען זיין ירושה, וועמען ער וויל; ער האט בלויז ארויסגעזאגט זיין פערלאנג און איבערגעלאזען די זאך דעם רוימישען קייזער אויגוסט, וועלכער האט זי געזאלט בעשטעטיגען, אדער גאר איבערמאכען די מאכט אין לאנד יהודה און מאכען עס פאר א רוימישע פראווינץ, לויט זיין גוטען, אדער שלעכטען, ווילען.

די ברידער, הורדוס'עס זיהן, ווי זיי זענען ערצויגען געווארען און אויסגעוואקסען אהן פאמיליען־ליעבע, האבען אויך איינער פאר דעם אנדערען נישט געשפירט קיין שום ליעבע און פריינדשאפט. יעדער האט נאר מקנא געווען דעם אנדערענס חלק. בעזונדערס שטארק האט מקנא געווען הורדוס אנטיפאס זיין ברודער ארכילאוס, וועלכער האט בעקומען אי א גרעסערע ירושה, אי דעם טיטול מלך, חאטש ער, אנטיפאס, איז אין א פריהערדיגער צוואה בעשטימט געווארען אלס מלך. הורדוס'עס שוועסטער, די אלמעכטיגע שלומית, האט אויך געהאסט ארכילאוס'ן און געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי ארויסצורייסען ביי איהם זיין ירושה. און צוליעב דעם, וואס הורדוס'עס צוואה האט ערשט געדארפט בעשטעטיגט ווערען דורך א העכערען פרעמדען ווילען, האבען די יורשים זיך בעמיהט צו געווינען פאר זיך די ליעבע פון פאלק, כדי צו האבען פאר זיך גוטע שתדלנים ביי אויגוסט'ן. שלומית מיט איהר מאן אלעקסאס זענען אין דער הינזיכט געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען אפילו נישט געלאזט אויספיהרען הורדוס'עס מערדערישען בעפעהל געגען די אידישע גרויסע לייט, וועלכע מען האט אין ירחו געהאלטען אונטער א שטארקער וואך אין היפאדראם, און האט זיי אלעמען ארויסגעלאזען פריי.

נאך ווייטער איז געגאנגען אין דער הינזיכט ארכילאוס, וועלכער האט אייגענטליך געדארפט זיין דער מלך איבער דאס אידישע פאלק און געוואלט דעריבער ערשיינען אלס אמת'ער פריינד פון פאלק: באלד ווי עס איז אריבער די צייט פון טרויער, איז ער געקומען אין חצר פון בית־המקדש, וואו מען האט אויפגעשטעלט א טריבונע, עהנליך צו א טהראן, און ארויפשטייגענדיג אויף איהר, האט ער ערקלערט, אז ער וועט דערווייטערען אלדאס שלעכטס, וואס דאס פאלק האט פון זיין פאטער געליטען, און איינארדנען די מלוכה, כדי אלעמען צו בעפריעדיגען. אבער דאס פערזאמעלטע פאלק, זעהענדיג די ווייכקייט פונ'ם

קעניג, האָט זיך נישט בעגנוגעט מיט בלויזע אַלגעמיינע הבטחות, נאָר עס האָט אַרויסגעשטעלט גענוי־פאָרמולירטע תביעות, וועלכע האָבען באַלד געדאַרפט ערפילט ווערען. פינף פונקטען האָט דאָס פאָלק בעזונדערס שאַרף אַרויסגעשטעלט און געפאָדערט דורכאויס, אַז זיי זאָלען ערפילט ווערען: 1) צו פערקלענערען די גרויסע יעהרליכע אָב־צאָהלונגען, 2) מבטל צו מאַכען דעם שווערען האַנדעלס־אָבצאָהל אויף די מערק פון אַלערליי סחורות, 3) צו בעפרייען די פיעל אַרעסטאַנטען, וועלכע זענען יאָהרען־לאַנג געווען איינגעשלאָסען אין די טורמעס, 4) צו שטעלען פאַר אַ געריכט די שופטים, וועלכע האָבען פער'משפט צו פערברענען די אידישע יונגע לייט, וואָס האָבען צוהאַקט דעם רוי־מישען אַדלער אין בית־המקדש, און 5) צו דערוויטערען פון דער כהונה־גדולה דעם כהן־גדול יועזר, וועלכען דאָס פאָלק האָט פיינד געהאַט, און בעשטימען אַנ'אַנדערען אַנשטאָט איהם. מיט די דאָזיגע פאָדערונגען אָבער האָט דאָס פאָלק פערלאַנגט נישט וועניגער, ווי איינפיהרען אַ נייעס פאָלקסטימליכעס רעגירונגס־סיסטעם און עפענטליך פעראורטיילען הורדוס'עס טיראַניי.

אויב אפילו אַרכילאַוס'ן איז נישט אַזוי שטאַרק טייער געווען דער גוטער נאָמען פון זיין פאָטער, האָט ער דאָך אָבער נישט געקאָנט ערפילען די אַלע דאָזיגע פאָדערונגען; נאָר כדי נישט אויפצורייצען דאָס פאָלק, האָט ער אַלץ מבטיח געווען צו ערפילען, נאָכדעם, ווי ער וועט בעקומען די בעשטעטיגונג פון זיין פאָטער'ס צואה. דאָס פאָלק האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָב'פטר'ן מיט פוסטע הבטחות. עס איז דאַ־מאָלס געווען פאַר פסח, ווען פון אַלע עקען פון לאַנד יהודה זענען זיך צונויפגעקומען אידען קיין ירושלים, צו מאַכען דעם קרבן־פסח. די פרושים האָבען מיט זייערע התלהבות'דיגע רייד אויפגעבלאָזען ביי אַלע צונויפגעקומענע די פאַטריאָטישע געפיהלען. זיי האָבען פאַר'ן פאָלק געשילדערט די גרויסע צרות און רדיפות, וואָס די פרומע אידען זענען אויסגעשטאַנען פון הורדוס'ן און בעזונדערס זיין רציחה געגען די צוויי קדושים, די יונגע לייט יהודה און מתתיהו, וועלכע האָבען זיך מוסר־נפש געווען, כדי אַרונטערצונעהמען דעם געצענדינערישען אַד־לער פון בית־המקדש און זענען דערפאַר אויף אַ גרויזאַמען אופן פער־ברענט געוואָרען. דאָס פאָלק איז דעריבער אַרויסגעטראָטען מיט גרויס ענערגיע און געפאָדערט, אַז אַרכילאַוס זאָל באַלד ערפילען די געשטעל־טע פאָדערונגען. אַרכילאַוס האָט זיך דערשראָקען פאַר'ן אויפשטאַנד, וועלכער האָט געקאָנט ווערען פאַר איהם געפעהרליך, און האָט געשיקט אַ מחנה סאָלדאַטען צו צוטרייבען דעם המון. אָבער דאָס פאָלק האָט בעגעגענט די סאָלדאַטען מיט שטיינער־וואַרפען, און זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען. דערוויל איז אָנגעקומען דער ערב פסח פאַרנאַכט. דאָס פאָלק האָט זיך עטוואָס בערוהיגט און איז צוגעטראָטען צו מאַכען דעם

קרבן פסח. דאן האט ארכילאוס צוזאמענגענומען אלע זיינע פוס־געהער־מיליטער און געשיקט צום הר הבית, און זיי זענען דארט פלוצלונג אנגעפאלען מיט בלאנקע שווערדען אויף די אידען, און ס'האט זיך אנגעהויבען א גרויזאמע מערדעריי. דאס רייטער־מיליטער איז דערווייל געשטאנען ארום דעם הר הבית, כדי אויסצוהרג'ענען אלע אידען, וואס האבען געוואלט ענטלויפען. דריי טויזענד אידען זענען אין יענעם טאג אויסגעהרג'עט געווארען אויפ'ן הר הבית און אין די ארומיגע גאסען, די איבריגע האבען בעוויזען צו ענטלויפען. דערנאך האט ארכילעאוס ארויסגעשיקט שלוחים אין שטאדט מודיע צו זיין, אז דער קעניג האט בעפויהלען אין דעם יאהר נישט צו מאכען קיין פסח־יום־טוב (74 פאר'ן חורבן) און קיינער זאל זיך נישט דערוועגען צו קומען צום בית־המקדש אונטער א טוידט־שטראף. אט דאס איז געווען די התחלה פון ארכילעאום'עס רעגירונג.

חאטש ארכילאוס'עס ברודער מיט זיין מוהמען שלומית זענען געווען נישט בעסער פאר איהם, האבען זיי דאך אויסגענוצט די געשעהעניש אלס א געוועהר געגען איהם און געוואלט אנקלאגען איהם ביי אויגוסט'ן אין גרויזאמקייט און רציחה, כדי אזוי ארום צו דערווייטערען איהם פון טהראן. די גאנצע שענדליכע משפחה, וואס הורדוס האט נאך זיך געלאזען, איז אבגעגאנגען קיין רוים, כדי דארט אנידערצולעגען דאס לאנד יהודה אויגוסט'ן פאר די פיס און אויסצובעטען ביי איהם חסדים פאר זיך, אום ער זאל בעשטעטיגען, אדער ענדערען הורדוס'עס צוואה. אבער וועהרענד זיי זענען אין רוים געוועזען, זענען אין לאנד יהודה פארגעקומען געשעהענישען, וועלכע האבען שיער נישט געבראכט דערצו, אז די ירושה, וועגען וועלכער זיי האבען זיך משתדל געוועזען, זאל גאר אריינפאלען אין פרעמדע הענד. אין פיעל טיילען פון לאנד יהודה האבען זיך דערהויבען מענשען, וועלכע האבען צו דער מאכט געשטרעבט: טייל פון זיי האבען זיך ערקלערט פאר מלכים, טייל — פאר אנפיהרער פון פאלק, וואס האבען געקעמפפט פאר, אדער געגען דער אידישער פרייהייט. דאס לאנד יהודה איז גלייך געווארען צו א גרויסען מלחמה־פלאץ, אויף וועלכען עס טרעטען־ארויס איינע געגען די אנדערע פערביטערטע געגנער, דם־שונאים. דאס בלוט פון די געפאלענע און דער'הרג'עטע קעמפפער, דאס געשריי פון די אונבעוואפענטע ערמארדעטע, די פלאמען פון די אונטערגעצונדענע שטעדט האבען ערפילט דאס הארץ מיט גרויזאמער אימה, און עס האט אויסגעוויזען, אז דאס לאנד יהודה האלט גאר ביי'ם אונטערגאנג. די טראגישע געשעהענישען פון ערשטען יאהר נאך הורדוס'עס טויט ווערען בעצייכענט אין דער געשיכטע מיט'ן נאמען „די קריעגס־עפאכע פון וואַרוס", וועלכער איז אין יענער צייט געווען שטאטהאלטער אין סיריען און איז בעוואוסט געווארען שפעטער דורך דער גרויסער מפלה, וואס ער האט געהאט פון די

נערמאַנען. די יסורים, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט, צוליעב דעם אַריינמישען זיך פון דעם רוימישען לעגאַט קווינטיליוס וואַרוס אין די אידישע ענינים, זענען לאַין ערך געווען פיעל העכער, ווי מען האָט עס געקאָנט ערוואַרטען אין אָנפאַנג, בשעת דעם נישט וויכטיגען אויפשטאַנד. נאָכדעם, ווי הורדוס'עס משפחה איז אַבגעפאָהרען קיין רוים, איז וואַרוס, לויט'ן פערלאַנג פון אַרכילאַוס, געבליעבען אין ירושלים, כדי צו דערשטיקען דעם מעגליכען אויפשטאַנד באַלד, ווי ער וועט אויסברעכען. די דאָזיגע אויפגאַבע איז אין זיינע אויגען געווען אַ גאַנץ לייכטע, ווייל די פיינד פון הורדוס'עס משפחה, די אידישע פאַטריאָטען, האָבען נישט געהאַט קיין פעסט בעשטימטען פלאַן, נישט קיין אָנפיהרער, און זענען אויך נישט געווען בעוואָפענט, נאָר זייער שנאה האָט זיי געבלענדעט און פערפיהרט, צו מאַכען דעמאָנסטראַציעס אויף אַ גאַנץ אונבעדאַכטען אופן. וואַרוס האָט דעריבער גערעכענט, אַז עס איז פאַר איהם גאָר נישט נויטיג צו בלייבען אין ירושלים, און ער איז אַבגעגאַנגען צוריק אויף זיין שטעלע אין אַנטיאָכיען, דערביי האָט ער אָבער איבערגעלאָזען אין ירושלים אַ גענוג שטאַרקע אַבטיילונג מיליטער, כדי צו קאָנען דערשטיקען יעדע פראָבע צו מאַכען אַן'אויפשטאַנד. ווי נאָר דער שטאַטהאַלטער איז אַבגעפאָהרען פון ירושלים, איז געקומען אַ נייער רוימישער בעדריקער, דער אויפגענומענער איבער די רוימישע אוצרות, אויגוסט'ס שאַצמייסטער, סאַבינוס, וועלכען אויגוסט האָט געשיקט, כדי צו פערנעהמען דעם אוצר, וואָס איז געבליעבען נאָך הורדוס'ן און, ווי עס שיינט, אויך דעם אוצר פון בית־המקדש, אַ שטייגער, ווי אויגוסט וואָלט געווען דער געזעצליכער יורש פון הורדוס'ן. עס איז קיין ספק נישט, אַז סאַבינוס האָט געוואָלט פערכאַפּען די אוצרות וואָס פריהער און פערנעהמען אַ טייל אויך פאַר זיך. וואַרוס'ן האָט ער מבטיח געווען, צו בלייבען אַבוואַרטען אין קיסרין (צעזאַרעאַ), ביז אויגוסט וועט אַרויסגעבען זיין בעשלוס וועגען הורדוס'עס צואה; אָבער ווי נאָר וואַרוס איז אַבגעגאַנגען קיין אַנטיאָכיען, האָט סאַבינוס זיך געאיילט אַריינצוקומען אין ירושלים, כדי צו פערכאַפּען די אוצרות. דאָ אָבער האָט ער איינגעזעהען, אַז דאָס וועט איהם לייכט נישט געלינגען, דען די שומרונים, וואָס אַרכילאַוס האָט אויסגעשטעלט אַרום די אוצרות פון זיין פאָטער און פון בית־המקדש, האָבען איהם נישט דערלאָזען אָנריהרען זיי. דאַן איז סאַבינוס געפאַלען אויף אַ טייוולאָנישען פלאַן: ער האָט אָנגעהויבען אויפצורייצען דעם אידישען המון, צו מאַכען אַן'אויפשטאַנד, כדי ער זאָל האָבען אַ תירוץ אַרויסצוטרעטען מיט דער הילף פון רוימישען מיליטער און דערגרייכען זיין פערלאַנג צו פערכאַפּען די אוצרות בשעת דער מהומה.

דערווייל איז אונטערגעקומען דער יום־טוב שבועות, און זעהר פיעל אידען, עולי־רגל, האָבען אָנגעהויבען צו קומען קיין ירושלים; דאָס

רוב פון זיי האט געהאט בדעה אנצוהויבען א קאמפף געגען די רוימער און געגען די, וואס זענען נוטה נאך הורדוס'עס משפחה. דעמדאזיגען קאמפף האט מען טאקי אויך נישט אויסגעמידען. די מאסען האבען באלד געפינען געשיקטע אנפיהרער און, פערנעהמענדיג דעם הר הבית מיט'ן היפאדראם, האבען זיי אויך אנגעהויבען אנפאלען אויף די רוימער, וועלכע האבען בעזעצט הורדוס'עס פאלאץ און זיך געהאלטען אין דעם אויבערשטען טייל פון ירושלים. סאבינוס האט זיך שוין געהאלטען פאר פערלוירען. ער האט זיך אריינגעצויגען אין א פעסטען טהורם און פון דארט האט ער דערוועקט די רוימישע סאלדאטען איינצונעהמען דעם בית־המקדש און אויך געשיקט שלוחים צו ווארוס'ן קיין אנטיאכיען מיט א ביטע, איהם צו שיקען נאך מיליטער צו הילף. די אידישע אנפאלער וואלטען מיט זייער פייל־שיסעריי און שטיינער־ווארפען פון הר הבית מנצח געווען די רוימער, אבער די פיינד האבען פלוצלונג ארויפגעווארפען ברען־מאטעריאל אויפ'ן דאך פון די געביידעס ארום בית־המקדש, וועלכע האבען זיך באלד דערפון אנגעצונדען. דאס פייער האט זיך אזוי געשווינד פערשפרייט, אז די אידען האבען נישט געהאט קיין צייט זיך צו ראטעווען און זענען טיילווייז אומגעקומען אין פייער, טיילווייז אויסגע'הרג'עט געווארען דורך די רוימער און טיילווייז בעגאנגען א זעלבסטמארד פון גרויסער פערצווייפלונג. ווי נאר די פערטיידיגער האבען דעם בית־המקדש פערלאזען, האבען די רוימער זיך אריינגעריסען אין חצר, דען זיי האבען געוואלט וואס געשווינדער פערכאפען די אוצרות פון בית־המקדש. ווי מען זאגט, האט סאבינוס פאר זיך אליין צוגענומען פיער הונדערט טאלענטען. וועגען די גרויסע שאדענס, וואס די רוימער האבען דאמאלס געמאכט אין בית־המקדש, געפינט מען ביי די פארצייטיגע היסטאריקער נאר קנאפע אנווייזונגען. — די בערויבונג פון אוצר פון בית־המקדש און די שענדונג פון דעם נייעם בנין, וועלכער איז סך הכל צעהן יאהר אלט געווען, האט זעהר אויפגערעגט דאס אידישע פאלק און ערפילט איהם מיט צארן און גבורה, צו מאכען א נייעם אנפאל אויף סאבינוס'ן. אפילו די מייסטע סאלדאטען פון הורדוס'עס מחנה האבען זיך אויך פעראייניגט מיט די אידישע אנפאלער, כדי צו קעמפפען געגען די רוימער. נאר גראטוס, דער אנפיהרער פון הורדוס'עס פוסגעהער־מיליטער, און רופוס, דער הויפטמאן פון די רייטער, וועלכע האבען געהאט צוזאמען דריי טויזענד סאלדאטען, זענען געבליעבען געטריי די רוימער. די אויפגעשטאנענע אידען האבען בעלאגערט הורדוס'עס פאלאץ און געמאכט אונטערגראבונגען אונטער די טהורעמס, כדי איינצווארפען זיי, סטראשענדיג די רוימער, אויב זיי וועלען זיך נישט ארויסציהען באלד פון שטאדט, אויסצו'הרג'ענען זיי אלעמען. סאבינוס האט זיך דערווייל אויפגעהאלטען אין די בעפעסטיגטע טהורעמס פון דעם פאלאץ, שוועבענדיג צווישען דער מורא פאר דער אידישער נקמה, און

דער האָפנונג, אז ער וועט אינגיכען דערהאַלטען הילף פון וואַרוס'ן.
די דאָזיגע געשעהעגישען האָבען אַרויסגערופען אין גאַנצען לאַנד מהומות און א שרעקליכע אַנאַרכיע. ווען עס וואָלטען ביי אידען דאַמאָלס געווען פערשטענדיגע אַנפיהרער, וועלכע וואָלטען געהעריג אויסגענוצט די אויפגעוועקטע פאָלקס־ענערגיע צו איין אלגעמיינעם נאַציאָנאַלען ציעל, וואָלטען זיי געוויס דערגרייכט, אז דער קאַמפּף וועגען הורדוס'עס קרוין זאָל זיך ענדיגען גאַר אויף אַנ'אַנדער אופן, ווי הורדוס'עס יורשים האָבען געוואָרט. אָבער די אויפרעגונג און ערביטערונג, וואָס האָט געהערשט אין גאַנצען לאַנד, האָט זיך נישט קאָנצענטרירט אין א בעשטימטען אָרט און פאַר א בעשטימטען ציעל, און פערשידענע אַוואַנטוריסטען האָבען אויסגענוצט די שרעקליכע לאַגע, נאָר כדי צו דערשלאָגען זיך צו דער מאַכט, און יעדער פון זיי האָט גאָר געטראַכט צו פערכאַפּען די מלוכה־מאַכט אין זיין האַנד. די דאָזיגע אַוואַנטוריסטען האָבען געבראַכט מעהר שאָדען דער אידישער נאַציאָן, איידער די אידישע פיינד, געגען וועלכע זיי האָבען געוואָלט קעמפפען. אַזעלכע אַוואַנטוריסטען האָבען זיך געפונען דאַמאָלס אין אַלע עקען פון לאַנד. צוויי טויזענד סאָלדאַטען, וועלכע הורדוס האָט בעפרייט פון דיענסט א קורצע צייט פאַר זיין טויט, ווי עס שיינט, אדומים, האָבען אונטערגענומען א קאַמפּף געגען דער אידישער בעפעלקערונג אין דרום־קאַנט פון ארץ־ישראל. א געוויסער שמעון, הורדוס'עס א קנעכט, אויסצייכנענדיג זיך דורך זיין הויכען געשטאַלט און שענהייט, האָט פערזאַמעלט אַרום זיך א מחנה אונצופריעדענע, וועלכע האָבען איהם אַנערקענט פאַר א קעניג, און מיט זייער הילף האָט ער פערברענט דעם קעניגליכען פּאַלאַץ אין יריחו, ווי אויך איינינגע קליינע פעסטונגען. איינער אַנ'אונבעוואוסטער מענש פון פּערעאַ (אויף יענער זייט ירדן) האָט צוזאַמענגעזאַמעלט עטליכע מחנות און פערברענט הורדוס'עס פּאַלאַץ אין בית־רמה (L i v i a s) נישט ווייט פון ירדן. א דריטער אַוואַנטוריסט, א פּאַסטוך מיט'ן נאָמען אַתראָנגעס (A t h r o n g e s), א מענש, וואָס איז געווען הויך און שטאַרק, ווי א ריעז, האָט מיט דער הילף פון זיינע פיער ברידער, וועלכע זענען געווען גאַנץ ערליך צו איהם, פערזאַמעלט אַרום זיך א מחנה און זיך גערופען קרוינען פאַר א קעניג. דערנאָך איז ער אָנגעפאַלען אויף די רוימער און אָבגעשניטען זיי פון אַלע וועגען, אַזוי, אז זיי האָבען נישט געקאָנט בעקומען נישט קיין פּראָוויאַנט, נישט קיין געוועהר. ער איז געווען א גרויסער גבור, און די רוימער האָבען איהם זעהר לאַנג נישט געקאָנט מנצח זיין. ער האָט זיך געהאַלטען לענגער פאַר אַלע אַנדערע אַנפיהרער פון די אויפגעשטאַנענע מחנות, און האָט געוואָרפען אַנ'אימה אי אויף די רוימער, אי אויף דער אידישער בעפעלקערונג. נאָר איין איינציגער פון אַלע אַנפיהרער און אויפגעשטאַנענע האָט געהאַט זיך געשטעלט א פעסטען ציעל, און

ער וואלט געווים אויך געקאנט ברענגען די גרעסטע שאדענס אי די
רוימער, אי הורדוס'עם אנהענגער, ווען ער וואלט נאר געפונען גוטע
מיטהעלפער און אחדות ביי אידען. דאס איז געווען יהודה הגלילי, גע־
בירטיג פון גמלא אין גולן, א זוהן פון יענעם חזקיהו, וואס הורדוס
נאך אידער ער איז געווארען קעניג, האט פערהאפט מיט זיין מחנה און
אויסגעמארדעט. יהודה הגלילי האט מיט דער מילך פון זיין מוטער איינ־
געזאפט אין זיך די שנאה צו רוים און צו הורדוס'עם הויז, ווי אויך די
גרויסע ליעבע פאר'ן אידישען פאלק. נאך הורדוס'עם טויט האט ער
איינגעארדענט א פארטיי קעמפפער, וועלכע האבען מיט זייערע אנפא־
לען אויף די רוימער פערשאפט זיי פיעל מעהר שוועריגקייט, ווי די גאל־
יער און גערמאנען. שפעטער זענען צו דער דאזיגער פארטיי צוגעשטא־
נען אלע אידען, כמעט די גאנצע אידישע נאציאן — דאס איז געווען די
פארטיי פון די קנאים (אייפערער, Zeloten). מיט זיין שרעקליכער
שנאה צו רוים און פייערדיגען אייפער פאר'ן אידישען פאלק האט ער
אנגעצונדען די געמיטער און געפונען בעזונדערס פיעל אנהענגער צווי־
שען די אידען אין גליל, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער
קראפט און העלדישען גייסט. מיט דער דאזיגער מחנה איז ער אנגע־
פאלען אויף די קעניגליכע געוועהר־מאגאזינען אין צפורי, וועלכע איז
געווען די הויפטשטאדט פון גליל, און, ארויסנעהמענדיג פון דארט גאר
דאס געוועהר, האט ער בעוואפענט זיינע מחנות. אויך פיעל געלד האט
ער דארט געפונען און געדונגען זיך מיליטער, כדי, צו פיהרען א רעגו־
לערען קאמפף געגען רוים. יהודה הגלילי האט דורך זיינע אנפאלען גע־
ווארפען א שרעק נישט בלויז אויף די רוימער, נאר אויך אויף זייערע
אידישע אנהענגער.

אויב סאבינוס האט דרינגענד געפאדערט פון ווארוס'ן, אז ער זאל
איהם שיקען מיליטער צו הילף קיין ירושלים, האבען די אויפשטאנדען
אין גאנצען לאנד יהודה, און דער נאהענטקייט פון סיריען, נאך מעהר
בעוואויגען ווארוס'ן צו איילען מיט זיין מיליטער אין לאנד יהודה, כדי
צו העלפען דארט די רוימישע מחנות, וועלכע זענען געווען צווארפען
אין פיעל ערטער אין יהודה און זענען איצט געשטאנען אין גרויס גע־
פאהר. ווי שטארק ווארוס איז דערשראקען געווארען פון די אויפשטא־
דען אין יהודה, קאן מען זעהען דערפון, וואס ער האט נישט בלויז מא־
ביליזירט זיינע צוואנציג טויזענד רוימישע סאלדאטען, נאר אויך גערו־
פען מיט זיך צו הילף די קלענערע מלכים, וואס האבען געקעניגט אין
די לענדער ארום יהודה. דער אראבישער קעניג פון נביות, ארעטאס,
וועלכער איז צופריעדען געווען מיט דער געלעגענהייט צו נעהמען נקמה
פון די אידען, וואס האבען איהם מנצח געווען אין הורדוס'עם רעגירונג,
האט זיך איצט אליין אויסגערופען צו גיהן העלפען די רוימער און דעם
שטאטהאלטער ווארוס. און, שטעהענדיג פאר די מחנות פון ווארוס'ן,

איז ער אנגעפאלען אויף די אידישע שטעדט און דערפער, וועלכע ער האט פערוויסטעט אין פייער און שווערד. ווארום האט געשיקט א'אבטיילינג פון זיין מיליטער אין גליל, כדי צו קעמפפען דארט געגען יהודה הגלילי. די מלחמה ביי צפורי איז, ווי עס שיינט, געווען זעהר א שווערע, דען נאכדעם, ווי ווארום האט די שטאדט איינגענומען, האט ער זי געלאזט אונטערצינדען און די גאנצע בעפעלקערונג האט ער פערקויפט פאר קנעכט. יהודה הגלילי איז אבער געלונגען צו ענטלויפען פון שטאדט. אויף אזא ארט האט ווארום זיך בעגאנגען אויך מיט דער שטאדט עמאוס אין מערב-קאנט, וואו עס איז געשטאנען אתראנגעס מיט זיין מחנה, נאר דארט האט די בעפעלקערונג בעוויזען צו ענטלויפען. קומענדיג קיין ירושלים, האט ווארום שוין געפונען א לייכטע ארבייט, ווייל די אידען, וואס האבען בעלאגערט אויף סאבינוס, האבען באלד ביי ווארום'עס אנקומען, אראבגענומען די בעלאגערונג און אבגעזאגט זיך פון קאמפף. ווארום האט פונדעסטוועגען אויפגעזוכט די שולדיגע און צוויי טויזענד געפאנגענע אידען האט ער צום קרייץ צוגעשלאגען.*) אט דאס איז געווען דער סוף פון דעם אויפשטאנד, וועלכער האט זיך אנגעהויבען נאר דורכ'ן גערעכטען אידישען פאלקס-כעס, וועלכען מען האט אבער נישט אויסגענוצט נישט מיט קלוגשאפט, נישט מיט א רוהיגען ישוב-הדעת. דער דאזיגער אויפשטאנד איז געווארען, לויט זיינע רעזולטאטען, זעהר טרויעריג פאר'ן לאנד יהודה, דען דאס אידישע פאלק איז דורך איהם ארונטערגעפאלען נאך אונטער א שענדליכערע אבהענגיגקייט פון רוים, און א לעגיאן רוימישע מיליטער איז געבליבען אין ירושלים צו האלטען דארט די וואך. מיט דער אידישער פאליטישער פרייהייט האט עס גענומען א סוף. — און אין דער צייט וואס די דאזיגע שרעקליכע געשעהענישען זענען פארגעקומען אין לאנד יהודה, זענען הורדוס'עס יורשים געלעגען אין רוים פאר אויגוסט'ס טהראן און געבעטעלט ביי איהם חסדים און יעדער פון זיי האט פאר זיך פערלאנגט א וואס-גרעסערען תלק פון אידישען טהראן, דערביי האבען זיי זיך בעמיהט איינער דעם אנדערען צו פערשווארצען און ארויסגעוויזען אלץ מעהר שפלות און קריכעריי, ווי זיי וואלטען, א שטייגער, געוואלט דערוויזען, אז קיינער פון זיי איז אין דער ווירקליכקייט נישט ווערט צו זיין א הערשער איבער א פאלק. איידער נאך אויגוסט האט זיין בעשלוס ארויסגעזאגט וועגען הורדוס'עס צואה, איז געקומען קיין רוים א אידישע דעלעגאציע פון פופציג פערזאן, וועלכע ווארום האט אליין דערוועקט צו מאכען די דאזיגע רייזע. די דעלעגאציע האט

*) די דאזיגע גרויזאמע בעשטראפונג איז געווען א'אייגענע ערפינדונג פון די רוימער, און די אידען האבען זי קיינמאל נישט אנגעווענדעט. מיט'ן דאזיגען טויט האט דער רוימער פאנטיוס פילאטוס בעשטראפט אויך קריסטוס'ן.

ערקלערט דעם קייזער, אז דאס אידישע פאלק האט שרעקליך פיינד די גאנצע משפחה פון הורדוס'ן, און דעריבער זאל מען בעסער פעראייניגען דאס לאנד יהודה מיט סיריען, אלס רוימישע פראווינץ, און שטעלען זי אונטער דער פערוואלטונג פון דארטיגען רוימישען שטאטהאלטער. נאר אין אלע אינערליכע ענינים זאל די אידישע נאציאן האבען די פרייהייט צו זארגען פאר זיך אליין. פאר דער דאזיגער דעלעגאציע האבען אויך זיך משתדל געווען די אכט טויזענד אידען, וועלכע האבען געוואהנט אין רוים, און דעריבער האט דער קייזער זיי געמוזט אויסהערען. די אידישע שלוחים האבען אויסגעגאסען זייער גאנץ ביטערע הארץ פאר'ן קייזער, ערקלערענדיג, אז הורדוס האט אויסגעהרג'עט די שענסטע לייט פון אידישען פאלק און אויסגעזויגען ביי איהם די מארך פון די ביינער, כדי מיט'ן אידישען פערמעגען צו בעפוצען פרעמדע שטעדט און בעשענקען זיי, וועהרענד אין לאנד יהודה האט געהערשט א מורא'דיגע ארימקייט. אויגוסט האט די אלע דאזיגע טענות אויסגעהערט, אבער זיי האבען איהם ווייניג וואס געקימערט, און ער האט בעשטעטיגט הורדוס'עס צוואה, נאכדעם, ווי ער האט זיינע יורשים אויסגעהערט. אבער דעם טיטול קעניג האט ער ארכילאוס'ן נישט געגעבען, נאר ער האט איהם בעשטימט פאר אנ'עתנארך; דערביי האט ער איהם אבער מבטיח געווען, אז אויב ער וועט עס ווערט זיין, וועט ער איהם שפעטער אומקעהרען אויך דעם קעניגליכען טיטול. אויגוסט האט אנ־ווערש נישט געקאנט זיך בעגעהן מיט דער צוואה פון א מענשען, וועלכער איז געווען זיין פריינד און דערצו נאך אנ'ערגעבענער קנעכט פון רוים. רוים האט אבער דערביי גארנישט פערלארען, ווייל די אבצאהלונגען האט זי סיי־ווי־סיי איינגעמאהנט, צי דאס לאנד יהודה איז געווען אנ'עתנארכיע, אדער א רוימישע פראווינץ.

ארכילאוס'עס רעגירונג איז געווען גאר אהן בעדייטונג און האט געדויערט סך־הכל ניין יאהר לערך (פון פיער יאהר פאר בי'ז זעקסטען יאהר נאך דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג). פון הורדוס'עס כאראקטער האבען זיינע קינדער און אייניקלעך גע'ירש'ענט בלויז זיין תאוה צו שענע געביידעס און זיין קריכעריי און שפלות ביי'ם רוימישען קייזער און פאר די רוימישע שרים. אין אלע אנדערע הינזיכטען זענען זיי געווען שוואכע מענשען און אפילו אין זייער טיראניי זענען זיי געווען קליין און נישטיג. אין דער ערשטער צייט האט ארכילאוס געוואלט בערוהיגען דאס אידישע פאלק און פערגיטיגען איהם פאר דער גרויסער בלוט־פערגיסונג, וואס איז פארגעקומען אויפ'ן הר־הבית, צוליעב איהם. ווייל דאס פאלק האט נישט ליעב געהאט דעם כהן־גדול יועזר פון ביתוס־הויז, האט ער דעם דאזיגען כהן־גדול דערוויטערט און בעשטימט פאר א כהן־גדול זיין ברודער אלעזר; אבער אויך דער כהן־גדול האט זיך לאנג נישט געהאלטען און אנשטאט איהם האט ער בעשטימט פאר

א כהן־גדול איינעם יהושע פון דער משפחה שת. דער דאָזיגער כהן גדול האָט זיך אָבער אויך לאַנג נישט געהאַלטען, און ווידער איז בעשטימט געוואָרען דער פריהערדיגער יועזר פאַר א כהן־גדול. אויף אַזאַ אופן האָבען אין דער קורצער צייט פון זיין יאָהר געדיענט דריי כהנים־גדולים. אַרכילאוס האָט אויך שטאַרק דערצירנט די פרומע אידען דער־מיט, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוועגערין גלאַפירא, די אַלמנה פון זיין ברודער אַלעקסאַנדער, וועלכען הורדוס האָט געלאָזט דער׳הרג׳ענען. אַזאַ חתונה איז אָבער פערבאָטען לויט׳ן אידישען געזעץ. ווייטער איז פון אַרכילאוס׳עס לעבען נישט בעוואוסט. די אידען און די שומרונים האָבען איהם אָנגעקלאָגט פאַר אויגוסט׳ן אין אכזריות און טיראַניי, און אויגוסט האָט איהם געפאָדערט פאַר זיך צום געריכט און פער׳משפט אַראָבצוואַרפען איהם פון טהראָן און פערשיקען קיין גאַליען צווישען דעם פאָלק אַלאָבאָראָגער (Alloboroger) אין דער שטאָדט וויענא (6 יאָהר נאָך דער אַלג. צייט־רעכ.) דאָס לאַנד יהודה און שומרון זענען געוואָרען פּראָווינצען פון דער רוימישער מלוכה. די פירשטענטומער פון הורדוס אַנטיפּאַס און פון פיליפּ, הורדוס׳עס זיהן, זענען נאָך געבליבען אין זייער פריהערדיגען פּאָליטישען צושטאַנד. נאָר די שטעדט, וועלכע האָבען געהערט צו שלומית, הורדוס׳עס שוועסטער, בעזונדערס יאַמניא (יבנה), זענען געוואָרען א פּריוואַט־אייגענטום פונ׳ם קייזער אויגוסט, וויל שלומית האָט זיי פאַר איהר טויט אוועקגעשענקט דער קייזערין ליוויא, אויגוסט׳ס ווייב.

נאָכדעם אַלזאָ, ווי דאָס לאַנד יהודה האָט אין א משך פון הונדערט און פופציג יאָהר געהאַט אייגענע מלכים און געווען ווירקליך, אָדער, לפחות, לפנים, אונאָבהענגיג, איז עס געוואָרען איצט א רוימישע פּראָ־ווינץ אונטער דער הערשאַפט פון דעם רוימישען שטאַטהאַלטער, און אַזוי איז עס געבליבען כמעט די גאַנצע צייט (אויסער עטליכע יאָהר) ביז׳ן לעצטען אויפשטאַנד, וועלכער האָט מיטגעבראַכט דעם פאָלקאָמען חורבן. דער קייזערליכער פערטרעטער אין לאַנד יהודה האָט געהאַט דעם טיטול פּראָקוראַטאָר און האָט געוואָהנט אין דער האַפען־שטאָדט קיסרין (צעזאַרעאַ), וועלכע איז פון דער צייט אָן געוואָרען די פיינד־ליכסטע קאָנקורענטין פון ירושלים. דער רוימישער פּראָקוראַטאָר האָט געדאַרפט זאָרגען, אַז אין לאַנד זאָל הערשען רוהיגקייט און אָרדנונג, און מען זאָל אָבגעבען אין דער צייט אַלע אָבצאָהלונגען. איהם האָט אויך געהערט צו בעשטימען א טויט־שטראָף און צו קאָנטראָלירען דעם הויכען אידישען געריכט. דאַדורך איז דער אויטאָריטעט פונ׳ם סנהדרין און זיין פּאָליטישע בעדייטונג, וועלכע איז שוין זעהר שטאַרק געווען געפאַלען אונטער דער רעגירונג פון מלך הורדוס, איצט געוואָרען כמעט גאָר צו נישט. — ווי אין דער בעציהונג צום סנהדרין, אַזוי האָבען אויך די רוימער געהאַט די חוצפה צו מישען זיך אין דער כהונה גדולה.

דער פראקוראטאר האט אנגעהויבען בעשטימען פאר א כהן־גדול א מענשען, וואס איז איהם געווען געפעלען, אדער אראבווארפען דעם, וואס איז איהם נישט געווען געפעלען, לויט ווי עס האט געלוינט פאר די רוימישע אינטערעסען; אפילו די היילינע קליידער פון כהן־גדול האבען די רוימישע בעאמטע פערנומען און געהאלטען פערשלאסען, כדי ארויסצוגעבען זיי בלויז אין די דריי הויפט־ימים־טובים און אויף יום־כפור. די היילינע קליידער זענען געלעגען אין דער פעסטונג אנטאניא און א בעאמטער פון בית־המקדש פלעגט קומען ערב־יום־טוב צום רוימישען בעאמטען און ארויסנעהמען זיי פון אונטער'ן שלאס אין זיין בעגענווארט. באלד נאך יום־טוב האט דערזעלביגער בעאמטער געמוזט זיי אליין אבברענגען און פערשליסען אין דער געגענווארט פונ'ם רוימישען אויפזעהער. דער ערשטער פראקוראטאר, וועלכען אויגוסט האט בעשטימט, איז געווען דער ריטער־הויפטמאן קאפאניוס. צוזאמען מיט איהם איז אויך געקומען דער סירישער שטאטהאלטער קווירינויס, וועלכער האט געדארפט קאנפיסקירען ארכילאוס'עס פערמעגען און איינפיהרען דעם רוימישען „צענז", דאס הייסט: דורכפיהרען די פאלקס־צעהלונג און אבשאצען דעם ווערט פון די גיטער, כדי צו וויסען, ווי אזוי צו בעשטימען די אבצאהלונגען. אויף יעדען מענשען, אפילו אויך אויף פרויען און שקלאפען, איז ארויפגעלעגט געווארען אנ'אב־צאהל, פון וועלכען עס זענען פריי געווען נאר מיידלעך, יונגער פאר צוועלף יאהר, און בחורים, יונגער פאר פיערצעהן, ווי אויך גרייז־גרויע זקנים. אויסער דעם האט מען איינגעפיהרט נאך אויך אבצאהלונגען פון דער הכנסה און — פון די, וואס האבען געהאדעוועט בהמות, — אויך א טייל פון די סטאדעס. די ערד־אבצאהלונגען האבען געדארפט גענומען ווערען פונ'ם תבואה־שניט. די דאזיגע נייע ארדנונג האט ארויסגערופען א געוואלדיגע אויפרעגונג צווישען אידען, ווייל מען האט ערשט ארויס־געזעהען, אז רוים האט פערחאפט נישט בלויז די אידישע מלוכה־ענינים, נאר זי האט אויך אנגעהויבען אריינמישען זיך אין די פריוואטע אינטערעסען, א שטייגער, ווי מענשען, לאנד און פריוואט־פערמעגען וואלטען געהערען דער רוימישער מלוכה, וועלכע קאן מיט אלעם דעם מאכען אלץ, וואס זי פערלאנגט. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, וואס אידען האבען בעטראכט דעם רוימישען „צענז", ווי א סימן פון שקלאפעריי, ווייל זיי זענען מיט די רוימישע געזעצען נישט געווען בעקאנט, און זיי האט עס אויסגעוויזען, אז עס הויבען זיך אן די צייטען פונ'ם אמאליגען גלות בבל. די דאזיגע עטוואס איבערגעטריבענע, אבער דאך בעגרינדעטע מורא פאר'ן צענז האט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג אין גאנצען לאנד און עס האבען זיך געלאזט הערען רעדעס וועגען אנדערע ענינים, ווי ביז איצט, און נייע געפיהלען מיט נייע ווערטער זענען איצט ארויפגעשוואומען אויף דער טאגעס־ארדנונג. מען האט שוין

איצט נישט דעבאַטירט וועגען דעם, אויב די תורה שבעל פה איז ריכ־
טיג צי נישט, אויב דער אָדער יענער דין איז באמת געגעבען געוואָרען
משה'ן אויפ'ן בארג סיני; די ברענענדיגע פראַגע איז פאַר אַלע אידען
געוואָרען נאָר איינע: צי דאַרף מען זיך לאָזען פערקנעכטען דורך די רוי־
מער, אָדער אַרויסטרעטען געגען זיי. דער ענטפער אויף דער דאָזיגער
פראַגע האָט אַרויסגערופען אַ שפּאַלטונג אפילו אויך צווישען די פרושים,
וועלכע זענען זיך צופאַלען אויף צוויי פאַרטייען. די נייע פאַרטייען, וועל־
כע זענען ענטשטאַנען צוליעב דעם צענז, זענען אַרויסגעקומען פון דעם
סנהדרין און פון די בתי המדרש, און אויף די פאָהנען פון די פאַרטייען
זענען אויפגעשריבען געווען די נעמען הלל, שמאי און יהודה הגלילי.

עס איז כמעט גאַנץ זיכער, אַז הלל און שמאי האָבען גאָר נישט
דערלעבט ביז דער שענדליכער לאַגע פון לאַנד יהודה, ווען עס איז גע־
וואָרען אַנ'איינפאַכע פראָווינץ פון רוים. הלל'ס טויט האָט דערוועקט
גרויס טרויער ביי אידען און אינ'ם הספד נאָך איהם האָט מען גערופען:
„אוי, דער חסיד, אוי, דער עניו, אוי, דער גרויסער תלמיד פון עזרא!“
דאָס פאָלק איז איהם געווען אַזוי ערגעבען, אַז מען האָט אויך זיין זוהן,
שמעון, בעשטימט פאַר אַ נשיא פון סנהדרין נאָך זיין טויט און שפּעטער
איז די נשיאות איבערגעגאַנגען צו זיינע קינדער פון דור צו דור אין אַ
משך פון פיער הונדערט יאָהר! פון זיין זוהן, שמעון, ווייסען מיר מעהר,
ווי זיין נאָמען, כמעט גאָרנישט; מען האָט איהם גערופען שמעון דער
ערשטער. אָבער גרויס איז געוואָרען די שולע, וועלכע הלל האָט געגריני־
דעט, דאָס בעריהמטע — בית הלל, וועלכע האָט נאָך הלל'ס טויט
וויטער געלעבט און געווירקט אינ'ם זין פונ'ם גרויסען גרינדער. די אָנ־
העננער פון „בית הלל“ האָבען אין לעבען אַרויסגעוויזען די זעלביגע
ליעבע צום שלום, די זעלביגע מילדקייט און נאָכגיביגקייט, ווי עס האָט
געהאַט זייער גרויסער לעהרער, דער תנא הלל, און דעם דאָזיגען כאַראַק־
טער האָבען זיי אַרויסגעוויזען אויך אין דער גאַנצער צייט פון די גרויסע
שטורעמס, וואָס דאָס לאַנד יהודה האָט איבערגעלעבט.

צום אונגליק פון דער אידישער נאַציאָן האָט נאָך, צוזאַמען מיט
דער הערשאַפט פון פרעמדען פאָלק, זיך אויך אָנגעהויבען אַ שפּאַלטונג
אין סנהדרין, וועלכער האָט געדאַרפט אויפהאַלטען ביי אידען די אַחדות.
נעבען דער שולע פון הלל האָט זיך געבילדעט שמאי'ס שולע, און אַנשטאָט
דער פריהערדיגער אַחדות, וואָס האָט געהערשט צווישען די פרושים
אין אַלע פראַגען, ווי אַזוי מען דאַרף ערקלערען די תורה און די דינים
און אָנווענדען זיי אין לעבען, האָבען זיך איצט אָנגעהויבען לחלוקות און
וועגען יעדער, מעהר אָדער וועניגער, פרינציפּיעלער פראַגע זענען געווען
צוויי פערשיעדענע מיינונגען. אויף דער דאָזיגער שפּאַלטונג האָבען די
שפּעטערדיגע דורות זיך שטאַרק געקלאָגט, אָבער מען האָט נישט גע־
פונען קיין מיטעל זי אויסצובעסערען, נאָר זי האָט זיך אין אַ משך

פון הונדערטער יאהר נאך פערשטארקט. פון וואנען האט געשטאמט די שפאלטונג? לויט ווי עס האבען דאס ערקלערט די חכמים פון די שפעטערדיגע דורות, זענען דערין שולדיג געווען די תלמידים, וועלכע האבען נישט גענוג אויפמערקזאם אויסגעהערט זייערע לעהרער, נאר זיי האבען זיך אריינגעלאזען אין די פאליטישע ענינים, ארויסטרעטענדיג געגען די אנהענגער פון הורדוס'ן, וועלכען זיי האבען טיעף געהאסט, און אט די דאזיגע שנאה האט טיילמאל זיי פערבלענדעט די אויגען, אז זיי זאלען נישט פערשטעהען ריכטיג די תורה פון זייערע לעהרער און ממילא קומען צו מחלוקת וועגען איהר.

ווי די אנהענגער פון הלל האבען אין אלע פראגען זיך גענומען פאר א קריטעריום זייער לעהרער'ס מילדקייט, אזוי האבען די תלמידים פון שמאי'ס שולע זיך בעצויגען צו יעדער פראגע שטרענג, טיילמאל נאך שטרענגער פאר זייער רבי'ן. נישט בעגניגענדיג זיך מיט די דינים, וועלכע מען האט ארויסגעגעבען מיט'ן צוועק אבצוהיטען די געזעצען פון דער תורה, האבען זיי נאך געפאדערט, אז מען זאל ארויסגעבען נייע דינים, כדי אבצוהיטען, אז אט די ערשטע דינים זאלען אבגעהיטען ווערען. באלד אבער האבען זיי איינגעפונען, אז דאס איז נאך אויך ווייניג, און אזוי־ארום האט די צאהל פון זייערע שטרענגע תקנות און דינים (חומרות) זיך אלץ פערגרעסערט, און אויב מען בעמערקט ביי זיי ערגיץ וואו א פערלייכטערונג, איז עס נאר אן אויסנאהמע. אזוי, למשל, האט מען, לויט זייער מיינונג, נישט געטארט אנהויבען פאר שבת אן ארבייט, וועלכע דארף זיך ענדיגען אום שבת, חאטש שוין גאר אהן דעם אנטייל פון דער אידישער ארבייט, ווי, למשל, אליין, אדער דורך א גוי. אום שבת האט מען נישט געטארט בעשטימען קיין געלד אויף א צדקה־זאך, פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען א שידוך, אדער וועגען אבגעבען די קינדער אין א חדר צו לערנען; זיי האבען פערבאטען צו געהן אום שבת מבקר חולה זיין, אדער צו טרייסטען אן אבל. אין די דינים פון טומאה און טהרה פאר מענשען, כלים און קליידער זענען די אנהענגער פון שמאי געווען אזוי שטרענג כמעט, ווי די עסייער. אזוי שטרענג האבען זיי זיך אויך בעצויגען צו די דינים פון חופה וקידושין. א גט האבען זיי ערלויבט צו שרייבען נאר אין די פאלען, ווען די פרוי איז געווארען אונגעטריי דעם מאן. בכלל האבען זיי זיך בעצויגען צום רעליגיעזען געזעץ מיט שטרענגקייט, און אט די בעציהונג האבען זיי דורכגעפיהרט אלס כלל בנוגע צו אלע געזעצען פון דער תורה. אויב די כנסת הגדולה האט געלערנט, אז מען דארף מאכען א צוים (סיג), כדי מען זאל דאס געזעץ נישט קאנען איבערטרעטען, האבען זיי געמאכט א צוים צו א צוים, א חומרא, כדי אבצוהיטען א פריהערדיגען חומרא, א דין איבער א דין, ביז אהן א שיעור און אן ערך. און ביי אלעם דעם האבען זיי נאך מורא געהאט, אויב זיי האבען נאך נישט אלץ געטהון, וואס זיי האבען געדארפט, כדי גענוג אב־

צוזוזעצען די גאַנצקייט פֿון דער תורה. די פּרינציפּען פֿון די פרושים האָבען שמאי'ס אַנהענגער זעהר פֿערשאַרפֿט, און ווייל זיי האָבען געהאַט אַ מעהרהייט אין סנהדרין, פֿלעגען זיי אַלע מאָל דורכפֿיהרען זייערע געזעצען געגען די אַנהענגער פֿון הלל'ן.

אויב די מחלוקת צווישען די אַנהענגער פֿון ביידע שולען איז נישט אַריבערגעגאַנגען איבער'ן שוועל פֿון בית־המדרש, און דער אינערליכער שלום אין דער געזעלשאַפֿט איז נישט געשטערט געוואָרען, האָט מען געהאַט צו פֿערדאַנקען נאָר די נאַכגיביגקייט פֿון הלל'ס שולע. די שטרענגקייט פֿון שמאי'ס אַנהענגער אין רעליגיעזע פֿראַגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין זייער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג און בעזונדערס אין זייער בעציהונג צו גרים, ד. ה. צו יענע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געוואָלט אַנגעהמען דעם יודענטום. זיי האָבען קיין גרים נישט געליעבט און פֿלעגען תמיד אָנווייזען, וואָס פֿאַר אַ שאָדען עס האָבען געבראַכט אידען די געצוואונגענע גרים, די אדומים, פֿון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען הורדוס. מערקווירדיג אָבער, אַז די שטרענגקייט, מיט וועלכער זיי האָבען זיך בעצויגען צו שבת, האָט זיי פֿונדעסטוועגען נישט אָבגעהאַלטען צו פּסק'ענען, אַז אין נאַציאָנאַלע מלחמות מעג מען קעמפּפֿען אום שבת אויך. און אויב מען פֿלעגט פֿריהער קלערען, צי מען מעג פֿערטיידיגען אַ אידישע פֿעסטונג אום שבת, ווען דער פֿיינד פֿאַלט אויף איהר אָן, האָבען די תלמידים פֿון שמאי ערקלערט, אַז אפילו אָנפֿאַלען אויף אַ פֿרעמדע פֿעסטונג מעג מען אום ערב שבת און קעמפּפֿען געגען איהר אויך אום שבת, ביז מען וועט זי איינגעהמען. און ביי'ם פֿאָלק האָט שמאי'ס שולע געהאַט מעהר אַנהענגער, ווי הלל'ס, בעזונדערס דערפֿאַר, וואָס זי האָט זיך בעצויגען מיט האַס צו די פֿרעמדע פֿעלקער און איז נישט געווען אַזוי נאַכגיעביג, ווי הלל'ס שולע.

נאָהענט צו שמאי'ס שולע איז אויך געשטאַנען די פּאַרטיי פֿון יהודה הגלילי, די קנאים, וועלכע האָבען געברענט מיט אַ פֿאַנאַטישען האַס געגען די רוימער. די קנאים האָבען זיך אויך גערופֿען גאַליליער, נאָך זייער אָנפֿיהרער יהודה. די פּאַראָלע, וועלכע יהודה האָט געגעבען זיינע אַנהענגער, איז געווען: מען זינדיגט געגען גאָט און זיין תורה, אויב מען פֿאָלגט די רוימישע געוועלטיגער. נאָר גאָט אַליין געהערט די הערשאַפֿט און נאָר ער אַליין קאָן פֿאָדערען, אַז מען זאָל איהם פֿאָלגען. מען מוז דעריבער אוועקשענקען דאָס גאַנצע פֿערמעגען, מפקיר זיין די משפּחה, דאָס אייגענע לעבען, כדי צו קעמפּפֿען געגען דעם פֿאָלק, וועלכעס וויל מאַכען אונטערטעניג אידען, וועהרענד זיי דאַרפֿען זיין אונטערטעניג נאָר צו גאָט אַליין. אַלס מוסטער פֿון אַן אמת'ען קנאי האָט מען אָנגעוויזען אויף אהרן הכהן'ס זוהן, פּנחס, וועלכער איז איינער אַליין אַרויסגעטראָטען געגען אַ נשיא פֿון אַ שבט, ווען ער האָט געזינדיגט. די אידישע מלוכה, וואָס איהר הערשער איז נאָר גאָט און

יהר קאנסטיטוציע איז די אידישע תורה, מוז רעגירט ווערען רעפובּ־
ליקאניש. — די דאזיגע תורה האט אויך איבּערגענומען, ווי עס שיינט,
איינער פון די אנהענגער פון שמאי׳ס שולע, צדוק, און דעם פאלק איז
זי אויך געווען גאנץ פערשטענדליך, בּפרט נאך אין א צייט, ווען דאס
רוימישער יאך האט אזוי שטארק געדריקט דאס פאלק. דער ציעל —
אויסצוקעמפּפען זיך די פרייהייט — האט עלעקטריזירט אלעמען, אי
יונג אי אלט. געשטיצט פון אנפאנג דורך די אנהענגער פון שמאי׳ס
שולע, האבּען די קנאים בּיסלעכווייז זיך אזוי פערשטארקט, אז דער
גרעסטער טייל פון דער נאציאן זענען געווארען זייערע אנהענגער, נאך
א דאנק דער פערשטארקונג פונ׳ם רוימישען יאך.

ווי נאר דער סירישער שטאטהאלטער, קוויריניוס, האט פער־
עפענטליכט זיין בּעפעהל צו די אידען אין לאנד יהודה, אז יעדער איד
איז מחויב צוזאמענצושטעלען א רשימה וועגען דער צאהל פון די מיט־
גליעדער אין זיין משפחה, ווי אויך פון אלע זיינע גיטער און פערמעגען,
האבּען די קנאים, יהודה הגלילי און צדוק, געגעבּען א סיגנאל, צו שטע־
לען זיך געגען דעם ענערגיש און נישט ערפילען דעם בּעפעהל. ווי עס
שיינט, איז עס אין איניגע ערטער אויך געקומען צו צוזאמענשטויסען.
די מיושב׳דיגע אידען מיט׳ן כהן־גדול יועזר אין דער שפיץ האבּען זיך
בּעמיהט צו בּערוהיגען די אויפגערעגטע געמיטער און ערקלערט, אז די
רוימער ווילען בּלויז וויסען, וואס פאר אנ׳אבּצאהל מען קאן ארויפ־
לעגען אויף יעדען אידען; אבּער די דאזיגע בּערוהיגונג האט קיין איינ־
דרוק נישט געמאכט, ווייל דאס רוימישע סיסטעם פון די אבּצאהלען
איז געווען זעהר פערהאסט בּיי אידען, און יעדער, וואס האט נאר
טיילגענומען דערין, צי אלס ארענדאטאר פונ׳ם אבּצאהל, צי אלס אויפ־
מאהנער, איז ערקלערט געווארען בּיי אידען פאר א מענשען „אהן
עהרענגעפיהל“, אין קיין ארענטליכע געזעלשאפט האט מען איהם נישט
אויפגענומען, אפילו אלס עדות האט ער נישט געקאנט ארויסטרעטען
אין געריכט, ווייל מען האט איהם נישט געגלויבּט און חושד געווען,
אז ער זאגט פאלשע עדות פאר געלד. בּכלל פלעגען אננעהמען די ארענ־
דע אויפ׳ן אבּצאהל און זיין אויפמאהנער נאר מענשען, וועלכע האבּען
זיך אויסגעצייכענט דורך זייער נישט־פרומען לעבּען, צוליעב לייכטזיני־
קייט אדער איינגענוץ, און דער נאמען „ארענדאטאר“ אדער „איינמאה־
נער“ איז געווארען בּיי אידען א שאנד־נאמען.

נאך איין פערענדערונג האט איינגעפיהרט די נייע רוימישע רע־
גירונג אין לאנד יהודה: אין אלע עפענטליכע דאקומענטען, אפילו אויך
אין גטין האט מען געמוזט ארייננשטעלען די צייט־רעכנונג, לויט די
רעגירונגס־יאהרען פונ׳ם קייזער, וועהרענד פריהער פלעגט מען איהר
בּעצייכענען לויט די רעגירונגס־יאהרען פונ׳ם אידישען מלך. די קנאים
זענען אויך געגען דעם שארף ארויסגעטראטען און האבּען געמאכט

א פארוואורף די געמעסיגטע פרושים, וועלכע האבען דערין נאכגעגעבען, אז זיי זענען צופיעל נאכגיעביג אין רעליגיעזע ענינים: „ווי אזוי קאן מען דאס טהון זיך אזא חרפה און שרייבען אין א גט, וועלכער איז געמאכט כדת משה וישראל, צוזאמען מיט משה'ס נאמען אויך דעם נאמען פון א געצענדיענערישען קייזער!“ — קווריניוס האט אבער אליין אויך איינגעזעהן, אז מען מוז עטוואס נאכגעבען, כדי צו בערוהיגען דאס אידישע פאלק, און אט האט ער דערוויטערט פון דער כהונה גדולה דעם נישט בעליעבטען כהן גדול יועזר און בעשטימט פאר א כהן גדול איינעם ענן פון דער יחוס־משפחה שת.

דאס אידישע פאלק האט בכלל מיט אויפרעגונג און וועהטאג גע־זעהען די פרעמדע מאכט אריינקומען אין יהודה. שוין אין דער ערשטער צייט פונ'ם אויפשטאנד, בשעת די גרויסע מהומות נאך הורדוס'ן, האָ־בען פיעל אידען אין לאנד יהודה גענומען דעם וואנדער־שטעקען און פערלאזען די ליעבע היים, כדי זיך צו בעזעצען ערגעץ־וואו אין סיריען, אדער קליין אזיען; איצט, ווען יהודה האט גאר פערלוירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט, האט די אויסוואנדערונג זיך פערשטארקט און ס'איז פארגעשטאנען א געפאהר, אז ארץ־ישראל זאל ווערען לעדיג פון איינוואהנער. ווי־אזוי האלט מען אבער אב די אויסוואנדערונג? וואס פאר א מיטעל קאן מען דערצו אנווענדען? אין יענער צייט זענען אידען געווען שטארק צוגעבונדען צום בית־המקדש, און דאס אויסשליסען עמי־צען פון בית־המקדש, אז ער זאל פערליערען דאס רעכט אהין אריינ־צוקומען און צו ברענגען א קרבן, אדער מתפלל זיין, איז געווען די העכס־טע שטראף, וואס עס קאן אויף איהם ארויפגעלעגט ווערען. און אט האט מען אויסגענוצט די דאזיגע שטימונג, כדי אבצוהאלטען די עמי־גראציע פון ארץ־ישראל: די שולען פון הלל און שמאי האבען זיך פער־איינעט און גוזר געווען, אז אלע לענדער, חוץ ארץ־ישראל, ברענגען טומאה אויפ'ן מענשען. ווער עס האט נאר איין שריט געמאכט אויף יענער זייט גרעניץ פון ארץ־ישראל, הייסט ער שוין אומריין און טאר נישט אריינקומען אין בית־המקדש. תחלת איז די דאזיגע גזירה ארויס־געגעבען געווארען ספעציעל פאר די כהנים, אבער ביסלעכווייז האט זיך ארויסגעוויזען איהר וויכטיגקייט אויך פאר די ישראלים, ווייל קיין איד האט נישט געוואלט פערליערען דעם זכות אריינצוקומען אין בית־המקדש. אינגאנצען האט מען אבער דאדורך נישט געקאנט אבהאל־טען די עמיגראציע. די גרויסע און רייכע אידישע קהלות, וואס האבען זיך שוין דאמאלס געפונען אין קליין־אזיען, האבען בעזונדערס צוגעצוי־גען צו זיך פיעל עמיגראנטען פון ארץ־ישראל. די אויסוואנדערונג פון ארץ־ישראל האט ארויסגערופען אויך געוויסע רעליגיעזע פערוויקלונגען, שאלות און נייע תקנות. אזוי, למשל, פלעגען די פרויען זיך גאנץ אפט אבזאגען אויסצוואנדערען פון ארץ־ישראל צוזאמען מיט זייערע מאנען,

אָדער כדי צו קומען צו זיי ערגיץ־וואו אין חוץ לארץ, און פֿלעגען בער סער וועלען נעהמען גט. צווינגען זיי אויסצוואנדערען פֿון ארץ־ישראל האָט דער מאָן לויט דער תקנה פֿון די חכמים נישט געקאָנט. די צאָהל פֿון די גטין איז געוואָרען זעהר גרויס. געוועהנליך, פֿלעגט אַ איד אריינ־קומען צום אָרטיגען בית־דין און לאָזען אָנשרייבען דעם גט, וועלכען ער פֿלעגט אָבשיקען זיין פֿרוי אין ארץ־ישראל. אין יענער צייט זענען שוין אָבער די פּרטים און דינים וועגען אַ גט געוועזען אַזוי קאָמפּליצירט און ענטוויקעלט, אַז מען האָט נישט געהאַלטען די אויסלענדישע דיינים פֿאַר גענוג געלערנט, כדי צו קאָנען מסדר זיין אַ כשר'ן גט. דער ירושלים'ער בית־דין האָט דעריבער מתקן געווען, אַז דער שליח, וואָס ברענגט אַ גט פֿון חוץ לארץ, מוז בפירוש ערקלערען, אַז אין זיין געגענוואַרט איז דער גט געשריבען און גע'חתמ'עט געוואָרען. בכלל האָבען די דינים און תקנות זיך זעהר געמעהרט אין יענער צייט, בעזונדערס צוליעב דער גרויסער שטרענגקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך בעצויגען שמאַי'ס שולע צו אַלערליי דינים, ווי אויך צוליעב דעם, וואָס הלל'ס שולע האָט איהר נאָכגעגעבען, כדי אויסצומיידען מחלוקת. מען האָט שוין מעהר נישט געזאָגט: אַזוי האָט געהייסען משה'ס תורה", נאָר: „אַזוי האָט בעפֿוילען שמאַי'ס שולע, אָדער הלל'ס".

דער טויט פֿון רוימישען קייזער אויגוסט (14 נאָך דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג) האָט אין קיין זאַך נישט געענדערט די לאַגע אין לאַנד יהודה, וועלכעס איז צוגעפֿאַלען בירושה דעם נייעם רוימישען קייזער טיבעריוס, צוזאַמען מיט פֿיעל אַנדערע לענדער און מדינות. אויסערליך האָט דאָס לאַנד יהודה געהאַט נישט ערגער, ווי אַנדערע רוימישע פּראָווינצען אונטער טיבעריוס'עס רעגירונג. טיבעריוס האָט ערלייכטערט די אָבצאָהלונגען, נאָכדעם, ווי די אידען האָבען זיך פֿאַר איהם בעקלאָגט, אַז זיי זענען צו־הויך, און ער האָט אויך געשיקט אין לאַנד יהודה אַ נייען פּראָקוראַטאָר, וואַלעריוס גראַטוס, וועלכער איז זעהר פֿריינדליך געוועזען פֿאַר אידען; גראַטוס האָט פֿערוואַלטעט דאָס לאַנד יהודה אין אַ משך פֿון עלף יאָהר (פֿון 15 ביז 26 נאָך דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג). אינערליך איז אָבער טיבעריוס געוועזען נאָך אַ גרעסערער פֿיינד פֿון יודענטום, ווי זיין אָנגענומענער פֿאָטער אויגוסט, אַ שטייגער, ווי די רוימישע קיסרים וואָלטען אינסטינקטיוו געשפּירט, אַז דער רוימישער מלוכה־רעזשים און איהר געצענדיענערישער קולטוס מוזען בעקומען דעם טויט־שטויס פֿונ'ם יודענטום. גאַנץ מעגליך, אַז די אַנטיפּאַטיע פֿון די רוימישע קיסרים פֿאַר'ן יודענטום האָט זיך געשטאַרקט, נאָכדעם, ווי פֿיעל רוימי־שע פֿרויען האָבען אָנגענומען דעם יודענטום (האָבען זיך מגייר געווען). צווישען די רוימער האָט זיך דאַמאָלס שוין אָנגעהויבען אַ סימפּאַטישע בעוועגונגען פֿאַר די אידישע רעליגיע, די וואַרעמקייט, מיט וועלכער אידען האָבען זיך בעצויגען צו זייער אמונה, און בפרט זייער ליעבע צום

בית־המקדש, איז געשטאנען שטאַרק אין קאָנטראַסט מיט'ן אינדיפער־ענטיזם, אָחער מיט דער קאַלטבלוטיגקייט, מיט וועלכער די רוימער האָבען אין יענער צייט זיך שוין בעצויגען צו זייערע אייגענע געצענדיענערישע טעמפּלען. דאָס וואַרעמע אידישע רעליגיעזע געפיהל האָט געהאַט אַ בעזונדערען חן פאַר די רוימישע פרויען און אויך פאַר פיעל מאַנסבילען, בעזונדערס נאָכדעם, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען אין רוים די רעפּובליקאַנישע פרייהייט און עס זענען פערשוואונדען געוואָרען די פאָלקס־אידעאַלען, וואָס האָבען דאָס האַרץ געוואַרימט און געגעבען אַנ'אינהאַלט דעם געפיהל. אין טיבעריוס'עס רעגירונג האָבען דעריבער שוין בעוויזען זיך פיעל גרים צווישען דער רוימישער בעפעלקערונג, וועלכע האָבען געשיקט גרויסע מתנות דעם בית־המקדש, זייענדיג ווי בעצויבערט פון דער מיסטישער אַטמאָספערע, וואָס רוהט אַרום איהם, דען גראַדע דאָס מיסטישע, דאָס אונבעקאַנטע, דאָס וואָס איז געווען דער היפך פון זייערע ממשות'דיגע קאַלטע שטיינערנע אָבגעטער, האָט געהאַט אַ גרויסען חן פאַר די רוימער און אַנגעצויגען זיי, ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט. טיבעריוס איז נישט שטאַרק צופריעדען געווען מיט די גרים, און ס'איז גענוג געווען די קלענסטע געלעגענהייט, אַז זיין צאָרן זאָל אויסברעכען עפענטליך. אַזאַ געלעגענהייט האָט זיך אויך פאָרגעשטעלט: פיער אידישע שווינדלער האָבען בעקומען פיעל געלד אַ מתנה פאַר'ן בית־המקדש ביי אַ בעוואוסטער רוימישער מאַטראָנע, פילוויאַ, די פרוי פון טיבעריוס'עס אָנגעזעהענעם סענאַטאָר סאַטורנינוס, וועלכע האָט בשתיקה אַנגענומען די אידישע אמונה, און דאָס געלד האָבען זיי צוגענומען פאַר זיך. דער דאָזיגער שענדליכער שווינדעל פון די פיער אויסוואָרפען האָט אַזוי אויפגערעגט דעם קייזער טיבעריוס, אַז ער האָט אויסגעלאָזען דעם כעס צו אַלע אידישע איינוואָהנער פון רוים. אַלע אידען פון רוים, צוזאַמען מיט די גרים זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שטאָדט. טיבעריוס'עס מיניסטער סעיאַן (S e j a n), וועלכער האָט געהאַט איבער'ן קייזער אַ טייוולאַנישען איינפלוס, האָט איהם דערצו אַנגערעדט. טויזענדער אידישע יונגע לייט זענען צוליעב דעם פערטריבען געוואָרען אויף דער אינזעל סאַרדיניען, כדי צו קעמפפען געגען די דאָרטיגע רויבער (61 פאַר'ן חורבן). מען האָט געקאָנט פאָראויסזעהן, אַז די פערשיקטע וועלען אין'ם שלעכטען קלימאַט פון דער אינזעל אומקומען, אָבער דאָס האָט נישט אָבגעהאַלטען נישט דעם אכזריות'דיגען טיבעריוס, נישט זיינע מיניסטאָרען פון זייער אונמענשליכער בעשלוס. אויף די איבריגע אידען איז דאַמאָלס אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ גזרה אַרויסגעטריבען צו ווערען פון גאַנץ איטאַליען, אויב זיי וועלען זיך נישט אָבזאָגען פון זייער אמונה. בעזונדערס שטאַרק האָט מען געצוואונגען די יונגע לייט און די עלטערע אידען אין מיליטער מחלל שבת צו זיין, און די, וואָס האָבען נישט גע־

פאלגט, האט מען דערפאר בעשטראפט זעהר שטרענג. דאס איז געוועזען די ערשטע רעליגיאנס-פערפאלגונג געגען אידען אין רוים, און בכלל אין די מערב-לענדער, נאך וועלכע עס האבען געדארפט קומען פיעל אנדערע. — דער נייער פראקוראטאר, וועלכען טיבעריוס האט געשיקט אין לאנד יהודה, גראטוס, האט זיך אנגעהויבען שטארק צו מישען אין די אינערליכע עניינים פון אידישען לעבען. אין א משך פון עלף יאהר האט ער בעשטימט נישט ווייניגער פון פינף כהנים גדולים, וואס איינע פון זיי זענען געבליבען אויף זייער שטעלע נישט מעהר, ווי איין יאהר. עטליכע כהנים גדולים האט ער דערוויטערט פון זייער שטעלע, נאר דערפאר, וואס זיי זענען געוועזען בעליעבט ביי'ם אידישען פאלק, אדער וויל זיי האבען נישט געוואלט נעהמען קיין שוחד. אלס אויסנאהמע איז פערבליבען לענגער כהן גדול יוסף כיפא, וועלכע זיינע געגנער האבען געשילדערט, ווי א שטרענגען פרוש פון בלוט-דורשטיגען כאראקטער.

אין דער צייט, וואס דאס לאנד יהודה מיט זיינע פראווינצען שמרון און אדום זענען פערוואלטעט געווארען דורך א פראקוראטאר, האבען די לענדער, וואס האבען זיך, לויט הורדוס'עס צוואה, אבגעטיילט בעזונדער, נאך געהאט, חאטש לפנים אנ'אומאבהענגיגקייט. דאס זענען געוועזען: דער גליל און דאס לאנד פעראא, וואס האט געהערט צו הורדוס'עס זוהן, הורדוס אנטיפאס, און דער בשן מיט אנדערע חלקים, וואס האבען געהערט צו פיליפ. דורך דער פיינדשאפט פון די שומרונים, וואס זייער לאנד איז געשטאנען ווי א גרעניץ צווישען יהודה און דעם גליל, זענען די דאזיגע ביידע טיילען פון אידישען לאנד זעהר פערפרעמדעט געווארען איינע פון די אנדערע, און פאר די אידען אין גליל איז אפילו שווער געוועזען עולה רגל צו זיין קיין ירושלים. ביידע נשיאים, אנטיפאס און פיליפ, האבען זיך אויסגעצייכענט נאר דורך זייער תאוה צו שענע געביידעס און דער קריכעריי און קנעכטשאפט פאר די רוימישע קיסרים. אנטיפאס האט געמאכט צוערשט פאר זיין הויפט-שטאדט צפורי, אבער ווען טיבעריוס איז קייזער געווארען, האט ער זיך אויסגעבויט א נייע הויפט-שטאדט אין דער שענער געגענד ביי'ם ים כנרת, און א נאמען געגעבען זי טבריה, (46 — 44 פאר'ן חורבן), חאטש זיין גאנצע הכנסה האט בעטראפען סך-הכל צוויי הונדערט טאלענטען. די פרומע אידען האבען אין דער ערשטער צייט נישט געוואלט וואהנען אין טבריה, וויל זיי האבען געפונען דארט זעהר פיעל מענשען-ביינער, ווי עס שיינט, געבליבענע פון א מלחמה, און דעריבער זענען די דארטיגע איינוואהנער געוועזען טמאים. אנטיפאס האט דעריבער געמוזט בעזעצען די שטאדט דורך אידען, וועלכע ער האט געגעבען גוטע הבטחות אדער אפילו אויך געצוואונגען איהם צו פאלגען, און פונדעסטוועגען האבען פרומע אידען אויסגעמידען די שטאדט אפילו נאך הונדערט יאהר שפעטער אויך.—

פיליפ, וועלכער האט פון זיין לאנד געהאט הכנסה נאר הונדערט טאלענט, האט זיך אויך אויסגעבויט צוויי שטעדט: איינע אין דער שענער גע־גענד פון די ירדן־קוואלען, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען צעזאַרעא פיליפי (קסריה) און די אנדערע אין צפון־מזרח־זייט פון כנרת, וועלכע האט פריהער געהייסען בית צידה (Beth Saida) און איצט האט ער איהר א נאמען געגעבען יוליא נאך אויגוסטוס טאכטער. צע־זאר'ס משפחה האט בכלל געהאט אין לאנד יהודה מעהר מאנומענטען, ווי אין רוים גופא. פיליפ האט געהאט א שטילען חאראקטער; ער איז נישט געווען קיין ליידענשאפטליכער מענש און האט רעגיערט איבער זיין חלק ארץ־ישראל זיעבען און דרייסיג יאהר (4 פאר — און 33 נאך דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג); אנטיפאס, דאגעגען, האט אין זיך געהאט די בלוטגיעריגקייט און אכזריות פון זיין פאטער.

נאך גראטוס'ן איז געווארען פראקוראטאר אין לאנד יהודה פאנ־טיוס פילאטוס (Pontius Pilatu8), וואס האט רעגיערט פון 44 ביז 34 פאר'ן חורבן און איז דורך די געשעהעניש, וואס איז פארגעקומען אין זיין צייט, געווארען בערימט אין דער וועלט־געשיכטע. ער האט באלד ביי'ם ארויפטרעטען אויף זיין שטעלע בעוויזען דורך זיין טיראניי, אז דאס אידישע פאלק האט נאך ווייניג ערניעדריגונג געליד־טע, און אז עס דארף זיך נאך ריכטען אויסצוטרינקען די גרעסטע ביי־טערקייט פונ'ם פערגאלטען בעכער. כדי צו פערשטעהען די פיזיאגאמיע פונ'ם דאזיגען פראקוראטאר, איז גענוג צו דערמאהנען, אז ער האט אי־בערגענומען זיין שטעלע אין יענער צייט, ווען אין רוים איז געווען דער פאקטישער הערשער דער מערדערישער מיניסטער סעיאן, פאר וועלכען עס האבען געציטערט אי דער סענאט, אי אפילו דער רוימישער קייזער טיבעריוס. פאנטיוס פילאטוס איז געווען זיינער א געטרייער קנעכט, און ער האט איהם ספעציעל געשיקט אין לאנד יהודה, כדי צו דריקען דארט די אידישע בעפעלקערונג. אלס געטרייער קנעכט, האט פאנטיוס פילאטוס שטרענג דורכגעפיהרט זיין הערס פאליטיק, דען ער האט געמאכט די ערשטע פראבע צו בעליידיגען דאס אידישע רעליגיעזע גע־פיהל אויף אזא אופן, ווי דאס האט נאך נישט געטהון קיין רוימישער פראקוראטאר פאר איהם: ער האט געוואלט צוגעוועהנען די אידען, אז זיי זאלען דיענען צו די בילדער פון די רוימישע קיסרים, ווי צו אבגע־טער. ביז יענער צייט פלעגען די אנפיהרער פון רוימישען מיליטער אויף אזוי פיעל שאנעווען דעם אידישען עקעל־געפיהל פאר די אבגעטער, אז זיי פלעגען, ארייענקומענדיג אין ירושלים, ארונטערנעהמען פון זייערע פאהנען די בילדער פון זייערע קיסרים. וויל זיי האבען אליין איינגעזע־הען, אז דאס הייסט אין די אידישע אויגען מענשען־פערגעטערונג. אויך הורדוס מיט זיינע זיהן האבען אויף זייערע מטבעות נישט אויסגעקריצט די בילדער פון די קיסרים אויגוסט, אדער טיבעריוס, כאטש זיי האבען

געהאט דערצו גרוים חשק, כדי צו חנפ'ענען רוים. פילאטוס האט גאנץ גוט געוואוסט, ווי ביי אידען איז פערהאסט דער בילדער־קולט. ער האט אבער געוואלט ערניעדעריגען אידען דוקא אין דער הינזיכט און גע־בראכט בשתיקה אין שטאדט אריין די בילדער פונ'ם קייזער, וועלכע זענען געווען אויף די מיליטערישע פאהנען, כדי אויפצושטעלען זיי אין ירושלים. די דאזיגע אויפשטעלונג פון געטליך פערעהרטע בילדער אין ירושלים האט ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג צווישען דער ירושלים'ער בעפעלקערונג, און באלד נאכדעם אויך אין גאנצען לאנד יהודה. דאס אידישע פאלק האט באלד געשיקט שלוחים צום פראקוראטאר קיין קיסרין, צו בעטען ביי איהם, אז ער זאל דערוויטערען די בילדער פון ירושלים. מיט די שלוחים זענען אויך געקומען די מיטגליעדער פון הורדוס'עס הויז. פינף טעג זענען די שלוחים געשטאנען פאר זיין פאלאץ און געבעטען זיך ביי איהם, צו ערפילען זייער פערלאנג. אויפ'ן זעקסטען טאג האט פאנטיוס פילאטוס בעפוילען זיינע סאלדאטען זיי פונאנדערצוטרייבען, און האט געסטראשעט זיי אויסצוהרג'ענען, אויב זיי וועלען איהם נישט לאזען צורוה מיט זייערע ביטעס. ווייל אבער די אידען זענען פארטיג געווען מוסר נפש צו זיין זיך כאר זייער רעליגיע און מעגליך אויך, אז פילאטוס האט מורא געהאט, דאס טיבעריוס זאל איהם נישט בעשטראפען פאר זיין צו גרויסער שטרענגקייט, האט ער נאכגעגעבען און געהייסען ארויסטראגען די בילדער פון ירושלים.

א צווייטען מאל האט ער געבראכט די איינוואהנער פון ירושלים אין גרוים אויפרעגונג דורך דעם בערויבען דעם אוצר פון בית־המקדש. מאכענדיג דעם אנשטעל, אז ער וויל בויען א וואסער־לייטונג פאר ירושלים, כדי אריינצובריינגען וואסער אין שטאדט פון א קוואל, וואס איז געווען וויים פון שטאדט צוויי הונדערט סטאדיעס (לערך 200 וויארסט!) וויים פון ירושלים. ווען פאנטיוס איז געקומען קיין ירושלים, האט איהם ארומגערינגעלט א גרויסער המון און זעהר געשאלטען. פילאטוס האט נישט געוואגט אריינצופיהרען מיליטער אין שטאדט, נאר אנשטאט דעם האט ער געלאזען איינצעלנע סאלדאטען זיך איבערקליידען פאר אידען און געשיקט צווישען דעם המון, כדי צו שלאגען אידען. אין דער מהומה זענען פיעל אידען פערוואונדעט און דער'הרג'עט געווארען.

די ערשטע יאהרען פון קריסטענטום

יוחנן דער מטבל און ישו פון נצרת.

(פון 30 ביז 37 לויט דער געווענליכער צייטרעכנונג).

אין דער צייט, וואס דאס לאנד יהודה האט נאך געציטערט, אז דער רוימישער פראקוראטאר, פאנטיוס פילאטוס, זאל נישט אויספיהרען

ווידער א נייע געוואלדטהאט געגען דעם אידישען פאלק, וועלכע זאל ארויסרופען אנ'אויפרעגונג מיט נייע רדיפות און אונגליקען,— האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען א נייע ערשיינונג, וועלכע איז פון אנפאנג אזוי קליין געוועזען, אז מען האט זי גארנישט בעמערקט כמעט, אבער ביסלעכווייז האט זי דערגרייכט אזא געוואלדיגע קראפט, אז זי האט אינגאנצען איבערגעמאכט די וועלט־געשיכטע. עס איז נעמליך געקומען דאמאלס די צייט, ווען די גרויסע יסודות פון דער אידישער רעליגיע, וועלכע זענען ביז יענער צייט געוועזען נאר אנ'אייגענטום פון אידישען פאלק און גוט פערשטאנען געווארען נאר דורך זייערע גרויסע און טיעף־דענקענדע חכמים, האבען געדארפט פריי ארויסטרעטען פאר דער גאנצער וועלט און, אריינדרינגענדיג צו אלע פעלקער, איינגאנצען רעפארמירען זייער לעבען א[illegible]שויאונגען. די שענע ענטוויקלונג און רייכקייט פונ'ם אידישען געדאנק, די הויכע אידישע אנשויאונגען וועגען דעם לעבען סיי פון א יחיד, סיי פון א צבור, ווי אויך וועגען דער ריינער מאראלישער בעדייטונג פון דער מלוכה,— אט די גייסטעס־רייכקייט האט איצט געדארפט אנהויבען אריבערצוגיסען זיך אויך אין דער גייסטיגער פוסטקייט פון די פרעמדע פעלקער און געבען זיי א נייעם אינהאלט און געדאנק. דאס אידישע פאלק האט געדארפט אנהויבען ערנסטליך צו פערווירקליכען זיין אויפגאבע: צו ווערען א לעהרער פאר פעלקער. די אלטע אידישע תורה האט געדארפט אריינגעפיהרט ווערען אין לעבען פון די פעלקער, וועלכע האבען זיך פערפרעמדעט פון דער איינציגער גאטהייט און זענען געווארען מאראליש פערדארבען; די געצענדיענערישע פעלקער וואלטען אבער נישט אנגענומען די אידישע תורה אין איהר ערשטער פארם; זי האט ערשט געמוזט אננעהמען א נייע פארם און בעקומען א נייען נאמען, כדי די פרעמדע געמיטער זאלען זיך צו איהר צווענדען, ווייל דאס יודענטום מיט זיין ריינעם בולט'ן נאציאנאלען האראקטער איז בכלל נישט געוועזען בעליעבט ביי די פעלקער. די נייע ערשיינונג, וועלכע איז אויפגעוואקסען ביי אידען אין דער צייט פונ'ם רוימישען פראקוראטאר פאנטיוס פילאטוס, האט געדארפט אויפבויען דעם נייעם וועג צווישען די געצענדיענערישע פעלקער פאר די הויכע למודים פון דער אידישער תורה, לויט ווי עס האבען זיי ענטוויקעלט די אידישע חכמים. אבער די דאזיגע ערשיינונג האט אריינגענומען אין זיך נייע פרעמדע עלעמענטען, דערווייטערנדיג זיך פון איהר מקור, פונ'ם יודענטום, און האט זיך געשטעלט שפעטער געגען דער אידישער רעליגיע, ארויסטרעטענדיג געגען איהר אין פיעל' הויפט־פראגען. די אידישע רעליגיע, וועלכע האט געבוירען דאס נייע קינד, האט פון איהם קיין מוטערליכען נחת נישט געקאנט האבען, ווייל די טאכטער האט זיך ארויסגעוויזען אונפריינדליך געגען איהר מוטער און גענומען זיך אזעלכע דרכים, אויף וועלכע די מוטער האט מיט איהר נישט געקאנט געהן. די דאזיגע נייע ערשיינונג איז געוועזען

דאס קריסטענטום, וועלכעס איז ענטשטאנען אין דער איצטיגער עפאכע פון דער אידישער געשיכטע.

די ענטשטעהונג פון קריסטענטום איז מעגליך געווארען א דאנק דעם אלטען גלויבען, וואס האט געלעבט אין די העכערע שיכטען פון אידישען פאלק און האט זיך פערשטארקט אלץ מעהר צוזאמען מיט דער פערערגערונג פון דער אידישער פאליטישער לאגע. די שטענדיגע רדיפות מצד די רוימער, זייער גרויזאמקייט און זייער גראבקייט, מיט וועלכער זיי פלעגען אנריהרען די איידעלסטע אידישע געפיהלען פון איין זייט, און פון דער אנדערער—די אונפערשעמטקייט פון הורדוס'ן מיט זיינע יורשים, זייער ערנידעריגען זיך אליין און דאס שלעפען דעם אידישען כבוד אין שמוץ, ווי אויך דאס ערנידעריגען די כהונה גדולה מיט איהר הויכען ווערט,— אט דאס אלץ האט דערוועקט ביי אידען די אלטע האפנונג, אז עס זאל אין גיכען ערפילט ווערען די הבטחה פון די נביאים, דאס עס זאל ביי אידען ערשיינען אן'אויסלייזער (א גואל), אדער א געזאלבטער פון גאט (משיח), צו בעפרייען אידען פון זייער עלענד. אויף דער ערפילונג פון דער דאזיגער האפנונג האט מען אין דער איצטיגער אבהענגיגקייט און שוואכקייט געווארט אזוי שטארק מיט אזא זיכערהייט, אז יעדען העכער בעגאבטען מענשען ביי אידען האט דאמאלס לייכט געקאנט געלינגען, צו געפינען אנהענגער, וואס זאלען גלויבען, אז ער איז דער משיח, אויב ער וואלט נאר געקאנט דערוועקען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט סיי דורך זיין אויסערער ערשיינונג, סיי דורך זיין רעליגיעז-מאראלישער האלטונג. אזא זאך איז בעזונדערס נישט שווער געווען, צוליעב דעם, וואס בכלל האבען די טיעפערע אידישע גייסטער די גאנצע עפאכע פון גלות בבל אן בעטראכט בלויז אלס אן'איבערגאנגס־עפאכע, אלס א פארבערייטונגס-צייט צו יענעם גרויסען מאמענט, ווען עס וועט ערשיינען דער אמת'ער נביא, ביז אליהו אליין וועט ווידער קומען און מאכען שלום צווישען די הערצער פון די פאטערס מיט די קינדער און צוריק פערזאמלען, פעראייניגען און פערשטארקען די שבטים פון אידישען פאלק. די האפנונג, אז דוד המלך'ס הויז וועט צוריק אנהויבען קעניגען ביי אידען, איז אזוי גרויס און שטארק געווען, אז מען האט אפילו צוליעב דעם נישט געוואלט געבען דעם טיטול מלך דעם ערשטען געליעבטען אידישען קעניג שמעון פון חשמונאישען הויז און גערופען איהם נאר „נשיא“, און ווען שפעטער האט יהודה-אריסטאבול אנגענומען אליין דעם טיטול „מלך“, האט דאס פערשאפט אידען גרויס עגמת נפש.

די נייע צייט פון משיח'ן, וועלכע מען האט מיט אזא בעשטימטקייט ערווארטעט, האט געדארפט ברענגען צווישען אידען א גאנץ נייע ארדנונג, און א געוויסען זין, „בעשאפען א נייען הימעל מיט א נייער ערד“ — ווי דער נביא האט זיך אויסגעדריקט. מיט'ן ערשיינען פון אליהו הנביא, וועלכער האט געדארפט קומען אלס אנזאגער פאר משיח'ן, האבען אויך די

מתים געדאַרפט אויפשטעהן פון זייערע קברים, און די צוקינפטיגע וועלט האָט געדאַרפט בעקומען אַ נייע געשטאַלט.

און אַט צוליעב דעמדאָזיגען אַלטען גלויבען זענען אין יענע צייט, אין אַ משך פון דרייסיג יאָהר, אויפגעשטאַנען פיעל ענטוזיאַסטישע אידען מיט אַ פייערדיגער פאַנטאַזיע, וועלכע האָבען מיט תמימות געגלויבט, אַז עס וועט זיי געלינגען אַראָבצוװאַרפען דעם יאָך פון קנעכטשאַפט פון דער אידישער נאַציאָן; זיי האָבען ערקלערט, דאָס זיי זענען נביאים, אָדער משיחים, און האָבען אויך געפונען אָנהענגער און מאמינים, וואָס זענען זיי געבליעבען געטריי ביז'ן טויט. ווי לייכט עס איז אָבער געוועזען צו געפינען אָנהענגער, וואָס גלויבען אין אַ משיח, אַזוי שווער איז עס געוועזען צו דערגרייכען, אַז די גאַנצע אידישע נאַציאָן זאָל עמיצען אַנערקענען פאַר אַ משיח, און אַז דער משיח זאָל קאָנען אויף לאַנג גילטען ביי'ם פאָלק פאַר אַזעלכען. דורכ'ן פערטיעפען זיך אין די הייליגע ספרים איז דער פאַרשענדער גייסט צו שטאַרק געוועזען אויפגעוועקט ביי אידען, אַז זיי זאָלען זיך אַזוי לייכט לאָזען גלויבען עמיצען; אויך דאָס פאַרטיילעבען איז געוועזען ביי אידען צו־שטאַרק ענטוויקעלט, אַז אַלע זאָלען גלייך וועלען אַנערקענען איינעם פון זיי פאַר אַנ'אויסערוועהלטען, ווייל יעדע פאַרטיי האָט פונ'ם צוקינפטיגען משיח'ן ערוואַרטעט עפּעס וואָס אַנדערש. די רעפּובליקאַנישע קנאים, די תלמידים פון יהודה הגלילי, האָבען ערוואַרטעט פון אַ משיח'ן, אַז ער זאָל ברעכען דעם רוימישען יאָך און צוריקשטעלען די גאָלדענע עפּאָכע פון דוד המלך'ס רעגיערונג; די אָנהענגער פון שמאי'ס שולע האָבען נאָך ערוואַרטעט דערצו, אַז דער משיח זאָל זיין אַ שטרענג פרומער מאַן און זאָל אָבהיטען גענוי אַלע דינים, ווי אויך די ריינע מאַראַל; די אָנהענגער פון הלל, וועלכע זענען געוועזען וועניגער פאָליטיש און פאַנאַטיש געשטימט, ווי די ביידע ערשטע פאַרטייען, האָבען אינ'ם קינפטיגען משיח ערוואַרטעט אַ מלך פון שלום, וועלכער זאָל אויסגלייכען אַלע אויסערליכע און אינערליכע רייבונגען ביי אידען. אַלע פאַרטייען האָבען אָבער גלייך איינגעשטימט אין איין זאַך: דער משיח דאַרף שטאַמען פון דוד המלך, ווייל בכלל איז דער אויסדרוק „בן דוד“—„דוד'ס זוהן“ געוואָרען מיט דער צייט גלייכבעדייטענד מיט'ן בעגריף „משיח“. אויסערדעם האָבען אַלע דאַמאָלס געגלויבט, אַז דער משיח וועט צוזאַמענברענגען צוריק אין אידישען לאַנד אַלע אידען פון אַלע עקען וועלט, און זיי וועלען קומען רייך בעלאָדען מיט מתנות פון די פעלקער, וועלכע וועלען זיי דערמיט פערגיטיגען פאַר אַלע צרות און יסורים, וואָס אידען האָבען פון זיי אויסגעליטען. אפילו די געבילדעטע אידען, וועלכע האָבען שוין געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גריכישען גייסט, האָבען אויך בעפּוצט דעם גלויבען וועגען דער גלענצענדער אידישער צוקונפט מיט גרויסער הערליכקייט און וואונדערליכקייטען. אַנ'איבערנאַטירליכע ערשיינונג, וועלכע עס וועלען זעהען נאָר די פרומע אידען, וועט די פערטריבענע אידען

דורך זייער רייכער תשובה און חרטה ברענגען צוריק אהיים פון אלע גריכישע און בארבארישע לענדער.

עס פערשטעהט זיך, אז די העכסט־אידעאליסטישע בעגריפען וועגען א משיח און זיין גליקליכער צייט האבען געהאט די עסייער, וואס זייער גאנץ אסקעטיש לעבען האט געהאט נאר איין ציעל, צו ברענגען די הימלישע מלוכה אויף דער ערד און די גרויסע צייט פון אלגעמיינעם געטליכען חסד, וועגען וועלכען עס האבען פאראויסגעזאגט די נביאים. א משיח, וועלכער האט געזאלט געפעלען און אנגענומען ווערען דורך די עסייער, האט זיך איינגאנצען געדארפט אבזאגען פון „עולם הזה" — פון דער וועלט, אנערקענענדיג איהר פוסטע נישטיגקייט; ער האט אויך געמוזט האבען מאכט איבער די שדים, אין וועלכע די עסייער האבען שטארק געגלויבט, און האט געדארפט איינפיהרען א נייע סאציאלע ארדנונג, אין וועלכער עס זאלען נישט זיין קיין רייכע און ארימע, דאס געלד, אדער, בכלל פערמעגען, זאל קיין שום ראליע נישט שפיעלען אין לעבען, נאר ארימקייט און נישט־פערמעגליכקייט זאל זיין די גרעסטע ציערונג פאר'ן מענשען.

די עסייער האבען אין יענער צייט אויך די ערשטע אויסגערופען, אז משיח מוז באלד קומען, עס איז נאהענט די צייט פון דער הימלישער מלוכה. יענער, וועלכער האט אבער צוערשט ערהויבען זיין שוואכע שטימע אין דער וויסטעניש, האט געוויס נישט געטראכט, אז זי וועט קלינגען אין אלע לענדער און וויט איבער די ימים און וועט פערזאמלען די פעלקער פון דער ערד ארום דער פאהן פון א משיח. ער האט נאר ערקלערט, אז די הימלישע מלוכה איז נאהענט, כדי איינצוליידען די זינדיגער פון אידישען פאלק צו לערנען תשובה צו טהון, חרטה צו האבען אויף זייערע זינד און אויסבעסערען זייערע מעשים. דער עסייער, וועלכער האט אט דעם אויפרוף געמאכט, איז געוועזען יוחנן דער טובל'ער, אנ'איינפאכער עסייער, וועלכער פלעגט, לויט'ן מנהג פון דער סעקטע, זיך טובל'ען טעגליך אין קוואל וואסער. ער האט געלעבט איינגאנצען אויפ'ן שטייגער פון די עסייער. ער פלעגט זיך שפייזען פון היישעריקען און ווילדען האניג און זיך קליידען, ווי די פארצייטיגע נביאים, אין א קלייד פון קעמעל־האר און א לעדערנעם גארטעל. ווי עס שיינט, איז יוחנן געווען איבערצייגט, אז ווען דאס אידישע פאלק זאל איינגאנצען תשובה טהון אויף זיינע זינד און זיך טובל'ען אין ירדן, דאס הייסט, אנהויבען אבצוהיטען די דינים פון טומאה און טהרה, לויט ווי די תורה האט געבאטען, און אויך אבהיטען אלע מנהגים פון די עסייער, אנגעהמענדיג זייער שטייגער לעבען, וועט די האפענונג וועגען א משיח פערווירקליכט ווערען, און ממילא וועט די הימלישע מלוכה קומען) אויף דער ערד. און אט צוליעב דעם האט ער איינגעלאדען דאס גאנצע אידישע פאלק צו קומען זיך טובל'ען אין ירדן, דאס הייסט: אנצונעהמען דאס

שטייגער לעבען פון די עסייער און תשובה טהון, כדי צו ווארטען אויף דער הימלישער מלוכה (ווי עס שיינט, אין יאהר 29).

משמעות, יוחנן האט געלעבט צוזאמען מיט אנדערע עסייער אינ'ם מדבר, נישט ווייט פון ים המלח, כדי צו קאנען אין יעדער צייט אויפנעהמען נייע חברים און טובל'ען זיי, ערקלערענדיג דערביי, וואס ער פערשטעהט אונטער דער טבילה. ס'איז קיין ספק נישט, אז דאדורך פלעגט מען בלויז אנגענומען ווערען אין דער עסייאישער סעקטע. עס איז אויך גאנץ מעגליך, אז עס האבען זיך געפונען פיעל מענשען מיט א שוואכען געמיט, וועלכע האבען שוין מעהר נישט געקאנט אריבער־טראגען דעם יאמערליכען צושטאנד, אין וועלכען אידען האבען זיך אין יענער צייט געפונען אונטער דער הערשאפט פון די פערדארבענע רוימער, און, זוכענדיג א טרייסט אין די גרויסע האפענונגען אויף א משיח, זענען זיי געקומען צו די עסייער, כדי צו לעבען מיט זיי צוזאמען; פאר'ן אנקומען אין דער עסייאישער סעקטע האבען זיי אבער זיך אנגעהויבען טובל'ען יעדען טאג אין ירדן. און ווער האט עס נישט געוואלט אראב־ברענגען די הימלישע מלוכה אין אזא שווערע צייט, בפרט, אז מען האט יעם געקאנט דערגרייכען נישט מיט צו־גרויסע קרבנות, נאר מיט'ן אבזאגען זיך פון געוויסע געוואהנהייטען? צי איז טאקי דער המון גע־ווארען בעסער, דאדורך, וואס ער האט זיך גע'טובל'ט אין ירדן, און צי האט בכלל דאמאלס די טבילה, אלס סימבאלישע טהאט, געמאכט אויף זיי א מאראלישען איינדרוק? בכלל האט דאס אידישע פאלק, בפרט די מיטעלע קלאס פון די שטאדטישע איינוואהנער, גארנישט געברויכט קיין שטארקע מאראלישע אויפרעגונג, כדי זיך צו בעסערען, ווייל די דאזיגע קלאס אין אין יענער צייט גאר נישט געוועזען קיין פערדארבע־נע ביי אידען, און די מיטלען, וועלכע די פעסטגעשטעלטע, שוין פאל־קאם ערקלערטע אידישע רעליגיע האט דער קלאס געגעבען, זענען געוועזען גאנץ גענוגענד, צו גלייכצוהאלטען דאס פאלק אויפ'ן רעכטען וועג פון פרומקייט און מאראל. נאר אויב אין דער קלאס האט יוחנן דער טובל'ער נישט געקאנט געפינען קיין געהעריגען באדען פאר זיין טעטיגקייט האט אפשר זיין אויפרוף געקאנט ברענגען נוצען אין אנדערע צוויי פאלקס־שיכטען: אין הויכען אויבען און אין טיעפען אונטען פונ'ם פאלק. די רייכע אריסטאקראטיע איז דאמאלס מאראליש זעהר פער־דארבען געווארען דורך דעם שלעכטעןביישפיעל פון די פערדארבענע און אויסגעלאסענע רוימער; אין דער גאנץ־ניעדעריגער שיכטע פון פאלק ווידער האבען זיך געפונען ארימע, אויסגעמאטערטע, געפייניגטע, עלענ־דע מענשען, וועלכע זענען האלב פערווילדעט געווארען פון שטענדיגע יסורים און בעדריקונג. אזעלכע אונגליקליכע האט מען בעזונדערס גע־קאנט טרעפען געוויג אויפ'ן לאנד, אין די דערפער, וואו די רוימער פלע־גען אויסזויגען דעם מארך פונ'ם ארימען ארבייטער מיט די גרויסע אב־

צאהלונגען און דורך דער גרויזאמער בעהאנדלונג. אבער די חויכע אריסטאקראטיע האט זיך נאר אויסגעלאכט פונ'ם פאנטאזיאר, וועלכער האט געוואלט אראבברענגען די הימלישע מלוכה און די פלאים פון משיח'ס צייטען דורכ'ן טובל זיין זיך אין ירדן, און דאס גאנצ־ארימע פאלק איז געווען צו־שטארק פערווילדעט, אז עס זאל זיין פעהיג צו טראכטען וועגען א מאראלישע פערבעסערונג.

דער ענין טבילה, דערונטער אויך די בעדייטונג פון דער טבילה ביי די עססייער, איז געווען אזוי קלאר און פערשטענדליך אין יענער צייט ביי אידען, בעזונדערס, פאר די אידישע חכמים, אז יוחנן'ס אויפרוף האט נישט געקאנט דערוועקען קיין שום חשד, אדער אפילו אויפמערקזאמקייט צווישען די פארשטעהער פון דער הערשענדער פרושים־פארטיי. די תלמידים, וועלכע זענען געקומען צו יוחנן און פעראייניגט זיך מיט איהם, איבערנעהמענדיג אינגאנצען זיין שטייגער לעבען, האבען אבגעהיט אויף דאס גענויעסטע אלע דינים פון דער תורה שבכתב און בעל פה, אפילו אויך די אויסערליכע מנהגים. אויב די שולען פון הלל און שמאי האבען נישט בעזונדערס געהאלטען פון די עססייאישע חלומות און זייער צו־גרויסער פרישות, האבען זיי דאך אבער אויך נישט געפונען קיין שום סתירה צווישען זייער תורה און דעם לעבען פון די „טובלי־שחרית", ד. ה. די, וועלכע פלעגען אבהיטען די פריהמארגענדיגע טבילה אין מקואות.

פון דער זייט אליין האט יוחנן נישט בעגעגענט קיין שום שטערונג פאר זיין טעטיגקייט. די פרומע אידען האבען מיט זייער גרויסער תמימות געזעהען אין זיין אויפרוף אויך נאר אנ'אקט פון פרומקייט, נישט מעהר. די וועלטליכע מאכט, דאגעגען, די רעגירונג פון הורדוס אנטיפאס, און בכלל די אנהענגער פון הורדוס'עס משפחה, וועלכע האבען תמיד זיך בעצויגען מיט חשד צו יעדער בעוועגונג אין אידישען לעבען, ווייל זיי אליין האבען אינסטינקטיוו געשפירט, אז זיי זענען פרעמדע ביי אידען — אט זיי האבען זיך בעצויגען מיט חשד צו איינעם מענשען, צו וועלכען דאס פאלק פלעגט לויפען, וועלכער האט דורך זיינע איבערראשענדע רייד געקאנט מאכען א שטארקען איינדרוק אויף די געמיטער און, ממילא, אויך ארויסטרעטען מיט זייער הילף אלס פאליטישער אגיטאטאר. ווי מען דערצעהלט, האט הורדוס אנטיפאס, וואס אין זיין לאנד האט זיך געפונען יוחנן, געשיקט זיינע סאלדאטען, צו נעהמען איהם געפאנגען און אריינווארפען אין תפיסה. צי איז יוחנן געזעסען א לאנגע צייט אין דער תפיסה, און צי האט ער אין דער אמת'ן נאך דערלעבט צו זעהען, ווי איינער פון זיינע תלמידים איז פערעהרט געווארען, ווי א משיח, ווי מען האט שפעטער דערצעהלט, איז היסטאריש אונבעוואוסט. געוויס איז אבער, אז אנטיפאס האט געלאזט איהם אבהאקען דעם קאפ. די ערצעהלונג וועגען אנטיפאס'עס ווייב, הער־

ראַדיאַס (הורודיה) און איהר יונגער טאָכטער, וועלכע האָט געבראַכט דער מוטער יוחנן'ס פֿערבלוטיגטען קאָפּ אויף אַ שיסעל, קאָן געשיכטליך געווים אונמעגליך אמת זיין. — נאָכדעם, ווי מען האָט יוחנן איינגעשלאָסען אין תפיסה, האָבען איינינע פֿון זיינע תלמידים געפֿיהרט ווייטער זיין טעטיגקייט, אָבער קיינער פֿון זיי האָט נישט געהאַט אַזאַ געוואַלדיגען ערפֿאָלג, ווי יעזוס, אָדער ישו, פֿון גליל. דער תלמיד האָט באַלד אריבערגעשטיגען זיין לעהרער.

ישו פֿון נצרת (אַ קליין שטעדטעל אין ניעדעריגען גליל, אין דרום־זייט פֿון צפּורי) איז געווען דער בכור פֿונ'ם ביז דאַמאָלס אונבעוואוסטען אידישען סטאָליאַר, יוסף, וועלכען עס האָט איהם געבוירען זיין פֿרוי מרים, אָדער מאַריאַ, און נאָכדעם האָט זי איהם געבוירען נאָך פֿיער זיהן: יעקב, יוסי, שמעון און יהודה, ווי אויך עטליכע טעכטער. צי ישו'ס פֿאָטער, יוסף, אָדער זיין מוטער, האָבען געשטאַמט פֿון דוד המלך'ס הויז, איז געשיכטליך נישט דערוויזען געוואָרען און דאָס איז אויך נישט מעגליך געווען צו דערווייזען. פֿון ישו'ס יוגענד־צייט איז אויך קיין איינציגע שפּור נישט געבליבען.

אויף וויפֿיעל ער איז געווען געלערנט אין דער תורה, קאָן מען אורטיילען נאָר לויט דעם אַלגעמיינעם דאַמאָלדיגען אידישען בילדונגס־צושטאַנד אין גליל. די איינוואָהנער פֿון גליל האָבען געוואָהנט ווייט פֿון ירושלים און דעם בית־המקדש, און אין ידיעת התורה זענען זיי דעריבער געשטאַנען פֿיעל ניעדעריגער פֿאַר די אידען אין יהודה. די שטענדיגע וכּוחים, וועלכע פֿלעגען געהאַלטען ווערען צווישען די תלמידי חכמים אין בית־המקדש, פֿלעגען דיענען פֿאַר אַ לעבעדיגע שולע פֿאַר די אידען, וועלכע פֿלעגען אין בית־המקדש קומען, און זיי זענען, אַ דאַנק דעם, געווען זעהר בעהאַוועגט אין דער תורה; אין גליל האָט דאָס געפֿעהלט אינגאַנצען. דאָס לאַנד, וואו עס האָבען זיך שפּעטער געדאַרפֿט געפֿינען די גרויסע אידישע ישיבות און בתי־מדרש אין צפּורי און טבריה, איז פֿאַר'ן חורבן פֿון בית־המקדש געווען זעהר אָרים אין שולען, וועלכע זאָלען פֿערשפּרייטען די ידיעת התורה. דערפֿאַר אָבער זענען די אידען פֿון גליל געווען זעהר פֿרום און פֿלעגען ערפֿילען זעהר שטרענג און גענוי יעדען קלענסטען דין אָדער אפילו יעדע חומרא; פֿיעל זאַכען, וועלכע מען האָט אין יהודה געהאַלטען פֿאַר ערלויבט, פֿלעגט מען אין גליל האַלטען פֿאַר פֿערבאָטען. די איינוואָהנער פֿון גליל האָבען געהאַט אַ נאָמען פֿאַר כּעסנים, קפּדנים און עקשנים. לעבענדיג אין שכנות מיט די סירער, האָבען זיי פֿון זיי פֿיעל אָבגעלערנט פֿיעל אַבערגלויבענס. אין גליל זענען געווען פֿיעל משוגעים, און די דאָרטיגע אַבערגלויבישע איינוואָהנער האָבען זיי געהאַלטען פֿאַר געפּלאָגטע דורך שדים, רוחות און דבּוקים, ווי מען פֿלעגט דאָרט בכלל האַלטען יעדע חולאת פֿאַר דער ווירקונג פֿון די שדים און רוחות רעות. צוליעב דעם לעבען נאָהענט

מיט די סירער, איז אויך די גאליליישע שפראך געווען פערדארבען און זעהר שטארק געמישט מיט אראמיש. אפילו די אויסשפראך פון העברעאיש איז ביי זיי נישט געווען קיין ריינע, און פיעל אותיות פלעגען זיי אזוי פערביטען אין רעדען, אז די איינוואהנער פון יהודה פלעגען פון זיי תמיד אבשפאטען, היטענדיג אליין זעהר שטארק די ריינע און שענע אויסשפראך פון העבעראיש. אין יהודה פלעגט מען דערקענען דעם גליל-אידען באלד ביי'ם ערשטען ווארט, וואס ער פלעגט ארויסרעדען, און מען פלעגט זיי דעריבער נישט לאזען דאווענען פאר'ן עמוד, דען זייער אויסשפראך פלעגט דערוועקען א געלעכטער ביי'ם עולם. — ישו'ס געבורטס-שטעדטעל איז אין די אלע היגזיכטען נישט געווען קיין אויסנאהם. דאס איז געווען א קליין שטעדטעל צווישען די בערג אין א געגענד, וואס איז געווען נישט פרוכטבארער, ווי די אנדערע געגענדען אין גליל. מיט דער געגענד פון שכם, וועלכע איז רייך געווען אין קוואלען, האט זי בשום אופן נישט געקאנט פערגלייכען זיך.

צוליעב זיין אבשטאמונג פון גליל, האט ישו בשום אופן נישט געקאנט זיין אזוי טיעף און גרינדליך בעקאנט מיט דער תורה, ווי די אידען פון לאנד יהודה, וואו די שולען פון הלל און שמאי האבען זי פערשפרייט אין פאלק. זיין ווירקונגס-קרייז האט צוליעב דעם געקאנט זיין נאר דער גליל. וואס עס האט איהם אבער געפעהלט אין ידיעת-התורה, האט ער געקאנט אויספילען מיט זיין רייכען געמיט. עס איז קיין ספק נישט, אז ער איז געווען העכסט ערנסט-מאראליש און האט געפיהרט א הייליג לעבען. זיין מילדקייט און ענִיוות דערמאהנען פיעל אן דעם גרויסען תנא הלל, וועלכען ער האט, ווי עס שיינט, גענומען זיך פאר א מוסטער, און האט אויך געמאכט פאר א הויפט-פונדאמענט פון זיין לעהרע הלל'ס גאלדענעם מאמר: „וואס דו ווילסט נישט, אז מען זאל דיר טהון, זאלסטו קיין אנדערען נישט טהון". ער פלעגט אויך בעטראכטען, גלייך ווי הלל, דעם שלום און די פערציהונג אויף א בעליידיגונג פאר דער העכסטער גוטער מדה. ער איז געוויס געווען דורכגעדרונגען מיט יענעם הויכען רעליגיעזען געפיהל, וועלכעם ווידמעט גאט נישט נאר די צייט פון געבעט, נאר דעם גאנצען טאג. ער איז געוויס געווען דורכגעדרונגען פון יענער ליעבע צום צווייטען, וועלכע דאס יודענטום בעפעהלט צו האבען אפילו אויך געגען א פיינד. מעגליך, אז אין דער פעהיגקייט צו ליידען און שווייגען האט ער דערגרייכט צו דער העכסט-אידעאלער מדרגה, וועלכע עס האבען אנגעוויזען די פרושים: „דו זאלסט זיין צווישען די אונטערדריקטע און נישט צווישען די בעדריקער; דו זאלסט הערען, ווי מען לעסטערט דיך און נישט ענטפערען; טהו אלץ דורך ליעבע צו גאט און פרעה זיך, ווען דו זעהסט, אז יסורים קומען אויף דיר". בלי ספק האט ער אויך געהאט א סימפאטישע גע-

שטאַלט, וואָס האָט נישט ווענינ מיטגעווירקט, אז זיינע רייד זאָלען מאַכען אַ שטאַרקערען איינדרוק.

די גאַנצע ריכטונג פון זיין געמיט, זיין נאַטירליכער כאַראַקטער האָט איהם געמוזט ציהען צו די עסייער, וועלכע האָבען געפיהרט אַ שטיל, טרוימעריש לעבען און זענען געווען פרעמד פון דער וועלט מיט איהר קליינליכקייט. און דעריבער, ווען יוחנן דער טובל'ער, אָדער ריכטיגער, דער עסייער, האָט גערופען אַלעמען צו קומען טובל'ען זיך אין ירדן, תשובה צו טהון און מיטווירקען צום אַראָפּברענגען דאָס מלכות פון הימעל, איז ישו צו איהם אויך געקומען, און ער האָט איהם געפיהרט צו דער טבילה. אויב ישו איז אפילו פאָרמעל אויך נישט אַריינגעטראָטען אין דער סעקטע פון די עסייער, האָט ער דאָך אָבער, בלי ספק, אָנגענומען זייערע פּרינציפּען אין לעבען און דענקען. גלייך ווי די עסייער, האָט ער אויך געשטעלט די פרייוויליגע אָרימקייט זעהר הויך און האָט פעראַכטעט די עשירות, דאָס געלד. מען ערקלערט, אַז ער זאָל געזאָגט האָבען: „גליקליך זענען די אָרימע, דען זיי געהערט דאָס מלכות פון הימעל“, „לייכטער איז פאַר אַ קעמעל צו געהען דורך אַן אויגעל פון אַ נאָדעל, איידער דעם רייכען מאַן אַריינצוקומען אין דער מלוכה פון הימעל“, „מען קאָן נישט דיענען צוויי הערען: גאָט און דעם ממון (דעם געלד)“. צוזאַמען מיט די עסייער האָט ישו אויך געפיהלט אַן'אָבשוי פאַר דער פעראייניגונג מיט אַ פרוי: „עס איז נישט גוט חתונה צו האָבען“. ער האָט געלויבט יענע לייט, וועלכע פלעגען זיך אליין, דורך אַ געוויסע אָפּעראַציע, אומפעהיג מאַכען צום חתונה האָבען. דאָס שותפות'דיגע פערמעגען, וועלכעס די עסייער האָבען געהאַלטען פאַר אַ פּרינציפּ פון זייער סעקטע, איז דורך ישו אויך נישט בלויז אָנערקענט, נאָר טאַקי רעקאָמענדירט געוואָרען זיינע תלמידים און אָנהענגער. פונקט, ווי די עסייער, האָט ער אויך געלערנט זיינע תלמידים נישט צו שווערען: „שווער איבערהויפּט נישט, נישט ביי'ם הימעל, נישט ביי דער ערד נישט ביי דיין קאָפּ, נאָר זאָל דיין „יאָ“ זיין יאָ, און דיין „ניין“ — ניין“. די וואונדערליכע קוראַציעס, וועלכע ער האָט, ווי עס ווערט דערצעהלט, געמאַכט, נעמליך, דאָס אַרויסטרייבען רוחות און שדים דורך לחשים, איז אויך געווען איינע פון די הויפּט־בעשעפטיגונגען פון די עסייער.

ווען הורדוס אַנטיפּאַס האָט ערקלערט יוחנן'ס טעטיגקייט פאַר אַ פּאָליטיש־געפעהרליכע און בעפוילען איהם אַריינצוואַרפען אין תפיסה, האָט ישו גאַנץ איינפאַך געטראַכט, צו פיהרען ווייטער יוחנן'ס טעטיגקייט. ווי יוחנן, האָט ער אויך ערקלערט: „טהוט תשובה, ווייל דאָס מלכות פון הימעל איז נאָהענט“, — דאָס הייסט: משיח'ס צייט איז נאָהענט. צי האָט ער שוין דאַמאָלס געטראַכט וועגען דעם, אַז ער וועט אין יענער צייט שפּיעלען די הויפּט־ראָליע, איז אונבעוואוסט. מען־

ליך, אז ער האט איינגעזעהן, אז אום זיין שטימע זאל שוין נישט בלייבען קיין קול אין דער וויסטע, ווי יוחנן'ס שטימע, נאר האבען א ווירקונג, איז נויטיג, אז ער זאל זיך ווענדען צו א בעשטימטער קלאס פון דער בעפעלקערונג, און נישט צום גאנצען פאלק בכלל. ווי שוין דערמאהנט, איז די אידישע מיטעל־קלאס, די בעפעלקערונג פון די שטעדט, אין יענער צייט געוועזען גאנץ פרום, און נישט אט די בעפעלקערונג האט זיך גענויטיגט אין א בעזונדערער אויפרעגונג צו תשובה, נישט אנ'אויפרוף וועגען דעם וואלט ביי איהר געקאנט האבען א בעזונדערן ערפאלג. די רייד, וואס עס זאל האבען ארויסגעזאגט פאר ישו'ן א יונגער מאן, וואס האט געזוכט דאס אייביגע לעבען: „פון דער יוגענד אן האב איך גאטעס געבאט אבגעהיט, כ'האב נישט געמארדעט, נישט גע'נואפ'ט, נישט גע'גנב'עט, נישט געזאגט קיין פאלשע עדות, כ'האב געעהרט פאטער און מוטער און געליעבט דעם צווייטען, ווי זיך זעלבסט" — אט די ודוי האט אויך געקאנט ארויסזאגען אין יענער צייט יעדער דורכשניטליכער איד פון דער מיטעלער קלאס. די תלמידים פון שמאי און הלל, די אנהענגער פון יהודה הגלילי, די ערביטערטע פיינד פון די רוימער און הורדוס'עס משפחה, זענען געווים נישט געוועזען מאראליש קראנק און האבען אלענפאלס קיין רופא פאר זייער נשמה נישט געברויכט, געפינענדיג אין דער תורה פון פרושים אלץ, וואס אזעלכער וואלט זיי געקאנט געבען און נאך פיעל מעהר. מיט רעכט האט דעריבער ישו גאר נישט געטראכט וועגען אט דער קלאס און זיך נישט בעמיהט זי צו בעסערען. אבער אויך אויף די רייכע לייט, די אנהענגער פון די רוימער און פון הורדוס'עס משפחה האט ישו זיך נישט בעמיהט צו ווירקען. די דאזיגע לייט וואלטען דעם ווייניג געלעהרטען פרעדיגער בעהאנדעלט מיט שפאט און שאנד, ווען ער וואלט זיי געשטראפט פאר זייער פערקויפטקייט און פוסטקייט. ער האט אבער מיט א ריכטיגען טאקט זיך געווענדעט צו יענע, וועלכע זענען געוועזען כמעט ארויסגעשטויסען פון דער אידישער געזעלשאפט. אין אידישען לאנד זענען געוועזען אויף אזעלכע מענשען, וועלכע האבען גאר נישט געהאט קיין בעגריף פון די גרויסע ווארהייטען פונ'ם יודענטום, פון זיינע געזעצען, פון זיין גרויסער געשיכטע און פון זיין צוקונפט. עס זענען אויך געוועזען אזעלכע, וואס האבען געבראכען דאס געזעץ, אדער, ווי מען פלעגט זיי דאמאלס רופען: זינדער, וועלכע זענען צוליעב דעם ארויסגעשטויסען געווארען פון דער אידישער געזעלשאפט און, אדער זיי האבען זיך אליין נישט בעמיהט אריינגענומען צו ווערען אין איהר צוריק, אדער זייער בעמיהונג אין דער הינזיכט איז געוועזען אומזיסט. עס זענען געוועזען ארענדאטארען פון מלוכה־אבצאהלונגען, אדער איינמאהנער פונ'ם אבצאהל, וועלכע די קנאים פלעגען אויסמיידען, ווי קרעציגע מענשען, ווייל וואס זיי האבען געהאלפען די רוימער צו בערייסען אידען. זיי אליין האבען זיך אויך אבגעווענדעט פונ'ם

בעזעץ און געפיהרט א פערווילדעטע, וויסט לעבען, נישט קימערנדיג זיך נישט וועגען דער פערגאנגענהייט, נישט וועגען דער צוקונפט. פאר די דאזיגע לייט האט די אידישע פערגאנגענהייט גארנישט עקזיסטירט: דער בארג סיני האט פאר זיי נישט געפלאמט אין פייער, די נביאים האבען פאר זיי נישט געהאלטען זייערע הויכע און שענע רעדעס; די הכמים וויר דער האבען זיך אויך נישט וועגען זיי געקימערט, דען זיי פלעגען זיין פער־נומען תמיד מעהר מיט'ן אויפבויען די תורה, איידער מיט'ן אויסטייטשען איהר, מיט'ן מאכען פערשטענדליך איהרע פרינציפען, ווי אויך די רייד פון די נביאים. די פערברעכערישע לייט פלעגען זיי נישט בלויז נישט מקרב זיין, זיי פלעגען זיי נאך אבשטויסען דורך זייער אויבער־פרומקייט.

און צו אט דער דאזיגער פאלקס־קלאס האט ישו זיך געוואלט ווענדען, כדי ארויסצורייסען זי פון דער טעמפיגקייט, אונוויסענהייט און גאט־פערגעסענהייט. „די פערלארענע שעפסען פון הויז ישראל צו ראטעווען — האט ער געוואלט — די געזונדע, ד. ה. די, וועלכע האבען די תורה געקענט, ברויכען נישט קיין רופא, נאר די קראנקע ברויכען איהם, כדי קיין איינציגער פון די גרינגערע זאל נישט געהן פערלארען". דורכגעדרונגען פון דער דאזיגער אויפגאבע—די זינדער, די אבצאהל־מאהנער, די ערנדאטארען און פערווארפענע מיידלעך צו דערהויבען, דורך דעם עסיר־אישען שטייגער לעבען, צו דערוועקען זיי צו תשובה און פארבריימען זיי פאר דער נאהנטער משיח'ס צייט — איז ישו צוערשט ארויסגעטראטען אין זיין געבורטס־שטאדט נצרת. אבער דארט האט מען איהם געקענט פון קינדווייז אן און בעגעגענט מיט בייזער פעראכטונג. ווען ער איז אום שבת ארויסגעטראטען מיט א רעדע אין שוהל וועגען תשובה, האבען די צוהערער געפרעגט איינער ביי'ם אנדערען: „צי איז דאס נישט דער זוהן פון יאסי דעם סטאליאר? צי געפינען זיך דען נישט ביי אונז זיין מוטער, שוועסטער און ברידער". דערביי האט מען צוגערופען: „רופא הייל זיך אליין אוים!"— פון אט דער בעהאנדלונג אין דער אייגענער שטאדט שטאמט דאס שפריכווארט: „דעם נביא הערט מען אוים אממוועניגסטען אין זיין געבורטס־שטאדט." ישו האט דעריבער פערלאזען די שטאדט נצרת, כדי מעהר קיינמאל אהין נישט צו קומען.

א בעסערען ערפאלג האט ער געהאט אין דער שטאדט קאפער־נאאום (כפר נחום), וועלכע איז געלעגען אין מערב־זייט פון ים־טבריה די דארטיגע געגענד איז געווען זעהר פרוכטבאר און שען, און די איינ־וואהנער האבען זיך אונטערשיידעט פון די איינוואהנער פון נצרת, ווי א מילד קלימאט פון א קאלטען צפון־לאנד. אין קאפערנאום זענען געווען פיעל זינדיגע נשמות, און אויך א גרויסער קאנטראסט צווישען גאנץ רייכע אין גאנץ ארימע. אין דער שטאדט האט ער דעריבער געפונען מעהר פלאץ פאר זיין ווירקונג. זיינע ערנסטע רייד האבען דא געפינען א פובליקום, וועלכעס האט גיגעפענט דאס הארץ און די אויע־

רען פאר איהם: עס זענען צו איהם געקומען צוהערער פון דער נידעריגער קלאס, און אט זיי זענען „נאך איהם געגאנגען". צו זיינע ערשטע אנהענגער פון קאפערנאום האבען געהערט שמעון מיט'ן ביינאמען כיפא, אדער פעטרוס, זיין ברודער אנדרעאס, די זיהן פון יונה, ביידע פישערס; ווייטער: ביידע זיהן פון א געוויסען זבדי — יעקב און יחנן, אויך א רייכער ארענדאטאר פונ'ם אבצאהל, וועלכער ווערט אין איין ארט גערופען לוי און אינ'ם אנדערן — מתתיהו, וואס אין זיין הויז פלעגט ישו זיך אפט אבשטעלען און פערברענגען דארט מיט די מענשען פון נידעריגסטען שטאנד. אויך פרויען פון זעהר א צווייפעלהאפטען שטאנד זענען געוועזען פון זיינע אנהענגערינס; פון זיי איז די בעריהמטעסטע געווארען מאריא מאגדאלענא (פון דער שטאדט מגדלא נעבען טבריה), פון וועלכער עס האבען געמוזט ארויסגעטריבען ווערען זיעבען טייוולאנים, דאס הייסט, נאך דאמאלדיגען אויסדרוק—זיעבען פערברעכען. פון די דאזיגע זינדערינס האט ישו געמאכט פרומע פרויען, וואס האבען תשובה געטהון. אלענפאלס איז עס פאר יענער צייט געווען אנ'אונערהערטע זאך, אז א אידישער לעהרער (א רבי) זאל זיך אבגעבען מיט פרויען און דערצו נאך מיט אזא רעפוטאציע.

ישו האט אבער פערשטאנען, ווי אזוי צו דערהויבען צו זיך די דאזיגע זינדיגע נשמות און אונמאראלישע מענשען דורך זיינע רייד און גוטען ביישפיעל; ער האט ערפילט זייער הארץ מיט ליעבע צו גאט און דערגרייכט, אז זיי זענען געווארען „ווערטע קינדער פון פאטער אין הימעל", וועלכע זאלען זיך האבען אזוי אויסגעבעסערט דורך א פרום און הייליג לעבען, אז „עס האט זיך פאר זיי געעפענט די אויסזיכט אריינצוטרעטען אין דער מלוכה פון הימעל". דאס איז געוועזען דער גרעסטער מופת, וואס מען האט דאמאלס געקאנט בעווייזען. אין זיינע תלמידים, אין די מאנסבילען, ווי אין די פרויען, האט ער תמיד געפלאנצט אלע אידישע נאציאנאלע אלטע מדות טובות, וועלכע ער האט געפונען ביי די עסייער: די ענוות, דאס פעראכטען די עשירות און די ליעבע צי שלום. ער האט זיי בעפוילען נישט צו האלטען ביי זיך נישט קיין גאלד, נישט קיין זילבער אדער קופער־געלד, נישט צו האבען קיין צוויי קליידער, אדער שיך אויף די פיס. ער פלעגט זיי פארשטעלען די קינדער פאר א מוסטער און לערנען, אז זיי זאלען זיין אזוי ריין פון זינד, אזוי ווי די קינדער, און כמעט פון דאס ניי געבוירען ווערען, כדי צו קאנען אריינגענומען ווערען אין דער נייער מלוכה פון משיח'ן, וועלכע האלט ביי'ם אנקומען. דאס געבאט צו ליעבען דעם צווייטען האט ער פערבעסערט אזוי, אז מען דארף אן זיך פערזענליך גאר פערגעסען: „גיעט דיר עמיץ א פאטש אין איין באק, שטעל אהים אונטער די צווייטע באק, און נעהמט ביי דיר עמיץ דיין מאנטעל, גיעב איהם אויך אב דיין העמד". די ארימע לייט האט ער ערקלערט, אז זיי זאלען נישט זאר־

גען פאר שפייז און געטראנק, אדער פאר קליידער, אנווייזענדיג אויף די פויגעלעך אין הימעל און בלומען אין פעלד, וועלכע ווערען ערנעהרט און בעקליידעט אהן קיין שום דאגה פון זייער צד. די רייכע לייט האט ער געלערנט ווי אזוי צו געבען צדקה: „די לינקע האנד טאר נישט וויסען, וואס די רעכטע טהוט". ער האט אויך אנגעוויזען, ווי אזוי מען דארף תפלה טהון אין דער שטיל אין צימער*) און האט צוזאמענגעשטעלט אויך א קורצע תפלה (פאטער אונזער), וועלכע איז, מעגליך, שוין געווען פריהער ביי די עסייער.

פון דעם דאמאלדיגען יודענטום האט ישו גארנישט אנגערירט; ער האט גאר נישט געטראכט צו ווערען אן'אויסבעסערער פונ'ם יודענטום, אדער אויפטהון עטוואס נייעס; ער האט נאר געוואלט ערציהען אלע זינדיגע נפשות אין גערעכטיגקייט און לעבענס־הייליגקייט, כדי ווערט צו מאכען זיי פאר משיח'ס צייטען. די אחדות (איינהייט) פון גאט האט ער בעטאנט זעהר שטארק, און בשום אופן האט ער נישט געמיינט צו בעניינען עפעס־וואס אין דעם בעגריף פונ'ם יודענטום וועגען דער גאטהייט. ווען איינער פון די אידישע חכמים האט ביי איהם איינמאל געפרעגט, וואס איז דער הויפט־בעגריף פון יודענטום, האט ער געענטפערט: „שמע ישראל, אונזער גאט איז איינציג" און „דו זאלסט ליעבען דיין צוויטען, ווי זיך אליין". דאס זענען די הויפט־געבאטען. זיינע אנהענגער, וועלכע זענען געבליעבען געטריי דעם יודענטום, האבען איבערגעגעבען, אז ער האט געזאגט: „איך בין ניט געקומען, כדי עטוואס ארונטערצינעהמען פון דער אידישער תורה, אדער צו צולעגען עטוואס צו איהר. גיכער וועלען אונטערגעהן הימעל און ערד, אידער עס וועט געמינדערט ווערען איין איינציגער יוד פון דער תורה". געגען די קרבנות האט ישו נישט איינגעווענדעט; ער האט, פערשטעהט זיך, ווי אויך די פרושים, געפאדערט, אז דער מענש זאל פריהער מאכען שלום מיט'ן מענשען, אידער ער געהט זיך פערזיינען מיט גאט. אפילו די תעניתים האט ישו נישט מבטל געמאכט, נאר ער האט פערלאנגט, אז מען זאל זיך דערמיט נישט פוצען און בערימען, נאר פערקעהרט, מען זאל אינ'ם תענית ערשיינען אזוי צופריעדען פאר לייטען, אז קיינער זאל גארנישט וויסען, דאס מען פאסט. אין זיינע קליידער האט ער געטראגען ציצית. ער איז אזוי פעסט און גאנץ געשטאנען אין יודענטום, אז ער האט אפילו אויך געהאט דעם אבערגלויבען פון יענער צייט אין דער בעציהונג צו די געצענדיענערישע פעלקער, וועלכע ער האט גרינדליך פעראכטעט און האט מיט זיי נישט געוואלט האבען קיין מגע ומשא.

*) די אלע דאזיגע למודים און משלים געפינען זיך אין די אלטע אידישע ספרים אדער אין מאמרים פון אונזערע חכמים, וואס זענען געווען פאר יענער צייט, און פון דארט זענען זיי גענומען געווארען. איבערזעצער.

„מען זאל דאס היילינע נישט ארויסווארפען פאר הינד, און די פערל — נישט פאר חזירים, כדי זיי זאלען עס נישט צוטרעטען מיט די פיס און נישט פערניכטען“ — האט ער ערקלערט, רעדענדיג וועגען די געצענ־דינער.

זיין הויפט־פערדיענסט בעשטעהט דערין, וואס ער האט, ווי הלל, אינגערליך פערטיעפט די געזעצען פון יודענטום, אויפגעהמענדיג זיי מיט הארץ און געמיט — און דאס איז שוין גארנישט קיין קליינינ־קייט; — ער האט בעטאנט, אז די בעציהונג פון אידען צו זייער גאט, איז די זעלבינע, וואס די בעציהונג פון קינדער צו זייער פאטער. די ברי־דערשאפט צווישען מענשען האט ער בעזונדערס דערהויבען, די געזע־צען פון דער מאראל געשטעלט אויפ'ן ערשטען פלאן און, ענדליך, האט ער די לעהרע פון דער ליעבע צו גאט און פון היילינקייט צוגעטראגען און מעגליך געמאכט אויך פאר די געפאלענסטע מענשען.

אבער בלויז דורך זיין לערנען מיט די נאהנטע מענשען וואלט ישו זעהר שווער בעקומען פאר זיך אזעלכע ערגעבענע אנהענגער און אזא שטארקע ווירקונג, ווען ער וואלט נישט אנגעצונדען און פערוואונ־דערט די געמיטער דורך וואונדערליכע מעשים, וועלכע האבען זיי גער מאכט שטוינען. זיין אויסערליכע געשטאלט. זיין פער'חלומ'טקייט, זיינע איבערצייגענדע משלים האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק. אבער, כדי צו דערהאלטען די בעגייסטערונג אויף לאנג און די טעמפע פאלקס־מאסען, וועלכע האבען געהאט גאנץ וועניג פערשטאנד פאר דאס אידער אלע, כדי צו פועל'ן, אז זיי זאלען איהם אונבעדינגט גלויבען, דערצו האט ער געברויכט צו האבען עטוואס אנדערש. און אט דערצעהלען די קריסטליכע ביכער, אז ער האט אויף א וואונדערליכען אופן קורירט חולאים; זיינע תלמידים האבען זיך מיט דער דאזיגער קראפט בעריהמט מעהר, ווי מיט זייער היילינען לעבען. דער המון האט מעהר בעוואונ־דערט זיין קראפט איבער די שדים און רוחות, איידער זיין מאראלישע הויכקייט, און ערשט דאן איז ישו ערשיענען פאר די נידעריגע קלאסען און פערזאנען אלס אנ'אונגעוועהנליכער מאן, ווען ער האט אויסגעקו־רירט משוגעים, מעגליך, דורך זיין שטארקען מאראלישען איינפלוס.

נאך דעם גרויסען ערפאלג, וואס ישו האט געהאט פאר זיין טעטיגקייט אין קאפערנאום, וואו ער האט בעקומען א קרייז פון תלמידים, איז ער ארויסגעגאנגען אויף דער רייזע אין פיעל שטעדט אין גליל און האט זיך אויפגעהאלטען א לאנגע צייט אין בית־צידה (Bethsaida), אין מגדלה און כורזין (Chorasin) און האט איבעראל פערזאמעלט ארום זיך נייע אנהענגער.

ווי עס שיינט, אבער, האט ער אין בית־צידה און אין כורזין נישט געמאכט קיין שטארקען איינדרוק, וואס האט זיך לאנג געקאנט האלטען, דען, לויט די קריסטליכע קווע־

לען, האָט ער פערשאָלטען די דאָזיגע שטעדט, פערגלייכענדיג זיי מיט סדום און עמורה. אָבער זיינע תלמידים, מאַנסבילען און פרויען, וועלכע האָבען איהם איבעראַל בעגלייטעט, האָבען געטהון אַלץ, וואָס ער האָט זיי בעפוילען. ווי זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער פריהערדיגען זינדיגען שטייגער לעבען, האָבען זיי אויך אָבגעגעבען אין דער חברותא זייער האָב און גוטס. דאָס שותפות'דיגע עסען און טרינקען איז געווען דאָס אויסערליכע באַנד, וועלכעס האָט פעראייניגט ישו'ס אַנהענגער. אַדאַנק דעם גרויסען פערמעגען, וואָס עס האָבען זיי אָבגעזאָגט די רייכע ארענדאַטאָרען, האָבען אויך די אָרימסטע מיטגליעדער זייערע זיך בעפרייט פון דער זאָרג פאַר אַלע לעבענס־בעדערפנישען, און דאָס אַליין האָט זיי שוין אויך שטאַרק צוגעבונדען צו ישו. צווישען זיינע אַנהענגער האָט ישו זיך אויסגעקליבען פאַר בעזונדערע מקורבים אייניגע מענשען, וועלכע האָבען דורך זייער פעסטען כאַראַקטער און שאַרפען פערשטאַנד געקאָנט איהם דיענען, כדי צו פערשאַפען ערפאָלג זיין טעטיגקייט.

דער ציעל, דער מיטעלפונקט פון אַלע זיינע געדאַנקען, דאָס טיעפסטע געהיימניש, וואָס ער האָט אין הארצען געטראָגען, האָט ער איינמאָל ענטדעקט פאַר אַט דעם ענגערן קרייז פון זיינע תלמידים. ער האָט זיי אוועקגעפיהרט אין אַ זייטיגע געגענד פון באַרג חרמון, נישט ווייט פון קסריה (Caesarea Philippi), (וועלכע עס האָט זיך אויסגעבויט פאַר אַ הויפּטשטאָדט הורדוס'עס זוהן, פיליפּ). דאָרט, וואו דער ירדן שפּרינגט־אַרויס פון די קוואַלען, וואָס געפינען זיך צווישען די שטיינער, און אין יענעם איינזאַמען אָרט האָט ער זיי געוואָלט ענטדעקען זיין געהיימסטען געדאַנק. אָבער ער האָט איינגאָרדענט די זאַך אַזוי, אַז זיינע תלמידים זאָלען איהם אַליין אַרויסזאָגען דעם געדאַנק, אַז ער איז דער ערוואַרטעטער משיח. ער האָט זיי געפרעגט, וואָס האַלטען פון איהם זיינע אַנהענגער. אייניגע האָבען דערויף געענטפערט, אַז מען זאָגט, דאָס ער איז דער ערוואַרטעטער אליהו, וועלכער דאַרף זיך בעוויזען פאַר משיח'ן; אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער איז דער נביא, וואָס משה האָט צוגעזאָגט צו שיקען. דאַן האָט ער געפרעגט: „און ווי מיינט איהר אַליין, ווער בין איך?" דערויף האָט שמעון געענטפערט: „דו ביזט דער משיח" (קריסטוס). ישו האָט געלויבט שמעון־פּעטרוס'עס פערשטאַנד, און ערקלערט, אַז ער איז דער משיח. דערביי האָט ער אָבער פערבאָטען זיינע תלמידים, עמיצען דאָס צו ענטדעקען און בכלל דערוויל נישט צו רעדען דערפון. אַט דאָס איז געווען די געבורט פון קריסטענטום, וועלכע איז פאָרגעקומען אין די שטרענגסטע געהיימניש אין אַ ווייטער, שטילער געגענד. און ווען זיינע נאָהענטסטע תלמידים, שמעון־פּעטרוס און יעקב מיט יוחנן, זבדי'ס זוהן, האָבען איהם שפּעטער בעמערקט, אַז פאַר משיח'ן האָט דאָך געמוזט קומען

איינער, וואס זאל אנזאגען די בשורה פון זיין ערשיינען, האט ישו זיך אנגעוויזען, אז דער אנזאגער איז שוין ערשינען אין דער פערזאן פון יוחנן דעם טובל'ער, נאר קיינער האט איהם נישט דערקענט.

ישו האט זיך אליין קיינמאל נישט גערופען משיח, נאר ער פלעגט אנשטאט דעם געברויכען אנ'אנדער אויסדרוק, וועלכער איז, געוויס, געווען פאפולער צווישען די עסייער. ער האט זיך גערופען „בן אדם" ס'הייסט: מענשענזוהן. נאך אנ'אנדער אויסדרוק האט ישו געברויכט, צו בעצייכענען, אז ער איז א משיח — דאס פאטאלע ווארט: „גאט'ס זוהן". צי האט ער געברויכט דאס ווארט בלויז בילדליך, אדער טאקי ערנסט אנוויזענדיג, אז ער איז גאט'ס א זוהן? אליין האט ער וועגען דעם נישט ערקלערט, אפילו אויך נישט שפעטער, ווען מען האט איהם אויסגעפארשט דורכ'ן געריכט. זיינע אנהענגער אליין זענען אויך שפעטער נישט געווען איינשטימיג וועגען דער בעדייטונג פונ'ם דאזיגען ווארט, און צוליעב דער דאזיגער נישט־איינשטימיגקייט, איז צווישען זיי פארגעקומען א שפאלטונג. דארויס האט זיך ענטוויקעלט א נייע פערגעטערונג.

בשעת ישו האט זיך געלאזט אנערקענען דורך זיינע תלמידים פאר א משיח און דערביי האט ער זיי בעפוילען, צו האלטען די זאך בסוד, האט ער זיי געטרייסט, אז די צייט איז נאך נישט געקומען, אבער עס וועט קומען א צייט, ווען זיי וועלען קאנען פערעפענטליכען דאס, וואס ער האט זיי ענטדעקט אין דער שטיל, און, „זיי וועלען דאמאלס פון די דעכער קאנען פרעדיגען דאס, וואס זיי האבען מיט די אויערען געהערט". עס איז אבער פארגעקומען גראד דער היפך פון דעם, וואס ער אליין און זיינע תלמידים האבען ערווארטעט. ווי נאר מען האט זיך דערוואוסט — זיינע תלמידים האבען דעם סוד, משמעות, נישט געהאלטען — אז ישו פארבערייטעט נישט בלויז די הימלישע מלוכה, נאר, אז ער ערקלערט זיך אליין פאר'ן משיח, וועלכען מען ערווארטעט, איז די עפענטליכע מיינונג ארויסגעטראטען געגען איהם. מען האט פון איהם ערווארטעט מופתים און בעוויזען, אז ער איז משיח, אבער ער האט זיי נישט געקאנט געבען, און ער האט דעריבער אויסגעמידען די פראגען וועגען דעם. מען האט אפילו אויך דערצעהלט, אז פיעל אנהענגער זענען פון איהם דערפאר אבגעפאלען אין גרויס צארן און זענען מגזה אין זיינע דרכים נישט געגאנגען.

כדי נישט ארויסצוּווייזען זיין שוואכע זייט פאר זיינע תלמידים, האט ער געמוזט טהון עטוואס אזעלכעס, וואס זאל קרוינען זיין אונטערנעהמונג, אדער אונטערצוגעהן דערביי. זיי האבען קודם כל ערווארט פון איהם, אז ער זאל ערשיינען אין דער הויפטשטאדט פון ארץ־ישראל, אין ירושלים, און ערקלערען זיך פאר די אויגען פון גאנצען פאלק, אלס אידישער משיח. זיינע אייגענע ברידער זאלען איהם האַ־

בען בעשוואָרען, צו געהן קיין ירושלים, כדי זיינע תלמידים זאָלען איהם זעהען, ווי ער וועט פערווירקליכען זיין ווערק. „וואָרום קיינער טהוט גאָרנישט אויף אין געהיים, נאָר מען מוז זיך ענטדעקען. אויב דו טהוסט דאָס, ענטדעקסט דו דיך פאַר דער וועלט“. ישו האָט זיך אַלזאָ געמוזט ענטשליסען צו מאַכען די שווערע רייזע. אויסער דעם איז ער אין גליל שוין געווען נישט זיכער מיט׳ן לעבען, וויל, ווי עס שיינט, האָבען די בעאַמטע פון הורדוס אנטיפאַס איהם אויפגעזוכט און פערפאָלגט, און ער האָט געמוזט עגטלויפען פון איין אָרט צום אַנדערן. ווען איינער, אַ נייער מענש, האָט געוואָלט אין דער דאָזיגער שווערער צייט פעראייניגען זיך מיט איהם, האָט ער איהם ערקלערט: „די פיקס האָבען גריבער, די פויגלען — נעסטען, דער מענשענזוהן האָט אָבער נישט, וואו זיין קאָפּ צו לעגען“. ער האָט אין יענער צייט אויך געוואָלט בעזונדערס בעטאָנען, אַז ער האָט גאָר נישט בדעה מבטל צו מאַכען די תורה. אַזוי, למשל, האָט ער געענטפערט אַ פרוש, וועלכער האָט געוואָלט צו איהם צושטעהן און האָט געפרעגט וועגען די בעדינגונגען, וואָס ער דאַרף דערביי ערפילען — פאָלגענדעס: „אויב דו ווילסט געווינען עולם הבא, טאָ היט־אָפּ דאָס געזעץ, פערקויף אַלע דיינע גיטער און גיעב־אָפּ דאָס געלד די אָרימע לייט, ד. ה.: זיי אויך אַזוי אָרים, ווי אַלע מיינע אַנהענגער“. קומענדיג איבער ירוחו קיין ירושלים, האָט ער זיך נישט אָריינגעצויגען אין צענטער פון שטאָדט, נאָר ער האָט זיך בעזעצט נעבען דער מויער אַרום שטאָדט, אין דאָרף בית־עניה אויפ׳ן הר הזיתים, דאָרט, וואו עס האָבען געוואָהנט די מצורעים (קרעציגע), וועלכע האָבען נישט געטאָרט אַריינקומען אין שטאָדט. אין׳ם הויז פון אַזאַ מצורע, מיט׳ן נאָמען שמעון, האָט ישו זיך אָבגעשטעלט. די איבריגע אַנהענגער זיינע, וועלכע ער האָט אין דאָרף געפונען, האָבען אויך געהערט צום ניעדריגען שטאַנד, ווי למשל, דער אָרימער אלעזר מיט זיינע שוועסטער מאַריאַ און מארתא.

וועגען זיין אַנקומען קיין ירושלים און אַריינגאַנג אין בית־המקדש האָט די לעגענדע פערשפרייט אַ בעזונדערען שיין פון הערליכקייט, וועלכע ענטהאַלט אָבער וועניג־וואָס געשיכטליכעס: דאָס פאָלק זאָל איהם האָבען אַריינגעבראַכט אין שטאָדט מיט טריאומף, זינגענדיג „הושענא“. ווי עס ווערט אָבער דערצעהלט, האָט דאָך דאָס זעלביגע פאָלק אויך אַ פּאָר טאָג שפּעטער אַליין געפאָדערט זיין טויט. סיי איין זאַך, סיי די אַנדערע איז אַ לעגענדע, בעזונדערס, דאָס אַנדערע, וועלכעס מען האָט אויסגעטראַכט, כדי אַרויפצווואַרפען אויף אידען די שולד פאַר זיין טויט. עס האָט אויך נישט קיין געשיכטליכען גרונד די ערצעהלונג, אַז ער האָט אין בית־המקדש פונאַנדערגעטריבען די פערקויפער פון טויבען און אומגעוואָרפען די טישען, וואו מען פלעגט אויסטוישען געלד, כדי צו געבען געלד אין בית־המקדש.

בכלל איז גראד דער וויכטיגסטער פעריאד פון זיין לעבען, זיין
פערהאלטען זיך צום פאלק, צום סנהדרין, צו די פארטייען, ווען ער איז
אין ירושלים געקומען, צי האט ער זיך עפענטליך ערקלערט פאר א
משיח, און וויאזוי האט מען דאס אויפגענומען — אט דאס אלץ ווערט
אין די קריסטליכע אלטע ביכער געשילדערט מיט אזעלכע נישט פעסטע
שטריכען און שטענדיג פערענדערליכע קאליערען און האלבע דבורים,
אז עס איז זעהר שווער אונטערצושיידען, וואו איז דארט געשיכטע, און
וואו לעגענדע. מעגליך, אז ער האט אין דער הויפטשטאדט בעגעגענט
זיך מיט א געזעלשאפט, וועלכע איז בכלל געווען געשטימט געגען איהם
שוין פון פריהער, לויט די קלאנגען, וועלכע זענען וועגען זיין טעטיג-
קייט פערשפרייט געווען. דער געבילדעטער טייל פון פאלק האט ווע-
ניגער פאר אלץ ערווארטעט פון א גליל-אידען, אז ער זאל ארויסטרעטען
אלס משיח, ווייל די אידען פון גליל זענען בעוואוסט געווען מיט זייער
קנאפער ידיעה אין דער תורה. אויסער דעם, האט מען שטענדיג גע-
גלויבט אין א משך פון פיעל הונדערט יאהר, אז דער „גואל", דער אי-
דישער אויסלעזער, וועט קומען פון שבט לחם פון דוד'ס הויז, אבער
נישט פון גליל. מעגליך, אז פון יענער צייט נעהמט זיך אויך דאס
שפריכווארט: „וואס פאר א גוטס קאן קומען פון נצרת?" די פרומע אי-
דען זענען אויך, בלי ספק, געווען שטארק אויפגערעגט געגען איהם פאר
זיין חבר'שאפט מיט די זינדיגע מענשען, מיט די אבצאהל-אויפנעהמער
און פרויען פון א שלעכטער רעפוטאציע, מיט וועלכע ער האט צוזאמען
געגעסען און געטרונקען. אפילו די תלמידים פון יוחנן דעם טובל'ער,
דאס הייסט, די עסייער, זענען, ווי עס שיינט, געווען זעהר אונצופריע-
דען מיט זיין ארויסטרעטען געגען זייער שטרענגען שטייגער לעבען. אט
די אלע משונה'דיגע בעציהונגען, וועלכע מען האט פאר קיין פאל נישט
געקאנט צוזאמענפארען מיט'ן געדאנק וועגען משיח'ן, האבען געמוזט
פיהרען דערצו, אז די אנגעזעהענע אידען, די חכמים און לומדים, זאלען
זיך בכלל בעציהען צו איהם גאנץ קאלט; קיין פריינדליכע קבלת-פנים
האט ער פון זיי געוויס נישט געהאט אין ירושלים. אבער די וואונדער-
ליכע און משונה'דיגע אויפפיהרונג, צו וועלכע מען איז ביי אידען ווע-
ניג געוואהנט געווען, האט נאך נישט געגעבען קיין גרונד אנצוקלאגען
ישו פאר'ן געריכט; אויב אפילו ער האט נישט אלץ ערפילט, וואס די
שטרענג-פרומע אידען האבען געהאלטען פאר א דין און א חוב, האט
דאס נאך אויך נישט געקאנט דיענען פאר א מאטיוו, צו משפט'ן איהם,
ווייל די אפטע און עפענטליכע דיסקוסיעס צווישען די שולען פון הלל
און שמאי וועגען יעדען פרט פון דער תורה האבען ענטוויקעלט דאז-
מאלס ביי אידען די פרייהייט פון ווארט און טהאט אין א הויכע
מדרגה, און מען האט קיינעם נישט גע'רודפ'ט פאר פערשידענע סיי-

גונגען אין רעליגיעזע פראַגען, אויב נאָר ער האָט נישט עובר געווען אויף א דין. וואָס אלע האָבען איהם שוין אנערקענט און אנגענומען, און איז נישט ארויסגעטרעטען געגען די הויפּט־יתודות פוּנ'ם יודענטום.

אָבער דוקא אינ'ם לעצטען פונקט איז געווען לייכט ארויסצוטרעטען געגען ישו. עס האָט זיך שוין געהאַט פערשפרייט א קלאַנג, אַז ער האָט זיך אנגערופען „גאָט'ס זוהן" — א וואָרט, וואָס, אויב מען זאָל איהם נעהמען אין זיין גלייכען, נישט־געקינסטעלטען זין, האָט עס צו־מיעף אנגעריהרט אין יענער צייט די רעליגיעזע געפיהלען פון דער אידישער נאַציאָן, אַז מען האָט זיך געזאָלט קאָנען בעציהען צו איהם קאַלט־בלוטיג און גלייכגילטיג. ווי אזוי אָבער האָט דאָס געריכט זיך געקאָנט פערשאַפען די געוויסהייט, אַז ער האָט זיך טאַקי באמת אנגערופען מיט'ן דאָזיגען נאָמען? ווי אזוי האָט מען געקאָנט ענטדעקען א זאַך, וואָס עס איז געהאַלטען געוואָרען בסוד נאָר אין א קליינעם קרייז פון זיינע אנהענגער? און דער עיקר: ווי אזוי האָט מען געקאָנט דערגעהען, וואָס די אנהענגער פערשטעהען אונטער דעם דאָזיגען וואָרט? אויף די אלע פראַגען האָט געקאָנט געבען אַנ'ערקלערונג נאָר א מענש, וואָס האָט אליין געהערט צו יענעם קליינעם קרייז און האָט זיך בעשלאָסען איהם צו פערראַטען, און אזא איינער איז געווען יהודה איש קריות (Iudas Iskariot), וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט פאַר געלד איבערגעגעבען דעם געריכט יענעם, וועלכען ער האָט ביז דאַמאָלס געהאַלטען פאַר א משיח.

ווי נאָר די פּאָליציי־בעאַמטע האָבען איהם פעסט גענומען, האָבען אלע זיינע תלמידים איהם פערלאָזען און געזוכט זייער רעטונג אין ענט־לויפען. נאָר איין שמעון פעטרוס איז נאָך איהם נעגאַנגען פון דערוויי־טען. אין פריהמאָרגען אום ערב פּסח האָט מען איהם געשטעלט פאַר'ן סנהדרין, אין וועלכען דער כהן גדול, יוסף כיפא, איז געווען דער פאָר־זיצענדער. די געריכטס־אויספאָרשונג איז בעשטאַנען דערין, וואָס דער סנהדרין האָט זיך געוואָלט איבערצייגען, אויב עס איז אמת, אַז ישו האָט זיך ערקלערט צו זיין „גאָט'ס זוהן", ווי די עדות האָבען געזאָגט. דאָס, וואָס עס ווערט דערצעהלט, אַז מען האָט איהם געזאָלט משפּט'ן דערפאַר, וואָס ער זאָל האָבען געזאָגט, אַז ער קאָן חרוב מאַכען דעם בית־המקדש און אין דריי טעג איהם ווידער צוריק אויפבויען — אַז אַט דערפאַר האָט מען איהם געזאָלט משפּט'ן, איז גאָר נישט צו גלוי־בען, ווייל ביי דער אידישער בעפעלקערונג פון ירושלים וואָלט אזא זאַך דאַמאָלס דערוועקט העכסטענס א געלעכטער, נישט מעהר. די אנקלאָ־גע און דער משפּט געגען איהם האָבען געקאָנט זיין נאָר פאַר גאָטעס־לעסטערונג, פאַר וועלכען דער סנהדרין איז מחויב געווען צו משפּט'ן, און דאָס האָט מען געקאָנט געפינען אינ'ם אויסדרוק „גאָט'סזוהן", בע־זונדערס, ווען מען נעהמט אין אכט דעם שטרענגען, ריין־גייסטיגען בע־

ברוך, וואס אידען האבען פון אייביג אן געהאט וועגען גאט. ווען מען האט איהם געשטעלט די פראגע וועגען דעם, האט ער געשוויגען און גאר קיין ענטפער נישט געגעבען, און ווען דער פארזיצענדער האט ביי איהם נאך א מאל געפרעגט, אויב ער איז גאט'ס זוהן, זאל ער געענט־פערט האבען: „דו האסט עס געזאגט“ און דערביי זאל ער נאך האבען ערקלערט: „מען וועט אינגיכען זעהען דעם מענשענזוהן זיצען רעכטס ביי גאט'ס טהראן און פאהרענדיג אויף די וואלקענס פון הימעל“. פון די דאזיגע ענטפערן, אויב ער האט זיי אין דער ווירקליכקייט אזוי גע־געבען, האבען די ריכטער געקאנט שליסען, אז ער בעטראכט זיך באמת אלס גאט'ס זוהן. דער כהן גדול האט דאן צוריסען אויף זיך די קליידער, וויל ער האט עס געהאלטען פאר א גאטעס־לעסטערונג, און דאס גע־ריכט האט איהם אלס אזעלכען פער'משפט. די זאך איז אויסערליך ער־שיינען געגען איהם. די בעשטעטיגונג פונ'ם טויט־אורטייל, אדער פיעל מעהר, די ערלויבעניש אויסצופיהרען די טויט־שטראף האט דער סנהדרין בעקומען ביי'ם רוימישען פראקוראטאר פאנטיוס פילא־טוס, וועלכער איז גראד צו יום־טוב־צייט געוועזען אין ירושלים.

פילאטוס, פאר וועלכען מען האט געבראכט ישו, האט ביי איהם געפרעגט וועגען דער פאליטישער זייט פון זיין טעטיגקייט, צי גיעט ער זיך ארויס פאר א משיח און פאר א אידישען קעניג, און, וויל ישו האט דערויף געענטפערט, ווי פריהער: „דו זאגסט עס“, האט ער בעשטע־טיגט דעם טויט־אורטייל. אבער דאס איז געוועזען זיין פפליכט אלס פרא־קוראטאר. אויסגעטראכט איז אבער די מעשה, אז ער האט איהם אנ־ערקענט פאר אינשולדיג און געוואלט ראטעווען, נאר די אידען האבען זיין טויט געפאדערט.

ווען ישו איז אויסגעלאכט געווארען און האט געמוזט טראגען די קרוין פון דערנער אלס אנ'אבשפאטונג פאר זיין קעניגליכער, משיח'־שער בעדייטונג, האט די דאזיגע גראבקייט און גרויזאמקייט געשטאמט נישט פון אידען, נאר פון די רוימישע קריעגס־קנעכט, פון זייערע פער־ווילדעוועטע סאלדאטען, וועלכע זענען שטענדיג צופריעדען געוועזען מיט דער געלעגענהייט אבצולאכען פון דער אידישער נאציאן. די אידישע ריכטער האבען אזוי ווייניג געקאנט האבען שנאה צו איהם, אז זיי האבען איהם אפילו, ווי יעדען אנדערן פער'משפט'ן, דערלאנגט א בעכער וויין מיט וויירויך, כדי צו פערלייכטערן איהם די יסורים פון טויט. און וויל מען האט ישו נאך אויך געשמיסען פאר'ן טויט, זעהט מען, אז פילאטוס האט אין דער הינזיכט זיך בעגאנגען לויט'ן רוימישען מנהג, וויל לויט'ן אידישען דין האט מען בשום אופן נישט געטארט בעשטראפען אימיצען מיט מלקות, ווערענד ער איז געוועזען בעלעגט מיט א שווערער בעשטראפונג, מיט'ן טויט־שטראף. נאר די רוימישע תלינים (Lictoren) האבען איהם געקאנט שמייסען, אבשפא־טענדיג פון אידישען קעניג. דאס האבען זיי איהם אויך אנגעשלאגען

אויפ'ן קרייץ, אנווענדענדיג דעם שענדליכסטען טויט, וועלכען מען האט געקענט לויט די רוימישע געזעצען; דאס אידישע געריכט האט אבער כלל נישט געוואוסט וועגען אזא אופן טויט־שטראף. בכלל איז דער פעראורטיילטער שוין מעהר נישט געווען אין אידישען רשות, נאכדעם, ווי פילאטוס האט וועגען איהם ארויסגעגעבען זיין אורטייל. ער, פילאטוס האט געהאט די מאכט איבער'ן לעבען און טויט אין לאנד יהודה אין יענער צייט, און נישט קיין אנדערער, און דער פער'משפט'ער צום טויט האט זיך שוין געפונען אין דער רוימישער מלוכה־געוואלט. נישט דער אידישער סנהדרין, נאר פילאטוס האט געלאזט בעשטראפען דורך דעם טויט ישו'ן, אלס פאליטישער פערברעכער, אלס בונטאוורשטשיק און פאלקס־העצער. די קריסטליכע ביכער דערצעהלען, אז ער איז אום ניין א זייגער אין דערפריה אויפגעשלאגען געווארען אויפ'ן קרייץ לעבעדיגערהייד און ערשט ארום דריי א זייגער ביי טאג איז ער אויסגעגאנגען. זיין לעצט ווארט איז געווען א פסוק פון תהלים אין תרגום לשון (ארמעאיש): „גאט, מיין גאט, ווארום האסטו מיך פערלאזען!“ (אלי, אלי, למה שבקתני). צום שפאט האבען די רוימישע סאלדאטען אויפ'ן קרייץ געמאכט די אויפשריפט: „ישו פון נצרת, דער קעניג פון אידען“. דאס בעשלאגען אויפ'ן קרייץ און, משמעות, אויך די קבורה איז פארגעקומען אויסער'ן שטאדט אויף אנ'ארט, וועלכעס איז בעשטימט געווען פון אלע צייטען דערויף, וועלכעס מען האט גערופען גלגתא.

אט דאס איז געווען דער סוף פונ'ם מענשען, וועלכער האט געארבייט אויף דער מאראלישער אויסבעסערונג פון די זינדיגע מענשען פון זיין פאלק, און איז פילייכט געפאלען אלס א קרבן פון א מיספערשטענדעניש. ער איז דער איינציגער פון א פרוי געבוירענער מענש (ילוד אשה), וועגען וועלכען מען קאן זאגען אהן גוזמא: ער האט מיט זיין טויט אויפגעטהון מעהר, ווי מיט זיין לעבען. פאר זיין טויט האבען געדארפט בעצאהלען דורך גרויסע רדיפות, געוואלדיגע יסורים און מיט אונצעהליגע און פערשידענע טויטען די זיהן פון זיין פאלק, חאטש זיי זענען דערין גארנישט שולדיג געווען. דער ארט גלגתא איז געווארען הייליג פאר דער גריכישער וועלט. אין ירושלים דאגעגען האט די גאנצע געשעהעניש געמאכט אזא קנאפען איינדרוק, אז די אידישע געשיכטע־שרייבער, יוסטוס פון טבריה און יוסף בן גוריון הכהן, וועלכע האבען בעשריבען אפילו די קלענסטע מעשים פון פילאטוס, האבען וועגען דעם מיט קיין איינציגען ווארט נישט דערמאהנט.

ווען ישו'ס תלמידים האבען זיך עטוואס בערוהיגט נאך דער ערשטער שרעק, וואס איז אויף זיי געפאלען, באלד, ווי מען האט גענומען געפאנגען זייער לעהרער און געקרייציגט איהם, האבען זיי זיך

ווידער פערזאמעלט, כדי צו בעקלאגען דעם טויט פון זייער געליעבטען לעהרער. די צאהל פון זיינע אנהענגער, וועניגסטענס, פון די, וואס זענען דאמאלס געווען אין ירושלים, איז געוועזען נישט גרעסער ווי הונדערט און צוואנציג מיטגליעדער און, אויב מען זאל נאך צורעכענען זיינע אנהענגער אין גליל, — העכסטענס, פינף הונדערט פערזאן. נאך זיין טויט זענען זיי אלע גאנץ ווייט געווען פונ'ם געדאנק, צו פערגעסען וועגען איהם, ווי וועגען א חלום; פערקעהרט, דער גלויבען אין איהם האט זיך געשטארקט און געבראכט צו גרויסע התלהבות און פאנטאסטישע התפעלות. איין זאך איז נאר אלעמען קשה'דיג געווען: ער, דער משיח פונ'ם פאלק ישראל, וועלכער האט געדארפט ברענגען די שענע און גרויסע מלוכה פון הימעל אויף דער וועלט, איז געפאלען דורך אזא שענדליכען טויט! א משיח, וואס זאל ליידען, דאס איז זיי עפעס צו־שווער געווען צו פערשטעהן. מען האט אלזא געמוזט דערווייטערן די דאזיגע שוועריגקייט און אונפערשטענדליכקייט, כדי זיינע אנהענגער זאלען זיך אינגאנצען קאנען אבגעבען צו זייער אמונה אין איהם. ס'איז גאנץ מעגליך, אז איינער פון זיי, וואס איז געווען בעהאוועגט אין די אידישע הייליגע ספרים, האט זיי ערקלערט, אז אין איינער פון ישעיהו'ס נביאות געפינט זיך די ערקלערונג: „ער ווערט ארויסגעריסען פונ'ם לאנד פון לעבען און פאר די זינד פון זיין פאלק ליידעט ער וואונדען". די דאזיגע נבואה בעציהט זיך אויף די געוואלדיגע יסורים פון אידישען פאלק, אבער זיי האבען עס ערקלערט אזוי, אז דאס בעציהט זיך אויפ'ן משיח. מיט דער דאזיגער ערקלערונג האט מען ארויסגעהאלפען פון דער פערלעגענהייט די תלמידים, וועלכע האבען שוין געהאט פערלארען אונטער זיך דעם באדען. דאס נייע און וואונדערליכע, וואס איז נאר־וואס פארגעקומען, האט מען דורך דער אלטער נבואה, דורך ישעיהו'ס א פסוק, וועלכען מען האט אויסגעטייטשט, ווי מען האט געדארפט, געמאכט אלט און בעגרינדעט. דעם קריסטענטום, וועלכעס האט געהאלטען ביי'ם צופאלען ווערען אין רעכטען אנפאנג, האט מען צוגעגרייט א פונקט אויף צו שטיצען זיך. דען די אמונה אין די אלטע ספרים איז דאמאלס אזוי שטארק געווען, און די ערקלערונג, וואס מען האט אין זיי געגלויבט צו געפינען, אזוי איבערצייגענד פאר אלעמען, אז דאס אונגלויבליכע איז ערשיענען, ווי א נויטווענדיגקייט. קיין נייע אויפטהועכץ וואלט נישט געקאנט געפינען דאמאלס קיין אנהענגער און קאנען לאנג האלטען זיך, אויב מען וואלט פאר איהר נישט געפינען קיין בעווייז אין די הייליגע ספרים. און זאל חאטש דער בעווייז זיין זעהר א שוואכער, אבי א בעווייז. מיט דער וואונדערליכער און משונה'דיגער ערקלערונג, וועלכע מען האט ארייגעלעגט אין ישעיהו'ס נבואה, האט מען פאר די נייע קריסטען געפונען די ערקלערונג פונ'ם שווערסטען רעטעניש. איצט האבען זיי שוין געגלויבט, אז דאס, וואס איז פארגעקומען,

האט געמוזט פארקומען; עס איז געווען שוין פאראויס אזוי בעשטימט. אפילו, אז ישו האט געדארפט פער'משפט ווערען, ווי א פערברעכער, האט אויך בעקומען פאר אלעמען פון זיי א גרויסע בעדייטונג, וויל דאדורך איז די נבואה פון ישעיהו, ווי זיי האבען געמיינט, בוכשטעבליך מקוים געווארען. צי איז דען טאקי נישט פאראויסגעזאגט געווארען, אז ער וועט גערעכענט ווערען צווישען די רשעים? זיינע תלמידים האבען ערשט ערקלערט, דאס זיי געדענקען אליין, ווי ער זאל זיי האבען געזאגט, דאס ער געהט דעם טויט ענטקעגען און דארף ליידען רדיפות און יסורים. די יסורים און דער טויט געהערען אלזא צום בעווייז, אז ער איז דער משיח. זיינע אנהענגער האבען ערשט אנגעהויבען דער מאהנען די קלענסטע פרטים פון זיין לעבען, און אין יעדען קלענסטען אומשטאנד האבען זיי געפונען א בעווייז, אז ער איז געווען דער משיח. אפילו דער פאקט, אז ער איז געבוירען געווארען נישט אין בית לחם, נאר אין נצרת, האט מען ערקלערט, אלס א וויכטיגע זאך; מען האט געזאגט, אז דאס איז געווען צוליעב דעם, כדי „ער זאל הייסען נזיר“ פון זיין געבורט אן“. און נאכדעם, ווי דאס געמיט פון די מאמינים האט זיך בערוהיגט פון דער זייט, איז שוין נישט שווער געווען אויך צו דערווייטערן נאך א פראגע: ווען וועט קומען די הימלישע מלוכה, נאכדעם, ווי איהר ברענגער אליין איז געקרייצט געווארען? די האפענונג האט דער רויף געענטפערט אזוי: „דער משיח וועט אין פולען גלאנץ ווידער ערשיינען מיט די מאלכים פון הימעל, און דאן וועט ער בעצאהלען יעדען נאך זיינע מעשים“. זיי האבען געגלויבט, אז „איניגע וועלען דעם טויט נישט פערזוכען, ביז זיי וועלען דעם מענשען־זוהן זעהען אריינקומען אין זיין מלוכה“. יעדען אויגענבליק האבען זיי דעריבער געווארט, צי ישו וועט זיי ווידער ערשיינען און אין דער הינזיכט זענען זיי געווען גליק ליך מיט אלע אנדערע אידען, וועלכע האבען אויך געווארט אויף משיח'ן, נאר דעם דאזיגען משיח האבען זיי שוין געזעהען אין א געוויסער פערזאן. זיי האבען געגלויבט, אז נאך זיין צוריקקומען, וועט ישו גרינדען די טויזענד־יעהריגע מלוכה, דאס שבת־יאהר־טויזענד, וועלכע וועט זיך אנהויבען, נאכדעם, ווי עס וועלען זיך ענדיגען זעקס טויזענד יאהר, זינט די וועלט איז בעשאפען געווארען. די מאמינים וועלען דאמאלס געניסען אלע גליקען פון אייביגען פריעדען. כדי צו בעפעסטיגען די דאזיגע אמונה, האט ישו נישט געדארפט אומקומען איינגאנצען דורכ'ן טויט, נאר ער האט געמוזט צוריק אויפשטעהן. מעגליך, אז, ווען מען האט צוזאמענגעשטעלט די ערצעהלונג, דאס אין פערלויף פון דריי טעג נאך זיין טויט, איז ישו צוריק אויפגעשטאנען, און זיין קבר איז געפונען געווארען לעדיג, האט מען זיך סומך געווען אויף די ערצעהלונג פון תנ"ך, אז דער נביא יונה איז נאך דריי טעג אינ'ם בויך פון פיש ווידער ערשיענען לעבעדיג. פיעל אנהענגער האבען דערצעלט, אז

זיי האבען איהם געזעהען דא און דארט און גערעדט מיט איהם, אדער
זיינע וואונדער אנגעריהרט, אפילו אויך געגעסען צוזאמען מיט איהם,
פיש און האניג. די מאמינים האבען דעריבער נישט געפונען דעם גרינגס־
טען גרונד, צו האבען א ספק אין זיין בעדייטונג, אלס א משיח.

אבער ווי הויך די ערשטע מאמינים האבען פערעהרט ישו און
פערהערליכט זיין נאמען, האבען זיי דאך איהם נישט געהאלטען פאר
עפעס-וואס אנדערש, ווי א מענש; זייער התלהבות איז אזוי ווייט נישט
געגאנגען, אז זיי זאלען איהם בעטראכטען פאר א גאט; זיי האבען איהם
געהאלטען פאר א הויך-בעגאבטען מענשען, וועלכער איז געפונען געווא־
רען ווערט פון גאט בעשטימט צו ווערען פאר א משיח, חערפאר, וואס
ער האט ערפילט גאטעס געבאטען, שטרענגער ווי אלע אנדערע מענ־
שען פאר איהם; זיי האבען דעריבער נישט אבגעטראטען אויף א האר
פון'ם אידישען געזעץ, האבען אבגעהיט שבת, מילה, כשר'ע שפייזען,
תעניתים, און ירושלים מיט'ן בית-המקדש זענען פאר זיי געוועזען העכסט
הייליג. דאך האבען זיי, צוזאמען מיט דער אמונה אין דעם ערשיענענעם
משיח, אויך איבערגענומען איינעגע איינגענשאפטען פון די עססייער;
דאס פרייוויליגע אננעהמען פון ארימקייט, וועלכעס ישו האט זיי גע־
לערנט, האט געשטאמט פון די עססייער. צוליעב דעם האבען זיי געהיי־
סען עביאניטען (אביונים) — א נאמען, וועלכען זיי האבען אליין אנגע־
נומען, אדער די זייטיגע מענשען האבען זיי געגעבען. דאדורך האבען
זיי געמוזט לעבען אלע צוזאמען, און יעדער, וואס האט זיך מיט זיי פער־
איייניגט, האט זיי אבגעגעבען זיין גאנץ פערמעגען. אויך אין דער היני־
זיכט האבען די ערשטע קריסטען, אדער אידען-קריסטען — די אידען
פלעגען זיי רופען נוצרים, נאזארעער — נישט אונטערגעשיידעט זיך פון
דער אידישער סעקטע, פון די עססייער. כדי צו פערוואלטען דעם
שותפות'דיגען פערמעגען, האבען זיי בעשטימט, לויט דעם מנהג פון די
אידישע געמיינדעס, זיבען פערזאן (שבעה טובי העיר). דאס עססייאישע
שטייגער לעבען פון די ערשטע קריסטען האבען זיי אויך ארויסגעוויזען
דערין, וואס זיי האבען זיך אבגעהאלטען פון עסען פלייש און טרינקען
וויין, און האבען מייסטענס געלעבט אהן פרויען, און נישט געברויי־
כען קיין בוימעהל אויף צו בעשמירען זיך און אינ'ם האבען נאר איין
איינציג קלייד, א ווייס פלאקסען-קלייד. וועגען ישו'ס ברודער, יעקב,
וועלכער איז דאמאלס דורך די מאמינים אויסגעקליבען געווארען פאר
אנ'עלטסטען איבער די אידען-קריסטען, צוליעב זיין נאהענטסטער־
קרוב'שאפט מיט איהם, האט מען דערצעהלט, אז ער האט נישט גע־
טרונקען קיין וויין, אדער אנדערע משקאות, פון וועלכע מען קאן
שכור ווערען; ער האט נישט געגעסען קיין פלייש, קיין שערער האט
זיך קיינמאל נישט אנגעריהרט די האר פון זיין קאפ, זיינע קליידער
זענען געוועזען נישט פון וואל, נאר פון פלאקס און געהאט האט ער נאר

איין קלייד. אין די אַלע דאָזיגע הינזיכטען איז ער געוועזען אַ מוסטער פֿאַר די מאמינים. ער האָט אָבגעהיט שטרענג אַלע אידישע דינים, און איז געווען זעהר בייז, ווען די אידען־קריסטען פֿלעגען ברעכען אַ דין. נעבען איהם זענען געשטאַנען די ערשטע מיטגלידער פֿון דער אביונים־קהלה: שמעון כיפֿאַ, אָדער פּעטרוס בן יונה און יוחנן בן זבדי. די דאָזיגע בעסטע תלמידים פֿון ישו זענען געוואָרען גערופֿען „די סלופּעס פֿון קריסטענטום". שמעון־פּעטרוס איז געווען דער טעטיגסטער צווישען זיי; ער האָט זיך שטאַרק בעמיהט צו צוציהען נייע אנהענגער פֿאַר'ן גלויבען אין ישו און פֿאַר'ן נייעם שטייגער לעבען. די אַלטע ביכער שילדערן איהם אָבער מיט זיין וואַקעלדיגען האַראַקטער, דען ער זאָל דריי מאָל האָבען אָבגעלייקענט ישו'ן, באַלד, ווי מען האָט איהם גענומען געפֿאַנגען, און ישו אַליין זאָל איהם האָבען אָנערקענט פֿאַר אַ שוואַכען מאמין. ער און די אַנדערע תלמידים האָבען ערקלערט, אַז ישו האָט זיי בעפֿאָלמעכטיגט צו געהען צו די „פֿערלאָרענע פֿון הויז ישראל" און אַריינברענגען זיי אין דער הימלישער מלוכה. זיי האָבען געדאַרפֿט, אַזוי ווי ישו און יוחנן דער טובל'ער, אויסרופֿען איבעראַל, אַז די הימלישע מלוכה איז שוין געקומען. דאָס קריסטענטום איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, און ער האָט שוין גענומען זוכען און איינגעהן מען פּראָזעליטען (דאָס הייסט: מענשען, וואָס זאָלען צו איהם צוטרעטען), אויך אין דער הינזיכט איז ער געוועזען אַנ'אמת'ער יורש פֿון די עסייער. די תלמידים האָבען ערקלערט, אַז זיי האָבען פֿון ישו'ן בעקומען די מתנה, צו קאָנען היילען חולאים, פֿערטרייבען שדים און רוחות און מחיה מתים זיין. דאָס פֿערטרייבען די שדים — האָבען זיי געגלויבט — קאָנען נאָר די לעהרער פֿון קריסטענטום; אויסער דעם, האָבען זיי פֿערשפּרייט די אמונה אינ'ם שטן און רוחות רעות, וועלכע זיי האָבען מיטגעבראַכט פֿון גליל; אין יודענטום האָט די אמונה אין שדים פֿערנומען בכלל אַ גאַנץ קליינעם אָרט; אַ טייל אידען האָבען דערין געגלויבט, אָבער קיין שייכות צו דער רעליגיע האָט עס נישט געהאַט; ערשט ביי די קריסטען איז דאָס געוואָרען אַ הויפּט־פּונקט פֿון גלויבען, און שפּעטער האָבען הונדערטער מענשען־קרבנות בעצאָהלט דערפֿאַר מיט זייער לעבען. ווען מען האָט אויפֿגענומען אַ נייעם מיטגליעד אין דער קריסטליכער געמיינדע, פֿלעגט מען קודם כל בעשווערען די שדים אָבצוטרעטען פֿון איהם, אַ שטייגער, ווי דער מענש האָט ביז דעם זיך געפֿונען אין דער מאַכט פֿון די שדים. דאָס אונשולדיג טובל'ען זיך ביי די עסייער, וועלכעס האָט געהאַט אַ בעדייטונג פֿון ריינליכקייט, האָט ביי די קריסטען בעקומען אַ מיסטישע בעדייטונג. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אין דער ערשטער צייט האָבען די אידען בעטראַכט די אידישע נוצרים, אַלס בעשווערער פֿון שדים; שפּעטער האָבען די געצענדיענערישע פֿעלקער אויך אַזוי בעטראַכט די

קריסטען. אין די ערשטע צעהן יאהר נאָך קריסטוס'עס טויט, האָט מען ביי אידען וועניג-וואָס אַכטונג געגעבען אויף זיי, בעזונדערס דערפאַר, וואָס דאָס זענען געווען מענשען, וואָס האָבען געהערט צום נידעריגען שטאַנד*). די ערשטע קריסטען זענען געווען אַ אידישע סעקטע, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר עססייער, ווייל אין פיעל פונקטען האָבען זיי מיט די עססייער איינגעשטימט. די קריסטען וואָלטען איבערהויפּט פערלאָרען געגאַנגען, ווען עס וואָלט זיך דאַמאָלס נישט געפונען אַ מאַן, וועלכער האָט זיך גענומען די סעקטע פערשפּרייטען און דערהויבען זי צו אַזאַ הויך, אַז זי איז געוואָרען אַ הערשערין איבער דער וועלט.

זינט דער מחלוקת צווישען ביידע חשמונאישע ברידער, אריסטאָבול און הורקנוס, ווען מען האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד יהודה די רוימישע צוואַנג-הערשאַפט, האָט דאָס אונגליק זיך נישט אָבגעשטעלט פון אידישען פאָלק; יעדע נייע געשעהעניש האָט זיך געענדיגט פאַר אידען, וואָס ווייטער, אַלץ מיט אַ גרעסערען אונגליק. דאָס טרויעריגע וואָרט פון קהלת: „עס איז נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון" האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג. דער אונקלאָרער, נעבעלהאַפטער אידישער גלויבען אין משיח'ן איז איבערגענומען געוואָרען דורך אַ טייל מענשען, וועלכע האָבע איהם געגעבען אַ ממשות'דיגע פאָרם און געשטאַלט, און דאָס איז געווים געווען עפּעס נייעס, וועלכעס איז נאָך ביז דאַמאָלס אויף דער וועלט נישט געווען; אָבער די דאָזיגע נייע זאַך האָט געדאַרפט מאַכען דעם אידישען פאָלק אויך נייע שמערצליכע וואונדען. דער מעסיאַניזם פון נצרת, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון די עססייער, האָט איבערגענומען די שנאה צו די פרושים, וועלכע די עססייער האָבען שוין צו זיי געהאַט. ער האָט אָבער אויך פערגרעסערט און פערשטאַרקט די דאָזיגע שנאה, בעשולדיגענדיג די פרושים אין'ם טויט פון'ם לעהרער און דעם גרינדער פון דער נייער בעוועגונג. נישט וועניג האָט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר מיטגעווירקט צו פערגרעסערען די שנאה, דאַדורך, וואָס ער האָט זיך נישט בעגנוגט מיט אויספיהרען די טויט-שטראָף, נאָר ער האָט זי נאָך פערגרעסערט דורך יסורים, שאַנד און שפּאָט; ער האָט אַ לעהרער געלאָזט שמייסען און קרייציגען, ווי אַ געמיינעם פערברעכער און, אָבלאַכענדיג פון אידען און זייער קעניג, האָט ער איהם אַ דאָרן-קרוין אויפ'ן קאָפּ געלעגט. דאָס בילד פון'ם לעה-

*) אין לאַנד יהודה האָט זיך שוין דאַמאָלס אָנגעהויבען דער אויפשטאַנד געגען רוים, ווען די גאַנצע אידישע ענערגיע איז געווען געווענדעט דער נאַציאָנאַלער פערטיידיגונג, און ממילא האָט מען וועניג-וואָס געטראַכט וועגען אַ בעוועגונג, וואָס האָט גאָר קיין וויכטיגען אָרט נישט פערנומען אין אידישען לעבען.

איבערזעצער.

רער מיט די בלוט־טריפענדע וואונדען און דעם דארן־קרוין אויפ'ן קאפ האט שטענדיג געשוועבט פאר די אויגען פון די שילער און אייניגע געבען געדאנקען וועגען נקמה. אנשטאט אבער צו ווענדען זייער צארן געגען די גרויזאמע, בלוטדורשטיגע רוימער, האבען זיי געמאכט פעראנטווארטליך די שוואכערע, די פערטרעטער פון אידישען פאלק, און ביסלעכווייז אויך דאס גאנצע פאלק. זיי האבען זיך געמאכט פערגעסען, אדער זיי האבען עס מיט דער צייט פערגעסען, אז דער אמת'ער מערדער פון זייער לעהרער איז געווען פילאטוס, און זיי האבען ארויפגעלעגט די שולד אויף די אידען ביז אין די שפעטסטע דורות. — פילאטוס האט אין דער זעלביגער צייט, אדער עטוואס שפעטער, ארויסגעוויזען זיין אכזריות געגען א שמרונישען נביא, אדער משיח, וועלכער האט פערזאמעלט די שמרונים און זיי צוגעזאגט צו ווייזען אויפ'ן בארג גריזים די הייליגע כלים פון משה'ס משכן. דער רוימישער פראקוראטאר, וועלכער האט בעטראכט יעדע פאלקס־פערזאמלונג, אדער התלהבות'דיגע אויפרעגונג, אלס א בונט געגען דער רוימישער הערשאפט, האט ארויסגעפיהרט זיין מיליטער געגען די שמרונים און בעשטראפט מיט א גרויזאמען טויט אלע אנגעזעהענע שמרונים, וועלכע האבען זיך געוואלט ראטעווען דורך אנטלויפען.

אויף דער אנקלאגע פון די אידען און שמרונים געגען פאנטיוס פילאטוס ביי'ם רוימישען שטאטהאלטער אין סיריען, וויטעליוס, האט דער לעצטער איהם דערוויטערט פון זיין שטעלע און אבגעשיקט קיין רוים, כדי זיך דארט צו פערענטפערן פאר'ן קייזער טיבעריוס געגען דער אנקלאגע אין אכזירות. וויטעליוס, דער פאטער פונ'ם שפעטערדיגען רוימישען קייזער מיט'ן זעלביגען נאמען, איז בכלל געווען זעהר פריינדליך פאר אידען. ער האט נישט בלויז אויסגעהערט פריינדליך זייערע אנקלאגען, נאר האט זיי אויך געשוינט מיט אנ'אמת'ן, צארטען געפיהל, וועלכעס איז ביי די רוימער געווען גאר אנ'אונגעוועהנליכע זאך. ווען ער איז געקומען קיין ירושלים, כדי איבערצייגען זיך אליין וועגען די אנקלאגען געגען פילאטוס, האט ער געבראכט א קרבן אין בית־המקדש. דעם רוימישען יאך האט ער מילדער געמאכט אויף וויפיעל דאס איז איהם נאר מעגליך געווען. ער האט בעפרייט די איינוואהנער ירושלים פונ'ם אבצאהל פון די פרוכטען, וואס מען פלעגט ברענגען אויפ'ן מארק צו פערקויפען. ער האט בעפרייט די הייליגע קליידער פון כהן גדול, וועלכע זענען געווען פערשלאסען אין דער פעסטונג אנטאניא ביי א רוימישען בעאמטען, לויט'ן בעפעהל פון פאנטיוס פילאטוס. אמת, אפילו דאס רעכט צו בעשטימען א כהן גדול האט ער אידען נישט אבגעגעבען צוריק, אבער עס איז געווען וויכטיג פאר די רוימישע אינטערעסען, צו האבען אויף דער דאזיגער הויכער שטעלע א כהן, וואס זאל זיין ערגעבען צו רוים, אדער, ווייניגסטענס, בעציהען

זיך צו איהר נישט מיט שנאה, דען נאָכדעם, ווי מען האָט מבטל גע־
מאַכט דאָס מלכות אין לאַנד יהודה, איז דער כהן גדול געווען די איינצי־
גע פּערזאָן, וועלכער מען האָט אַנפערטרויט די אינערליכע רעגירונג
איבער'ן לאַנד. — דעם כהן גדול יוסף כיפא האָט וויטעליוס דערוו־
טערט, דען ער איז געווען אַ פריינד פון פילאַטוס, און זעהר נישט בע־
ליעבט ביי'ם פאָלק.

צי איז טאַקי וויטעליוס אליין געווען אַן'אוהב ישראל, אָדער ער
האָט דערהאַלטען אַ בעפעהל פון רוימישען קייזערליכען הויף צו בע־
געהן זיך פריינדליכער מיט אידען? ווי עס שיינט איז טיבעריוס, נאָכדעם,
ווי ער איז פּטור געוואָרען פון זיין מיניסטער סעיאַן, אליין אויך געוואָ־
רען פיעל בעסער פאַר אידען. ער האָט מבטל געמאַכט זיין פריהערדיגען
גרויזאַמען בעפעהל, אַרויסצוטרייבען די אידען פון רוים. פאַר די אידען
האָט זיך בעזונדערס שטאַרק משתדל געווען אין רוימישען קייזערלי־
כען הויף דעם קייזער'ס שוועגערין, אַנטאָניאַ, אַ טאָכטער פונ'ם
פריהערדיגען טריאומוויר, מאַרקוס אַנטאָניוס. אַנטאָניאַ האָט געהאַט אַ
גרויסען איינפלוס אויפ'ן קייזער, נאָכדעם, ווי זי האָט ענטדעקט דעם
פעררעטערישען פּלאַן פון זיין מיניסטער סעיאַן איהם אַראָבצוואַרפען
פון טהראָן; זי איז אָבער אויך געווען די פריינדין פון אַ אידישער פּרינ־
צעסין, וועלכע האָט געלעבט אין רוים, און דער אידישער אַראַבאַרך אין
אַלעקסאַנדריען (מצרים), אַלעקסאַנדער ליזימאַכאָס, האָט דאָרט פערוואַל־
טעט איהרע גיטער צו איהר גרויסער צופריעדענהייט. די דאָזיגע אַנ־
טאָניאַ האָט עס געווירקט אויפ'ן קייזער טיבעריוס, אַז ער זאָל זיך
אַנהויבען בעציהען צו אידען מיט חסד.

טיבעריוס האָט בעפוילען וויטעליוס'ן, אַז ער זאָל אונטערשטיצען
הורדוס אַנטיפאַס מיט'ן גאַנצען רוימישען מיליטער אין זיין מלחמה
געגען דעם אַראַבישען קעניג אַרעטאַס, חאָטש ער האָט געפיהרט אַ
העכסט אונגערעכטען קריעג און פאַר אַ שענדליכע זאַך, וואָס ער האָט
אָבגעטהון: הורדוס אַנטיפאַס האָט געהאַלטען פאַר אַ וויב אַ טאָכטער
פון אַרעטאַס, אָבער פינדעסטוועגען האָט ער זיך פערליעבט אין העראָ־
דיאַס (Herodias) הורודיה די פרוי פון זיין ברודער הורדוס,
וועלכען הורדוס דער ערשטער האָט מעביר נחלה געווען און ער האָט
געלעבט אַלס פּריוואַטע פּערזאָן אין קיסרין. הורדוס אַנטיפאַס האָט זיך
מיט איהר בעקענט, זייענדיג אויף זיין רייזע קיין רוים, און די כבוד־
ליעבענדע פרוי איז ענטציקט געוואָרען פון דער אויסזיכט צו ווערען
אַ קעניגין. זי האָט פערלאָזען בשתיקה איהר מאַן, נאָכדעם, ווי זי האָט
איהם געבוירען אַ טאָכטער. געגען דעם אידישען געזעץ האָט זי חתונה
געהאַט מיט איהר מאַנ'ס ברודער. די פרוי פון אַנטיפאַס, די טאָכטער
פון אַרעטאַס, איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען פון דער אונגעטריי־
הייט פון איהר מאַן, און זי איז ענטלאָפען צו איהר פאָטער, וועלכען זי

האט אויפגערייצט צו פיהרען מלחמה געגען איהר מאן, הורדוס אנטיפאס. דער לעצטער האט געהאט א גרויסע מפלה אין דער מלחמה. און אט איז וויטעליוס איהם געגאנגען צו הילף מיט צוויי לעגיאָנען רוימישעם מיליטער. דערביי איז פארגעקומען א פיעל־בעדייטענדער פאל, וועלכער האט בעוויזען, ווי פריינדליך וויטעליוס האט זיך בעגאנגען מיט אידען: ווען ער האט מיט זיין מיליטער געדארפט דורכגעהן דורכ'ן לאנד יהודה און ירושלים, זענען די אידען ווידער אויפגערעגט געוואָרען, וואס די פאהנען זענען געוועזען בעפוצט מיט די בילדער פונ'ם קייזער. וויטעליוס האט דעריבער בעפוילען זיין מיליטער נישט דורכצוגעהן דאס לאנד יהודה, נאר נעהמען דעם וועג אויף יענער זייט פון ירדן.

דריטעס קאפיטעל

אגריפא דער ערשטער.

(פון 33 ביז 26 יאהר פאר'ן חורבן, אדער פון 37 ביז 44 יאהר נאך דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

ווען דער רוימישער קייזער טיבעריוס איז דער'הרג'עט געוואָרען דורך דערשטיקען (11־טען מערץ, 37 נאך דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג), און דער רוימישער סענאט האט אויף אנ'אויגענבליק געלעבט מיט דער גוטער האפענונג, ווידער צו בעקומען די אמאליגע אלטע פרייהייטען, — האט אין רוים גאר אפילו אויפ'ן מוח קיינעם נישט געקאנט ארויפקומען, אז אין לאנד יהודה, אין שטאדט ירושלים, איז געבארען געוואָרען א פיינד, וועלכער האט שפעטער געדארפט פערניכטען די גאנצע רוימישע קולטור מיט איהרע געטער, ברעכען אויך די גרויסע רוימישע מאכט און, נאָגענדיג בּיסלעכווייז איהר לעבענס־נערוו, אבטייטען זי אינגאנצען, א געדאנק, וועלכען עס האט אויפגעשטעלט א זוהן פון אידישען פאלק און עס האט ענטוויקעלט די נידריגסטע און פעראכטעטע אידישע מענשען־קלאס, האט געדארפט אראבווארפען צו דער ערד די מעכטיגע הערליכקייט פון דער גרויסער רוימישער וועלט. — דער דריטער רוימישער קייזער, קאיוס קאליגולא גערמאניקוס, האט אליין מיטגעווירקט, אז עס זאל פעראכטעט ווערען די הויפט־שטיצע פון דער רוימישער מלוכה, די קולטור פון די רוימישע געטער. דער קייזער טיבעריוס איז געוועזען א פינסטערער מענשען־פיינד. דער קייזער, וואס איז ארויפגעשטיגען נאך איהם אויפ'ן טהראן, איז געווען א מטורף און אנ'אכזריות'דיגער פחדן. אבער קיינער פון די פעלקער, וואס זענען געוועזען אונטערטעניג ביי רוים, האבען דאס אזוי נישט בעשפירט, ווי דאס אידישע פאלק. די ערשטע צייט פון זיין רעגירונג

האט, ווי עס האט אויסגעוויזען, געבראכט אנ׳ערלייכטערונג פאר אידען. קאליגולא האט ארויסגעוויזען פיעל חסד פאר איינעם פון די בעסערע אידישע פרינצען, אגריפא, און מען האט געקאנט האפען, אז דער רוימישער יאך וועט איבער אידען לייכטער ווערען. באלד אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער דאזיגער חסד איז געווען בלויז א דערוויילינגער קאפריז. נאך וועלכען עס איז געקומען אנ׳אנדערער, א בלוטדורשטיגער, א גרויזאמער, און אויף די אידען אין דער רוימישער מלוכה איז געפאלען א פינסטערע אימה.

אגריפא (געבוירען 81, געשטארבען 41 פאר׳ן חורבן) איז געווען דער זוהן פון אריסטאבול, וועלכען זיין פאטער הורדוס האט בעשטראפט מיט׳ן טויט, און אנ׳אייניקעל פון דער חשמונאי׳ערין מרים. ער האט אלזא געשטאמט פון די חשמונאים און די אדומים. די פרעמדע עלעמענטען אין זיין בלוט האבען געפיהרט א שטארקען קאמפף, ביז אבער דאס אידישע האט מנצח געווען. ערצויגען געווארען אין רוים און אויסגעוואקסען צוזאמען מיט דרוזוס, דעם זוהן פון רוימישען קייזער טיבעריוס, האט זיך אין אגריפא׳ן צוערשט דערוועקט הורדוס׳עס אינסטינקט. ער איז געווארען א קנעכט פון רוים, האט פערשוועגדעט זיין פערמעגען, כדי צו געווינען די פריינדשאפט פון די רוימער, און דאס אידעלע, צאַרטע געמיט, וואס ער האט גע׳ירש׳ענט פון זיין גרויסמוטער מרים, האט נאך געהאלפען דער פערשווענדונג. נאכדעם, ווי ער האט פערשוועגדעט דאס גאנצע פערמעגען פון זיין מוטער ווערעניקא, די טאכטער פון שלומית (הורדוס׳עס שוועסטער), האט ער אנגעהויבען מאכען חובות. ווען ער האט נאכ׳ן טויט פון זיין פריינד דרוזוס געמוזט פערלאזען רוים און איז געקומען צוריק א היים, קיין יהודה, איז ער אזוי ארים געווען, אז ער האט געמוזט לעבען אין א פינסטערן ווינקעל אין אדום, נאכדעם, ווי ער איז געוואהנט געווען צו לעבען, ווי א קעניגליך קינד און פערברענגען אין דעם עפענטליכען לעבען, צוזאמען מיט׳ן זוהן פון קייזער. אין דער דאזיגער נויט האט ער שוין געוואלט בעגעהן זעלבסטמארד, כדי צו בעפרייען זיך פון דעם אונערטרעגליכען עלענד. אבער זיין גרויסמוטיגע פרוי קיפראס (kypros) האט זיך פאר איהם משתדל געווען ביי זיין קרובה הערא[...]דיאס, און אגריפא האט בעקומען א שטעלע, אלס אויפזעהער אויפ׳ן מארק אין טבריה. ווען אנטיפאס האט איהם אבער איינמאל געגעבען צו שפירען זיין אבהענגיגקייט פון איהם, האט ער געווארפען די שטעלע און איז אבגעגאנגען צום רוימישען שטאטהאלטער אין סיריען צו עסען ביי איהם גנאד-ברויט.

אבער אויך פונ׳ם נידעריגען צושטאנד, אלס פריינד פון רוימישען שטאטהאלטער אין סיריען, איז אגריפא פערשטויסען געווארען דורך זיין ברודער אריסטאבול. פערלאזען פון זיינע קרובים, אדומגערינגעלט פון פיינד, האט אגריפא געוואלט געהן צוריק קיין רוים, כדי דארט זיין

גליק צו זוכען, אבער זיינע בעלי־חובות האבען איהם געוואלט ארעסטירען, אלס אנזעצער, און נאר מיט גרויסער מיה איז איהם געלונגען אויסצומיידען די טורמע. אין זיין שרעקליכער נויט האט ער זיך געווענדעט צום רייכסטען און אנגעזעהענסטען אידען פון דער אלעקסאנדרינישער אידישער קהלה, צום אראבארך אלעקסאנדער ליזימאכאס, וועלכער האט איהם געגעבען גענוג געלד צו מאכען זיין רייזע קיין רוים און פרובירען דארט זיין גליק. דער אלעקסאנדרינישער אראבארך האט געהאט זעהר גרויסע פערדיענסטען ביי די רוימישע קיסרים, און איז געווען אנגענומען אלס מיטגליעד פון דער קייזערליכער משפחה, האבענדיג אויך דאס רעכט צוצולעגען צו זיין נאמען דעם ביינאמען יוליוס — א רעכט, וואס האט געהערט נאר די מיטגליעדער פון דער קייזערליכער פאמיליע.

דער דאזיגער אראבארך איז געווען זעהר ערגעבען דעם בית־המקדש אין ירושלים, און ער האט געלאזט בעדעקען אלע טהירען פון אויסערליכען הויף פון בית־המקדש צום איננערליכען מיט ריין גאלד. און וויל אגריפא איז אויך געווען גערעכענט אלס מיטגליעד פון דער קייזערליכער משפחה פון רוים, האט ער איהם געשטיצט מיט פיעל געלד. — געקומען צוריק קיין רוים, האט אגריפא ווידער אנגעהויבען פיהרען א פערשווענדעריש לעבען. תחלת האט דער קייזער טיבעריוס איהם אויפגענומען זעהר גנעדיג, אלס א פריינד פון זיין פערשטארבענעם זוהן דרוזוס; ווען דער קייזער האט זיך אבער דערוואוסט, אז ער איז שולדיג דעם קייזערליכען אוצר דריי הונדערט טויזענד רענדלעך, איז ער צו איהם געווארען זעהר אונגנעדיג, און אגריפא איז ווידער אריינגעפאלען אין דער נויט. ארויסגעהאלפען האט איהם איצט די אינגערע רוימישע מאטראנא אנטאניא, וועלכע איז געווען א ווארימע פריינדין פון זיין מוטער. דורך אנטאניא'ס פערמיטלונג איז אגריפא ווידער דערהויבען געווארען און שטארק בעפריינדעט געווארען מיט'ן קינפטיגען רוימישען קייזער, קאיוס קאליגולא. אבער דאס איבגליק האט איהם נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו פערפאלגען; דען איינמאל האט ער, כדי צו חנפ'ענען זיין נייען פריינד קאליגולא, זיך ארויסגעזאגט, אז עס וואלט שוין געווען א גליק, דאס דער טויט זאל צונעהמען טיבעריוס'ן, כדי צו לאזען דעם טהראן א בעסערן פון איהם. די דאזיגע ווערטער האט מען באלד איבערגעגעבען טיבעריוס'ן, וועלכער האט בעפוהלען תיכף איהם אריינצווארפען אין טורמע, וואו אגריפא איז פערבליבען זעקס חדשים, ביז טיבעריוס'עס געוואלדיגען טויט. ערשט, ווען קאליגולא איז קייזער געווארען האט אגריפא'ס גליקליכער שטערן אנגעהויבען צו שיינען. קאליגולא האט באלד בעפרייט זיין פריינד אגריפא פון תפיסה און האט איהם געשאנקען א גאלדענע קייט, אנשטאט די אייזערנע קייטען, וועלכע מען האט איהם געהאט אנגעטהון פון זיינעטוועגען; דערנאך האט ער איהם געקרוינט, אבגעבענדיג איהם דעם טיטול פון א קעניג און דאס פירשטענטום פון זיין פעטער פיליפ

אויף יענער זייט ירדן. דער רוימישער סענאט האט איהם געגעבען דעם טיטול פרעטאר. קאליגולא איז געווען צו איהם אזוי פריינדליך, אז ער האט זיך מיט איהם נישט געוואלט באלד שיידען, און האט איהם פער־האלטען נאך א יאהר לאנג ביי זיך אין רוים. ווען אגריפא איז דערנאך אבגעגאנגען אין זיין קעניגטום, האט ער ביי איהם גענומען א ווארט, באלד צו קומען צוריק קיין רוים.

ווען אגריפא איז געקומען קיין ארץ־ישראל, געקרוינט מיט'ן טי־טול קעניג און אלס פריינד פונ'ם קייזער (32 פאר'ן חורבן), נאכדעם, ווי ער האט פערלאזען דאס לאנד מיט א קורצע צייט פריהער עלענד און א גרויסער בעל־חוב, האט ער דערוועקט געגען זיך די קנאה פון זיין שוועסטער הערדיאס, די פרוי פון הורדו'ס אנטיפאס, און זי האט באלד אנגערעדט איהר מאן אויך צו געהן קיין רוים און דארט בעקומען ביי'ם מלך של חסד, דאס הייסט: קאליגולא, לפחות, א קעניגרייך פאר איהם. אבער אגריפא האט זיך מקדים געווען און אנגערעדט אויף זיין פעטער אנטיפאס אל־דאס ביז ביי קאליגולא. פון וואס־וועגען האט ער דאס גע־טהון? — מעגליך, אז דאס איז געווען נקמה, פארוואס אנטיפאס האט איהם, אגריפא'ן, נישט געשטיצט אין דער נויט; מעגליך אויך, אז ער האט מורא געהאט, דאס אנטיפאס זאל ביי איהם נישט צונעהמען זיין אייגענע קרוין. אגריפא'ס רכילות האט געווירקט, און קאליגולא האט פערשטויסען אנטיפאס'ן פון זיין טהראן און פערשיקט קיין ליאן (דאס איצטיגע פראנקרייך), וואוהין עס איז צו איהם געקומען אויך זיין פרוי. די ירושה פונ'ם פערשטויסענעם נשיא האט קאליגולא אבגעגעבען זיין פריינד אגריפא'ן, וועלכער האט אזוי ארום געהאט אונטער זיין מאכט אי דעם גליל, אי דאס אידישע לאנד אויף יענער זייט ירדן און איז געווא־רען א גאנץ אנגעזעהענער פירשט.

די גרויסע חסדים, וואס קאליגולא האט ארויסגעוויזען דעם ארי־מען אגריפא'ן, האט געקאנט איבערגעהן, ווי מען האט געגלויבט, אויך אויף דאס אידישע פאלק, און דעריבער האט דאס דערוועקט די קנאה פון די פרעמדע פעלקער געגען אידען. בעזונדערס שטארק האבען אנגעהויבען מקנא צו זיין אידען די גריכען און אלעקסאנדריען, און זייער אלטע שנאה צו אידען האט זיך איצט דערוועקט מיט א נייער קראפט. די אידען האבען בכלל געהאט פיעל שונאים, אפענע און געהיימע, אין דער גרויסער רוימישער מלוכה. דאס איז געווען טיילווייז די בלינדע ראסען־שנאה, טיילווייז די שנאה צו דער אידישער רעליגיע, בעזונדערס אבער, א געהיימע אינסטינקטיווע מורא פאר'ן ארימען, אבער דאך קעניגליך־שטאלצען פאלק, וואס קאן נאך אמאל דערגרייכען צו א הער־שאפט. אבער אין ערגעץ האט די פיינדליכע שטימונג געגען אידען נישט דערגרייכט ביז אזא שטארקער מדרגה, ווי צווישען דער גריכישער בעפעלקערונג אין אלעקסאנדריען, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט דורך

איהר לעדיג־געהן און ליעבע אָבצושפּאַטען פון אַלעמען, ווי אויך דורך איהר שטענדיגען חשק צו מאַכען מהומות. מיט קנאה און נישט־פערגינען האָבען זיי געקוקט אויף דער פלייסיגקייט און וואוילשטאַנד פון זייערע אידישע מיטבירגער, וועלכע זענען אין דער הינזיכט געשטאַנען העכער פאַר זיי, וועהרענד זיי זענען אין דער קונסט און פילאָזאָפישער וויסענשאַפט געשטאַנען מיט זיי אויף איין הויך. די ערשטע רוימישע קיסרים האָבען שטענדיג געהאַט מעהר צוטרוי צו די מיושב׳דיגע אידען איידער צו די לייכטזיניגע גריכען, און דאָס האָט די שנאה און קנאה צו אידען נאָך פערשטאַרקט. עס האָבען זיך געפונען גריכישע שריפטשטעלער — לצים מיט א פערדאָרבענעם כאַראַקטער, וועלכע האָבען נאָך אָט די שנאה אויפגעבלאָזען; זיי האָבען אויסגעטראַכט אַלערליי רכילות אויף׳ן אידישען פאָלק און אויך פערדרעהט און מבזה געווען די גרויסע אידישע פערגאַנגענהייט, מיט וועלכער אידען האָבען מיט רעכט אַזוי שטאַרק שטאָלצירט.

אין פערשיעדענע צייטען זענען ערשיענען געגען אידען אַזעלכע שריפטען. פּאָסיידאָניוס פון אַפּאַמעאַ אין דער צייט פונ׳ם שרעקליכען אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, אַפּאָלאָניוס מעלאָ, אין דער צייט פון ציצעראָ, וועלכער האָט אָנגעשטעקט מיט דער שנאה צו אידען דעם גיפטיגען רעדנער ציצעראָ; חערעמאָן אין צעזאַר׳ס צייט, ווי נאָך פיעל אַנדערע אַלעקסאַנדרינישע שריפטשטעלער. די דאָזיגע שריפטשטעלער האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַלערליי שענדליכע פּאַסקווילען אויף׳ן אידישען פאָלק; זיי האָבען זיך נישט געשעמט אויסצוטראַכטען, אַז מען האָט אידען אַרויסגעטריבען פון מצרים, ווייל זיי זענען געווען קרעציג; דעם גרעסטען נביא פון דער מענשהייט, משה רבינו, האָבען זיי אָנגערופען קונצען־מאַכער און מכשף און וועגען דער תורה האָבען זיי דערצעהלט, אַז זי לערנט פיינד צו האָבען פרעמדע פעלקער און בכלל קיינעם נישט צו ליעבען; זיי פלעגען אויך לעסטערן דעם גאָט פון ישראל און רופען די אידען א באַרבאַריש פאָלק, וועלכעס האָט נישט ערפונדען קיין שום זאַך, וואָס זאָל ברענגען נוצען דער מענשהייט. די אַלעקסאַנדרינישע גריכען פלעגען אויפנעהמען אָט די אַלע רכילות מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט און פלעגען מגזם זיין זיי און מאַכען דאָס אידישע פאָלק לעכערליך.

דריי אָנגעזעהענע גריכישע שריפטשטעלער האָבען אפילו געשריבען זעהר פיעל גוטס וועגען אידען, אָבער דוקא וועגען אָט די שריפטשטעלער פלעגט מען זיך מאַכען, ווי נישט וויסענדיג. די אַלעקסאַנדרינער האָבען זיי געקענט גאַנץ גוט, אָבער זיי פלעגען זיי נישט אַכטען. דער בעדייטענדסטער געאָגראַף פון אַלטערטום, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון אַגריפּאַ׳ן, סטראַבאָ, האָט בעזונדערס אין זיין געאָגראַפישען ווערק, וואָס איז געווען געמישט אויך מיט היסטאָרישע ידיעות, געשרי־

בעך וועגען אידען זעהר שענע זאכען. חאטש איהם איז גוט בעקאנט
געוועזען, אז אידען זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט ער דאך אבער
נישט ווידערהאלט דעם שענדליכען שקר, אז צוליעב זייער קרעציגקייט
האט מען זיי פון דארטען ארויסגעטריבען, חאטש אין זיין צייט איז די
דאזיגע מעשה'לע געוועזען זעהר פאפולער ביי די גריכישע איינוואהנער
פון אלעקסאנדריען. ער האט פיעל מעהר דערצעהלט, אז משה האט
ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים דערפאר, וואס די דארטיגע געצענ־
דיענערייא איז איהם נמאס געוועזען. מיט א קענטיגען געפיהל פון הויכ־
אכטונג רעדט סטראבא וועגען דעם אידישען גלויבען און אנ'אייציגען
גאט, און שטעלט דעם דאזיגען גלויבען פיעל העכער פאר'ן גלויבען אין
פיעל געטער; ער בעטאנט אויך משה'ס פערבאט צו פערעהרען גאט דורך
בילדער, אנווייזענדיג, ווי אונענדליך העכער דער אידישער גאטעס־
דיענסט איז פאר'ן קעלבער־קולט פון די עגיפטער, אדער פאר'ן פער־
גלייכען גאט מיט א מענשען, ווי די גריכען האבען דאס געטהון. „ווי
אזוי וואלט זיך עס אונטערגענומען א מענש מיט פערשטאנד צו מאכען
א מענשליך בילד פון דער גאטהייט?" — פרעגט סטראבא אין אויפרעג־
גונג. די אידישע תורה בעצייכענט סטראבא אלס א לעהרע, וועלכע
פלאנצט־איין גוטע מדות און בעזונדערס די וואוילטעטיגקייט; זי איז
מבטיח, אז די גאטהייט וועט בעצאהלען מיט גוטס אלע די, וואס געהען
אין די וועגען פון גערעכטיגקייט, גוטסקייט און וואוילטעטיגקייט.
סטראבא דערצעהלט, אז די ערשטע דורות נאך משה'ן האבען אידען
שטרענג אבגעהיט זיין תורה און געפיהרט א פרום און גערעכטיג לעבען,
זייענדיג ערצויגען דורך דער תורה אין אמת'ער גאטספארכטיגקייט.
וועגען דעם בית־המקדש רעדט סטראבא מיט גרויס הויכאכטונג, און
חאטש די אידישע שרים, די מעכטיגע לייט, זיינען אבגעפאלען פון
משה'ס תורה און בעהאנדעלט שלעכט דאס אידישע פאלק, איז דאך
אבער די אידישע הויפטשטאדט, ירושלים, געבליבען ביי איהר גרויסער
ווירדיגקייט און הויכער בעדייטונג און זי איז נישט די שטאדט פון גע־
וואלטיגע, שלעכטע מענשען, נאר דער ארט פון הייליגען טעמפעל, פון
בית־המקדש, וואו מען פערעהרט דעם איינציגען גאט.

אבער די דאזיגע בעוואונדערונג פאר דער אידישער תורה האט נישט
געמאכט קיין איינדרוק אויף די גריכישע איינוואהנער פון אלעק־
סאנדריען, וועלכע זיינען פול געוועזען מיט טיעפען האס געגען אידען,
וויל די דאזיגע שנאה האט געשטאמט פון דער קנאה געגען אידישער
פעהיגקייט, פלייסיגקייט, ווי אויך צוליעב דער גוטער בעציהונג צו זיי
מצד די ערשטע רוימישע קיסרים, וועלכע האבען געהאט צו אידען מעהר
צוטרוי, ווי צו די אויסגעלאסענע און ווילדע גריכען. אויפ'ן באדען פון
דער שנאה צו אידען איז דאמאלס אויך ארויסגעטראטען א שענדליכער
יונג מיט'ן נאמען אפיאן (אפיון), וועלכער איז מיט זיין חוצפה און

דכילות אריבערגעשטיגען אלץ, מיט וואס מען האט נאר פריהער געשענדעט אידען. אלע ניעדערטרעכטיגע פריהערדיגע מעשה׳לעך וועגען אידען האט ער אבגעפרישט און פערגרעסערט מיט אויסגעטראכטע גוזמאות און פערטומעלט די גריכישע מאסע מיט זיין ווילדער מארק־שרייעריי און גלאטען צינגעל. אפיאן איז געווען איינער פון יענע ליגנער און בעריהמער, וועלכע האלטען זיך תמיד ביי׳ם פרינציפ: „די וועלט האט ליעב, מען זאל זי אבנארען, טא דארף מען זי אבנארען“. וועגען אלע זיינע שקרים האט ער דערצעהלט, אז ער האט זיי מיט די אייגענע אויגען געזעהן, אדער אליין געהערט פון מענשען, וועלכע מען מוז גלויבען; ער האט אפילו אויך דערצעהלט, אז דער גייסט פינ׳ב גרויסען גריכישען דיכטער, האמער, איז איהם ערשיענען און חלום און ענטדעקט, אין וועלכער שטאדט ער איז געבארען געווארען*). דערביי איז אפיאן געווען אזא אנגעבלאזענער בעל־גאוה, אז ער פלעגט איבעראל אליין אויספויקען וועגען זיין גדלות און מען האט איהם גערופען „דער טרומייטער פון דער אייגענער פערזאן“. וואס־זשע איז פאר א וואונדער, אז אזא בעריהמער און שקרן האט אויסגענוצט די שנאה פון די אלעקסאנדרינישע גריכען צו אידען, כדי אויסצושפינען נאך גרעסער דאס שפינוועבס וועגען דעם חאראקטער און אלטערטום פונ׳ם אידענטום! וואס אונפערשעמטער דער מענש איז געווען, אלס געראטענער איז ארויסגעקומען זיין ווערק און די אויגען פון די אלעקסאנדרינער. אפיאן האט דערצעהלט, אז ער האט אליין געהערט פון די אלטע עגיפטער, אז משה איז געווען א פריסטער (כהן) ביי׳ם אבגאט פון מצרים אין דער שטאדט העליאפאליס; די אידישע נאציאן איז גאר נישט אזוי אלט, דען איהר אנפאנג שטאמט ערשט פון דער צייט, ווען מען האט אויסגעבויט די שטאדט קארתאגה; אידען האבען געליטען פון העסליכע געשווירען אויף די געהיימע ערטער פון לייב און ערשט נאך זעקסטעגיגער יסורים׳דיגער וואנדערונג אין מדבר, האבען זיי זיך געקאנט אויסרוהען אין לאנד יהודה. דעם שבת פייערען אידען דערפאר, ווייל אין דער עגיפטישער שפראך הייסט זייער העסליכע קראנקהייט שאבאתאזיס (Sabbathosis). אט אזוי האט אפיאן ארויסגעוויזען זיין שפראך־קענטניש וועגען דעם ווארט „שבת“.

די דאזיגע פיינדליכע שטימונג פון די אלעקסאנדרינישע גריכען געגען אידען, וועלכע האט געשטאמט פון קנאה, רעליגיאנס־שנאה און נאציאנאלער אנטיפאטיע און האט געקאנט געפינען איהר גלייכען נאר אין דער מיטעלאלטערליכער שנאה פון דער קריסטליכער וועלט צו אי־

*) אין גריכענלאנד האט מען נישט געוואוסט, אין וועלכער שטאדט האמער איז געבוירען געווארען, און זיעבען שטעדט זאלען זיך האבען געאמפערט צווישען זיך וועגען דעם, און יעדע פון זיי האט פערזיכערט, אז אין איהר איז דער גרויסער דיכטער געבוירען געווארען.

רען, — האט זיך אבער געמוזט אבהאלטען פון אנ'אויסברוך אין דער רעגירונג פון די רוימישע קיסרים אויגוסט און טיבעריוס, ווייל די דאמאלדיגע שטאטהאלטערס האבען שטרענג פערבאטען יעדע שטערונג פון דער עפענטליכער רוה, אדער יעדע אונארדנונג. אונטער דעם משוגע'נעם קייזער קאליגולא האט זיך די לאגע געענדערט. פאר'ן אידישען בעשיצער, דעם שטאטהאלטער פלאקוס, האבען די גריכען שוין מעהר קיין מורא נישט געהאט, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז קאליגולא האט זיך בעצויגען מיט גרויס חשד צום רוימישען שטאטהאלטער אין אלעקסאנדריען, פלאקוס, דערפאר, וואס ער איז געווען אנ'אנהענגער פונ'ם פריהערדיגען קייזער טיבעריוס און א פריינד פון טיבעריוס'עס איינינקעל, וועלכען קאליגולא האט בעשטראפט מיט'ן טויט, און דעריבער זענען די אלעקסאנדרינער זיכער געווען, אז ווען זיי וועלען מאכען אנ'אנקלאגע געגען פלאקוס'ן, וועט קאליגולא זיי פריינדליך אויסהערען. פלאקוס האט זיך טאקי אויך דערפאר געשראקען און האט דעריבער געמאכט זיך נישט־זעהענדיג, ווי מען פיהרט אנ'אגיטאציע געגען אידען. ווי נאר אין אלעקסאנדריען איז ערהאלטען געווארען די ידיעה, אז אגריפא איז דורך קאליגולא'ן בעשאנקען געווארען מיט א קעניגליכער קרוין, האט זיך ביי די גריכען אזוי שטארק אנגעצונדען די קנאה און שנאה געגען אידען, ווי מען וואלט, א שטייגער, ביי זיי צוגענומען א מלוכה, וואס האט זיי געהערט בירושה. די שמחה פון די אלעקסאנדרינישע אידען וועגען דער ערהויבונג פונ'ם אידישען פרינץ, וועלכען זייער אראבארך האט געשטיצט פריהער מיט געלד, האט נאך שטארקער אויפגערייצט די אלעקסאנדרינער און דערוועקט זיי צו מערדערישע מעשים געגען אידען. די איניציאטארען און אנפיהרער פון דער אידענפיינדליכער דעמאנסטראציע זענען געווען צוויי נישטיגע קרעאטורען: א געשיכטע־שרייבער איזידאראס, וועלכער איז אזוי גרייט געווען צו פערקויפען אלץ פאר געלד, אז אפילו די גריכען אליין האבען איהם א נאמען געגעבען „די בלוטיגע פעדער", ווייל ער האט מיט זיין פעדער־שמירעריי נישט איין מענשען אומגעבראכט, — און איינער לאמפא, א וויסטער יונג, א נואף און א מנוול, ווי מען קאן נאר טרעפען אין די גרויסע שטעדט אין די הייסע לענדער. אט די צוויי פערברעכער האבען פון איין זייט בעהערשט דעם שטאטהאלטער, ווארפענדיג אויף איהם א שרעק פון מסירה פאר'ן קייזער קאליגולא, און פון דער אנדערער זייט — דעם המון, בעזונדערס די באסיאקעס, אז זיי זאלען זיין גרייט אויפ'ן ערשטען וואונק, אנצופאלען אויף אידען און בעפריעדיגען זייער נקמה־געפיהל און שנאה.

צום אונגליק, האט אגריפא זיך אבגעשטעלט אויף א קורצע צייט אין אלעקסאנדריען אויף זיין רייזע פון רוים קיין ארץ־ישראל און זיך

דאָרט בעווויזען אין זיין קעניגליכער פּראַכט. דער שטאַטהאַלטער פלאַקוס, וועלכער האָט אויך נישט פערגונען אגריפּאַ'ן זיין דערהויבונג, איז צופריעדען געוועזען מיט דער צוגעטרייטער אונאָרדנונג געגען אידען אין אַלעקסאַנדריען. די דאָזיגע אונאָרדנונג האָט זיך אָנגעהויבען מיט'ן אָבשפּאָטען און קאַריקאַטורען־מאַכען פון אגריפּאַ'ן און געענדיגט האָט זי זיך פאַר אידען מיט בלוטיגע מערדערייען. צוערשט האָט דער המון גענומען אַ גאַסען־נאַר, אַ האַלבען אידיאָט, און בעפּוצט איהם מיט אַ פּאַפּיערענער קרוין, מיט אַ ראָגאָזשע, אַנשטאָט אַ פּורפּור־מאַנטעל, און אַ בייטש, אַנשטאָט אַ קעניגליכען סצעפּטער, און אַזוי האָט מען איהם געפיהרט מיט גרויס פּאַראַד און געלעכטער צום גימנאַזיאָן, וואו מען האָט איהם געשטעלט אויף אַ הויכען אָרט און בעגריסט איהם, אלס קעניג, אויסרופענדיג „מרין“ — וואָס הייסט אין אראַמיש: „אונזער הערר“. דערנאָך האָט דער המון זיך אַ לאָזגעטהון צו די בתי־כנסיות (פּראָזייכען — סינאַגאָגען) און אויפגעשטעלט דאָרט די בילדער פון'ם קייזער קאַליגולאַ, כדי זיי דאָרט צו הייליגען. אויף דער דרינגענדער פאָדערונג פון די אידישע פיינד, האָט פלאַקוס נאָך צוגענומען ביי אידען אויך זייערע בירגערליכע רעכט, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין אַ משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען און זענען אויך בעשטעטיגט געוואָרען דורך די ערשטע רוימישע קיסרים. פלאַקוס האָט אָבער זיי ערקלערט פאַר פרעמדע, וואָס האָבען נישט קיין שום רעכטע אין אַלעקסאַנדריען. דאָס איז געוועזען אַ בעזונדערס שטאַרקער קלאַפּ פאַר די אַלעקסאַנדריער אידען, וועלכע האָבען דורך זייער וויסענשאַפט, קונסט, אינדוסטריע און שיפערייַ אויך אַזוי פיעל מיטגעווירקט צום דערהויבען די שטאָדט, ווי די גריכישע בעוואָהנער, און זיי האָבען דעריבער מיט פאָלקאָמען רעכט געהאַלטען זיך דאָרט פאַר גלייכבערעכטיגטע בירגער. דערמיט איז פלאַקוס אַרויסגעטראָטען פון דער ראָליע פון אַ גלייכגילטיגען בעאָבאַכטער און האָט אַליין אויך טיילגענומען אין די אונגעזעצליכע מעשים.

מען האָט די אידען אַרויסגעטריבען פון די פיער שטאָדט־טיילען פון אַלעקסאַנדריען און צוזאַמענגעפּרעסט זיי אין'ם שטאָדט־טייל ד ע ל ת אַ*), וואו אַ טייל אידען האָבען געוואָהנט שוין פריהער. דער המון, וועלכער האָט נאָר געגאַרט, צו קאָנען בערויבען די אידען, האָט זיך באַלד געוואָרפען אויף די הייזער און פאַבריקען, וועלכע זיי האָבען פערלאָזען, און גערויבעוועט, צושטערט און פערניכטעט אַלץ, וואָס די אי־

*) דעלתא האָט מען גערופען אין מצרים יענעם אָרט, וואו דער נילוס גיעסט זיך אריין אין ים דורך עטליכע שטראָמען, פערנעהמענדיג אַ דריי־קאַנטיג שטיק לאַנד. וועלכעס איז עהנליך געוועזען צו דער דריי־קאַנטיגער פיגור, וואָס הייסט אין גריכישען אלף־בית ד ע ל ת אַ (ד).

דען האבען דורך זייער פלייסיגקייט אנגעזאמעלט אין א משך פון הונ־
דערטער יאהרען. העכער דריי הונדערט אידישע הייזער האט מען צו־
שטערט. די רייכסטע אידישע בעלי־בתים, צווישען זיי אויך דריי פון די
אנגעזעהענסטע אידישע לייט, מיטגליעדער פון אידישען ראט, אויא־
דיאס, טרפון און אנדראן, זענען דאדורך בעטלער געווא־
רען. דער המון האט בעלאגערט די דעלתא, כדי קיינעם נישט ארויס־
צולאזען, און מען האט געוואלט, אז די אידען זאלען דארט אומקו־
מען אין ענגשאפט, היץ און הונגער. אויב איימיצער פון די אידען האט
געמוזט ארויסקומען, כדי צו בעקומען שפייז פאר זיין משפחה, האט
מען איהם שרעקליך געפייניגט און מיט אכזריות געווארפען אין פייער,
אדער אויפגעהאנגען און אנגעשלאגען אויפ'ן צלם. די דאזיגע שרעקלי־
כע לאגע האט געדויערט העכער א מאנאט. פלוצלונג האט דער שטאט־
האלטער געלאזט מאכען א בעפעהל אויף אכט און דרייסיג מיטגליעדער
פון אידישען ראט, דערונטער אויך די אויבענדערמאהנטע דריי, און
זייערע הייזער, און, נאכדעם, ווי מען האט זיי איינגעשמיעדט אין
קייטען, האט מען זיי געשלעפט אין טעאטער אריין, וואו מען האט זיי
אין דער געגענווארט פון גאנצען המון מערדעריש געשמיסען (31 אוי־
גוסט, 32 פאר'ן חורבן). די דאזיגע גוואלדטהעטיגקייט איז געווען בע־
זונדערס שטארק דאדורך, וואס לויט די פריוולעגיעס פון די
אלעקסאנדרינישע אידען, וועלכע די קיסרים האבען בעשטע־
טיגט, האט מען גארנישט געטארט בעשטראפען אידען
מיט קערפערליכע שטראפען. אויסער דעם איז דאס פארגעקומען אינ'ם
געבורטס־טאג פון רוימישען קייזער, ווען מען פלעגט אפילו נישט אויס־
פיהרען די בעשטראפונג אויף א פערברעכער. איינינגע געפייניגטע מיט־
גליעדער פון ראט זענען אונטער דער פייניגונג געשטארבען, אנדערע
זענען געפעהרליך קראנק געווארען. אפילו פרויען האט מען אין יענעם
טאג נישט געשוינט און בעליידיגט זיי אויפ'ן גראבסטען אופן; פיעל
פרויען האט מען געפייניגט און געשענדעט. ווי נאר א אידישע פרוי האט
זיך בעוויזען אין גאס, האט מען איהר געצוואונגען צו עסען חזיר־פלייש
און, אויב זי האט עס נישט געוואלט טהון, האט מען זי געפייניגט
אויפ'ן געמיינסטען אופן מיט גרויס אכזריות. פלאקוס איז אבער דערמיט
נאך נישט געווען צופריעדען; ער האט געשיקט א מאה סאלדאטען, צו
מאכען רעוויזיעס אין די אידישע הייזער אין דעם שטאדט־טייל דעלתא;
די סאלדאטען האבען פלוצלונג געמאכט א בעפאל אויף די אידישע הייזער
און געזוכט דארט געוועהר, דערביי זענען זיי אריינגעקומען אויך אין די
שלאף־צימערען פון די פרויען. די דאזיגע רדיפות און פייניגונגען אויף
אידען האבען געדויערט עטליכע וואכען. ערשט אין מיטען מאנאט סעפ־
טעמבער איז געקומען פלוצלונג פון רוים א שליח מיט א בעפעהל צו

דערוויטערען פלאקוס'ן פון זיין שטעלע און אבשיקען איהם קיין רוים, וואו ער האט געדארפט אבגעבען א רעכנונג פאר זיינע מעשים. אבער נישט פאר די שענדליכקייטען געגען אידען האט ער זיך געדארפט פערענטפערן, נאר וויל דער קייזער האט געגען איהם געהאט אן'אלטע שנאה פאר זיין פריינדשאפט צו טיבעריוס'ן. די ידיעה פון פלאקוס'עס דימיסיע האבען אידען ערהאלטען אום סכות, ווען זיי זענען געזעסען צוזאמענגעפרעסט אין די ענגע סוכות. בעזונדערס גרויס איז געווען די אידישע שמחה, ווען עס איז ערהאלטען געווארען די ידיעה, אז פלאקוס'ן האט מען פער'משפט צו פערשיקען. שפעטער איז פלאקוס בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט.

דער שטאטהאלטער, וואס איז געקומען נאך איהם, באסוס, האט, משמעות, די ארדנונג צוריקגעשטעלט און בעשיצט די אידען פון נייע אנפאלען, אבער דערמיט האט זיך די אידישע טראגעדיע נישט געענדיגט, וויל פלאקוס האט איבערגעלאזען אידען א צרה אויף א לענגערע צייט. דאס, וואס ער האט מיט זיין אייגענער מאכט אויף אן'אונגעזעצליכען אופן צוגענומען ביי זיי זייער גלייכבערעכטיגונג, האט געבראכט צו גרויסע מחלוקת צווישען אידען און גריכען. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט דער אנפיהרער פון די אידישע פיינד, דער שריפטשטעלער אפיאן, ארויסגעגעבען א בוך, אין וועלכען ער האט, מיט דער הילף פון סאפיסטישע קונץ־שטיקלעך, דערוויזען, אז אידען זענען כלומר'שט געקומען קיין אלעקסאנדריען, אלס קריעגס־געפאנגענע (שבוים) און צוליעב זייער שפלות, האט מען זיי אבגעגעבען דעם נידעריגסטען שטאדט־טייל צו וואהנען, נעבען ים, די דעלטא. דער ליגנערישער אפיאן דערצעהלט די געשיכטע פון אידען אין מצרים אזוי, אז די מלכים פטאלאמעאוס פילאדעלפוס און פילאמעטער, ווי אויך די ערשטע קלעאפאטרא, וועלכע האבען געגעבען אידען אלערליי זכיות, צוליעב זייערע גרויסע פערדיענסטען פאר מצרים — אט די אלע מלכים דערמאהנט ער גארנישט, דיי ער דערמאהנט אויך נישט די בעוואוסטע אידען חוניו און דאזיטעאס; אנשטאט דעם דערמאהנט ער בעזונדערס שטארק דעם אידען־פיינד פטאלאמעאוס פיסקאן און די לעצטע קלעאפאטרא, פון וועלכע דער ערשטער האט שיער נישט געלאזט צוטרעטען די אידישע בעפעלקערונג דורך העלפאנטען, און די צווייטע האט אין דער צייט פון הונגער אינ'ם לאנד נישט איינגעטיילט אידען קיין תבואה, צוזאמען מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג.

די מחלוקת וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג האט געקאנט אבשטעלען דער רוימישער קייזער דורך אן'עדיקט; אבער ער איז דאמאלס געוועזען פערריזט אין גערמאניען און גאליען, וואו ער האט געפייערט זיינע כלומר'שטע נצחונות און זיך נאריש געמאכט, קלייבענדיג אויפ'ן ברעג ים מושעלען, מויער־קעפלעך א. ד. גל., כדי צו בעפוצען דערמיט זיין

טריאומף-וואגען ביי זיין אנקומען צוריק אין רוים. און ווען ער איז צוריק געקומען קיין רוים און איז געפאלען אויפ'ן משוגע'נעם געדאנק צו ערקלערען זיך תחלת פאר א האלב-גאט און דערנאך פאר אנ'אמת'ן גאט, און האט בעפוילען, אז מען זאל פאר איהם בויען טעמפלען און אויס-שטעלען זיינע בילדער, כדי צו איהם דיענען; — אט דא ערשט האבען די אלעקסאנדרינישע גריכען דערזעהען, מיט וואס זיי קאנען בייקומען אידען. זיי האבען מיט געוואלד ווידער אריינגעבראכט די בילדער פונ'ם קייזער קאליגולא אין די אידישע שוהלען, וויסענדיג פאראויס, אז אידען וועלען זיך שטעלען געגען דעם און, ממילא, דערוועקען געגען זיך דעם צארן פונ'ם משוגע'נעם רוימישען קייזער. אין דער ווירקליכקייט האט צוליעב דעם זיך אנגעהויבען א נייער קאמפף, און דער נייער שטאט-האלטער האט זיך אויך אריינגעמישט אין דער זאך, ארויסטרעטענדיג געגען אידען, ווייל ער האט געהאפט דערמיט נושא חן צו זיין ביי קאליגולא'ן. ער האט געוואלט צווינגען די אלעקסאנדרינישע אידען, צו דיענען צו קאליגולא'ס בילדער און, ווייל אידען האבען גע'טענה'ט, אז דאס איז געגען זייער רעליגיע, האט ער געוואלט זיי אויך פערבאטען צו היטען שבת, זעהענדיג דרינען דעם הויפט-פונקט פון דער אידישער תורה. ער האט געלאזט רופען צו זיך די אנגעזעהענע אידען און האט געהאלטען פאר זיי אזא מין רעדע: „ווי וואלט געווען, ווען עס וואלט פארגעקו-מען א פלוצלינגער בעפאל פון פיינד, אדער א געוואלדיגע פערפלייצונג, אדער א שרעקליכע שרפה; ווען א הונגער, אדער א מגפה, אדער א ערד-ציטערניש וואלט געקומען, — צי וואלט איהר אויך דאן אבגעהיט שטרענג שבת און, זיצענדיג מיט צוזאמענגעלעגטע הענד, נישט זוכען קיין מיטעל זיך צו ראטעווען? צי וואלט איהר אויך דאן געזעסען רוהיג אין אייערע שוהלען, געלעזען די תורה און ערקלערט זי דורך לאנגע דרשות? אדער אפשר וואלט איהר פון זיך אלץ אבגעשאקעלט און גע-גאנגען ראטעווען אייערע עלטערן און קינדער, אייער האב-און-גוטס און אייער אייגען לעבען? טא זעהט אלזא: איך וועל פאר אייך זיין אלץ — אי אנ'איבערפאל פון פיינד, אי א פערפלייצונג, אי א שרפה, אי א הונגער, אי א מגפה, אי אנ'ערד-ציטערניש, אי דאס גרויזאמע גע-שטאלט פון בלינדען גורל, אויב איהר וועט מיינע בעפעהלען נישט פאלגען“. די דאמאלסטיגע אידען אין אלעקסאנדריען זענען אבער גע-ווען פעסט צוגעבונדען צו זייער גלויבען, און זיי זענען געבליבען גע-טריי דער אידישער תורה, זייענדיג בערייט צו ליידען פאר איהר אלער-ליי רדיפות און ענוים. נאר איינציגע אידען האבען זיך געלאזט איינרעדען צו דיענען די אבגעטער, צי דערפאר, וואס זיי האבען זיך דערשראקען פאר קאליגולא'ס דראהונגען, אדער עס האט זיך זיי געוואלט נושא חן זיין ביי די רוימער און בעקומען דאדורך כבוד און עשירות. אויך דער זוהן פונ'ם אראבארד, מיט'ן נאמען טיבעריוס אלעקסאנדער,

האָט דאַמאָלס פערלאָזען דאָס אידענטום און דערגרייכט שפּעטער אַ הויר־
כע שטעלע אין דער רוימישער מלוכה.

כדי צו ווירקען געגען דעם דאָזיגען אָבפאַל פון יודענטום, האָט
אַן'אַלעקסאַנדרינישער איד דאַמאָלס אָנגעשריבען אַ בוך אויף גריכיש,
וואָס האָט דורך זיין שענער שפּראַך און טאַלענפולער מאַניער געמאַכט
אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די אידישע לעזער און געווים אָבגעהאַלטען
פיעל פון זיי פונ'ם שענדליכען שריט, פאַלש צו ווערען געגען זייער
פאָלק. דער אונבעוואוסטגעבליבענער מחבר האָט געוואָלט פון איין זייט
צוגעבען מוט די אידען, צו ליידען און האָפען אויף גאָט'ס הילף, וועל־
כע מוז קומען, אויב מען וועט נאָר בלייבען געטריי דעם יודענטום, פון
דער אַנדערער זייט ווידער האָט ער געוואָלט אויסדריקען זיין טיעפע
פעראַכטונג פאַר יענע אידען, וואָס האָבען נישט געקאָנט, אָדער נישט
געוואָלט ביישטעהען דעם נסיון און זענען אַרויסגעטרעטען פון אידענ־
טום, ווערענדיג אונגעטריי אויך זייער פאָלק. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט
דער מחבר פערקליידעט אין דער פאָרמע פון אַ געשיכטע, וועלכע איז
טיילווייז פאַרגעקומען אין די אַלטע צייטען, און טיילווייז געווען ער־
דיכטעט. די בעאַרבייטונג און דעם קאָלאָריט האָט דער מחבר גענו־
מען פונ'ם לעבען און די געשעהענישען פון זיין צייט. דאָס דאָזיגע בוך
איז געווען „דער דריטער ספר פון די חשמונאים", וועלכער
האָט מיט העלע פאַרבען געשילדערט די ענוים־געשיכטע פון דער אַלעק־
סאַנדרינישער אידישער קהלה. דער ספר דערצעהלט פאָלגענדעס: דער
מצרים'ער מלך פילאָפּאַטער זאָל נאָך אַ נצחון איבער ירושלים האָבען
אַריינגעקומען אין בית־המקדש, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די אידען
האָבען איהם געבעטען, אַז ער זאָל דאָס נישט טהון, וויל קיין פרעמ־
דער מענש טאָר נישט אַריינקומען אין קדש הקדשים. דער כהן גדול,
שמעון הצדיק, זאָל דאַמאָלס האָבען געבעטען ביי גאָט, אַז ער זאָל נישט
דערלאָזען אַזאַ חלול הקדש, און גאָט האָט זיין תפלה דערהערט און גע־
וואָרפען אַ שרעקליכע מהומה אויף דעם קעניג פילאָפּאַטער. קומענדיג
צוריק קיין אַלעקסאַנדריען, זאָל פילאָפּאַטער געוואָלט האָבען נקמה
נעהמען פון די אַלעקסאַנדרינישע אידען און געגעבען אַ בעפעהל, אַז יע־
דער זאָל זיך [illegible] צו די אָבגעטער, און ווער עס וועט נישט וועלען
ברענגען צו זיי קיין קרבנות, וועט ערנידריגט ווערען צו דער געמיינס־
טער פאָלקס־קלאַס און געצייכענט ווערען פאַר אַ קנעכט פונ'ם קעניג;
אַלס אַ סימן דערויף וועלען זיי דאַרפען טראָגען דעם סימבאָל פונ'ם
באַקכיס־אָבגאָט אויסגעברענט אויף זייער לייב; דאַגעגען יענע אידען
וועלכע וועלען זיין בעפעהל פאָלגען, וועלען בלייבען ביי זייערע בירגער־
ליכע רעכטע. אָבער די מייסטע אידען זענען געבליבען געטריי דעם גלוי־
בען פון זייערע עלטערן, נישט אַכטענדיג אויף די שרעקליכע **רדיפות**,
וואָס איז זיי אויסגעקומען צו ליידען. די אידישע פיינד האָבען דאַמאָלס

אנגעוויזען דעם קעניג, אז דאדורך, וואס די אידען האבען זיך אבגע-
זאגט צו דינען צום קעניגס געטער און טיילנעהמען אין די גריכישע
שמחות און מאהלצייטען, האבען זיי דערוויזען, אז זיי זענען שונאים
פונ׳ם קעניג און פון אלע שטעדטישע איינוואהנער. און אט האט דער
קעניג דאמאלס בעפוילען, צו לאזען צוטרעטען אלע אידען דורך העל-
פאנטען. אבער די מלאכים האבען צוטריבען די העלפאנטען פון די אר-
רען און געיאגט זיי אויף די גריכישע צושויער; דער קעניג איז אזוי
דערשראקען געווארען, זעהענדיג דאס, אז ער האט בעפוילען, צו לאז-
זען אידען פריי און געלאזען זיי דינען זייער גאט. ער איז פון דאמאלס
אן געווארען א אידען-פריינד און האט זיי אויך ערלויבט צו בעגעהען
זיך, ווי זיי ווילען, מיט די אידען, וועלכע זענען אבגעפאלען פונ׳ם יי-
דענטום. — דאס בוך ענדיגט זיך מיט די אויפמונטערנדע ווערטער:
„געבענשט זאל זיין דער, וואס האט אויסגעלייזט תמיד די אידען פון
אלע צרות“.

נאך איין ספר איז ענטדעקט געווארען אין יענער צייט — דער
ספר „ח כ מ ת ש ל מ ה“, וועלכער איז פערפאסט געווארען פון א אידען
א דענקער און א געלעהרטען, און האט אויך געהאט דעם צוועק צו
שטארקען אידען אין זייער אמונה אין דער שווערער צייט.

אין דער גרויסער נויט, וואס עס האבען זיך געפונען די געדריק-
טע אידען אין אלעקסאנדריען אין יענער צייט, האבען זיי זיך בעשלאס-
סען צו שיקען א דעפוטאציע צום רוימישען קייזער קאליגולא און בעטען
איהם, אז ער זאל זיי בעפרייען פון זייער פערצווייפעלטער לאגע (אום ווינ-
טער, 30 יאהר פאר׳ן חורבן). צו דער דעפוטאציע האט מען אויסגעקלי-
בען פיעל בעוואוסטע, וועלכע האבען דורך זייער הויכער שטעלע אין
דער געזעלשאפט און זייער בילדונג, געקאנט אמבעסטענס פערטרעטען
אידען. איינער פון די דאזיגע שלוחים איז אויך געוועזען דער אידישער
פילאזאף פילא, וועלכער האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט דורך
זיין גרויסען יחוס און הויכער שטעלע אין דער געזעלשאפט, ווי אויך
דורך זיין טיעפער בילדונג און גלענצענדער רעדנערישער קראפט, אז קיין
בעסערען פערטרעטער און פערטיידיגער פאר דער אידישער געזעלשאפט
האט מען זיך נישט געקאנט ווינשען. דורך זיינע ספרים האט פילא
געהאט א גרויסען איינפלוס נישט בלויז אויף די מענשען פון זיין צייט,
נאר אויך אויף די שפעטערדיגע דורות, און נישט בלויז אויף אידען,
נאר אויך אויף נישט-אידען.

פילא ברודער פונ׳ם אראבארך אלעקסאנדער האט פילא (געבארען
לערך אכציג יאהר פאר׳ן חורבן, געשטארבען לערך 10 יאהר פאר׳ן
חורבן) געהערט צו די אנגעזעהענסטע און רייכסטע משפחות פון די
אלעקסאנדרינישע אידען. זיין גרויסער חשק צום לערנען האט איהם גע-
טריבען צו בעקענען זיך גרינדליך מיט דער גריכישער פילאזאפיע און

ליטעראטור, אין וועלכע ער איז געווארען א טיעפער קענער. פילא האט געהערט צו יענע געצעהלטע גרויסע מענשען, וועלכע קריכען נישט אויף דער ערד, נאר זיי שטרעבען צום הימעל און בעפרייען זיך אינגאנצען פון אלע קייטען, מיט וועלכע די וועלט בינדעט זיי צו זיך. חאטש ער איז געוועזען אינגאנצען איבערגעגעבען דער גריכישער פילאזאפיע, האט ער דאך דאס יודענטום געשטעלט פיעל העכער און האט דאס גערופען די „העכערע חכמה". ווען ער פלעגט אויפ'ן רייכען באדען פון דער גריכישער פילאזאפיע זאמלען בלומען, פלעגט ער פון זיי פלעכטען קרענצען, כדי צו בעצירען דאס יודענטום. דאס פילאזאפישע שטרעבען פון פילא האט נישט בלויז זיין גייסט געשפייזט, עס האט איהם אויך אריינגעגעבען א העכערען גייסט פאר אידעלע מעשים און געבילדעט זיין חאראקטער אזוי מאראליש, אז די פערדארבענהייט, ווילדע אויסגעלאסענע שגעונות און געמיינהייטען פון די מענשען זענען איהם געווארען גאנץ אונפערשטענדליך, און ער האט זיי בעטראכט, ווי א וואונדערליך רעטעניש.

אט דאס איז געוועזען דער מאן, וועלכען די אלעקסאנדרינישע קהלה האט אויסגעקליבען פאר זיך פאר א מליץ־יושר פאר'ן רוימישען קייזער קאליגולא. אויך די גריכען פון אלעקסאנדריען האבען געשיקט א דעפוטאציע צום קייזער, כדי צו קעמפפען געגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. אין שפיץ פון דער גריכישער דעפוטאציע איז געשטאנען אפיאן, דער פערביסענער שונא־ישראל, דער פערפאסער פון די שאנדשריפטען געגען אידען, ווי אויך דער גיפטיגער איזידארוס. צום ערשטען מאל זענען דאמאלס ארויסגעטראטען און אנ'ן פעטליכען גערייכט דאס יודענטום מיט'ן העלעניזם, און פערטרעטער פון ביידע צדדים זענען געוועזען צוויי מענער, וועלכע זענען ביידע ערצויגען געווארען אויף דער גריכישער קולטור. פילא האט מיט זיין פילער ווירדיגקייט און ערנסטקייט פערטראטען די שטרעמונג, וועלכע שטרעבט צום אמת, צו דער גערעכטיגקייט און די מאראלישע אידעאלען; אפיאן, פיל לייכטזיניגקייט און תאוה צו שפאטען און שענדען מענשען און זייער מענשענרעכט, האט מיט זיך פארגעשטעלט דאס פערקערפערטע בילד פון דער בעריהמטער און סאפיסטיק — אנ'עכטער סימבאל פון דער גריכישער דעקאדענץ.

מיט וואס עס האט זיך אויסגעלאזען דער קאמפף צווישען די גריכישע און אידישע אלעקסאנדרינער איז אונבעוואוסט. קאליגולא, וועלכער האט געדארפט זיין דער ריכטער צווישען די קעמפפענדע צדדים, איז אליין געוועזען לייזענשאפטליך פעראינטערעסירט אין דער זאך. ער האט געהאסט די אידען דערפאר, וואס זיי האבען איהם נישט געוואלט אנערקענען פאר א גאט און דיענען צו איהם, ווערענד אלע איבעריגע פעלקער, וואס זענען אונטערטעניג צו רוים, האבען זיין פאר־

דערונג ערפילט. די אידישע דעפוטאטען האבען אפילו גארנישט געהאט די מעגליכקייט צו געבען אנ'ערקלערונג, דען ווען קאליגולא האט זיי אנ'אודיענץ געגעבען, זענען זיינע ערשטע ווערטער געווען א ווילדער צארן-געשריי: „אהא, איהר זענט פעראכטער פון געטער און איהר ווילט מיך נישט אנערקענען פאר א גאט, נאר בעסער פערעהרען אנ'אונבעוואוסטען גאט, וועלכען איהר האט קיינמאל נישט געזעהען?“ דערויף האט ער, אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל, אזוי שענדליך גאט געלעסטערט, אז דער דאמאלדיגער געשיכטע-שרייבער, פילא, האט אפילו זיך נישט געקאנט ערלויבען זיינע שענדליכע רייד איבערצו'חזר'ן. באלד נאכדעם האט ער, ווי מען זאגט, די אידישע דעפוטאציאן אין ווילדען צארן געהייסען ארויסטרייבען, און פילא זאל זיינע חברים האבען ערקלערט, אז פון איצט אן זאלען זיי איבערגעבען זייערע גערעכטע זאך גאט אליין, דען פון'ם קייזער קאליגולא קאן מען קיין גוטס נישט ערווארטען. דעם אראבארך אלעקסאנדער האט מען באלד נאכדעם אין תפיסה אריינגעווארפען.

וועהרענד די אידישע דעפוטאטען פון מצרים זענען נאך געווען אין רוים און נאכגעגאנגען נאך די משוגע'נע מעשים פון קאליגולא'ן, אפשר וועט זיי פארט געלינגען צו פועל'ן, אז ער זאל זיי לאזען רעכטען פאר איהם, האבען זיי פלוצלונג ערהאלטען א ידיעה, פון וועלכער זיי זענען אזוי ווי בעטויבט געווארען. א איד, וואס איז נאר וואס געקומען פון ירושלים, איז געקומען צו זיי אין אויסגערופען מיט א ביטער געוויין: „א סוף צו אונזער בית-המקדש און דער הייליגער שטאדט ירושלים, דען קאליגולא האט בעפוילען איהם מטמא צו מאכען און אריינשטעלען דארט זיינע בילדער, כדי צו דינען צו זיי!“.

קאליגולא'ס צארן געגען אידען איז געווען שרעקליך. סטייטש, ער, וועלכער האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל חסדים פאר אגריפא און דערהויבען איהם פאר א קעניג, זאל דוקא דורך די אידען נישט אנערקענט ווערען פאר א גאט! נישט בלויז אין די אידישע שוהלען, נאר דוקא אין בית-המקדש, האט ער בעפוילען, זאל מען באלד אויסשטעלען זיינע בילדער און, אויב אידען וועלען זיך שטעלען געגען דעם, דארף מען געגען זיי ארויסטרעטען מיט געוועהר. דער שטאטהאלטער פון סיריען, פעטראניוס, האט דערהאלטען א בעפעהל אריינצוקומען מיט זיינע לעגיאנען אין לאנד יהודה, און מיט זייער הילף זאל ער פערוואנדלען דעם בית-המקדש אין א געצענדינערישען טעמפעל. מען קאן זיך לייכט פארשטעלען, וואס פאר אנ'אימת-מות עס איז געפאלען אויף דער אידישער נאציאן ביי דער דאזיגער ידיעה. מען האט זיך דערמאהנט אן די שרעקליכע צייטען פון אנטיוכוס עפיפאנעס מיט אלע דעמאלדיגע ענוים און בלוט-פערגיסונגען. דאס אייגענע האט זיך געזאלט איבער'חזר'ן איצט ווידער א מאל. די דערשרעקענדע בשורה איז ערהאלטען

געוואָרען ערב סכּות (40 פאַר'ן חורבן), און די יום־טוב'דיגע שטימונג האָט זיך פערוואַנדעלט פאַר אידען אין אַ טרויער־שטימונג. פעטראָניוס איז געקומען מיט צוויי לעגיאָנען צו דער שטאָדט עכּו. אָבער ווייל דאַמאָלס איז געקומען די רעגען־צייט, ווען די אידען פלעגען זיך, לויט ווי מען האָט געוואוסט, בעזונדערס שטאַרק בעשעפטיגען, האָט ער בעשלאָסען אָבצוּוואַרטען דאָרט אַ גאַנצען ווינטער און ערשט אין פריהלינג צוטרעטען דורכצופיהרען קאַליגולאַ'ס בעפעהל. פיעל טויזענדער אידען זיינען געקומען צו איהם קיין עכּו און געוואָרפען זיך איהם צו די פיס מיט תחינות און בקשות, אַז ער זאָל אויף זיי נישט ברענגען קיין פערדאַרבונג, ערקלערענדיג, אַז זיי זיינען גאַנץ געטריי דעם רוימישען קייזער. נאָר זיין איצטיגען בעפעהל קאָנען זיי נישט ערפילען און וועלען אַלע בעסער געהען אין טויט, איידער אונטריי צו ווערען זייער תורה. פעטראָניוס איז געווען אין גרויסער פערלעגענהייט, דען ער האָט אַליין אויך איינגעזעהן קאַליגולאַ'ס שגעונות, און נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל דורכפיהרען זיין עדיקט. ער האָט ענדליך בעשלאָסען צו האַלטען זיך אַן עצה מיט'ן קעניגליכען ראָט פון אַגריפּאַ און איז צוליעב דעם אַבגעגאַנגען קיין טבריה. אויך אַהער זיינען געקומען פיעל אידען אָהן אַ פיינדליכער כּוונה, נאָר כּדי צו בעטען פעטראָניוס'ן, אַז ער זאָל געפינען אַ מיטעל נישט צו שענדען דעם בית המקדש דורך מענשליכע בילדער. דערביי האָבען זיי ווידער אַ מאָל ערקלערט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט קעמפפען פערצווייפעלט פאַר דער הייליגקייט פון בית־המקדש. און. אַז דאָס פאָלק האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט, האָט פעטראָניוס געקאָנט זעהן דערפון, וואָס מען האָט, צוליעב די רייזען צו איהם, אפילו אויך פערנאַכלעסיגט די צייט פון פערזייהען די פעלדער, וועלכע דויערט פיערציג טעג נאָך סכּות. די אידישע אַריסטאָקראַטיע האָט דאָס מאָל געהאַלטען צוזאַמען מיט'ן פאָלק.

לויט דער עצה פון די אידישע גרויסע לייט, האָט פעטראָניוס געשילדערט דעם קייזער קאַליגולאַ די זאַך, און האָט געהאָפט. אַז עס וועט איהם געלינגען איהם צו שטימען פריינדליך פאַר אידען. ער האָט אויך בערוהיגט דאָס פאָלק און געגעבען איהם אַן עצה, אַז מען זאָל געהן פערזייהען די פעלדער, כּדי צו פערמיידען אַ הונגער־יאָהר. אָבער איידער נאָך פעטראָניוס'עס בריעף איז אָנגעקומען צום קייזער, האָט ער געענדערט זיין מיינונג וועגען דער פראַגע אַ דאַנק דער פערמיטלונג פון'ם קעניג אַגריפּאַ, וועלכער האָט געהאַט אויף איהם אַ גרויסען איינפלוס. דערדאָזיגער איינפלוס איז אַזוי גרויס געווען, אַז די רוימער האָבען בעשולדיגט אַגריפּאַ'ן און אַנטיאָכוס פון קאָמאַגענע (Comagene) אַז זיי האָבען געלערנט קאַליגולאַ'ן צו זיין אַזוי גרויזאַם און שרעקליך ווילד. אַגריפּאַ איז אין יענער צייט ווידער געווען ביי'ם קייזער. ווען קאַליגולאַ האָט בעפוילען זיינע בילדער אַריינצושטעלען אין בית־

המקדש. איז די זאך אידאי געווען אונאנגענעהם אגריפא'ן, אבער ער איז גע־זווען צו־פיעל הויפמאן און האט צו־גוט געקענט דעם ווילדען כאראק־טער פון קאליגולא'ן, אז ער זאל זיך ערלויבען ארויסצוטרעטען בעגען איהם אין זיינע קאפריזנע שגעונות. ער האט דעריבער געמאכט דעם אנשטעל, ווי דער גאנצער ענין איז איהם גארנישט נוגע און ער קימערט זיך ווענינג'וואס אום דאס געשריי פון די אידען; ער האט איינ־געארדענט א העכסט־פערשווענדערישען מאהלצייט פאר'ן קייזער און זיינע לייט און האט געהייסען דערלאנגען צום טיש די טייערסטע שפיי־זען. און אט אזוי ארום איז איהם געלונגען זיין ציעל צו דערגרייכען. קאליגולא איז שטארק ענטציקט געווען פונ'ם שענעם מאהלצייט און האט אין זיין גרויסער היץ אויסגערופען, אז וואס נאר אגריפא וועט פון איהם פערלאנגען, וועט ער ערפילען. קאליגולא האט געמיינט, אז אגריפא וועט געוויס פערלאנגען פאר זיך א נייע מדינה, כדי צו פער־גרעסערען זיין מלוכה און מאכט. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען אגריפא האט ערקלערט, אז ער פערלאנגט נאר איין זאך, דאס דער קייזער זאל מבטל מאכען דעם ועדיקט מכח דעם אויסשטעלען זיינע בילדער אין בית־המקדש. דער חיטרער קאליגולא איז איבערגעהיטרעוועט געווארען דורך דעם אידישען קעניג. זיין ווארט צוריקנעהמען האט איהם שוין נישט געפאסט, און אט האט ער באלד געשיקט א שריפטליכען בעפעהל (אין נאוועמבער—דעצעמבער 30 פאר'ן חורבן) צו פעטראניוס'ן מיט אזא אינהאלט: „אויב דעם קייזער'ס בילדער זענען נאך נישט אריינגעשטעלט געווארען אין בית'המקדש, דארף מען דאס נישט טהון". דערוויל האט ער אויך בעקומען דעם בריעף פון פעטראניוס'ן. מעהר ווי דאס האט נישט געפעהלט. די ליידענשאפטליכע נאטור פון קאלי־גולא'ן איז געוואלדיג אויפגערעגט און ווילד געווארען און זיין צארן האט זיך אנגעצונדען: סטייטש, דער סירישער שטאטהאלטער זאל זיך ערלויבען איהם, דעם רוימישען קייזער, צו געבען עצות און ווייזען איהם שוועריגקייט ביי'ם אויספיהרען זיין פערלאנג און ווילען! קאלי־גולא האט באלד ארויסגעגעבען א נייען בעפעהל, אז דער אונגעהארכ־זאמער שטאטהאלטער זאל בעגעהן א זעלבסטמארד, כדי דאדורך אנצו־שרעקען אנדערע בעאמטע, אז זיי זאלען זיך נישט דערוועגען נישט צו ערפילען דעם קייזערס בעפעהלען. אבער איידער עס איז אנגעקומען אין פעטראניוס'עס הענד דער דאזיגער בעפעהל, וועלכער איז געווען גע־פעהרליך פאר פעטראניוס'ן און אויך פאר אידען, איז ערהאלטען געווא־רען א וויכטיגע ידיעה: דער משוגע'נער קאליגולא איז דער'הרג'עט געווארען דורך דער האנד פון כארעאס (Chareas) דעם טריבון פון די פרעטאריאנער (24 יאנואר, 41 נאך דער געוועהנליכער צייט־רעכע־נונג). די ידיעה איז אין ארץ־ישראל ערהאלטען געווארען כ"ב שבט (29 פאר'ן חורבן, 41 נאך קריסטוס) אין קורצע פאלגענדע ווערטער:

„קאיוס קאליגולא איז ערמארדעט געווארען, און זיינע בעפעהלען זענען אלע בטל געווארען“. דעם דאזיגען טאג האבען אידען געמאכט פאר א יום־טוב, וויל קאליגולא'ס טויט האט זיי בעפרייט פון א גרויסער סכנה, וואס איז פארגעשטאנען פון א באלדיגער מלחמה. די לעגענדע דערצעהלט, אז דער כהן גדול, שמעון הצדיק דער לעצטער, האט געהערט די גוטע בשורה פון א שטימע אין קדש הקדשים.

נאך קאליגולא'ן איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן רוימישען טהראן קלוידיוס (Claudius), א מענש מיט א טעמפען פערשטאנד, אבער זעהר געלערענט און א פעדאנט. א קייזער איז ער געווארען כמעט דורך א צופאל, און אויך א דאנק דער דיפלאמאטישער פערמיטלונג פון אגריפא, וועלכער האט קוים גע'פועל'ט ביי'ם פחדן, אז ער זאל אננעהמען די וואהל פון די פרעטאריאנער, און ביי'ם סענאט ווידער האט ער קוים גע'פועל'ט, אז ער זאל אנערקענען די דאזיגע וואהל. ווי גרוים איז געווען אין יענער צייט די מאראלישע ירידה פון דער רוימישער מלוכה, קאן מען זעהען דערפון, וואס א קליינער אידישער פירשט, וואס אין דער צייט פון דער רוימישער רעפובליק וואלט אפילו א שטאלצער פאטריציער מיט איהם נישט געוואלט פערברענגען, האט איצט געקאנט ארויסטרעטען אין סענאט אין אזא וויכטיגער אנגעלעגענהייט, ווי בעשטימען די וואהל פון א קייזער און כמעט אליין געבען רוים א קייזער. קלוידיוס איז געווען זעהר דאנקבאר אגריפא'ן, און האט דאס איהם ארויסגעוויזען פאקטיש. ער האט איהם זעהר געלויבט אין דער עפענטליכער זיצונג פון סענאט, און דערהויבען צום טיטול פון א רוימישען קאנסול און א מלך איבער'ן גאנצען לאנד כנען (פאלעסטינא), אבגעבענדיג איהם שמרון, דאס לאנד יהודה, גליל און דאס לאנד אויף יענער זייט ירדן. די גרעניצען פון ארץ ישראל זענען שוין איצט פיעל גרעסער געווארען, ווי פאר דער צייט פון הורדוס דעם ערשטען, אדער פון די חשמונאים. אויך מטבעות האט דער רוימישער קייזער געלאזט מאכען צום אנדענקען פון אגריפא'ס גדלות. אויף איין זייט פון דער מטבע זענען געווען צוויי געשלאסענע הענד, אלס סימבאל פון פריינדשאפט צווישען דעם קעניג אגריפא און דעם רוימישען סענאט מיט'ן קייזער; פון דער אנדערער זייט איז געווען דעם קייזער'ס בילד מיט דער אויפשריפט: „לכבוד דעם קעניג אגריפא, דעם געליבטען פון קייזער“. אגריפא'ס איידעם, הורדוס דעם צווייטען, וועלכער איז אויך געווען זיינער א ברודער, האט קלוידיוס געגעבען דעם טיטול פרעטאר (ריכטער) און האט איהם אבגעגעבען דאס פירשטענטום חאלקיס ביי'ם בארג לבנון.

די איבערקעהרעניש אין רוים איז אויך געווען א טובה פאר די אידען אין אלעקסאנדריען. דער קייזער קלוידיוס איז געווען בעפריינדעט מיט'ן אראבארך; ער האט איהם בעפרייט פון תפיסה, און וועלכער קא־

ליגולא האט איהם געלאזט אריינווארפען, און האט אויך געענדיגט דעם קאמפף צווישען די אידען און די גריכען אין אלעקסאנדריען לטובת די אידען. אין אלעקסאנדריען איז דערוויל פארגעקומען א נייעס: אידער עס איז נאך אנגעקומען די ידיעה וועגען קאליגולא'ס טויט, האבען די אידען אין אלעקסאנדריען זיך גענומען צום געוועהר, כדי אליין צו פערטיידיגען זיך געגען די גריכען און מאכען א סוף מיט דער אונערטרעגליכער לאגע. קאליגולא'ס פארטייאישקייט האט צוגעגעבען די אידען מוט אליין צו פערטיידיגען זיך, נאכדעם, ווי זיי האבען זיך איבערצייגט, אז אין רוים קאן די גערעכטיגקייט נישט געפינען קיין פערטיידיגונג. צו קיין בלוט-פערגיעסונג האט אבער צום גליק נישט געדארפט קומען, ווייל דער נייער קייזער האט ארויסגעגעבען אן עדיקט, דורך וועלכען ער האט אנערקענט די גלייכבערעכטיגונג פון די אלעקסאנדרינישע אידען, און די רוהיגקייט האט זיך דעריבער באלד איינגעשטעלט. דער קייזער האט אויך צוריקשטעלען די ווירדיגקייט פונ'ם אראבארך, וועלכער איז זעהר וויכטיג געווען פאר די אידען אין מצרים, און בעזונדערס פון אלעקסאנדריען. לויט אגריפא'ס ביטע, האט דער קייזער געגעבען אידען אין דער גאנצער מלוכה רעליגיאנס-פרייהייט, און פערבאטען, אז די געצענדיענערישע שכנים זייערע זאלען זיי שטערען אין ערפילען אלע זייערע רעליגיעזע פליכטען. מען האט אויך דערצעהלט, אז קלודיוס איז אזוי שטארק געווען ענטציקט פון פילא'ס רעדנערישער קונסט, אז ער האט איהם פארגעלעגט צוזאמענצושטעלען א בעריכט וועגען די יסורים, וואס אידען האבען איבערגעליטען אין אלעקסאנדריען אונטער דעם שטאטהאלטער פלאקוס, און האט אויך איינגעלאדען איהם צו לעזען פאר'ן סענאט א בעריכט וועגען דער אידישער געזאנדטשאפט צו קאליגולא'ן.

ווען אגריפא, געקרוינט מיט מלכות און כבוד אין רוים דורכ'ן קייזער, איז ענדליך אבגעלאזען געווארען צוריקצוגעהן קיין ארץ ישראל און פערנעהמען דארט זיין טהראן, האט מען באלד געקאנט בעמערקען, אז אין איהם איז פארגעקומען א גרויסע פערענדערונג. די פלוצלונגע איבערקעהרעניש אין רוים, ווען א משוגע'נער קייזער איז פון טהראן אראבגעווארפען געווארען, און א שוואכער מענש איז אויף זיין ארט ארויפגעשטיגען, האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף אגריפא'ן: זיין פריהערדיגע לייכטזיניגקייט איז פערשוואונדען געווארען, צוזאמען דערמיט איז אויך נישט געבליבען קיין שפור פון דעם פריהערדיגען רוימישען חונף, נאר עס איז ערשינען א אידישער פאטריאט, וועלכער בעציהט זיך גאנץ ערנסט צו די אומשטענדען און שטרעבט צו טהון גוטס זיין פאלק. דער חשמונאי האט אין איהם מנצח געווען דעם הורדוס-מאן. אונטער אגריפא'ן האבען אידען גענאסען חאטש א שפאן צייט ווידער רוהיגקייט און גליק. ער האט אזוי שטארק גע-

שטרעבט צו גערן האַנד בײַ האַנד מיט דער אידישער נאַציאָן, שטערענ־
דיג אפילו אויך אין סכנה די פרײַנדשאַפט פון רוים, אַז די ערגסטע פײַנד
פון קעניגטום בײַ אידען האָבען געגען איהם גאָרנישט געקאָנט אויס־
שטעלען און זענען געוואָרען זײַנע ערגעבענסטע פרײַנד. מען האָט גע־
קאָנט מיינען, אַז אַגריפּאַ האָט זיך געשטעלט אַ ציעל אויסצובעסערן
אַלץ, וואָס זײַן זיידע הורדוס האָט פערבראָכען. די גאַנצע נאַציאָן האָט
זיך געשפּירט נאָך קאַליגולאַס טויט אין זעהר אַ געהויבענער שטימונג.
דען מען האָט געזעהן גאָט׳ס פינגער אין זײַן גוואַלט־טויט, ס׳הײַסט, אַז
גאָט האָט ווידער אַ מאָל בעוויזען, אַז ער פערלאָזט נישט זײַן פאָלק
ישראל און קומט איהם צו הילף אין דער נויט — אַזוי האָט מען דאַ־
מאָלס גטראַכט. די האָפנונגען פון די ערביטערסטע אידישע פײַנד
זענען געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט, און דעריבער האָט מען יענעם
יאָהר געפײַערט די אידישע יום־טובים מיט אַ בעזונדער שמחה און
דאַנקבאַרקײַט צו גאָט. ביז יענעם יאָהר פלעגט מען ברענגען די בכורים
(די ערשטע פרוכטען) אין בית־המקדש אַרײַן אָהן קיין בעזונדערע
פײַערליכקײַט; און יענעם יאָהר האָט מען דאָס בעגאַנגען מיט גרויס
פּאַראַד: „מיט זאַנג און קלאַנג“. די אײַגענטימער פון די גאָרטענס און
פעלדער אין די שטעדט און אין די דערפער האָבען זיך פערזאַמעלט
גרופּען־ווײַז מיט זייערע ערשטע פרוכטען, וועלכע זיי האָבען געהאַל־
טען אין קוישען בעפּוצט, ווי איינער האָט נאָר פערמאָגט; די רײַכע
האָבען זיי בעפּוצט מיט גאָלד און זילבער. צו די פערזאַמעלטע אידען
פלעגט דער ממונה, אָדער דער פיהרער, אויסרופען: „שטעהט־אויף! מיר
ווילען געהן קיין ציון, צום בית־המקדש פון אונזער גאָט“. באַלד פלעגט
זיך אָנהויבען אַ געזאַנג און אַ געשפּיעל פון מוזיק, און דער
עולם פלעגט זיך לאָזען געהען קיין ירושלים. און בשעת
דער עולם פלעגט קומען נעהנטער צו ירושלים, פלעגען זיי אַרויסקומען
אויף קבלת־פּנים די אָנגעזעהענע אידישע שרים. דער עולם פלעגט דער־
ווײַל צוקומען צו די טהויערן פון שטאָדט; ווער עס פלעגט טראָגען
טײַטלען און טרויבען, ווער געטריקענטע פײַגען און ראָזינקעס, בעזונ־
דערס די, וואָס פלעגען קומען פון אַ ווײַטער געגענד. פאָראויס פלעגט
געהן אַן אָקס, דער סימבאָל פון דער פעלד־אַרבייט, וועלכער איז געווען
בעשטימט פאַר אַ קרבן. בײַ׳ם אָקס זענען די הערנער געווען בעפּוצט
מיט גאָלד, און דער קאָפּ — מיט אַ פּאַלמען־קרוין. ווען זיי פלעגען אין
שטאָדט אַרײַנקומען, פלעגען זיי מקבל־פּנים זײַן אַלערליי בעלי־מלאכות
(צעכען) און בעגריסען זיי. ווען זיי פלעגען קומען צום הר הבית,
פלעגט יעדער פון זיי, אפילו אויך דער קעניג אַגריפּאַ אַליין, נעהמען
דעם קויש פרוכטען אויף דער אַקסעל, ביז ער פלעגט אַרײַנקומען אין
דער עזרה. דאָרט פלעגען זיי מקבל פּנים זײַן די לויים מיט תהלים־גע־
זאַנגען. אין בית־המקדש גופא פלעגט דאָס דערלאַנגען די בכורים צו

די כהנים בעגלייטעט זיין מיט מוזיק און געזאנג. דער אלעקסאנדריני־שער פילאזאף, פילא, וועלכער האט אליין איבערגעלעבט די אידישע אונגליקען אין אלעקסאנדריען, און איז געגאנגען פערטיידיגען זייערע רעכטע אין רוים, איז נאך קאליגולא'ס טויט, ווען עס איז פארגעקומען די גינסטיגע ענדערונג פאר אידען, געקומען אין דער דאזיגער צייט אויך קיין ירושלים און בייגעוואהנט די פייערונגען פון די בכורים. שפעטער האט ער זיי בעשריבען אונטער'ן נאמען „דער קארב־יום־טוב“ און זעהר אנ'אנציהענדער פארמע.

אין הערבסט פונ'ם פאלגענדען יאהר האט מען געפייערט אנ'אנדער יום־טוב אויך אין א געהויבענער שטימונג. דאס איז געוועזן א שמיטה־יאהר און לויט'ן געזעץ פון דער תורה האט דער קעניג געדארפט פער־זאמלען דאס פאלק אום יום־טוב סוכות און פארלייענען פאר איהם די תורה אין בית־המקדש. דאס דאזיגע געזעץ האט מען אבער נישט אב־געהיט פון דער צייט אן, ווי עס איז אונטערגעגאנגען דאס קעניגליכע הויז פון די חשמונאים, ווייל הורדוס און זיינע קינדער האבען נישט גע־וואלט לייענען דעם פסוק פון דער תורה: „דו זאלסט בעשטימען א קע־ניג נאר פון דיין אייגען פאלק, אבער נישט א מענשען פון א פרעמדען פאלק“. אגריפא האט אבער געשטאמט פון זיין מוטערס זייט פון די חשמונאים, דען ער איז געוועזן אנ'אייניקעל פון מרים'ן, וועלכע איז גע־וועזן זיין פאטערס מוטער. און אט האט ער דעריבער בעשלאסען צו בע־נייען דאס האלב־פערגעסענע געזעץ. ער האט געלאזט פערזאמלען דאס פאלק אין בית־המקדש און, שטעהענדיג דארט אויף א הויכער בימה, האט ער פארגעלייענט פון ספר־תורה די בעשטימטע פרשיות. קומענ־דיג צו דער פרשה: „שום תשים עליך מלך“ — דו זאלסט דיר בעשטי־מען א מלך נאר א אידען, איז ער אזוי שטארק אויפגערעגט געווארען, דערמאהנענדיג זיך, אז ער שטאמט אב פון די אדומים, אז ער האט אויסגעבראכען אין א געוויין, פארוואס ער איז נישט ווערט צו זיין לויט'ן געזעץ א אידישער קעניג. אבער דאס גאנצע פאלק און אפילו אויך די פרושים האבען איהם צוגערופען מיט גרויס התלהבות: „דו ביזט אונ־זער ברידער, דו ביזט אונזער ברידער!“

אגריפא האט געהאט דאס רעכט צו בעשטימען אליין א כהן־גדול, און ער האט דאס דאזיגע רעכט אויסגענוצט, ווי געהעריג איז. ער האט בעשטימט אנשטאט דעם כהן־גדול טעאפיל, וועלכען עס האט בעשטימט פאר א כהן־גדול דער סירישער שטאטהאלטער וויטעליוס, — שמעון בן קתרוס (Simon Kantheras), וועלכען מען האט אויך גערופען שמעון הצדיק, ווי יענעם כהן־גדול, וועלכער איז געוועזן מיט דריי הונדערט יאהר פריהער, נאך פאר די חשמונאים. בכלל, האט מען אגריפא'ס גערעכטע און גוטע רעגירונג געשפירט אין דעם גאנצען אי־דישען לאנד. דער סנהדרין האט פון איהם בלי ספק בעקומען ווידער

די פֿרייהייט, צו רעגולירען די אינערליכע ענינים פֿון דער מלוכה, לויט געזעץ פֿון דער תורה. דער נשיא פֿון סנהדרין איז געווען אין זיין רעגירונג הלל דעם גרויסענס אנ'אייניקעל, רבן גמליאל הזקן, דער זוהן פֿונ'ם נשיא שמעון. אונטער זיין נשיאות האט די דאזיגע שטעלע בעקומען א הויכע בעדייטונג, דען אנשטאט דעם, וואס פֿריהער האט דער סנהדרין געטראגען א דעמאקראטישען כאראקטער, און יעדער מיטגלידער זיינער האט געהאט א גלייכע דעה מיט'ן נשיא, איז ער איצט געווארען מעהר ערנליך צו א מאנארכיסטישען ראט, וואו די הויפּט־דעה האט געהאט דער נשיא. אנ'עיבור־יאהר האט איצט געקאנט דער סנהדרין בעשטימען בלויז מיט דער איינשטימונג פֿונ'ם נשיא. ער פֿלעגט שיקען צירקוליארען צו די נאהענטע און וויטע קהלות. די פּאר־מע פֿון די דאזיגע צירקוליארען איז זעהר וויכטיג, ווי לויט זייער אינהאלט, אזוי אויך לויט זייער כאראקטער. פֿון זיי קען מען ארויסזעהן, ווי שטארק און ווי הויך עס איז געשטאנען די אויטאריטעט פֿון סנהדרין און פֿון דעם נשיא ביי אלע אידישע קהלות, זאגאר אין וויטעסטע לענדער. רבן גמליאל האט, נעמליך, דורך זיין סעקרעטאר יוחנן, וועלכער האט געקאנט פֿיעל שפראכען, געשריבען, למשל, אזוי: „צו אונזערע ברידער אין אויבערשטען און אין אונטערשטען גליל, שלום! מיר זענען אייך מודיע, אז עס איז געקומען די צייט אבצושיידען מעשר (א צעהנטעל) פֿון אייער עהל. אדער, למשל: צו אונזערע ברידער אין גלות בבל, מדי און יון (גריכענלאנד) און אין אלע איבריגע גלות־לענדער, אייער שלום זאל זיך שטארקען! מיר זענען אייך מודיע, אז די שעפּסען פֿון דעם יאהר זענען נאך צו־יונג און די טויבען קאנען נאך נישט פֿליהען, דער פֿריהלינג האט זיך בכלל פֿערשפּעטיגט, דעריבער איז געבליבען ביי מיר בהסכם מיט מיינע חברים צו צולעגען צו דעם יאהר נאך דרייסיג טעג (מאכען אנ'עיבור)".

רבן גמליאל הזקן האט איינגעארדענט אויך אייניגע זעהר וויכטיגע סאציאלע תקנות, טייל, כדי אויסצובעסערען פֿריהערדיגע פֿעהלערען, טייל, כדי צו ווירקען לטובת דעם וואהלשטאנד פֿון דער געזעלשאפֿט. דורך און אינ'ם גייסט פֿון הלל הזקן, זענען די תקנות, וועלכע ער האט מתקן געווען וועגען מענשען־ליעבע און דער פֿריינדליכער בעציהונג צו די געצענדיענערישע פֿעלקער, וועלכע שטאמען, קענטיג, פֿון רבן גמליאל הזקן. איין געזעץ האט בעשטימט, אז מען זאל די ארימע גוים נישט שטערען צו זאמלען אויף די פֿעלדער בשעת'ן תבואה־שניט לקט שכחה און פאה, דאס הייסט, די תבואה, וואס דער אייגענטימער פֿון פֿעלד פֿלעגט מוזען איבערלאזען פֿאר ארימע לייט בשעת דעם שניט. פֿון דער דאזיגער מענשענפֿריינדליכער געזעצגעבונג האבען זיך אויך ענטוויקעלט אין דער פּראקטיק פֿיעל אנדערע הומאנישע דינים, ווי, למשל, אז אין די שטעדט, וואו די בעפֿעלקערונג איז א גע־

מישטע פון אידען און גוים, דארף מען קורירען די גוי'אישע חולאים, עוסק זיין זיך אין בעגראבען זייערע טויטע און טרייסטען זייערע אבלים (טרויערנדע) גלייך מיט די אידישע. מעגליך, אז אין דער צייט האט דער סנהדרין מיט רבן גמליאל אין שפיץ אויך ארויסגעגעבען דאס געזעץ, אז מען דארף נישט בעטראכטען פאר געצענדיענער די גוים, וועלכע האבען איבערגענומען געוויסע מאראלישע געזעצען און רעליגיעזע פערפליכטונגען, נעמליך: דאס אבהאלטען זיך פון געצענדיענעריי, פון בלוט־שאנד, פון גזילה, פון עסען פלייש פון נישט א ידער'הרג'עטע בהמה, פון לעסטערן גאט, פון מערדעריי און אבצוהיטען די דינים פון גערעכטיגקייט. די דאזיגע זיבען בעשטימונגען האבען געהייסען די מצוות פון די בני נח. דאס אבזאגען זיך פון די געצענדיענערישע מנהגים און זייערע גראבע מדות אליין איז אויך שוין גענוג געווען, כדי די גריכען, אדער רוימער, זאלען נישט גערעכענט ווערען צו די געצענדיענערישע פעלקער, מיט וועלכע עס איז פערבאטען געווען אידען צו קומען אין מגע ומשא. רוים און דאס אידישע לאנד האבען, וועניגסטענס, פאר'ן מאמענט אבגעלעגט אין א זייט זייער שנאה און האבען זיך געקאנט לעבען גאנץ געמיטליך צוזאמען. די פריינדליכקייט פון רוים איז יענער צייט געגאנגען אזוי ווייט, דאס, ווען אייניגע לייכטזיניגע און אידענפיינדליכע רוימישע יונגע לייט האבען אין דער שטאדט זיך ערלויבט אליין אריינצושטעלען דעם קייזערס בילדער אין די שוהלען, איז גענוג געווען, דאס אגריפא זאל זיך בעקלאגען ביי'ם שטאטהאלטער פעטראניוס, און ער האט באלד געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל ווייטער אזעלכעס נישט טהון. פון דער אנדערער זייט ווידער האט דער קעניג אגריפא בעפוצט דאס פעניציישע שטאדט־טעאטער אין בעריטוס, צוליעב דאנקבארקייט, און האט אויך פאר זיי געבויט פראכטפולע בעדער און אלעען פון סלופען, און די פארשטעהער פון דער אידישער רעליגיע האבען צו איהם דערויף קיין פראטענזיע נישט געהאט. אין דער הינזיכט איז אגריפא געווען אן'עכטער יורש פון זיין זיידען, הורדוס דעם ערשטען: ער האט שטארק געוואלט נושא חן זיין ביי די גריכען. ווי הורדוס פלעגט שיקען גרויסע מתנות קיין אטהען און אין אנדערע גריכישע שטעדט, אזוי האט אויך זיין אייניקעל געשיקט מתנות קיין אטהען, וועלכע איז שוין דאמאלס געווען אין זעהר א טרויעריגען צושטאנד, בלויז א שאטען פון איהר פריהערדיגער פראכט, ווען זי איז געווען בערימט, אלס די מוטער פון דער קונסט. אויך פאר די איינוואהנער פון דער שטאדט קיסרין האט אגריפא זעהר פיעל געזארגט און האט זייער שטאדט בעפוצט. די איינוואהנער האבען איהם ארויסגעוויזען דערפאר גרויס דאנקבארקייט. פאר דער האפען־שטאדט סעבאסטאס האט אגריפא אזוי פיעל וואוילטהאט בעוויזען, אז זיי האבען געפינען פאר גוטיג צו פעראייביגען

זײַן נאָמען, און אַזוי האָבען זיי געשטעלט דרײַ מאָנומענטען לכבוד אגריפּאַ'ס דרײַ טעכטער און האָבען אַרויסגעגעבען מטבעות מיט דער אויפֿשריפֿט: „דעם גרויסען קעניג אגריפּאַ, דעם פֿרײַנד פֿונ'ם קעניג". די דאַנקבאַרקייט פֿון דער שטאָדט קיסרין האָט אָבער געדויערט זעהר אַ קורצע צייט. די האַפֿען־שטעדט אנתעדאָן און עזה האָבען איהם צו עהרען אויך אַרויסגעגעבען מטבעות; אפילו די ווילדע אײַנוואָהנער פֿון אויראַניטים און טראַכאָניטים האָבען פֿעראײַביגט זײַן נאָמען דורך אויפֿשריפֿטען. ווען אגריפּאַ איז צוריקגעקומען פֿון רוים, נאָכדעם, ווי ער האָט דאָרט „דערהויבען קלודיוס'ן פֿאַר אַ קייזער", האָבען די אײַנוואָהנער פֿון אייניגע שטעדט געדאַנקט יופּיטער'ן פֿאַר „אגריפּאַ'ס גליקליכען צוריקקומען אַהיים". אַלע האָבען איהם גערופֿען „דער גרויסער קעניג", נאַטירליך, מיט דער בײַלאַגע: „פֿרײַנד פֿון קייזער און פֿון די רוימער". די פֿרעמדע פֿעלקער האָבען איהם געהאַלטען זעהר הויך, נאַטירליך, דערפֿאַר, וואָס קלודיוס האָט איהם שטאַרק דערהויבען.

חאָטש אגריפּאַ איז געשטאַנען אין פֿרײַנדליכע בעציהונגען מיט פֿיעל מלכים, וועלכע האָבען, גלײַך ווי ער, געהאַט צו פֿערדאַנקען זייער מאַכט און גדלות נאָר רוים, אָדער יענעם מענשען, וועלכער האָט גע־הייסען קייזער אין רוים, פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך מיט די פֿרעמ־דע מלכים נישט מתחתן געווען. כל זמן זיי זענען געווען געצענדי־נער, און האָט זיך בעסער מתחתן געווען מיט דער משפּחה פֿון אי־דישען אַראַבאַרך אין אַלעקסאַנדריען. זײַן עלטערע טאָכטער, בערעניקאַ, וועלכע איז בעריהמט געווען דורך איהר שטראַהלענדער שענהייט און איהר שיקזאַל, האָט ער אויסגעגעבען פֿאַר'ן זוהן פֿונ'ם אַראַבאַרך, מאַר־קוס, און ווען מאַרקוס איז באַלד נאָך די תנאים געשטאָרבען, האָט אגריפּאַ אויסגעגעבען זײַן טאָכטער פֿאַר זײַן ברודער, הורדוס דעם צווייטען, קעניג פֿון כאַלקיס. זײַן צווייטע טאָכטער, מרים, האָט ער פֿער'קנס'ט מיט אַנ'אַנגעזעהענעם אידען, יוליוס אַרכעלאַוס, דעם זוהן פֿון חלקיה; נאָר זײַן איינגסטע טאָכטער, די שענע דרוזילאַ, האָט ער אויסגעגעבען פֿאַר אַ פֿרעמדען פּרינץ, דעם זוהן פֿון זײַן פֿרײַנד אַנטיוכוס, דעם קעניג פֿון קאָמאַגענאַ. אָבער דער חתן האָט געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט זיך מגיר זײַן און זיך לאָזען מל'ה זײַן.

אגריפּאַ'ס לעצטע רעגיערונגס־יאָהרען זענען געווען אַ גליקליכע צייט פֿאַר אידען סײַ אין ארץ־ישראל, סײַ אין אַנדערע לענדער; דאָס איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ שענער זונען־אונטערגאַנג פֿאַר אַ שרעקליך גרויזאַמער נאַכט. זײַן רעגיערונג איז אין דער הינזיכט עהנליך צו דער רעגיערונג פֿון יאשיהו בײַ'ם ערשטען בית־המקדש. שלום אין דער מלוכה, שלום פֿון אויסענווייניג מיט די אַרומיגע פֿעל־קער, זעלבסטשטענדיגקייט און געוויסע גרעניצען און אַ גייסטיגע ענט־

ווּיקלונג; אויך אין כאראקטער פון ביידע מלכים קאן מען געפינען א געוויסע ענליכקייט: ביידע זענען געווען אין דער ערשטער עפאכע פון זייער לעבען איבערגעגעבען דער אויסגעלאסענקייט פון זייער צייט און ביידע האבען זיך שפעטער צוגעווענדעט אינגאנצען צו זייער פאלק און געווארען מוסטערהאפטע מלכים. די אידען פון חוץ לארץ, די, וועלכע האבען געוואהנט כמעט אין אלע טיילען און פראווינצען פון דער גרויסער רוימישער מלוכה, האבען איבעראל גענאסען פון דער פריינדשאפט, וועלכע דער רוימישער קייזער האט געהאט פאר'ן אידישען קעניג. אין ערגעץ האט מען זיי ניכט געשטערט צו ערפילען זייערע רעליגיעזע בעדערפעניסען, אדער פערקלענערט זייערע רעכטע. זיי האבען איבעראל געלעבט פראנק און פריי, לויט זייערע אייגענע מנהגים און דינים און האבען פערנומען אנ'אנגעזעהענע שטעלע אין דער אלגעמיינער געזעלשאפט.

בעזונדערס גליקליך האבען זיך געשפירט די אידען אין מצרים, נעמליך, אין אלעקסאנדריען, וואו זיי האבען פריהער פיעל געליטען אין קאליגולא'ס רעגיערונג. דער קייזער קלודיוס האט בעשטעטיגט די אידישע גלייכבערעכטיגונג און שטרענג בעפוילען די גריכישע איינוואהנער אבצוהאלטען זיך פון יעדען ארויסטריט געגען אידען. דער אידישער נשיא, דער אראבארך אלעקסאנדער ליזימאכאס, וועלכען קלודיוס האט בעפרייט פון תפיסה, וואוהין קאליגולא האט בעפוילען איהם אריינצוווארפען, האט איצט ווידער דערגרייכט צו זיין פולער מאכט, און זיין טהעטיגקייט האט געבראכט זעהר פיעל גוטס דער אידישער בעפעלקערונג. זיין ברודער דער פילאזאף פילא (ידידיה האלכסנדרוני), האט ערשט אין דער צייט געעפענט אלע אוצרות פון זיין שעהנעם גייסט און ארויסטרעטענדיג, אלס לעהרער, פאר זעהר גרויסע קרייזען, האט ער דערהויבען די אידיש-גריכישע ענטוויקלונג און אויפבליהונג ביז זעהר א הויכע מדרגה. געבילדעטע אידען, וואס האבען געוואהנט צווישען גריכען, האבען ביז דער צייט אויך פיעל אידישע ווערק ארויסגעגעבען אין גריכיש, וועלכע זענען טיילס געווען בעשטימט אויף צו פערטיידיגען די אידישע רעליגיע און דאס אידישע פאלק פון די שענדליכע אנפאלען, טיילס האבען זיי געדארפט דינען אויף צו לערנען אידען גופא קענען בעסער זייער תורה און אבשטאמונג. אבער קיינער פון די דאזיגע שריפטשטעלער האבען ניכט דערגרייכט צו אזא מדרגה, ווי פילא. זייערע ווערק האבען א גאנץ קליינעם ווערט געהאט פאר די שפעטערדיגע דורות, וועהרענד פילא'ס שריפטען פערנעהמען אנ'אנגעזעהענעם ארט אין דער אלטער וועלט-ליטעראטור.

אונטער אנדערע האט אויך דאמאלס געלעבט א אידישער דיכטער יחזקאל (תעאדעקטעס?), וועלכער האט פערפאסט א דראמא: „יציאת מצרים" אויף גריכיש. אין דעם דאזיגען דראמא טרעטען

ארוים די פערזאנען: משה, זיין פרוי צפורה, זיין שווער רעגועל (רעואל) און אפילו גאט אליין אויך, און אלע רעדען נאטירליך, יונ'יש, אדער גריכיש, און דוקא אין שירים. פון דעם דראמא זענען איבערגעבליבען גאנץ נאך איניגע אקטען, ווי עס פעהלען בכלל פון דער גאנצער דאמאלסדיגער ליטעראטור גאנצע אבטיילונגען. ווי געזאגט אבער, האט די דאמאלסדיגע אידיש־גריכישע ליטעראטור דערגרייכט צו א גרויסער מדרגה ערשט מיט פילא'ן און דער רעגירונג פון אגריפא דעם ערשטען.

נישט לאנג האט אבער געדויערט פאר אידען די גליקליכע צייט. אויב דער קייזער קלודיוס האט אפילו געהאט צוטרוי צו אגריפא'ן, האבען דאך אבער די רוימישע שרים דעם דאזיגען צוטרוי נישט געטיילט: זיי האבען חושד געווען אגריפא'ן אויף שריט און טריט, אז ער טראכט נאר וועגען אבפאלען פון רוים. אגריפא'ס געשיקטקייט, זיין זעלבסטשטענדיגקייט און נאציאנאלער גייסט האבען זיך צושארף געווארפען אין די אויגען פון די רוימער, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהייט איהם צו בעאבאכטען. און די רוימער האבען אין דער ווירקליכקייט אויך נישט געהאט קיין טעות. ווי אגריפא האט געשיינט צו ליעבען רוים און די רוימער, האט ער דאך פונדעסטוועגען אויך נישט פערגעסען, אז ס'איז גאנץ מעגליך, דאס דעם אידישען פאלק זאל אויסקומען א מאל צו דארפען פערטיידיגען זיך געגען רוים, און ער האט דעריבער זיך בעמיהט צו לערנען אידען די מלחמה־קונסט און אויך בעפעסטיגט די אידישע שטעדט. אגריפא האט גאנץ גוט איינגעזעהן, אז דער חסד פון רוים איז בכלל נאר א צופעליגע זאך, וואס הענגט אב פון אן איינציגער פערזאן, וועלכע קאן אבער זיין אויך זעהר א שלעכטע און א גרויזאמע. אפילו שוין גאר ביי א גוטען רוימישען קייזער קאן אויך פארקומען, אז אידען זאלען מוזען ליידען רדיפות, ווייל דער בעסטער קייזער אין רוים האט נישט שטענדיג געקאנט פיעל פועל זיין געגען זיינע שרים מיט זייערע אינטריגעס. אגריפא איז אבער מיט'ן גאנצען הארצען געווען א אידישער קעניג, און ער האט דעריבער נישט געוואלט, אז דאס אידישע פאלק זאל דארפען זיין אבהענגיג פונ'ם קאפריז פון דעם אדער יענעם צופעליגען שר. און אט האט ער דעריבער זיך גענומען קודם־כל בעפעסטיגען ירושלים. ער האט געלאזט ברענגען זעהר פיעל בוי־מאטעריאלען צו בעפעסטיגען די פארשטאדט פון ירושלים אויפ'ן בארג ביציתא (Bozetha), דורך פעסטע און שטארקע מויערען. דער דאזיגער שטאדט־טייל איז אויסגעוואקסען ביסלעכווייז צוזאמען מיט דער פערגרעסערונג פון דער ירושלים'ער בעפעלקערונג. דארט האבען זיך געפונען די מערק פון די וואלהענדלער, קופערשמידען, קליידער־און אקסען־הענדלער. ביי אן'אנפאל אויף ירושלים מצד א שונא איז ביציתא געשטאנען אויפ'ן ערשטען פייער, און ווען

מען זאל זי איינעהמען, וואלט אויך מוזען פאלען די פעסטונג אנטאניא. אגריפא האט דעריבער אויסגענוצט די פריינדשאפט פון קייזער קלודיוס צו איהם, דען ער פלעגט איהם אין קיין זאך נישט קאנען אבזאגען, און האט בעקומען אן ערלויבעניש צו בעפעסטיגען דעם דאזיגען שטאדט־טייל. דעם קייזערס שרים האט ער אונטערגעקויפט מיט מתנות, אז זיי זאלען איהם נישט שטערען. דער דאזיגער שטאדטטייל האט אויך נישט געהאט די קדושה פון ירושלים, ווייל ער איז נישט געווען ארייגענומען אין שטאדט, מיט'ן אויפבויען אבער די נייע מויער ארום איהם איז ער פעראייניגט געווארען מיט ירושלים און מען האט איהם געהייליגט מיט גרויס פאראד. דער קעניג, דער גרויסער סנהדרין, דער חאר פון די לויים און, בלי ספק, אויך דער כהן גדול זענען אין דער בעגלייטונג פון דער גאנצער בעפעלקערונג געגאנגען אין א פראצעסיע ארום דער נייער מויער, און אין בית־המקדש האט מען געזונגען דעם „מזמור שיר חנכת הבית", וואו עס ווערט בעזונדערס געדאנקט גאט פאר דער ערהויבונג פונ'ם פאלק פון זיין שפל'דיגען צושטאנד. ביציתא איז דאדורך ערקלערט געווארען פאר א טייל פון דער הייליגער שטאדט. אבער דער דאזיגער טהאט פון אגריפא'ן איז נישט געפעלען געווארען דעם רוימישען שטאטהאלטער אין סיריען, וויביוס מארזוס. ער האט פערשטאנען די כונה, וואס אגריפא האט געהאט מיט דער נייער פעסטונג, און האט געשילדערט פאר'ן רוימישען קייזער די סכנה, וועלכע קאן דערפון ארויסקומען פאר רוים. מארזוס האט גע'פועל'ט ביי'ם קייזער, אז ער זאל געבען א בעפעהל אגריפא'ן אבצושטעלען די בעפעסטיגונג, און אגריפא האט געמוזט פאלגען, דען ער איז כלל נישט געווען אין שטאנד צו שטעלען זיך געגען רוים. אבער ער האט זיך נישט אבגעזאגט פונ'ם געדאנק אבצושוואכען רוים'ס מאכט איבער ארץ־ישראל און האט בשתיקה זיך פעראייניגט מיט די ארומיגע מלכים אין אזיען, וועלכע זענען געווען מיט איהם זעהר בעפריינדעט און מחותנים, און האבען זיך אויך געוואלט בעפרייען פון דער רוימישער הערשאפט. ער האט דעריבער איינגעלאדען די דאזיגע מלכים אויף א בעראטונג אין טבריה, און זיי זענען אהינגעקומען כלומר'שט פון פערגעניגען וועגען, צו באדען זיך דארט אין די ווארים־בעדער און פערזוכען פון די דארטיגע טייערע פרוכטען. צוזאמענגעקומען זענען אהין: אנטיוכוס, דער קעניג פון קאמאגענא, א פריינד און מחותן פון אגריפא, דער קעניג פון עמעסא, וואס זיין טאכטער יאטאפא איז געווען די פרוי פון אגריפא'ס ברודער, אריסטאבול קאטינ, דער קעניג פון קליינארמעניען, פאלעמאן, דער קעניג פון קוליקיה, און, ענדליך, הורדוס, דער קעניג פון חאלקיס, אגריפא'ס ברודער. אלע דאזיגע מלכים האט קלודיוס אליין בעשטימט אויף זייערע שטעלעס, און זיי האבען דעריבער געקאנט מורא האבען, אז ביי א נייעם קייזער,

אָדער בכלל אונטערן איינפלום פון די שלעכטע שדים. זאָלען זיי נישט פערלירען זייערע שטעלעס. דעם סירישען שטאַטהאַלטער, וויביוס מאַרזוס, איז אָבער דער דאָזיגער צוזאַמענפאָהר באַלד קשה'דיג געוואָרען; ער האָט מיט זיין פּאָליטישען חוש־הריח דערשמעקט, אַז עס האַנדעלט זיך עפּעס געגען רוים. ער איז דעריבער באַלד געקומען קיין טבריה און מיט דער אַלט־רוימישער גאוה האָט ער בעפוילען די פערזאַמעלטע מלכים באַלד פונאַנדערצופאָהרען זיך. פאַר רוים האָבען אָבער אַלע אַזוי שטאַרק מורא געהאַט, אַז די מלכים האָבען קיין וואָרט נישט גערעדט און געפאָלגט באַלד דעם רוימישען בעאַמטען.

אַגריפּאַ'ס שטאַרקער גייסט און זיין אויסגעהאַלטענקייט וואָלטען אָבער געשיצט דאָס לאַנד פון יהודה פון נייע ערנידערונגען, און אויך געשטאַרקט איהר פאַר דער צוקונפט. אָבער צום אומגליק איז ער פּלוצלונג געשטאָרבען אין די בעסטע יאָהרען, אין פיער און פופציגסטען יאָהר פון זיין לעבען, ווען ער איז געזעסען אין קיסרין אין טעאַטער אויף אַ שוישפּיל, וואָס מען האָט געגעבען לכבוד דעם קייזער קלוידיוס. 26) יאָהר פאַר'ן חורבן). ווענען זיין פּלוצלונגען טויט זענען אַרומגעגאַנגען פיעל קלאַנגען. די קריסטען האָבען געגלויבט, אַז ער האָט דעם פּלוצלונגען טויט כשר פערדינט דערפאַר, וואָס ער האָט זיי פערפאָלגט. אָבער די יסורים, וועלכע ער האָט פּלוצלונג דערשפּירט אין די געדערים און איז פון זיי געשטאָרבען, האָבען דערוויזען קלאָר, אַז עמיצער אַ שונא האָט איהם פערסמט. צוזאַמען מיט איהם איז אונטערגעגאַנגען דער לעצטער שטערן פון לאַנד יהודה. ער איז געשטאָרבען, ווי דער לעצטער איידעלער קעניג פון ערשטען בית־המקדש, יאשיהו, אַ פערטעל יאָהר־הונדערט פאַר'ן חורבן פון דער אידישער מלוכה.

נאָך אַגריפּאַ'ס טויט האָט זיך אַרויסגעוויזען, מיט וואָס פאַר אַ פערביסענער שנאה און קנאה עס האָבען זיך בעצויגען צום דאָזיגען קעניג און זיין מאַכט די גריכען, וואָס האָבען געלעבט אין ארץ־ישראל. די סיריער און גריכען אין קיסרין און אין דער האַפענשטאַדט סעבאַסטאַס האָבען באַלד פערגעסען די גרויסע וואָהלטהאַט, וואָס אַגריפּאַ האָט פאַר זיי געטהון, און האָבען געהאַלטען נאָך איהם שפּאָט־ און שאַנד־רעדעס, און האָבען אפילו אויך געבראַכט קרבנות זייער אָבגאָט האַראָן (Choron) דערפאַר, וואָס אַגריפּאַ איז געשטאָרבען. די רוימישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען אויגוסטייער און קיסרינער, האָבען צוזאַמען מיט זיי געהוליעט אויף די מאָהלצייטען, וואָס מען האָט איינגעאָרדענט, פרעהענדיג זיך אויף אַגריפּאַ'ס טויט; די בילדער פון אַגריפּאַ'ס טעכטער, וועלכע זיי האָבען אַליין אויפגעשטעלט, האָבען די גריכען איצט געשלעפּט אין די שאַנד־הייזער, וואו זיי האָבען זיי געשענדעט אויף אַ העסליכען אופן. — ווען דער קייזער קלוידיוס האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט אַזוי העסליך געשענדעט דאָס אַנ-

דענקען פון זיין פערשטארבענעם פריינד, איז ער געווארען זעהר ביי און האט געוואלט בעשטימען פאר א קעניג אין יהודה אגריפא'ס 17-יעהריגען זוהן, וועלכער האט דאמאלס ערצויגען זיך אין רוים. אבער קלודיוס'עס מקורבים, די פריי-געלאזענע קנעכט, פאלאס און נארציסוס, האבען איהם דערפון אבגעהאלטען, טענה'נדיג, אז דער פרינץ איז נאך צו יונג און וועט נישט קאנען רעגיערען איבער אזא שווער לאנד, ווי יהודה איז. דאס לאנד יהודה איז דעריבער ווידער ערקלערט געווארען פאר א רוימישע פראווינץ, און איז געבליבען אינ'ם דאזיגען צושטאנד אונטער דער פערוואלטונג פון די רוימישע פראקוראטארען ביז דעם לעצטען אויפשטאנד, וועלכער האט מיטגעבראכט דעם גרויסען חורבן.

דער ערשטער פראקוראטאר נאך אגריפא'ס טויט איז געוועזען קוספיוס פאדוס (Cuspius Fadus). איהם האט דער קייזער קלודיוס בעפוילען צו בעשטראפען די רוימישע סאלדאטען, וועלכע האבען טיילגענומען אינ'ם שענדען דאס אנדענקען פונ'ם קעניג אגריפא, און פערשיקען זיי אין פאנטוס (ביי'ם שווארצען ים). אבער דער בעפעהל איז נישט ערפילט געווארען, וויל די סאלדאטען האבען דרינגענד געבעטען ביי'ם קייזער, אז ער זאל זיי מוחל זיין. די סאלדאטען זענען אלזא געבליבען אין ארץ-ישראל, און צוליעב דער טיעפער שנאה, וואס זיי האבען געהאט צו אידען, האבען זיי מיטגעווירקט זעהר שטארק אויפצורעגען די נאציאנאלע אידען און ברענגען נעהענטער דעם אויפשטאנד. ביי אידען האבען זיך ווידער איינגעארדענט פרייע קעמפפענדע מתנות, ווי נאך הורדוס'עס טויט, און זיי פלעגען מאכען אנפאלען אויף די פרעמדע גריכען און סירייער, וואו זיי האבען נאר געקאנט.

דער פראקוראטאר פאדוס פלעגט געגען זיי ארויסשיקען מיליטער, און זייערע אנפיהרער פלעגט ער טיילוויז בעשטראפען מיט'ן טויט, טיילוויז פערשיקען. פאדוס האט אויך געמאכט די פראבע צו פערשטארקען זיין מאכט אין ארץ-ישראל. ערשטענס, האט ער געוואלט בעשטימען א כהן גדול, צווייטענס, פערנעהמען דעם כהנ'ס היילינע קליידער, ווי אין דער צייט פון פאנטיוס פילאטוס, און פערשליסען זיי אין דער פעסטונג אנטאניא. אבער געגען דעם זענען ארויסגעטראטען די כהנים, דאס פאלק און אויך דער קעניג פון חאלקיס, הורדוס דער צווייטער, אגריפא'ס ברודער, וועלכע זענען געגאנגען קיין רוים און פארגעשטעלט זיך פאר'ן קייזער, בעקלאגענדיג זיך אויף פאדוס'ן. ווי עס שיינט, איז די אויפרעגונג אין ירושלים דאמאלס געוועזען אזוי גרויס, אז נישט בלויז דער פראקוראטאר, נאר אויך דער סירישער שטאטהאלטער, קאסיוס לאנגינוס, איז געקומען מיט א גרויסער ארמעע קיין ירושלים. די אנגעזעהענע משפחות פון הורדוס און זיין ברודער אריסטאבול האבען אבער געפועל'ט, אז זיי זאלען זיך אבהאלטען פון וועלכען עס איז שריט. ביז מען וועט וועגען דער זאך שיקען א שליחות קיין רוים.

דער פראָקוראַטאָר און דער שטאַטהאַלטער האָבען איינגעשטימט אָבצוהאַלטען זיך דערווייל, אָבער מיט דער בעדינגונג, אַז מען זאָל זיי געבען מענשען־משכנות, אַז די אָרדנונג וועט נישט געשטערט ווערען דערווייל. אויף אַזאַ אופן האָט מען געשיקט אַ דעפּוטאַציע פון פיער פערזאָן קיין רוים. ווען די דעפּוטאַציע איז אַהין געקומען, האָט דער יונגער אַגריפּאַ, אַגריפּאַ דעם ערשטענס זוהן, זי פאָרגעשטעלט דעם קייזער, און דער קייזער האָט, צוליעב זיין פריינדשאַפט פאַר דער קעניגליכער משפחה, איינגעווילינגט, אַז די אידען זאָלען זיך לעבען לויט זייערע געזעצען (25 פאַר׳ן חורבן). הורדוס דער צווייטער האָט בעקומען דאָס רעכט צו בעשטימען כהנים גדולים, און ער האָט באַלד דאָס דאָזיגע רעכט אויסגענוצט און דערווייטערט פון דער כהונה גדולה דעם כהן אליועיני בן הקוף, בעשטימענדיג אַנשטאָט איהם יוסף בן קימחית. אָבער, משמעות, הורדוס האָט מורא געהאַט, אַז דער כהן גדול זאָל זיך נישט בעפעסטיגען אויף זיין שטעלע, דעריבער האָט ער אַ קורצע צייט נאָכדעם בעשטימט פאַר אַ כהן גדול חנניה בן נדבאי, וועלכער האָט זיך נאָר אויסגעצייכענט דורך זיין גרויסען אַפּעטיט (אין זיין צייט, דערצעהלט די גמרא, איז קיינמאָל קיין נותר, דאָס געבליבענע פליייש פון די קרבנות נישט איבערגעבליבען).

הורדוס דער צווייטער האָט אַלזאָ אין אַ געוויסען זין געקאָנט אנגעזעהען ווערען פאַר אַ מלך פון יהודה, נאָר אויפ׳ן פּאָליטישען לעבען האָט ער אין יהודה קיין מאַכט נישט געהאַט. דער סנהדרין האָט אין אַגריפּאַ׳ס רעגיערונג און אונטער רבן גמליאל׳ס נשיאות דערגרייכט צו זיין פאָרצייטיגער מאַכט; איצט אָבער ביי די פראָקוראַטאָרען האָט ער ווידער זיין מאַכט פערלאָרען.

אונטער דער פערוואַלטונג פון פאַדוס׳ן איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד, וועלכען עס האָט אַרויסגערופען אַ געוויסער תודוס (Theudas), וועלכער האָט זיך ערקלערט פאַר אַ נביא, אָדער פאַר אַ משיח, און האָט געהאַט אויך פיער הונדער מאמינים. תודוס איז, ווי עס שיינט, גאָרנישט געווען קיין בעטריגער, נאָר אַ טרוימער, וועלכער האָט באמת געשטרעבט זיינע הלומות צו פערווירקליכען. זיינע אַנהענגער האָט ער צוגעזאָגט צו געבען אַ צייכען אויף דער ריכטיגקייט, אַז ער איז אַ משיח, דאַדורך, וואָס ער וועט שפּאַלטען דעם ירדן און וועט זיי דורכפיהרען אין דער טריקעניש. אָבער ווען זיינע אַנהענגער זענען געקומען צום ירדן מיט האָב־און־גוטס, האָט זיך בעוויזען אַ מחנה פון פאַדוס׳עס רייטער מיליטער, וועלכע זענען אויף זיי אָנגעפאַלען און אַ טייל פון זיי אויסגעה׳רג׳עט, אַ טייל געפאַנגען גענומען, און תודוס׳ן האָט מען אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. באַלד נאָכדעם האָט מען פון רוים אָבגערופען פאַדוס׳ן פון זיין שטעלע און אַנשטאָט איהם איז געוואָרען פראָקוראַטאָר אַ געוועזענער איד, דער זוהן פון אַראַבאַרך, טיבעריום

יוליוס אלעקסאנדער, וואס פילא איז געוועזן זיינער א פעטער. אין דער צייט פון פלאקוס'עס רדיפות געגען אידען אין מצרים, איז ער אריבערגעגאנגען צו דער געצענדיענעריי. דער רוימישער קייזער האט גערוים געמיינט, אז ער דערוויזט אידען א חסד, בעשטימענדיג פאר א פראקוראטאר א געוועזענעם אידען, א גרויסען מיוחס; ער האט אבער נישט געוואוסט, אז די אידען זענען אין דער הינזיכט געווען זעהר פיינפיהלענד, און פון אן'אבטריניגען רעגיערט צו ווערען, איז פאר זיי געוועזן נאך א גרעסערע בעליידיגונג, איידער פון א גוי. ווי עס שיינט, האט דאס פאלק געשפירט זיך זעהר נישט גוט אונטער טיבעריוס'עס פערוואלטונג. די קנאים (Zeloten) האבען זיך דערהויבען און גערייצט דאס פאלק צו אן'אויפשטאנד. זיי האבען געהאט צוויי אנפיהרער אין דער פערזאן פון יעקב און שמעון, די זיהן פון יהודה הגלילי, וועלכע זייער פאטער האט ערצויגען, לויט זיינע פרינציפען, פאר פייערדיגע פאטריאטען. ווי עס שיינט, איז דער אויפשטאנד געווען זעהר אן'ערנסטער, דען ווען דער פראקוראטאר האט זיי מנצח געווען, האט ער זיי געלאזט בעשטראפען מיט'ן טויט אויף א גרויזאמען אופן: ער האט זיי אויפגעשלאגען אויפ'ן קרייץ — די שענדליכסטע טויטשטראף ביי די רוימער. — דאס אידישע פאלק האט טיעף געשפירט די שפלית, וואס עס האט צו ליידען פון אן'אייגענעם משומד. אבער אין דער זעלביגער צייט האט דאס פאלק אויך געהאט א שיינע טרייסט, אויף וועלכער מען האט געקוקט מיט אן'אמת'ן שטאלץ: א געצענדיענערישע מלכה איז אין דער צייט איבערגעגאנגען צום יודענטום און איז געווארען אן'אמת'ע וואהלטעטערין פון אידישען פאלק. אין דער צייט פון א הונגער-נויט האט זי געהאלפען די ליידענדע אידען מיט אן'אמת'ער קעניגליכער אפענער האנד*)

פיערטעס קאפיטעל.

די אידען און דאס יודענטום ווערען פערשפרייט צווישען די פעלקער.

די אידיש-גריכישע ליטעראטור.

(פון 44 ביז 48 יאהר נאך דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

פאר קיין פאלק אויף דער וועלט האט מען נישט געזונגען נאך ביי זיין קינדער-וויעג אזעלכע טרויעריגע לידער וועגען אונענדליכע וואנ-

*) וועגען דער דאזיגער קעניגין — אין א ווייטערדיגען קאפיטעל.

דערונגען און פערשפרייטונג איבער דער גאנצער וועלט, ווי מען האט עם געזונגען דעם אידישען פאלק, און אט דאס שרעקליך ווייג־לידע איז אויף א שרעקליכען אופן ווארט און ווארט ערפילט געווארען פאר'ן אידישען פאלק. עס איז אין יענער צייט נישט געווען פמעט קיין איינציג ווינקעל אויף דער וועלט אין ביידע גרויסע וועלט־מלוכות, רוים און פרס, וואו אידען זאלען נישט וואהנען, וואו זיי זאלען נישט זיין פעראייניגט און צוזאמענגעוואקסען אין א רעליגיעזער קהלה. די ברעגען פונ'ם דאמאלסדיגען וועלט־ים, פון גרויסען מיטעללענדישען ים, די אויסגוסען פון אלע גרויסע טייכען: נילוס, עפראט, טיגרים און דאנאי זענען געווען בעפעלקערט דורך אידען. עפעס האט א געהיימע קראפט געטריבען דאס אידישע פאלק אלץ ווייטער און ווייטער פון זיין מיטעלפונקט, פון ארץ־ישראל. די דאזיגע צושטרייאונג פון אידען איז אבער אויך געווען א ברכה פאר דער וועלט. די אידען זענען געווען די געזונדטע קערנער אין מאראלישען זין, און איבעראל האבען זיי אריינגעבראכט ריינע גאטעס־וויסענשאפט און גוטע מדות. ווי די קאלאניזירונג פון די גריכען און פעניציער לענדער האט מיטגעווירקט צו פערשפרייטען קונסט און וויסענשאפט און געוועקט ביי די נאציאנען זייער געפיהל פאר אלץ, וואס שען און אנגענעהם איז, ווי די קאלאניזירונג פון די רוימער האט איבעראל אריינגעבראכט דעם מלוכה־געדאנק און אנ'ארדנונג, וואס זאל זיך האלטען אויפ'ן געזעץ, אזוי האט די נאך מעהר אויסגעברייטעטע צושפרייטונג פון אידען מיטגעווירקט אויסצווארצלען די פערדארבענהייט פון דער געצענדיענעריי מיט אלע איהרע טהיערישע אינסטינקטען. דאס עלטסטע קולטור־פאלק האט אויך געדארפט דורכפיהרען די גרעסטע קולטור־אויפגאבע. אבער די אידישע צושפרייטונג האט פונדעסטוועגען אויך נישט אבגעשוואכט ביי אידען די אחדות; דער בית־המקדש און דער סנהדרין, אלס דאס העכסטע אידישע געריכט, זענען געווען דער צענטר, דאס הויפט־געביידע, צו וועלכע עס האט זיך געטראגען דאס הארץ פון גאנצען אידישען פאלק. אהין האבען זיך געווענדעט די אויגען פון אלע אידען, ווי ווייט זיי זענען נישט געווען פערווארפען, אהין האבען אידען געשיקט זייערע נדרים און נדבות, כדי טיילצונעהמען אין די קרבנות, לפחות מיט זייער געלד, אויב זיי האבען דאס נישט געקאנט טהון פערזענליך. פון סנהדרין פלעגען אידען ערהאלטען די נארמע און אנווייזונג פאר זייער געזעצליך לעבען, און אידען פלעגען מיט פערגעניגען פאלגען די בעפעהלען פון סנהדרין, בעזונדערס דערפאר, וואס דאס זענען געווען בעפעהלען פון ברידערליכער ליעבע און נישט קיין שטרענגע פאדערונגען, וועלכע ווערען דורכגעפיהרט מיט דער הילף פון צוואנגס־מיטלען. זיינע בעפעהלען פלעגט דער סנהדרין שיקען פון צייט צו צייט דורך זיינע שלוחים, וועלכע פלעגען אזוי ארום בעקאנט מאכען די ווייטסטע

אידישע קהלות מיט דער תורה און די נייע הלכות (דינים).
אויסער דעם בית־המקדש, וועלכער איז געווען הייליג פאר אלע
אידען גלייך, האבען נאך די אויסלענדישע אידען געהאט אויך אייגע־
נע שוהלען (בתי־כנסיות) אין ירושלים, וואו זיי פלעגען זיך פערזאמלען
אדער תפלה צו טהון, אדער צו בעטראכטען זייערע אלגעמיינע ענינים.
אזוי האבען געהאט אין ירושלים אייגענע שוהלען די אלעקסאנדריני־
שע אידען, די אידען פון קירענאיקא, עילם און אנדערע אזיאטישע
לענדער. אין מצרים אליין האבען שוין דאמאלס געוואהנט איבער א
מיליאן אידען, אבער אויך זעהר פיעל אידען האבען געוואהנט אין
קירענאיקא, אין סיריען, בפרט אין דער שטאדט אנטיאכיען, וואו זיי
זענען געווען א'אנגעזעהענער טייל פון דער בעפעלקערונג. אלע סי־
רישע מלכים, וועלכע האבען געקעניגט אין סיריען נאך אנטיאכוס
עפיפאנעס, האבען געגעבען אידען גלייכבערעכטיגונג מיט אלע אנדע־
רע פעלקער. איינער פון די דאזיגע מלכים האט אידען אפילו אבגעגע־
בען די הייליגע כלים, וועלכע מען האט גערויבט פון בית־המקדש, און
די אידען האבען די כלים בעהאלטען אין זייער שוהל. אין דמשק הא־
בען דאמאלס געוואהנט צעהן טויזענד אידען, און דער אראבישער קע־
ניג פון די נביות, ארעטאס פילאדעמאס, האט בעשטימט דארט א'־
אנגעזעהענעם אידען פאר א'עטנארך, וועלכער איז געווען פאר די אי־
דען פון אזא הויכער בעדייטונג, ווי דער אראבארך פאר די אלעקסאנ־
דרינישע אידען. אין דער וועלט־שטאדט רוים, וועלכע איז געווען דער
אנציהונגס־פונקט פאר אלע מענשען, וועלכע האבען געזוכט כבוד און
עשירות, ווי אויך פאר טרוימער און אונצופרידענע, האבען זיך אידען
נאך טיבעריוס'עס גירוש ווידער אריינגעקליבען אין אזעלכע גרויסע
מאסען, דאס מען וואלט זיך שוין איצט נישט בעשלאסען נאכאמאל ארוים
צוגעבען א גזירה פון א גירוש. אין דער ווירקליכקייט האט אויך קלוי־
דיוס איינמאל בעשלאסען, צוליעב א'אונבעוואוסטער סבה, ארויסצו־
טרייבען אידען פון רוים, אבער באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז אלע
בעשעפטען וואלטען זיך געמוזט אבשטעלען, ווייל אין רוים זענען שוין
געווען אזוי פיעל אידען, דאס זיי האבען פערנומען זעהר א גרויסען
ארט אין לעבען, און דאס ארויסטרייבען זיי האט געקאנט ברענגען פיעל
אונגליקען. ערשט צום סוף פון זיין רעגירונג האט קלודיוס בעשלאסען א טייל
אידען ארויסצוטרייבען פון רוים צוליעב דעם, וואס איינער פון די ערש־
טע אידישע קריסטען, מיט'ן נאמען כרעסטוס, האט ארויסגערופען א
שטארקע אונארדנונג אין שטאדט. די אידישע קהלה איז אבער דאמאלס
געבליבען פעסט אין רוים, און זי האט געהאט א געזעצליכע אויטא־
נאמיע מיט א'אייגענעם נשיא (ארחאנט אדער גערוזיארך). די אידען
האבען אויך געהאט אין רוים פיעל שוהלען מיט א רעליגיעזען נשיא
(Archisinagogos) אויך א פלאץ אויף א'אייגענעם בית־

עלמין האָט מען אידען אבגעגעבען. אויף די אידישע מצבות אויף די קברים זענען די אויפשריפטען געווען מייסטענס אויף גריכיש, ווייל די רוימישע אידען האָבען איבערהויפּט געשטאַמט פון אלעקסאנדריען און קליין־אזיען. אין דער אויפשריפט איז געווען דער נאָמען פונ'ם פער־שטאָרבענעם מיט די ווערטער: „ער זאָל רוהען אין פריעדען און זיין שלאָף", ווי אויך: „גאָט'ס ליכט איז די נשמה פונ'ם מענשען". אלס סימבאָל איז געווען אויף די אידישע מצבות אויסגעקריצט א מנורה מיט זיעבען רעהרען. — פון רוים האָט די אידישע געמיינדע זיך פער־שפּרייט אין צפון־איטאליען (באָלאָניא) און אין דרום (קפוא), אַזש ביז דער שטאָדט נעאפּאָל. אין אלע ארומיגע שטעדט האָבען אידען געהאַט רעגולערע איינגעאָרדענטע קהלות, לויט'ן מוסטער פון רוים און איהרע מנהגים.

— גריסער נאָך ווי אין אייראָפּא, סיריען און אפריקא זענען געווען די אידישע קהלות אין די פּארטהישע לענדער (ניי־פרס). מייסטענס זענען דאָס געווען אידען, וועלכע זענען דאָרט נאָך געבליבען פונ'ם ערשטען גלות אָן, ווען זיי זענען נישט געגאַנגען קיין ארץ־ישראל מיט זרובבל, עזרא און נחמיה; זיי האָבען אלזאָ געוואָהנט אין מעסאָפּאָ־טאַמיען און אין בבל. ארום יענער צייט (לערך 40 יאָהר פאר'ן חורבן) האָבען צוויי אידישע גבורים, יונגע לייט פון נהרדעא*), חסינאי און חנילאי, געגרינדעט נעבען דער שטאָדט א רויבער־נעסט, וועלכעס האָט געוואָרפען אַנ'אימה אויף די ארומיגע פעלקער. לויט זייער פּראָפעסיע זענען זיי געווען וועבער, אָבער איינמאָל האָט זיי זייער לעהר־מייסטער בעשטראָפט; דאַן זענען זיי פון איהם ענטלאָפען, האָבען פערזאַמעלט ארום זיך א באַנדע מענשען, וואָס זענען געווען אונצופריעדען מיט דער הערשענדער אָרדנונג, און האָבען גענומען ראַבעווען אין דער אומגע־גענד. אין דער ערשטער צייט זענען זיי אָנגעפאלען אויף די פּאסטו־כער און צוטריבען זייערע סטאַדעס, אָבנעהמענדיג ביי זיי פיעל בהמות. די צאָהל פון די מיטגליעדער פון דער באַנדע איז אָבער געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און ענדליך האָבען זיי שוין אויך געקאָנט אונטערנעהמען רעגולערע מלחמות. די מאַכט פון דער מלוכה איז אין פּארטהיען געווען אַזוי שוואַך, אַז דער ארטאַבאַן דער צווייטער האָט געשלאָסען מיט זיי א בונד און זיי פאָרמעל אַנערקענט פאַר די הערשער פון אַנ'אונאַב־הענגיגער מדינה, וועלכע זיי האָבען פערנומען. פינפצעהן יאָהר האָט זיך געהאַלטען די דאָזיגע וואונדערליכע אידישע מלוכה, אָבער פּלוצלונג איז זי אונטערגעגאַנגען צוליעב גאוה, גדלות און מחלוקת צווישען דעם

*) נהרדעא — אַ שטאָדט, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טייך עפראַט (פרת). שפּעטער איז זי זעהר בערימט געוואָרען ביי אידען מיט איהרע גרויסע ישיבות. ווערט דערמאָהנט אין תלמוד בבלי זעהר אָפט.

בעפעלקערונג. די מחלוקת האט געבראכט דערצו, אז חנילאי'ס פרוי האט פערסמ'ט חסינאי'ן דערפאר, וואס ער איז נישט צופריעדען געווען דערמיט, וואס זיין ברודער האט מיט איהר חתונה געהאט, וועהרענד זי איז געווען א טאכטער פון א געצענדיענער און האט געהערט צו א פרעמד פאלק. מיט חסינאי'ס טויט איז אבער אויך געפאלען דער גבורה־גייסט אין זייערע אידישע מחנות, און ווען דער איידעם פארטהישען קעניג, מתרדת (Mithridates) איז דערנאך אנגעפאלען מיט זיין מחנה אויף חנילאי'ן, האבען די אידישע מחנות געהאט א גרויסע מפלה, און האבען זיך געקאנט האלטען א געוויסע צייט נאר דורך רויב־אנפאלען. די בבלי'שע בעפעלקערונג איז זעהר ערביטערט געווארען געגען איהם און האט אויף איהם פלוצלונג געמאכט א בעפאל; חנילאי מיט זיין גאנצער מחנה זענען דאמאלס אויסגעהרג'עט געווארען. דערנאך האבען די בבלים זיך געווענדעט געגען אלע אידען אין די אפענע שטעדט, כדי נקמה צו נעהמען פאר די אנפאלען פון די ברידער חסינאי און חנילאי. פיעל אידען זענען דאמאלס אויסגעהרג'עט און בערויבט געווארען, און די איבריגע אידען זענען ענטלאפען קיין סעליוקיה, אין מערב־זייט פון טייך טיגרים; אבער אויך דא האבען זיי זיך בעגעגענט מיט דער שנאה געגען זיי. די בעפעלקערונג איז דארט בעשטאנען פון אידען, סיריער און גריכען. צווישען די סיריער און גריכען פלעגען שטענדיג פארקומען מחלוקת און קאמפפען, אבער ווי נאר עס זענען אהין געקומען די ענטלאפענע אידען, האבען די סיריער און די גריכען פערגעסען זייערע מחלוקת און קאמפפען, לען אויף די אידען. פינף טויזענד אידען זענען דאמאלס אויסגעהרג'עט געווארען (29 פאר'ן חורבן), די איבריגע אידען זענען ענטלאפען אין דער פארטהישער הויפטשטאדט, קטעסיפאן. די פיינדשאפט געגען אידען האט אבער נישט אויפגעהערט, און זיי האבען זיך דעריבער געמוזט בעזעצען אין די בעפעסטיגטע שטעדט נהרדעא און נציבין.

אויך אין די לענדער אויף יענער זייט פון טיגרים, אין פרס און מדי, זענען געווען אידישע קהלות. פון די געגענדען פון די טייכען עפראט און טיגרים האבען פיעל אידען אויסגעוואנדערט קיין ארמעניען, נאך איידער דער קעניג טיגראנעס האט געבראכט אהין אידישע געפאנגענע פון ארץ־ישראל. — ווי נהרדעא און נציבין זענען געווארען דער צענטר פאר די אידען אין פארטהיען אויף דעם טייך עפראט, אזוי האבען זיך געפונען אויך אידישע צענטרען אין יעדען לאנד, און פון יענע צענטרען האבען זיך אידען פערשפרייט אין די ארומיגע לענדער. פון קליין־אזיען האבען זיי זיך פערשפרייט אין די געגענדען פון שווארצען־ים און גריכענלאנד מיט איהרע אינזלען. אין די גריכישע שטעדט אטהען, קארינת, תעסאליען און פיליפי זענען געווען אידישע קהלות. רוים האט, בלוי

ספק, געשיקט אידישע קאָלאָניסטען אויך אין די דרום־קאַנטאָנען פון די איצטיגע מלוכות פראַנקרייך און שפּאַניען, חאָטש עס איז איצט שווער אַנצווויזען זיכערע שפּורען פון אידישע קאָלאָניעס אין יענע לענדער פאַר'ן חורבן פון בית־המקדש.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס די אידען האָבען געמאַכט אין אַלע לענדער, וואוהין זיי זענען געקומען, אויף די אָרטיגע געצענדיענער, איז געווים נישט געוועזען קיין גינסטיגער פאַר אידען. די אידען זענען זיי ערשיי־נען פאַר משונה'דיגע מענשען און יעדער הינזיכט, סיי מיט זייער איינגע־אַרטיגען שטייגערלעבען אין דער פאַמיליע און אין דער געזעלשאַפט, סיי מיט זייער קליידונג און אָבהיטען זיך מיט'ן עסען כשרות, סיי מיט זייערע אַנשויאונגען. פאַר די פרעמדע פעלקער זענען אידען ערשינען, ווי אַ רעטעניש, ווי אַ פאָלק, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ געהיימעניש, און מען פלעגט דעריבער פון זיי אָבשפּאָטען, אָבער אין הארצען האָט מען פאַר זיי אויך מורא געהאַט. די סתירה צווישען דעם יודענטום און דער געצענדיענערייַ איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זי בעמערקט אויף יעדען טריט. אַלץ וואָס איז פאַר די געצענדיענער געוועזען הייליג, איז פאַר די אידען געוועזען טמא און אונווירדיג, דאַגעגען, זאַכען, וואָס זענען פאַר די געצענדיענער געוועזען גאַנץ גלייכגילטיג, האָבען אידען גע־האַלטען פאַר הייליג. דאָס, וואָס די אידען פלעגען נישט וועלען עסען מיט זיי צוזאַמען, מתחתן זיין זיך מיט זיי, אָבהאַלטען זיך פון עסען חזיר און בכלל דאָס האַלטען זיך פון דערווייטען פון די פרעמדע פעלקער, האָט פערשפּרייט וועגען זיי אַ מיינונג, אַז זיי זענען בעלי־גאוה און האָבען בכלל פיינד מענשען, ווי עס דריקט זיך אוים וועגען דעם די אידיש־גריכי־עש סיבילה:

„יעדעם לאַנד, יעדער ים זענען פול מיט דיר,
„אָבער מוטער־פרעמד ביזטו זיי דורך דיינע מדות“.

אַ בעזונדער געגענשטאַנד פון אָבשפּאָטען און פערוואונדערונג זענען אידען געוועזען פאַר די געצענדיענער מיט'ן ברית־קדש. אפילו די ערנסטקייט פונ'ם אידען, זיין נישט וועלען טיילנעהמען אין טענץ און פערגניגען, האָבען די פעלקער אויך אויסגעטייטשט אַלס מיזאַנטראָפּיע און מרה־שחורה. — די נישט־טיעף דענקענדע גוים פלעגען זיי בעטראַכ־טען אַלס אַ באַרבאַריש פאָלק, וואָס האָט נישט קיין געפיהל און פער־שטאַנד פאַר שענע זאַכען; די טיעף־דענקענדע אָבער זענען שטאַרק בשתומם געוואָרען, בעטראַכטענדיג דעם אידישען קולט, זייער פערעה־רען אַנ'אייציגען גאָט אָהן קיין שום בילדער, אַ גאָט, וועלכען זיי אַנער־קענען אַלס דעם איינציגען, נאַטירליכען בעשעפער פון דער וועלט; אַ געוואַלדיגען איינדרוק האָט אויף זיי אויך געמאַכט די אידישע צניעות, מעסיגקייט, שטאַנדהאַפטיגקייט און פלייסיגקייט, ווי אויך די אחדות, וועלכע איז דאַמאָלס שטאַרק ענטוויקעלט געוועזען ביי אידען. די אַלע

דאזיגע מדות טובות זענען ביי די דאמאלסדיגע געצענדיענערישע פעלקער אין איראפא געוועזען זעהר זעלטען און, פאר די בעסערע מענשען — א אידעאל, וועגען וועלכען מען האט נאך אפילו נישט געוואגט צו טראכטען.

אבער, אויב די אידען זענען געווען א וואונדער פאר די פעלקער, זענען די לעצטע פאר אידען געווען א געגענשטאנד פון אבשוי, וויל דער שארפער אידישער בליק האט באלד דערקענט די גאנצע מאראלישע פערדארבענהייט פון די פרעמדע געצענדיענער. די מיטהאלאגיע, און וועלכער די געטער זענען ערשינען מיט געמיינע תאוות, וועלכע מען בעגעגענט נאר ביי דער פערדארבענסטער קלאס פון דער געזעלשאפט; די משוגע'נע המצאה, צו ערקלערען די רוימישע פערדארבענע קיסרים פאר האלבע געטער און ברענגען פאר זיי קרבנות; די שענדליכע מאראלישע פערדערבונג אינ'ם געפאלענעם גריכענלאנד און אין רוים, וואו די פערדערבונג האט זיך געשטארקט נאר דאדורך, וואס די רוימער האבען זיך נעהענטער בעפריינדעט מיט אלע אויסגעלאסענע פעלקער פון יענער צייט; די טעגליכע זנות־ערשיינונגען און, בעזונדערם, די שענדליכע ליעבע פון א מאנסביל צו א מאנסביל און פון א פרוי צו א פרוי; די פערווילדעוועטע שכרות און הוליעניש, דער אונגלויבען אין א גאט און די כמעט טהיערישע פערווילדונג, — דאס אלץ האט ערשט רעכט בעוויזען די אנגעקומענע אידען, וויפיעל העכער זיי שטעהען אין יעדער הינזיכט פאר די פעלקער, און זיי האבען דעריבער תמיד ארויסגעשטעלט מיט שאלץ זייער ריינע ידיעת הבורא און זייער צניעות. דארט, וואו די אידען האבען דורך דער גריכישער שפראך געקאנט פארלעמיזירען וועגען אט די אלע ענינים און פראגען מיט דער ארטיגער בעפעלקערונג, ווי, למשל, אין גריכענלאנד, מצרים, סיריען און קליין־אזיען, פלעגען די דייבונגען צווישען אידען און נישט־אידען פארקומען זעהר אפט. דאס יודענטום האט, אין א געוויסער מאס, ארויסגעפאדערט די געצענדיענעריי צום געריכט פאר'ן אמת, און האט ארויסגעשטעלט זיין ערהאבענהייט געגען איהר מאראלישער שפלות.

די גרויסע איבערציינגונגען, וועלכע האבען געלעבט אין אידישען הארצען, האבען אונאויפהערליך געשטרעבט צו ווערען היימיש אויך ביי די פערבלענדעטע פעלקער, און אויפקלערען זיי. וויל אבער אידען זענען געווען פערהאסט ביי די פעלקער, וועלכע וואלטען זיך פון זיי נישט געלאזט לערנען, האבען די אידען בעגאנגען א קונץ, צו לאזען די גרויסע גריכישע דיכטער אליין דערצעהלען די גרויסקייט פון יודענטום. די אידישע שריפטשטעלער האבען ארויסגעגעבען ווערק אינ'ם נאמען פונ'ם אלטען לעגענדארען גריכישען דיכטער ארפעאוס און פונ'ם טרא־

גישען דיכטער סאָפאָקלעס*), וואו זיי לאָזען זיי ארויסזאָגען זייער מיינונג וועגען יודענטום און זיין בעציהונג צו דער געצענדיענעריי. סאָפאָקלעס האָט אזוי ארום ערקלערט פאָלגענדעס:

„איינציג אין די וואהרהייט איז, איינציג איז גאָט,
„וועלכער דעם הימעל, די ערד האָט בעשאַפען,
„זשומענדע וואליעס פון ים און פון טייכען.
„אָבער מיר שטערבליכע, נארישע מענשען
„מאַכען, צום טרייסט אונז פון עלענד און פיין,
„שטיינערנע, קופּערנע, קינסטליכע געטער,
„העלפענד־ביין, גאָלד דיענט אונז אויך גוט דערצו;
„זיי טהון מיר ברענגען קרבנות און ווייהרויך, —
„אָט, ווי מיר דיענען צו גאָט דעם אלמעכטיגען!"

ווי נאָר עס האָט זיך פערשפּרייט דער קלאַנג וועגען דער רוימישער סיבּיליע (נביאה), האָבען די אידישע שריפטשטעלער אין אלעקסאנדריען אויסגענוצט אויך די דאָזיגע פאָרם, כדי ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס זיי האָבען אליין נישט געהאָט קיין מעגליכקייט. די סיבּיליע, אָדער די שריפט, וועלכע די אלעקסאנדרינישע אידען האָבען אין איהר נאָמען ארויסגעגעבען, רעדט אין דער פאָרם פון אַן אָראַקעל (נבואה) וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון יודענטום און, דערשרעקענדיג די געמיטער דורכ'ן שילדערען די מורא'דיגע פאָלגען פונ'ם פערגעסען אַן גאָט, ווייזט זיי די פעלקער, ווי זייער איינציגע רעטונג איז אינ'ם אנערקענען דעם אידישען איינציגען גאָט, עפענענדיג דערביי אַן אויסזיכט אויף די גליקליכע צייטען, וואָס דאָס קאָן ברענגען. אין פראָלאָג ווענדעט זיך די סיבּיליע צו די געצענדיענערישע פעלקער מיט פאָלגענדע רייד:

„איין גאָט איז, איין איינציגער; גאָט איז אונענדליך און אייביג,
„בעהערשט גאָר די וועלט אונגעזעהן, אליין אָבער, זעהענדיג אלעס.
„בעשטראָפט וועט איהר ווערען פאַר אייער שגעון,
„ווען איהר וועט פערגעסען אַן אמת'ן אייביגען גאָט;
„אנשטאָט איהם צו עהרען און ברענגען קרבנות
„און ווייהרויך דעם זיסען, טהוט איהר גאָר ברענגען
„קרבנות צו שדים, צו רוחות פון האדעס".

דאַן ווענדעט זיך די סיבּיליע צו גריכענלאַנד, אלס צום פערטרע־

*) געבוירען 496 פאַר דער אלגעמיינער צייטרעכנונג אין גריכענלאַנד און בעריהמט דורך זיינע טראַגעדיען, וואו עס ווערען געשילדערט די אלמאַכט פון די געטער.

טער פון דער געצענדיענערייא.

„אָה, גריכענלאַנד, זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו צוטרוי
„צו שטערבליכע הערשער, וואָס קאָנען דעם טויט ניט אויסמיידען?
„ווער האָט מיר דעם טעות געלעגט אויפ'ן האַרצען?"
און די סיבילה הויבט־אָן לויבען דאָס יודענטום:
„אַ ריכטיגע עצה האָט גאָט זיי געגעבען (אידען)
„אַליין זיין פערשטאַנד אין דעם האַרצען געלעגט, —
„דעם גאָט, וועלכער איז נישט קיין פאַלשע געבילד
„פון גאָלד אָדער קופער, פון העלפאַנדביין, זילבער
„פון לעהם גאָר, געפאַרבען מיט בלייערנעם פאַרב,
„געבילדעט, ווי חיות, דורך קונסט און פאַנטאַזיע —
„איהם דיענען זיי, טרייע און גוטע נשמות,
„און הויבען צום הימעל די הענד, די גאַנץ ריינע,
„געוואַשען צום מאָרגען ביי'ם אויפשטעהן פון בעט;
„און ליעבען דעם מענשען, און עהרען דעם גוטען,
„און היטען די צניעות, און פיהרען זיך נישט גאָר,
„חלילה, ווי שענדליכע מצרים, לאַטיינער,
„ווי גריכען און פעניקיער, פערזער, גאַלאַטער"...

זוי די גרויסע נביאים ישעיה און מיכה זאָגט די סיבילה פאַראויס אַן'אייביגען שלום פאַר די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט אין משיח'ס צייטען, אויב זיי וועלען נאָר אַנערקענען דעם גאָט פון ישראל:

„דו עלענדע העלאַס (גריכענלאַנד), טאָ הער זשע דאָך אויף
„צו זיין אַזוי שטאָלץ מיט די נאַרישע געטער;
„צו גאָט טהו נאָר בעטען, צום גרויסען אַלמעכטיגען,
„און קומען וועט מזל און ברכה פאַר דיר און דער וועלט:
„קיין קריעג וועט נישט זיין, און קיין טריקעניש
„וועט מעהר נישט פערצעהרען די פרוכטען, און האָגעל
„וועט מעהר נישט פערדערבען די תבואות, און הונגער
„וועט מעהר שוין נישט פייניגען מענשען און פעלקער;
„נאָר אייביגער פריעדען וועט הערשען, געוועלטיגען,
„און ברידערליך וועלען מלכים זיך האַלטען.
„רעגיערען, לויט רעכט און געזעץ, וועט די מענשען
„דער אונשטערבליך גאָט פון געשטערנטען הימעל".

דער דאָזיגער בעגייסטערטער אידישער דיכטער, וועלכער האָט די בעצענדיענערישע פעלקער געוואָלט נאָהענטער ברענגען צום אידישען גאָט דורך זיין ליעד אין דער פאָרם פון אַן'אָראַקעל, איז געוועזען דער זעלבינער, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער לעצטער מצרים'ער מלכה קלעאָפּאַטרא פאַראויסגעזאָגט, אַז משיח וועט ערשיינען אין גרויסע פראַכט.

אונטער דער מאסקע פונ'ם גריכישען שפרוכדיכטער פאקילידעס האט אנ'אנדער אידישער קינסטלער פארגעטראגען די גריכען און רוימער די וואהרהייטען פון דער אידישער רעליגיע אויך אין שירים, ווייל אין דער דאזיגער פארם האט מען זיי לייכטער געקאנט געדענקען. דער דאזיגער פסעוודא־פאקילידעס, וועלכער האט, וואהרשיינליך, געלעבט אין דער צייט פון די ערשטע רוימישע קיסרים, האט גוט איינגעזעהען די מאראלישע שווינדזוכט, פון וועלכער עס האבען געליטען די דאמאלדיגע צוויי גרויסע קולטור־פעלקער, די רוימער און די גריכען, וועלכע האבען געמוזט אונטערגעהן, אויב זיי זאלען זיך נישט בעסערן מאראליש. און אט האט ער זיי צוגעטראגען אלס א רפואה די ריינע מאראל פון משה'ס תורה: „דאס זענען די הייל־מיטעל פון דער גערעכטיגקייט; ווער עס לעבט נאך זיי, וועט א הויכען עלטער דערגרייכען“—האט ער זיי ערקלערט. כדי צו פועל'ן, אז מען זאל זיינע שפריכווערטער לערנען, האט ער נישט ענטדעקט, דאס ער איז א איד; די „פעלשונג“ האט אבגעגליקט: די רוימער האבען איהם אנגענומען פאר א גריכישען דיכטער, און זיין ווערק האט מען איינגעפיהרט צו לערנען מיט די קינדער אין די שולען.

— שטארקער פאר אלץ ווארענט דער דאזיגער אידישער דיכטער די פעלקער פאר אונ'צניעות, בעזונדערס אבער, פאר דער אוננאטירליכער ליעבע צו קנאבען, וועלכע האט געמוזט פיהרען די רוימער און גריכען צום אונטערגאנג:

„ערֹאס*) איז קיין גאטהייט, נאר פערדערבען ברענגט ער“.

ווי געוואלדיג גרויס איז געווען די סתירה צווישען דער אידישער לעהרע צו ליעבען דעם פיינד, און דער דאמאלדיגער וועלט־קולטור, וועלכע איז געווען געבויט אויף מלחמה און מענשען־מארד!

„דערהויב געגען פיינד נישט דיין שווערד,
ווען נישט נאר געצוואונגען צום זעלבסטשוץ.
„אמבעסטען, סיי רעכט, סיי צי אונרעכט,
זאלסטו איהם אינגאנצען נישט ברויכען:
„דען טויטעסט דו אויך נאר א פיינד,
„האסטו דיינע הענד דאך בעפלעקט“.

נאך פיעל שירים ווידמעט דער דיכטער דער ליעבע צו א פיינד, וועלכע דאס יודענטום האט פון אייביגיאן געלערנט. די גלייכקייט פון אלע מענשען, דאס מיטלייד מיט'ן ארימאן און דעם אונגליקליכען לערנט דער דיכטער בעזונדערס וואריים זיין לעזער. דער דיכטער טרעט אויך שארף ארויס געגען דעם שענדליכען מנהג, צו טויטען א שוואך קינד באלד, ווי עס ווערט געבוירען, אדער מאכען אבארטען:

„די מוטער זאל נישט טויטען איהר קינד נאך אין איהר וויג,

*) דער גאט פון געמיינער, ריין־קערפערליכער ליעבע ביי די אלטע גריכען און רוימער.

„געפֿירענע נישט ווארפֿען פֿאר הינד און ווילדע חיות“.

דער דיכטער טרעט אויך ארויס געגען דער גרויזאמקייט, מיט וועלכער די רוימער פֿלעגען בעהאנדלען זייערע קנעכט, ברענענדיג מיט אנ'אנגעגליהטען אייזען זייער לייב. און אויב דער דיכטער גיעט זיך די מיה צו פֿערדעקען, אז דער איד און די אידישע תורה רעדט אין איהם, בעלייגנט איהם דאך נישט צו פֿערמאסקירען, אז זיין וועלט־אנשויאונג שטימט פֿון דעם אנערקענען דעם איינציגען גאָט. ס'איז קיין ספק נישט, אז ער פלאגיאירט דעם נביא ירמיה, ווען ער זאָגט:

„שטאָלציר נישט מיט דיין חכמה, נישט מיט גבורה, נישט מיט
רייכקייט,
„די קוואל פֿון חכמה איז נאָר גאָט, פֿול מיט מאַכט און דאָך
גרויס ווייכקייט“.

די גריכען זענען אבער געוועזען שטאָלץ מיט זייער חכמה און די רוימער מיט זייער גבורה, און דעריבער האָבען זיי געקוקט מיט פֿער־אַכטונג אויף אידען און נישט פֿערשטאַנען זייער בעדייטונג. — אויך פֿיעל פראַזאַיקער האָט ארויסגעשטעלט די אידיש־גריכישע, אָדער העלע־ניסטישע שולע, וועלכע האָט קיין אנדער צוועק נישט געהאַט, ווי צו דער־ווייזען פֿון איין זייט די נישטיגקייט פֿון דער געצענדיענעריי און, פֿון דער אנדערער — צו דערווייזען די גרויסקייט פֿון יודענטום. דערביי זענען זיי אויך ארויסגעטראָטען אלס ווארימע פֿערטיידיגער פֿון אידישען פֿאָלק און האָבען געענטפֿערט אויף אלע בעשולדיגונגען, וואָס מען האָט געגען איהם ארויסגעשטעלט.

א העכסט וויכטיגע בעדייטונג האָט אָבער אין דער הינזיכט דער, אזוי גערופֿענער, „בריעף פֿון אריסטעאַס“ וועגען דער גריכישער איבער־זעצונג פֿון דער תורה. דער מחבר פֿונ'ם בוך, וועלכער איז געשריבען אין דער פֿאָרם פֿון א בריעף פֿון איינעם אריסטעאַס צו זיין ברודער פֿילאָקראַ־טעס, האָט געלעבט אין אלעקסאַנדריען, בלי ספק, אין דער צייט פֿון קייזער טיבעריוס. דער חומש איז פֿאַר איהם געוועזען אזוי הייליג, אז ער האָט פֿערשאָלטען די מענשען, וואָס ערלויבען זיך עטוואָס אויסצומעקען אָדער צוצולעגען אפילו אויך אין זיין גריכישער איבערזעצונג. וועגען דער איבערזעצונג גופא דערצעהלט ער נסים ונפלאות, אָבער דער הויפּט־געדאַנק איז, אז די גריכישע פֿילאָזאָפֿען זענען זעהר נשתומם געוואָרען, ווען זיי האָבען זיך בעקענט מיט די גרויסע וואַהרהייטען, וועלכע דער „חומש“ ענטהאַלט.

דורך דער טעטיגקייט פֿון די אידיש־גריכישע שריפֿטשטעלער איז דאָס יודענטום זעהר פּאָפּולער געוואָרען ביי פֿיעל פֿרעמדע פֿעלקער. אזוי, למשל, איז די אידישע תורה גוט בעוואוסט געוואָרען אין איינעם אזיאַטישען קעניגליכען הויף, וואָס זיינע מיטגליעדער האָבען זיך מגייר־געוועזען און געבליבען געטריי דעם יודענטום עטליכע דורות לאַנג. אדיאַבענע איז

געווען א לאַנד אויפ'ן טייך טיגריס, אָבהענגיג פון דער פּאַרטהישער מלוכה, און געקעניגט האָט אין איהם מונבז (Monobaz) און זיין פרוי העלענע (הילני). די מלוכה איז געוועזן נישט קיין גרויסע, אָבער אויך נישט קיין שוואַכע און האָט זיך געהאַלטען אין א משך פון עטליכע הונדערט יאָהר. צווישען די קינדער, וועלכע מונבז האָט געהאַט מיט זיין פרוי העלענע און אַנדערע פרויען, איז דער אינגערער איזאַטעס געווען דער געליעבטעסטער ביי די עלטערן. כדי נישט צו דערוועקען צו איהם די קנאה פון די איבריגע ברידער, האָט מונבז איהם געשיקט צום קעניג פון לאַנד מישן (Mesene) וואָס האָט זיך געפונען דאָרט, וואו זיי גיסען זיך צוזאַמען די טייכען עפראַט און טיגריס, און האָט דעריבער געשפּיעלט זעהר א בעדייטענדע ראָליע אין וועלט-האַנדעל. איינער פון די דאָרטיגע מלכים, אַבינערגלאָס (Abinerglos) האָט אַזוי שטאַרק ליעב בעקומען דעם פרינץ איזאַטעס, וועלכען מונבז האָט צו איהם געשיקט, דאָס ער האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער צמך (Samach) פאַר א ווייב. אינ'ם קעניגליכען הויף פלעגט אָפט קומען א אידישער סוחר, מיט'ן נאָמען חנניה, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די קאָסמעטישע סחורות געבראַכט דער פּרינצעסין אויך די אידישע תורה, וועלכע ער פלעגט איהר תמיד ערקלערען, ווייזענדיג זיינע זעלטענע בשמים און אַנדערע טואַלעט-סחורות. אויף דער פּרינצעסין צמך האָט חנניה'ס תורה געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק און זי איז איבערגעגאַנגען צום יודענטום. באַלד האָט זי אויך אויפמערקזאַם געמאַכט איהר מאַן איזאַטעס אויף חנניה'ס תורה, און אויך ער האָט תורה געלערנט און זיך מגייר געווען. אין דער זעלביגער צייט האָט זיין מוטער העלענע, אָהן זיין וויסען, זיך בעקאַנט מיט דער אידישער תורה פון אַן אַנדער קוועלע און אויך אָנגענומען דעם יודענטום. וואָס פאַר א טיעפען און גינסטיגען איינדרוק דאָס יודענטום האָט געמאַכט אויף איזאַטעס'ן און זיין מוטער העלענע, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען אויף א העכסט-מערקווירדיגען אופן. מונבז האָט פאַר זיין טויט צוואה געלאָזען, אַז זיין זוהן איזאַטעס זאָל קעניגען נאָך איהם. ווען העלענע האָט נאָך איהר מאַנ'ס טויט ערקלערט די צוואה פאַר די שרים, האָבען זיי זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ביי'ם דורכפיהרען די צוואה מוז מען אויך זעהן צו זאָרגען פאַר דער רוהיגקייט און זיכערקייט פון דער מלוכה, און וויל איזאַטעס האָט געהאַט פיעל עלטערע ברידער, וועלכע וואָלטען געווען געבראַכט צו א בירגער-קריעג, נישט וועלענדיג אָנערקענען איהם פאַר א קעניג, דעריבער איז נויטיג אָנצוווענדען דאָס מיטעל, וואָס פלעגט זיך פּראַקטיצירען אין אַזאַ פאַל אין אַזיאַטישע הויפען — מען דאַרף אויס'הרג'ענען אַלע פּרינצען. העלענע האָט שוין אָבער געהאַט איבערגענומען די אידישע תורה, און דעריבער האָט זי מיט אַבשוי און עקעל זיך אָבגעקעהרט פון אַזאַ גרויזאַמער טהאַט, וועלכע האָט געקאָנט פאָרקומען נאָר ביי געצענדיענער. זי האָט אַנשטאָט [illegible]

גוט בעוואכען, אדער ארעסטירען די איבעריגע פרינצען און ערקלערט פאר א רעגענט איהר עלטערן זוהן, מונבז דעם צווייטען. ווען איזאטעס איז געקומען אין זיין פאטער'ס הויפטשטאדט און איבערגענומען די מלוכה (לערך 48 פאר'ן חורבן), האט ער ערקלערט, אז ער האלט עס אפילו אויך פאר גרויזאם צו האלטען אין ארעסט אונטער דער וואך זיינע ברידער, און האט זיי בעסער אבגעשיקט אלס משכון אין פרעמדע קעניגליכע הויפען, ווי דאמאלס איז געווען דער מנהג, ווען מען פלעגט דארפען געבען א זיכערהייט, דאס מען וועט אבהיטען די אבמאכען מיט פרעמדע מלוכות. ער אליין האט עפענטליך אנגענומען דאס יודענטום און האט אפילו געלאזט אויך מל'ה זיין זיך און זיין עלטערען ברודער.

ווי שטארק דאס קעניגליכע הויז פון אדיאבענע איז געווען צוגעבונדען צום יודענטום, קאן מען זעהען דערפון, וואס די קעניגין העלענע האט זעהר געגארט צו קומען קיין ירושלים. איהר זוהן האט איהר דערין געשטיצט, און אט איז זי (27 פאר'ן חורבן) אבגעגאנגען קיין ירושלים, נעהמענדיג מיט זיך איהרע פינף אייניקלעך, די זיהן פון איזאטעס, כדי צו לאזען זיי דארט ערציהען אין דער אידישער רעליגיע און העברעאישער שפראך. פאר די ירושלים'ער אידען איז דאס געווען אן'אמת'ע שמחה, ווען זיי האבען דערזעהען, אז א מלכה פון א וויטען מזרח-לאנד האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען און איז איהם געווען ערגעבען מיט'ן גאנצען הארצען. זיי האבען דערין געזעהען די פערווירקליכונג פון דער נבואה, אז דער צווייטער בית-המקדש וועט דערהויבענער ווערען, ווי דער ערשטער, דען אפילו געצענדיענער האבען זייערע אבגעטער פערלאזען און געקומען בוקען זיך פאר'ן גאט פון ישראל אין זיין בית-המקדש. העלענע האט אויך באלד געהאט די געלעגענהייט ארויסצווייזען זיך אלס וואוילטעטערין פון אידישען פאלק. בשעת זי איז געווען אין ירושלים, האט אין ארץ-ישראל אויסגעבראכען א שווערער הונגער און דאס ארימע פאלק האט געליטען גרויס נויט. אין בית-המקדש האט פערפעהלט מעהל אויף מנחות, אבער די כהנים האבען בעסער געהונגערט, איידער ניט מקריב צו זיין די מנחות אין דער בעשטימטער צייט. די קעניגין העלענע האט דאמאלס געלאזט ברענגען גאנצע שיפען תבואה פון אלעקסאנדריען און דארע פייגען פון ציפערן, וועלכע זי האט געלאזט אויסטיילען צווישען די נויט-ליידענדע (22 פאר'ן חורבן). איהר זוהן איזאטעס האט איהר געגעבען גענוג מיטלען, אז זי זאל קאנען צדקה-טהון, ווי די אידישע תורה בעפעהלט. דעם בית-המקדש האט זי קעניגליך בעשאנקען מיט א גאלדענעם טאוועל (נברשת) פון א זעלטענער ארבייט אויפצוהענגען אויף די טהירען פון היכל; דער טאוועל איז געווען אויסגעשטעלט אזוי, אז ווען די ערשטע שטראהלען פון דער זון פלעגען אויף איהם אין דער פריה פאלען, פלעגען זיי אבשיינען מיט א שטארקען גלאנץ און דער פאקוס, אדער צענטר פון די שטראהלען פלעגט פאלען אויף די

אבטיילונגען, וואו די כהנים האבען זיך געפונען, און אזוי ארום וועקען זיי צו דער עבודה אין בית־המקדש. א צווייטען גאלדענעם טאוועל האט זי געשאנקען און געלאזט אויסקריצען אויף איהם די פרשה „סוטה“. די דאזיגע מתנה קאן דיענען פאר א שלעכטען סימן פאר'ן דאמאלדיגען מאראלישען צושטאנד פון די אידישע פרויען: די נאהענטסטע בעקאנטשאפט מיט די גריכען און רוימער האט געבראכט דערצו, אז מען זאל אפט דארפען, לפחות, חושד זיין א פרוי אין פערברעכען געגען צניעות. מיט וועלכער אידישע פרויען זענען שטענדיג אזוי בעריהמט געוועזען.

די אידישע נאציאן האט דאנקבאר געהאלטען דאס אנדענקען פון דער פרומער און וואוילטעטיגער גיורת. העלענע האט איבערגעלעבט איהר זוהן איזאטעס, וועלכער האט נאך זיין טויט (15 פאר'ן חורבן) איבערגעלאזען פיער־און־צוואנציג זיהן און פיעל טעכטער. נאך איהם האט געקעניגט זיין עלטערער ברודער, מונבז דער צווייטער, וועלכער איז אויך, ווי זיין מוטער און ברודער, געוועזען א געטרייער אנהענגער פונ'ם יודענטום. ווען זיין מוטער העלענע איז געשטארבען, האט ער געלאזט איהר מקבר זיין אין זעהר א שענעם קבר. וואס העלענע האט געלאזט איכבייען, בשעת זי איז געוועזען אין ירושלים. אהין האט מונבז דער צווייטער אריבערגעפיהרט אויך דעם טויטען קערפער פון זיין ברודער איזאטעס און געבראכט צו קבורה. דער מויזאלעאום פון די אדיאבענישע מלכים האט זיך געפונען א האלב ווארסט ווייט פון ירושלים און האט גע'שמ'ט, אלס א גרויס קינסטלעריש ווערק. נעבען דעם מויזאלעאום זענען געשטאנען דריי פרעכטיגע פיראמידען פון קלארען, דורכזיכטיגען מארמאר. די דאזיגע איינגעפאלענע קברים געפינען זיך נאך איצט אויך, האטש זיי טראגען על פי טעות דעם נאמען: די קברים פון די מלכי בית דוד; מען זעהט דארט א הייהל צווישען די הויכען פעלזען מיט פיעל גענגען אונטער דער ערד, וואו עס געפינען זיך האלעם און זייטיגע צימערען מיט שפורען פון ארונות, שטיינערנע סלופעס בעפוצט מיט אויסשניצונגען פון וויינטרויבען, בלומען און קרענצען, וועלכע די צייט האט נישט געקאנט פערווישטען. די דאזיגע קברים־חורבות קאנען דיענען אלס א צוויי־טויזענד־יעהריגער עדות, וואס פאר אנ'אנציהונגס־קראפט דאס יודענטום האט געהאט פאר די געצענדיענער אין יענער צייט. דאס אדיאבענישע קעניגליכע הויז האט בעפוצט ירושלים מיט פרעכטיגע בנינים און מתנות. ווי העלענע האט זיך געלאזט אויפבויען א פאלאץ אין דער אונטער־שטאדט פון ירושלים, אזוי האט איהר אייניקעל, די פרינצעסין גראפטע, אויסגעבויט א פאלאץ אין שטאדט־טייל עפל. אויך מונבז האט געהאט א פאלאץ אין ירושלים, און ער האט געלאזט פערפערטיגען פון גאלד אלע כלים, וועלכע מען האט געברויכט אין בית־המקדש יום־כפור צו דער עבודה.

די דאזיגע אנהענגליכקייט פון די פרעמדע פעלקער פאר'ן יודענטום האט מעהרסטענטיילס אבער געבראכט נוצען נישט דעם אידישען פאלק

נאָר די נייע קריסטען, וועלכע האָבען אויסגענוצט די דאָזיגע גינסטיגע שטימונג און געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט - שטיין פאַר דער קינפטי- גער וועלט - בעהערשונג. צוויי אידען פון די גריכיש - רעדענדע פראָווינצען, שאול פון תרסוס, וועלכער איז בעקענט מיט'ן נאָמען אַפּאָסטאָל פּאָול, און יוסף בר - נבא, א לוי פון אינזעל ציפערן, האָבען אונטערגענומען צו פערשפרייטען דאָס קריסטענטום איבערהויפּט צווישען די פרעמדע פעל- קער און דאַדורך האָבען זיי איהם דערהויבען פון דער ווייניג וויכטיגער בעדייטונג, וואָס עס האָט געקאָנט האָבען אַלס א קליינע אידישע סעקטע צו א רעליגיאָנס-פאָרם, וועלכע האָט זיך געשווינדט פערשפּרייט איבער דער וועלט, כאָטש עס איז אינגאַנצען פערענדערט געוואָרען און אנגע- נומען א נייעם כאַראַקטער. אינ'ם משך פון די ערשטע צעהן יאָהר נאָך קריסטוס'עס טויט, האָט די קליינע געמיינדע פון זיינע אַנהענגער זיך שטאַרק פערגרעסערט דאַדורך, וואָס עס זענען צו איהר צוגעשטאַנען פיעל עסייער אין ארץ-ישראל און אידען פון די גריכישע מדינות. די עסייער, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס געטרוימט בכלל וועגען א הימלישע מלוכה· האָבען, וואַהרשיינליך, אין ישו דערזעהען די פערווירקליכונג פון זייער ערוואַרטונג. ווי נאָר די דאָזיגע מיסטיקער האָבען זיך בעקענט מיט'ן נייען געדאַנק וועגען א ליידענדען משיח, וועלכער האָט אנשטאָט אויפצו- טרעטען אַלס בעפרייער פון קנעכטשאַפט, אליין געדאַרפט אומקומען און איבערליידען די יסורים פונ'ם טויט אויפ'ן קרייץ, זענען זיי געוואָרען וואַרימע אַנהענגער פון זיינע תלמידים און האָבען אַנגעווענדעט זייער גאַנ- צע פעהיגקייט, צו צוציהען נייע אַנהענגער. אין דער הינזיכט האָבען זיי אויך געווירקט אויף די ערשטע קריסטען, וועלכע האָבען אין זייערע תמימות'דיגער בעגייסטערונג[?] געטראַכט צו פערגרעסערען די צאָהל פון זייערע אַנהענ- גער און געהאַלטען נאָר אין איין וואַרטען, אז ישו זאָל פאַר זיי באַלד ערשיינען אין די וואָלקענס פון הימעל. נאָכדעם, ווי די עסייער זענען אָבער צו זיי צוגעשטאַנען, האָבען זיי ארויסגעשיקט שלוחים (אַפּאָסטאָלען), צו פערשפרייטען זייער אמונה, דאָס הייסט, צו דערגרייכען, אז עס זאָל זיך פערגרעסערען די צאָהל פון די, וואָס דאַרפען גלויבען, אז ישו איז געווען דער אמת'ער משיח.

כדי אָבער צו בעקומען נייע אַנהענגער, האָט מען געדאַרפט אַנווענ- דען א שטאַרקע רעדנערישע קראַפט, און די איינפאַכע גאַליליאישע פישער, פון וועלכע עס זענען בעשטאַנען די ערשטע תלמידים פון ישו, זענען ווייניגער פאַר אַלץ געווען פאַרבעריייטעט צו אַט דער טעטיגקייט. און אַט דאָ האָבען זיי געבראַכט פיעל נוצען די גריכיש-רעדענדע אידען, וואָס זענען צו זיי צוגעשטאַנען. פון סיריען, קליין - אזיען, מצרים, קירע- נאַיקאַ און פון די אינזלען קרעטא און ציפערן פלעגען קומען יעדעס יאָהר פיעל עולי-רגל קיין ירושלים און פערברענגען דאָרט א לענגערע צייט; צוזאַמען מיט טיעף-פיהלענדע און דענקענדע מענשען און טרוימער פלעגען

אבער אויך קומען אלערליי אוואנטוריסטען, וועלכע האבען תמיד גע־שטרעבט צו עטוואס נייעס, בעזונדערס, מענשען ארימע, וואס האבען נאָר דורך א פלוצלונגער פערענדערונג געהאפט פטור צו ווערען פון זייער ארימקייט. פיעל פון די דאָזיגע מענשען זענען זעהר שוואך בעקאנט געווען מיט דער תורה און די נביאים, און אט ווען מען האט פאר זיי אויסגע־טייטשט פיעל פסוקים פון תנ"ך אזוי, אז זיי זאלען אין זיי זעהען אנ'אנ־ווייזונג אויף דער נייער אמונה, האבען זיי דאס געגלויבט און אנגענומען פאר א ריכטיגע זאך. די שותפות'דיגע מאהלצייטען, וועלכע די ערשטע אידען־קריסטען האבען איבערגענומען ביי דער אידישער עסייאישער סעקטע, איז בעזונדערס שטארק געפעלען געווארען די געקומענע ארימע לייט. ווער עס האט נאר געהאט עטוואס פערמעגען מיט זיך, האט עס פערקויפט, אבגעבענדיג דאס געלד אין דער שותפות'דיגער קאסע; ווער עס האט גארנישט געהאט, האט געלעבט אהן דאגות אין דער נייער געמיינדע. די געקומענע אידען פון גריכענלאנד, וועלכע האבען פון זייערע שכנים, די גריכען, אויסגעלערנט די קונסט צו רעדען וועגען אלץ און וועגען יעדערן און צו געבען אפילו אויך א פוסטען אינהאלט א שעהנע פארם און קלאנג, האבען געגעבען דער נייער רעליגיאנס־פארם די נויטיגע שפראך. זיי זענען געווארען די פרעדיגער פון דער נייער געמיינדע און האבען זעהר גוט געטויגט אויף צו זיין שלוחים. נאר־וואס אליין צוגע־שטאנען צום נייעם גלויבען, האבען זיי שוין אנגעהויבען ארבייטען אויפ'ן צוציהען נייע חברים. עס פערשטעהט זיך, אז צווישען אט די פרעמדע אידען־קריסטען און די ערשטע אידען־קריסטען פון ארץ־ישראל איז די בעציהונג געווען נישט אמבעסטען; די ארץ־ישראל'דיגע האבען זיך בעטראכט פאר בעזונדערע מיוחסים, און אט האבען זיי גע'פועל'ט, אז מען זאל אויך פון זייער קרייז אויסקלייבען זיבען פערזאָן, וואס זאלען פערוואלטען אין טיילנעהמען אין דעם שותפות'דיגען פערמעגען און אין די מאהלצייטען. די צאהל פון די געקומענע איז אבער באלד איבערגעשטיגען די היימישע עסייער און „אביונים“ און די לעצטע זענען צווישען זיי במעט גאר פער־שוואונדען געווארען.

די העלעניסטען זענען בכלל געווען שוואכע לכדים און האבען פיעל דינים גארנישט ערפילט; ווען מען פלעגט זיי אין ירושלים איצט שטראפען דערפאר, פלעגען זיי זיך פערענטפערן דערמיט, וואס זיי זענען אנהענגער פונ'ם נייען משיח, ישו, א שטייגער, ווי ער וואלט ווען־וואס געהאלטען פון אלערליי דינים. אין ירושלים פלעגט מען זיך אבער בעציהען גאנץ ערנסט צו אלע דינים און מנהגים, און מען האט דעריבער אנגעהויבען חושד־זיין די אנהענגער פון ישו, אדער די אידען־קריסטען, אז זיי ווילען מבטל־מאכען פיעל געזעצען. אמשטארקסטען פלעגט ארויסטרעטען נעגען זיי שאול פון תרסוס, וועלכער איז געווען טיעף ערגעבען דער תורה פון די פרושים און פלעגט אבהיטען אלע דינים און מנהגים זעהר שטרענג. אלס איד, גאנס

האט געשטאמט פון א קאנט, וואו מען האט גערעדט גריכיש, האט ער זעהר גוט געקאנט אבשעצען, וואס פאר א בעדייטונג עס קאנען האבען די תירוצים פון די העלעניסטען, ווען זיי ערקלערען, דאס זיי זענען אנהענגער פון ישו און דעריבער זענען זיי נישט מחויב אבצוהיטען אלע דינים. שאול איז דעריבער געווען זייער א שטרענגער פערפאלגער. איינער פון די העלעניסטען, אדער אידען-קריסטען, סטעפאנאס, האט זיך ערלויבט אבצושפאטען פון בית-המקדש און פון דער הייליגקייט פון דער תורה. ווי עס שיינט, האט שאול איהם אנגעקלאגט און — מען קאן נישט וויסען, צי דער סנהדרין האט איהם פער'משפט, אדער דאס פאלק האט איהם אליין בעשטראפט — מען האט איהם פערשטיינערט און דער'הרג'עט. פון יענער צייט אן האט מען אנגעהויבען צו בעציהען זיך נאך מיט מעהר חשד צו די אידען-קריסטען, און ווידער איז עס געווען שאול, וועלכער פלעגט קומען צו זיי אין די הייזער און זיי אויסהערען, אנקלאגען און פאדערן, דאס מען זאל זיי שטעלען צום געריכט. די אנגעקלאגטע פלעגט מען אריינברענגען אין תפיסה. יענע פון זיי, וועלכע זענען אנערקענט געווארען פאר שולדיג אין עובר-זיין אויפ'ן געזעץ פון דער תורה, צוליעב דעם, וואס זיי זענען אנהענגער פונ'ם נייען משיח, פלעגט מען בשום-אופן נישט פער'משפט'ן צום טויט, נאר צו מלקות. אנגעשראקען דורך דער דאזיגער שטרענקייט געגען זיי, זענען די פרעמדע אידען-קריסטען אנטלאפען פון ירושלים אין די שטעדט, וואו אידען האבען גריכיש גערעדט, און דארט פלעגען זיי ווייטער זאמלען נייע חברים און אנהענגער. אבער נאר די העלעניסטען פלעגט מען אין ירושלים פערפאלגען. דאגעגען די היימישע אידען-קריסטען, וועלכע האבען נאך דאס אידישע געזעץ שטרענג אבגעהיט און הייליג געהאלטען דעם בית-המקדש, זיי האט מען גארנישט אנגערירט. זייערע דריי פארשטעהער: יעקב, ישו'ס ברודער, שמעון-פעטרוס און יוחנן, האבען געוואהנט אין ירושלים, און קיינער האט זיי נישט גע'רודפ'ט.

די ענטלאפענע אידען-קריסטען האבען דערווייל געפיהרט ווייטער זייער פראפאגאנדא. נישט האבענדיג קיין אייגען היים, האבען זיי נאר געשטרעבט צו פערשאפען זיך א קרייז פון אנהענגער און איינפיהרען אין איהם די שותפות'שאפט פון פערמעגען, כדי אזוי ארום צו קאנען לעבען אהן דאגות. צוויי שטעדט האבען זיי בעזונדערס צוגעצויגען צו זיך: אנטיאכיען און דמשק, וואו עס זענען געווען זעהר פיעל גריכיש-רעדענדע אידישע קהלות און נישט ווייניג פרויען-אנהענגערינס פון ישו; דער דאזיגער אומשטאנד איז בעזונדערס געווען פאר זיי גינסטיג. אין די דאזיגע ביידע שטעדט זענען באלד אויסגעוואקסען קהלות פון די אידען-קריסטען, וועלכע האבען בכלל געפיהרט א אידישען לעבענס-שטייגער, פלעגען דאווענען און תהלים זאגען און אבהיטען די מצוות; דערקענען האט מען זיי געקאנט אויסערליך נאר דאדורך, וואס זיי פלעגען עסען צוזאמען

און געהאט געוויסע מנהגים, ווי, למשל, נאכ'ן קידוש אויף א בעכער ווין פלעגען זיי אלע צוזאמען פון איהם טרינקען, אדער עסען צוזאמען א ביין ברויטעל, צום אנדענקען פון ישו'ס לעצטע לעבענס־שעה, געבענדיג דערביי איינער דעם אנדערען א קוש, אהן אונטערשייד סיי מאנזבילען, סיי פרויען. אייניגע פון זיי פלעגען דערביי ארויסטרעטען, ווי נביאים; אנדערע פלעגען זיך אונטערנעהמען צו קורירען חולאים דורך נפלאות און נסים, ווי ישו האט דאס געטהון. צווישען די דאזיגע אידען־קריסטען האט געהערשט אזא אויפגערעגטקייט, אז זיי האבען געמוזט פארקומען אלעמען אויסטערליש. נאך ווייניגער האבען עפעס וויכטיגעס געקאנט אויפטהון יענע אידען־קריסטען, וועלכע האבען געוואוינט אין ירושלים, ווייל זיי זענען געוועזען גאנץ פרום, ווי געוועהנליכע אידען, און אין נייעם גלויבען האבען זיי נישט געפונען קיין מעגליכקייט עפעס וואס צו בעשאפען גרויסארטיגעס. קורץ, דאס נייע קריסטענטום וואלט זיך נישט געקאנט ענטוויקלען און געהן פארווערטס, ווען עס וואלט נישט ערשינען א נייער מענש, וואס האט איהם געגעבען א נייע ריכטונג און ממילא אריינגעבראכט אין איהם אויך א ניי לעבען. דער דאזיגער מענש איז געוועזען דער קריסטען־פערפאלגער שאול פון תרסוס. אהן ישו וואלט ער זיכער נישט געקאנט אויפטהון אליין, ווייל עס האט איהם געפעהלט די געלעגענהייט דערצו; אבער נאך ווייניגער וואלט דאס קריסטענטום זיך געקאנט דערהויבען און ענטוויקלען אהן איהם.

שאול, ווי מען זאגט, א מענש פון שבט בנימין, איז געוועזען א מערקווירדיגע נאטור. שוואך און קרענקליך פון דער נאטור, האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אנ'אייזערנעם ווילען, וועלכער געהט פעסט צו זיין ציעל, נישט וועלענדיג וויסען פון קיין שום שטערונג. אין דער אידישער תורה האט ער געהאט א שוואכע ידיעה, ווי דאס רוב אויסלענדישע אידען; דעם תנ"ך האט ער געקענט איבערהויפט פון דער גריכישער איבערזעצונג. אין דער ערשטער צייט האט ער, ווי שוין דערמאהנט, ענערגיש פערפאלגט די אידען־קריסטען. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז א טייל פון זיי איז ענטלאפען קיין דמשק, האט ער זיך געלאזט געהן אהין, כדי דארט צו פערניכטען זייער געמיינדע. אבער פלוצלונג איז אין איהם פארגעקומען א שטארקע פערענדערונג. אין דמשק זענען דאמאלס געוועזען פיעל פרויען, וואס האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען, און א שטארקען איינדרוק האט געמאכט דאס, וואס די אדיאבענישע קעניגליכע משפחה האט זיך מגייר געוועזען. שאול האט, וואהרשיינליך, געזעהען, ווי די דיאבענישע קעניגין מיט די יונגע פרינצען, איהרע איינקלעך, האט געמאכט איהר טריאומף־רייזע פאר'ן יודענטום קיין ירושלים. זי איז, בלי ספק, אויף איהר רייזע דורכגעפאהרען דמשק און אויפגענומען געווארען מיט גרויס כבוד פון דער אידישער קהלה, ווי אויך דורך די גרים. אויף שאול'ן האט דאס געמוזט מאכען א טיעפען איינדרוק, און ער האט זיך געשטעלט די פראגע, צי איז

טאקי שוין נישט געקומען באמת די צייט, וועגען וועלכער דער נביא האט פאראויסגעזאגט, אז אלע פעלקער וועלען אנערקענען דעם אידישען גלויבען? ווען ער האט זיך אט די פראגע געשטעלט, האט ער געמוזט ענטפערן נאך אויף א צווייטע שאלה: אויב אפילו די געצענדינערישע פעלקער וועלען שוין יא נוטה־זיין צום יודענטום, צי וועט עס אבער מעגליך זיין אלע פעלקער צו ברענגען דערצו, אז זיי זאלען אבהיטען אלע אידישע דינים, ווי שבת און יום־טוב, כשרות, טומאה און טהרה און הערצו נאך אויך אבהיטען אלע שטרענגע דינים פון די פרושים? וועלען זיי אבער דערויף נישט איינשטימען, קאנען זיי דאך אויך נישט צושטעהן צום יודענטום. פיליי‏כט זאל מען דאס געזעץ פון די גוים'ס וועגען טיילוויז מבטל־מאכען? אבער דאס געזעץ שטאמט פון גאט, און ער האט דאך בעפוילען, אז מען זאל עס גוט היטען אינגאנצען! ווי אזוי זשע קאן מען עס דען מבטל־מאכען? ס'איז גאנץ מעגליך, אז נאכדענקענדיג וועגען אט די שווערע ספקות, האט שאול זיך דערמאהנט, וואס ער האט געהערט פון זיינע לעהרער, אז „אין משיח'ס צייטען וועלען די מצוות בטל־ווערען", וויל זיי האבען נור געדיענט אלס א מיטעל צו ערציהען דאס אידישע פאלק, ביז עס זאל מענשליך ווערען, אבער ווי באלד נאר דער משיח וועט קומען, שטעלט זיך די ערציהונג ממילא אב און די מצוות ווערען בטל. אויב אלזא משיח וואלט ערשיינען, וואלט עס מעגליך געווארען, אז די פעלקער זאלען אנערקענען דעם איינציגען גאט און די אידישע תורה. אבער אפשר איז טאקי משיח שוין געקומען און דאס איז אפשר געווען ישו? — אט דאס אונגעפעהר איז געווען דער געדאנקען־גאנג פון שאול פון תרסוס אין יענער צייט, ווען ער איז געקומען קיין דמשק, כדי דארט צו רודפ'ן די אידישע קריסטען. די רייכע פאנטאזיע האט איהם געהאלפען דורכצוקומען מיט אט די אלע ספקות. ער האט פלוצלונג אנגעהויבען פעסט צו גלויבען, אז ישו איז איהם ערשיענען. פיעל שפעטער האט ער אליין ערקלערט וועגען דער ערשיינונג, וואס זאל זיך איהם האבען בעוויזען, פאלגענדעס: „צי איז דאס טאקי געווען א פערקערפערטע ערשיינונג? איך ווייס עס נישט. איז עס פיליי‏כט געווען א אונקערפערליכע ערשיינונג? איך ווייס עס נישט, גאט אליין ווייס דאס. איך בין שיער פון זינען נישט אראב". אין דער שפעטערדיגער צייט האט מען וועגען דער ערשיינונג דערצעהלט פאלגענדעס: א ליכטיגקייט זאל האבען ארומגענומען שאול'ן אויף זיין רייזע קיין דמשק, פון וועלכער ער איז אויף דער ערד אין גרויס שרעק געפאלען, און אט דא זאל ער האבען געהערט א שטימע, וואס האט צו איהם גערופען: „שאול, שאול, פארוואס פערפאלגסטו מיך?" געבלענדעט פון דער ערשיינונג, איז ער געקומען קיין דמשק און ערשט, נאכדעם, ווי ער האט געהאט א געשפרעך מיט א אידישען קריסט, איז איהם אין די אויגען ליכטיג געווארען. אויף דער עצה פונ'ם קריסט האט ער די טבילה אנגענומען און צו דער קריסטליכער געמיינדע צוגעשטאנען.

מיט דער געוויסהייט, אז ער האט ישו געזעהען, האבען זיך פאר שאול ערקלערט מיט איין מאל אלע ספקות, וואס ער האט געהאט. ישו איז געקרייציגט געווארען, אבער ער איז ווידער ערשינען, בכן איז ער פון טויט צוריק אויפגעשטאנען. דערמיט אלזא איז פערענטפערט געווארען די פראגע וועגען תחית־המתים אין משיח'ס צייטען, דערמיט אלזא איז אויך דערוויזען געווארען, אז עס דארף זיך אנהויבען פאר דער וועלט די הימלישע מלוכה, וועגען וועלכער דניאל האט נבואה־געזאגט. פאר'ן פריהערדיגען פרושי, שאול, איז אלזא קלאר געווארען פאלגענדעס: ישו איז צוריק לעבעדיג געווארען נאכ'ן טויט, ממילא איז ער דער פאראויסגעזאגטער משיח, און די מלוכה פון הימעל, די צוקינפטיגע צייט מיט דער תחית־המתים איז אזוי נאהענט, אז טאך די מענשען, וואס לעבען ערשט אין ישו'ס דור, וועלען דערלעבען נאך דאס אליין צו זעהען מיט די אויגען. די דאזיגע אמונה האט אבער געפיהרט שאול'ן (פאול) נאך א טריט ווייטער: ווי באלד, אז משיח איז שוין ערשינען, זענען דאך בטל־געווארען אלע מצוות און די געצענדיענער קאנען אלזא אויך זוכה־זיין אנצונעהמען אברהם'ס ברכות, אפילו אויך נישט אבהיטענדיג די תורה. פאר שאול'ס גייסט, וואס האט געשטרעבט צו מעשים, איז דאס געווען דער ערשטער שטויס פארווערטס. איצט האט ער שוין אנגעהויבען גלויבען, אז נאך פון זיין מוטערס בויך איז ער דערצו בעשטימט געווארען, צו זיין א שליח (אפאסטאל) פאר די פעלקער. ביי אזעלכען פייערדיגען גייסט, ווי שאול איז געווען, איז צווישען געדאנק און טהאט נישט געווען קיין צווישענשייד. אננעהמענדיג דעם נאמען פאול, האט ער אין דמשק זיך פעראייניגט מיט די קריסטען, פאר וועלכע די זאך איז פארגעקומען, ווי אן'אמת'ער וואונדער פון הימעל, וויל שאול האט זיי פריהער געוואלדיג פערפאלגט.

אין דמשק האט זיך ישון פאול נישט געקאנט אויפהאלטען און ער איז ענטלאפען קיין אראביען, ד. ה. קיין אוראניטאס (Auranitas) וואו עס זענען אויך געווען אידישע קהלות. ערשט נאכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין דמשק, האבען די אידען־קריסטען בעקומען צו איהם מעהר צוטרוי און ער האט זיך געקאנט איבערגעבען זיין טעטיגקייט, צו בעקומען נייע אנהענגער פאר זיין גלויבען. ווען פאול האט אבער ערקלערט, אז מיט'ן ערשיינען פון ישו זענען בטל געווארען די מצוות, זענען די אידען אין דמשק שטארק אויפגערעגט געווארען געגען איהם און דער אידישער עטנארך האט איהם געוואלט ארעסטירען. זיינע חברים האבען איהם אבער ארויסגעהאלפען אין דער נויט, אראבלאזענדיג איהם אין א קארב דורך א פענסטער הינטער דער מויער פון שטאדט. אזוי ארום האט ער זיך אויסגעדרעהט פון די הענד פון יענע מענשען, וועלכע האבען מיט רעכט געהאלטען איהם פאר א צושטערער פונ'ם יודענטום. קיין ירושלים איז פאול געקומען ערשט אין דריי יאהר ארום נאך זיין אננעהמען זיין נייע אמונה, אנשטאט פריהער צו קומען און דערנעהן אליין ביי די תלמידים.

וואס האבען געקענט ישו, אלע פרטים וועגען זיין לעבען און טויט. פאול האט געשפירט גאנץ גוט, אז צווישען איהם און די גאליליישער פישער איז א גרויסער אונטערשיעד געווען, ווייל זיי זענען געטריי געווען דער אידישער תורה און ער האט זי געוואלט מבטל-מאכען; ער וואלט זיך מיט זיי אלזא נישט געקאנט צוזאמענרעדען. פאול איז געווען דורכגעדרונגען פון איין-איינציגען געדאנק: די ברכה, וועלכע גאט האט געגעבען אברהם'ן, אז ער וועט ווערען א פאטער פון פיעל פעלקער, מוז באלד מקוים ווערען; די פעלקער האבען אבער געדארפט ווערען צוגעצויגען צום איינציגען גאט פון אברהם נאר דאדורך, וואס מען וועט מבטל-מאכען די מצוות, אפילו אויך אברהם'ס מצוה. דעם אונטערשיעד צווישען אידען און גריכען, אדער געצענדיענער, ווי אויך צווישען קנעכט און פרייע האט ער געוואלט אינגאנצען מבטל-מאכען, און פעראייניגען די גאנצע וועלט אינ'ם בונד פון אברהם מיט אברהם'ס קינדער און מיט גאטס הבטחה. אט דאס איז געווען די „בשורה", וועלכע ער האט געוואלט ברענגען די פעלקער.

נאכדעם, ווי פאול האט פערבראכט א געוויסע צייט אין ירושלים, האט ער זיך געלאזט אויף דער רייזע צוזאמען מיט'ן אידען פון ציפערן, יוסף בר נבא, כדי צו מאכען נייע אנהענגער פאר זיין אמונה. אין פיעל ערטער האבען זיי געגרינדעט גריכיש-קריסטליכע געמיינדעס, בעזונדערס אין גאלאטיען, עפעזוס, פיליפי און טעסאליען, ווי אויך אין דער שטאדט קארינת. דעם דאזיגען ערפאלג אבער האט ער געהאט צו פערדאנקען דעם יודענטום, דען איבעראל, וואו ער האט פאר די געצענדיענערישע גריכען געפרעדיגט, האט ער געמוזט דערצעהלען וועגען דער בלענצענדער עפאכע פון דער אידישער געשיכטע, כדי צו קאנען קומען צו ישו און מאכען פערשטענדליך זיין ערשיינען. אויסערדעם וואלט איהם בכלל זיין טעטיגקייט וועניג-וואס געלונגען, ווען די געצענדיענער וואלטען שוין דאמאלס נישט געהאט קיין הויכען בעגריף וועגען יודענטום און וועגען זיין הויפט-געדאנק איבער אנ'איינציגען גאט. פאול האט געפונען פאר זיך דעם באדען שוין גוט דורכגעארבייט. דען פיעל גריכען האבען שוין דאמאלס נוטה-געווען צום יודענטום און נאר די שנאה צום אידישען פאלק האט זיי אבגעהאלטען פון אננעהמען די אידישע רעליגיע. נישט וועניג גריכען האבען שוין דאמאלס געהאט אנ'אמת'ן עקעל פאר די שטיינערנע געצען, ווי עס איז שוין דערמאהנט געווארען; עס האט זיי אויך געעקעלט די מיטאלאגיע מיט איהרע קינדערשע און כמעט נארישע מעשה'לעך און נאך מעהר האט זיי געעקעלט די פערגעטערונג פון די לעבעדיגע מלכים. די פערגעטערונג פונ'ם ווילדען קאליגולא איז נאך ביי אלעמען לעבעדיג געווען אין זכרון, אז מען זאל זיך דערמיט נישט שעמען. די געמיטער האבען געזוכט א נייען גאט, צו וועלכען מען זאל זיך קאנען דערהויבען, און האבען איהם צווישען די פיעל אבגעטער נישט געפונען.

און אַט איז געקומען פּאַול און האָט זיי געבראַכט אַ גאָט, אמת, אפילו, אַרומגערינגעלט מיט פיעל וואונדערליכע מעשיות און נסים ונפלאות, אָבער, מעגליך, אַז פאַר די פעלקער, וועלכע זענען געווען ערצויגען אויף דער מיטאָלאָגיע, האָט דאָס גופא געהאַט אַ בעזונדערען חן. אויך די שרעקליכע קראַנקהייט פון דער מאָראַלישער פערדערבונג, מיט וועלכע מען האָט אין גריכענלאַנד און אין דער גאַנצער רוימישער מלוכה גאָר אויפגעהערט צו שעמען זיך, וויל נירון-קייזער האָט זי אַרויפגעבראַכט מיט זיך אויפ'ן טהראָן, אויך דאָס האָט ערלייכטערט פּאַול'ן די אויפגאַבע צו פערשפרייטען די אידישע לעהרע וועגען דער צניעות און דעם איינציגען אידישען גאָט. וואָס דער אידישער גייסט האָט פערזייהט אין אַלעקסאַנדריען — די גאַנצע אידיש-העלעניסטישע ליטעראַטור, די סיבילינישע לידער, דער ספר „חכמת שלמה“, פילאָ'ס טעאָלאָגישע ווערק, מיט איין וואָרט: די אַלע שריפטען, וועלכע האָבען ענטדעקט די שענדליכקייט פון דער געצענדיענערייי אין דער גריכישער שפראַך און דערהויבען די מאָראַל און די איינציגע גאָטהייט — דאָס אַלץ האָט אויסגעגלייכט דעם שווערען וועג פאַר פּאַול'ן; ער האָט אפילו אויך דירעקט דאָס אַלץ אויסגענוצט אין זיינע פּרעדיגטען פאַר זיינע צוהערער, אַנווענדענדיג אויסדריקען און משלים, וועלכע פלעגען זעהר אָפט דאָרט געברויכט ווערען.

ווי געזאָגט, האָט פּאַול געפונען פאַר נויטיג מבטל-צו-מאַכען די רעליגיעזע געזעצען, כדי מעגליך צו מאַכען פאַר די פרעמדע פעלקער די אנערקענונג פונ'ם איינציגען גאָט. ביסלעכווייז איז פּאַול אַוועקגעגאַנגען אַזוי וויט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגעשיידעט פון יודענטום, ערקלערענדיג, אַז דוקא דאָס געזעץ פיהרט צו דעם פערברעכען און דאָרט, וואו עס איז נישטאָ קיין תורה, איז גאָר קיין פערברעכען נישטאָ. „ווען די תורה וואָלט נישט געשריבען „לא תחמוד“—„דו זאָלסט נישט געלוסטען“, וואָלט דער מענש גאָרנישט געגלוסטעט. אין דער דאָזיגער ריכטונג האָט פּאַול אויפגעשטעלט אַ גאַנצע טעאָלאָגיע, וועלכע איז, לויט איהר גאַנצען וועזען, דער הפך פון דער אידישער תורה.

צי האָבען דען די אידען געקאָנט געדולדיג און קאַלטבלוטיג אויסהערען, ווי מען זאָגט-אַרויס אַזוי שאַרף אַ פעראַכטונג פאַר זייער תורה, פאַר וועלכער זיי זענען נאָך דאַ ערשט אין קאַליגולאַ'ס רעגירונג געווען גרייט זיך מוסר-נפש צו זיין? עס איז בכלל קיין וואונדער נישט, ווען אידען זענען אַרויסגעטראָטען דאָרט, וואו זיי האָבען נאָר די מאַכט געהאַט, געגען יענע, וועלכע פעראַכטען זייער געזעץ. מיט פּאַול'ן אָבער זענען זיי זיך בעגאַנגען גאַנץ וויך: פיעל מאָל איז ער אין זייערע הענד אַריינגעפאַלען און זיי האָבען איהם געקאָנט בעשטראָפען מיט'ן טויט, אָבער זיי האָבען זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען איהם געשלאָגען מלקות. „פינף מאָל — דערצעהלט פּאַול — האָבען זיי מיר געשלאָגען מלקות ניין און דרייסיג שמיץ“.

געגען דער לעהרע פון פאול זענען ארויסגעטראטען אי אידען, אי נישט־אידען. איינער פון די גריכיש־רעדענדע אידען האט אנגעשריבען „דאס פירטע בוך פון די מכביער“, וואו עס ווערט אנגעוויזען, אז די מצוות זענען דורכאויס נויטיג, ווייל די טהאט ערציהט די מענשען בעסער, ווי דער געדאנק. צווישען די קריסטען גופא זענען ארויסגעטראטען געגען פאול'ן איינינגע פון זיינע חברים, די אפאסטאלען. אזוי, למשל, האט דער אפאסטאל פעטרוס, וועלכער האט זיך געווענדעט מיט זיין לעהרע נאר צו אידען, געלערנט גאר אנ'אנדער קריסטענטום, ווי פאול; אנדערע אפאסטאלען, וועלכע האבען זיך געווענדעט צו די געצענדיענער, האבען אויך געלערנט נישט אזוי ווי פאול. פאול האט נישט פיעל געהאלטען פון דער טבילה, ווייל דאס איז דאך שוין א געזעץ און ער איז געווען געגען די געזעצען. די אידען־קריסטען האבען דערזעהען מיט אימה, וואוהין פאול פיהרט זיי. אין עפעזוס און קארינת האבען די קריסטליכע געמיינדעס, וועלכע פאול האט געגרינדעט, צוזאמען מיט געזעץ אויך פערגעסען יעדע בושה, דען ביי זיי האבען זיך אנגעהויבען די זעלביגע פערברעכען און ניאוף, ווי ביי די רוימער; איינער האט געלעבט מיט זיין פאטערס ווייב, א צווייטער — מיט א מאנזביל און אזוי ווייטער. די אידען־קריסטליכע אפאסטאלען האבען דעריבער ערקלערט פאול'ס לעהרע פאר פאלש און געפאדערט, אז די אידישע תורה זאל זיין אויך פערפפליכטענד פאר די קריסטען, ווייל דורך דאס געזעץ האלט מען איין די ווילדע תאוות. א בעזונדערס שטארקער קאמפף איז אויסגעוואקסען צוליעב מילה. אין דער ערשטער צייט האט פאול אליין געהאלטען דאס מל זיין זיך פאר פערפפליכטענד פאר יענע געצענדיענער, וועלכע נעהמען־אן דאס קריסטענטום; ווען אבער עס איז איהם געלונגען צו גרינדען פיעל קריסטליכע געמיינדעס פון נישט־אידען, האט ער זיך בעפרייט אינגאנצען פון די ירושלים'ער אידען־קריסטען און מבטל־געמאכט די מילה. אין אנטיאכיען איז עס דאמאלס געקומען צו א העפטיגען שטרייט צווישען פאול'ן און א אידיש־קריסטליכען אפאסטאל. פעטרוס, וועלכער האט ביז דאמאלס געגעסען מאכלות אסורות צוזאמען מיט די נישט־אידישע קריסטען, האט איצט בעקומען אנ'אזהרה פון אפאסטאל יעקב, אז דאס קאן נישט פיהרען צום גוטען, און פעטרוס איז אויך שארף ארויסגעטראטען געגען פאול'ן. עס האבען זיך אנגעהויבען גרויסע מחלוקת. אידען־קריסטען און געוועזענע געצענדיענער־קריסטען האבען זיך געשטעלט, ווי פיינד, איינע געגען די אנדערע. די האסען־שנאה האט מיטגעווירקט צו פערשטארקען די מחלוקת. דאס אלין האט אריינגעבראכט פאול'ן אין אזא צארן, אז ער איז שארף ארויסגעטראטען געגען די אידישע קריסטען, געגען די „זיילען פון דער ירושלים'ער מוטער־געמיינדע“, און האט אנגערופען יענע אפאסטאלען, וועלכע האבען זיך געהאלטען פעסט ביי דער תורה, „פאלשע ברידער“. דען זיי פאלשעווען דעם עוואנגעליום און זוכען נאר זייער נוצען, אבער

ניט ישו. אָבער די אַפּאָסטאָלען, וועלכע האָבען די תּורה פֿערטיידיגט, האָבען איהם אויך ניט געשוינט, און ערקלערט, אַז „ווער עס איז מבטל דאָס גרינגסטע געזעץ און לערנט אויך אַזוי די מענשען, יענער איז דער קלענסטער אין דער הימלישער מלוכה". די אידען־קריסטען זענען געבליבען שטעהן אויפ'ן באָדען פֿון יודענטום, זיי האָבען הייליג געהאַלטען ירושלים און דאָס זעלבע אויך געפֿאָדערט פֿון די פֿרעמדע, ניט־אידישע קריסטען. זיי האָבען נאָך אַלץ געוואַרט, אַז משיח זאָל ווידער ערשיינען. די ניט־אידישע קריסטען דאַגעגען האָבען זיך דערווייטערט אַלץ מעהר און מעהר פֿון יודענטום און זיך בעצויגען צו איהם העכסט־פֿיינדליך.

פֿון פּאַול'ן האָבען אין יענער צייט זיך אָבגעשיידעט די אַפּאָסטאָלען פּעטרוס, יעקב און יוחנן, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די אידישע קריסטען. אויך דער גריכיש־רעדענדער בר נבא האָט זיך אָבגעשיידעט פֿון אַפּאָסטאָל פּאַול, וועלכער איז געווען אַזוי שטרענג, אַז ער האָט אַריינגעלעגט אין חרם יעדען, וועלכער עס וועט לערנען דעם עוואַנגעליום ניט אַזוי, ווי ער, פּאַול, פֿערשטעהט. די שפּאַלטונג צווישען ביידע קריסטליכע פּאַרטייען (Schisma) האָט זיך דאַמאָלס זעהר פֿער־שטערקט.